STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09855

GEZAMLTE SHRIFTN

Franz Kursky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראַנץ
קורסקי

געזאַמלטע שריפטן

175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק

1952

FRANZ KURSKY

SELECTED ESSAYS

אַרויסגעגעבן פון
פראַנץ קורסקי־בוך־קאָמיטעט,
מיט דער אונטערשטיצונג פון
פראַנק אַטראַן און פנחס קאַרל

שער־בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

Published by
"DER WECKER"
175 East Broadway,
New York 2, N. Y.

Printed by
Futuro Press, 476 Broadway, N. Y.

200

אינהאַלט:

זייט

פראַנץ קורסקי — דער מענטש, חבר און סאָציאַליסטישער דענקער

אברהם מענעס:

דער לעבנס־וועג פון פראַנץ קורסקי — — — — — — — — 1

צביון:

מיין פריינט און חבר פראַנץ קורסקי — — — — — — — 33

פון פראַנץ קורסקי'ס ליטעראַרישער ירושה

I. ערב „בונד"

דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — — — — — — — — — — — — — 43

די זשענעווער „גרופּע סאָציאַליסטן־אידן" און איר אויפרוף (1880) 51

פון אַ גרופּע סאָציאַליסטן־אידן (אויסצוגן פון דעם זשענעווער אויפרוף) — — — — — — — — — — — — — 63

II. פון פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך צו דער פּאַרטיי פון אידישן אַרבעטער־קלאַס

אַרקאַדי און זיין תקופה — — — — — — — — — — — 71

דזשאָן מילל. — בונדישע צוזאַמענפאָרן. — די הונגער־יאָרן אין רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — — 100

ווער זיינען געווען די גרינדער פון „בונד"? — — — — 127

וועגן גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד — — — — — — 133

III. „בונד"; אָרגאַניזאַציע; אונטערערדישע אַרבעט; פּאַרטיי־גרופּעס אין אויסלאַנד

גנח — — — — — — — — — — — — — — — — 141

„פּע" און טשע" — — — — — — — — — — — — — 160

די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" — — — — — 202

די „צוקונפט" אין אונטערערדישן רוסלאַנד — — — — — 250

דער „בונד" און די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע 260

IV. געשטאַלטן

הירש לעקערט — — — — — — — — — — — — — 271

עדואַרד בערנשטיין — — — — — — — — — — — 282

א. ליעסין — — — — — — — — — — — — — — 323

דער אַלטער וולאַדעק — 342
צביון — 349
דוד מיצשניק („טשעך") — 362
זשעניע הורוויטש — 373
ב. ווירגילי־כהן — 379
מאַיסיי גורעוויטש — 382
אלחנן סאַלאַנטער — 396

קורסקי־ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין — 407
זוכצעטל פון נעמען — 414

פאָטאָגראַפיעס און פאַקסימילעס

פראַנץ קורסקי — צווישן VI—VII
פראַנץ קורסקי מיט זיין פרוי און טאָכטער אין 1922 ; פאַניע סוראַוויטש, קורסקי׳ס פרוי ; לינאַ — קורסקי׳ס טאָכטער — צווישן 32—33
די ערשטע זייט פון „האמת" — 45
„פנקס אגדת הסציאליסתים העברים בלונדון" — 52
סטאַטוטן פון דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַראיין אין לאָנדאָן — 53
"От группы социалистов—Евреев" — 61
מאַנדאַטן פון די אידישע ס. ד.־גרופּעס אין רוסלאַנד צום אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין 1896 — 78
אַרקאַדי קרעמער — פּאַטי קרעמער — גרינדונגסהויז פון „בונד" (איין זייט), דזשאַן מילל (צווייטע זייט) — צווישן 96—97
ערשטער נומער פון „אַרבייטער־בלעטל", 1897 — 102
נח (איין זייט), קאָסאָווסקי און מעדעם (צווייטע זייט) — צווישן 160—161
„פּאָגראָם אָדער געגען־רעוואָלוציאָן ?" — בונדישע פּראָקלאַמאַציע פון מאַי 1905 — 152—153
נומער 2 פון „דער פרייהייטס־גלאָק", אַפּריל, 1902 — 191
„מאַסען־העלדען און העלדישע מאַסען" — בונדישע פּראָקלאַמאַציע פון אַפּריל 1905 — 198
„לעצטע נאַכריכטען" — סעפּטעמבער, 1901 — 233
"Последния Известия" — סעפּטעמבער, 1901 — 234
„צו אַלע מיטפילענדע" — בונדישע פּראָקלאַמאַציע פון אַפּריל 1903 — 236
הירש לעקערט (איין זייט), רעפּאָרט פון פּראָקוראָר (צווייטע זייט) — צווישן 270־271
עדואַרד בערנשטיין (איין זייט),
קאַרל קאַוטסקי (צווייטע זייט) — צווישן 288—289
א. ליעסין (איין זייט),
ב. וולאַדעק (צווייטע זייט) — צווישן 320—321
צביון (איין זייט),
דוד מיצשניק, מאַיסיי גורעוויטש, ווירגילי־כהן (צווייטע זייט) — צווישן 384—385

פראַנץ קורסקי (1950־1874)

פראַנץ קורסקי — דער מענטש,
חבר און סאָציאַליסטישער
דענקער

אברהם מענעס:

דער לעבנסוועג פון פראַנץ קורסקי

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך פון לכתחילה אָן אויסגעצייכנט מיט איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער סיי אידעאָלאָגיש און סיי אָרגאַניזאַטאָריש. עס וועט אפשר אַפילו ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער אידישער סאָציאַליסט פון ליטע, רוסלאַנד און פוילן איז געווען אַ יחיד במינו. און דאָס איז אין תוך ניט קיין וואונדער, וואָרעם סיי די אידישע אַרבעטער און סיי די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָבן הינטער זיך געהאַט גאָר אַן אַנדער גייסטיקע ירושה ווי זייערע ניט־אידישע חברים לדעה.

דער סימן מובהק פון אידישן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איז שוין אין דער פּיאָנערן־תקופה געווען — די נאָענטע פאַרבינדונג פון סאָציאַליסטישן אידעאַל מיט די פּראַקטישע פאָדערונגען פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קאַסעס, פאַראיינען, שטרייקן א. אַז. וו. די פּיאָנערן און גרינדער פון „בונד" האָבן אין דעם באַשיידנסטן פּרואוו פון די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן געזען אַן אתחלתא דגאולה, אַן אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג פון דעם גרויסן סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיט דעם דערקלערן זיך די אויסערגעוויינטלעכע דערגרייכונגען פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין צאַרישן רוסלאַנד אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג; דערפון נעמט זיך אויך, וואָס מען האָט דעם „בונד" זייער אָפט פאַרגעוואָרפן סיי זיין פּראַקטיש־קייט און סיי זיין פּרינציפּיעלע עקשנות. די פירער און טוער פון „בונד" האָבן קיין מאָל ניט געוואָלט און ניט געקענט מסכים זיין אָפּצוטיילן די סאָציאַליסטישע אידעע פון דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק.

די פּיאָנערן פון „בונד" האָבן אויף אַ מערקווירדיקן אופן פאַראייניקט דעם לויטערסטן אידעאַליזם מיט אַ וואונדערלעכן חוש

פאַר פּראַקטישער אַרבעט. די וויכטיקסטע ראָלע האָט אין דעם פּרט געשפּילט די ווילנער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אומלעגאַלער סאָציאַליס־טישער אַרבעט אין ווילנע און אין דער סביבה אין די נײַנציקער יאָרן. צופעליקע קרײַזלעך פון אידישע סאָציאַליסטן זײַנען שוין אויך געווען פריער אין ווילנע גופא און אין אַ רײ אַנדערע שטעט פון צאַרישן רוסלאַנד. אַ אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פולן זין איז, אָבער, ערשט געשאַפן געוואָרן דורך דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, וועלכע האָט געציילט צווישן אירע מיטגלי־דער אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָ־סאָווסקי, דזשאָן מילל, י. אײַזנשטאַט א. אַנד. באַקענט מען זיך נאָענטער מיט דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן קרײַז פּיאָנערן, זעט מען, אַז שוין פון אָנהויב אָן האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דער גרויסער וויכטיקייט פון זייער אַרבעט און פון זייער היסטאָרישער מיסיע. די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״ אָרגאַניזירט סאָציאַליסטישע גרופּעס אין אַ רײ שטעט אין אידישן תחום: אין וואַרשע, מינסק, סמאָרגאָן, ביאַליסטאָק, אינם בערשטער־ראַיאָן, אָדעס א. אז. וו. די ווילנער טוער האָבן אַחוץ דעם זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ רײ רעוואָלוציאָנערע גרופּעס אין די גרעסערע רוסישע צענטערס, ווי קיעוו, מאָסקווע און פּעטער־בורג, כדי צוצוגרייטן די גרינדונג פון אַן אײנהייטלעכער סאָ־ציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר גאַנץ רוסלאַנד. שוין אין דער ערשטער העלפט נײַנציקער יאָרן האָט די „גרופּע אידישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן״ זיך געפילט באַרופן צו נעמען אויף זיך די אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין גאַנצן אידישן ראַיאָן און זי האָט די דאָזיקע שווערע און אחריות׳פולע אויפגאַבע אויך דורכגעפירט אויפן אידעאַלסטן אופן.

און עס איז אין העכסטן גראַד מערקווירדיק, וואָס הגם די גרופּע ווי אַ גאַנצע האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט איר ברייטן פאַרנעם אין אירע מוטיקע פּאָליטישע אַמביציעס, זײַנען די אײנצעל־נע טוער ווי יחידים געווען כמעט אין גאַנצן פרײַ פון פּערזענ־לעכע אַמביציעס. ווער עס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און שפּאַלטונגען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אין פּאָליטישן לעבן בכלל, ווייס וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלע ראָלע עס האָבן דערביי אָפט

געשפּילט ריין פּערזענלעכע פאַקטאָרן. אויך פּאָליטישע טוער און פירער זיינען ניט מער ווי מענטשן און דער יצר הרע פון כבוד, מאַכט און אָנערקענונג איז דאָך דווקא ביים פירער אפשט גרעסער ווי ביי אַ פּשוט'ן בשר ודם.

איז דעריבער אַזוי וויכטיק צו פאַרצייכענען, ביז צו וואָס פאַר אַ מדרגה די פּיאָנערן פון „בונד" האָבן זיך באַוויזן צו באַפרייען פון פּערזענלעכע פּניות און אפילו פון אין גאַנצן באַרעכטיקטע פּערזענלעכע אינטערעסן. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין יענער תקופה איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, אין דער זעל־טענער צייט, אָבער, האָט זי ניט געקענט געבן קיין שום מאַטעריע־לע באַפרידיקונג. ביי די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען פון דער אַרבעט איז אויך ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט פאַר דער פאַרטיילונג פון כיבודים און עליות. די פירער און טוער פון דער באַוועגונג האָבן זיך געמוזט אויסצייכענען מיט דער גרעסטער באַ־שיידנקייט, זיך קיינעם ניט וואַרפן אין די אויגן. עס איז געווען אַ הייליקע און שטילע אַרבעט פון למד־וואָווניקעס, און די גרעסטע מעלה פון אַ פירער אין יענער צייט איז געווען — ניט די קונסט פון ריידן, נאָר די קונסט פון שווייגן.

עס איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס צווישן די פּיאָנערן פון „בונד" האָט זיך קיינער ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונ־דערן רעדנער־טאַלאַנט. די גרויסע רעדנער אין „בונד" האָבן גע־הערט צום צווייטן און, דער עיקר, צום דריטן דור. געווען צווישן די פּיאָנערן באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן. מענטשן מיט אַ גרויסן וויסן און אַן אָריגינעלן צוגאַנג צו סאָציאַליסטישע און אידישע פּראָבלעמען, אָבער קיין רעדנער זיינען זיי ניט געווען. און עס איז זיי מחמת דעם אפשט געווען זייער שווער זיך צוצופּאַסן צו די באַ־דינגונגען פון פּאָליטישער מאַסן־אַרבעט, ווי דאָס איז געוואָרן נויטיק אין די יאָרן 1905 און 1906.

עס האָט זיך געפאָדערט אַן אויסערגעוויינטלעכער מאָראַלישער כוח אין דעם פרי־פּעריאָד פון אידישן סאָציאַליזם צו בלייבן במשך פון יאָרן ביי דער אַרבעט, ביי דער אַזוי שטילער און געפערלעכער אַרבעט. דערפאַר האָבן זיך די פּיאָנערן פון „בונד" כמעט אַלע אויס־געצייכנט מיט זייער באַשיידנקייט, מיט זייער עקשנות'דיקער איבער־געגעבנקייט צום סאָציאַליזם און מיט זייער אומפעאיקייט צו קאַמ־פּראָמיסן, ווי דאָס פאָדערט זיך אפשט אין פּאָליטישן לעבן.

די פיאָנערן פון „בונד" האָבן זיך קיין מאָל ניט באַטראַכט ווי פירער, זיי האָבן תמיד אויף זיך געקוקט ווי אויף פשוט'ע דינער פון דער באַוועגונג. זיי האָבן מחמת דעם קיין מאָל פון קיינעם גאָר ניט פאַרלאַנגט, הגם זיי האָבן תמיד פון זיך אַליין אַן אַ שיעור גע־פאָדערט. צווישן אָט דער גרופּע פון פּיאָנערן און בויער האָט גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַרנומען שמואל קאהן, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין דער באַוועגונג אונטערן נאָמען פראַנץ קורסקי.

* * *

פראַנץ קורסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1874, אין בויסק, אין אַ לומדיש בעל הבתישער משפּחה. דער יונגער שמואל קאהן, ווי ער האָט געהייסן אין דער היים, האָט באַקומען אַ גוטע אידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. ער האָט שוין אין זיין יוגנט זיך אויסגע־צייכנט מיט לפי ערך באַדייטנדיקע שפּראַך־קענטענישן און איז גע־ווען אַ גוטער קענער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. פּאַראַלעל מיט דעם האָט פראַנץ קורסקי קיין מאָל ניט פאַרלאָרן דעם אינטע־רעס פאַר אידישע פּראָבלעמען און איז געווען אַ פלייסיקער לייענער פון דער השכלה־ליטעראַטור און דער השכלה־פּובליציסטיק פון יענער צייט. ער האָט אַזוי אַרום אין דעם אַנטשיידנדיקן יוגנטלעכן עלטער אויסגעמיטן דעם שאַרפן קאָנפליקט צווישן „אידישקייט" און „מענ־טשלעכקייט", וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אי־דישער יוגנט פון זיין דור.

אין עלטער פון 18 יאָר איז פראַנץ קורסקי אַוועק קיין פּוילן. האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין וואַרשע, וואו ער האָט זיך דערנענטערט צו די אידישע און פּוילישע סאָציאַליסטישע קרייזלעך. אין 1895 זיך באַפריינדעט מיט י. ל. פּרץ און דעם קרייז יונגע אידישע סאָציאַליסטן אַרום די „יום־טוב־בלעטלעך". אַ פּאָר יאָר שפּעטער צוגעשטאַנען צום „בונד".

פון איצט אָן איז דער לעבנסוועג פון פראַנץ קורסקי געווען אָנגעצייכנט. צוויי און פופציק יאָר איז פראַנץ געווען אין „בונד" און מיטן „בונד". אין לויף פון דער צייט האָט ער אָפּט אויסגעפירט די פאַרשיידנסטע שליחותן פאַר דער באַוועגונג, אָבער תמיד איז זיין פּלאַץ אין דער פּאַרטיי געווען גאָר אַ באַזונדערער.

כדי צו פאַרשטיין די פּערזענלעכקייט פון פראַנץ קורסקי איז

נויטיק זיך אַ ביסל צו באַקענען מיט זיין נאָענטערער סביבה און מיט די טראַדיציעס, וואָס האָבן געהערשט אין זיין פאַמיליע. ער אַליין האָט אַפילו מיט זיינע נאָענטסטע פריינט כמעט קיין מאָל ניט גע־רעדט וועגן זיין משפחה אָדער בכלל וועגן פערזענלעכע ענינים. צום גליק האָט אונז קורסקי אויף אַן אומדירעקטן אופן געגעבן איי־ניקע זייער וויכטיקע און ווערטפולע אינפאָרמאַציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין ביאָגראַפיע.

אין אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „אונזער צייט" (אין יוני, 1945), אונטערן טיטל „אַן אומבאַקאַנטער קאַפּיטל פון אַמאַליקן רוסלאַנד", האָט קורסקי באַשריבן די מערקווירדיקע פּער־זענלעכקייט פון אלחנן סאַלאַנטער (אלחנן כהן), דעם זיידן פון מאיסיי גורעוויטש, וואָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טוער פון „בונד" אין צאַרישן רוסלאַנד. פון וואַנען האָט זיך גענומען — פרעגט דאָ קורסקי — דער רעוואָלוציאָנערער „באַציל", וואָס האָט דעם יונגן גורעוויטש געשטויסן צום סאָציאַליזם? און ער ענטפערט: „דער רעוואָלוציאָנערער באַציל איז צו אים געקומען . . . פון אַ לע־גענדע וועגן אַ זיידן (פון דער מוטערס צד), אַ מערקווירדיקן מענטשן, אַ למדן מיט אַ גרויסער אַלגעמיינער בילדונג, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג אַרום 1840, כדי דאָרטן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימען קרייז מענטשן, אויסצוקעמפן פאַר זיי „פּראַוועס". ווען גורעוויטש איז געווען אַ קינד, האָט ער זיך אָנגעהערט אַן אַ שיעור געשיכטעס וועגן דעם זיידן, וועלכער איז פון די עלטערן און קרובים באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הייליקער, וועגן זיין סכנות'פולער אַרבעט פאַרן אי־דישן פאָלק, וועגן זיינע פאַרבינדונגען אין די העכסטע פּעטערבורגער רעגירונגס־קרייזן, וואו ער האָט געהאַט מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן, ווער פאַר געלט, ווער דורך פּראָטעקציע פון ליבעראַלע עלעמענטן.

און אַזוי ווי יענע לעגענדעס האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע וויר־קונג ניט נאָר אויף גורעוויטש'ן און זיין יינגערן ברודער . . . , נאָר אויך אויף די קינדער און יוגנטלעכע פון אַ קרייז פון אַ צענדליק קרובה'שע פאַמיליעס, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסע צאָל טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציע און אין דער אַר־בעטער־באַוועגונג, איז ניט איבעריק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן. . . "

אָט דער לעגענדאַרער זיידע פון מאיסיי גורעוויטש, ר' אלחנן כהן, איז אויך געווען דער זיידע פון פראַנץ קורסקי (שמואל קאהן).

און עס איז געווען דער זעלביקער „באַציל״, וואָס האָט געפירט דעם יונגן קורסקי צום סאָציאַליזם.

אייניקע וויכטיקע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן זיין זיידן האָט קורסקי אויך געבראַכט אין אַן אַרטיקל אין „צוקונפט״ (1922), אונטערן טיטל „פאַרגעסענע נעמען״.

אין דעם אַרטיקל איז דאָ אַ קאַפּיטל וועגן איסאי סאַאולאָוויטש גורעוויטש (סאָניאַ), אַ ברודער פון מאַיסיי גורעוויטש, „אַ העראָאישע פיגור אין בונדישן זעלבסטשוץ . . . טראַגיש אומגעקומען אין סיביר״. און קורסקי שטעלט זיך אויך דאָ אָפּ באַזונדערס אויף דער געשטאַלט פון דעם זיידן, ר׳ אלחנן סאלאנטער.

„ר׳ חנא סאַלאַנטער איז געווען אַ אידישער כלל־טוער אין פּע־טערבורג . . . ער איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון ר׳ ישראל סאלאנטער. ר׳ חנא סאלאנטער האָט געלעבט אין פּעטערבורג אַליין, זיין פרוי מיט די קינדער — פיר זין און צוויי טעכטער — האָבן געלעבט אין סאלאנט, און דער דערציער פון די עלטערע דריי זין איז געווען ר׳ ישראל סאלאנטער . . . ענדע פון די פופציקער יאָרן האָט ר׳ חנא סאלאנטער געקויפט — אָדער געלאָזט אויפבויען — אין קאָוונע אַ הויז, אַריבערגעבראַכט אַהין פון סאלאַנט די עלטערע דריי זין . . . זיי באַזעצט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אין איי־גענעם הויז, און זיי אין גאַנצן אָפּגעגעבן אונטער דער השגחה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער. אונטער זיין השגחה זיינען זיי געבליבן ביז צו זייערע חתונות . . . און אונטער זיין איינפלוס האָבן זיי אָפּגעלעבט זייער גאַנץ לעבן ; אין אַ טיפן רעליגיעזן געפיל, מיט אַ ברענענדער ליבע צום אידישן פאָלק . . .״

ווייטער גיט אונז קורסקי אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין זיידן דעם כלל־טוער און קעמפער פאַר אידישע רעכט :

„25 יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געווען אַ קעמפער פאַר אָפּשאַפן גזרות און צרות אויף אידן. דאָס איז געווען אַ פאַנאַטישער פרומער איד, וואָס איז געזעסן אויך אין פּעטערבורג שטענדיק איבער דער גמרא, אָבער מיט דעם מוט פון אַן אמת׳ן רעוואָלוציאָנער . . . דער קליינשטעטלדיקער איד ר׳ חנא סאלאנטער מיט זיין שלעכטן רוסיש פלעגט אָפטמאָל זיך דערשלאָגן אַן אוידיענץ ביי גאַנץ גרויסע אדונים . . . און זיך אַמפּערן מיט זיי. אייניקע מאָל איז ער קעגן זיי אַזוי אומגעווײנטלעך שאַרף אויפגע־טראָטן, אַז די אַרומיקע האָבן געקוקט דערויף, ווי אויף אַן אמת׳ער מסירת נפש . . . געשטאָרבן איז ער אין 1879 אין ווילנע, וואוהין מען

האָט אים געבראַכט טויט קראַנק פון פּעטערבורג. אויפן ווילנער בית עולם איז געשטעלט געוואָרן אויף זיין קבר אַ מצבה, צו וועלכער קלמן שולמאַן האָט געשריבן דעם נוסח. דאָס איז געווען אַ געשטאַלט, אַרום וועלכער עס האָט זיך צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד געוועבט אַ לעגענדע פון מסירת נפש פאַר אידישע אינטערעסן און פון אַ שטאָלצן, אמת רעוואָלוציאָנערן מוט."

וועגן קורסקי'ס יוגנט־יאָרן, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין בויסק, האָבן מיר, ליידער, זייער ווייניק ידיעות. פון 1893 ביז 1899 האָט ער פאַרבראַכט אין וואַרשע, טיילווייז אויך אין לאָדזש. סוף ניינציקער יאָרן געווען אַקטיוו אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין 1899 זיך אָנגעשלאָסן אין „בונד". אין דעם וואַרשעווער פּעריאָד האָט ער זיך פאַרזענלעך נאָענטער באַקענט מיט אַ רייע פירער פון דער פּ. ס. ד., מיט וועמען ער איז געבליבן באַפריינדעט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

אייניקע פּרטים וועגן דער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין פּוילן, געפינען מיר אין זיין אַרטיקל „מיט 40 יאָר צוריק" („צוקונפט", מערץ, 1936).

„געווען איז דאָס אַרום 1895. געלעבט האָב איך דאַן אין וואַרשע. דאָס, וואָס מען רופט אַ „טוער" אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, בין איך נאָך דאַן ניט געווען. עס האָט מיך מעכטיק געצויגן אַהין, אָבער קיין ריכטיקע פאַרבינדונגען מיט די, וואָס האָבן אויף אַן אמת'ן געאַרבעט, האָב איך ניט געהאַט. פון צייט צו צייט פלעגט אַריינפאַלן אין מיינע הענט אַן אומלעגאַלע פּוילישע אָדער רוסישע אויסגאַבע — יעדער מאָל איז דאָס געווען אַ גאַנצער יום טוב . . . די ווערטפולסטע פון יענע אויסגאַבעס איז פאַר מיר געווען די „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ", מיט אַרטיקלען פון ראָזע לוקסעמבורג . . . .

. . . צו יענער צייט האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיט אַ גרופּע ליטוואַקעס פון דער צאָן־דאָקטאָר־שול אויף דער קרולעווסקי גאַס . . . געווען דאָרטן אַ סך פּוסטע פּראַנטן און פראַנטיכעס; די איינציקע, מיט וועמען ס'האָט געהאַט אַ זין זיך נאָענטער צו באַקענען, זיינען געווען ווילנער און מאָסקווער . . . "

צווישן אָט די ווילנער און מאָסקווער זיינען אויך געווען אייניקע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות, אָדער זיינען יעדנפאַלס געשטאַנען נאָענט, צו די פּיאָנערן־קרייזן פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן". אין דער זעלביקער צייט האָט זיך פראַנץ אויך נאָענטער פאַרבונדן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַ־

ווענונג. דאָס איז, אָבער, געווען ניט די נאַציאָנאַליסטישע פּ. פּ. ס., נאָר די מער אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּ. ס. ד.. סאָציאַליזם איז פאַר קורסקי׳ן געווען אַ סך מער ווי בלויז אַ פּאָליטישע פּראָגראַם. אין דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג האָט דער אייניקל פון אלחנן סאַלאַנטער געפונען זיין נייעם גלויבן. אין סאָציאַליזם האָט קורסקי געזוכט אַן ענטפער סיי אויף די אַלגעמיין מענטשלעכע און סיי אויף די באַזונדערע אידישע פּראָב־לעמען און אויף דעם אופן האָט ער אין גאַנג פון זיינע זוכענישן ענדלעך געפונען דעם וועג צום „בונד״.

* * *

זיין ריכטיקן פּלאַץ אין דער באַוועגונג האָט קורסקי ערשט געפו־נען, ווען ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד. אָנהויב 1900 באַזעצט ער זיך אין בערלין, דעמאָלט דער וויכטיקסטער צענטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּע. אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן באַגעגענען מיר די קורצע באַמערקונג: „אין די יאָרן 1900 ביז 1902 שטודירט אין אויסלאַנד נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און געשיכטע, גלייכצייטיק גע־נומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער אויסלענדישער אַרבעט פון „בונד״.

צוליב אַ גאַנצער רייע סיבות איז בערלין דעמאָלט געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַרבינדונגס־פּונקט פון „בונד״ אין אויסלאַנד. קודם כל האָט דאָ נאַטירלעך געשפּילט אַ ראָלע די געאָגראַפישע לאַגע. ניט ווײ־ניקער וויכטיק איז געווען דער פאַקט, וואָס סוף די ניינציקער יאָרן האָט זיך אין בערלין געבילדעט אַ בונדישע גרופּע, וועלכע האָט אין איר באַשטאַנד געציילט אַזעלכע אָנגעזעענע טוער מיט אַ פּאַרטייאישן „סטאַזש״ ווי מאָיסיי גורעוויטש, אברהם קיסין, רחמיאל א. אַנד. אין בערלין פלעגט אויך פון צייט צו צייט קומען דזשאָן מילל און — אחרון אחרון חביב — בערלין האָט דעמאָלט באַזאָרגט דעם טראַנספּאָרט פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור קיין רוסלאַנד און פוילן.

די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון טראַנספּאָרט איז געלעגן אין די הענט פון דזשאָן מילל. נאָך קורסקי׳ס אָנקומען קיין בערלין האָט דזשאָן אים צוגעצויגן צו אָט דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. קור־סקי׳ס מיטאַרבעט איז געווען באַזונדערס נוצלעך, ווייל ער האָט פול־שטענדיק באַהערשט די דייטשע שפּראַך אין וואָרט און אין שריפט.

עס האָט זיך, אגב, געהאַנדלט ניט נאָר וועגן טראַנספּאָרטירן ליטע־ראַטור. די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד און דער אויסלענדישער קאָ־מיטעט פון „בונד״, געגרינדעט סוף 1898, פיר מאָנאַטן נאָך דעם, ווי עס

זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין רוסלאַנד דער ערשטער צענטראַלער קאָמיטעט (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, אברהם מוטניק) און אַרום הונדערט פון די אַקטיוויסטע טוער פון „בונד“ אויף די ערטער, האָבן געשפּילט ממש אַ היסטאָרישע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער בונדישער באַוועגונג. עס איז גענוג אין דעם צוזאַמענהאַנג בלויז צו דערמאָנען די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין די אויסלענדישע גרופּעס פון „בונד“ אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וועלכע האָבן אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן באַאיינפלוסט די גאַנצע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי־אַרבעט.

„מחמת קאָנספּיראַטיוו־טעכנישע ענינים — דערציילט אונז דזשאָן מילל — בין איך דעמאָלט געווען געצוואונגען צו וואוינען אין בערלין, כאָטש פּערזענלעך איז דאָס געווען פאַרבונדן פאַר מיר מיט גרויסע שוועריקייטן און פּאָליציייאיש — מיט געפאַר. קאָרעספּאָנדירן מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“ און מיט אייניקע אָרטיקע קאָמיטעטן; די אַלץ וואַקסנדיקע פּאָדערונגען צוצושטעלן וואָס גיכער און וואָס מער ליטעראַטור, שריפט פאַר די געהיימע דרוקערייען, געווער פאַרן זעלבסטשוץ; געפעלשטע און כשר׳ע פּאַספּאָרטן... די פאַרבינדונגען מיט דער דייטש־רוסישער גרענעץ; דאָס אויסזוכן מענטשן, וואָס, פאָרנדיק קיין רוסלאַנד, זאָלן זיי מסכים זיין מיטצונעמען מיט זיך ליטעראַטור...; — אין אָט די אַלע קאָמפּליצירטע און פאַראַנטוואָרטלעכע ענינים איז פראַנץ קורסקי גלייך געוואָרן אַן אומשאַצבאַרער מיטאַרבעטער, אין אַ סך פאַלן — פּשוט אַ „ווירטואָז“ („אונזער צייט“, פעברואַר, 1950).

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די אַרבעט איז אין גאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון קורסקי׳ן. דאָ איז אים באַזונדערס געקומען צונוץ זיין וואונדערלעכע פעאיקייט פון קאָנספּיראַציע, די גרויסע מעלה פון קענען שוויגן, מיט וועלכער עס האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט די פּיאָנערן פון „בונד“.

אַן אויסגעצייכנטע שילדערונג פון דער אַרבעט אַרום באַזאָרגן די פּאַספּאָרטן און טראַנספּאָרטן האָט אונז קורסקי געגעבן אין זיינע אַרטיקלען „פּע“ און „טשע“, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער אין „אונזער צייט“ (וואַרשע, 1928) און וועלכע מיר האָבן איבערגעדרוקט אין דעם באַנד.

דער בערלינער פּעריאָד איז געווען דער אַנטשיידנסטער אין זיין פּערזענלעכן לעבן. אַחוץ דער פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטייאישער אַרבעט האָט קורסקי אין די יאָרן אויך אַ סך געאַרבעט אויף זיין אייגענער

סאָציאַליסטישער אויסבילדונג. פראַנץ איז געווען איינער פון די בעסטע קענער פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין די וויכטיקסטע אייראָפּעאישע שפּראַכן. ער האָט, אגב, אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּרעסע, אין בערלינער „פאָרווערטס״, אין דער „לייפּציגער פאָלקסצייטונג״ א. אַנד. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך פּערזענלעך צו באַקענען נאָענטער מיט אַ רייע פירנדיקע דייטשע חברים, וועלכע האָבן אים אָפּט אַרויסגעהאָלפן אין זיין אַרבעט פאַרן „בונד״.

* * *

פאַר די צוויי יאָר און אַכט חדשים, וואָס קורסקי האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, איז אים אייניקע מאָל אויסגעקומען אין פאַרשיידענע שליחות׳ן פון דער פּאַרטיי אַריבערצופאָרן די גרענעץ „מערסטנס נאָר אויף געציילטע טעג, אויסער איין מאָל אויף צוויי וואָכן און איין מאָל אויף צוויי חדשים״. סוף דעצעמבער 1902 האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אויף צו פאַרבלייבן, כדי איבערצונעמען די אַרבעט ביי דער גרענעץ. „דער באַשלוס — דערקלערט אונז קורסקי אין זיינע „בלעטלעך זכרונות״ („צוקונפט״, 1934, ז. 596) — איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווארעם אין אויסלאַנד האָב איך אין די ענינים געהאַט אַ מזל׳דיקע האַנט. אָבער פון יענער זייט גרענעץ און פון דער זייט — דאָס זיינען געווען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע סיסטעמען. פון יענער זייט האָב איך געהאַט גליק, פון דער זייט גרענעץ איז די זאַך געגאַנגען זייער פּאַמעלעך און זייער שווער... געזעסן בין איך ביי דער גרענעץ, מייסטנס אין סואוואַלק. מיינע „געשעפטן״ זיינען געגאַנגען שלעכט... פון צייט צו צייט פלעגט, אָבער, פּאַרט געלינגען וואָס אַריבערצופעקלען און דאַן פלעג איך די סחורה אָפּפירן פון גרענעץ קיין גראָדנע, ווילנע אָדער וואַרשע״.

פאַר דער צייט איז אים אויך אויסגעקומען צו באַזוכן אַ גאַנצע רייע שטעט אין רוסלאַנד, דער עיקר אין דרום־ראַיאָן, מיטן צוועק צו באַזאָרגן די דאָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס מיט ליטעראַטור. אגב, האָט ער דעמאָלט געהאַט נאָך אַ וויכטיקע שליחות. דער צ. ק. האָט געהאַלטן אין צוגרייטן דעם פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, וואָס איז געווען באַשטימט אויף יוני 1903, און קורסקי האָט באַקומען דעם אויפטראַג אויסצוגעפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ, — אין פּרט פון קאָנספּיראַציע, נאַטירלעך, — וואו אַזאַ צוזאַמענפאָר זאָל קענען אָפּגעהאַלטן ווערן.

דער צ. ק. האָט לסוף באַשלאָסן — צום ערשטן מאָל אין דער גע־

שיכטע פון „בונד" — אָפּצוהאַלטן דעם צוזאַמענפּאַר אין אויסלאַנד. די מאַטיוון זיינען געווען: די באַוועגונג איז זיך פאַר דער צייט שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן און אין צוזאַמענפּאַר וועט זיך ממילא מוזן באַטייליקן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן; איז מחמת דעם די געפאַר פון אַ דורכפאַל אַ סך גרעסער, און עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו ריזיקירן מיט דער גאַנצער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. אויף קורסקי'ן איז איצט אַרויפגעפאַלן די אויפגאַבע צו באַזאָרגן די מעגלעכקייטן פאַר די דעלעגאַטן אַריבערצופאָרן די גרענעץ אַהין און צוריק. אגב, איז ער אַליין געווען באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט אויפן צוזאַמענפאַר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ציריך.

נאָך אַ קורצן איבעררייס האָט זיך קורסקי ווידער אומגעקערט צו זיין אַרבעט ביים טראַנספּאָרט אין רוסלאַנד. „אַרום אָקטאָבער, 1903 — לייענען מיר אין זיינע שוין פריער ציטירטע זכרונות — בין איך אין סואוואַלק שיר ניט דורכגעפאַלן, זיך קוים אַרויסגעדרייט און, ווי דורך אַ נס, אָפּגעפאָרן פון דאָרטן מיט גאַנצע ביינער..." ער האָט בכן געמוזט פאַרלאָזן סואוואַלק און זיך באַזעצן אין אַן אַנדער פּונקט ניט צו ווייט „פון יענע גרענעץ־פּונקטן, וואו איך האָב געהאַט די פאַרבינדונגען . . . האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף ווילנע".

אין 1903 איז, אָבער, ווילנע ווייט ניט געווען קיין אידעאַלער פּלאַץ פאַר קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. די צאַרישע פּאָליציי האָט צופיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעם וויגעלע פון „בונד", אַזוי אַז פּאָליטישע אַרעסטן זיינען דאָ געווען אַן אָפטע דערשיינונג. ווען קורסקי האָט איבערגעגעבן דעם פאָרשטייער פון צ. ק., אַז ער וויל זיך באַזעצן אין ווילנע, „האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אויף זיין אופן, רואיק און באַזאָכט, מיר באַמערקט מיט שטילע ווערטער: אָבער אין ווילנע ווערט מען דאָך גע'הרג'עט..." פון דער אַנדערער זייט האָט, אָבער, ווילנע געהאַט אַ באַזונדערן כישוף פאַר בונדישע טוער. אויך פאַרן „בונד" איז ווילנע געווען אַ ירושלים דליטע.

איז טאַקע קורסקי'ן ניט באַשערט געווען צו לאַנג צו פאַרברענגען אין ווילנע אויף דער פריי. קוים פיר חדשים שפּעטער, אָנהויב פעברואַר, 1904, איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע חברים און איז אָפּגעזעסן איבער אַ יאָר אין די תפיסות פון אנטאָקאָל און ווילייקע. פאַר די פיר חדשים, וואָס קורסקי האָט פאַרבראַכט אין ווילנע אויף דער פריי, איז אים אויסגעקומען אַ סך אַרומצופאָרן אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אייניקע ווערטפולע ידיעות וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין קאָנ־ספיראַטיווער אַרבעט אין דער צייט געפינען מיר אין דעם אַרטיקל „אַן אומפאַרגעסלעכער עפּיזאָד“, וואָס איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט“ אין יאָר 1928 (זז. 712־713) אונטער זיין פּען־נאָמען פּ. שמידט:

„...ביי מיין אַרומפאָרן פלעג איך געוויינטלעך אָפּפירן אין די שטעט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס פלעגן געדרוקט ווערן פאַר זיי אין אונזער ווילנער דרוקעריי, און צוריקברענגען פון די שטעט מאַנוסקריפּטן אויף נייע אויסגאַבעס... דער פאַרמיטלער פון דער דרוקעריי פלעגט ברענגען צו מיר אַהיים היפּשע פּעקלעך געדרוקטע סחורה און פלעגט מיר מכבד זיין מיט באַזאָרגן די סחורה ווייטער. אָפּטמאָל פלעג איך האָבן אַ ביסל פרישע אויסלענדישע ליטעראַטור, און אָפּשיקנדיק די פרישׂ געבאַקענע פּראָקלאַמאַציעס, פלעג איך שוין צופּאַקן אַ ביסל אויסלענדישע סחורות. אַזוי איז געגאַנגען כמעט טאָג איין טאָג אויס. דער פאַרמיטלער איז געווען אַן אויסגעצייכנט בחור׳ל, אין גאַנצן אַ יאָר 18־19 אַלט. ער איז געווען אַ מנקר ביי אַ קצב, און מיר האָבן אים גערופן דער מנקר׳ל. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער אַרומטראָגן פלייש אין באַלעבאַטישע הייזער. דאָס פלייש פלעגט ער אַריינלייגן אין אַ הילצערנער מולטער און עס צודעקן מיט אַ שטיק ווייסע לייוונט.

...אָבער זייער אָפט איז אין זיין מולטער אַנשטאָט פלייש געלעגן די סחורה, וואָס ער פלעגט ברענגען צו מיר אַהיים פון דרוקעריי. אַ גע־וויסע צייט איז ער כמעט יעדער פרימאָרגן געקומען צו מיר מיט זיין מול־טער אויף דער פּלייצע... פלעגט ער אַריינשפּאַצירן צו מיר, אָפּנעמען ביי מיר אַ מאַנוסקריפּט און אַמאָל שוין דעם זעלבן אָוונט, ווידער מיט דער מולטער אויף דער פּלייצע, מיר ברענגען צוריק די געדרוקטע סחורה. עס האָט זיך געהאַט אַזוי איינגעשטעלט, אַז פון אייניקע שטעט, וואָס האָבן געדרוקט זייערע פּראָקלאַמאַציעס און פלוגבלעטער אין אונזער ווילנער דרוקעריי, פלעגן די מענטשן שוין פאָרפאָרן דירעקט צו מיר אַהיים...“

* * *

אין דער אַנטאָקאָלער טורמע אין ווילנע, וואוהין קורסקי איז צוערשט אַריינגעפאַלן, זיינען דעמאָלט געזעסן אַרום 80 בונדיסטן. צווישן זיי איז אויך געווען איינער פון די נאָענטסטע פּערזענלעכע פריינט פון פראַנץ קורסקי, דער שוין פריער דערמאָנטער מאַיסיי גורעוויטש, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן בערך אַ יאָר פריער, דעם 22־טן פעברואַר, 1903. די לעבנסבאַדינגונגען אין טורמע גופא זיינען געווען לפי ערך ניט די

ערגסטע. געווען געוויסע מעגלעכקייטן פון קאָנטאַקט מיט דער פרייער וועלט און קורסקי האָט די מעגלעכקייטן אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אויס־געניצט. ער האָט אַפילו באַוויזן פון צייט צו צייט פון טורמע צו שרייבן נאָטיצן און „קאָרעספּאָנדענצן“ אין די אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבעס אין אויסלאַנד, ווי די „לעצטע נאַכריכטן“ א. אַנד. קיין גן־עדן איז פונ־דעסטוועגן די אַנטאָקאָלער טורמע ניט געווען. אָבער דער טיפער גלויבן אין דעם זיכערן און ענדגילטיקן נצחון פון דער פרייהייטס־באַוועגונג האָט מאָראַליש גוואַלדיק פאַרגרינגערט דעם גורל פון די אַרעסטירטע. דאָס געפיל, אַז מען ליידט פאַר אַ גרויסער און הייליקער אידעע און אַז סוף כל סוף וועט דאָס לאַנד באַפרייט ווערן פון דעם יאָך פון אונטערדריקונג, האָט אַ סך געהאָלפן אַריבערצוטראָגן די שווערע מאָמענטן פון עלנט און פאַרצווייפלונג.

צום 22־טן פעברואַר, 1904, ווען עס איז געוואָרן אַ פולער יאָר, זינט מאיסיי גורעוויטש איז געזעסן אין אַנטאָקאָלער טורמע, האָבן די חברים, וואָס זיינען מיט אים צוזאַמען געווען אַרעסטירט, צוגעגרייט אַ באַגריסונג. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף קורסקי׳ן און ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעטישע באַגריסונג, וואָס גיט, אגב, איבער די שטימונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין יענער צייט.

אין אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט צום 30יאָריקן יובילײ פון „בונד“ אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג“ אונטערן טיטל „אַ בלעטל ווילנער זכרונות“, שרייבט קורסקי וועגן דער דערמאָנטער באַ־גריסונג בזה הלשון: „אין ליטעראַרישער הינזיכט איז עס גאָר אַ שוואַכע זאַך . . . אָבער אַזוי ווי דאָס איז אַ היסטאָרישע באַגריסונג, וועלן מיר דאָ ברענגען דערפון איניקע שטעלן . . . אָט ווי זי לייענט זיך:

דיקע אייזערנע גראַטעס, שווערע שטאָלענע שלעסער,
פעסטע שטיינערנע ווענט.
שטיל . . . קיין גערויש, קיין געדודער . . . און די אומגע־
דולד ווערט דאָ אַלץ גרעסער,
און דער אומעט, ער נעמט דאָ קיין ענד.
און ווי מיט אייזערנע צוואַנגען ווערט אונזער מוח געדריקט.
דער שונא, ער האָט אונז געפאַנגען, ער שטיקט אונז און שטיקט.
ברודער! ווייט פון דעם לעבן, איינזאַם אין טורמע פאַרבראַכט
האָסטו היינט דיין דריי הונדערט און זעקס און זעכציקסטע
נאַכט . . .

מיר ווייסן, דיין מוט וועט ניט פאַלן,
און אַרויס וועסטו מוטיק און דרייסט . . .
און ווען ס׳וועט די פרייהייט באַשיינען אונזער געקנעכטעטעס לאַנד, —
די נעמען פון אונזערע קעמפער, זיי וועלן דאַן ווערן באַקאַנט, —
די נעמען פון די, וואָס געליטן און מוטיק געגאַנגען אין שלאַכט . . .
נאָר ביז דאָס וועט אַלץ אַזוי ווערן, ניט זיין מער קיין הער און קיין קנעכט,
ביז דאַן וועלן אין טורמע זיך ציען לאַנגע און טרויעריקע נעכט.
טעג וועלן אַוועקגיין אין אומעט, נעכט וועלן ווערן דורכוואַכט . . .

דאָס יאָר, וואָס קורסקי האָט פאַרבראַכט אין תפיסה, איז געווען פאַר אים רייך אין איבערלעבונגען און מענטשלעכע דערפאַרונגען. סוף מערץ האָט אַ גרופּע אַרעסטירטע געפּרובירט אַנטלויפן פון טורמע. מען האָט זיי, אָבער, באַלד געכאַפּט און די שטראָף איז געווען: שמידן אין קייטן און אַריבערפירן די „פאַרברעכער" אונטער אַ שטרענגערן רע־זשים אין דער תפיסה אין ווילקע. גענויער וועגן דעם האָט אונז קור־סקי דערציילט אין זיינע מעמואַרן („דער כישוף — אַן אמת׳ע פּאַסי־רונג", אין „צוקונפט", 1925) פון וואַנען מיר ברענגען דאָ די וויטערדיקע אויסצוגן:

„...געווען איז דאָס, ווי געזאָגט, זומער 1904. צוזאַמען מיט מיין פריינט יוסף פרענקל האָט מען מיך אין די ערשטע טעג פון אַפּריל אָפּ־געשיקט מיטן עטאַפּ פון ווילנע, וואו מיר זיינעןביידע דעמאָלט געזעסן אין דער „אַנטאָקאָלער טורמע", אין דעם אויעזדנעם שטעטל ווילקע.
. . . פון דער אַנטאָקאָלער טורמע, פון דער 23־טער קאַמער, אויפן דריטן עטאַזש, האָבן מיר געפּרואווט אַנטלויפן, דאָס הייסט מיר זיינען שוין טאַ־קע אין אמת׳ן געווען אַנטלאָפן — געווען איז דאָס דעם 28־טן מערץ אַרום איינס אַ זייגער ביינאַכט, און מען האָט אונז, אָבער, באַלד געכאַפּט... און אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט דורכגעזעגט אַ גראַטע און געלאָפן מערערע צוזאַמען . . . „סקאָפּאָם" און „סאַ ווזלאָמאָם", ווי עס שטייט אין פּסוק, איז עס נאָך דעם צאַרס הייליקן געזעץ געווען אַ שווערער קרימינאַל־פאַרברעכן. צו אונזער פּאָליטישן פּראָצעס האָבן מיר אַ צוגאָב אַ קרימי־נעלן פּראָצעס. פון דעם טאָג אָן זיינען מיר געווען פּאָליטישע און קרי־מינעלע אַרעסטאַנטן. מען האָט אונז איבערגעטאָן אין גרויע אַרעסטאַנ־

טסקע בגדים, פאַרשמידט אין קייטן און אָפּגעשיקט קיין ווילייקע... דער רעזשים איז דאָרטן געווען אומגעווייניטלעך שטרענג... סוף כל סוף האָבן מיר זיך צום רעזשים ווי ניט איז צוגעפּאַסט. איין זאַך איז, אָבער, געווען ניט איבערצוטראָגן: מיר זיינען געווען אַבסאָלוט אָפּגעשניטן פון דער פרייער וועלט. אין ווילנע האָבן מיר זיך געהאַט צוגעוויינט צו אַ גאַנץ אַנדער טורמע־לעבן. אין דער אַנטאָקאָלער טורמע פלעגן מיר יעדע פּאָר טעג קריגן און אָפּשיקן בריוו — אומלעגאַל, נאַטירלעך. פון דער אַנטאָקאָלער טורמע, וואו עס האָט דעמאָלט געקאָכט ווי אין אַ קעסל (ס׳זיינען געזעסן איבער הונדערט פּאָליטישע און אַרום טויזנט קרימי־נעלע), פלעג איך יעדע פּאָר טעג שיקן צו דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אין ווילנע און צום אויסלענדישן קאָמיטעט אין זשענעווע אַלער־האַנט קאָרעספּאָנדענצן און נאָטיצן פאַר דער פּאַרטיי־פּרעסע, ווי פון דער פריי. און מיט אַ מאָל — טויט, אַן אמת׳ע טורמע! קיין זייטיקער מענטש, קיין שום „סווידאַניע", קיין פרייע „פּערעדאַטשע", קיין צייטונג — שטיי־נערנע ווענט און דער היגטיש־חזיר׳שער פּנים פונם סטאַרשי... אַט דאָס איז געוואָרן מיט אַ מאָל אונזער וועלט...

... האָט מען אין ווילייקע ממילא געמוזט קלערן וועגן אַ נייעם „ויברח". געזעסן זיינען מיר יעדערער אין אַ באַזונדער קליינער קאַמער; די קאַמערן איינע ביי דער אַנדערער — אַזוי אַז מיר פלעגן זיך קענען דורכקלאַפּן דורכן וואַנט און זיך דורכשמועסן דורכן פענצטער ...
ביים דורכשמועסן זיך איז שטענדיק געווען אַ סכנה, אַז אַ שפּיק צווישן די אַרעסטאַנטן וועט זיך צוהערן און פאַרשטיין, וואָס מיר רעדן, און עס איבערגעבן צום סטאַרשי. דעריבער האָבן מיר גערעדט אַזוי, אַז קיין מענטש זאָל אונז ניט פאַרשטיין. פרענקל פלעגט רעדן העברעאיש, אָבער אַזוי פאַרשטעלט, אַז אַ אידישער שפּיק זאָל ניט וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט העברעאיש... ווען איך רעד, פעלט מיר אויס יעדער דריטער וואָרט... פלעג איך נאָך יעדע צוויי העברעאישע ווערטער אַריינשטעלן אַ פראַנצויזישן וואָרט און עס פלעגט גיין...

איין מאָל, סוף יוני, שפּעט ביינאַכט, זיצן מיר אויף די פענצטער־ברעטער און שמועסן האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס וועגן אונזער כּישוף־מענטשן (ווי אַריינצוברענגען אין טורמע אַ מענטשן פון שטאָט, וואָס זאָל גרייט זיין איבערצונעמען שליחות׳ן, ברענגען בריוו א. אז. וו. —א. מ.)... און מיט אַ מאָל בליצט מיר דורך אַ געדאַנק... און איך שטעל פרענקל׳ען אין אונזער וואָלאַפּיק אַזאַ פראַגע:

— און ווי איז, אַז ביי אונז אין קאַמער ברעכט זיך אויס אַ שויב?

אַ מינוט שווייגט ער און לאַנגזאַם ענטפערט ער:

— „הייסט עס, איינער פון אונז צעברעכט צופעליק אַ שויב. גוט, וועט מען רופן אַ גלעזער...

— אַלזאָ, באַשלאָסן! מאָרגן פרי ברעך איך אויס די שויב. און איצט שלאָפן...

קוים דערוואַרט זיך דעם מאָרגן, האָב איך אַרום 7 אַ זייגער צע־טראַסקעט אַ שויב. באַלד גערופן דורכן „וואַלטשאַק" דעם מענטע (דעם טורמע־שומר — א. מ.) און אים געבעטן, ער זאָל איבערגעבן דעם סטאַרשי, גלייך ווי ער וועט קומען צו דער „פּאָווערקע", אַז איך האָב „ניעטשאַיאַנע" אויסגעבראָכן אַ שויב: איך בעט לאָזן אַריינזעצן אַ נייע; וואָס עס וועט קאָסטן, וועל איך באַצאָלן.

אין אַ מינוט צען אַרום הער איך שוין, ווי דער מענטע גיט אָפּ דעם סטאַרשי אַ ראַפּאָרט וועגן דער „וויכטיקער" פּאַסירונג. מיט אַ טראַסק פליט אויף מיין טיר, דער סטאַרשי שפּרייזט אַריין, עפנט די ראַמען און קלאַפּט אויס מיט די שליסלען די גראַטעס. די שויב האָט אים ווייניק געקימערט. ער האָט מיך באַלד חושד געווען, אַז דער עיקר איז דאָ די גראַטע... דורכקלאַפּן די גראַטע האָט ער פאַרשטאַנען... אויפן אויג טאָר ער זיך ניט פאַרלאָזן: דער קלונג פון דער גראַטע קען שוין ניט אָפּנאַרן. אַלץ אין אָרדענונג!...

מיט אַ מאָל — אין קאָרידאָר אַ באַוועגונג... עס עפנט זיך מיין טיר: דער סטאַרשי, אַנגעכמורעט, פאַרקאַכט, שטעכיקע אויגן; הינטער אים דער דעזשורנער מענטע פון קאָרידאָר — דער יונגער גאַלעצקי, און ביי דער זייט — אַ איד מיט גלעזער־געצייג... אַ טיפּישער קליינ־שטעטלדיקער אידישער בעל מלאכה... דער פּנים — גוט, אויסגע־צייכנט! אויגן — האַרציקע, טיפע, קלוגע, ליכטיקע, גרויסע שוואַרצע אידישע אויגן! מיר קוקן זיך שטום אָן, איך נייג אים מיטן קאָפּ, ער ענטפערט מיט אַ בליק...

... איך בלייב מיט מיין כישוף אויג אויף אויג זאַלבענאַנד! פלינק רוק איך אים אַריין די בריוו — איך בעט אייך, למען השם, שיקט זיי אָפּ. אָט האָט איר 35 קאָפּיקעס אויף מאַרקעס.

— ניין, ניין! צו וואָס אויף מאַרקעס? איך וועל שוין די בריוו אָפּ־שיקן, זייט זיכער!

די בריוו שטופּט ער אַריין אונטערן העמד אויפן קערפּער.

— און וואָס דאַרפט איר נאָך ? — פרעגט ער — וואָס זאָל איך אייך ברענגען ?. . . .

. . . שפּעטער, אין צוויי וואָכן אַרום, זאָג איך דעם גלעזער, וועלן מיר ווידער אויסברעכן אַ שויב, איך אָדער פרענקל. ברענגט אונז צייטונגען, ס׳וועלן ווידער זיין בריוו אָפּצושיקן. האָט איר אין שטאָט די לעצטע נומערן „אַרבעטער־שטימע״ ?

— געוויס האָבן מיר זיי . . .

— ברענגט זיי אונז !

— גוט, און וואָס נאָך ווילט איר ?

וואָס נאָך ? ! אי, וואונדערבאַרע, וואַרעמע, ליכטיקע, טיפע אידישע אויגן !

. . . נאָך דער ערשטער שויב זיינען אַוועק צוויי וואָכן. דער גלעזער האָט אונזערע בריוו אָפּגעשיקט. אויף איינעם פון אונזערע בריוו איז געקומען אַן ענטפער — פלינק און פיבערהאַפט האָט זיך געשפּונען דער פאָדעם — אַהין און צוריק, מיר האָבן אומבאַדינגט געמוזט אַרויסשיקן אויף דער פריי אַ פּאָר גרויסע שיפרירטע בריוו און האָבן באַשלאָסן ווידער אַריינצו׳כישופ׳ן דעם גלעזער. וועגן פאַרשיידענע טעמים איז געבליבן ביי אונז, אַז אויך די צווייטע שויב זאָל איך אויסברעכן, ערשט די דריטע שויב — אין אַ מאָנאַט אַרום — זאָל אויסברעכן פרענקעל. דער תירוץ האָט דאָס מאָל געזאָלט זיין: אויפן פענצטער־ברעט האָט אַרומשפּאַצירט אַ מויז, האָב איך איר געוואָרפן אַ שטיוול און געטראָפן אין שויב . . . ווידער די זעלבע געשיכטע: געמאָלדן דעם סטאַרשי א. אַ. וו. איצט איז די טעמע געווען: די מייז ! גוואַלד, ווי ווערט מען פטור פון זיי !. . . . צוויי טעג האָבן מיר דעם מאָל געוואַרט אויפן גלעזער . . .

דעם 17־טן יולי אין דער פרי . . . אַרום עלף אַ זייגער . . . מיין מלאך הגואל שטייט פאַר מיר מיט זיין ליבן שמייכל. איך שטופּ אים גיך אַריין מיינע בריוו, ער נעמט אַרויס פון בוזעם אַ פּעקעלע און גיט עס מיר איבער: „ליטעראַטור פאַר אייך״. איך קען זיך ניט איינהאַלטן און גיב אַ קוק: אַ נומער „אַרבעטער־שטימע״, אַ בלעטל פון צ. ק. און אַ נומער „וויעסטניק בונדא״ פון אויסלאַנד.

. . . אונטערדעסן איז אין ווילנע אויף אַ דיסקוסיע מיט די איסקראָווצעס אַרעסטירט געוואָרן מיין פרוי, און אונזער כישוף־פאָדעם האָט אויף אַ רגע געגעבן אַ ציטער, אָבער נאָר אַ ציטער. איבערגעריסן האָט ער זיך ניט. ער איז שטאַרק געווען ווי אייזן !

מיר האָבן זיך געגריית צו דער דריטער שויב און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אונזער ליבן טייערן גאַסט — דעם גלעזער . . .״

* * *

אין פעברואַר, 1905, איז קורסקי באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און איז געקומען צוריק קיין ווילנע. די באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעט זיינען איצט געוואָרן גאָר אַנדערע. די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג איז געגאַנגען מיט ריזן־שריט פאָראויס. אין פאַרבינדונג מיט דעם האָבן זיך אויך ראַדיקאַל געביטן די פאָרמען און מעטאָדן פון פראָפּאַ־גאַנדע און אָרגאַניזאַציע. דער אַלטער קאָנספּיראַטיווער טוער האָט טיילווייז אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ פאַרן רעדנער און פּאַרטיי־פירער. פּאַ־ראַלעל מיט דעם איז זיך גוואַלדיק צעוואַקסן די פּאַרטיי־פּרעסע און די פּאַרטיי־ליטעראַטור. צוליב די אַלע סיבות איז געוואָרן נויטיק אין גאַנצן צו ענדערן די פאַרטיילונג פון די כוחות אין דער פּאַרטיי. אַ סך פון די טוער אין אויסלאַנד זיינען איצט געקומען צוריק קיין רוסלאַנד, וואו עס האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ ברייט פעלד פון פּראַקטישער טעטיקייט. דאָס איז געווען דער פּאַל באַזונדערס נאָכן מאַניפעסט פון אָקטאָבער 1905. פון דער אַנדערער זייט האָט מען דווקא איצט בשום אופן ניט געטאָרט פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט אין אויסלאַנד. קודם כל איז געווען וויכטיק אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּע. דער פּאַסיקסטער מענטש פאַר דער אַרבעט איז געווען פראַנץ קורסקי, ווי ער האָט עס אַזוי אויסגעצייכנט באַוויזן אין די יאָרן 1900—1902.

סוף 1905 פאַרלאָזט קורסקי נאָך אַ מאָל די אַלטע היים און באַזעצט זיך ווידער אין אויסלאַנד. אין 1906 ווערט ער אַ מיטגליד פון אויסלענ־דישן קאָמיטעט פון „בונד״, „וואו ער נעמט איבער אָן אַ שיעור פונק־ציעס״ (דזשאָן מילל). שפּעטער ווערט ער באַשטימט ווי דער פאַרטרע־טער פון „בונד״ אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ.

זומער 1906 ווערט דער אויסלענדישער קאָמיטעט און דער צענטראַל־ביוראָ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד (געגרינדעט אין 1901) אַריבערגעפירט קיין זשענעווע, וואו עס האָבן זיך באַזעצט צוזאַ־מען מיט קורסקי׳ן נאָך אַ צאָל פירנדיקע חברים פון „בונד״. דער אויס־לענדישער קאָמיטעט האָט איצט באַקומען אַ שטענדיקן אַדרעס אין דער פרייער דעמאָקראַטישער שווייץ און דאָס האָט געשאַפן די מעגלעכקייט באַדייטנדיק צו פאַרברייטערן די אַרבעט אַרום דעם אַרכיוו פון „בונד״, וואָס איז, אגב, אויך אין גאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון פראַנץ קורסקי.

פאַר אַט די אַלע אויפגאַבעס איז קורסקי ממש געווען דער אידעאַלסטער מענטש. אַחוץ זיין איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער אַרבעטס־פעאיקייט און פינקטלעכקייט. דערביי איז אים אַבסאָלוט פרעמד געווען יעדער שפור פון ביוראָקראַטיע. קורסקי איז קודם כל געווען אַ חבר און אַ פריינט. קיין שום זאַך איז פאַר אים ניט געווען שווער, אויב נאָר ער האָט אימעצן געקענט העלפן. און ער האָט עס תמיד געטאָן מיט אַזאַ האַרציקייט, מיט אַזאַ נאַטירלעכער פשוט׳קייט, אַז מען האָט עס ממש ניט באַמערקט.

במשך פון איבער פיר צענדליק יאָר איז קורסקי געווען דער אַדרעס פאַר בונדישע אָרגאַניזאַציעס און בונדישע טוער איבער גאָר דער וועלט. אידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס און יחידים אין די פאַרשיידנסטע לענדער זיינען דורך אים און אַ דאַנק אים געוואָרן פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי־אַרבעט אין רוסלאַנד און פוילן. מיט דער זעלביקער געוויסנהאַפטיקייט האָט ער דורכגעפירט זיין אחריות׳פולע שליחות ווי דער פאַרטרעטער פון „בונד" אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. עס איז ממש ניט געווען קיין איין גרעסערע סאָציאַליסטישע צייטונג, וואָס זאָל פון אים פון צייט צו צייט ניט באַקומען צוגעשיקט אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל וועגן דער אַרבעט פון „בונד" און וועגן דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד בכלל. ניט ווייניקער וויכטיק זיינען געווען זיינע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט די באַדייטנדיקסטע סאָציאַליסטישע פירער און טוער אין אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן צוטרוי און רעספּעקט. קורסקי׳ס אומדערמידלעכע אַרבעט האָט גאָר אַ סך ביי־געטראָגן צו פאַרפעסטיקן דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון „בונד" אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער איז מער אָט דער שליחות געווען באַזונדערס באַרופן, זיין אומבאַגרעניצטע ליבע צום „בונד" האָט אים אַבסאָלוט ניט געשטערט זיך אויפן בעסטן אופן צו אָריענטירן אין די דעליקאַטע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל.

ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען קורסקי׳ס אויפטו אַלס פאַרוואַלטער פון בונדישן אַרכיוו. ער איז געווען אַ סך מער ווי פאַרוואַלטער. הגם די אַרבעט פון זאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן האָט זיך אין „בונד" אָנגעהויבן שוין פריער, קען ער פונדעסטוועגן באַטראַכט ווערן ווי דער פאַקטישער שעפער פון אַרכיוו, וואָס האָט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער רייכקייט און פילזייטיקייט אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און סאָציאַליסטישער קאַמף איז פאַר קורסקי'ן געווען אַ סך מער ווי אַן ענין פון טאָג. ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון יעדער בלעטל, פון יעדער לאָקאַלער געשעעניש, און ער האָט דעריבער תמיד פאַרלאַנגט און געפאָדערט פון יעדער אָרגאַניזאַציע צוצושיקן וואָס מער מאַטעריאַל פאַרן אַרכיוו.

קורסקי האָט זיך, אָבער, ניט באַנוגנט בלויז מיט זאַמלען בונדישע מאַטעריאַלן. אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו אידיש לעבן און צו אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען פאַרן אַרכיוו. אַ באַזונדערע ליבע האָט ער אַרויסגעוויזן צו דער פאַרגעשיכטע, אָדער פרי־געשיכטע פון אידישן סאָציאַליזם. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין אַרכיוו אָנגעזאַמלט גאָר אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן דער ליבערמאַן־תקופה און וועגן די פּרואוון פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן אין די 80ער יאָרן. אין אַרכיוו פון „בונד" האָט זיך אויפגעהיט דער מאַנוסקריפּט פון „פּנקס אגודת הסוציאליסתים העברים בלונדון" (1876) — דער ערשטער אידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. און מיר קענען דאָ רואיק זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל אויספאָרשונגען, אָפּהאַנדלונגען און מעמואַרן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דער ליבערמאַן־תקופה און וועגן דעם פּיאָנערן־פּעריאָד פון אידישן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד אין די 80ער און 90ער יאָרן, זיינען אינספּירירט געוואָרן דורך אים.

* * *

פראַנץ קורסקי איז בלי ספק געווען דער בעסטער קענער פון דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער שרייבער, ווי עס זאָגן עדות וועגן דעם די פאַרשיידענע אַרטיקלען און אָפּהאַדלונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט", „אונזער צייט" און אין אַ ריי אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. דער גרעסטער טייל פון זיינע אַרבעטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון אידישן סאָציאַליזם, זיינען געזאַמלט געוואָרן דאָ אין באַנד. אין סך הכל, אָבער, האָט ער, צום באַדויערן, ווייניק געשריבן. ער האָט פשוט פאַר דעם קיין צייט ניט געהאַט. ער האָט זיך אַ סך מער פאַרנומען מיט העלפן אַנדערע שרייבן ווי אַליין צו שרייבן. זיינע פריינט און חברים האָט ער כסדר דערמוטיקט צו פאַרצייכענען זייערע זכרונות, ער האָט כסדר פון זיי געמאָנט און פאַרלאַנגט. ער האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט הונדערטער מענטשן און מיט צענדליקער און צענדליקער חברים האָט ער זיך כסדר דורכגעשריבן. געווען חברים, וועלכע ער

האָט סיסטעמאַטיש באַזאָרגט מיט ביכער, אויסשניטן פון צייטונגען און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זיי אַליין האָבן ניט געקענט באַקומען, כדי זיי אַרויסצוהעלפן אין זייערע ליטעראַרישע אַרבעטן. קורסקי האָט אַן אַ שיעור געלייענט און ער האָט תמיד געוואוסט, וואָס איינעם אינטערע־סירט און וועגן וואָס ער וואָלט געקענט שרייבן. זיין קאָרעספּאָנדענץ אַליין וואָלט געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער אוצר פאַר דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון סאָציאַליסטישן געדאַנק ביי אידן. אויך אידעאיש איז די ווירקונג פון פראַנץ קורסקי געווען גאָר ניט אין אַן ערך גרעסער, ווי מיר שטעלן עס זיך פאָר. זיין ווירקונג איז געווען מער אַ תורה שבעל פה, ווי אַ תורה שבכתב. ער האָט מער באַאיינפלוסט מענטשן ווי מאַסן; ער האָט מער געשריבן בריוו ווי אַרטיקלען. אָבער ניט געקוקט דערויף, און אפשר דווקא אַ דאַנק דעם, איז זיין השפעה געווען אַ גוואַלדיקע און במשך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט איז זי קיין מאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן.

„אַ ליכט לייכט פאַר אַלעמען, זי אַליין גייט אויס!" — האָט ר' ישראל סאַלאַנטער געלערנט זיינע תלמידים. דער אייניקל פון ר' אלחנן כהן, ר' ישראל סאַלאַנטער'ס תלמיד, האָט דאָס געבאָט הייליק אָפּגעהיט. פראַנץ קורסקי איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַ מוסר'ניק, אַ סאָציאַליסטיש־בונדישער מוסר'ניק אין בעסטן און לויטערסטן זינען פון וואָרט. ער האָט במשך פון אַ סך יאָרן זיך אַרומגעטראָגן מיט ליטעראַרישע און וויסנ־שאַפטלעכע פּלענער אין שייכות מיט דער געשיכטע פון אידישן סאָ־ציאַליזם. ער האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ וויסנשאַפטלעך קריטישע אויסגאַבע פון מקורות צו דער געשיכטע פון „בונד". אַ רייע איינצלנע דאָ־קומענטן האָט ער באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס, באַזונדערס, אָבער, אין דעם דריטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ (פּאַריז, 1939). ווי איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם באַנד איז ער געווען אויפן אַקטיווסטן אופן באַטייליקט סיי אין דער אויסאַר־בעטונג פון דעם פּלאַן און סיי אין זיין דורכפירונג. דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז אויך געווען באַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון דעם דריטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן", קען עדות זאָגן פון זיין אייגענער דערפאַרונג, ווי אויסערגעוויינטלעך וויכטיק עס איז פאַר אונז אַלעמען, פאַר דער גאַנצער רעדאַקציע־קאָלעגיע, געווען די מיטאַרבעט פון פראַנץ קורסקי. איך קען זיך פשוט ניט פאָרשטעלן, ווי אַזאַ מאָנומענטאַלע אויס־גאַבע וואָלט געקענט דערשיינען אָן זיין הילף.

עס איז אים, אָבער, לײדער, באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן בלויז אַ גאַנץ קליינעם טייל פון זיינע פּלענער. און דאָס איז געווען דער עיקר

דערפֿאַר, ווייל ער איז תמיד געווען פֿאַרנומען מער מיט אַנדערע ווי מיט זיך אַליין. זיין הויפּט־אַמביציע איז געווען — העלפֿן און סטימו־לירן זיינע חברים און פֿריינט. ער האָט מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן זיך געטיילט מיט זיין וויסן און מיט זיינע אידעען. עס איז אים קיין מאָל ניט איינגעפֿאַלן מורא צו האָבן, טאָמער וועט אימעצער אויסנוצן זיינע ידיעות און געדאַנקען. אדרבה, דירעקט און אומדירעקט איז פֿראַנץ געווען גאָר אַ וויכטיקער שותף אין אַ סך אַרבעטן, וואָס זיינע פֿריינט און חברים האָבן געשריבן. ער האָט עס געוויינטלעך געטאָן אויף אַזאַ אידעלן אופֿן, אַז מיר האָבן אַליין על פּי רוב זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וויפֿל מיר זיינען אים שולדיק. אויך אין העלפֿן מענטשן מיט איניציאַטיוו און אידעען איז וויכטיק די מידה פֿון מתן בסתר, און קיינער, דוכט זיך מיר, איז ניט געווען אַזאַ קינסטלער פֿון מתן בסתר ווי פֿראַנץ קורסקי.

* * *

דאָס גאַנצע יאָר 1913 און אין די ערשטע העלפֿט 1914 האָט קורסקי פֿאַרבראַכט אין בערלין, וואו ער האָט באַנייט זיינע אַלטע באַקאַנטשאַפֿטן מיט פֿאַרשיידענע פֿירער און טוער פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע. במשך פֿון דער צייט האָט ער, אָבער, אויך ליטעראַריש מיטגעאַר־בעט אין פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס. צוזאַמען מיט באָריס פֿרומקין און מאַקס ווינאַקור האָט ער אויפֿן גרונד פֿון אַרכיוו־מאַטער־יאַלן צוגעגרייט אַ גרעסערע אַרבעט „דער 'בונד' אין די רעוואָלוציאָ־נערע יאָרן 6־1905", וואָס איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דייטש אין „אַרכיוו פֿיר סאָציאַל־וויסנשאַפֿט אונד סאָציאַל־פּאָליטיק" (1913). אויף אידיש (אין דער איבערזעצונג פֿון יוסף לעשטשינסקי) איז די אַרבעט דערשינען אין 1930 אין וואַרשע.

די מלחמה־יאָרן האָט קורסקי ווידער פֿאַרבראַכט אין זשענעווע. דאָס זיינען געווען שווערע צייטן פֿאַרן „בונד" בכלל און פֿאַר דער גרופּע אַרום אויסלענדישן קאָמיטעט בפֿרט. אַ גרויסער טייל פֿון די אַלטע פֿאַר־בינדונגען זיינען איצט איבערגעריסן געוואָרן, אָבער ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, איז די אַרבעט פֿונדעסטוועגן אין גאַנצן ניט אָפּגע־שטעלט געוואָרן. ערשט אין אַפּריל, 1917, קורץ נאָך דער מערץ־רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען דער גרעסטער טייל פֿון דער פּאָליטישער עמיגראַציע האָט זיך געקליבן צוריק אַהיים, איז באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד". מען האָט איצט אויך געמוזט שליסן דעם אַרכיוו. מען האָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿאַרפּאַקט אין אַן ערך 250 קאַסטנס און עס איבערגעגעבן צייטווייליק

אין אַ טראַנספּאָרט־קאָנטאָר, ביז וואַנען עס וועט קלאָר ווערן, וואו מען וועט קענען דעם אַרכיוו אַריבערפירן. פאַרשריבן האָט מען די קאַסטנס אויפן נאָמען פון פראַנץ קורסקי און וולאַדימיר קאָסאָווסקי.

עס איז, נאַטירלעך, געווען אַלעמענס חלום אין די פרילינג־חדשים פון 1917 זיך אומצוקערן צוריק אין דעם פרייען דעמאָקראַטישן רוס־לאַנד. קיין מער פּאַסיקן פּלאַץ פאַרן בונדישן אַרכיוו האָט מען זיך דאָך ניט געקענט פאָרשטעלן. וואָס פון די האָפענונגען האָט זיך אויס־געלאָזן, ווייסן מיר. און אַזוי איז דער אַרכיוו נאָך במשך פון יאָרן פאַרבליבן אין זשענעווע. פראַנץ און קאָסאָווסקי זיינען פאַר דער צייט אַריבערגעפאָרן קיין בערלין, וואָס איז זינט 1919־20 געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אייראָפּע.

די ליקווידאַציע פון „בונד" אין רוסלאַנד האָט נאַטירלעך גע־שאַפן אַ נייע סיטואַציע. די פּאָליטישע און גייסטיקע ירושה פון אַלטן „בונד" האָט איצט איבערגענומען פּוילן און פראַנץ קורסקי האָט זיך תיכף געשטעלט אין דינסט פון פּוילישן „בונד" און האָט מיט אַלע זיינע כוחות מיטגעהאָלפן ווידער אויפצושטעלן די אַלטע פאַר־בינדונגען מיט די בונדישע יחידים און גרופּעס אין אויסלאַנד און מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע. אין כמה פּרטים איז די אויפגאַבע איצט געווען נאָך אַ סך שווערער ווי פאַר דער מלחמה. די אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן, די שפּאַלטונגען אין אינטער־נאַציאָנאַל און די אומזיכערע פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע בכלל האָבן אַרויסגערופן שטימונגען פון מידקייט און יאוש ביי אַ סך אַלטע בונדיסטן, וואָס דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן ווייט פון אידישן מאַסן־לעבן. אויך קורסקי האָט די אַלע נייע שוועריקייטן און פּראָבלעמען געזען, ער האָט, אָבער, אויף איין מאָמענט ניט פאַרלאָרן זיין גלויבן אין דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און אין „בונד". און אַזוי איז ער ווייטער געבליבן דער שומר פון דער גרויסער טראַדיציע פון אידישן סאָ־ציאַליזם.

ניט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינטלעכער באַשיידנקייט, איז דער פּערזענלעכער מאָראַלישער פּרעסטיזש פון קורסקי'ן אין די קרייזן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל געווען זייער אַ באַדייטנדיקער. סיי זיינע פריינט און סיי זיינע קעגנער האָבן זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן צוטרוי. איז עס דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג פון דער דעמאָלט געשאַפענער גרוי־

זינישער רעפובליק האָט אים אין יאָר 1919 באַשטימט אַלס „שטעל־פאַרטרעטענדיקן געזאַנדטן" אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכער דיפּלאָמאַטישער אַמט אין יענע אומרואיקע און גורל׳דיקע יאָרן.

אַ סך פון אונז האָבן זיך געוואונדערט: ווי קומט פראַנץ קורסקי צו ווערן דער פאַרטרעטער פון דער גרוזינישער רעפובליק? די פירער פון דער גרוזינישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט צערעטעלי׳ן בראש האָבן, אָבער, ריכטיק אָפּגעשאַצט קורסקי׳ס פעאיקייטן און זיינע אויסערגעוויינטלעכע מאָראַלישע מעלות און זיי האָבן אין זייער אויסוואַל קיין טעות ניט געהאַט. פאַר די פאַר יאָר, וואָס גרוזיע האָט עקזיסטירט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, האָט פראַנץ אויפן ווירדיקסטן אופן רעפּרעזענטירט די דאָזיקע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע רעפובליק.

ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן די נויטיקע מיטלען אויף אַריבערצופירן דעם בונדישן אַרכיוו קיין בערלין, און זינט 1925 איז פראַנץ ווידער אויף זיין אַלטן פּאָסטן. די גרויסע זאַמלערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט ווערט איצט ווידער באַנייט און אויפגעלעבט.

* * *

ווען מען האָט אַריבערגעפירט די קאַסטנס מיט די מאַטעריאַלן פון דער שווייץ קיין דייטשלאַנד, האָבן קורסקי און זיינע פריינט געגלויבט, אַז בערלין איז דער פאַסיקסטער פּלאַץ „גוט איינצואָרדענען דעם אַרכיוו און צו באַוואָרענען אים פון בייזע רוחות".

במשך פון אַ געוויסער צייט איז עס געווען ריכטיק. עס זיינען אַריבער פינף־זעקס יאָר און די „בייזע רוחות" האָבן, ליידער, זיך אָנגעהויבן לאָזן שפּירן אויך אין דייטשלאַנד. זינט 1930 ווערט די לאַגע אַלץ קריטישער און אָנהויב 1933, ווען די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, איז קורסקי ווידער געצוואונגען געוואָרן צו נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט.

אָבער דאָ האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווי ראַטעוועט מען די בונדישע אוצרות? צום אומגליק האָט זיך דער אַרכיוו געפונען גראָד אין דעם בנין פון בערלינער „פאָרווערטס", וועלכן די נאַציס האָבן איצט פאַרנומען. ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן, מיט דער הילף פון לעאָן בלום און אַ דאַנק דער דיפּלאָמאַטישער אינטערווענץ פון פראַנצוי־

זישע רעגירונגס־אינסטאַנצן, דעם אַרכיוו בשלום אַריבערצופירן קיין פּאַריז.

אַכט יאָר צייט האָט פראַנץ פאַרבראַכט אין פּאַריז. דאָס זיינען געווען שווערע און אומרואיקע יאָרן, הגם די אַלגעמיינע באַדינגונגען זיינען אין פראַנקרייך געוויס געווען ניט ערגער ווי אין דייטשלאַנד.

אָבער די כסדר׳דיקע דערפאָלגן פון די נאַציס, באַזונדערס זינט 1936, ווען דייטשלאַנד האָט זיך גענומען באַפעסטיקן דאָס רהיין־ געביט, האָבן טיף באַאומרואיקט אַלע יענע, וועלכע האָבן ניט געטיילט די נאַאיווע אילוזיעס וועגן דייטשלאַנד׳ס פרידלעכע כוונות.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג. זיין איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערין, חברטע פאַניע בלומין־ קורסקי, איז די גאַנצע צייט אין פּאַריז געווען שווער קראַנק. עס איז געווען אַן אומהיילבאַרע קראַנקייט, און דעם 2טן דעצעמבער 1938, אין עלטער פון קוים 55 יאָר, האָט זי דער טויט אַוועקגעריסן. פאַניע סוראוויטש, ווי זי האָט געהייסן פון דער היים, אַ קינד פון אַ פאַרמעגלעכער אי־ דישער משפּחה אין ווילנע, איז שוין אין עלטער פון 17 יאָר אַריין אין „בונד״. אין 1904 ווערט זי אַרעסטירט, דאָס איז געווען גראָד אין דער צייט, ווען פראַנץ איז געזעסן אין דער תפיסה אין ווילייקע. באַפרייט געוואָרן איז זי ערשט סוף 1905, נאָך דער אַמנעסטיע פון 17טן אָקטאָבער. פון פאַך אַ דאָקטאָרין, האָט זי מיט דער גאַנצער נשמה זיך אָפּגעגעבן דער זאָרג פאַרן קראַנקן קינד. אַ קורצע צייט האָט זי געאַרבעט אין אַ שווייצאַרישער סאַנאַטאָריע פאַר טובערקו־ לאָזע קינדער. אין בערלין און אין פּאַריז האָט זי געאַרבעט אין די קינדער־אַנשטאַלטן פון „אָזע״. איר פריצייטיקער טויט איז געווען אַ ווייטיקדיקער פאַרלוסט פאַר אַלע אירע פריינט און חברים און אַ באַזונדערס שווערער קלאַפּ פאַר חבר קורסקי.

. . . 1939 איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון דעם אומרואיקן שלום־ פּעריאָד, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען ניט מער ווי אַ וואָפנשטילשטאַנד. עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה, עס קומט די פראַנצוי־ זישע קאַטאַסטראָפע און פאַר קורסקי׳ן הויבט זיך אָן אַ נייער קאַ־ פּיטל פון וואַנדערן. ביז צו די סאַמע לעצטע טעג האָט ער אַלץ גע־ טאָן כדי אַרויסצוראַטעווען דעם אַרכיוו פון פּאַריז. דאָס איז, אָבער, אין דער מהומה, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט פראַנקרייך, גע־ ווען אַבסאָלוט אוממעגלעך. ער באַווייזט קוים, אין דעם לעצטן מאָ־ מענט, זיך אַליין אַרויסצוראַטעווען. נאָך חדשים פון נע ונד זיין גיט

זיך אים איין צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע חברים און פריינט, אַ דאַנק דער הילף פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, צו פאַרלאָזן פראַנקרייך, און אָנהויב אָקטאָבער 1941 איז קורסקי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אין אַמעריקע האָט פראַנץ זיך באַגעגנט מיט אַ צאָל באַקאַנטע און חברים פון אַמאָל. זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען און זיין גרויסן מאָראַלישן פּרעסטיזש האָט ער, אָבער, אויסגענוצט פאַר איין און אייג־ציקן צוועק: צו העלפן, ווי ווייט נאָר מעגלעך, אַלע חברים און באַ־קאַנטע, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף יענער זייט ים.

די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע איז, נאַטירלעך, געווען אויס׳פּועל׳ן וויזעס. האָט ער אָפּגעגעבן אַן אַ שיעור צייט כדי צו באַ־זאָרגן דעם אַרבעטער־קאָמיטעט מיט די נויטיקע אינפאָרמאַציעס, אויפזוכן פאַרבינדונגען א. אַז. וו. ער האָט, אָבער, אויך אָפּגעגעבן ניט ווייניק צייט פאַר „קלייניקייטן", ווי שיקן אַ פּעקל, ענטפערן אויף אַ בריוו, באַזאָרגן אַ חבר מיט אַ בוך אָדער מיט אַ צייטונג, אָנשרייבן אַן אַדרעס פאַר אַ אידן, וואָס קען זיך אַליין קיין עצה ניט געבן. אַזעלכע „קלייניקייטן" האָט פראַנץ אַפילו געהאַט אין זינען, ווען ער האָט באַזאָרגט ביכער פאַר אַ בונדישער אינסטיטוציע. כאַראַקטעריס־טיש זיינען די ווייטערדיקע שורות פון אַ בריוו, וואָס עס האָט צו אים געשריבן דער פאַרוואַלטער פון דער מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז:
„ליבער און טייערער חבר קורסקי!

מיר באַקומען כסדר די קליינע קעסטעלעך מיט ביכער, צייט־שריפטן און פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וועלכע איר שיקט אונז דורכן אי־דישן אַרבעטער־קאָמיטעט. מיר דאַנקען אייך גאָר האַרציק און חבריש. אין די לעצטע קעסטעלעך האָבן מיר געפונען שאָקאָלאַד, זייף, טאַשן־טיכלעך, אַ פּאָר זאָקן, אונטערוועש און דריי בלייפעדערס. מיר דאַנקען אייך פאַר די אַלע זאַכן . . . "

פּאַראַלעל מיט דעם האָט פראַנץ גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד". די גרינדונג פון „אונזער צייט", אַ פּאָר חדשים נאָך זיין אָנקומען (דער ערשטער נומער דערשינען — פעברואַר, 1941), איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען זיין איניציאַטיוו. ביז זומער 1947 (ביז דער צייט, ווען עס האָט זיך אויפגעלייזט די אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן) איז ער געווען דער טרייבנדיקער כוח אין דער רעדאַקציע. און אויך דאָ האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבעט. ער האָט געשריבן אַרטיקלען, רעדאַקטירט, געפירט די קאָ־

רעספּאָנדענץ, געלייענט קאָרעקטור און זיך אויך אָפּט פאַרנומען מיט דער נויטיקער טעכנישער אַרבעט, ווי פּאַקן, טראָגן פּעקלעך צו דער פּאָסט א. אַז. וו.

און דאָך האָט זיך פראַנץ די לעצטע יאָרן געפילט עלנט. די גרויסע טראַגעדיע פון אונזער פאָלק און די שווערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן אים, נאַטירלעך, טיף דערשיטערט. עס איז, אַחוץ דעם, אים געווען שווער זיך אַריינצופּאַסן אין די נייע באַדינגונגען, ער האָט דאָך געהערט צו אַן אַנדער דור, צו אַ דור פון מאָראַלישע עקשנים, אַ דור, וואָס האָט קיין מאָל ניט געקענט שלום מאַכן מיט די נויטיקע פּראַקטישע קאָמפּראָמיסן. עס האָט אים, אַחוץ דעם, געפעלט דער אַרכיוו, זיין לעבנס־אַרבעט און לעבנס־אויפטו.

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַדייטנדיקסטער טייל פון אַרכיוו איז געראַטעוועט געוואָרן, איז עס פאַר אים געווען אַ גרויסע דערמוטיקונג. ער האָט גענומען זיך גרייטן אוועקצופאָרן קיין פּאַריז, זיך אָפּזאָגן פון אַלע אַרבעטן און ענדלעך צוצוטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם גרויסן פּלאַן וועגן אַרויסגעבן די מקורות צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך געהאַט בדעה צו שרייבן אַ ריי מאָנאָגראַפישע שטודיעס וועגן ספּעציעלע ענינים אין שייכות מיט דער געשיכטע פון אידישן סאָציאַליזם. ער האָט שוין באַוויזן צו מאַכן כמעט אַלע צוגרייטונגען און ער האָט שוין געשריבן זיין טאָכטער אין לאָנדאָן און זיינע פריינט אין פּאַריז, אַז גאָר באַלד וועט ער זיין אין אייראָפּע. „מיינע צוגרייטונגען צו דער נסיעה קיין פּאַריז — האָט ער געשריבן אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו (אָקטאָבער 14, 1949) — ענדיקן זיך. אין געציילטע וואָכן בין איך פאַרטיק". לײדער, האָט אים דער גורל מער ווי געציילטע וואָכן ניט געשענקט. אָנהויב נאָוועמבער 1949, איז חבר קורסקי קראַנק געוואָרן און דעם 17טן יאַנואַר 1950 איז ער פון אונז אַוועק.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט פ. קורסקי אָנגעהויבן אין דייטש. אין די יאָרן 1901־1902 און 1905־1906 געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער ביים בערלינער „פאָרווערטס". שפּעטער געאַרבעט אין פאַרשיידענע דייטשע אַרבעטער־צייטונגען אין דייטשלאַנד, עסטרייך, שווייץ.

„אידיש געשריבן פון צייט צו צייט אין די אַלטע בונדישע

אויסגאַבעס. שפּעטער אָנגעהויבן שרייבן אידיש ערשט אין 1919 אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפט" — אַ דאַנק דער שטענדיקער פריינטלעכער דערמוטיקונג פון ח' ליעסין — שפּעטער אויך אין „וועקער", „פריינד"; די לעצטע יאָרן — אין דער בונדישער פּרעסע אין פּוילן: „פאָלקס־צייטונג", „אונזער צייט", „לאָדזשער וועקער" (פון אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ).

פאַר די לעצטע יאָרן, אין ניו־יאָרק, האָט קורסקי דער עיקר געשריבן אין „אונזער צייט" און אין „וועקער".

אַחוץ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען האָט קורסקי פון צייט צו צייט אויך געשריבן לידער, סיי אין דייטש און סיי אין אידיש. ער האָט בכלל געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער אידישער ליטעראַטור און פאַרן אידישן בוך און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער אידישער פּאָעזיע. מיר ברענגען דאָ איניקע אויסצוגן פון זיינע לידער אין אידיש, וועלכע האָבן באַזונדער'ס אַ ביאָגראַפישן אינטערעס. אַזוי, למשל, שילדערט ער אונז זיין געבוירן־שטעטל בויסק:

צוויי טייכן גיסן זיך צונויף,
אַ בערגל אין מיטן־דערינען,
און פון אַ הערצאָגלעכן הויף —
שטויב און אַלטע רואינען.

און באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —
קליינינקע, ציכטיקע הייזלעך;
אַ מאַרק אין סאַמע מיטן שטאָט,
צוויי מילן, איניקע ברייזלעך.

אָט דאָס איז אונזער ליבע בויסק!
גרויס ווי אַ מיטעלער גענעץ,
אַ אידיש־לעטיש־דייטשע שטאָט,
נאָענט פון ליטווישן גרענעץ.

— — — — — — — — — —

קינדהייטס־זכרונות, טרויער און פרייד,
אַלטע, פאַרוועלקטע בלומען . . . .
וועל איך אַמאָל נאָך ווען שטילערהייט
צוריק אויפן באַרג אַרויפקומען? . . . . . .

. . . פון פעלד־וועג ווייט אַ גלעקעלע קלינגט,
די פערדעלעך פליען און יאָגן,
דער בעל עגלה דרעמלט און זינגט . . .
ניט איך, אָבער, זיץ אויפן וואָגן . . .

דאָס ליד „בויסק" איז געווען פאַרעפנטלעכט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אַנדערע לידער פון יענער צייט זיינען געווייִנטלעך אויף סאָציאַל־פּאָליטישע טעמעס. מער פּערזענלעך זיינען די לידער פון די לעצטע יאָרן. די וויטערדיקע שורות, צום אָנדענקען פון זייַן פאַרשטאָרבענער פרוי, האָט ער געשריבן, שוין זייענדיק אין ניו־יאָרק:

וויסטו, וואָס עס מיינט: קיין מאָל ניט מער —
ס'וועט קיין מאָל ניט זיין מער קיין ווידערקער?
וויסטו וואָס עס מיינט: אויף אייביק אַ סוף?
ניט וואַרט מער, ניט בענק און ניט האָף?

— — — — — — — — — —

געווען אַמאָל פרייד, געטאָפּלט דורך צוויי,
געטיילט אויף דער העלפט געווען פּיין און וויי.

געווען און ניטאָ — און ס'וועט מער ניט זיין.
געלאָזן מיך איינזאַם אַליין מיט מיין פּיין . . .

פון דעם ניו־יאָרקער פּעריאָד זיינען אויך די וויטער געבראַכטע שורות. זיי שפּיגלען אָפּ דעם זעלביקן געמיט־צושטאַנד:

דער טאָג איז קורץ, דער וועג איז לאַנג,
פאַר מידע פיס — אַ שווערער גאַנג.
און ס'איז אפשר דער לעצטער וועג
און אפשר שוין די לעצטע טעג.

פיר קינדער . . . מיט טאַטע מאַמען,
זיינען זעקס מיר געווען צוזאַמען.
פינף קברים צעוואָרפן איבער דריי לענדער
און איך — פאַרוואָרפן אַהער אַליין.

ווייט פון זיי אין אַ פרעמדן לאַנד
וועט מיין קבר שטיין.

געווען ביי אים אויך מאָמענטן פון מער מוטיקע שטימונגען. דער שווערער לעבנס־וועג איז דאָך אויך אַ וועג פון האָפענונג און גלויבן:

צי איך ווייס דאָס גליק צו זוכן —
שטילע פרייד און זונענשיין;
— — — — — — — — — — —

ערגעץ וואו איז עס פֿאַרבאָרגן,
ערגעץ וואו ווייט איבערן ים,
וואו אָן נויט, אָן צער און זאָרגן
וואַקסט און בליט אַ יונגער שטאַם.
— — — — — — — — — —

וואו דער קאָפּ איז ניט געבויגן
און דער רוקן ניט געקרימט,
און עס לייכטן דיינע אויגן,
און דאָס גליק איז דיר באַשטימט.

נאָר אין זיינע ייִנגערע יאָרן האָט ער פֿון צייט צו צייט גע־חתמ׳עט זיינע לידער און אַרטיקלען מיטן נאָמען שמואל קאהן. שפּעטער האָט ער באַנוצט פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען: שמידט, בלומין, שין־קוף (ראשי תיבות פֿון שמואל קאהן), פֿראַנץ, „לאָ־דאָטשניק״, פּ. קורסקי א. אַנד.

אין דער זאַמלונג, וועלכע מיר גיבן דאָ איבער דעם אידישן לייענער, זיינען אַריין בלויז אַ טייל פֿון פּ. קורסקי׳ס שריפֿטן. די פֿראַגע וועגן דעם געהעריקן אָפּקלייב איז, נאַטירלעך, געווען זייער אַ שווערע. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביים כּלל, אַז קודם כּל דאַרפֿן אַריינגיין די גרעסערע מאָנאָגראַפֿישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען שייך צו דער געשיכטע פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און די וויכטיקערע ביאָגראַפֿישע עסייען וועגן אידישע סאָציאַליסטן און אַרבעטער־פֿירער. אַלץ, וואָס קורסקי האָט וועגן די ענינים גע־שריבן, האָט אַ גרויסן היסטאָרישן אינטערעס. ער האָט תּמיד געשעפּט פֿון די ערשטע קוואַלן און אין אַ סך פֿאַלן איז ער געווען אַ דירעקטער עדות פֿון די געשעענישן. אין איינצלנע פֿאַלן איז אונז אויסגעקומען געוויסע שטעלן אויסצולאָזן, מחמת דער זעלביקער ענין ווערט באַ־האַנדלט אויספֿירלעכער אין אַן אַנדער אַרטיקל.

דער היסטאָריקער פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועט מיטן גרעסטן אינטערעס לייענען קורסקי׳ס אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּיאָנערן־תּקופֿה פֿון „בונד״. נישט וויניקער ווערטפֿול זיינען קור־סקי׳ס באַמערקונגען און פֿעסטשטעלונגען — צעוואָרפֿן איבער פֿאַר־שיידענע אַרטיקלען — בנוגע דער אַנטוויקלונג פֿון נאַציאָנאַלן געדאַנק אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווי דער בעסטער קענער פֿון יענער תּקופֿה האָט ער ענדגילטיק געמאַכט אַ סוף מיט דער לעגענדע, אַז זיין פּראָגראַם פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָ־

נאָמיע האָט דער „בונד״ איבערגענומען ביי די עסטרייכישע סאָציאַ־ליסטן. מיט דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, האָט קורסקי מיט דער גרעסטער שאַרפקייט באַטאָנט, האָבן זיך די בונדישע פּיאָנערן, ווי דזשאָן מיל און וולאַדימיר קאָסאָווסקי, פאַרנומען אַ צייט פריער, „איידער עס האָט זיך באַוויזן די עסטרייכער סאָציאַליסטישע לי־טעראַטור אַרום דער פראַגע״.

אָבער אפשר נאָך וויכטיקער, סיי פאַרן היסטאָריקער, און סיי פאַרן אַלגעמיינעם לייענער, זיינען די מאָנאָגראַפיעס פון אַ ריי בונדישע פירער און טוער. מיט וויפל ליבע און פאַרשטענדעניש עס ווערן אָפּט באַשריבן אין פלוג צופעליקע פּרטים, וועלכע האָבן, אָבער, אַ באַדייטיקן מענטשלעכן אינטערעס. די באַוועגונג, די גרויסע אידעען און אידעאַלן, האָבן פאַר אים קיין מאָל נישט פאַרשטעלט דעם מענטשן. זיין גרויסע ליבע צום „בונד״ און צום סאָציאַליזם איז קיין מאָל נישט געווען קיין אַבסטראַקטע, בלויז אַן ענין פון פּרינציפּן און אידעאָלאָגיע, הגם ער האָט אין דער פולסטער מאָס אָפּגעשאַצט דעם גרויסן מאָראַלישן ווערט פון פעסטע פּרינציפּן. און הגם ער אַליין איז געווען גרייט צו ברענגען, און האָט אָפּט אויך געבראַכט, די גרעסטע קרבנות פאַרן סאָציאַליזם, איז, אָבער, זיין הייליקסטער מאָראַלישער פּרינציפּ געווען — סאָציאַליזם פאַרן מענטשן.

מיטן טויט פון פראַנץ קורסקי איז פון אונז אַוועק איינע פון די וואונדערלעכסטע געשטאַלטן, וואָס די בונדישע באַוועגונג האָט אַרויס־געגעבן. שטיל און באַשיידן איז ער דורכגעגאַנגען זיין לעבנס־וועג. ער האָט קיין מאָל ניט פאַרנומען קיין פּלאַץ אויבן אָן און ער האָט אויך קיין מאָל ניט געהאַט די אַמביציע צו זיין אַ פירער. און דאָך איז ער געווען איינער פון די וויכטיקסטע פירער און לערער פאַר דורות אידישע סאָציאַליסטן. אַנדערע האָבן אונז געלערנט די תורה פון סאָציאַליזם, פראַנץ קורסקי איז אַליין געווען סאָציאַליזם, און ער האָט אונז געוויזן, וואָס עס הייסט לעבן ווי אַ סאָציאַליסט, וואָס עס באַדייט אָנהויבן סאָציאַליזם פון זיך אַליין.

„מיר האָבן פאַרלוירן דעם קרישטאָל־ריינסטן צווישן אונזערע ריינסטע, דעם געטרייסטן צווישן אונזערע געטרייסטע, דעם איבער־געגעבנסטן צווישן אונזערע איבערגעגעבנסטע; דעם, וואָס האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, פון זיינע יינגסטע יאָרן ביז עס האָט ניט געפּלאַצט זיין קראַנק האַרץ, געלעבט נאָר און אויסשליס־

לעך מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן סאָציאַליזם, מיטן „בונד", פאַרגעסנדיק אין גאַנצן אָן זיך, אַריבערטראָגנדיק מיט אַ לייכט געמיט נויט און הונגער, ניט זוכנדיק קיין כבוד, ניט שטופּנדיק זיך קיין מאָל אויבן אָן, ניט פאַרבויגנדיק זיינע איבערצייגונגען, ניט באַ־האַלטנדיק זיינע באַוואָרענישן, ניט מורא האָבנדיק צו בלייבן איינ־זאַם און אַפילו איינזאַם צו שטאַרבן" (ל. הערש, „אונזער צייט", פעב־רואַר, 1950).

שוין ביי זיין לעבן איז דער נאָמען פראַנץ געוואָרן אַ לעגענדע. געווען אַ באַזונדערער כישוף אין דער פּערזענלעכקייט פון חבר קורסקי. עפּעס האָט כסדר אַרויסגעשטראַלט פון זיין וואַרעמער און ליכ־טיקער געשטאַלט, וואָס האָט גוואַלדיק געווירקט אויף זיינע פריינט און חברים. מען האָט אין אים רעספּעקטירט זיין רירנדיקע מענטשלעכ־קייט, זיין סאָציאַליסטישע אויפריכטיקייט, זיין חברשע באַציאונג צו מענטשן, זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן. עס איז אין אים, אָבער, געווען עפּעס נאָך מער, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן אין ווערטער: עס איז געווען דער צויבער פון אַ הייליקער פּערזענלעכקייט.

פראַנץ קורסקי מיט זיין פרוי און טאָכטער אין 1922



לינאַ — קורסקי׳ס טאָכטער

פאַניע סוראוויטש — קורסקי׳ס פרוי

צביון:

מיין פריינט און חבר פראַנק קורסקי

אין זיינע דערינערונגען וועגן זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט מיר שרייבט פראַנק קורסקי:

„ניט ווילנדיק פאַרהאַלט זיך דער געדאַנק ביי די יאָרן, וואָס זיינען אַוועק, און רופט אַרויס אין זכרון אַן אַ שיעור געשטאַלטן, וואָס די ערד האָט שוין לאַנג פאַרשלונגען און וואָס אַפילו פון זייערע קברים איז שוין קיין שפור ניט געבליבן. עס דערמאָנט זיך אַ סטראָפע פון אַ ליד, וואָס מיר פלעגן אַמאָל זינגען:

אין אונזער גאָרטן האָבן געבליט
אַזוי פיל וואונדערבאַרע בלומען.
אַזוי פיל פריינט האָבן מיר געהאַט,
וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

יאָ, אַזוי פיל פריינט האָבן מיר געהאַט! און צביון'ס פריינט זיינען אויך געווען מיינע פריינט. און איצט, ווען איך וויל „עדות זאָגן", קומט מיר מיט וויטיק און צער צום באַוואוסטזיין, אַז פון „אַזוי פיל פריינט" בין איך שוין דער איינציקער, דאָס הייסט דער לעצטער עדות. אויף יענער זייט פון „אייזערנעם פאָרהאַנג" איז אפשר נאָך ווער דאָ, אָבער — „זוך דעם ווינט אין פעלד" . . .

***

איך וויל די זעלביקע ווערטער באַנוצן דאָ, נאָר אַנשטאָט דעם נאָמען „צביון" אַוועקשטעלן דעם נאָמען פראַנק קורסקי.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט און אויך פריינטשאַפט מיט פראַנק קורסקי'ן האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַן ערך 55 יאָר צוריק. דעמאָלט איז 55 יאָר ביי מיר געווען זייער אַ לאַנגע צייט, היינט, אָבער, קוקט עס מיר אויס גאָר ניט לאַנג. מיר זיינען ביידע געווען נאָך יונגע בחורים אין אַן עלטער, ווען ס'איז לייכט צו שליסן פריינטשאַפט. זיין נאָמען איז דעמאָלט געווען שמואל קאַהאַן און מיין נאָמען איז געווען בנציון האָפמאַן. מיר זיינען נאָך ביידע געשטאַנען ביי דער סדרה בראשית. עס זיינען נאָך

געוועז די אַנפאַנגס־יאָרן פון אונזער באַקאַנטשאַפט מיט דער סאָציאַ־ליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיר האָבן נאָך ניט געדאַרפט בייטן אונזערע נעמען. איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען, ווער פון אונזביידן האָט דעמאָלט געוואוסט מער וועגן סאָציאַליזם. איך געדענק, אָבער, גוט, אַז מיר ביידע האָבן גלייך געוואָלט אָפשאַפן דעם צאַריזם אין רוסלאַנד און איינפירן אַ רעפובליק, אין וועלכער מען זאָל קענען שפּעטער שאַפן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אויף וויפל איך געדענק, האָט דאָס מיר דעמאָלט אויסגעוויזן צו זיין גאַנץ איינפאַך.

איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט קורסקי׳ן אין דער שטאָט מיטאו, אין קורלאַנד, אָדער „מיטאַווע״, ווי אידן פלעגן עס רופן. איך האָב דע־מאָלט געלעבט אין ריגע. מיטאו איז אַ שעה רייזע מיט דער אייזנבאַן פון ריגע, און איך פלעג מיט חברים פון צייט צו צייט צופאָרן אויף אַ טאָג אָדער צוויי זיך טרעפן מיט באַקאַנטע, פאָרן מיט אַ שיפל אויפן טייך „אאַ״, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער און דיסקוטירן די צו־קונפטיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. מיר פלעגן זיך געוויינטלעך טרעפן אין אַ הויז פון אַ באַקאַנטער אינטעליגענטער פאַמיליע מיט דעם נאָמען בלום. דער הויפּט־באַקאַנטער מיינער אין דער פאַמיליע איז געוועזן איינער פון די זין, הערמאַן. ער איז געוועזן דער עלטסטער אין אונזער כנופיה און דאַכט זיך אויך דער געלערנטסטער. ער איז געוועזן אַ טרוקע־נער בחור, דערצויגן אויף די דייטשע קלאַסיקער און אויף מאַטעמאַטיק, מיט אַ גראָדער טרוקענער לאָגיק און מיט אַ גאַנץ גוטער באַקאַנטשאַפט מיט דער טעאָריע פון סאָציאַליזם. פראַנץ קורסקי דערמאָנט אים אין איינער פון זיינע דערינערונגען, וואָס ווערן דאָ געדרוקט אין דעם בוך. די פאַמיליע בלום בכלל איז געוועזן אַ גאַנץ פריינטלעכע. דער הויפּט פון דער פאַמיליע איז געוועזן איינער פון די אַלטע משכילים און האָט אַמאָל געשריבן אין „המליץ״. און אָט אין דעם הויז האָב איך זיך איין מאָל געטראָפן מיט שמואל קאַהאַן (קורסקי) און דאָס איז געוועזן אַן אָנפאַנג פון אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט און וואָלט אָנגעהאַלטן לענגער, ווען דער טויט וואָלט עס ניט איבערגעריסן.

איך פּרוביר זיך עפּעס דערמאָנען פון יענער ערשטער באַגעגעניש, וואָס איז געוועזן אַן אָנפאַנג פון אַזאַ לאַנגער אָנהאַלטנדיקער פריינטשאַפט. אָבער איך געדענק בלויז, ווי מיין נייער באַקאַנטער האָט דעמאָלט אויס־געזען. איך האָב אַ בעסערן זכרון פאַר געזיכטער ווי פאַר געשפּרעכן.

מיין נייער באַקאַנטער שמואל קאַהאַן איז געוועזן אַ בלאָנדער, שלאַנקער יונגערמאַן, אַ רעכט־ביסל קורצזיכטיק און אַ געבאָרענער

פון דער קורלענדישער שטאָט בויסק. זיין בויסקער אָפּשטאַם איז אפשר געווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו אונזער שנע־לער באַקאַנטשאַפט, ווייל איך אַליין האָב אויך געהאַט אַ שייכות צו בויסק. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ טייל פון מיינע יינגלשע, אָדער ריכטיקער, אָנפאַנג־בחור׳שע יאָרן און האָב דאָרטן געקראָגן מיין ערשטע בילדונג. מיר האָבן געקענט ריידן אַ רעכט ביסל וועגן בויסק און וועגן די מענטשן, וואָס זיינען אונז דאָרטן געווען באַקאַנט.

מיר האָבן ביידע ליב געהאַט צו ריידן אַפילו אין דער לעצטער צייט וועגן אונזערע געמיינשאַפטלעכע באַקאַנטע פון אונזערע יינגערע יאָרן. מיר האָבן אַן ערך אַ יאָר פאַר זיין טויט זיך דערוועדט וועגן אונזערן אַ געמיינשאַפטלעכן באַקאַנטן פון בויסק, וואָס האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג סיי אויף אים, סיי אויף מיר אין אונזערע יוגנט־יאָרן, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן בשותפות עפּעס אָנשרייבן וועגן אים.

דער באַקאַנטער איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען מיט אייניקע יאָר עלטער פון אונז. זיין נאָמען איז געווען יאַנקל עפראַימזאָן, אַ זון פון ר׳ יקותיאל דעם דיין. אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעכע פע־איקייטן. ווען ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט לערנען גמרא און פוסקים, וואָלט ער געקראָגן דעם נאָמען עילוי, אָבער ער האָט זיך גראָד אָפּגעגעבן אויך מיט לערנען שפּראַכן און מיט מאַטעמאַטיק און פיזיק. ער האָט אַלץ געלערנט אַליין אָן אַ לערער. נאָר עפּעס איז, ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, געווען ניט אין גאַנצן אין דער אָרדענונג אין זיין פּסיכישן צושטאַנד. עס איז עפּעס געווען אין אַ שטאַרקערן גראַד ניט אין דער אָרדענונג מיט זיינעם אַן עלטערן ברודער און אַ שוועסטער. עס הייסט, אַז עס איז געווען עפּעס אין דער פאַמיליע. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין פראַנקפורט אַן מאַין, האָט גע־שריבן אין וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און אויך וועגן חכמת ישראל און אַז זיין פּסיכישער צושטאַנד איז געוואָרן ערגער. איך פאַרצייכן עס דאָ, ווייל עס איז געווען דער וואונטש פון פראַנץ קורסקי׳ן, אַז מיר ביידע זאָלן וועגן אָט דעם אויסערגעוויינטלעכן באַקאַנטן אונזערן עפּעס אָנ־שרייבן. מיר האָבן ביידע געהאַט צו אים אַ געוויסע פּיעטעט. האָט דער טויט, אָבער, זיך אַריינגעמישט און צעשטערט אונזער באַשלוס עס צו שרייבן בשותפות. זאָל דעריבער דאָ כאָטש עטוואָס פאַרצייכנט ווערן פון איינעם פון אונז, וואָס קען עס נאָך טאָן.

וואָס מיר האָט אין מיין נייעם פריינט שמואל קאַהאַן עפּעס ניט

געשטימט, איז געווען זיין באַשעפטיקונג. ער איז נעמלעך דעמאָלט גע־ווען אַ קאָמי וואָיאַזשאָר, אַ געשעפטס־רייזנדער, ווי מען האָט עס גערופן אין קורלאַנד. עפּעס האָט זיך מיר דעמאָלט ניט אַזוי גוט געפּאָרט סאָציאַליזם און רעוואָלוציע מיט אַ געשעפטס־רייזנדן. רעוואָלוציע, סאָציאַליזם האָט זיך ביי מיר געפּאָרט מיט סטודענטן, מיט פּראָפעסיאָ־נעלע אינטעליגענטן, מיט אַרבעטער, אָבער ווי קומט דערצו אַ געשעפטס־רייזנדער? נאָר עס האָט זיך גראָד זייער גוט געפּאָרט. איך האָב מיט דער צייט פון דעם געשעפטס־רייזנדן שמואל קאַהאַן זיך דערוואוסט וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ סך מער ווי פון די סטודענטן און פּראָפע־סיאָנעלע אינטעליגענטן. ער האָט זיינע געשעפטס־פאַרבינדונגען געהאַט אין פּוילן, אָנפאַנגס, דאַכט זיך, הויפּטזעכלעך אין לאָדזש, שפּעטער אין וואַרשע און דאָרטן האָט ער געלערנט וועגן דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אַ סך מער, ווי מיר האָבן עס אין יענער צייט געקענט לערנען אין ריגע. ערשט שפּעטער האָט ריגע צוליב דער לעטישער אָדער לאַטווישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָנגעפאַנגען דעריאָגן, וואָס זי האָט פריער פאַרשפּעטיקט.

***

איך גלויב ניט, אַז פראַנץ קורסקי האָט אין דער צייט פון אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַפילו גע׳חלומ׳ט, אַז ער וועט שפּילן אַזאַ וויכ־טיקע ראָלע אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין יענער צייט, ווען מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן, זיינען מיר ביידע געווען מער קאָסמאָפּאָליטיש ווי אידיש. פון „בונד" האָבן מיר נאָך דעמאָלט ניט גע־וואוסט. ער האָט דעמאָלט ערשט געהאַלטן אין ווערן. מיר האָבן דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט פון נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. מיין סאָציאַליזם איז דעמאָלט נאָך געווען אין גאַנצן אַ ריין טעאָרעטישער. קורסקי האָט שוין דעמאָלט אויך געוואוסט אַ ביסל וועגן פּראַקטישן סאָציאַליזם, ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (פּ. ס. ד.), אָבער אויך זי איז דעמאָלט געווען קאָסמאָפּאָליטיש. דעם וועג צום „בונד" האָבן מיר ביידע ערשט געפונען שפּעטער, און אויב איך מאַך קיין טעות ניט, האָבן מיר ביידע אים געפונען כמעט אין דער זעלבער צייט.

און אויב קורסקי האָט אין דער צייט פון אונזער ערשטער באַקאַנט־שאַפט ניט גע׳חלומ׳ט, אַז ער וועט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט אים זיכער דעמאָלט אַפילו ניט געקענט איינפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז ער וועט ווערן אַ אידישער שרייבער. איך בין דעמאָלט געשטאַנען אַ רעכט ביסל נאָענטער צו אי־

דיש, ווי ער, און אויך מיר איז דעמאָלט ניט איינגעפאַלן צו חלומ׳ען, אַז איך וועל זיין אַ אידישער שרייבער. איך האָב, אָבער, אַ חשד, אַז וועגן שרייבן דייטש האָט ער יאָ געמוזט חלומ׳ען. איך האָב אַ גוטן גרונט חושד צו זיין, אַז ער האָט שוין דעמאָלט אָנגעפאַנגען שרייבן לידער אין דייטש.

אָבער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד האָט מיט מענטשן פאַסירט אַ סך זאַכן, וואָס זיי האָבן ניט דערוואַרט. דערצו האָט טאַקע פראַנץ קורסקי געהאַט אַן איינגעבאָרענעם טאַלאַנט צו שרייבן. ער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר און אַ בילדלעכע שפּראַך מיט אַ ליבע פאַר געפליגלטע ווערטלעך און אויסדרוקן. ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור און האָט אַ מאָסע געלייענט אין פאַרשיידענע שפּראַכן. וואו ער האָט גענומען אַזוי פיל צייט צו לייענען, ווייס איך ניט. ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט אָפּגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ער האָט שטענדיק פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ. איך גלויב ניט, אַז עס איז געווען נאָך איינער, וואָס איז געקומען אין פּער־זענלעכן קאָנטאַקט מיט אַזוי פיל טוער און פירער פון דער רעוואָלוציאָ־נערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער, ווי פראַנץ קורסקי. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן זכרון ניט בלויז פאַר דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר אויך פאַר די נעמען פון אירע טוער און פירער. אויף אים האָט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון דער סאָציאַ־ליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דערצו איז ער געווען אַ זייער פּרוכטבאַרער בריוו־שרייבער און ער איז געשטאַנען אין שריפט־לעכער פאַרבינדונג מיט זייער אַ גרויסער צאָל מענטשן. און ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער בריוו־שרייבער. ער איז געווען איינער פון די וויניקע, וואָס האָבן נאָך אויפגעהאַלטן די קונסט פון בריוו־שרייבן, וואָס איז אין אונזער דור שוין כמעט ווי אונטערגעגאַנגען.

פראַנץ קורסקי פלעגט מיר אָפט צושיקן אויסשניטן פון פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז זיי וועלן מיך אינ־טערעסירן. איך פלעג זיך וואונדערן, וואו ער נעמט צייט אַלץ צו לייענען. געוויינטלעך פלעגט ער ביי יעדער אויסשניט, וואָס ער פלעגט מיר שיקן, עפּעס צושרייבן — אָדער עס איז געווען אַ באַמערקונג, אָדער אַן אָנצו־הערעניש.

***

איינע פון מיינע רירנדע באַגעגענישן מיט פראַנץ קורסקי׳ן איז גע־ווען אין יאָר 1921. איך האָב זיך מיט אים דעמאָלט געטראָפן אין בערלין,

ווען איך האָב געמאַכט אַ לענגערע רייזע איבער דער וועלט און זיך אויך געקליבן אַריינצופאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב געפונען קורסקי׳ן אין אַ זייער שלעכטן פיזישן צושטאַנד און אין זייער אַ גע־דריקטן גייסטיקן צושטאַנד. קורסקי איז געווען קראַנק, קען מען זאָגן, אויף אַלע זיינע אברים. ער האָט געטראָגן דריי פּאָר ברילן אויף זיינע קראַנקע אויגן; ער האָט געטראָגן אויסערגעוויינטלעך גרויסע שיך אויף זיינע קראַנקע פיס. עס איז אים געווען שווער צו זען און נאָך שווערער צו גיין. דערצו האָט ער שטאַרק געליטן פון אַ לונגען־קראַנקייט און עס איז אים געווען שווער צו ריידן. מיר האָט פאַרדריקט דאָס האַרץ, ווען איך האָב אים דערזען. און ניט בעסער איז געווען זיין געמיט־צושטאַנד.

עס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע מאַכט האָט גע־מאַכט אַ סוף צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרוזינישער רעפּובליק, פון וועלכער פראַנץ קורסקי איז געווען דער פאַקטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, הגם אָפיציעל האָט ער דעם נאָמען ניט געטראָגן. נאָר עס גייט ניט אין דעם נאָמען. קיין בעסערן פאַרטרעטער אין בערלין האָט די גרוזינישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק ניט געקענט געפינען. פראַנץ קור־סקי האָט געהאַט די בעסטע פאַרבינדונגען מיט דער דעמאָלטיקער רע־גירונג פון דייטשלאַנד, אין וועלכער די סאָציאַליסטן האָבן פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. קורסקי האָט זיך געקענט פּערזענלעך מיט דעם סאָציאַליסטישן פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק פרידריך עבערט און ער האָט זיך געקענט פּערזענלעך מיט אייניקע סאָציאַליסטישע מי־ניסטאָרן, רייכסטאַג־אָפּגעאָרדנעטע און מיט אַנדערע איינפלוסרייכע פּערזאָנען.

קורסקי האָט זיך געפילט אַזוי שטאַרק נידערגעשלאָגן, ווען „זיין" גרוזינישע רעפּובליק איז צעשטערט געוואָרן, אַז ער האָט וועגן דעם רואיק ניט געקענט ריידן.

איך האָב זיך דעמאָלט אין דעם פּרט געפונען אין אַן אומבאַקווע־מער לאַגע. איך האָב נעמלעך דעמאָלט געפונען אין בערלין נאָך מיינעם אַ נאָענטן חבר פון „בונד"; דאָס איז געווען קאַיגען, וועלכער איז פאַר מע־רערע יאָרן געווען אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד". ער איז, אָבער, געווען דער פאַרטרעטער אין בערלין פון דער סאָוועטישער מאַכט, אָפיציעל — קורסקי׳ס אַ שונא. איך האָב געזען, אַז קורסקי׳ן האָט עס זייער שטאַרק וויי געטאָן, ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט קאַיגענ׳ען. איך האָב געזען טרערן אין זיינע אויגן. איך האָב זיך מיט קאַיגענ׳ען געטראָפן נאָך אַ פּאָר מאָל, ווייל איך האָב ביי אים געדאַרפט קריגן אַ וויזע צו פאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער איך האָב

מער קיין מאָל ניט דערמאָנט קאַיגענ׳ס נאָמען פאַר קורסקי׳ן, מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן כמעט יעדער טאָג פאַר דער צייט, וואָס איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין בערלין. קורסקי האָט געקענט ליב האָבן מענטשן, אָבער ער האָט אויך געקענט פיינט האָבן.

איך האָב קורסקי׳ן געפונען אין אַ סך בעסערן צושטאַנד קערפּערלעך און גייסטיק, ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אים אין בערלין אין יאָר 1931. ער האָט געהאַט אין זיך, אויסער אַ גרויסער גייסטיקער קראַפט, אויך אַ שטאַרקע לעבנס־קראַפט, ווען ער האָט געקענט אַריבערטראָגן אַזוי פיל פיזישע און גייסטיקע ליידן אין פאַרלויף פון זיין לעבן.

און אפשר איז דאָס געווען די קראַפט פון אַן אידעע, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות. ער האָט אַלע מאָל געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז זיין פּערזענלעך לעבן איז אַ גאַנץ זייטיקע זאַך און אויך ניט קיין וויכטיקע זאַך. ער האָט פּאַקטיש זייער ווייניק גערעדט וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן, הגם איך ווייס, אַז ער האָט אויך געהאַט גליקלעכע טעג אין זיין לעבן. איך ווייס עס, אָבער, ניט דירעקט פון אים. פאַר די לאַנגע יאָרן, וואָס אונזער פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן, האָט ער מיט מיר זייער ווייניק גערעדט וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן.

איך וועל ענדיקן מיט איבער׳חזר׳ן נאָך אַ מאָל די עטלעכע קורצע שורות, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפאַנגען:

אין אונזער גאָרטן האָבן געבליט
אַזוי פיל וואונדערבאַרע בלומען.
אַזוי פיל פריינט האָבן מיר געהאַט,
וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

פון פראַנץ קורסקי׳ס
ליטעראַרישער ירושה

I

ערב „בונד״

דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צייכנט זיך אויס מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. געוויס, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין יעדער לאַנד און ביי יעדער פאָלק ווייזט אַרויס געוויסע אינדיווידו־עלע שטריכן. אין אַן אינדוסטריעל אַנטוויקלטן לאַנד טראָגט די באַווע־גונג אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי אין אַן אַגראַר־לאַנד; אין אַן איינהייטלעך־נאַציאָנאַלער מלוכה, ווי, למשל, אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך, איז זי אַנדערש ווי אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, למשל — אין אַמאָליקן עסטרייך. דער גרונט־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג ווערט באַשטימט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, פון נאַציאָנאַלן באַ־שטאַנד און דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער מלוכה. און זיכער וואָלט מען געקענט אַרויסגעפינען אַ גאַנץ שטאַרקע ענלעכקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג ביי פאַרשיידענע פעלקער, וואָס לעבן אין אומגעפער גלייכע באַדינגונגען, למשל — אין די דריי סקאַנ־דינאַווישע לענדער און פינלאַנד, אין ליטע און לעטלאַנד א. אַנד.

ניטאָ, אָבער, קיין צווייטע באַוועגונג, וואָס זאָל אין איר כאַראַקטער, אין איר אַנטוויקלונג און פּראָבלעמאַטיק ענלעך זיין צו דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואָרעם ס׳איז ניטאָ אויך קיין אַנדער פאָלק, וואָס זאָל ענלעך זיין צום אידישן פאָלק: מלוכה׳לאָז, טערי־טאָריעל ניט קאָנצענטרירט, דורך דורות און דורות בייזוויליק גע׳רודפ׳ט פון אַלע רעאַקציאָנערע כוחות, אַרומגערינגלט מיט שנאה אָפּטמאָל אַפילו פון די גע׳רודפ׳טע קלאַסן פון אַנדערע פעלקער — ווי „פרעמדע" און אַנדערש־גלויביקע, און דעריבער שוצלאָזע.

וואו האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער סאָצי־אַליסטישער באַוועגונג ביי אידן? אין צאַרישן תחום, וואו די אידן האָבן געלעבט אין מער אָדער ווייניקער קאָמפּאַקטע מאַסן אויף אַ שטח לאַנד, וואו זייער צאָל האָט געהאַט דערגרייכט אַרום 6 מיליאָן נפשות. דער שטח לאַנד ציט זיך פון שוואַרצן ים ביז צום באַלטישן. אין דרום איז דער גרענעץ־פּונקט פון געבורטס־לאַנד פון אידישן

סאָציאַליזם — די שטאָט אָדעס, האַרט ביים ברעג פון שוואַרצן ים, אין צפון — דווינסק. אמת, דווינסק ליגט ניט ביים ברעג פון באַל־טישן ים; עס ליגט אויף דער ליניע פון ים אין באַלטישן געגנט, און ביים באַגינען פון דער באַוועגונג איז דווינסק געווען אין צפון דער גרעסטער אידישער ישוב מיט אַן אַלט איינגעוואָרצלטער אי־דישער באַפעלקערונג. אָדעס—דווינסק איז די גענויע לענג פון דעם שטח לאַנד. שווערער איז צו באַשטימען די קאָנטורן אין דער ברייט. יענער שטח האָט זיך פון יאָר־צו־יאָר פאַרברייטערט און איז אין מזרח דערגאַנגען ביז דער וואָלגע. אין מערב איז ער אַריבער די גרענעץ־ליניע פון דער צאַרישער אימפעריע און האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער רומעניע, בוקאָווינע און גאַליציע. אידעען און גייסטי־קע שטרעמונגען רעכענען זיך ניט מיט גרענעץ־סלופּעס.

אין די שטורעם־יאָרן פון דער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך די טעריטאָריע פון אידישן סאָציאַליזם געהאַט אויך שטאַרק פאַרלענגערט. זי איז דאַן אין דרום דערגאַנגען ביז באַקו, טיפליס און באַטום, אין צפון ביז פּעטערבורג און ציטאָמיר אַפילו ביז וואָלאָגדאַ.

אָט אין דעם שטח לאַנד איז געבוירן געוואָרן דער אידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט די אידישע סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג, דאָ זיינען אויסגעוואַקסן די אידישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

די פּיאָנערן און די בויער פון אידישן סאָציאַליזם אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע זיינען אַלע אָן אויסנאַם געקומען פון גע־בורטסלאַנד פון אידישן סאָציאַליזם. אהרן ליבערמאַן, לייזער צוקער־מאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, בנימין פייגנבוים, אַב. קאַהאַן, פיליפּ קראַנץ, יעקב מילך, באַראַנאָוו א. אז. וו., א. אז. וו. — אַלע די, וואָס האָבן באַשאַפן דאָס אידישע סאָציאַליסטישע וואָרט אין דער פרייער וועלט, צוערשט אין העברעאיש, שפּעטער אין אידיש, זיינען געקומען פון יענער טעריטאָריע.

די אידישע סאָציאַליסטן זיינען אויף דער טעריטאָריע גופא פון אידישן סאָציאַליזם יאָרן־לאַנג געבליבן שטום. ס'האָט זיך אָנ־געזאַמלט ביי זיי אַ גרויסער מאָראַלישער כוח, זייער געדאַנק האָט זיך פאַרטיפט, אָבער דער רעזשים, אונטער וועלכן זיי האָבן געלעבט, האָט זייער שווער געמאַכט צו פאַרשפּרייטן דאָרטן די סאָציאַליסטישע תורה בכתב. דער ערשטער פּרוואו, וואָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן, שטאַמט פון 1881 — אַ אידישע איבערזעצונג,

שנה ראשונה. Nr. 1. סיון, ה׳ תרל״ז.

(Dritte Auflage)

DIE WAHRHEIT.

מחירה לשנה: 1 דאללאַר; 1 רו״כ: 1½ פלאָרין אָ״וו.; 3 שילליג'ס או מארק: 4 פראנק'ס. כל ארץ לפי מטבעותיה. החותם על מחצית השנה ישלם 60% מן מחיר השנה. את המחיר ישלמו תמיד כראש.

הָאֱמֶת.

מִכְתַּב־עִתִּי חָדְשִׁי.

תכן הענינים: שאלת היהודים. מדוע? (שיר). היהודים בהגריה. תולדות הדרי יונה יעקבי ומפעלותיו. ילדי יום (ספור). ערב־רב. ידיעת ספרים ובקרתם.

שאלת היהודים.

בכל הארצות העומדות על הפרק להכיר את יקר האדם בכל ילוד אשה, נתעוררה שאלה מיוחדת, היא „שאלת היהודים". כדבר העומד חוץ לשאלת חיי־החברה בכלל. לשאלה הזאת אין עוד מקום לעת עתה בארצות המזרח. כי לא עלה שם עוד על לבב איש. לא על לבב העמים הפראים ולא על לבב מושליהם הפרועים עוד יותר מהם, לחשוב לאדם את כל אשר איננו בן־שבטם או בן־בריתם. כמו כן כבר נשכחה „השאלה" הזאת מלב בכל ארצות אמריקה ומערב אירפה. כי שם כבר חדלו האנשים להתיחש על תולדותם או על אמונתם ומושג האדם הניס מפניו את מושגי הלאם והאמונה — לכל הפחות בקרב הנאורים. רק בארצות העומדות על גבול המזרח והמערב. הם מושב שבטי הַפְּלָגִים, רק שם ישאו ויתנו זה כמה בשאלת היהודים. מבלי למצוא פתרון „לחידה הסתומה" הזאת. וכל אשר תקרב ליהודים עת שׁוּיִ־זכותם; כל אשר יוסיפו היהודים לדפוק על דלתות הָאֱמַנְצִפַּצְיָה. וכל אשר תוסיף גם הממשלה להאיר פניה אליהם ולהטות להם אזן קשבת. כן ירבו חלוקי הדעות בשאלת היהודים בקרב הַנאורים אשר לאזרחי הארץ (או העם המושל) וכן תפרוץ מלחמת העט והלשון בין היהודים ומגיניהם מצד אחד ובין מנגדיהם מצד אחר. המלחמה הזאת היא מלחמת האגרוף והערמה, מלחמת השקר והמרמה, אשר תכסה על הסבה האמתית במעיל צדקה. כדי לאחוז את עיני כל־יושבי תבל. אנשי הריב יתאמצו להחליש את מתנגדיהם ולנצחם בכל אופן שיהיה, מבלי שום לב אל האמת. האמת תִּמָּצֵא רק על ידי בקרת חפשית. אשר לא תדע לא אהבה ולא שנאה ולא תהדר פני איש; היא תִמָּצֵא רק על ידי נתוח מדעי בידי מנתח מתון, החפשי מכל משפט־קדום ואשר יחרוץ את משפטו רק על־יסוד הנסיון המוחש והמושכל. אולם במערכות הנלחמים אין מקום לבקרת. כי אם לראיות חותכות. אשר יחתכו עמוק עמוק בבשר אנשי ריבם עד מקום שהיד מגעת; אולם במלחמת החיים אין מקום לנתוח. כי הנתוח נִתָּן להעשות בהשקט ובבטחה רק בבשר המת. אבל לא בבשר החי; רק ההיסטוריה מסוגלת לנתוח מדעי. אבל לא שאלות החיים ההוים, אשר

העקטאָגראַפירט, פון ערשטן נומער „אַרבעטער צייטונג", אָרגאַן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אַ צווייטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן אין קיעוו. די מחברים זיינען נישט באַקאַנט. אָבער נאָך אין 1878 האָט זיך אין דער ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד אין משכילישע קרייזן באַוויזן פון ווין ליבערמאַנ'ס „האמת", (דריי נומערן, 1878־1879). דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פון אַ אידישן סאָציאַליסט צו העלפן פון אויסלאַנד פאַרשפּרייטן דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט אין דער אַלטער היים, און אויך אין אויסלאַנד גופא. מיט אַ 6־7 יאָר שפּעטער איז דערגאַנגען קיין ווילנע און מינסק אויך די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע בראָשור „יהי אור" פון ווינטשעווסקי'ן (1884). די שפּעטערדיקע פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די מיטגלידער פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אין ווילנע, האָבן סיי פון „האמת", סיי פון „יהי אור" גאָרנישט געוואוסט. צו זיי זיינען די אויסגאַבעס ניט דערגאַנגען. דער מקור פון זייער גייסטיקער שפּייז איז אין די ערשטע יאָרן געווען די רוסישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך די אויסגאַבעס פון דער ערשטער מאַרקסיסטישער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" (באַפרייאונג פון אַרבעט).

* * *

אויף דעם אָנגעצייכנטן שטח לאַנד, פון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן, האָבן זיך די אידן, אין קעגנזאַץ צו די אַרומיקע פעלקער, אין גאַנצן נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. זייערע חיונה־קוואַלן זיינען געווען מלאכה, שטאָטישער קליין־האַנדל, שענקעריי און פאַרמיטלעריי צווישן דאָרף און שטאָט, הויפּטזעכלעך האַנדל.

אין דער פאָרשטעלונג פון קונה איז האַנדל אַלע מאָל אָפּנאַרעריי — „ניע אָבמאַניעש ניע פּראָדאַש" (אָן אָפּנאַרעריי וועסטו גאָרנישט פאַרקויפן). ווען דער בעל מלאכה לאָזט זיך גוט באַצאָלן פאַר זיין טרחה, „באַרייסט" ער; מען מעג אומצופרידן זיין מיט אים, אָבער מען פאַראַכט אים נישט. דער הענדלער, ער מעג אין דער אמת'ן פאַרדינען אַ קופּערנעם גראָשן, „נאַרט אָפּ" און מען פאַראַכט אים. אגב, ווען דער האַנדל גייט אויף וואָג און מאָס, איז דער נסיון אָפּצונאַרן זייער גרויס. אין גאַנץ אייראָפּע גייט אַרום אַ ווערטל, אַז די קוילן־ליפעראַנטן ווערן רייך פון דעם טייל קוילן, וואָס זיי ליפערן ניט אָפּ. ווער קען קאָנטראָלירן די וואָג פון אַ וואָגן קוילן ?...
אין באַלטישן געגנט און אין דער ליטע (מסתמא אויך אין אַנדערע

געגנטן) זיינען אין קליין־האַנדל מיט טעקסטיל־סחורה צוויי דורות אַנגעגאַנגען מאַניפּולאַציעס מיט דער דיפערענץ צווישן אַן אייל (לאָקאָט — 12 ווערשאָק אָדער 13?) און אַן אַרשין (16 ווערשאָק). אַט די אַפּנאַרעריי, וואָס איז געלעגן אין כאַראַקטער פון האַנדל, ביי וועלכן לויט אַ גמרא־ווערטל איז נישט די מויז דער גנב נאָר די לאָך, האָט, אויסער דער טראַדיציאָנעלער שנאה צו די אידישע פּאָלקסמאַסן, באַשאַפן אַרום זיי אַן אַטמאָספערע פון פאַראַכטונג, און אַט די פאַראַכטונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן ביי די אידן צו זיך גופא, צו טאַטע־מאַמען, וואָס האָבן געהאָרעוועט איבער די כוחות, געלעבט אין דחקות און צו בעסערע חיונה־קוואַלן קיין צוטריט ניט געהאַט.

* * *

נאָך דעם קרימער קריג (1855), ווען עס הויבט זיך אָן אין צאַרישן רוסלאַנד אונטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן די עפּאָכע פון די אַזוי גערופענע גרויסע רעפאָרמען, דאָס לאַנד הויבט זיך אָן צו אינדוסטריאַליזירן, עס פאַרשטאַרקט זיך פון יאָר צו יאָר דאָס שול־וועזן, דאָס געדרוקטע וואָרט דרינגט אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין די פאָלקסמאַסן, — ווערט די פרעסע, ביי אַ געוויסער אָפּשוואַכונג פון דעם צענזור־רעזשים, אַן איינפלוס־רייכער כוח אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די הויפּט־טעמע פון דער פרעסע פאַר און יאָרן־לאַנג נאָך דער באַפרייאונג פון די פויערים פון פאַנשטשינע (1861) ווערט אין אַלע מעגלעכע וואַריאַציעס — די זאָרג פאַרן מוזשיק, פאַרן פראָסטן פויער. דאָס פויערטום, איבער 80% פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, בויט און קאָרמעט די מלוכה און פירט אַליין אַ היניטיש לעבן. באַרזשעס און שיפן גייען אויף דער וואָלגא אָנגעלאָדן מיט כל־טוב, — און ווער שלעפט זיי מיט קאַנאַטן ביי די ברעגעס פון טייך, באַגיסנדיק זיך מיט שוויס? — דער מוזשיק. מעכטיקע אייזנבאַן־ליניעס שניידן דורך די ריזיקע אימפעריע און דורך טאָג און נאַכט דונערן די צוגן אויף שטאָלענע רעלסן. אָבער אונטער די רעלסן און שפּאַלעס זיינען די וועגן אויסגעלייגט מיט די ביינער פון מוזשיק, וואָס האָט זיי געבויט.

די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, וואָס לויט איר באַוואוסטזיין האָט זי געפירט אַ פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ, האָט באַטראַכט פאַר איר ערשטן מאָראַלישן חוב צו באַפרייען דעם מוזשיק, איר „דערנערער", פון עלנט, נויט און פינצטערניש, וואָרעם דער באַפרייאונגס־אַקט פון 1861 איז געווען ניט מער ווי שווינדל און אָפּנאַרעריי. אַט דאָס איז געווען

דער מאָראַלישער פּאַטאָס פון בעסערן טייל פון רוסישן ליבעראַליזם אין דער עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס גרויסע רעפאָרמען. אין דער אַטמאָספערע האָט זיך אָנהויב 70ער יאָרן אויסגעבילדעט די ערשטע פאָרמאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז „געגאַנגען אין פאָלק", צום מוזשיק, כדי אים צו לערנען ווי זיך אַליין צו באַפרייען. די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס איז „געגאַנגען אין פאָלק", האָט געזעהן אין זיגען בלויז דעם מוזשיק און מיט זיין מאַסן־אויפשטאַנד פאַרבונדן אַלע אירע האָפענונגען. ווען זי איז געגאַנגען אויך צו די שטאָטישע רוסישע אַרבעטער — אין קיעוו, אָדעס א. אַנד., — איז עס אויך געווען בלויז כדי זיי אַרייג־צוציען אין דער מאַסן־באַוועגונג פון די פויערים. עס איז דאָ נישט דער אָרט זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַנטוויקלונג פון יענער באַ־וועגונג. מיר מוזן זיך, אָבער, אָפּשטעלן אויף דעם טראַגישן פלאָנטער, וואָס האָט זיך באַשאַפן אין דער אידעאָלאָגיע פון יענער באַוועגונג בנוגע דער ראָלע פון די אידן, אַ פלאָנטער, וואָס זיינע אָפּקלאַנגען האָבן זיך צענדליקער יאָרן לאַנג געלאָזט פילן און זיינען דערגאַנגען ביז צו אונז אין די סאַמע לעצטע יאָרן (למשל, אין חיים זשיט־לאָווסקי'ס אַרטיקלען בעת דער איצטיקער מלחמה און מיט אַ 30 יאָר צוריק אין סירקין'ס אַרטיקלען). די נאַראָדניקעס האָבן זיך באַמיט צו ווירקן אויף דעם פויער, ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן זיינע שונאים, ער זאָל זיי „געבן קלעפּ". ווער זשע זיינען זיינע שונאים? די וואָס נוצן אים אויס, די וואָס „זויגן זיין בלוט": די צאַרישע מאַכט, די „פּאָמיעשטשיקעס" און אַלע די, וואָס לעבן פון זיין פּראַצע. פון די אַלע קאַטעגאָריעס האָט די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד געפירט צום אידן. די פּראָדוקטן, וואָס דער פויער ברענגט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק, קויפט ביי אים אָפּ דער איד — און „נאַרט" אים אָפּ. כמעט אַלץ, וואָס דער פויער מוז קויפן אין שטאָט פאַר מזומן געלט, מוז ער קויפן ביי אידן — אַ זעג, אַ האַק, אַ פּאָר פונט נעגל, נאַפט, שוועבעלעך, אַ פּאָר אַרשין סיטץ, אַ געבלומטע טיכל א. ד. גל. און דער איד, וועמען ער באַצאָלט זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, „זויגט זיין בלוט". ער איז אַ „פּאַ־ראַזיט", זיין אַרבעט איז ניט „פּראָדוקטיוו"...

די נאַראָדניקעס האָבן לכתחילה זיכער ניט געהאַט אין זינען אַרויסצורופן פּאָגראָמען קעגן אידן. זייער ציל איז געווען אַרויסרופן בונטן און אויפשטאַנדן פון פויערטום קעגן דער צאַרישער מאַכט און די „פּאָמיעשטשיקעס" (די לענדלאָרדס), די זיילן פון צאַריזם. אָבער ווען

די צאַרישע אַגענטן האָבן לויט אַן אויסגעפּרואוווטן מעטאָד אָנגע־הויבן אָפּצואוועגנדן די צעהיצטע שנאה פון פּויערטום אין אַ פאַלשער ריכטונג — קעגן די אידן, און עס איז זיי געלונגען, — האָבן די נאַראָדניקעס באַגריסט די פּאָגראָמען ווי אַן אַקט פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט פון די פּויערים. דאָס איז געווען דער טרויעריק־סטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

וועגן דעם נאָר אַ פּאָר ציטאַטן פון רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס פון יענער צייט:

...„ברידער אַרבעטער, איר שלאָגט די אידן, אָבער איר גיט זיך דערין קיין רעכנשאַפט ניט אָפּ... ניט דערפאַר דאַרף מען שלאָגן דעם אידן, וואָס ער איז אַ איד און בעט צו גאָט אויף זיין שטיי־גער — גאָט איז דאָך איינער פאַר אַלעמען; שלאָגן דאַרף מען אים, ווייל ער באַראַבעוועט דאָס פאָלק, ווייל ער זויגט דאָס בלוט פון האָרעפּאַשניק... דעם אָרעמען האָרעפּאַשניק, ער מעג אַפילו זיין אַ טאַטער, טאָר מען ניט טאָן קיין שלעכטס (פון אַ פּראָקלאַמאַציע אַפּריל 1881).“

סוף אַווגוסט 1881 שרייבט דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“: ...„שטייט אויף, אַרבעטער, העלפט אונז, זייט זיך נוקם אין די „פּאַמיעשטשיקעס“, ראַבירט די אידן, הרג׳עט די טשינאָווניקעס.“

און מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין אַ ביילאַגע צום אָרגאַן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ („ליסטאָק נאַר. וואָלי“, 1883) לייענען מיר: ...„דאָס פאָלק ראַבירט די אידן, ניט ווייל זיי זיינען אידן, נאָר ווייל עס זעט אין זיי „זשידעס“, וואָס עקספּלואַטירן אים... ווען עס הויבן זיך אָן אַנטי־אידישע באַוועגונגען, קען מען זיכער זיין, אַז אין זיי איז פאַרבאַהאַלטן אַ פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער אָרדענונג און אַז עס גרייט זיך אַ פיל טיפערע באַוועגונג.“

אַ טיפערע באַוועגונג איז געקומען ערשט מיט 20 יאָר שפּעטער, אָבער שוין אָנהויב די 80ער יאָרן איז געקומען אַ פאַרטיפונג אין דעם זין און אין די מעטאָדן פון דער באַוועגונג. אין רעזולטאַט דערפון האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זייער גאַנצער נאַאיווקייט די אי־לוזיעס, וואָס די נאַראָדניקעס האָבן פאַרבונדן מיט אויפשטאַנדן פון די פּרימיטיווע פּויערים־מאַסן, און די אַוואַנסצענע פון פּאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם פאַרנעמט דער אַרבעטער־קלאַס. דאָס האָט באַדייט אַ זיג פון מאַרקסיסטישן געדאַנק, און דאָס פאַלט צונויף מיט דעם

מאָמענט, ווען עס שטעלן זייערע ערשטע שריט אין מיטן פון די 80ער יאָרן, מיט 60 יאָר צוריק, די פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אין ווילנע און מינסק.

אונזערע פּיאָנערן זיינען אַלע אין זייערע יונגע יאָרן געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דער איבערגאַנג צו דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע האָט ביי זיי פאַראורזאַכט אַ שווערן אינערלעכן קאַמף, אָבער איבערנעמענדיק די נייע אידעאָלאָגיע, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער פּיאָנערן־אַרבעט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם גאַנצן ליידנשאַפטלעכן ברען און די אומבאַגרענעצטע קרבנות־גרייטקייט, וואָס האָט אַזוי אויסגעצייכנט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", די אין איר קרבנות־גרייטקייט ביישפּיללאָזע איינציקע העראָאישע פּאַרטיי אין צאַרישן רוסלאַנד.

(פון דעם אַריינפיר צום 1טן באַנד „פּיאָנערן און בויער" פון דזשאַן מילל, ניו־יאָרק, 1946).

די זשענעווער „גרופּע סאָציאַליסטן־אידן" און איר אויפרוף (1880)

דער זשענעווער אויפרוף פון 15טן יוני 1880 *) פון דער גרופּע „סאָציאַליסטן־אידן", וואָס מיר דרוקן דאָ אין אַ אידישער איבערזעצונג, מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרואוו פון דאָס ניי אויפצולעבן ליבערמאַנ׳ס אַרבעט, **) וואָס איז איבער פּאָליציייאישע רדיפות אין 1878 איבערגעריסן געוואָרן. ליבערמאַנ׳ס אַרעסט אין ווין, זיינע פּראָצעסן אין ווין (1878) און בערלין (1879), די רדיפות פון דער פּרייסישער פּאָליציי קעגן די „רוסישע ניהיליסטן" אין בערלין און קעניגסבערג האָבן ליבערמאַנ׳ס אַרבעט און זיינע פאַרבינדונגען אין גאַנצן ליקווידירט. נאָך דעם ווי אין דייטשלאַנד איז אַריין אין קראַפט דער אַז. ג. סאָציאַליסטן־געזעץ (1878), האָט דער געדאַנק וועגן אַ המשך פון ליבערמאַנ׳ס אַרבעט געקאָנט אויפקומען נאָר אין דער פרייער שווייץ, וואו די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און פּוילן, און צו יענער צייט שוין אויך ניי־געקומענע פון דייטשלאַנד, האָבן געקאָנט זיך פריי פאַרנעמען מיט זייער פּאָליטישער אַרבעט.

אָבער בשעת ליבערמאַנ׳ס פּרואוו אין לאָנדאָן אין 1876 האָט געהאַט ערנסטע שאַנסן זיך גוט צו אַנטוויקלען אויפן אָרט גופא, ווייל אַ דאַנק דער גרויסער צאָל איינגעוואַנדערטע אידישע אַרבעטער איז דאָ דורכאויס מעגלעך געווען צו באַשאַפן אַ סאָלידע אידישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציע, האָבן אַזעלכע שאַנסן אין זשענעווע לגמרי גע־פעלט. אין לאָנדאָן האָט ליבערמאַן געהאַט פאַר זיך ניט נאָר אַ גרויסע אַרבעטער־אוידיטאָריע, וואָס האָט געגאַרט נאָך אַ פרייען

---

*) אין זיין בוך „נאַראָדאָוואָלצעס" (מאָסקווע 1932) שרייבט א. יודיצקי אין איין אָרט (ז. 187), אַז דער אויפרוף איז אַרויס אין 1881; דאָס איז אַ טעות. ביי אונז איז אָנגעוויזן די דאַטע, וואָס איז געדרוקט אויפן אויפרוף גופא.

**) זע „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ב. 1: אַרטיקל פון א. טשעריקאָווער וועגן דעם אָנהויב פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דעם „פנקס אגודת הסוציאליסתים העברים בלונדון".

פִּנְקָס.

אֲגֻדַּת הַסּוֹצְיָאלִיסְטִים הָעִבְרִים בְּלוֹנְדוֹן.

נוסדה

כ׳ אייר ה׳ תרל״ו.

20 (8) May 1876.

Hebrew Socialist Union
Est^d 20 May 1876.
in London.

דאָס שער־בלאַט פונעם פּראָטאָקאָל־בוך פונעם ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַראיין אין לאָנדאָן

סטאטוטען פון דעם

אידישען סאציאליסטישען פעראיין

אין לאנדאן

ווייל מיר זיינען איבערצייגט:

אז דיא [illegible] וואס הערשט איצט אין אלע לענדער [illegible]
[illegible]; דיא קאפיטאליסטען, דיא הערשער און דיא [illegible] האבען [illegible]
אלע [illegible] און אלעס [illegible] פון דיא
[illegible] האבען [illegible] שקלאפען (קנעכט);

אז [illegible] אין [illegible]. [illegible]
[illegible] אין [illegible] און [illegible]
[illegible] דיא [illegible]
[illegible] פון [illegible];

אז דיא [illegible] פון אלע [illegible]
[illegible] אין דיא [illegible] און [illegible] פער
[illegible]. [illegible] און [illegible]
[illegible] פּרינציפּען. [illegible] אין דיא
[illegible] פון קאפיטאל, [illegible] ניט אין [illegible] און [illegible]
[illegible] האבען [illegible] און [illegible]
[illegible] און [illegible] פון [illegible]
[illegible] פון אלע [illegible];

[illegible] פון [illegible]
[illegible] פון דער [illegible].

סטאַטוטן פונם יידישן סאָציאַליסטישן פּעראַיין אין לאָנדאָן 1876.

(יידישער טעקסט)

(פאַקס פון פאַראיין; אַרכיוו פון „בונד", בערלין).

וואָרט, און אַ געוויסע צאָל אידישע פּאָלקסטימלעכע אינטעליגענטן, וואָס זיינען גרייט געווען אים צו העלפן אין דער אַרבעט, — ער האָט געהאַט אויך די הילף און די גרויסע מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון פּיאָטאָר לאַוראָוו (1823־1900), וואָס איז צו יענער צייט געווען די גרעסטע פּערזענלעכקייט, דער אנערקענטער אויטאָריטעט אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין לאָנדאָן, וואו עס האָבן געלעבט פון זייער שווערער פּראַצע טויזנטער אידישע פּראָלעטאַריער, איז די גרינדונג פון אַ אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס האָט זיך אין קיינעמס סמיכה, אין קיינעמס הכשר ניט גענויטיקט.

גאַנץ אַנדערש האָט געמוזט אויסזען דער פּרואוו אין זשענעווע. אין זשענעווע איז צו יענער צייט, און אויך מיט יאָרן שפּעטער, אַ אידישער אַרבעטער ניט געווען בנמצא (אויסער אַ פּאָר זעצערס). פּאָר די רוסלענדישע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון יענער צייט איז די אידן־פראַגע ניט געווען קיין ערנסטער ענין, קודם כל ניט קיין נאָענטער ענין (ערשט אין 1882, נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, ווערט די זאַך נאָענט און ערנסט). די „גרופּע סאָציאַליסטן־אידן״, וואָס וועגן איר איז דאָ די רייד, האָט ניט נאָר ניט געהאַט קיין פירנדיקן פּאַר־שטייער, וואָס זאָל קאָנען פּאַרטיידיקן איר פּלאַטפּאָרם, איר זכות־הקיום, — זי האָט בכלל קיינעם ניט געהאַט, וואָס וואָלט געקענט אויף אַ געהעריקן אופן אַרויסטרעטן אין איר נאָמען. אין זשענעווער קלוב פון די רוסישע און פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַנטן (אין דער אַז. ג. „קאָלאָניע״) איז אין יענער צייט, אין 1880, אָנגעגאַנגען אויף אַ ריי פּאַרזאַמלונגען אַ דעבאַטע, וואו ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן אויך דער אויפרוף, אָבער קיין פּערזענלעכקייט מיט אַ נאָמען, וואָס זאָל קענען פּערזאָניפיצירן די „גרופּע״, איז דאָ ניט געווען. עס איז נאָר פּאַרטיילט געוואָרן דער אויפרוף, און פּאַרטיידיקט האָט אים אין דער דעבאַטע מ דראַגאָמאַנאָוו. אין דער קאָלאָניע איז מען געווען איבערצייגט, אַז ער גופא איז טאַקע דער מחבר פון אויפרוף און דער איניציאַטאָר פון דער גרופּע. עס איז אויך קלאָר געווען, אַז דראַגאָ־מאַנאָוו האָט דערביי געהאַט זיינע נאַציאָנאַל־אוקראַינישע כוונות.

* * *

דער זשענעווער אויפרוף איז גע׳חתמ׳עט, אין נאָמען פון די איני־ציאַטאָרן, דורך איינעם ראָדין און איז, אַזוי צו זאָגן, „קאָנטראַסיגנירט געוואָרן פון די אוקראַינישע טוער בראש מיט מ. דראַגאָמאַנאָוו׳ן; חוץ

זיין נאָמען שטייען נאָך די נעמען פון צווי אַנדערע אוקראַינער: ליאַכאָצקי און פּאַוולִיק. איינעם פון זיי — ליאַכאָצקי'ן, וועלכער איז געווען מער באַקאַנט אונטערן נאָמען קוזמאַ, האָב איך געקענט. דאָס איז געווען אַן עקסטרעמער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט, אַ הייסער חסיד פון דראַגאָמאַנאָוו'ן. אַ געוועזענער סטודענט, איז ער אַנטלאָפן פון רוסלאַנד אין 1874 קיין זשענעווע, וואו ער איז געוואָרן אַ זעצער און איז פאַרבליבן דאָרט ביז זיין טויט אין 1919. אין די יאָרן 1906 ביז 1919 האָב איך זיך מיט אים אין זשענעווע זייער אָפט באַגעגנט און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען פון אים, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דער דאַזיקער „גרופּע סאָציאַליסטן־אידן". זיינע ענטפערס פלעג איך זיך פון צייט צו צייט באַטירן.

ליבערמאַנ'ען האָט ער ניט געקענט, קיין מאָל אים ניט געהאַט געזען, אָבער געהאַט וועגן אים אַ גאַנץ ריכטיקע פאַרשטעלונג. זייער גוט האָט ער געקענט לייזער צוקערמאַנ'ען (1852—1887), וואָס האָט זיך ביי אים (אין דער אוקראַינישער דרוקעריי „הראָמאַדאַ") אין 1879 אין זשענעווע אויסגעלערנט זעצן רוסיש. פון דער זשענעווער דרוקעריי איז צוקערמאַן, לויט דער פאַרבעטונג פון ניקאָלאַי מאָראָזאָוו'ן, וואָס האָט אויך צו יענער צייט געלעבט אין זשענעווע (און מיט דער הילף פון זונדעלעוויטש'ן), געהיים געקומען קיין פּעטערבורג (האַרבסט 1879), וואו ער האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און איז דאָרטן אַרעסטירט געוואָרן דעם 18טן יאַנואַר, 1880. צוקערמאַן איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער אַנהענגער פון אַ סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן. לויט דעם, וואָס ליאַכאָצקי — און אויך אַנדערע — האָבן מיר איבערגעגעבן, רעכן איך, אַז דער אייגנטלעכער איניציאַטאָר פון אויפרוף האָט געמוזט זיין טאַקע לייזער צוקערמאַן און אַז דראַגאָמאַנאָוו האָט צונויפגעשטעלט דעם טעקסט פון אויפרוף אויפן סמך פון אַ פּראָיעקט, וואָס צוקערמאַן האָט אים איבערגעגעבן פאַר זיין אָפּפאָר. ווען מען לייענט דעם אויפרוף, פילט מען, אַז דער מחבר האָט געמוזט זיין אַ איד. דראַגאָמאַנאָוו האָט דעם אויפרוף געקענט איבערמאַכן און ער האָט אים געוויס איבערגעמאַכט און רעדאַקטירט, ער האָט געקענט דערין וואָס ענדערן, וואָס צוגעבן (ווי, למשל, די שפּעטערדיקע ציטאַטן פון דער רוסיש־אידישער פּרעסע פון 1880), ער איז, אָבער, זיכער ניט דער איינציקער מחבר פון אויפרוף.

ווער איז געווען ראָדין? — האָב איך ביי פאַרשיידענע געלעגנ־

היטן געפרעגט קוזמאַ ליאַכאָצקי'ן. זיין ענטפער איז געווען: — אַ גאָרנישט, אַ סטודענטל... אַזוי ווי עס איז קיינער ניט געווען, וואָס וואָלט געקענט רעפּרעזענטירן די גרופּע אין דער קאָלאָניע, איז געבליבן, אַז אונטערן אויפרוף זאָל זיך חתמ'ענען עמעצער אין נאָמען פון די איניציאַטאָרן; האָט דראַגאָמאַנאָוו געבעטן איינעם פון די אידישע סטודענטן, וואָס האָבן זיך אַרום אים אַרומגעדרייט, און יענער האָט געגעבן זיין אונטערשריפט „ראַדין". ווי עס איז געווען זיין ריכ־טיקער נאָמען, האָט קוזמאַ זיך ניט געקענט דערמאָנען. קוזמאַ האָט גוט געדענקט אויך דעם סטודענט וועלער, *) וואָס זיין נאָמען ווערט דער־מאָנט אין פאַרבינדונג מיט דער גרופּע, אָבער קיין גוטס וועגן אים האָט ער ניט געהאַט צו דערציילן.

וואָס האָט מען גערעדט וועגן אויפרוף אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער קאָלאָניע? — וועגן דעם האָט מיר קוזמאַ זייער פיל און זייער גערן דערציילט. מען דאַרף, אָבער, געדענקען, אַז מיין ערשטע באַגעגעניש מיט קוזמאַ איז געווען סוף 1906, ד. ה. גאַנצע 26 יאָר נאָך דעם, ווי די זשענעווער דעבאַטן זיינען פאָרגעקומען, און איך שרייב וועגן דעם איצט, — אמת טאַקע לויט געוויסע נאָטיצן, וואָס איך האָב מיר געמאַכט אין די אַלטע יאָרן, — אָבער דאָך אין 32 יאָר אַרום נאָך מיין ערשטן שמועס מיט קוזמאַ און אין 19 יאָר אַרום נאָך מיין לעצטער באַגעגעניש מיט אים. דאָס, וואָס איך גיב דאָ איבער לויט זיינע ווערטער, קאָן בכן אויף פולער אויטענטישקייט ניט פּרעטענדירן. און דאָך וויל איך עס דאָ איבערגעבן, וואָרעם יענע דעבאַטן האָבן אַ געוויסן היסטאָרישן אינטערעס, און ס'איז וועגן זיי, ווי ווייט איך ווייס, קאָנקרעט זייער ווייניק באַקאַנט.

אָט וואָס ביי מיר איז נאָטירט לויט קוזמאַ ליאַכאָצקי'ס ווערטער:

... נישט אַזוי וועגן אויפרוף גופא האָט מען גערעדט אין דער קאָלאָניע. וואָס איז געווען וועגן דעם אַ סך צו ריידן? גערעדט האָט מען וועגן דעם אוקראַינישן סעפּאַראַטיזם און וועגן דער לאַגע פון די אידן. אָט וואָס דער אַלטער ניקאָלאַי זשוקאָווסקי, דער באַקאַנטער באַקוניסט און לאַנגיאָריקער פּאָליטישער עמיגראַנט, האָט בעת

*) משה (מיכאַאיל) וועלער, געבוירן אין פּינסק אין 1857, געווען אַ סטו־דענט אין קיעוו; אין 1877 זיך באַטייליקט אינם רעוואָלוציאָנערן קרייזל אין מינסק און אין 1878 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, געלעבט אין פּאַריז און אין דער שווייץ. אין 1880 באַקומען די דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד; שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דער דעבאַטע דערקלערט: די אידן־פראַגע װעט אַזוי לאַנג עקזיסטירן, כל־זמן די אידן װעלן זײַן הענדלערס און שענקערס, ד. ה. כל זמן זײ װעלן האַלטן אין אױסזױגן דעם פּױער. זאָלן זײ װערן פּױערים און אַרבעטער — װעט קײן אידן־פראַגע מער ניט זײַן. װאָס זשע פאַר אַ שײַכות קען האָבן דראַגאָמאַנאָװ צו דעם דאָזיקן אױפרוף? — אָפענע קאָרטן! אין דער רוסיפיקאַציע פון אוקראַינע װעלן די אידן מיט דער צײַט מוזן שפּילן אַ װיכטיקע ראָלע — און, לױט דראַגאָמאַנאָװ'ן, אַ שעדלעכע ראָלע. װי אַ שטאָטישער עלעמענט װעלן זײ זיך מוזן רוסיפיצירן; אגב, האָט זיך דער פּראָצעס פון רוסיפיקאַציע בײַ זײ שױן פון לאַנג אָנגעהױבן. אױף אַזאַ אופן װעלן די אידן שטאַרק מיטהעלפן דער רוסישער רעאַקציע אױסצוראָטן די אוקראַינישע שפּראַך און קולטור. דערװאַרטן פון די אידן, זײ זאָלן רײדן „פּאָ כלאָפּסקו", איז אַן אוטאָפּיע. װײַל דעריבער דראַגאָמאַנאָװ, עס זאָל זיך בײַ זײ לכל־הפּחות אַנטװיקלען אידיש. אָבער — זאָגט װײַטער זשוקאָװסקי — פירן אַ פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אידיש איז נאָך אַ גרעסערע אוטאָפּיע: אױף אידיש קאָן מען האַנדלען, אָבער אַ מאָדערנע פּאָ־ליטישע אױפקלערונג אין אידיש? אַן אומזין!

די אידישע פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן די גאַנצע זאַך געמאַכט צו קלײנגעלט. געװיס מוטשעט מען די אידן אין רוסלאַנד. אָבער פאַר אונז, רעװאָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, איז די אידן־פראַגע נאָר אַ טײל פון דער אַלגעמײנער סאָציאַלער פראַגע. כל זמן דער צאַריזם װעט בעל־הבית'עװען, װעט מען פּײַניקן 80 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד — קודם־כל די פּױערים, און זײ פּײַניקט מען טאַקע מער װי אַלעמען, דערנאָך — די אידן און די פּאָליאַקן. אין דעם טאָג, אָבער, װען דער צאַריזם װעט פאַלן, — און פון אונזער ענערגיע הענגט עס אָפּ דעם טאָג צו דערנענטערן — װעט מען אין רוסלאַנד קײנעם מער ניט רודפ'ן. פּראָפּאַגאַנדע אין „זשאַרגאָן" איז אַן אַבסורד. „זשאַרגאָן" איז קײן שפּראַך ניט. װען די אידן װעלן װערן פרײַ, װעלן זײ רײדן רוסיש און פּױליש. רײדן רוסיש האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער צאַרישער צװאַנג־רוסיפיקאַציע. אָט רײדן מיר דאָ אַלע רוסיש און אַלע זײַנען מיר באַגײַסטערטע פרײַנט פון פּױלישן פרײַהײטס־קאַמף...

װער זײַנען געװען די אידן, װאָס האָבן זיך אין דער קאָלאָניע באַטײליקט אין יענע דעבאַטן? מיט באַשטימטקײט קאָן איך אָנ־רופן לעװ דײַטש'ן; מעגלעך, אַז אױך פּאַװעל אַקסעלראָד; אַקסעל־ראָד איז, אגב, געװען גוט באַקאַנט מיט דראַגאָמאַנאָװ'ן נאָך פון קיעװ

און איז שפּעטער אַ געוויסע צייט געווען מיטאַרבעטער אין זיין זשע־נעווער זשורנאַל „וואָלנאַיאַ סלאָוואָ" (אַ געוויסע שייכות צו דער „וואָלנאַיאַ סלאָוואָ" האָט געהאַט שפּעטער אויך בן־עמי, ניט קיין עמיגראַנט און ניט קיין רעוואָלוציאָנער; ער האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט אַ באַשרייבונג פונם אָדעסער פּאָגראָם).

מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן פלעגט מיר קוזמאַ איבערגעבן די געדאַנקען און ווערטלעך פון דראַגאָמאַנאָוו'ן.

דראַגאָמאַנאָוו האָט זיך געפילט אין דער קאָלאָניע — לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — ווי אַ ווייסער צווישן רויטהויטיקע. „די „רויט־הויטיקע", דאָס מיינט די רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס, האָבן אים, דעם „ליבעראַלן קאָנסטיטוציאָנאַליסט", ניט ליב געהאַט*). זיי האָבן, אָבער, געהאַט דרך ארץ פאַר זיין ערודיציע, פאַר זיין קאָרעקטקייט און אויך פאַר זיין מוט צו האָבן אין געוויסע פראַגעס אַן אייגענע זעלבסט־שטענדיקע מיינונג קעגן דער הערשנדיקער מיינונג אין די עמיגראַנ־טישע קרייזן.

. . . דראַגאָמאַנאָוו האָט ניט געלייקנט, אַז זיין צוגאַנג צו דער אידן־פראַגע ווערט דיקטירט פון זיין אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט, אָבער, געפּרוּווט באַווייזן, אַז זיינע פּלענער ליגן אין די אינטע־רעסן פון די אידן גופא, און ניט בלויז אין אוקראַיִנע, נאָר אויך אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואו די אידן ווערן אויך אַ בלינד געצייג פון דער רוסישער רעאַקציע אין קאַמף קעגן דער שפּראַך און קול־טור פון דער אָרטיקער ניט־רוסישער באַפעלקערונג.

„בדרך כלל" — אַזוי פלעגט דראַגאָמאַנאָוו אָנהויבן אַ ביסל איראָ־ניש און מיט זיין גוטמוטיקן הומאָר — „זיינען די „זשידאָיעדעס", די אידנפרעסערס, גאַנץ גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז צו דער ענדגילָ־טיקער פאַרענטפערונג פון דער אידן־פראַגע איז פאַראַן נאָר איין מיטל: אַראָפּלאָזן די אידן אין דניעפּער אַריין . . . און אויב אַזאַ פּראָגראַם וואָלט דורכגעפירט געוואָרן אויך ביים דניעסטער, ביים ניעמאַן, ביי דער ווייסל, ביים נאַרעוו און ביים בוג, וואָלטן מיר זיכער קיין אידן־

*) די באַציאונג צו דראַגאָמאַנאָוו'ן מצד דעם אויספיר־קאָמיטעט פון „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין רוסלאַנד איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע: דעם 12טן מאַי 1880 האָט זשעליאַבאָוו אין נאָמען פון אויספיר־קאָמיטעט געמאַכט דראַגאָמאַנאָוו'ן אַן אָפיציעלן פאָרשלאַג צו ווערן אין אויסלאַנד דער פאַרטרעטער פון קאָמיטעט (אין 1883 האָט דראַגאָמאַנאָוו אָפּגעדרוקט זשעליאַבאָוו'ס בריוו אין זיין אָרגאַן „וואָלנאַיאַ סלאָוואָ". זע דאָס בוך פון ד. זאַסלאַווסקי וועגן דראַגאָמאַנאָוו'ן, רוסיש, מאָסקווע, 1934, זייט 161).

פראַגע מער ניט געהאַט. דערלויבט מיר, אָבער, צו זאָגן, אַז אונזערע „זשידאָיעדעס״ וועלן קיין מאָל זייער פּראָגראַם ניט דורכפירן: זיי זיינען עס ניט אין שטאַנד. איז אויב אַזוי, אויב ניט אין דניעפּער, מוזן מיר געפינען אַ מיטל, ווי איינצואָרדענען דאָס לעבן — און נישט דעם טויט — פון די אידן. מיר מוזן און מיר ווילן לעבן מיט די אידן אַקסל ביי אַקסל, אַ דור נאָך אַ דור. — טאָ לאָמיר זען, וואָס מען קאָן טאָן, אַז פון דער אידישער באַפעלקערונג זאָלן זיך 60 פּראָצענט ניט פאַרנעמען ביי אונז מיט פּאַראַזיטישן האַנדל, וואָס דאָס איז שעדלעך ניט נאָר פאַר אונזער פויער, נאָר אויך פאַר זיי גופא... לאָמיר זען, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי דער איד זאָל קענען לעבן ווי אַ מענטש. דער בעסטער מיטל דערצו דאַרף זיין אַ פאָלקסטימלעכע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן אין דעם זינען, ווי דאָס לייגט פאַר דער אויפרוף״.

דערויף האָט אים געענטפערט זשוקאָווסקי:

„60 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט האַנדל. דאָס איז די אַרענע, אויף וועלכער דער פויער יאָגט זיך נאָכן אידן... געוויס, פון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט איז עס אַ באַרבאַריזם, ווען צעווילדעוועטע פויערים פאַלן אָן אויף אָן איבערגע־שראָקענעם אָרעמען אידל און צעבלוטיקן אים. נעמט, אָבער, די גע־שעעניש אין איר סאָציאַלער דינאַמיק... דער פויער שלאָגט. פאַר־וואָס שלאָגט ער? ווייל דאָס איז דערווייל זיין פּאָליטישער שטים־צעטל. קיין שום אַנדער מיטל אויסצודריקן זיין צאָרן קעגן דעם, ווי די מלוכה עקספּלואַטירט אים, האָט ער ניט. געוויס איז עס אַ שאָד, וואָס דער פויער שלאָגט דעם אומשולדיקסטן פון די, וואָס עקספּלואַטירן אים, — דעם אידן. אָבער ער שלאָגט — און דאָס איז דער אָנהויב פון זיין באַפרייאונגס־קאַמף. זאָל ער זיך נאָר אויסלערנען שלאָגן, זאָל נאָר האַרט און שטאַרק ווערן זיין פויסט, וועט ער שוין דערלאַנגען יענע, וואָס שטייען העכער פונם אידן. איצט, אין דער אָנהויב־סטאַ־דיע פון זיין פּראָטעסט, טאָרן מיר דעם פויער ניט זאָגן: שלאָג ניט דעם אידן! ער וועט עס פאַרשטיין, אַז ער זאָל בכלל ניט שלאָגן. עס איז אָבער דרינגענדיק נויטיק, ער זאָל זיך אויסלערנען שלאָגן...״

דערויף האָט ווידער דראַגאָמאַנאָוו רעאַגירט אַזוי:

„... אייער טעאָריע איז אונז באַקאַנט . . . מיר קענען, אָבער, פעסטשטעלן, אַז איר זייט ניט מער אַזוי קאָנסעקווענט, ווי איר זייט עס נאָך געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. דעמאָלט האָט איר אייער טעאָריע דערפירט ביז צו איר לעצטן לאָגישן סוף — איר פלעגט דעם

פויער זאָגן: שלאָג דעם אידן! *) היינט זאָגט איר עס ניט מער. פאַרוואָס דעמאָלט יאָ און היינט ניט? עפּעס איז וואַקלדיק געוואָרן אייער טעאָריע. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון מיין שטאַנדפּונקט קען איך עס נאָר באַגריסן. איר ווייסט דאָך: איך גלויב ניט אין דער פויסט, אַפילו נישט אין דער צויבערקראַפט פון „יענעם כעמישן שטאָף, וואָס איר זעט אים איצט אויף דער וואָר און אין חלום"...**) „איך גלויב אין אַ פרייען און פרייוויליקן פאַרבאַנד פון די פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד; און אין דעם פרייען פאַרבאַנד מוז זיין פּלאַץ אויך פאַר די באַפרייטע אידן" ***).

דראַגאָמאַנאָוו'ן האָט מען געלאָזט ריידן. ער האָט אַלע מאָל גע־רעדט צו דער זאַך און ער האָט זיך געהאַלטן פּראָפעסאָריש קאָרעקט: אפילו דעם שאַרפסטן קעגנער האָט ער ניט באַליידיקט. אָבער מען האָט אים ניט ליב געהאַט און קיינער האָט אים ניט אַפּלאָדירט. אויך ניט די, וואָס האָבן אין תוך מיט אים מסכים געווען.

* * *

איז די „גרופּע", הייסט עס, געווען אַ פיקציע? האָט זי פּאַק־טיש גאָר ניט עקזיסטירט?

אָט וואָס קוזמאַ ליאַכאָצקי ענטפערט דערויף: — „ווען לאַזאַר (לייזער צוקערמאַן) וואָלט געבליבן אין זשענעווע, וואָלט ער צוגעצויגן מענטשן פון רוסלאַנד... געווען, אָבער, צו יענער צייט אין זשענעווע איינער, וואָס האָט ניט געהאַט דעם ליידנשאַפטלעכן ברען פון לאַזאַר'ן, ניט זיין לומדות, אָבער געווען איז ער אַן ערנסטער און אַ געטרייער מענטש ביז גאָר. געהייסן האָט ער וויגדאָרטשיק, אַ בלע־

*) וועגן דער שטעלונג פון די רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס צו דער אידן־פראַגע אין די 70ער יאָרן פאַרגל. די אַנאָנימע שריפט (פון 1876) „די פאָראורטיילן פון אונזערע רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן", אָפּגעדרוקט מיט געוויסע קיצורים אין זשורנאַל „אונזער צייט", וואַרשע, 1929.

**) געמיינט — דינאַמיט, וואָס די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד האָבן גראָד דעמאָלט אָנגעהויבן באַנוצן פאַר טעראָריסטישע צוועקן.

***) מיט 4 יאָר שפּעטער האָט מ. דראַגאָמאַנאָוו אָפּגעדרוקט אין דעם גייסט פון זיין פּראָגראַם אין אוקראַיניש און רוסיש אַ ספּעציעלע בראָשור: Вольный Союз — Вільна-Спілка. (זשענעווע, דרוקעריי „הראָמאַדאַ", 1884). אויפן שער־בלאַט איז אָפּגעדרוקט דער נאָמען אויך אין פּויליש, ווייסרוסיש, רו־מעניש, דייטש, פראַנצויזיש און אידיש — מיט אידישע אותיות: „איין פרייער בונד".

ОТ ГРУППЫ СОЦІАЛИСТОВ-ЕВРЕЕВ

В послѣднее время из среды еврейскаго населенія Восточной Европы вышло немалое число соціалистов, подобно тому, как относительно немалое число их дано евреями и Западной Европѣ, особенно Германіи. Но, не смотря на это,. в Вост. Европѣ сама еврейская масса совсѣм не затронута пропагандою соціализма. А между тѣм тут, в Россіи и в прилежащих к ней краях Австріи и Румыніи, настоит особенная необходимость в спеціальной пропагандѣ соціализма среди евреев, которых положеніе, — по количеству, быту и языку, — относительно масс туземцев, существенно различается от положенія евреев в Западной Европѣ.

Главная масса еврейскаго населенія Европы группируется именно в восточной ея части, — в Россіи и сѣверо-восточной Австріи. В то время, как во Франціи, напримѣр, их насчитывается не болѣе 56.000 человѣк, в Англіи не болѣе 50.000, а в Италіи едва 45.000, и гдѣ они почти совсѣм уже ассимилировались с мѣстными народностями, — в Вост. Европѣ они, по особым историческим причинам,. составляют одну замкнутую и тѣсно сплоченную массу, численностью в четыре слишком милліона. отличающуюся от туземных націй своим міровоззрѣніем и бытовыми особенностями.

По языку их можно раздѣлить на три группы: 1) на евреев, населяющих южныя и юго-западныя губерніи Россіи и сѣверо-восточную часть Австріи — Галицію (восточную и западную), в количествѣ 2 милл. человѣк, 2) евреев сѣверо-западных—бѣлорусско-литовских—губерній, числом до 1 милл., и 3) евреев Привислянскаго края, — тоже в 1 милл.

Но всѣ эти «жаргоны», имѣя в основаніи своем древне-нѣмецкій язык, в который потом вошли слова украинскія, бѣлорусскія, польскія и великорусскія, вовсе не так рѣзко отличаются один от другаго, как нѣкоторые думают: урожденец Литвы, например, без особеннаго труда об'ясняется с волынским евреем, так как главное различіе между этими нарѣчіями заключается почти только в произношеніи. Что касается не-нѣмецких элементов, то они, особенно в связной рѣчи, легко могут быть понимаемы и, во всяком случаѣ, не мѣшают пониманію общей мысли, как это вообще бывает при чтеніи переводных книг, усѣянных варваризмами.

Относительно же мнѣнія, будто евреи «знают» языки тѣх народов, посреди которых они живут, должно замѣтить, что, находясь в постоянных сношеніях с не-евреями, они дѣйствительно кое-как справляются с их дѣловым языком, но из этого вовсе не слѣдует, что они *знают*, т. е. умѣют читать и писать на чужих литературных языках. Огромное большинство евреев, особенно в Россіи, не знает другой азбуки, кромѣ еврейской. Да к тому же, по многим признакам, очень сомнительно, чтоб они даже, как *масса*, захотѣли пользоваться литературой на не-еврейских языках..... А между тѣм не должно упускать из виду того, чрезвычайно важнаго, обстоятельства, что евреи по своему почти всѣ поголовно грамотны, тогда как, не говоря уже об иностранных, даже гебрейскаго языка, по Поляниковскому*), не знает и не понимает в литовских и юго-западных губ. 35 — 40 %, а в южных — 20—25% всего еврейскаго населенія, преимущественно класс мелких торговцев, ремесленников и чернорабочих. А язык ли рѣчь евреев или жаргон, груба и неблагозвучна ли

*) «Труды этно-стат. экспедиціи въ зап.-русскій край» (том VII), П. Чубинскаго.

אויפֿרוף פֿון דער זשענעװער „גרופּע סאָציאַליסטן־ייִדן" 1880 (ערשטע זײט)

כער, אין זשענעווע געווען אַ זעצער. אַ שטילער, פלעגט ער זיך צוהערן צו די דעבאַטן און אַלץ פלעגט ער אַריינבעמען אין קאָפּ. אַרום 1883 איז ער לעגאַל אָפּגעפאָרן אַהיים, קיין מינסק. דאָרטן האָט ער זיך יאָרן לאַנג באַטייליקט אין דער אָרטיקער באַוועגונג — פון די ערשטע קרייזלעך ביז צו דער גרינדונג פון „בונד". דעם לעצטן בריוו האָט קוזמאַ באַקומען פון אים פון מינסק אַרום 1900, נאָך דעם איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. קוזמאַ האָט מיר איבערגעגעבן וויגדאָרטשיק'ס פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער עס שטייט די דאַטע 19. 8. 1880, — אין יענעם טאָג האָט ער אים די פאָטאָגראַפיע געשאָנקען. וויגדאָרטשיק איז צו יענער צייט געווען אין זשענעווע דער איינציקער אידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט די אידעע פון אויפרוף אָנגענומען ווי די אויפגאַבע פון זיין לעבן, און עס איז דעריבער דורכאויס קיין צופאַל ניט, וואָס זיין ווייטערדיקער וועג האָט אים דערפירט צום „בונד".

* * *

דער אויפרוף א. ב. „אַט גרופּי סאָציאַליסטאָוו־יעווריעיעוו" איז, ווי געזאָגט, געווען אָפּגעדרוקט אין זשענעווע, דאַטירט דעם 15טן יוני 1880, אין אַכט זייטלעך, געדיכט געזעצט*). צום ערשטן מאָל איז ער איבערגעדרוקט געוואָרן, מיט געוויסע קיצורים, אין רוסישן אָרגאַן פון „בונד", „וויעסטניק בונדאַ" נומ' 4, יולי 1904, זשענעווע; שפּעטער איז ער אַריין אין דעם ביכל „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג" (רוסיש), וואָס איז אַרויס לעגאַל אין פּעטערבורג אין 1906. דער פולער טעקסט פון אויפרוף איז אָפּגעדרוקט אין דראַגאָמאַנאָוו'ס שריפטן.

(פון: „די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", היסטאָרישע שריפטן III, איוואָ, ווילנע־פּאַריז, 1939. צוזאַמען דערמיט איז דאָרטן אויך געדרוקט דער פולער טעקסט פון זשענעווער אויפרוף, פון וועלכען מיר ברענגען דאָ גרעסערע אויסצוגן).

---

*) איצט אַ גרויסער יקר־המציאות; אַן עקזעמפּלאַר פון אים געפינט זיך אין אַרכיוו פון „בונד".

פון אַ גרופּע סאָציאַליסטן־אידן

(אויסצוג פון דעם זשענעווער אויפרוף)

אין דער לעצטער צייט האָט די אידישע באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע אַרויסגעגעבן פון זיך ניט קיין קליינע צאָל סאָציאַליסטן, פּונקט ווי אויך די אידן אין מערב־אייראָפּע, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, האָבן געגעבן ניט קיין קליינע צאָל סאָציאַליסטן. ניט געקוקט דערויף, איז די אידישע מאַסע גופא אין מזרח־אייראָפּע לחלוטין ניט אָנגערירט געוואָרן פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און גראָד דאָ, אין רוסלאַנד און אין די שכנותדיקע געגנטן פון עסטרייך און רומעניע, איז באַזונדערס נויטיק אַ ספּעציעלע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישן אידן, וואָס זייער לאַגע — אין פּרט פון צאָל, שטייגער און שפּראַך — איז אין פאַרגלייך מיט דער אַרומיקער איינגעבוירענער באַפעלקערונג לגמרי אַן אַנדערע, ווי די לאַגע פון אידן אין מערב־אייראָפּע.

די הויפּט־מאַסע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע גרופּירט זיך גראָד אין איר מזרח־טייל — אין רוסלאַנד און צפון־מזרח פון עסטרייך. בעת, למשל, אין פראַנקרייך ציילט מען אָן ניט מער ווי 56,000 אידן, אין ענגלאַנד ניט מער ווי 50,000 און אין איטאַליע קאַרגע 45,000 און בעת דאָ זיינען זיי כמעט אין גאַנצן אַסימילירט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, — בילדן זיי אין מזרח־אייראָפּע, אַ דאַנק די באַזונדערע היסטאָרישע סיבות, איין געשלאָסענע און קאָמפּאַקטע מאַסע, וואָס איר צאָל דערגרייכט ביז איבער 4 מיליאָן און וואָס שיידט זיך אונטער פון די אַלט־איינגעזעסענע נאַציעס מיט איר אייגענעם וועלט־באַנעם און שטייגער לעבן . . .

...די גרעסטע מערהייט אידן, באַזונדערס אין רוסלאַנד, קען ניט קיין אַנדער אַלף־בית, חוץ דעם אידישן. און דערצו איז אַ גרויסער ספק, און סימנים דערצו זיינען פאַראַן אַ סך, צי זיי זאָלן ווי אַ מאַסע האָבן דעם חשק צו באַנוצן זיך מיט דער ליטעראַטור

אויף די ניט־אידישע שפּראַכן... דערביי, אָבער, דאַרף מען גע־דענקען דעם ביז גאָר וויכטיקן אומשטאַנד, אַז אידן קענען כמעט אַלע לייענען און שרייבן אין זייער שפּראַך... און צי איז די רייד־שפּראַך פון די אידן באמת אַ שפּראַך, אָדער זי איז אַ זשאַרגאָן, צי איז זי יאָ אַ מגושמ׳דיקע און שלעכט־קלינגענדיקע שפּראַך אָדער ניט, — דאָס גייט אונז, סאָציאַליסטן, גאָר ניט אָן. און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אַ כמעט פיר־מיליאָניקע מאַסע נאָר דערפאַר, וואָס איר לעבעדיקער שפּראַך פעלן קלאַסישע מעלות, וואָלט געווען צום ווינציקסטן אומפּראַקטיש.

פון דער צווייטער זייט דאַרפן די סקעפּטיקער האָבן אין זינען דעם פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויף די אומבאַקוועמקייטן און דער ניט־געשליפנקייט פון דער שפּראַך, פאַרמאָגן אידן (אין איר), חוץ אַ רייך־רעליגיעזער ליטעראַטור, אויך אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור פון אַ נייער, אַזוי צו זאָגן, וועלטלעכער ריכטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די אידישע פּראָגרעסיסטן...

...אָט דער אויפקום פון דער נייער אידישער ליטעראַטור און די באַציאונג צו איר מצד די אידישע מאַסן געפינען זיך אין פולן הסכם מיט דעם פאַקט, וואָס אומעטום ווערן געבוירן און לעבן אויף די ליטעראַטורן אין די פשוט׳ע פאָלקסשפּראַכן, ווי מען קען עס מערקן די לעצטע צייט אין גאַנץ אייראָפּע. דאָס ווייזט אָן אויף דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט אויף פאַר סאָציאַליסטן צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ מעכטיקן געצייג ווי די לעבעדיקע שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, כדי אַריינצודרינגען אין די סאַמע טיפענישן פון זייער לעבן און זייער פילן.

צום סוף האַלטן מיר פאַר ניט איבעריק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם הערשנדיקן פאָראורטייל, אַז דאָס גאַנצע אידנ־טום באַשטייט כלומר׳שט נאָר פון אַ קלאַס בורזשואַ־עקספּלואַטאַטאָרס און פאַר זיי האַלטן דרשות וועגן סאָציאַליזם איז אַן אומדאַנקבאַרע און אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. אָבער ווער עס איז אַ ביסל באַקאַנט מיטן אָביעקט פון זיינע אָנפאַלן, דער ווייס, אַז אויך ביי אידן זיינען פאַראַן סיי עקספּלואַטאַטאָרס און סיי האַרעפּאַשניקעס־פּראָלעטאַריער. די אָרעמקייט פון דער אידישער מאַסע ווערט פעסטגעשטעלט פון אַ סך פאָרשער, און די שטרעבונג אַרויסצורייסן זיך פון קבצנ׳ישן צושטאַנד און אַריבערגיין אין די רייען פון די „זאַט־הוליענדיקע" איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר אידישע אָרעמעלייט, נאָר פאַר

אַלעמען, צו וואָסער נאַציע מען זאָל ניט געהערן. און וואָס איז שייך די עקספּלואַטאַטאָרס, מעגן זיי זיין אידן אָדער ניט־אידן, — זיינען זיי אַלע גלייך שעדלעך, לויט אונזער מיינונג. עס איז באַקאַנט, אַז אַ גרויסער טייל, און אין אייניקע ערטער דער רוב, בעלי־מלאכות אין די מערב־רוסישע גובערניעס זיינען אידן: זיי זיינען שוסטערס, שניידערס, קירזשנערס, שמידן, בלעכערס, סטאָליערס, מוליערס, שטיינהאַקערס, ברוקירערס, הויז־פאַרבערס, אויוונמאַכערס וכדומה. צווישן זיי זיינען אויך פאַראַן ניט ווייניק שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס לעבן אין גרויס דחקות, ביי אַ קינסטלעך באַגרענעצטן מאַרק פאַר זייער אַרבעטקראַפט...

... ניט קיין קלענערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט אויך די ספּעציפיש־אידישע אינטעליגענץ, דאָס מיינט יענע, וואָס האַלט אין לערנען די אידישע רעליגיעז־סאָציאַלע פילאָזאָפיע אין די אַזוי גערופענע תלמוד־תורה׳ס און קלויזן, און אויך די גאַנץ באַדייטנדיקע שיכט פון ליבעראַלע אידישע יוגנעליט, וואָס ווערן פאַר זייער אפּיקורסות גערופן צווישן אידן מיטן נאָמען „דייטשלעך״ אָדער „בערלינער״...

... די אויבן דערמאָנטע אַרבעטער און אינטעליגענץ זיינען געוויס אַ פאַסיק פעלד פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אידעען. אָבער די אידן־סאָציאַליסטן האָבן ביז איצט געהאַלטן פאַר איבעריק צו באַשעפטיקן זיך מיט זייער אייגן פאָלק. דאָס דערקלערט זיך הן מיט די פאָראורטיילן בנוגע אידן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין אָנהויב און וועלכע דער רוב אידישע יוגנט האָט אויך איבערגענומען, און הן מיט יענע ספּעציפישע תנאים, אין וועלכע די דאָזיקע יוגנט האָט זיך געפונען: אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער שטיקנדיקער אידישער אַטמאָספערע, איז אַוועק אין אַ מלוכה־שול און האָט זיך אָנגעטראָפן, הן מצד אידן, אַזוי אויך מצד ניט־אידן, אויף אַ פאַראַכטונג צו „זשידעס״, זעלטענער אַן אָפענער, אָבער אַ באַהאַלטענער כמעט תמיד, — אַזאַ יונגערמאַן האָט געזוכט צו פאַרגעסן די אידישע שפּראַך און אפילו (ווי אומנאַטירלעך דאָס זאָל ניט זיין) זיין אייגענעם אידישן אָפּשטאַם; וועגן אַ דערנענטערונג צו דער אידישער מאַסע האָט שוין דאָ, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געקענט זיין. אָבער ווען ער איז שוין אַריינגעטראָטן אין די רייען פון די סאָציאַליסטן, האָט ער אויך דאָרטן ניט באַגעגנט קיין ווידערשטאַנד צו זיינע ביז גאָר

אומפּראַקטישע טענדענצן. אים איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז די דערנענטערונג פון די אידישע פּראָלעטאַריער צו די פּראָלעטאַ־ריער פון אַנדערע לענדער כדי אויסצוקעמפן רעכט אויף אַרבעט קען דערגרייכט ווערן, דער עיקר, דורך מענטשן, וואָס שטאַמען אַליין פון אידן. און דער נאַטירלעכער פועל־יוצא איז געווען, אַז די סאַמע פּראָגרעסיווע און בעסטע כוחות האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער פאָלק, איבערלאָזנדיק עס אפילו אין אומוויסן בנוגע דער עצם עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַלער פּראַגע. אמת, אַן ערנסטער פּרואוו צו אָרגאַניזירן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פאַר אידן איז געמאַכט געוואָרן אין די 70ער יאָרן פון ליבערמאַנ׳ען, אָבער לויט אונזער מיינונג האָט זי שוין „אַ פּריאָרי״ ניט געקענט האָבן קיין דערפאָלג, דער עיקר דערפאַר, וואָס אין יסוד פון איר איז געלעגן די העברעאישע שפּראַך, אַ שפּראַך אַ טויטע פאַר דער מאַסע. און מיטן דאָזיקן איינציקן פּרואוו האָבן זיך אויסגעשעפּט אַלע פּלענער פון פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אידישער מאַסע.

אַזאַ באַציאונג מצד דער אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט צו איר אייגן פאָלק קען ווייטער ניט געדויערן. מיר, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטאַמען פון אידן, פּראָטעסטירן אין נאָמען פון די אינטערעסן פונם סאָציאַליזם גופא קעגן דעם, וואָס די אידן סאָ־ציאַליסטן דערווייטערן זיך אַלע פון זייערע מאַסן. מיר ווייזן, פאַר־שטייט זיך, קיינעם ניט אָן, וואָסער פאָלק יעדערער דאַרף אויס־קלייבן פאַר זיין טעטיקייט, — מיר באַהויפּטן נאָר, אַז ס׳איז שוין צייט צוצוציען צו דער אַרבעט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויך די מאַסע אַרבעטער־אידן.

און דעריבער, אויפן סמך פון דעם,

וואָס די עמאַנסיפּאַציע פון די אַרבעטער איז אַן אויפגאַבע ניט קיין אָרטיקע, ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַלע, וואָס נעמט אַרום אַלע לענדער, וואו עס הערשט די נייסטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, און דערביי העַנגט אָפּ איר פאַרענטפערונג פון דער בשותפות׳דיקער טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַרבעט אין די אַנטוויקלטע לענדער (גענעראַל־סטאַטוטן פונם אינטערנאַציאָנאַל, באַשטעטיקט דורכן זשע־נעווער קאָנגרעס אין 1866) ;

וואָס די „אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון די אַרבעטער״ אנערקענט פאַר אַ גרונט־הנחה (די יסודות) פון אמת, יושר און מאָראַל

אין די באַציאונגען מיט אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון קאָליר (ראַסע), רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט" (דאַרטן);

און נעמענדיק אין אַכט:

אַז ביז איצט איז די אידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע געבליבן גאָר מן הצד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג;

אַז בכדי אַריינצוטראָגן אין די אידישע מאַסן די פּראָפּאַגאנדע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע דאַרף מען זיך ווענדן צו זיי אין אַ פאַר זיי פאַרשטענדלעכער שפּראַך. —

מחמת דעם אַלעמען האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אין זשענעווע „די פרייע אידישע דרוקעריי" מיטן צוועק צו מאַכן מעגלעך די אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, בכדי אַריינצופירן צווישן אידן אין רוסלאַנד און גאַליציע אויף זייערע געפּרעדטע (זשאַרגאָנישע) שפּראַכן די אידעען פון סאָציאַליזם, ווי זיי זיינען אַנטוויקלט געוואָרן דורך דער טעאָריע און פּראַקטיק פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע.

די ערשטע צייט ווערט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ ריי בראָשורן און ביכלעך, וואָס זייערע טעמעס דאַרפן זיין:

1) דער מצב פון די אידישע אַרבעטער און די אידישע קאַפּיטאַליסטן;

2) די באַציאונג פון די פּראָלעטאַריער־אידן צו די אָרעמע קלאַסן ביי די קריסטן;

3) דער מהות פון דעם איצטיקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד;

4) די אַרבעטער־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע.

פאַר די איניציאַטאָרן פון דעם ענין: ראָדין.

זשענעווע, 25טן יוני, 1880.

(פון שריפטן פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט", היסטאָרישע שריפטן III, ווילנע־פּאַריז, 1939).

II

פון פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך צו דער פּאַרטיי פון אידישן אַרבעטער־קלאַס

אַרקאַדי און זיין תקופה

געווען אַ דייטשער דיכטער יאָהאַנעס טראָיאַן, האָט ער אָנגעשריבן אין זיין לאַנגן לעבן גאַנצע סעריעס פריילעכע טרינקלידער. אויף יעדער סאָרט ווייִן גייען בײַ אים באַזונדערע לידער, אַפילו אויף איינציקע יאָרגענג פון די ווײַנען. אָט דער שטענדיק פריילעכער טראָיאַן האָט איבערגעלאָזן איינס פון די טיפסטע און טרויעריקסטע לידער, וואָס די דייטשע ליטעראַטור פאַרמאָגט. דאָס ליד הייסט „דער רינג". דער רינג — דאָס זיינען די בית־עולמ'ס, וואָס רינגלען אַרום פון אַלע זייטן די שטאָט. דער מענטש לעבט אָפּ זיין צייט און ווערט אַרויסגעבראַכט הינטער דער שטאָט צו זיין אייביקער רו. אַזוי אַ דור נאָך אַ דור, אָן אַ סוף. און דורך דורות און דורות וואַקסן אָן אויפהער אָן אַ צאָל בערגלעך, וואו עס שלאָפן זייער אייביקן שלאָף די, וואָס זיינען אַוועק, און דער רינג ווערט אַלץ ענגער און שליסט זיך צונויף, און עס דוכט זיך: מיר, אַ קליין הייפל, ווערן באַלאַגערט פון אַ גוואַלדיקער מחנה, וואָס שלאָפט, — נאָר זי לעבט אין אונזער נשמה...

דאָס ווערטיקסטע אין אונזער לעבן ליגט אין אונזער באַציאונג צו מענטשן. פאַר אונזער אַלטן דור איז אַרקאַדי געווען איינער פון די טייערסטע מענטשן אין זייער לעבן; פאַר די, וואָס זיינען פאַרבונדן געווען מיט אים נאָך אין זייערע יונגע יאָרן, — דער טייערסטער מענטש אויף דער וועלט. פאַרן יינגערן דור איז אַרקאַדי געווען מער לעגענדע ווי לעבן. יעדער יונגער טוער האָט געוואוסט קודם־כל, אַז אַרקאַדי איז דער עלטסטער אין אונזערע רייען, און יאָרן האָבן זייער אייזערנע לאָגיק. מיר, פון עלטערן דור, האָבן אַרקאַדי'ס יאָרן ניט געציילט. און אַוועקגייענדיק פון אונז, האָט אַרקאַדי ווי מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון אונזער יעדערנס לעבן, און יעדערער פון אונז איז אָרעמער געוואָרן.

אונזער יונגער דור האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פון אונז אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אַרקאַדי'ן. דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, וואָס קאָן איצט אָנשרייבן אַזאַ ביאָגראַפיע, איז אונזער חבר'טע פאַטי.

איך וויל דאָ קיין שום פּרוּוו ניט מאַכן אָנצוצייכענען אַרקאַדי׳ס גוואַלדיקן היסטאָרישן באַדייט אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד. קאָמפּעטענטער דערין זיינען די, וואָס האָבן אַליין געהערט צום ווילנער פּיאָנערן־קרייז. דאָס זיינען אין אונזערע רייען די חברים דזשאָן מילל, נח, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און קודם־כל ווידער אַ מאָל די חבר׳טע פּאַטי. איך וויל דאָ אַפילו ניט כאַראַקטעריזירן אין דער פולער מאָס די אַרבעט פון אַרקאַדי׳ן אין די יאָרן, ווען איך האָב אים שוין געקענט פּערזענלעך (נאָך זיין באַפרייאונג אין 1900). איך וויל נאָר געבן אַ ביסל באַ־מערקונגען צו דער גרויסער טעמע און דערביי אויסבעסערן אייניקע טעות׳ן, וואָס איך האָב באַמערקט אַרום דער ביאָגראַפיע פון אַרקאַדי׳ן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

אונזערע ערשטע

פון וואַנען האָט זיך גענומען די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן״? נאָך איז איר געשיכטע ניט געשריבן. אָבער איינס ווייסן מיר: דאָס זיינען געווען אידישע אינטעליגענטן — מענער און פרויען, — וואָס האָבן באַקומען זייער פּאָליטישע דערציאונג און גייסטיקע אַנט־וויקלונג נאָך אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. פון איר, פון אָט דער אין איר מין איינציקער העראָאישער פּאַרטיי, האָבן אונזערע פּיאָנערן אַריינ־געבראַכט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג דעם ענטוזיאַזם, דעם ליידנשאַפטלעכן ברען און די אומבאַגרענעצטע קרבנות־גרייט־קייט פאַר דער באַוועגונג.

די פּאָליטישע שול, וואָס אונזערע פּיאָנערן האָבן דורכגעמאַכט אין זייערע יונגע יאָרן, ווערט גלייך קלאָר, ווען מען באַקענט זיך נאָר מיט דעם ביסל מאַטעריאַל, וואָס איז שוין פאַרעפנטלעכט צו זייע־רע ביאָגראַפיעס. לאָמיר נעמען, למשל, די ערשטע און עלטסטע פרוי, וואָס האָט געהערט צו דער פּיאָנערן־גרופּע אין מינסק, — זשעניע הורוויטש. געבאָרן אין ווילנע אין 1861, שטודירט אין פּעטערבורג, איז זי דאָרט נאָך אין 1879, הייסט עס אין עלטער פון 18 יאָר, אַרעסטירט גע־וואָרן פאַר געהערן צו דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. אין 1880 איז זי ווידער אַ מאָל, אין שייכות מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, אַרעסטירט געוואָרן צום צווייטן מאָל. די חבר׳טע פּאַטי סרעדניצקי־קרעמער, איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער ווילנער

פיאָנערן־גרופּע, איז געבאָרן געוואָרן אין 1867, האָט אויך שטודירט אין פּעטערבורג און איז דאָרטן אין 1890 אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיט אַ טעראָריסטישער גרופּע פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אונטער דער השפּעה פון דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע איז אין אירע יונגע יאָרן געשטאַנען נאָך איינע פון די גייסטיק חשוב׳סטע פּערזענלעכקייטן פון יענער גרופּע: ליובאַ לעווינסאָן־אייזנשטאַט, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1903.

די זעלבע פּאָליטישע שול האָבן דורכגעמאַכט כמעט אַלע וויכטיקע מענער פון דער פּיאָנערן־גרופּע. אויך וועגן אַרקאַדי קרעמער (1865־1935) ווייסן מיר, אַז אין 1889 איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר געהערן צו דער פּוילישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", אַ פּאַרטיי, וואָס איז אידעאָלאָגיש געשטאַנען זייער נאָענט צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ס׳איז אָבער זייער מעגלעך, אַז אַרקאַדי איז אין 1889 אַרעסטירט געוואָרן שוין ניט צום ערשטן מאָל. חבר איסאַי אייזנשטאַט־יודין (1867־1937) איז צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר געהערן צו אַ קרייז פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין יאַראָסלאַוול אין 1888. ח׳ יוסף מילל (דזשאָן) — געבאָרן 1870 — איז צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין 1892 אין שייכות מיט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" א. אז. וו., א. אז. וו.

די גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן

ווען די גרופּע איז צוגעטראָטן צו איר אַרבעט ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, ווייסן מיר ניט אויף פעסט. מיר ווייסן נאָר, אַז די אַרבעט, וועלכע די גרופּע האָט געפירט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן על־כל־פּנים שוין אין 1892, האָבן איינציקע מיטגלידער אירע געפירט אין ווילנע נאָך אין 1886. די אַרבעט האָט זיך פון יאָר צו יאָר אַלץ מער פאַרטיפט, אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט, ביז זי האָט אין 11 יאָר אַרום, אין 1897, דערפירט צו דער גרינדונג פון „בונד". מען קאָן זאָגן, אַז אין אָט די עלף יאָר איז דער „בונד" אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן, ווי אַ געזונט געוויקס, פון די טיפעניש פון אידישן אַרבעטער־קלאַס און איז צייטיק געוואָרן פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל.

גראָד אין יענע עלף צוגרייט־יאָרן האָט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד ענדגילטיק געזיגט דער מאַרקסיסטישער געדאַנקען־גאַנג. יעדער איינציקער פון אונזערע פּיאָנערן אין ווילנע,

מינסק און אַנדערע ערטער האָט דורכגעמאַכט דעם אידעאישן וועג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צום מאַרקסיזם. ווען אונזערע פּיאָנערן האָבן שוין געאַרבעט ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע (בכל־אופן הייסט עס שוין אין 1892), האָבן זיי שוין דעם וועג צום מאַרקסיזם געהאַט ענדגילטיק געפונען. דער אידעאישער פּראָצעס, וואָס אונזערע פּיאָנערן האָבן דורכגעמאַכט, איז געווען אומגעהויער וויכטיק פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט. עס זיינען אין איר אַריבערגעטראָגן געוואָרן און אין איר לעבעדיק געבליבן די מאָראַלישע טראַדיציעס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", — די אַלע זעלטענע מעלות פון יענער גרויסער צייט, וועגן וועלכער מען קען איצט, איבערהויפּט אין די באַדינגונגען פון אַ לעגאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, קיין שום השגה ניט האָבן. אָבער דער געדאַנקען־גאַנג פון דער נייער באַוועגונג איז געווען ניי און יונג, — דאָס איז געווען די נצחונ'דיקע מאַרקסיסטישע לערע. דער מאַרקסיסטישער לאַגער אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך מיט שטאָלץ און ליבע אנערקענט פאַר אַ פּאָליטישן יורש פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ער האָט, אָבער, געוויזן אַ נייעם וועג צום ציל און געהאַלטן זיך ביי אַ נייער טאַקטיק, ביי דער טאַקטיק פון פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג.

אַן אָפּקלאַנג פון דער פאַרהערלעכונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג געפינען מיר אין דער מערקווירדיקער פּאָעמע „אַ טראָפּן בלוט" פון יונגן מינסקער פּיאָנער אברהם וואַלט — אַ פּאָעמע, וואָס איז שפּעטער אין משך פון צען יאָר נאָכאַנאַנד אָן אַ שיעור דעקלאַמירט געוואָרן אויף געהיימע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אָן אַ צאָל מאָל איבערגעשריבן געוואָרן און געגאַנגען איבערגעשריבענערהייט פון האַנט צו האַנט, פון שטאָט צו שטאָט.

עקאָנאָמיזם

אין זיינע זכרונות רופט אַרקאַדי אָן זיין בראָשור „אַ בריוו וועגן אַגיטאַציע". מעגלעך, אַז זיין מאַנוסקריפּט איז אַזוי געווען באַטיטלט. אין דרוק איז די בראָשור אַרויס נאָר אויף רוסיש, 1896, אין דער שווייץ, מיטן טיטל „וועגן אַגיטאַציע" („אָב אַגיטאַציאי").

אָנגעשריבן האָט אַרקאַדי די בראָשור אין 1894, ניט שפּעטער; אפשר נאָך אין 1893.

אייניקע סאָוועטישע היסטאָריקער האָבן געשריבן, אַז די בראָ־

שור האָט געהאַט צוויי מחברים: אַרקאַדי און מאַרטאָוו. דאָס איז פאַלש. מאַרטאָוו האָט בלויז אויספאַררוכט דעם סטיל פון דער בראָשור. אָנגעשריבן האָט זי אַרקאַדי איינער אַליין — ווי אַ קווינטעסענץ פון די דעבאַטן, וואָס זייינען געפירט געוואָרן אין דער ווילנער גרופּע אַרום דער פראַגע: וואָס פאַר אַ דירעקטע צילן שטעלט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג און אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָל מען זי פירן?

די בראָשור גיט אַ באַגרינדונג פון דעם אַזוי גערופענעם „עקאָ־נאָמיזם", וואָס זיין תמצית ליגט אין דער איבערצייגונג, אַז דער רוסלענדער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט צייטיק (ניט פאַרגעסן די דאַטע: 1894) צו אַ פּאָליטישן קאַמף און מוז דעריבער צום ערשטן דורכגיין די סטאַדיע פון עקאָנאָמישן קאַמף, פון אַ קאַמף פאַר פּשוט'ע דירעקטע אינטערעסן, וואָס רירן אָן יעדער איינצלנעם אַרבעטער, ווי: העכערן דעם לוין, בעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען א. ד. גל. דורכמאַכנ־דיק מיט הצלחה די שול פון עקאָנאָמישן קאַמף, וועט דער אַרבע־טער־קלאַס קאָנען אַריבערגיין צו אַ העכערער סטאַדיע פון דער באַ־וועגונג — צום פּאָליטישן קאַמף קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע.

ביי דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט געברענט מיט שנאה צום צאַריזם, האָט אין דער פּראַקטישער אַרבעט — אין דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע — דער „עקאָנאָמיזם" בכלל ניט עקזיסטירט. שפּורן פון „עקאָנאָמיזם" קאָן מען געפינען אין אונזערע אויסגאַבעס (ביז אַרום 1900) אין באַטראַכטונגען בנוגע דער באַוועגונג אין די גרויסע רוסישע צענטערס.

אָט טאַקע אין די רוסישע צענטערס, וואו עס זיינען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט צו אַ מאַסן־אַרבעט, האָט יענע טעאָריע וועגן אומצייטיקייט געהאַט אויף אַ ווײַלע געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. ס'האָט זיך אַפילו געהאַט באַשאַפן אַ ריכטונג, וואָס האָט דעם „עקאָנאָמיזם" גאַנץ פאַלש אויסגעטייטשט און אים געפּרואווט דערהויבן צו אַ פּרינציפּ: אַז דער פּאָליטישער קאַמף איז פאַרן אַרבעטער־קלאַס ביי דער איצטיקער לאַגע בכלל אַ פרעמדער ענין; וויכטיק איז פאַר אים מער ניט ווי עקאָנאָמיש אויסצובעסערן זיין לאַגע — אַ ווילדער אַבסורד, וואָס שטייט אין דער שאַרפסטער סתירה צום געדאַנקען־גאַנג פון אַרקאַדי'ס בראָשור.

היינט —— נאָך פופציק יאָר אַרבעטער־באַוועגונג — ליגן פאַר אונז אָפן אַלע שוואַכע זייטן פון יענער היסטאָרישער בראָשור. אָבער ביי אַלע אירע חסרונות מאַכט די בראָשור — ווי אַ היסטאָרישער דאָ־קומענט — אַ שטאַרקן איינדרוק דורך איר אָריגינעלן צוגאַנג צו

דער זאַך און העלפט דעם לייענער זיך צו פאַרטיפן אין די עיקר'דיקע פּראָגעס פון דער באַוועגונג.

אין דער יונגער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָס געווען דער ערשטער פּרואוו פון אַ פּלאַטפאָרם פאַר דער פּראַקטישער אַרבעט.

ווען מיר פאַרגלייכן איצט אַרקאַדי'ס בראַשור מיט ענלעכע פּלאַטפאָרמען, וואָס אַרבעטער־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער האָבן אין אָנהויב פון זייער עקזיסטענץ פּובליקירט, מוזן מיר זאָגן, אַז אַרקאַדי'ס בראָשור שטייט ביי אַלע אירע שוואַכע זייטן אַ סך העכער ווי פאַרשיידענע פאַרגעסענע פּלאַטפאָרמען, דעקלאַראַציעס און פּראָגראַמען פון אַנדערע יונגע פּאַרטייען פון יענער צייט.

דער ערשטער באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַל

אין 1896, ווען די פּעטערבורגער אַרבעטער האָבן זיך אין גרויסן טעקסטיל־סטרייק צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע ווי אַ מעכטיקער כוח, האָט די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אין ווילנע, דעמאָלט שוין פּאָליטיש צייטיק און אָרגאַניזאַטאָריש זייער גוט פאַרפעסטיקט, ווי ווייט אונז איז באַוואוסט, צום ערשטן מאָל צונויפגעשטעלט אַ באַריכט וועגן איר טעטיקייט און אויף אַזאַ אופן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אַ קלאָרן דין־וחשבון פון דעם, וואָס די גרופּע האָט באַוויזן אויפצוטאָן. דאָס איז געווען דער ווילנער באַריכט פאַר די יאָרן 1892־1896 צום לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס פון 1896.

אין איר אינעווייניקסטער אַרבעט האָט אונזער ווילנער גרופּע שטענדיק גאַנץ גוט געוואוסט, וואו זי האַלט, און ס'איז ביי איר געווען אַ טראַדיציע צו געבן יעדער יאָר אויף די מאַי־פאַרזאַמלונגען אַן איבערבליק פון דער באַוועגונג און אַ באַריכט וועגן די דערגרייכונגען און דעם צושטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער פאַר דער דרויסנדיקער וועלט האָט די גרופּע זיך באַוויזן מיט אַזאַ באַריכט צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, אין 1896. דעם ווילנער באַריכט*) צוזאַמען מיט פיר מאַנדאַטן צום קאָנגרעס האָט באַקומען די גרופּע „אַסוואָבאַזשדעניע טרודאַ" אין אויסלאַנד. דריי מאַנדאַטן זיינען אויסגעשריבן געוואָרן

---

*) אַ קלענער טייל זיינער איז געווען פּובליקירט אין „אונזער צייט", וואַרשע, 1928, נומער 6. דער גאַנצער באַריכט איז אויפגעהיט אין בונדישן אַרכיוו.

אויף די נעמען: פּאַוועל אַקסעלראָד, וויערא זאַסוליטש, ראָזאַליע פּלעכאַנאָוו.*)

דער ווילנער באַריכט האָט אויף דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק, און דעמאָלט, אונטערן פרישן איינדרוק פון אָט דעם באַריכט, האָט דאָס פּלעכאַנאָוו געשריבן דעם שפּעטער אַזוי אָפט ציטירטן זאַץ: „די אידישע אַרבעטער זיינען דער אַוואַנגאַרד פון דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג". אָט דעם „אַטעסטאַט" האָט עס פּלעכאַנאָוו געגעבן דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

געשריבן דעם באַריכט האָט „גליעב" — אברהם מוטניק, געשטאָרבן אין בערלין אין סעפּטעמבער 1930. קורץ פאַר זיין טויט האָט גליעב אָנגעשריבן צום באַריכט אַן אינטערעסאַנטע הקדמה. וועגן וואָס רעדט זיך אין יענעם באַריכט? זאַכלעך און טרוקן ווערט דאָרט דערציילט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין ווילנע אין דער אָנגעוויזענער צייט אין יעדער פאַך באַזונדער; וויפל און וואָס פאַר אַ קאָנפליקטן עס זיינען געווען מיט די בעלי־בתים, וויפל און וועלכע סטרייקן, די צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די סטרייקן, דער פּראָצענט סטרייקערס אין פאַרגלייך מיט דער איבעריקער אַרבעטערשאַפט, וויפל טעג יעדער סטרייק האָט געדויערט, וויפל געלט ער האָט געקאָסט דער אָרגאַניזאַציע, די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן און וואָס ניט, וויפל פאַרזאַמלונגען עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, די צאָל אָנטיילנעמער, די אָפּצאָלן אין די קאַסעס א. אַז. וו., א. אַז. וו. פאַקטן און ציפערן, טרוקענע ציפערן און האַרטע פאַקטן. און אַזוי ווי ווילנע איז געווען פאַקטיש דער צענטער פון דער באַוועגונג אין גאַנצן קאַנט, ווערט געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ רייע אַנדערע שטעט אויך. אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון באַריכט.

אין פּרט פון זאַכלעכקייט איז דער דאָקומענט ממש אימפּאָנירנדיק. דאָס איז זיכער איינער פון די זאַכלעכסטע, פּרטים׳דיקסטע און קלאָר־

*) די מאַנדאַטן (פון וואַרשע, סמאָרגאָן, מינסק) זיינען רעפּראָדוצירט אין די היסטאָרישע שריפטן פון יוואָ, III, זייט 793. אויף וועמעס נאָמען איז געווען דער פערטער מאַנדאַט (פון ווילנע)? איך בין זיך משער, אַז פּלעכאַנאָוו אַליין האָט קיין מאַנדאַט ניט געדאַרפט, וואָרעם אים און לאַווראָוו׳ן האָט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון קאָנגרעס פּ אַ ר ב ע ט ן; דעם מאַנדאַט פון ווילנע האָט דריבער געקאָנט באַקומען גיכער ווי אַלץ ר. קאָלצאָוו (גינזבורג), וואָס איז דעמאָלט געווען זייער נאָענט צו פּלעכאַנאָוו׳ן.

По порученію Варшавскаго еврейскаго социалдемократическаго Союза группа „Освобожденіе Труда" проситъ Павла Аксельрода представлять этотъ Союзъ на Лондонскомъ международномъ рабочемъ соціалистическомъ конгрессѣ 1896 года.

За группу „Освобожденіе Труда"
Вѣра Засуличъ.

По порученію Еврейскаго социал-демократическаго Союза въ г. Сморгони группа „Освобожденіе Труда" проситъ Вѣру Засуличъ представлять этотъ Союзъ на Лондонскомъ международномъ рабочемъ соціалистическомъ конгрессѣ 1896 года.

За группу „Освобожденіе Труда"
Г. Плехановъ.

По порученію Социалдемократическихъ представителей [illegible] рабочихъ города Минска группа „Освобожденіе Труда" проситъ Розалію Плеханову представлять этотъ Союзъ на Лондонскомъ международномъ рабочемъ соціалистическомъ конгрессѣ 1896 года.

За группу „Освобожденіе Труда"
Вѣра Засуличъ

מאנדאטן פון די יידישע ס"ד-גרופעס אין רוסלאנד צום אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין לאנדאן 1896
(פאר ווערא זאסוליטש, ראזאליע פלעכאנאוו און פאוועל אקסעלראד)

סטע באַריכטן, וואָס זיינען ווען עס איז פון אַ מיטלגרויסער אָרגאַניזאַציע צוגעשטעלט געוואָרן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. ספּעציעל לגבי אַלטע באַריכטן פון אַנדערע אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס (רוסישע, פּוילישע, אַרמענישע א. אַז. וו.) איז דער ווילנער באַריכט, וואָס שייך פּינקטלעכע ציפערן און פאַקטן, באמת צו באַוואונדערן.

די דייטשע פּינקטלעכקייט אין רעגיסטרירן יעדער טריט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אַ פּינקטלעכקייט, וואָס איז מעגלעך געווען נאָר אין אַן אַטמאָספערע פון פּאָליטישער פרייהייט, על־כל־פּנים נאָר ביי אַ פולקומער לעגאַלקייט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז דעמאָלט אין ווילנע גענומען געוואָרן פאַר אַ מוסטער און איז דורכגעפירט געוואָרן — טאַקע מוסטערדיק — באמת אויף אַ קלאַסישן דייטשן אופן ביי אַ פּאָליטישן רעזשים, וואָס האָט דעם אַרבעטער ניט געלאָזט אָטעמען און אים געשטיקט און געוואָרגן.

דער היסטאָרישער אויפטו

אָבער ווען מען טראַכט זיך איצט, מיט העכער 40 יאָר שפּעטער, אַריין אין אינהאַלט פון באַריכט, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די טרוקענע ציפערן און פאַקטן פון דער טעגלעכער אומענדלעכער אַרבעט האָבן אַזוי ווי פאַרשטעלט אין די אייגענע אויגן פון אונזערע פּיאָנערן די גרויסקייט פונם בנין, וועלכן זיי האָבן אין 1896 בעצם שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרטיק אויסגעבויט. וואָרעם ניט נאָר אין דעם האָט געשטעקט דער גרויסער זינען פון זייער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט צום קאַמף אַזוי פיל און אַזוי פיל אידישע אַרבעטער און זיי געוויזן און באַוויזן, אַז דורך אַ דיסציפּלינירטן און סאָלידאַרישן קאַמף קאָנען זיי שטאַרק אויסבעסערן זייער לאַגע. דאָס אַליין איז געוויס געווען גענוג ווירכטיק. אָבער דער העכערער זינען פון דער אַרבעט פון אונזערע פּיאָנערן האָט געשטעקט אין דעם, וואָס פאַרן סאָציאַליסטישן קאַמפּספּראָגראַם פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיי מאָביליזירט דעם אַרבעטער־קלאַס פון נאָך אַ פאָלק; וואָס אין לעבן פון אָט דעם פאָלק האָבן זיי געעפנט אַ נייע קאַפּיטל געשיכטע און געוויזן די פאָלקסמאַסן אַ נייעם וועג, וואָס נאָר אויף אים איז מעגלעך צו באַפרייען זיך פון יעטווידער שקלאַפעריי.

אַן אַרבעטער־מאַסע, וואָס איז געווען אין צווייען און אין דרייען פאַרקשלאָפט, האָט ניט געוואוסט פון קיין קעגנשטעל, ניט אַרויסגעוויזן קיין מוט צום קאַמף קעגן פרעמדע אונטערדריקער און אייגענע

בלוטזויגערס, ניט געהאַט קיין גלויבן אין אירע אייגענע כוחות — אַזאַ מאַסע איז ווי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ טיפן שלאָף, האָט אָראָפּ־געוואָרפן פון זיך די פּענטעס, וועלכע זי האָט דורות־לאַנג געשלעפּט אויף אירע פּיס, האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען מאַרשירן מיט פעסטע און שטאָלצע טריט, ווי אַ נייע דיסציפּלינירטע אַרמיי אין קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט.

אַט די היסטאָרישע געשעעניש איז — דער אויפקום פון „בונד”. און די גייסטיקע אָנפירערין פון אַט דעם וואונדערלעכן היסטאָרישן איבערבייט איז געווען אָן ספק — די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן”. זי האָט דאָס גייסטיק צוגעגרייט, אויסגעשמידט און אָפּגע־טאָקט דאָס געזעצגעבערישע וואָרט, וואָס די אידישע אַרבעטער־מאַסע האָט אָנגענומען פון „בונד”, יענעס נייע וואָרט פון קלאַסן־קאַמף, וואָס דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָט, שוין אונטער דער אָנפירונג פון „בונד”, מיט זיין בלוט פאַרשריבן אויף ניט אויסצומעקן אין דער גע־שיכטע פון אידישן פאָלק.

אין דעם נייעם קאַפּיטל פון דער אידישער געשיכטע זיינען פאַר־שריבן ערשט די ערשטע בלעטלעך. עטלעכע און פערציק יאָר זיינען אַ סך אין לעבן פון אַ פּאַרטיי, אָבער אַ רגע אין לעבן פון אַ פאָלק. די היסטאָרישע לאָגיק פון דעם בונדישן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע איז שוין, אָבער, היינט קלאָר פאַר יעדערן, וואָס איז פעאיק צו באַנעמען די צייכנס פון דער צייט: אויב דעם אידישן פאָלק איז באַשערט אַ קיום, איז עס נאָר אין דער וועלטלעכער קולטור פון סאָ־ציאַליסטיש אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער־קלאַס.

ווילנע

ס'איז בשום אופן קיין צופאַל ניט, וואָס דאָס וויגעלע פון „בונד” איז געווען ווילנע.

ווען אַ היסטאָריקער, וועמען יענע צייט און יענע אומשטענדן זיינען אין גאַנצן פרעמד, וואָלט היינט נעמען דורכקוקן דאָס אָרעמע ביסל מאַטעריאַלן, וואָס יענע צייט האָט אונז איבערגעלאָזט, און דאָס ביסל מעמואַרן, וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אין שייכות מיט יענער צייט, וואָלט ער זיך קודם־כל געמוזט שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס ווילנע, פאַרוואָס ניט מינסק? (אַנדערע פּונקטן קומען לגמרי ניט אין באַ־טראַכט). פראָפּאַגאַנדע־קרייזן אָן ערך פון זעלבן טיפּ ווי אין אָנהויב פון דער ווילנער באַוועגונג זעען מיר אין מינסק נאָך מיט דריי, פיר

יאָר פריער — אין 1883. דער „מענטשן־מאַטעריאַל" איז אַן ערך דער זעלביקער. פאַרוואָס זשע האָט דער מינסקער אָנהויב פון יאָר 1883 זיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום פאַרענדיקט אָן אַ המשך, ניט איבערלאָזנ־דיק קיין שום ערנסטע וואָרצלען ניט אין דער אָרטיקער, ניט אין דער אַרומיקער באַוועגונג? און פאַרוואָס האָט, פאַרקערט, די באַוועגונג אין ווילנע זיך פאַרטיפט און פאַרפעסטיקט און זיך אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז די צאַרישע רעגירונג מיט אירע טורמעס און מיט אירע שמיץ, מיט איר זובאַטאָוו'ן און מיט אירע זובאַטאָוו'צעס, מיט איר גרויסן קאַפּלינסקי'ן און מיט אירע קליינע קאַפּלינסקי'לעך האָט זי קיין מאָל ניט געקאָנט בייקומען?

ווייל ווילנע איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער צענטער, דער גרעסטער אידישער צענטער אין יענער צייט. און ניט נאָר אַ אידישער צענטער אַליין; ווילנע איז אויך געווען דער צענטער פון דער דעמאָלט נאָך פּאָלאָניזירטער ליטווישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ און פון דער אַ ביסל רוסיפיצירטער פּוילישער אינטעליגענץ פון ווילנער קאַנט. ווילנע האָט לויט די אומשטענדן פון יענער שווערער צייט פאַרמאָגט אַ רייך גייסטיק לעבן, וואָס זיינע פּעדעם — ביי אידן און ביי ניט־אידן — האָבן זיך געצויגן פון דורות לאַנג. נאָר דאָ האָט זיך געקאָנט קאָנסאָלידירן אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעקליבן אַזאַ פּשוט'ן און קלאָרן און דערביי אַזאַ האַרציקן נאָמען — „בונד".

נאָר אין ווילנע, אין דעם דעמאָלט גרעסטן גייסטיקן אידישן צענטער, האָט געקאָנט אויפקומען און זיך נצחונ'דיק פאַרשפּרייטן אַ אידישע — הגם לויט אירע טענדענצן אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע — באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין שפּור פון דעם באַקאַנטן אידישן אינעווייניקסטן מינערקייט־געפיל. אַ דורכשניטלעכן אידישן אינטעליגענט פון אַזאַ פּונקט, למשל, ווי וואַרשע האָט זיך אין יענע יאָרן געדוכט, אַז דאָס אידישע לעבן איז קולטורלאָז, אַז אין בעסטן פאַל האָט עס אין זיך אַ געוויסע רעליגיעזע קולטור, צו וועלכער ער, דער ניט־גלויביקער, קאָן, אָבער, קיין שום שייכות ניט האָבן. דאָס איבעריקע איז דערונטערדיק און קולטורלאָז. דער דורכשניטלעכער אידישער אינטעליגענט און אינטעליגענטער אַרבעטער אין ווילנע האָט אַזאַ געפיל ניט געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ווילנע איז אין דער אידישער וועלט ניט געשטאַנען אויף קיין אָפּגעזונדערטן אינזל און ניט געווען אַרומגערינגלט מיט קיין כינעזישער וואַנט, וואָס זאָל זי אָפּשיידן פון דער דרויסנדיקער וועלט. און דאָך האָט אין ווילנע געוועלטיקט גאָר אַ באַזונדער גייסט.

ווילנע איז שוין דעמאָלט — אין די ניינציקער יאָרן — אין פּרט פון שפּראַך און קולטור קיין ריין פּוילישע שטאָט ניט געווען; ווילנע איז, אָבער, אויך ניט געווען קיין רוסישע שטאָט. ווילנע איז בעצם קודם־כל געווען אַ אידישע שטאָט. אמת, אונזער אינטעליגענץ האָט דעמאָלט שוין גערעדט רוסיש, אָבער אַפילו דער גראָב בירגערלעכער, איך מיין: דער אומאידעאישער טייל פון דער ווילנער אידישער אינ־טעליגענץ האָט זיך מיט אידיש ניט געשעמט און האָט מיטן „פאָלק" גערעדט אידיש, בעת דער אידישער אינטעליגענט אין וואַרשע האָט דעמאָלט — און נאָך פריער — זיך ממש געשעמט מיטן „זשאַרגאָן" און בדרך כלל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט גאָר ניט דעם „מיאוס'ן, עקלדיקן, אויך־מיר־לשון פון די פינצטערע, האַלב ווילדע קאַפּאָטשאָזשעס". ווילנע איז דעמאָלט אפשר געווען דער איינציקער פונקט, וואו די אידישע אינטעליגענץ האָט גייסטיק ניט געליטן, אָדער לכל־הפחות זייער ווינציק געליטן פון דעם דערמאָנטן אידישן מינער־קייט־געפיל, וואָס איז אין לעבן אַ סך מער פאַרשפּרייט — אויך היינט, — איידער ס'איז ווען פאַרשפּרייט געווען די ראָמאַנטיש־רעליגיעזע אתה בחרתנו־לעגענדע. און דעריבער איז בשום אופן ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין ווילנע איז אויסגעוואַקסן דער „בונד", די פייערלעכסטע פּראָקלאַמירונג פון אונזער פולווערטיקייט און גלייכווערטיקייט — פון אונזער גלייכווערטיקייט אין אַלע פּרטים מיט אַלע אַנדערע, וואָס לעבן מיט אונז צוזאַמען אויף דער זעלביקער ערד.

דער געדאַנק וועגן ערשטן צוזאַמענפאָר

אַרקאַדי שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז דער געדאַנק וועגן צו־נויפרופן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר איז ביי אים אויפגעקומען אין מאַי 1897, אין צירין, ביי אַ באַגעגעניש מיט פּלעכאַנאָוו'ן, אַקסעלראָד'ן און וויערא זאַסוליטש. דאָס קאָן ניט שטימען. ערשטנס, האָבן די „גרופּעס אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" פאַקטיש נאָך אין 1895 געהאַט אין מינסק אַ באַראַטונג מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע שטעט — אין מיניאַטור איז דאָס געווען אַ צוזאַמענפאָר. צווייטנס, האָט די ווילנער גרופּע אין דעם זעלבן יאָר 1895 געפירט אונטער־האַנדלונגען מיטן קיעווער רוסישן ס"ד קאָמיטעט וועגן אַן אַלגע־מיינעם צוזאַמענפאָר און צוליב דעם זיינען געמאַכט געוואָרן נסיעות פון ווילנע קיין קיעוו און פון קיעוו קיין ווילנע. אויף באַשטימט ווייס איך, אַז צוליב דעם איז דעמאָלט געפאָרן קיין קיעוו ח' יודין; מיר דוכט, אַז חבר אַרקאַדי אויך. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז אין אַט

די אַלע פּלענער און אונטערהאַנדלונגען אַרקאַדי אַלע מאָל געווען די צענטראַלע פיגור. אין דער דאַטע 1897 ליגט ביי אַרקאַדי׳ן אַ טעות.

דאָס איז צו זען אויך דערפון, וואָס אַרקאַדי שרייבט דאָרט ווייטער: „איך האָב זיך געדאַרפט צונויפריידן מיט זיי וועגן אַ ריי ענינים, צווישן אַנדערע, אַז זיי זאָלן זיין אָפיציעל די פאָרשטייער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר אויסלאַנד, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן א. ד. גל.״.

אַזאַ שמועס מיט דער גרופּע פּלעכאַנאָוו־אַקסעלראָד־זאַסוליטש האָט אַרקאַדי געמוזט האָבן נאָך אין 1896, וואָרעם פאַקטיש, האָבן מיר דאָך אָקערשט געזען, האָט די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד״ נאָך אין 1896, צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטן־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אַרויסגעגעבן דריי מאַנדאַטן אויף די דריי נעמען. אַרקאַדי איז געווען אין דער שווייץ זיכער אין 1896 אויך, דערויף זיינען דאָ נאָך באַווייזן.

נסיעות

אין איינעם פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען געהייליקט דעם אָנדענק פון אַרקאַדי׳ן, דערציילט זיך, אַז ער איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אין 1904. דאָס איז ניט ריכטיק. איך וויל ביי דער געלעגנהייט פעסטשטעלן אין כראָנאָלאָגישן סדר אַלע גרעסערע נסיעות פון אַרקאַדי׳ן פאַר דעם צווייטן פּעריאָד פון זיין אַקטיווער אַרבעט (1900 ביז סוף 1907), אויף ווי ווייט די נסיעות זיינען מיר געבליבן אין זכרון.

נאָך דעם גרויסן אַרעסט פון 26טן יולי 1898 איז אַרקאַדי (צוזאַמען מיט אים ח׳ וו. קאָסאָווסקי) אין מערץ (שפּעטסטנס אַפּריל) 1900 באַפרייט געוואָרן אין מאָסקווע און אָנגעקומען קיין ווילנע. אָנהויב אויגוסט 1900 זיינען זיי ביידע אַוועק קיין אויסלאַנד, זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, זיך געזען מיט בוכהאָלצ׳ן, גענומען ביי אים דעם אַדרעס פון דזשאָנ׳ען, געפאָרן צו דזשאָנ׳ען און צוזאַמען מיט אים — קיין פּאַריז, וואו עס איז אין אויגוסט 1900 פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס.

וועגן אַרקאַדי׳ס קומען קיין פּאַריז האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע מיטן טעקסט „קרעמער ביעזשאַל״ (קרעמער איז אַנטלאָפן) דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג. געשיקט די טעלעגראַמע האָט ניט קיין אַנדערער ווי אַזעף. ער איז אויך געקומען צום קאָנגרעס — מיט אַדער אַן דער דעלעגאַציע פון די ס. ר. אַרקאַדי איז אין די אויסלענדישע עמיגראַנטישע קרייזן שוין געווען באַקאַנט פון

פריער, האָט זיך אַזעף ווענן אים גאַנץ גרינג געקאָנט דערוויסן. און ווי נאָר ער איז דערגאַנגען, אַז אַרקאַדי, וואָס האָט דעמאָלט געזאָלט פאַרשיקט ווערן קיין סיביר, איז גאָר אין אויסלאַנד, האָט ער וועגן דעם תיכף צו וויסן געטאָן אין פעטערבורג.

פאָליציי האָט אַרקאַדי׳ן גוט געקענט

דער פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט זייער גוט געוואוסט, ווער אַרקאַדי איז אַזוינס. אַרקאַדי האָט גערעכנט, אַז נאָך אַ היפּשע צייט פאַרן גרויסן אַרעסט אין 1898 האָט אים שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ ווילנער קאָנטראַבאַנדיסט, אַ איד וואָס האָט טראַנספּאָרטירט פון אויס־לאַנד ליטעראַטור פאַר דער ווילנער גרופּע. דעם אידן האָט פאָליציי געהאַט אַרעסטירט, און נאָכן באַפרייען האָט ער זיך געפירט זייער חשוד׳יק. ווען אַרקאַדי איז נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דאָרטן אָנגעשטויסן אויף דעם חשוד׳ן נפש און זיך פון אים ניט געקאָנט אַרויסדרייען. דער איד האָט מיט אַרקאַדי׳ן פאַרפירט אַ שמועס וועגן באַנייען „יענע" געשעפטן. אַרקאַדי האָט אים געענטפערט, אַז אין דער סחורה נויטיקט ער זיך ניט מער: פאַרנומען דערמיט האָט ער זיך נאָר צוליב פּרנסה, אָבער די לייט, וואָס האָבן געהאַט באַשטעלט ביי אים די סחורה, האָבן אים אָפּגענאַרט און ער וויל פון זיי ניט וויסן... דער איד האָט איראָניש געשמייכלט און איז אים נאָכגעגאַנגען און אויסגעשפּיאָנירט זיין קוואַרטיר. אַרקאַדי האָט אַפילו גערעכנט, אַז דעם „פאָדעם" פון ווילנע קיין מינסק צו אים האָבן די שפּיקעס באַקומען פון דעם נפש. שפּעטער, ווען קאַפּלינסקי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, האָט די פאָליציי צו ביסלעך אַרויסבאַקומען פון אים אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן.

אָנהויב 1901 איז געווען אַרעסטירט אין מאָסקווע מאַשיצקי, אַן אַלטער רוסישער ס.־ד. אין טורמע איז ער שווער קראַנק געוואָרן און האָט זיך געגוויטיקט אין אַן ערנסטער קוראַציע (מיר דוכט, אויך אין אַן אָפּעראַציע). זובאַטאָוו האָט באַנוצט די געלעגנהייט אַרויסצו־ווייזן צו אים דעם גרעסטן „ליבעראַליזם": ער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו היילן א. אַז. וו. ווען מאַשיצקי׳ן איז בעסער געוואָרן, האָט זובאַטאָוו אים געהאָלפן באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. פאַר זיין אָפּפאָרן האָט מאַשיצקי געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט זובאַטאָוו׳ן, וועלכער האָט אים דערביי באריכות אינפאָרמירט וועגן די אויסלענדישע ס.־ד.־אָרגאַניזאַציעס „איסקראַ" און „סאָיוז" און אגב־

אורחא אים דערציילט וועגן אַרקאַדי׳ן און וולאַדימיר׳ן — וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך א. אַז. וו. מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין 1909, ווען דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט באַקומען פון אַ געוויזענעם באַאַמטן פון דער אָכראַנע, מענשטשיקאָוו׳ן, פּרטים׳דיקע ידיעות וועגן קאַפּלינסקי׳ס פאַרראַט, איז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויך קלאָר געוואָרן, אַז דער דעפּאַרטאַמענט האָט זייער גוט געוואוסט, ווער אַרקאַדי איז, אויך אַז ער איז געווען אויף דער ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ אין מערץ 1902. נאָר יענע אַלע אַלטע הטאים זיינען שוין געווען אַנולירט דורך דער אַלגעמיינער אַמניסטיע פון אָקטאָבער 1905.

זיכער איז, אַז אין די אַקטן פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אויך אין די אַלטע ווילנער אַרכיוון געפינען זיך אויספירלעכע באַריכטן וועגן אַרקאַדי׳ן. מען מוז זען, ספּעציעל אין ווילנע, צו באַקומען אַ צוטריט צו די מאַטעריאַלן. אין אונזער רשות געפינט זיך בלויז אַ קאָפּיע פון אַ צירקולאַר, וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט פאַראַנדערגעשיקט וועגן אַרקאַדי׳ן אין 1900. אָט איז דער טעקסט:

„קרעמער אַראָן, פאָטערס נאָמען יוסף, פּסעוודאָנימען „אַרקאַדי", „אַלעקסאַנדער" און „סאָלאָמאָן", געבאָרן דעם 25טן אויגוסט 1865 אין סוועַנציאַן, ווילנער גובערניע. נאָכן ענדיקן אין 1884 די ווילנער רעאַלשול אָנגעקומען אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, פון וואַנען אין 2 יאָר אַרום אַריבער אין ריגער פּאָליטעכניקום, וואו דעם קורס ניט פאַרענדיקט. אין 1897 אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דענטיסט. אין 1889 אַרעסטירט אין אַן ענין פון דער פּוילישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", באַשטראָפט געוואָרן מיט 6 חדשים טורמע און אָפּגעגעבן געוואָרן אונטער פּאָליצייאישער השגחה אויף 2 יאָר. אין 1898 אַרעסטירט פאַר געהערן צום „בונד". געוווינט אין ווילנע*) אונטער באַזונדערער פּאָליצייאישער השגחה. דעם 6טן אווגוסט 1900 אַוועק קיין אויסלאַנד." — צירקולאַר נומ. 22671 פון 1900.

אין אַ שפּעטערדיקן צירקולאַר (דאַטע ניט באַוואוסט) איז צו דעם צוגעגעבן:

„אין דעצעמבער 1907 אַרעסטירט אין ווילנע פאַר געהערן צום „בונד". אָפּגעגעבן אויף 2 יאָר אונטער פּאָליצייאישער השגחה. קרע־

---

*) פון אַפּריל ביז אַוגוסט 1900.

מער איז אין 1898 געווען דעלעגאַט פון „בונד" אויפן ערשטן צוזאַ־מענפאָר פון ר. ס.־ד. אַ. פּ. (מ. 32)."

דער פסעוודאָנים „סאָלאָמאָן" האָט אין טעקסט פון ערשטן ציר־קולאַר געקענט אַריינגעשטעלט ווערן ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווייל דעם פסעוודאָנים האָט אַרקאַדי אָנגעהויבן צו באַנוצן ערשט אין 1905.

אין זשענעווע

נאָכן פאַריזער קאָנגרעס האָט זיך אַרקאַדי באַזעצט אין זשענעווע. אַרום אַפּריל 1901 איז ער אין זשענעווע אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער שווייץ. די באַשולדיקונג איז געווען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעמאָנסטראַציע, בעת וועלכער מען האָט אַראָפּגע־ריסן דעם שילד פון רוסישן קאָנסולאַט. דער פאַקט גופא איז טאַקע דעמאָלט בשעת אַ דעמאָנסטראַציע געשען אין זשענעווע, אָבער אַרקאַדי האָט צו דעם קיין שייכות ניט געהאַט — ער איז אַפילו אויף דער דע־מאָנסטראַציע ניט געווען — און די גאַנצע געשיכטע איז, ווי עס ווייזט אויס, אָרגאַניזירט געווען פון רוסישע שפּיאָנען. אַרויסגעשיקט איז ער געוואָרן לויט אַ פאָדערונג פון דער פּעטערבורגער רעגירונג. צוזאַמען מיט אַרקאַדי׳ן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דרוקעריי לעאָן בערנ־שטיין.

וואו אַרקאַדי האָט זיך באַזעצט נאָך זשענעווע, געדענק איך ניט. איך רעכן, אַז אין פאַריז.

באַציאונג צו צוזאַמענפאָרן

פונקט אין יענער צייט האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט די פראַגע וועגן אַרקאַדי׳ס אַ נסיעה קיין רוסלאַנד. דער צ. ק. האָט דעמאָלט צוגעגרייט אין ביאַליסטאָק דעם פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". אויף דער טאָג־אָרדענונג זיינען געשטאַנען אומגעהויער וויכטיקע פראַ־געס, צווישן זיי די קאַרדינאַלע פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד" אין דער ר. ס.־ד. אַ. פּ. — אַ פראַגע, אין וועלכער אַרקאַדי איז לויט אַלע־מענס איבערצייגונג געווען קאָמפּעטענט אין העכסטן גראַד. דער צ. ק. האָט פאַרבעטן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט צו שיקן צום צוזאַ־מענפאָר אַ דעלעגאַט.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פיר

מיטגלידער: אַרקאַדי, דזשאַן, וולאַדימיר און טימאָפעי; אַ ביסל שפּע־טער איז קאָאָפּטירט געוואָרן גליעב.

צום דריטן צוזאַמענפאָר (סוף דעצעמבער 1899 אין קאָוונע) איז געקומען דזשאַן. אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט זאָל ווידער רי־זיקירן מיט דזשאַנ'ען, האָט איצט קיין רייד ניט געקאָנט זיין (אַ מענטש, וואָס קומט פון אויסלאַנד, האָט אַלע מאָל געהאַט מער שאַנסן אַריינ־צופאַלן, ווי איינער, וואָס האָט געלעבט שטענדיק אין רוסלאַנד; אין דעם זינען ניץ איך דעם אויסדרוק „ריזיקירן"). אַלע פעדעם פון דער אויסלענדישער אַרבעט זיינען געלעגן אין זיינע הענט, און אָן אים איז גאָר ניט מעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אויסלענדישן קאָמיטעט. זיין קאַנדידאַטור איז ניט געקומען אין באַטראַכט. דאָס זעלבע איז געווען מיט טימאָפעי'ען. מיט אַ יאָר פריער איז ער געווען אין רוסלאַנד, פאַרשטייט זיך אומ־לעגאַל, מיטן פּלאַן צונויפצורופן דאָרטן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ. ווען ער איז צוריקגעקומען מיט גאַנצע ביינער, איז עס געווען ניט מער ווי אַ גליקלעכער צופאַל. ער האָט זיך געזען אין פּעטערבורג מיט גוראָוויטש'ן (ערשט אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז גוראָוויטש איז אַ פּראָוואָקאַטאָר), און שפּיאָנען זיינען אים נאָכגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. אַ צווייטער שליח פון אויסלאַנד, טעפּלאָוו, וואָס איז אויך צוליב דעם געקומען קיין רוסלאַנד, איז דעמאָלט טאַקע אַרעס־טירט געוואָרן; ווייניקער געניט, האָט ער זיך ניט געקאָנט אַרויס־דרייען פון דער שפּיאָנישער נעץ. די קאַנדידאַטור פון ח' קאָסאָווסקי איז אויך ניט געקומען אין באַטראַכט. ער איז געווען אין יענער צייט אין אויסלאַנד דער איינציקער אמת'ער ליטעראַט, עס זיינען געווען גאַנץ ברייטע פּלענער (זיי זיינען צו ביסלעך שפּעטער טאַקע פאַר־ווירקלעכט געוואָרן), און קיין זאַך — אַ סעריע בראָשורן, דער זשור־נאַל „אידישער אַרבעטער" א. אַז. וו., א. אַז. וו. — האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט.

אויף אַזאַ אופן איז ניט נאָר דער פּאַסיקסטער, נאָר פּאַקטיש דער איינציקער קאַנדידאַט געבליבן אַרקאַדי. דערצו נאָך האָט ער זיך געפילט אין אויסלאַנד זייער שלעכט. ניט געקוקט דערויף, וואָס לויט אַלעמענס איבערצייגונג איז ער געווען דער ווערטיקסטער מענטש אין דער קאָלאָניע, האָט ער גופא זיך געפילט כמעט ווי אַן איבעריקער. פאַרוואָס זשע איז ער ניט געפאָרן? איך גלויב, אַז איך וועל זיין נאָענט צום אמת, ווען איך וועל עס דערקלערן מיט אַ געוויסן סקעפּ־

טיציזם צו צוזאַמענפאָרן בכלל, וואָס האָט זיך אין יענער צייט גע־לאָזט ביי אים שפּירן.

אַרקאַדי איז געווען די צענטראַלע פיגור אויפן ערשטן צוזאַ־מענפאָר פון „בונד", וואו עס זיינען געווען 13 דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך טרוקן און זאַכלעך דורכגעשמועסט, ווי אַן ערך אויף אַ רעגו־לערער זיצונג פון אַ גרעסערן קאָמיטעט. מיט 5 חדשים שפּעטער איז אַרקאַדי ווידער געווען די ווירקליכסטע פיגור אויפן גרינדונג־צו־זאַמענפאָר פון דער ר. ס.־ד. א. פּ. אין מינסק (1טער מערץ 1898), וואו די צאָל דעלעגאַטן איז געווען נאָך אַ קלענערע און די דעבאַטן אויך גאַנץ טרוקענע און כמעט וואָכעדיקע. ביידע צוזאַמענפאָרן האָבן אַליין גאָרניט באַשאַפן, זיי האָבן בלויז קאָנסטאַטירט און עפענטלעך געמאָלדן דאָס, וואָס די אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט באַשאַפן דורך זייער אַרבעט. אָט אַזוי אַן ערך האָט זיך אַרקאַדי געמוזט פאָרשטעלן דעם פאַרלויף פון פערטן צוזאַמענפאָר: עס וועלן זיך צונויפקומען אַ צענדליק דע־לעגאַטן (אויב מער, זיינען זיי דאָך משוגעים: מען וועט זיי דאָך אַלעמען נעמען ווי די פליגן, מיט איין קלאַפּ), מען וועט זיך דורכ־שמועסן וועגן דער אַרבעט, וואָס איז שוין דורכגעפירט דורכן צ. ק. און די אָרטיקע קאָמיטעטן, מען וועט אָננעמען עטלעכע באַשלוסן און — פאַרטיק. וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז פּונקט איך, אַרקאַדי, מוז זיין דערביי? אַז זיי נויטיקן זיך דאָרטן דווקא אין מיין „חכמה"? דאָס זיינען אַן ערך זיינע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון אים צען חדשים נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר.*) אָבער היפּש פריער האָט אַרקאַדי זיך דערוואוסט, אַז אַ סך דעלעגאַטן האָט עס שטאַרק פאַר־דראָסן, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען, און אַז אויך דער צ. ק. איז זייער אומצופרידן געווען פון דעם, וואָס דער אויסלענדישער קאָ־מיטעט האָט קיין דעלעגאַט ניט געשיקט. אויף אַרקאַדי'ן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

סוף זומער 1901 איז אַרקאַדי אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן און האָט

---

*) דערצו מוז נאָך באַמערקט ווערן, אַז אַרקאַדי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין רעדנער, וועלכע עס איז ניט אַזוי געגאַנגען אין אַנטוויקלען אַ געדאַנק, ווי אין האַלטן אַ „שיינע" דרשה. ער האָט ניט געקאָנט רואיק איינזיצן אין זייערע ד' אמות. זיינע גייסטיקע כוחות זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ שטרענג דיסציפּ־לינירטן געשלאָסענעם קרייז, וואו עס זיינען יאָרן לאַנג געפירט געוואָרן ערנסטע באַראַטונגען און וואו מען האָט זיך פאַרשטאַנען אָן איבעריקן וואָרט. צו „שיינע" ווערטער האָט ער געהאַט אַן אָרגאַנישן ווידערווילן. אויף גרעסערע צוזאַ־מענפאָרן האָט ער אַלע מאָל געשוויגן און זיך געפילט אויף זיי ניט גוט.

איינגעאָרדנט דאָרט די דרוקעריי פון אויסלענדישן קאָמיטעט. לאָנדאָן איז שוין איצט ביז סוף 1903 געווען דער אָפיציעלער זיצאָרט פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

דער ביאַליסטאָקער דורכפאַל

מערץ 1902 איז אַרקאַדי געפאָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד צו דער קאָנפערענץ פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ., וואָס דער צ. ק. פון „בונד" האָט אין הסכם מיט אַ ריי רוסישע ס.־ד. קאָמיטעטן אָרגאַניזירט אין ביאַ־ליסטאָק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין אויף עטלעכע טעג, און די גאַנצע צייט האָבן מיר זאַלבעדריט (ער, טימאָפעי און איך) פאַרבראַכט צוזאַמען. איך האָב אים געדאַרפט איבערגעבן די ביאַלי־סטאָקער „יאַווקעס", און שפּאַצירנדיק איבער מיין צימער, האָט ער זיי „געזוברעוועט" אויף אויסעווייניק. איך האָב זיך — אין זיין אי־ראָנישן נוסח — אַ ביסל געוווערטלט מיט אים:

— ווען איר וואָלט געפאָרן צום 4טן צוזאַמענפאָר, וואָלט איר אַלע ביאַליסטאָקער „יאַווקעס" געקענט אויף אויסעווייניק און וואָלט ניט געדאַרפט „זוברעווען": „ציליאַ בעלאַך, ציליאַ בעלאַך", ווי אַ גימנאַזיסט לאַטיינישע גראַמאַטיק...

אָט וואָס אָן ערך ער האָט דערויף געענטפערט: „אין ביאַליסטאָק זיינען געווען צוויי טוץ מחותנים — אַ נגיד'יש־חסיד'ישע חתונה! ניט איך האָב דאָרטן געפעלט, נאָר אליקום בדחן מיט זיינע משוררים אָדער צום ווייניקסטן טימאָפעי — ער וואָלט כאָטש פריילעך געמאַכט דעם עולם מיט זיינע באַרימטע אַנעקדאָטן". און אַזוי ווייטער אויף זיין שטייגער. דעם ערנסטן קערן פון זיינע הומאָריסטישע ווערטער איז זייער לייכט געווען צו פאַרשטיין: ער האָט געהאַלטן, אַז אין רוסלאַנד גופא טאָר מען ניט מאַכן קיין צוזאַמענפאָרן מיט אַ גרויסער צאָל דעלעגאַטן, ווייל מען שטעלט דערביי אין סכנה די גאַנצע פּאַרטיי — דעם צ. ק. און אַ היפּשן טייל פון די בעסטע מענטשן פון די ערטער.

איך וויל דאָ לאָזן אָן אַ זייט די פראַגע גופא. אַזוי גראָדליניק האָט מען זי ניט געקאָנט שטעלן. אין דעם קאָנקרעטן פאַל איז אַר־קאַדי, צום באַדויערן, געווען גערעכט. אויף דער קאָנפערענץ, צו וועלכער ער איז געפאָרן, איז געווען אַ קליינע צאָל דעלעגאַטן, און פונדעסטוועגן זיינען אַלע אַרעסטירט געוואָרן — אַחוץ אַרקאַדי'ן און נח'ן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אפשר דורך זייער גרעסערער

געניטקייט און אפשר צופעליק. צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען דריי פון אונזערע בעסטע מענטשן: זעלדאָוו און פּאַוועל און אַננע ראָזענטאַל.

מיר אַלע זיינען לכתחילה געווען זייער אומרואיק וועגן דער ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ. ס'איז נאָך גאַנץ פריש געווען אין זכרון דער חורבן, וואָס ס'האָט אָנגעמאַכט דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס.־ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. דעמאָלט האָט אונזער צ. ק. אויך געפונען פאַר מיגלעך אַוועקצושטעלן אין סכנה זיין גאַנצע עקזיסטענץ, כדי צו העלפן גרינדן די פּאַרטיי.*) דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין מינסק, וואו אונזער צ. ק. האָט געהאַט זיין זיצאָרט, און דער סוף איז געווען, אַז די פּאַרטיי איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אויפן פּאַפּיר און אין 4 חדשים אַרום איז אַרעסטירט געוואָרן כמעט דער גאַנצער „בונד": דער צ. ק., די דרוקערייען, די בעסטע מענטשן אויף די ערטער.

איינער פון די מיטגלידער פון אונזער ערשטן צ. ק., אַרקאַדי, איינער פון די וויכטיקסטע איניציאַטאָרן פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ., איז דאָס איצט געפאָרן קיין ביאַליסטאָק צו אונזער נייעם צ. ק., וואָס האָט שוין געהאַט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן פאַרפעסטיקט דעם „בונד", איינגעאָרדנט נייע דרוקערייען און פון דאָס ניי אַוועקגעשטעלט אויף סאָלידע יסודות אונזער גרויסע בונדישע רעפּובליק. צי וועט זיך ניט אין ביאַליסטאָק אין מערץ 1902 איבער'חזר'ן פונקט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט נאָך דעם מינסקער צוזאַמענפאָר אין 1898? קיין ביאַליסטאָק האָבן געזאָלט קומען דעלעגאַטן פון אַלערליי רוסישע קאָמיטעטן. צי איז מעגלעך, אַז זיי וועלן ניט פאַרפירן אַהין קיין שפּיקעס? קיין נסים זיינען ניטאָ אויף דער וועלט.

*) אין דער ביאָגראַפיע פון אַרקאַדי'ן אין ז. רייזענ'ס לעקסיקאָן שטייט, אַז דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון ר. ס.־ד. אַ. פּ. האָט אויסגעקליבן אין צ. ק. פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ. אַרקאַדי'ן „צוזאַמען מיט א. מוטניק". דאָס איז ניט ריכטיק, אין צ. ק. פון דער ניי געגרינדעטער פּאַרטיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַרקאַדי, איידלמאַן (קיעוו) און ראַדטשענקאָ (פּעטערבורג) אָט די דריי זיינען שוין פון פריער געווען גוט באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן און גוטע פריינט צווישן זיך. מוטניק (גליעב), מיטגליד פון ערשטן בונדישן צ. ק., איז אויפן צוזאַמענפאָר געווען בעצם צופעליק. דער צ. ק. האָט געהאַט באַשטימט אַ בונדישע דעלעגאַציע פון אַרקאַדי'ן, וולאַדימיר קאָסאָווסקי'ן און „שמואל דעם שוואַרצן" (קאַץ). צוליב אַ ריי דרינגלעכע ענינים האָט וולאַדימיר, אָבער, געמוזט בלייבן אין ווילנע און ניט געקאָנט קומען צום צוזאַמענפאָר. אויף זיין אָרט איז עס געגאַנגען גליעב.

אָבער, האָט אונז געענטפערט אַן אָפּטימיסטישער געדאַנק, צען חדשים פריער איז דאָך פּרעכטיק דורכגעגאַנגען אין ביאַליסטאָק גופא דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד״, אויף וועלכן עס זיינען געווען גאַנצע 24 דעלעגאַטן, דערפון 21 מענטשן פון די ערטער. פאַרוואָס האָבן זיי קיין שפּיקעס ניט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך? אוודאי איז אַ גרויסער אונטערשייד, צי עס פאָרט, למשל, אונזערער אַ אידי־שער בחור פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק, אָדער אַ רוסישער מענטש פאָרט אַהין פון ניזשני־נאָווגאָראָד. דער לעצטער מוז זיך וואַרפן אין די אויגן שוין אויפן וואָקזאַל. אָבער וואָס איז דאָ צו טראַכטן? ס׳איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. ס׳קאָן שוין אַנדערש ניט זיין.

ווען איך האָב באַגלייט אַרקאַדי׳ן צום וואָקזאַל ביי זיין אָפּ־פאָרן קיין ביאַליסטאָק, האָב איך זיך שטאַרק אַריינגעקוקט אין זיין פּנים. כ׳בין ניט זיכער געווען, אַז איך וועל אים אַזוי גיך זען איבער אַ נייס. אויף זיין קאָנטאָ ביים פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איז געשטאַנען אויף דער דעבעט־זייט אַ פּסק־דין פון אַכט יאָר מזרח־סיביר... אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום איז אַרקאַדי צוריק געווען אין בערלין — קוים אַ לעבעדיקער, מיט עמיגראַנטן אַריבערגעשוואַרצט די גרענעץ. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און שווערע טיפוס־קרענק.

1907—1902

די גאַנצע צייט פון אַפּריל 1902 ביז יוני 1903 האָט אַרקאַדי, ווי ווייט איך געדענק, פאַרבראַכט אין לאָנדאָן. אין יוני 1903 איז ער געקומען קיין ציריך צום 5טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״.

דער צ. ק. האָט געהאַט באַשלאָסן דורכצופירן דעם צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד גופא, און עס זיינען שוין געווען אָנגעמערקט וואוינונגען אין וויטעבסק, דווינסק און בערדיטשעוו. איך בין שוין דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד, און יונה (יאַנאָוו, פּישל קאַיגען) האָט מיר געוויזן אין בערדיטשעוו אין אַ שטיל געסל דאָס הויז, וואו ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ דירה פאַרן צוזאַמענפאָר. אָבער דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין אויסלאַנד, און דער צ. ק. האָט נאָכגעגעבן.

גלייך נאָך אונזער ציריכער צוזאַמענפאָר איז אַרקאַדי געפאָרן צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ. (בריסל־לאָנדאָן), וואו־הין ער איז פאַרבעטן געוואָרן פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער ר. ס.־ד.

אַ. פּ. ווי אַ מיטגליד פון ערשטן צ. ק. פון דער פּאַרטיי. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט וואָלט אים ניט פאַרבעטן, וואָלט אים אַהין דעלעגירט אונזער צ. ק. דורך דעם, וואָס אַרקאַדי איז געווען דירעקט פאַרבעטן, האָט די בונדישע דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף (יודין, ליבער, מעדעם, נח, קאָסאָווסקי), צובאַ־קומען אַ זעקסטן.

אין נאָוועמבער 1903 איז אַרקאַדי געפאָרן (צוזאַמען מיטן ח׳ עזרא) אויף אייניקע מאָנאַטן קיין צפון־אַמעריקע, ווי דער ערשטער דעלעגאַט פון „בונד״ צו די אַמעריקאַנער חברים.*)

וואו אַרקאַדי האָט זיך באַזעצט נאָך זיין צוריקקומען פון אַמע־ריקע, ווייס איך ניט. אין אויגוסט 1904 איז ער געקומען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. פון דאָרטן איז ער געפאָרן קיין בערלין. מעגלעך, אַז ער האָט זיך גע־האָט באַזעצט אין בערלין באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון אַמעריקע.

אין פעברואַר 1905 האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע געשיכטע ווי מיטן 4טן צוזאַמענפאָר אין 1901. דער צ. ק. האָט נאָך די שטורעמ־דיקע יאַנואַר־טעג צונויפגערופן אין דווינסק די 6טע קאָנפערענץ פון „בונד״ מיט אַ גוואַלדיק וויכטיקער טאָג־אָרדענונג און האָט צו דער קאָנפערענץ פאַרבעטן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט; און ווידער איז קיינער ניט געקומען. פאַרוואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט (אין יענער צייט האָבן געהערט צו אים — חוץ די, וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזן — מעדעם און משה ווינאָקור) האָט דאָס מאָל קיינעם ניט געשיקט, ווייס איך ניט. איך בין יענע צייט געווען שוין אַ יאָר אין טורמע.

אָנגעקומען קיין רוסלאַנד איז אַרקאַדי עטלעכע וואָכן נאָך דער קאָנפערענץ, און גראַד אין דער ריכטיקער צייט: אין יוני 1905 איז אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע חבר נח (צוזאַמען מיט וולאַדעק׳ן א. אַנד.), און עס איז געווען אַ גליק פאַר אונזער פּאַרטיי, וואָס אַרקאַדי האָט אים געקאָנט פאַרבייטן.

ווי ווייט איך געדענק, איז אַרקאַדי צום 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ (אָקטאָבער 1905 אין ציריך) ניט געפאָרן.

---

*) אין ז. רייזען׳ס לעקסיקאָן דערציילט זיך, אַז אַרקאַדי איז געפאָרן קיין אַמעריקע „צוזאַמען מיט מכבי׳ן״, און דערביי ווערט דערמאָנט אַן איבערזעצערין „ראָזע לעווין״. מכבי (מאַקאַבי, קאַמאַוויי) איז טאַקע עזרא; ווער איז ראָזע לעווין? — ביי אונז ווייס קיינער ניט. אפשר ראָזע לעוויט? איז זי אָבער שוין מיט 2 יאָר פריער געווען אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

אין נאָוועמבער 1905 איז אַרקאַדי געפאָרן צוזאַמען מיט ליבער'ן ווי אַ דעלעגאַט פון אונזער צ. ק. צום פעטערבורגער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפוטאַטן. גלייך ווי זיי זיינען אַריין אויף דער זיצונג, איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציי, און דער סאָוועט איז אַרעסטירט געוואָרן. זיי ביידע איז געראָטן זיך אַרויסצוראַטעווען פון אַרעסט.

מערץ 1906 איז אַרקאַדי געפאָרן קיין בערן צו דער 7טער קאָנ־פערענץ פון „בונד".

אין יוני 1906 איז ער פון ווילנע געקומען קיין בערלין, וואו ער האָט געקויפט די גרויסע ראָטאַציע־מאַשין פאַר דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג". איך האָב אים דערביי צוגעהאָלפן.

אין אויגוסט 1906 איז אַרקאַדי געפאָרן צום 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין לעמבערג.

נאָך דעם ווי דער „בונד" איז צוריק אַריין אין דער ר. ס.־ד. אַ. פּ., איז אַרקאַדי געפאָרן, סוף 1906 און אָנהויב 1907, קיין פעטערבורג און פינלאַנד אויף זיצונגען פון דער ר. ס.־ד. אַ. פּ.. אויב איך האָב קיין טעות ניט, צוזאַמען מיטן ה' אַבראַמאָוויטש.

אין מאַי 1907 איז ער געפאָרן קיין לאָנדאָן צום צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס.־ד אַ. פּ. דאָס איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, די לעצטע אויס־לענדישע נסיעה פון אַרקאַדי'ן אין שליחות פון אונזער פאַרטיי. סוף 1907 איז ער אין ווילנע אַרעסטירט געוואָרן.

די פערזענלעכקייט און די אידעע

איך האָב אין אָנהויב געזאָגט, אַז איך וויל זיך דאָ ניט פאַר־נעמען מיט דעם היסטאָרישן באַדייט פון אַרקאַדי'ן. אָבער אַ פּאָר באַ־מערקונגען צו דער טעמע וויל איך מאַכן.

עס וואָלט ניט גרינג געווען צו דערקלערן, מיט וואָס קאָנקרעט אַרקאַדי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט; פאַרוואָס ער האָט אין דער צענטראַלער גרופּע, אין וועלכער עס זיינען געווען ניט ווייניק גוטע גייסטיקע כוחות, בלי־ספק געהאַט דעם גרעסטן אויטאָריטעט.

דערויף ענטפערט מען ס'רוב, אַז ער איז געווען דער קליגסטער. געוויס איז אַרקאַדי געווען זייער קלוג. אָבער איך גלויב, אַז פאַר ניט־קלוגע איז אין צ. ק. פון „בונד" פון אָנהויב אָן געווען איינגעפירט אַ „נומערוס קלאַוזוס"....

אָדער איז דאָס געווען זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע? אָבער דאָס האָט אין „בונד" קיין מאָל ניט געפעלט.

ניט אין דעם אַליין איז באַשטאַנען זיין צוציאונגס־קראַפט. ס׳איז געווען אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך שווער דעפינירן: אַ באַזונ־דערער צויבער, וואָס האָט געהאַט אויף מענטשן אַ גוואַלדיקע ווירקונג.

אַרום אַרקאַדי׳ס נאָמען האָבן זיך אין די אַלטע יאָרן געוועבט פאַרשיידענע לעגענדעס. איינע פון זיי וויל איך דאָ איבערגעבן.

מיר האָט אַמאָל דערציילט מיעטשיסלאַוו קאָזלאָווסקי, אַ פּוילי־שער סאָציאַליסט, אַז „דער באַרימטער בונדיסט אַלעקסאַנדער" האָט, זיצנדיק אין זיין איינצל־קאַמער אין מאָסקווער טורמע, אויסגעאַרבעט אַ גיניאַלן פּלאַן פון אַן עלעקטרישער מאַשין, וואָס וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער וועלט. אויף מיין באַמערקונג, אַז אַ פּלאַן אַליין איז נאָך ניט גענוג, מען מוז דאָך אויפבויען פריער די מאַשין און מאַכן מיט איר עקספּערימענטן, האָט מיר קאָזלאָווסקי געענטפערט: „איר ווייסט ניט, ווער אַלעקסאַנדער איז, דאָס איז אַ געניאַלער מענטש". אינטערעסאַנט איז, אַז געגלויבט אין דער מאַשין האָבן דעמאָלט אַ סך מענטשן, און גראָד אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אַרקאַדי׳ן פּערזענלעך. אויך טישקאַ־יאָגיכעס האָט זיך שפּעטער ביי מיר אַמאָל נאָכגעפרעגט: „און וואָס איז דאָס אַזוינס מיט אַלעק־סאַנדער׳ס מאַשין?" אפשר איז געווען דערין אַ קערנדל אמת?

אין אַרקאַדי׳ס אופן ריידן האָט זיך געפילט דער געבאָרענער מאַ־טעמאַטיקער: אַ קלאָרקייט, אַ באַצווינגענדיקע דערווייז־קראַפט און דערביי די גרעסטע עקאָנאָמיע אין ווערטער.

נאָר דאָס זיינען אַלץ געווען ריין פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. מיר דוכט, אָבער, אַז אין דער פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע פון אַרקאַדי׳ן איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים גאַנץ באַזונדערס אויסגעצייכנט. דערויף מוז איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל לענגער.

די ווילנער פיאָנערן־גרופּע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע: העלפן באַשאַפן אין רוסלאַנד די געאייניקטע פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס — פון גאַנצן אַרבעטערקלאַס — אויפן שטח פון דער גאַנצער מלוכה. איין אַרבעטער־קלאַס — איין פּאַרטיי; נאָר אַזאַ פּאַרטיי וועט קאָנען אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם. אין דעם צוגרייט־פּעריאָד קומען אין באַטראַכט אַחוץ ווילנע נאָך צוויי ערנסטע פּונקטן: פּעטערבורג און קיעוו. מיט די צוויי פּונקטן און מיט די אויסלענדישע טעאָרעטיקער שטייט ווילנע אין ענגסטן קאָנטאַקט (די באַציאונג צו דער פּ. פּ. ס., וואָס האָט פון אָנהויב אָן אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן איר אייגענע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, מוז איך דאָ לאָזן אַן אַ זייט). די צוגרייט־אַרבעט גייט מיט הצלחה. אין פּראָצעס פון דער אַרבעט

קומט אויף דער „בונד״ — אַ גאַנצע „מלוכה״ מיט אַ גענעראַל־שטאַב, מיט פעסטונגען, מיט גרענעץ־פונקטן, מיט אַמבאַסאַדאָרן אין אויסלאַנד ביי אַליאירטע און פרעמדע „מלוכות״.

צי האָט אונזער פּיאָנערן־גרופּע אויפגעבויט דעם „בונד״ לויט אַ באַשטימטן פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן? — ניין.

מען זאָגט: רעוואָלוציעס „מאַכט״ מען ניט. איך זאָג: רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען „מאַכט״ מען אויך ניט. אין פּראָצעס פון דער אַרבעט אַנטפּלעקן זיך באַהאַלטענע כוחות, באַווייזן זיך פאַרבאָרגענע ענערגיעס, וואָס זיינען אָפטמאָל אַ סורפּריז פאַר אונז גופא. די אויפגאַבע פון דער פּאָליטישער אָנפירונג באַשטייט טאַקע אין געפינען דעם ריכטיקן צוגאַנג צו די פאַרבאָרגענע כוחות, אין אַרויסרופן זיי צום לעבן און זיך שאַרף צוקוקן צו דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון די אַלע נייע כוחות, וואָס באַווייזן זיך.

קאָן זיין, אַז די לאַגע פון די אידישע מאַסן האָט שטאַרק פאַרלייכטערט די אַרבעט פון אונזער איניציאַטיוו־גרופּע; קאָן זיין, אַז אונזערע פּיאָנערן האָבן אין דער פּראַקטישער אַרבעט פריער פאַר אַנדערע געפונען דעם ריכטיקן וועג צום אַרבעטער־קלאַס. דאָס לייגט זיך זייער אויפן שכל. אָבער קיין נביאים זיינען זיי ניט געווען, און דאָס, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר זייערע אויגן, איז פאַר זיי גופא געווען אַ גרויסער סורפּריז. פּאָזיטיוו ווייסן מיר, אַז עס איז ניט געווען קיין פּלאַן צו באַשאַפן אויף די ערטער ריין אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. צום מערסטן האָט זיך דאָס אַזוי געשאַפן אומאָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דער אָנפירונג, אין אַנדערע ערטער — בפירוש קעגן איר ווילן. אין דעם פּרט זיינען אומגעהויער אינטערעסאַנט די מעמואַרן פונם פּיאָנער פון דער וויטעבסקער באַוועגונג, א. מ. גינזבורג.*) גינזבורג איז קיין מאָל קיין בונדיסט ניט געווען. ער האָט זיך באַמיט צו באַשאַפן אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פון אַלע וויטעבסקער אַרבעטער (אידישע און רוסישע צוזאַמען). קעגן זיין ווילן האָט זיך באַשאַפן אַ ריין אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און סוף־כל־סוף האָט ער זי געמוזט פאַרבינדן מיטן צ. ק. — פון „בונד״.

ציוניסטן און אַנדערע האָבן אונז שטענדיק אויפגעוואָרפן, אַז די ווילנער גרופּע האָט בעצם געוואָלט נאָר צוגרייטן אַגיטאַטאָרן פאַר רוסלאַנד און גאָר ניט געוואָלט באַשאַפן דעם „בונד״. געווען בונ־

---

*) אין רוסישן זאַמלבוך , Революционное движение среди евреев מאָסקווע 1930, ז״ז 100—130.

דיסטן, וואָס האָבן געפּרוּאווט פּאַרטיידיקן אונזערע פּיאָנערן. איך מיין, אַז עס הייסט פאַרקלענערן דעם היסטאָרישן ווערט, די גרויסקייט און דעם סטיכישן כוח פון „בונד", ווען מען מאַכט פון אים ניט מער ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון אַ קלוגן פּלאַן, וואָס אַ גרופּע קלוגע ווילנער ליטוואַקעס האָבן אויסגעטראַכט. קאָן זיין, אַז די ווילנער ליטוואַקעס זיינען געווען אַזוי קורצזיכטיק, אַז זיי האָבן געשטרעבט ניט מער ווי צוצוגרייטן אַגיטאַטאָרן פאַר רוסלאַנד. ניט דאָס איז דאָך וויכטיק. וויכטיק איז, וואָסערע כוחות עס זיינען אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן דורך אָט דער „קורצזיכטיקער" צוגרייט־אַרבעט. מיר וועלן מסכים זיין מיט אונזערע קריטיקער, ווען זיי וועלן אונז וויזן זייער אייגענע ווייטזיכטיקייט. דערווייל האָבן זיי עס אונז נאָך ניט געוויזן.

דער בונד און די ר.ס.־ד.אַ.פּ.

ווילנע איז פּאַקטיש ניט נאָר געווען דאָס וויגעלע פון „בונד". ווילנע איז אויך געווען די גייסטיקע לאַבאָראַטאָריע פון דער רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. און אויך דאָס איז קיין צופאַל ניט. אונזערע פּיאָנערן האָבן די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע ניט געקאָנט פאַרשטיין אַנדערש ווי אין די ראַמען פון אַן אַלגעמיינער פּאַרטיי, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע מלוכה, דעם אַר־בעטער־קלאַס פון אַלע פעלקער אין דער מלוכה.

אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך, אָבער, ניט געווען. אַזאַ פּאַרטיי האָט ערשט געמוזט באַשאַפן ווערן. אין דער גייסטיקער לאַבאָראַטאָריע פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" איז דער געדאַנק וועגן דער אַלגעמיינער פּאַרטיי צייטיק געוואָרן אין אַלע איינצלהייטן, און די גרינדער פון „בונד" זיינען אויך געווען — צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע טוער פון דער רוסישער ס.־ד. באַוועגונג אין פּעטערבורג, קיעוו און עטלעכע אַנדערע ערטער — די גרינדער פון דער רוסלענדער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. און דעריבער איז ווידער אַ מאָל געוויס קיין צופאַל ניט, וואָס דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס.־ד. אַרבעטער־פּאַרטיי איז פאָרגעקומען אין מינסק, אין דער שטאָט, וואו דער צ. ק. פון „בונד" (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און גליעב) האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַזעצט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אומזיכער אין ווילנע.

אין דעם מאָמענט, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פּאַרטיי אין גאַנצן לאַנד, איז דער „בונד" שוין געשטאַנען אויף אַ פעסטן פונדאַמענט; די פּאַרטיי — כמעט נאָר אויפן פּאַפּיר. אירע אָרטיקע



אַרקאַדי קרעמער



פּאַטי קרעמער־סרעדניצקי



גרינדונגס־הויז פון „בונד״

דזשאַן מילל

אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פול מיט לעבן, זי איז גוואַלדיק רייך געווען אין יונגע שעפערישע כוחות, אָבער צונויפבינדן די כוחות, באַשאַפן אַן אויטאָריטעטן צענטער אויף אָנצופירן מיט דער באַוועגונג — דאָס איז ניט געראָטן. ווען מען נעמט אין אַכט דעם ריזיקן שטח לאַנד, די פּאָליצייאישע באַדינגונגען פון יענער צייט, מוז מען זאָגן, אַז די באַמיאונגען צו שאַפן אַ צענטער זיינען אפשר באמת געווען אַן אוטאָפּיע. אגב, איז דאָס אין גרונט שפּעטער אויך ניט געראָטן, קיין מאָל ניט. פאַר אַ הויפּטשטער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן די פראַקציאָנעלע שפּאַלטונג.

ווען די פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט, האָט דער „בונד" איר אָפּגעגעבן זיין טייערסטע אַמוניציע — רוסישן שריפט פאַר דער קיעווער דרוקעריי, וואו עס האָט זיך געזאָלט דרוקן דער צענטראַל־אָרגאַן, די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ". דעם גאַנצן מאָנאַט אַפּריל האָט די באָברויסקער בונדישע דרוקעריי געאַרבעט פאַר דער פּאַרטיי (אָפּגעדרוקט דעם מאַניפעסט און פאַרשיידענע אַרטיקע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס פאַר די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן). דער פאַקטישער פירער פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי איז אין יענע פאַר חדשים געווען אַרקאַדי. אין שייכות מיט דער פּיבערדיקער אַרבעט פון ערשטן מאַי, באַזונדערס מיט דעם טראַנספּאָרט פון די אומלעגאַלע אויסגאַבעס אין רוסישע שטעט, איז דעם 26טן יולי כמעט דער גאַנצער „בונד" חרוב געוואָרן. דער מינסקער פּרואוו פון מערץ 1898 האָט זייער טייער געקאָסט און האָט זיך ניט איינגעגעבן. דאָס זעלבע איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, מיטן צווייטן פּרואוו — אין מערץ 1902 אין ביאַליסטאָק.

דאָס לעבן איז, אָבער, ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. דער „בונד" איז געוואַקסן, האָט זיך פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. דאָס זעלבע — די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן ריכטונגען און גרופּירונגען, וואָס האָבן פּרעטענדירט אויף אָנפירערשאַפט. אָט אין דער אַטמאָספערע האָט זיך באַשאַפן די אָפּגעזונדערטקייט פון „בונד". געוויס זיינען מיר אַלע מאָל געווען אין דער פולסטער מאָס סאָלידאַריש מיטן אַרבעטער־קלאַס פון גאַנצן לאַנד, אָבער מיר זיינען פאַקטיש געוואָרן אַ באַזונדער פּאַרטיי. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם, און עס האָט זיך באַשאַפן אַ פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד פון „מיר" און „זיי".

דאָס האָט אונזער קלאַסן־באַוואוסטזיין ניט פאַרטונקלט, אָבער ווי אַ היסטאָרישער פּרעצעדענט קאָן דאָס ווערן פאַר אונז אַ שלעכטע

ירושה. ביי מיין אויפריכטיקסטער באַמיאונג ניט צו פאַרדעקן אונ־זערע אייגענע פעלערן, בלייב איך ביי דער אַבסאָלוטער איבערצייגונג, אַז אין אונזער „סעפּאַראַטיזם״ זיינען שולדיק געווען ניט מיר.

אָט דעמאָלט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן סטאַביליזירן די באַ־גריפן „מיר״ און „זיי״, איז אַרקאַדי געווען איינער פון די, וואָס האָבן אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן די סכנות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ צושטאַנד.

איין אַרבעטער־קלאַס — איין פּאַרטיי

פאַרשיידן איז געווען אין אונזערע רייען די באַציאונג צו דער אָפּגעזונדערטקייט, צום „מיר״ און „זיי״. מעדעם, למשל, איז ביי דער גאַנצער קלאָרקייט פון זיין געדאַנק און געפיל אַזוי שטאַרק אָדורכ־געדרונגען געווען מיט דעם „מיר״, אַז ער האָט זיך אויך אָן „זיי״ גע־פילט גאָר ניט שלעכט. געוויס, ער איז אין יאָר 1906 געווען פאַר פאַראייניקונג, אָבער גאַנץ קאַלטלעך. סלאַוועק האָט אויך קיין שום טראַגעדיע ניט געזען אין דעם פאַקט פון „מיר״ און „זיי״. אמת, עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז אַזוי איז נאָר געווען זיין שטימונג בנוגע רוסלאַנד. ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אין פּוילן אַזאַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָריענטירט, ווי מיר, אויסשליסלעך אויפן אַרבעטער־קלאַס און איז אין איר באַציאונג צו אונז געווען קאָרעקט, איז בנוגע פּוילן גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן ביי אים די מחיצה צווישן „אונז״ און „זיי״, און „זיי״ זיינען אים געוואָרן כמעט אַזוי נאָענט ווי די אייגענע פּאַרטיי.

עס וועט פאַר אונזערע יינגערע לייענער אפשר זיין ביי, ווען איך וועל פעסטשטעלן, אַז אַ. ליטוואַק, דער קלאַסישער טיפּ פון אַ ניט־אַסימילירטן אינטעליגענט, ליטוואַק מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט, מיט זיין הייסן נאַציאָנאַלן געפיל, איז געווען זייער באַאומרואיקט פון דער עקזיסטענץ פון אַ „מיר״ און אַ „זיי״. נאָך 1906, ווען ער איז געווען קעגן פאַראייניקונג, האָט ער אַ סך געלערנט און איבער־געטראַכט און אין גאַנצן געביטן זיין שטעלונג. פאַר די, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט פסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, וועט אפשר זיין אינטערע־סאַנט דער פאַקט, אַז צוויי, וואָס זיינען געקומען פון אַ דורך און דורך אַסימילירטער סביבה, האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט אין זייער נאַציאָ־נאַלער שטימונג, און אַזאַ איינער ווי ליטוואַק, הונדערטפּראָצענטיק נאַציאָנאַל אין יעדער אָדער, האָט גובר געווען אָן ענלעכע שטימונג. אָבער מיר קענען זיך דאָ דערמיט ניט פאַרנעמען.

דער צ. ק. פון „בונד" האָט אין זיין ביאַליסטאָקער פּעריאָד (1900 ביז 1902) און אויך שפּעטער שאַרף געקעמפּט קעגן די שטימונגען, וואָס האָבן געהאָלפן סטאַביליזירן אַ צושטאַנד פון „מיר" און „זיי". „זיי" זיינען, אָבער, טייל מאָל געווען אַזוי באַליידיקנדיק אָפּאָרטוניסטיש, אַזוי קליינלעך פּראַקטיש, אַזוי עגאָאיסטיש, אַז עס איז קיין שום מעגלעכקייט ניט געווען זיך צונויפצורייד.

אָט אין דעם ענין קאַמף קעגן איזאָלאַציע — ביי דער גרעסטער עקשנות אין פּאַרטיידיקן אונזער ווערדע און אונזערע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס — איז אַרקאַדי געווען פון די, ביי וועלכע קיין שום ביידזוויליקע אָנפאַלן, קיין שום געוויסנלאָזע פּאָלעמיק*) האָבן ניט געקענט ביימן זייער באַציאונג צו דער עצם אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג: איין אַרבעטער־קלאַס — איין פּאַרטיי; איין פּאַרטיי אין דער גאַנצער מלוכה.

אַרקאַדי האָט אונז, זיינע צוויי אָדער דריי דורות תּלמידים, קיין געשריבענע פּאָליטישע צוואה ניט איבערגעלאָזט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט עס געטאָן, וואָלט ער אַרויפגעלייגט אויף אונז דעם חוב אַ סוף צו מאַכן צו דער איזאָלירטקייט, צו דער צעברעקלונג פון די כוחות. לאָמיר דאָס באַטראַכטן פאַר אַרקאַדי'ס פּאָליטישער צוואה און לאָמיר אונזערע אָנשטרענגונגען פאַרבינדן מיט זיין ליכטיקן אָנדענק.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין היינטיקן פּוילן איז אין געוויסע פּרטים נאָך קאָמפּליצירטער און שווערער צו פאַרענטפערן אַזאַ אויפגאַבע ווי אין אַמאָליקן רוסלאַנד. ס'איז, אָבער, געווען איינער, וואָס האָט אונז געלערנט זיך ניט אָפּצושטעלן פאַר שווערע אויפגאַבעס. זיין הערלעכער נאָמען איז געווען: אַרקאַדי קרעמער.

---

*) מיר מוזן צוגעבן, אַז די דעמאָלטדיקע פּאָלעמיק איז געווען אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'איז שפּעטער אויסגעקומען צו לייענען וועגן „בונד".

(פון אַרקאַדי־זאַמלבוך, ניו־יאָרק, 1942).

דזשאַן מילל. — בונדישע צוזאַמענפאָרן. — די הונגער־יאָרן אין רוסלאַנד

דורך זיין בוך „פּיאָנערן און בויער" פירט אונז דזשאַן מילל אַריין אין דער שוין באַלד לעגענדאַרער סביבה פון די מענטשן, וואָס האָבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן סאָציאַליזם בכלל און פאַר דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בפרט. ווייל מען טיפער פאַרשטיין אַ באַוועגונג, איז נויטיק צו קאָנען די סביבה פון די, וואָס האָבן זי אָנגעהויבן און געפורעמט, בפרט איז דאָס ריכטיק בנוגע דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג . . .

. . . .

וועגן דעם אָנהויב און דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג שרייבט חבר דזשאַן מילל אין ערשטן באַנד פון זיין מעמואַרן־ווערק. צו־געבן וואָס צו דעם, וואָס ער שרייבט, וואָלט געהייסן אָפּשוואַכן די ווירקונג פון זיינע שילדערונגען, ווארעם חבר דזשאַן איז נישט נאָר איצט, נאָר איז פון אָנהויב אָן און אַלע מאָל געווען דער קאָמפּעטענט־סטער אין פעסטשטעלן דעם פאַקטישן גאַנג פון אונזער באַוועגונג.

· איינער פון די ערשטע אין אונזער פּיאָנערן־גרופּע (אין דער ווילנער בונדישער „דינאַסטיע"), איז ער אַריין אין דער אַרבעט אין סאַמע באַגינען פון דער באַוועגונג; איינער פון די, וואָס האָבן אין חושך פון צאַריזם, אונטער די גרעסטע סכנות, אויפגעאַקערט די רויע ערד און פאַרפלאַנצט דעם גאָרטן פון אידישן סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך שפּעטער צעבליט אין אַזאַ וואונדערבאַרער פּראַכט.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אין 1897 אַ נאָמען געגעבן „בונד". גאַנצע 6 יאָר פאַר דער גרינדונג פון „בונד" האָט זי עקזיסטירט אונטערן נאָמען „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד". זי האָט, אָבער, עקזיסטירט שוין יאָרן פריער אָן אַ נאָמען און האָט נאָך אין 1886 באַשאַפן אין ווילנע אירע ערשטע אָרגאַניזאַציעס — סטרייק־קאַסעס א. אַנד. די באַוועגונג עקזיסטירט אין אַ מאָדערנער פאָרם שוין 60 יאָר.

דער „בונד" איז געווען מער ווי אַ פּאַרטיי

דער „בונד" איז געווען די ערשטע און יאָרן לאַנג די איינציקע אידישע פּאָליטישע פּאַרטיי. דער „בונד" איז, אָבער, געווען אין אידישן לעבן מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן צום פּאָליטישן קאַמף האָט געמיינט טאָן אַ גרויסע קולטור־אַרבעט, האָט געמיינט עפענען די אויגן פון די מאַסן אויפן סאָציאַלן בוי פון לעבן, אויף די היסטאָרישע וואָרצלען פון די פּאָליטישע רעזשימען א. אַז. וו. דער „בונד" איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין מאָדערניזירן די אידישע שפּראַך און זי באַרייכערן מיט דער טערמינאָלאָגיע פון מאָדערנעם פּאָליטישן לעבן. די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַשאַפן דעם ערנסטן אידישן מאַסן־לייענער — די באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. די בונדישע אומלעגאַלע פּרעסע („אַרבעטער־שטימע" און די אָרטיקע אָרגאַנען: „וואַרשעווער אַרבעטער", לאָדזשער „פרייהייטס־גלאָק", „ביאַליסטאָקער אַרבעטער", „מינסקער אַרבעטער", ווילנער „קלאַסן־קאַמף" א. אַז. וו., א. אַז. וו.) האָט געצוואונגען די צאַרישע רעגירונג צו דערלויבן (סוף 1902) דאָס דערשיינען פון אַ לעגאַלער אידישער טעגלעכער צייטונג — „דער פריינד" אין פּעטערבורג. דער „זשורנאַל" (פּראָטאָקאָל) פון אַ מיניסטאָרן־באַראַטונג אין פּעטערבורג פאַרצייכנט דעם מאָטיוו, צוליב וועלכן עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערלויבן אַ טעגלעכע אידישע צייטונג: כדי צו באַקעמפן די ווירקונג פון דער בונדישער אומלעגאַלער פּרעסע.

און ווען דער „בונד" איז אין אידישן לעבן געווען מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, איז ער אין אַלגעמיין־רוסלענדער לעבן געווען מער ווי אַ אידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. אויפן קאַמפּס־פראָנט קעגן צאַריזם איז דער „בונד" אין די יאָרן אַרום 1905 געווען איינע פון די מעכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פעסטונגען. די מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין ראַיאָן פון „בונד", די מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, פלוג־בלעטער, פּלאַקאַטן און פּראָקלאַמאַציעס, פאַרשטייט זיך אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס דער „בונד" האָט פאַרשפּרייט אין די גאַרניזאָנען אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, זיינען אַ טעמע פאַר זיך.

מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט אַן אויבן־אויפיקער כאַראַקטעריסטיק פון דער באַוועגונג. די באַשרייבונג — ווי די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, זיך פאַרוואָרצלט און פאַרשפּרייט, דאָס וועט דער לייע־

נער געפינען אויף די בלעטער פון חבר דזשאַנ'ס מעמואַרן־בוך, ריכטיקער — ביכער; דערווײַלע האָט ער געגעבן צום פובליקירן בלויז דאָס ערשטע בוך פון זיינע מעמואַרן. אַ פּאָר באַמערקונגען



ערשטע זייט פון „ארבייטער בלעטל״, מינסק 1897, העקטאגר׳

מוזן מיר, אָבער, צוגעבן וועגן דעם אָפּקלאַנג, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אַלע מאָל מיט דער גרעסטער פריידפאַרצייכנט ידיעות וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָרעם דער צאַריזם איז געווען דער מעכטיקסטער זייל פון דער וועלט־רעאַקציע. קאַמף קעגן צאַריזם האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַטראַכט ווי איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פּוילן איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ המשך פון דער אויפשטאַנד־באַוועגונג פון 1863 (די פּ.פּ.ס. איז עס אין אַ געוויסן זין אויך געווען). די דאָרטיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערופן צו זיך די וואַרעמסטע סימפּאַטיע, אָבער דער פאַקט גופא, וואָס אַזאַ באַוועגונג עקזיסטירט דאָרטן, איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך און איז קיין סענסאַציע ניט געווען.

דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט באַוויזן אויף דער אַרענע פון קאַמף. די ערשטע ידיעות וועגן סטרייקן פון ליטווישע אַרבעטער זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער פּרעסע, פאַרשטייט זיך, מיט צופרידנקייט, אָבער אויך ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. פאַרוואָס זאָלן די ליטווישע אַרבעטער ניט סטרייקן, ניט קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן? עס סטרייקן די בעלגישע און די האָלענדישע א. אַנד. אַרבעטער, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז עס סטרייקן אויך די ליטווישע אַרבעטער, אמת — ביי פיל שווערערע באַדינגונגען. אָבער גאַנץ אַנדערש — די ערשטע ידיעות וועגן דעם קאַמף פון אידישע אַרבעטער, וועגן זייערע ערשטע סטרייקן און רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציעס. דאָס איז געווען אַ סענסאַציע! אידישע אַרבעטער? זיינען דען דאָ ביי אידן אַרבעטער? עס הייסט דאָך, אַז די אידן לעבן פון פרעמדער פּראַצע, אַז זיי זיינען פּאַראַזיטן... און מיט אַ מאָל ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד, פּוילן און דרום־רוסלאַנד קעמפן אידישע אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַל און צאַריזם, קעמפן מיט מסירת־נפש פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט צונישט געמאַכט די פאַלשע פאַרשטעלונג, וואָס איז פאַרשפּרייט געווען איבער דער וועלט וועגן דעם לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד. די באַוועגונג האָט מאָראַליש רעאַביליטירט אין די אויגן פון דער וועלט די אידישע פאָלקס־מאַסן.

מיט 50־60 יאָר צוריק איז די דייטש־אידישע און פראַנצויזיש־

אידישע פרעסע פול געווען מיט אַרטיקלען וועגן דער ביטערער לאַגע פון די אידן אונטערן צאַריזם. די כוונה איז דערביי געווען צו ווירקן אויף דער וועלט, זי זאָל פאָדערן, דער צאַריזם זאָל אָפּשאַפן זיינע רדיפות קעגן די אידן. אין טויזנטער אַרטיקלען האָט מען געזוכט צו באַווייזן, אַז די אידן האָרעווען שווער און ביטער, לעבן אין נויט און דחקות און באַגייען קיין שום פאַרברעכנס ניט. ווער האָט דאָס געגלייבט? בלויז אידן, וואָס האָבן עס סיי ווי געוואוסט. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אין דער ווייטער וועלט אַן אַנדער אוידיטאָריע. פּלעכאַנאָוו׳ס ווערטער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין 1896: די אידישע אַר־בעטער אין צפון־מערב־געגנט בילדן דעם אַוואַנגאַרד פון דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד — האָבן אַפּעלירט צו די הערצער פון מיליאָנען אַרבעטער איבער דער וועלט. יענער זאַץ פון זיין רעדע האָט פאַרשאַפט כבוד דעם אידישן פאָלק אין די אויגן פון אַלע די, וואָס האָבן זיך געגרייט צו בויען אַ נייע וועלט. דאָס איז געווען די ערשטע מתנה, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט באַקומען פון זיין קעמפנדיקן אַרבעטער. אָבער עס מוז דערביי דערמאָנט ווערן אויך אַ צווייטע מתנה, און זי האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג אין אידישן לעבן גופא: די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ענדגילטיק ליקווידירט די אַסימילאַציע אַלס אידעאָלאָגישע ריכטונג אין אידישן לעבן. אויך דערין ווייזט זיך אַרויס דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די אָנגעגליטע אַטמאָספערע פון פּאָליטישן קאַמף האָט באַשאַפן אין לעבן פון די אידישע פאָלקסמאַסן אַ דערהויבנקייט, האָט פאַר־שטאַרקט זייער מענטשלעכע ווירדע, פאַרטיפט זייער נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין און פאַרברייטערט זייער גייסטיקן האָריזאָנט. די באַ־וועגונג האָט אַריינגעצויגן אין אירע רייען די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דערזען פאַר זיך אַ ניי פעלד פון לעבעדיקער אַרבעט. און ווען אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ איז פריער — אין הינזיכט פון שפּראַך — געווען שטאַרק רוסיפיצירט אָדער פּאָלאָ־ניזירט, איז ער איצט געוואָרן אַלץ מער און מער פאָלקסטימלעך און האָט זיך אין גאַנג פון דער אַרבעט צונויפגעגאָסן מיט דער מאַסע. ווערטפולע כוחות, וואָס פלעגן זיך פריער אָפּפרעמדן פון דער מאַסע, זיינען דורך דער באַוועגונג געוואָרן איינס מיט איר. דער קאַפּיטל אַסימילאַציע אין אידישן לעבן איז אידעאָלאָגיש דורך דעם פאַרענדיקט געוואָרן.

דזשאָן מילל'ם ראָלע צווישן די פּיאָנערן

חבר דזשאָן איז געווען אין דער פּיאָנערן־גרופּע פון „בונד" דער ערשטער, און אַ לענגערע צייט דער איינציקער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין אינטערעסן־קרייז פון די פירער פון „בונד" דעם פּוילישן עלעמענט — פאַרשטענדניש פאַר די פּוילישע פּראָבלעמען, פאַרן אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף א. אז. וו. אַלע אַנדערע פּיאָנערן פון „בונד" — קלאַסישע „ליטוואַקעס" מיט אַ רוסישער בילדונג — זיינען געווען גוט באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון רוסישן לעבן, דאָס פּוילישע לעבן איז זיי געווען ווייניקער נאָענט. חבר דזשאָן האָט געמאָנט און געפאָדערט פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צום פּוילישן לעבן, און אים איז דאָס געלונגען. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר פון די בונדישע אויסגאַבעס אין דער פּוילישער שפּראַך. ער האָט דערמיט אַרויסגעוויזן אַ ווייטן בליק און אַ געזונטן חוש פאַר די פּערספּעקטיוון פון דער באַוועגונג. חבר דזשאָן האָט דער ערשטער געשטעלט פאַר דער פירונג פון „בונד" די נאַציאָנאַלע פּראַגע. אין דער פּיאָנערן־גרופּע איז קיין ספּעציעלער אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע ניט געווען. דער צוגאַנג צו איר איז געווען זייער פּרימיטיוו ווי אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין יענער צייט (אויסער אין עסטרייך צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות): מיר זיינען די פּאַרטיי פון אַ באַשטימטן קלאַס, נישט פון דער גאַנצער נאַציע; מיר פאָרמולירן די פאָדערונגען פון אונזער קלאַס; די נאַציע וויל גאַרניט, מיר זאָלן ריידן אין איר נאָמען. יעדער נצחון פון אונזער קלאַס איז גלייכצייטיק אַ געווינס פאַר דער גאַנצער נאַציע, און מער דאַרפן מיר ניט.

מיט דעם געדאַנק וועגן אַ סאָציאַליסטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראַגע האָט זיך ח' דזשאָן פאַרנומען, נאָך איידער עס האָט זיך באַוויזן די עסטרייכער סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אַרום דער פּראַגע. דער באַזונדערער אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע האָט זיך ביים יונגן ח' דזשאָן געמוזט נעמען פון זיין נאָענטקייט צום פּוילישן פּאָליטישן לעבן און פון זיין באַהאַוונטקייט אין די פּוילישע פּראָבלעמען פון יענער צייט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער — אַלץ נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן די שריפטן פון קאַרל רענער („שפּרינגער", „סינאָפּטיקוס"), האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער פּראַגע אויך וולאַדימיר קאָסאָווסקי. דאָס פאַלט צונויף מיט דער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון די 90ער יאָרן, ווען

די חובבי־ציון־באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט איר עוואָלוציע צום א. ג. פּאָליטישן ציוניזם.

אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד”, אין קאָוונע, 1899, האָט חבר דזשאַן דורכגעפירט אַ באַשלוס, וואָס דער זין דערפון איז געווען: זיך ערנסטער פאַרנעמען מיט דער פראַגע און צוגרייטן מאַטעריאַל צו איר לייזונג. דער פערטער צוזאַמענפאָר, מאַי 1901, אין ביאַליסטאָק, האָט, ווי באַוואוסט, די פראַגע געלייזט. חבר דזשאַן האָט דערין אַ היסטאָרישן פאַרדינסט.

די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם האָט אין 1902 געגעבן וולאַדימיר קאָסאָווסקי. ער האָט זיך שפּעטער צענדליקער מאָל אומגעקערט צו דער פראַגע ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן. זיין בעסטער תלמיד — וולאַדימיר מעדעם — האָט שפּעטער דער דאָזיקער פראַגע געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבנס־אַרבעט.

דעם חבר דזשאַן געהערט די איניציאַטיוו ביים גרינדן דעם אויס־לענדישן קאָמיטעט פון „בונד” (דעצעמבער 1898) — אַן אינסטי־טוציע, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַ גוואַלדיק וויכטיקן אָרט אין לעבן פון „בונד”. דעם אימפּעט אין דער אַרבעט און דער גוואַלדיקער ענערגיע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון יונגן דזשאַן, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געהאַט צו פאַרדאַנקען די אַנטוויקלונג פון די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע דער קאָמיטעט איז אין גיכן אַרומ־געוואַקסן: אַ פאַרלאַג, וואָס איז זיך מיט דער צייט צעוואַקסן אין גאָר אַ גרויסן פאַרנעם און וואָלט אויסגעהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט פאַרלאַגן פון מאַנכע אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען; אַ צענ־טראַליזירטע אָרגאַניזאַציע פון די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד, וואו עס האָבן באַקומען זייער שולונג און צוגרייטונג אין פאַרלויף פון דער צייט מערערע הונדערטער סטודענטן און אַרבעטער, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אין דער באַוועגונג אין רוסלאַנד אַ וויכטיקן אָרט, און נאָך, און נאָך, און נאָך.

און די הויפּט־זאַך: חבר דזשאַן איז שטענדיק געווען אַ מזל־דיקער מענטש. אין די יאָרן פון זיין גרויסער אַקטיוויטעט איז ער פאַרן „בונד” געווען דער פערזאָניפיצירטער מזל: זיין גאַנצע אַר־בעט איז שטענדיק געווען מזל׳דיק. מזל אין איינצלנע עפּיזאָדן קאָן זיין אַ צופאַל־זאַך. מזל אין אַ לאַנגער, ערנסטער, שווערער און פאַר־אַנטוואָרטלעכער לעבנס־אַרבעט איז קיין צופאַל ניט. דערצו געהערט

כאַראַקטער, דערצו געהערן אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע קוואַלי־פיקאַציעס, וואָס נאָר יחידי־סגולה פאַרמאָגן זיי.

חבר דזשאָן איז איינער פון די פאַרבליבענע פון אַ וואונדערלעכן פּיאָנערן־דור, וואָס האָבן מיט קנאַפּע 60 יאָר צוריק אָנגעהויבן צו צעאַקערן דאָס האַרטע רוי־ערד פון דאַמאָלסטיקן אידישן לעבן און פאַרוואָרפן אַהינצו קערנער פון נייע שטרעבונגען. די קערנער זיינען זיך גוט צעוואַקסן, נישט בלויז ווייל די ערד איז אין אירע טי־פענישן געווען פרוכפּערדיק און פול מיט געבענטשטע זאַפטן; עס איז אין אַ גרויסער מאָס אויך דער פאַרדינסט פון די ערשטע אַקע־רער, וואָס זיינען מיט גייסטיקער גבורה אין דער פינצטערער נאַכט פון צאַרישן דעספּאָטיזם אַרויס צו דער אַרבעט, באַגייסטערט פון דער וויזיע פון אַ זון־אויפגאַנג, וואָס זיי דאַרפן העלפן ברענגען. פון דעם קרייז פּיאָנערן האָט געשלאָגן אַ לויטערקייט, וואָס האָט באַלויכטן די וויטערדיקע דורות טוער און אָנגעפילט די באַוועגונג מיט איר דערהויבנדיקן אינהאַלט. ח׳ דזשאָן איז איינער פון יענעם דור, אין וועמעס פוסטריט עס זיינען געגאַנגען דורות.

איינע פון די גרעסטע מעלות פון ח׳ דזשאָנ׳ס בוך איז — וואָס דאָס איז נישט בלויז אַ בוך וועגן פּיאָנערן, נאָר אַ בוך פון אַ פּיאָנער — פון איינעם פון די פאַרדינסטפולסטע און ווירדיקסטע פאַרשטייער פון פּיאָנערן־דור פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

* * *

דער צווייטער באַנד „פּיאָנערן און בויער" נעמט אַרום די יאָרן 1898 ביז 1917. דער מחבר שילדערט אונז אין דעם באַנד דעם גוואַלדיקן פאַרנעם פון דער באַוועגונג ערב דעם שטורעם־יאָר 1905, דעם באַרג־אַראָפּ פון דער באַוועגונג אין די יאָרן 1908 ביז 1911 און די פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג, וואָס הויבט זיך אָן אין 1912 און דערגייט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויגוסט 1914.

האַלב־פאַרגעסענע איבערלעבונגען פרישן זיך אויף אין אונזער זכרון ביים לייענען דאָס בוך. מיר לעבן איבער פון דאָס ניי די פרייד פון מאַנכע דערגרייכונגען, דעם ווייטאָג פון מאַנכן דורכפאַל. ביי אונז פון עלטערן דור וואָלט דער גרעסטער טריאומף פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג ניט געקאָנט איינשטילן דעם ווייטאָג צוליב די לעבנס, וואָס דער קאַמף האָט געקאָסט. וויפל וואונדערבאַרע לעבנס זיינען אין אונדזערע רייען פאַרשניטן געוואָרן אין ערשטן אויפבלי פון זייער

יוגנט! צווישן די שורות פון מאַנכער בלאַט באַווייזן זיך אונז אויף אַ רגע אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן שענער און ליכטיקער געמאַכט אונזער לעבן און זיינען פון אונז אויף אייביק אַוועק... פון בלאַט צו בלאַט פאַרשטאַרקט זיך דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום מחבר, וואָס האָט פאַראייביקט אין זיינע זכרונות אַ לעגענדאַרע באַוועגונג, וועלכע איז פאַר דריי דורות סאָציאַליסטישע קעמפער געווען דער זין און דער אינהאַלט פון זייער לעבן.

מיר לעבן איבער, ביים לייענען, צווישן אַנדערעס, די לעגאַליזי־רונג פון דער בונדישער פרעסע און פון די בונדישע ביכער־פאַרלאַגן, סוף 1905, ווי איינע פון די דערגרייכונגען פון „קאָנסטיטוציאָנעלן" רעזשים, און די לעגאַליזירונג פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג — בשעת די פאַרטיי גופא בלייבט ווייטער פונקט אַזוי אומלעגאַל, ווי פאַר דער „קאָנסטיטוציע". די טוער פון דער פאַרטיי, וואָס האָבן זיך אין די פריערדיקע יאָרן געהאַט גרינטלעך באַקאַנט מיט די צאַרישע טורמעס און מיט די קאַטאָרזשנע קאַזעמאַטן און פאַרשיי־קונגס־ערטער אין סיביר, ווערן ווייטער אַרעסטירט, זיי קומען, אָבער, אמת, אָפּ מיט לייכטערע שטראָפן: אַרויסשיקונגען קיין אויסלאַנד אָנשטאָט, ווי פריער, פאַרשיקונגען קיין סיביר.

די אַרעסטן פון די טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די רדיפות קעגן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שטייען אין אַ שרייענ־דיקער סתירה צו דער פרייהייט פון דער אַרבעטער־פרעסע. הגם גע׳רודפ׳ט דורך קאָנפיסקאַציעס, געלט־שטראָפן און פּראָצעסן, איז די פרעסע פאַרט אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס פריי. די בונדישע טעג־לעכע צייטונג (צוערשט „וועקער", שפּעטער „פאָלקסצייטונג", צו־לעצט „האָפענונג") גייט אַרויס אין ווילנע פון דעצעמבער 1905 ביז האַרבסט 1907 לעגאַל און פאַרשפּרייט זיך אָפן איבער גאַנץ רוס־לאַנד. די רעדאַקציע גופא פירט, אָבער, אַן אומלעגאַלע עקזיסטענץ; אירע זיצונגען האַלט זי אָפּ געהיים אויף פרעמדע קוואַרטירן און אייניקע פון אירע מיטאַרבעטער לעבן אויף פאַלשע נעמען.

די רעדאַקציע פון בונדישן רוסישן זשורנאַל „נאַשע סלאָוואָ" (שפּעטער „נאַשאַ טריבונאַ") ציט זיך אַרויס פון דער טומלדיקער ווילנע און באַזעצט זיך שטרענג קאָנספּיראַטיוו אין קאָוונע. די מאַנוסקריפּטן ווערן געבראַכט קיין ווילנע לויט אַלע כללים פון דער אַלטער קאָנ־ספּיראַציע, אָבער דער זשורנאַל, וואָס דרוקט די מאַנוסקריפּטן, גייט אַרויס לעגאַל און ווערט אַן שטערונגען פאַרשפּרייט.

בונדישע צוזאַמענפאָרן

דער מחבר פירט אונז אַריין אין דעם אויסקריסטאַליזירונג־פּראָצעס פון דער בונדישער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. ער באַנוגנט זיך, אָבער, ניט דערמיט און ווייזט אונז אויך די עטאַפּן, וואָס די רוס־לענדער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי און אויך די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

ער גיט אונז אייניקע ידיעות וועגן דעם צווייטן בונדישן צוזאַמענפאָר (קאָוונע, סעפּטעמבער 1898), וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן צוויי חדשים נאָך דעם מורא'דיקן חורבן, וועלכן דער בונד האָט געליטן פון די מאַסן־אַרעסטן סוף יולי 1898. ער גיט אונז אַ באַריכט וועגן דעם דריטן צוזאַמענפאָר (קאָוונע, סוף דעצעמבער 1899), צו וועלכן ער איז געקומען אומלעגאַל פון בערלין אַלס דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, און גיט אונז איבער זיינע איינדרוקן פון פינפטן, זעקסטן און זיבעטן צוזאַמענפאָר, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד.

נעמענדיק אין אַכט די באַזונדערס וויכטיקע ראָלע, וואָס די צוזאַמענפאָרן האָבן געשפּילט אין לעבן פון „בונד", האַלטן מיר פאַר נויטיק זיך אויף דעם דאָ אָפּצושטעלן. מיר גלויבן אויך, אַז עס וועט אפשר ניט איבעריק זיין זיך דאָ צו טיילן מיט אייניקע זכרונות וועגן 5טן צוזאַמענפאָר, דעם ערשטן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד, צו וועלכן דער שרייבער פון די שורות איז געקומען ווי איינער פון די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד.

עס מוז דערמאָנט ווערן, אַז די ערשטע פיר בונדישע צוזאַמענפאָרן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיים אין רוסלאַנד און דורכגעפירט געוואָרן בשלום אָן אַרעסטן (1897 אין ווילנע, 1898 און 1899 אין קאָוונע, 1901 אין ביאַליסטאָק). אויך דער 5טער צוזאַמענפאָר (יוני 1903) האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין רוסלאַנד. צו דעם צוועק זיינען שוין איינגעאָרדנט געווען אין בערדיטשעוו און אין דווינסק פּאַסיקע קוואַרטירן און אָנגעמערקט געווען, ווי ווייט איך געדענק, אויך אַ קוואַרטיר אין וויטעבסק. אין לעצטן מאָמענט האָט דער צ. ק. געדאַרפט אויסקלייבן איינע פון די אָנגעמערקטע שטעט.

די קוואַרטיר אין בערדיטשעוו האָט געהאַט איינגעאָרדנט יונה קאַיגען, וועלכער האָט נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר (סוף 1901) אַ געוויסע צייט געלעבט אין גראָדנע און נאָך דעם זיך באַזעצט לעגאַל

אין בערדיטשעוו. לויט זיין „אמת" איז יונה געווען אַן „אַגענט" פון צ. ק. און זיין אויפגאַבע איז געווען צו העלפן אין דער אַרבעט די, צו יענער צייט נאָך פאַרהעלטניסמעסיק יונגע, בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דרום־רוסלאַנד (אַלס מיטגליד פון צ. ק. איז ער קאָאָפּטירט געוואָרן ערשט אין נאָוועמבער 1903). אויף יונה׳ן, אויף זיין פּראַקטישקייט און גראָדן שכל, האָט מען זיך געמעגט רואיק פאַרלאָזן. פונדעסטוועגן האָט אַ פיר־פינף וואָכן פאַרן באַשטימטן טערמין פון צוזאַמענפאָר דער שרייבער פון די שורות, אויף אַ באַראַטונג ביים צ. ק. אין וואַרשע, באַקומען דעם אויפטראַג זיך צו באַקענען מיט דער בערדיטשעווער קוואַרטיר, מיט די גאַסן אַרום דעם הויז, מיטן הויף א. ד. גל.

דאָס הויז, אַרום וועלכן איך האָב צוויי טעג שפּעטער אַרומשפּאַצירט מיט יונה׳ן, איז מיר זייער געפעלן. עס איז געשטאַנען אויפן ראָג פון צוויי טומלדיקע גאַסן, געמויערט, צוויי עטאַזשן מיט בוידעם־שטיבלעך. אונטן — אין פראָנט פון ביידע גאַסן — קראָמען, אַ שענק, ווידער קראָמען און קאָנטאָרן. אויפן צווייטן עטאַזש — קוואַרטירן און קוואַרטירלעך, אַ געזשום און אַ לייכטע קלאַפּעריי פון מאַשינען (אַ שטאַרקערע קלאַפּעריי וואָלט אין דעם פאַל אפשר בעסער געווען...). אין הויף — ביישטיבלעך, שפּייכלערס און שטאַלן; איין עק הויף אַרומגעצאַמט און פאַרנומען מיט פערד, וועגענער, בוידן און ברישקעס. און פון הויף אין גאַס אַרויס און פון גאַס אין הויף אַריין (3 אָדער 4 דורכגענג!) ציען זיך גרופּקעס אידן און אידענעס, פאַרטאָן אין מסחר — א הונדערט־פּראָצענטיק אידישער עולם. אַזעלכע הויפן זיינען געווען אויך אין וואַרשע, אויף נאַלעווקעס, נאָר גרעסערע, די הייזער העכערע, די קראָמען רייכערע, אָבער דער טומל איז דאָרטן ניט געווען צו דערטראָגן. בערדיטשעוו האָט אומזיסט געהאַט אויף דער וועלט אַ שלעכטן נאָמען. דער עולם, וואָס איך האָב אָבסערווירט (ניט צום ערשטן מאָל אין בערדיטשעוו), איז מיר געווען זייער סימפּאַטיש. און אפשר האָט אַ טייל פון דער סימפּאַטיע דאָס מאָל געדאַרפט געשטעלט ווערן אויפן חשבון פון מיין גרויסער צופרידנקייט מיט יונה׳ס אויסוואַל...

ווען איך האָב נאָך מיין צוריקקומען קיין וואַרשע איבערגעגעבן נח׳ן מיינע בערדיטשעווער איינדרוקן, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיך זייער אויפמערקזאַם און געדולדיק אויסגעהערט און צום סוף מיט אַ שטילן שמייכל באַמערקט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט, וועט מען דאַרפן האָבן אין זינען צום זעקסטן צוזאַמענ־

פּאַר ... צום פינפטן וועט מען זיך, ליידער, מוזן לאָזן אין וועג קיין צייך אין דער שיינער שווייק. אָבער דורכאויס ניט ווייל דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט עס די גאַנצע צייט אַזוי שטורעמדיק געפּאָדערט, נאָר ווייל די אַרגומענטן, וואָס ער שטעלט אַרויס, זיינען זייער איבערצייגנדיק.

דעם פּאָרשלאָג אָפּצוהאַלטן דעם פינפטן צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד האָט אַרקאַדי קרעמער אין אַן אויספירלעכן בריוו פון לאָנדאָן מאָטיווירט, ווי ווייט איך געדענק, אויף אַזאַ אופן: ס'איז טאַקע אמת, אַז אַלע ביז־איצטיקע צוזאַמענפאָרן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד גופא בשלום. וואָס פאַר אַ זין האָט עס, אָבער, זיך ווייטער צו שפּילן מיט פייער, ווען מען קאָן עס אויסמיידן? אויפן פערטן צוזאַמענפאָר, אין אַפּריל 1901 אין ביאַליסטאָק, זיינען געווען 24 דעלעגאַטן! אין די צוויי יאָר, וואָס זיינען זינט דעם אַוועק, איז אונזער באַוועגונג זייער אויסגעוואַקסן. אויב עס זיינען דאָ ביי אונז אַזעלכע, וואָס פּראָיעקטירן אַן אַנטשפּרעכנדיק גרעסערע צאָל דעלעגאַטן, דאַרף מען זיי וואָס גיכער אַריינגעבן אין אַ דול־הויז. אָבער אויך ווען די צאָל דעלעגאַטן זאָל בלייבן ווי אין ביאַליסטאָק און אַפילו פאַרקלענערט ווערן, מוז דאָך, אָבער, די צאָל מענטשן, וואָס וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפאָר, זיך איצט באַדייטנדיק פאַרגרעסערן, און דורך דעם ווערט אויך גרעסער די סכנה.

אין צווייטן טייל פון זיין בריוו האָט אַרקאַדי קורץ דערמאָנט דעם טרויעריקן גורל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי אַ קליינער צאָל דעלעגאַטן אין מערץ 1902 אין ביאַליסטאָק. איך וועל וועגן יענער קאָנפערענץ איבערגעבן לויטן זכרון בלויז דאָס, וואָס האָט געמוזט פאַרשטאַרקן די אַרגומענטאַציע פון אויסלענדישן קאָמיטעט אָפּצוהאַלטן דעם פינפטן צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד. אַרקאַדי האָט וועגן יענעם דורכפאַל זיך געקאָנט אין זיין בריוו באַנוגענען מיט איין איינציקער שורה, ווארעם אַלץ, וואָס עס האָט דעמאָלט פּאַסירט, איז נאָך געווען ברענענדיק פריש אין זכרון.

פּראָיעקטירט איז לכתחילה געווען צונויפצורופן דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ר. ס. ד. אַ.־פּ.). פּונקט ווי עס האָט אין 1898 דער ערשטער צ. ק. פון „בונד" (קרעמער, קאָסאָווסקי, מוטניק), מיט דער צושטימונג פון די גרעסערע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן, אָרגאַניזירט אין מינסק דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ־פּ., האָט

אַנהויב 1902 דער נייער בונדישער צ. ק.*), מיט דער צושטימונג פון דער גרעסטער צאָל רוסישע ס.־ד. קאָמיטעטן, געפּרואווט צונויפ־רופן אין ביאַליסטאָק דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אַזוי ווי, אָבער, די צאָל דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען קיין ביאַליסטאָק צום באַשטימטן טערמין, איז געווען זייער קליין (אַרום 10), האָבן די דעלעגאַטן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן בלויז אַ קאָנפערענץ וועגן אייניקע אַקטועלע פראַגעס און פאַרזעצן די באַמיאונגען וועגן 2טן צוזאַמענפאָר.

דער בונדישער צ. ק. האָט צום פּראָיעקטירטן צוזאַמענפאָר גע־האַט ספּעציעל געדונגען און אויסמעבלירט א פּאַסיקע קוואַרטיר. די באַלעבאַטישקייט אין דער קוואַרטיר האָט געפירט אַ יונג פּאָר־פאָלק (אַלטער עפּשטיין און זיין פאַרשטאָרבענע פרוי),ביידע — פּאַסיקע מענטשן און געניט אין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. די קאָנפערענץ האָט רואיק געאַרבעט און דערפירט אירע זיצונגען ביז צום סוף. די דעלעגאַטן האָבן די גאַנצע צייט, טאָג און נאַכט, פאַרבראַכט אין דער צוגעגרייטער קוואַרטיר, דאָרטן אויך געשלאָפן און געגעסן. אָבער נאָך דער קאָנפערענץ, ווען די דעלעגאַטן זיינען זיך פונאַנ־דערגעפאָרן, זיינען זיי איינציקווייז אַרעסטירט געוואָרן — מאַנכע פאָרנדיק אין דער באַן, אייניקע ביים אָנקומען וואוהין זיי זיינען גע־פאָרן, איינער גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. פּיאַדאָר דאַן, דעלעגאַט פון דער „איסקראַ", איז אַרעסטירט געוואָרן אויפן וואָקזאַל אין יאַראָסלאַוול, זעלדאָוו און ראַדטשענקאָ ביים אָנקומען אין פּעטערבורג, אַ. קאָגאַן נאָכן אָנקומען אין יעלי־סאַוועטגראַד, מישעל קאָגאַן אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. באַלד נאָך דעם זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק גופא פּאַוועל און אַננע ראָזענטאַל. געראַטעוועט, ווי דורך אַ נס, האָבן זיך בלויז אַרקאַדי און נח. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די אָכראַנע איז איב־פאָרמירט געוואָרן וועגן דער קאָנפערענץ דורך אירן אַן אַגענט, אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פּעטערבורגער אָרגאַ־ניזאַציע און געהאַט זיך אַפילו דערוואוסט, אַז די קאָנפערענץ דאַרף פאָרקומען אין ביאַליסטאָק. די אָכראַנע האָט, פאַרשטייט זיך, גלייך געשיקט אַהין אַ באַנדע געניטע שפּיאָנען. אַרויסגעפינען די קוואַר־טיר, וואו די קאָנפערענץ קומט פאָר, איז זיי ניט געלונגען. אָבער שאַרף צוקוקנדיק זיך צו די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען אָפּגעפאָרן פון ביאַ־

---

*) ער איז באַשטאַנען צו יענער צייט, ווי ווייט איך ווייס, בלויז פון פיר מיטגלידער: נח, פּאַוועל ראָזנטאַל, דושקאַן און זעלדאָוו.

ליסטאָקער וואָקזאַל, האָבן זיי אַרויסגעפונען צווישן זיי, ווען זיי האָבן געזוכט. און דאָס איז פאַר אַ שפּיקישן אויג ניט שווער געווען, וואָרעם די דעלעגאַטן זיינען געווען טוער, וואָס זיינען שוין פריער געווען אַרעסטירט, מאַנכע שוין צוריקגעקומענע פון פאַרשי־קונג, און זייערע פאָטאָגראַפיעס האָבן זיך געפונען אין די אַלבאָמען פון דער אָכראַנע.

עס מוז דערצו באַמערקט ווערן, אַז די צאָל אומלעגאַלע טוער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג מיט אַ העכערן סטאַזש איז ביז 1902 נאָך ניט געווען איבעריק גרויס. סטודענטן און שילער אין קרייזלעך, אַרבעטער פון דער מאַסע אַריינגעצויגענע אין דער באַוועגונג, זיינען שוין געווען אין די טויזנטער. אָבער אָנפירנדיקע עלעמענטן (און נאָר אַזעלכע האָבן געקאָנט קומען אין באַטראַכט אַלס דעלעגאַטן צו אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ) האָבן צו יענער צייט אין דער סאָצ.־דעמ. באַוועגונג געקאָנט זיין אין גאַנץ רוסלאַנד ניט מער ווי אַ 200. צו אַזאַ אויספיר זיינען געקומען אייניקע, וואָס האָבן געהאַט נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 צוטריט צו די אַרכיוון פון דער אָכראַנע. אָבער שוין אין פאַרלויף פון 1902 און ווייטער איז די צאָל טוער אָן אַ גוזמא פון טאָג צו טאָג געוואַקסן, ביז זי איז אין 1905 דערגאַנגען אין די טויזנטער.

* * *

אין דער געשילדעטער לאַגע האָט אונזער צ. ק. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, ווי שוין דערמאָנט, באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן דעם צוזאַ־מענפאָר אין אויסלאַנד — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד". באַלד נאָך דעם ווי דער באַשלוס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די קאָמיטעטן אויף די ערטער, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע און דווינסק, און פאַרן אָפּפאָרן צום צוזאַמענפאָר — אין אָדעס, קישינעוו און בערדיטשעוו, און איך געדענק זייער גוט, וואָס פאַר אַן עגמת נפש דער באַשלוס האָט אַרויסגערופן ביי אַ גרויסן טייל דעלעגאַטן. עס איז געווען אונזער שטאָלץ, וואָס אונזער פּרעסע דרוקן מיר אין אייגענע געהיימע דרו־קערייען און וואָס דער „בונד" האָט שוין אָפּגעהאַלטן פיר צוזאַמענפאָרן און פינף קאָנפערענצן אין רוסלאַנד גופא (די פינפטע קאָנפערענץ — אין בערדיטשעוו אין אויגוסט 1902). מיר האָבן געוואוסט, אַז ביי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און פוילן רופט דאָס אַרויס באַוואונדערונג. און מיט אַ מאָל ברעכן די טראַדיציע! מיר האָבן געפילט, ווי אין דעם פעסטן געוועב פון אונזער געשיכטע

וואָלט זיך עפּעס וואָס געגעבן אַ ריס... און זאָל מען ניט אויפקומען מיט דער האַנט דעם עלעמענט פון פּרעסטיזש אין לעבן פון אַ יונגער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע! ווער עס פאַרשטייט דאָס ניט, איז קיין מאָל ניט יונג געווען, און מיר זיינען דעמאָלט אַלע געווען יונג.

קיינער האָט ניט געלייקנט, אַז ס'איז דאָ אַ גאַנץ שטאַרקע לאָגיק אין דעם באַשלוס, דאָס האָט, אָבער, דעם עגמת נפש ניט פאַרמינערט. דערביי האָט זיך נאָך אַרויסגעוויזן, אַז מערערע דעלעגאַטן האָבן אַ ספּעציעלן מאָטיוו קעגן אויסלאַנד. דאָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, און דאָס פאַרמינערט דורכאויס ניט די גוואַלדיקע באַדייטונג, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט געהאַט אין לעבן פון „בונד". אָט וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט:

די צוויי וויכטיקסטע פּונקטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין סדר־היום פון צוזאַמענפאָר, זיינען געווען: 1) די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" (מעגלעך, אַז דער פּונקט איז אָפיציעל אָנגערופן געוואָרן עטוואָס אַנדערש; געהאַנדלט האָט עס זיך יעדנפאַלס וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. — איך האָב ניט אונטער דער האַנט די נויטיקע מאַטעריאַלן); 2) דער אַרט, וואָס דער „בונד" דאַרף פאַרנעמען אין דער ר. ס. ד. א. פּ. ביי דער גרעסטער אַנערקענונג פון דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָבן מערערע דעלעגאַטן געהאַלטן, אַז אין זיין פּאָלעמיק קעגן דער „איסקראַ" אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע טרייבט ער אַ ביסל איבער די מאָס און אַז די העפטיקייט פון דער פּאָלעמיק קאָן פאַרשאַרפן די קעגנזייטיקע באַציאונגען. אַזאַ שטימונג איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, כמעט ביי אַלע דעלעגאַטן פון דרום־רוסלאַנד, און זיי האָט באַאומרואיקט דער אומשטאַנד, וואָס אויף אַ צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד וועט דער אויסלענדישער קאָמיטעט*) האָבן אַ גרעסערן איינפלוס, ווי זייער דעלעגאַט וואָלט געקאָנט האָבן אויף אַ צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד. לויט די סטאַטוטן האָבן אַלע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין אַ צוזאַמענפאָר (בנוגע שטימרעכט פלעגט יעדער מאָל זיין אַ ספּעציעלער באַשלוס); קיין רוסלאַנד וואָלט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געשיקט בלויז איין דעלעגאַט; צום פערטן צוזאַמענפאָר האָט ער אין גאַנצן קיין דעלעגאַט ניט געשיקט.

די שאַרפקייט פון דער קעגנזייטיקער פּאָלעמיק אויף די שפּאַלטן פון די אויסלענדישע אויסגאַבעס איז געווען אַ ספּעציפישער פּראַ־

*) ער איז באַשטאַנען צו יענער צייט פון אַרקאַדי קרעמער, קאָסאָווסקי, דזשאָן מילל, קאָפּעליזאָן און מוטניק; מעדעם איז קאָאָפּטירט געוואָרן שפּעטער.

דוקט פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין אויסלאַנד ביי אַלע פּאַרטייען, גרופּעס און ריכטונגען; זי איז, אגב, געווען אַן אַלטע טראַדיציע אין די עמיגראַנטישע אויסגאַבעס. אַפילו אַזאַ גרויסע פיגור ווי פּלעכאַנאָוו פלעגט אין זיין פּאָלעמיק אָפטמאָל דערגייז צו פּשוט'ער זידלעריי. אין דער הינזיכט איז קיין גרונט ניט געווען אומצופרידן צו זיין מיט די אויסגאַבעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

אָבער אין רוסלאַנד, וואו די דעלעגאַטן זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט, האָט בכלל געהערשט אַ גאַנץ אַנדער אַטמאָספערע. די אָנהענגער פון „איסקראַ" אין ראַיאָן פון „בונד" האָבן צו יענער צייט מיט די אידישע אַרבעטער כמעט קיין פאַרבינדונג ניט געהאַט. זייער אַרבעט אין אונזער ראַיאָן הויבט זיך אָן ערשט סוף 1903, נאָך דעם ווי דער „בונד" האָט זיך צעשיידט מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. אגב, די אָפּיציעלע באַפולמעכטיקטע פון „איסקראַ" אין אונזערע גרעסערע פונקטן זיינען געווען אונזערע אַלטע גוטע פריינט — לעאָן גאָלדמאַן, איינער פון די גרינדער פון „בונד", שפּעטער אַ פאַנאַטישער קעגנער פון בונדישן „נאַציאָנאַליזם" (דאָס איז ביי זיי אַלעמען געווען אַן אמת'ער פסיכאָז); דער ווילנער אַראָן סאָלץ; גאָדלעווסקי — אַ שול-חבר פון נח'ן אין ווילנער לערער-אינסטיטוט; סערגעי צעדערבוים, מאַרטאָוו'ס אַ ייִנגערער ברודער, — אַלץ גוטע פריינט, מיט אינטימע פעדעם פאַרבונדן מיט אונזערע ווילנער עלטערע חברים. די דעמאַגאָגישע פּאָלעמיק פון דער „איסקראַ" קעגן „בונד" איז מאַנכע פון זיי גאָרניט געווען אַזוי צום הארצן.

דער ערשטער, וואָס איז אַוועק סוף 1903 פון שטאָט צו שטאָט מיט אַ סעריע רעפעראַטן און מיט אַן אמת'ער דעמאַגאָגישער העצע קעגן „בונד", איז געווען ברוך סטאָלפּנער — מיט דריי יאָר פריער אַ בונדיסט, נאָך פריער אַ חובב ציון, און מיט זעקס יאָר שפּעטער אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט. און דער אומזיניקסטער אַרטיקל, וואָס איז אין יענער צייט געדרוקט געוואָרן קעגן „בונד" (אין זשורנאַל „זאַריאַ", וואָס האָט געהאַט אַ געמיינזאַמע רעדאַקציע מיט דער „איסקראַ"), שטאַמט אויך פון אַ געוועזענעם בונדיסט, פון אַ געוויסן דאַווידזאָן (פּסעוודאָ. ק. ק.). דאַווידזאָן שרייבט, אַז די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד" פאָדערט, איז בכלל אַן אומזין, ווארעם קולטור פאַר די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד קאָן זיין נאָר רוסישע קולטור.

* * *

מיר מוזן זיך, אָבער, אומקערן צום פינפטן צוזאַמענפאָר.

ווען די דעלעגאַטן זיינען זיך צונויפגעפאָרן אין ציריך (אגב, איינע פון די ציריכער יאַוועס, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען צו אַ סטודענט „דימענט”, אַ חבר פון ריגע; דאָס איז געווען דער שפּע־טערדיקער אַבראַמאָוויטש), איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ פּריוואַטע באַ־ראַטונג, אַ טאָג פריער איידער עס האָט זיך געדאַרפט עפענען דער צוזאַמענפאָר. צו דער באַראַטונג איז געקומען פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט בלויז איינער — קאַפּלזאָן. ער האָט ניט געהאַט ניט די ערנסט־קייט און ניט דעם פּרעסטיזש פון אַרקאַדי קרעמער, אָבער, ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, געהאַט אַ סך מעלות. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסן דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט און איז געווען דער איינציקער אין דער קאָלעגיע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ביסל הומאָר. זיינע טאַלאַנטן האָט ער מיט אַ פּאָר יאָר פריער געהאַט אַרויסגעוויזן אין אַ סיכסוך מיט טישקאָ־יאָגיכעס. טישקאָ איז גע־ווען אַ האַרטער יונג, און ס'האָט געהייסן, אַז ס'איז אוממעגלעך מיט אים דורכצוקומען, און קאַפּלזאָן האָט זיין דיפּלאָמאַטישן שפּיל אַזוי דורכגעפירט, אַז טישקאָ האָט אים נאָכגעגעבן — אפשר דאָס איינ־ציקע מאָל, ווען טישקאָ האָט וועמען עס איז נאָכגעגעבן.

ביי אונז איז, אָבער, קאַפּלזאָן, לײדער, דורכגעפאַלן. זיין פּלאַן איז געווען, אַז אויסער די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס האָבן לויט די סטאַטוטן דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין צוזאַמענפאָר, זאָלן איינגעלאַדן ווערן ווי געסט איניקע חברים פון יינגערן דור, וואָס געפינען זיך אין דער שווייץ. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג: עס שטייט אין טאָג־אָרדענונג די נאַ־ציאָנאַלע פראַגע פון „בונד”. מיר האָבן אין דער שווייץ אַ יונגן חבר, וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט שטודירן די נאַציאָנאַלע פראַגע. ער האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק אָנגעשריבן אויף דער טעמע אַ זייער אינטערעסאַנטע בראָשור, וואָס מיר וועלן אַרויסגעבן. ער איז בכלל זייער באַהאַוונט אין דער פראַגע. איך גלויב, אַז פאַרן צוזאַמענפאָר קאָן זיין אינטערעסאַנט אים אויסצוהערן; פאַר אים גופא וואָלט געווען זייער וויכטיק צו זיין אויפן צוזאַמענפאָר. זיין נאָמען איז מעדעם. בכלל, וויבאַלד אין אויסלאַנד — צו וואָס זיך פאַרשליסן? פאַראַן נאָך חברים...

דער עולם שווייגט. די אויפנאַמע איז זייער קאַלט. אַ דעלע־גאַט (איך גלויב, שניאורסאָן) מאַכט עפּעס אַ באַמערקונג, פון וועל־כער עס ווערט נאָך קעלטער. באַריס פרומקין, וואָס האָט געקאָנט מעדעמ'ען פון מינסק און אַ געוויסע צייט מיט אים דאָרטן צוזאַמען

געאַרבעט, מאַכט מיט אַ גוטער כוונה אַ קאָמפּראָמיס־פאַרשלאַג: איינ־לאַדן מעדעמ׳עז מיט באַראַטונגס־רעכט צו דער זיצונג, אויף וועלכער עס וועט באַהאַנדלט ווערן די נאַציאָנאַלע פראַגע. צו דעם גיט ווער צו: „בלויז צו דער זיצונג"... קאָפעלזאָן זעט, אַז מער וועט ער ניט דערגרייכן, און מאַכט ניט קיין ווייטערע פאַרשלאַגן.

צום פונקט „נאַציאָנאַלע פראַגע" איז מעדעם געקומען און גלייך באַקומען אַ וואָרט אַלס אַריינפיר אין דער דיסקוסיע. ער האָט בלויז איבערגעלייענט אַ מאַנוסקריפּט, אַ „זאַפּיסקע צו דער פראַגע". זיין „זאַפּיסקע" איז געווען צו „אַקאַדעמיש" און צו טרוקן און האָט קיין באַזונדער איינדרוק ניט געמאַכט. בכלל איז די דיסקוסיע אַרום דער פראַגע געווען זייער כאַאָטיש. געווען צוויי טענדענצן: איינע — עטוואָס אָפּצושוואַכן די באַקאַנטע רעזאָלוציע פון 4טן צוזאַמענפאָר; אַ צווייטע — לאָזן די רעזאָלוציע אַזוי, ווי זי איז. ביי דער אָפּשטי־מונג האָט זיך דער צוזאַמענפאָר צעטיילט אויף צוויי גלייכע טיילן. איז באַשלאָסן געוואָרן אַראָפּצונעמען די פראַגע פון טאָג־אָרדענונג און די פּראָטאָקאָלן וועגן דער דיסקוסיע, וואָס איז געפירט געוואָרן אַרום דער פראַגע, ניט אַריינעמען אין באַריכט.

מיט 25 יאָר שפּעטער האָב איך דעם באַטרעפנדיקן טייל פון די פּראָטאָקאָלן אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „אונזער צייט", וואָס דער צ. ק. פון פּוילישן בונד האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע.

דער באַשלוס וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער ר. ס. ד. אַ.־פּ. איז אָנגענומען געוואָרן אָן וועלכע ניט איז ספקות און מיט פולער איינשטימיקייט. אָט די אַנטשלאָסענע איינשטימיקייט פון צוזאַמענ־פאָר אין דער פראַגע האָט דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ.־פּ. געגעבן דאָס רעכט צו מעלדן — נאָך דעם ווי אַלע פאַרשלאַגן פון דער בונדישער דעלעגאַציע זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, — אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פון דער פּאַרטיי, און ניט — ווי מאַנכע רוסישע דעלעגאַטן האָבן דערוואַרט — אַז די בונדישע דעלעגאַציע פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר און אַז אַן ענדגיל־טיקן באַשלוס וועט אָננעמען אַ ספּעציעלער צוזאַמענפאָר פון „בונד".

אין די דעבאַטן אַרום דער פראַגע אויף אונזער פינפטן צוזאַמענ־פאָר איז פאַרשוואונדן דער לעצטער שפּור פון וועלכע ניט איז מיינונגס־דיפערענצן צווישן די געקומענע דעלעגאַטן און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט.

מעדעם, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו בלייבן ווי אַ גאַסט אויפן צוזאַמענפאָר ביז צום סוף, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן

אייניקע מאָל געשריבן וועגן בונדישן פּאַטריאָטיזם, וועגן דער צו־געבונדנקייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שטענדיק געהערשט ביי אונז. איך גלויב, אַז יענעם ענטוזיאַסטישן פּאַטריאָטיזם, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען, האָט ער איבערגעלעבט צום ערשטן מאָל אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר.

* * *

מיר וועלן דאָ אויסנוצן די געלעגנהייט און פאַרצייכענען די וויכטערדיקע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון „בונד" ביז צו דער מערץ־רעוואָלוציע 1917.

קאָנפערענצן זיינען פאָרגעקומען: די זעקסטע קאָנפערענץ אין פעברואַר 1905 אין דווינסק. לויט דער וויכטיקייט פון טאָג־אָרדענונג און לויט דער צאָל דעלעגאַטן האָט די זעקסטע קאָנפערענץ זיך געמעגט אָנרופן צוזאַמענפאָר. די זיבעטע קאָנפערענץ — מערץ 1906 אין בערן. די אַכטע קאָנפערענץ — אָקטאָבער 1910 אין לעמבערג. די ניינטע קאָנפערענץ — אויגוסט 1912 אין ווין. די צענטע קאָנ־פערענץ איז שוין פאָרגעקומען נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 אין פעטראָגראַד.

צוזאַמענפאָרן: דער זעקסטער צוזאַמענפאָר — אָקטאָבער 1905 אין ציריך. זיינע באַשלוסן זיינען שוין פּובליקירט געוואָרן אין דער לעגאַלער בונדישער פּרעסע אין רוסלאַנד. דער זיבעטער צוזאַמענ־פאָר — סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג. די באַריכטן — אין דער לע־גאַלער „פאָלקסצייטונג" אין ווילנע.

דער אונטערשייד צווישן קאָנפערענץ און צוזאַמענפאָר איז לויט די פּאַרטיי־סטאַטוטן באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ צוזאַמענפאָר איז געווען די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנץ, זיינע באַשלוסן — ענדגילטיקע, און פון אים איז אויסגעקליבן געוואָרן, דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, אַ צענטראַל־קאָמיטעט. די באַשלוסן פון אַ קאָנפערענץ האָבן באַקומען גיל־טיקייט, אויב דער צ. ק. האָט זיי באַשטעטיקט. געווען איין אויסנאַם־פאַל (8טע קאָנפ. 1910), ווען דער צ. ק. האָט פאָרגעשלאָגן דער קאָנ־פערענץ אויסצוקלייבן אַ צ. ק. די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט דעם באַשטאַנד פון צ. ק. און האָט אים צוגעגעבן איין נייעם מיטגליד — ליטוואַק'ן.

אויסער קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פלעגן פאָרקומען „באַראַ־טונגען" ביים צ. ק., אַמאָל קלענערע, אַמאָל גרעסערע. די באַדייטנדיקסטע פון יענע באַראַטונגען איז פאָרגעקומען אָנהויב 1908 אין גראָדנע.

דורך הונגער און עפּידעמיעס צום פּאָליטישן שטורעם פון 1905

אין ערשטן באַנד „פּיאָנערן און בויער" איז דאָ אַ קאַפּיטל „דאָס הונגער־יאָר 1892" (ז"ז 118־119). אָט וואָס חבר דזשאָן שרייבט דאָרטן:

„. . . דירעקט און אומדירעקט האָט דער הונגער (אין 20 גובערניעס איסערן תחום —פּ. ק.) געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין אידישן תחום. די שטאָטישע אָרעמעלייט אין תחום האָבן אונטער דעם דרוק פון די הויכע פּרייזן (אויף ברויט —פּ. ק.) געמאַכט פּרואוון נישט צו דערלאָזן, אַז תבואות זאָלן אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד. דאָס האָט אויך פּאַסירט אין ווילנע. דער יקרות . . . איז שרעקלעך געשטיגן. די אָרעמע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו ליידן. די סטיכישע פּרואוון ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל עקספּאָרטירן תבואה קיין אויסלאַנד, האָבן אַרויסגערופן אַרעסטן פון די אָנטיילנעמער . . . וואָלט אונזער אָרגאַניזאַציע שוין פאַרגעשטעלט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, . . . וואָלט זי אויסגענוצט די געשאַפענע לאַגע און וואָלט לכל־הפּחות אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָליטישער דערקלערונג פון די סיבות פון הונגער און מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער צאַרישער רעגירונג אַלס דעם שולדיקן אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע".

אין דעם קליינעם קאַפּיטל פון ערשטן באַנד, פון וועלכן מיר נעמען אַרויס די ציטירטע שורות, רירט דער מחבר אָן דעם שמערצ־לעכסטן פונקט אין צאַרישן מלוכה־אָרגאַניזם. די מורא׳דיקע הונגער־קאַטאַסטראָפע פון 1891 ביז 1894 עפנט אַ ניי בלאַט אין דער גע־שיכטע פון רוסלאַנד. די פאָלגן פון דער קאַטאַסטראָפע גיבן אונז דעם שליסל צום היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אין 1917 פאַרענדיקט מיטן אונטערגאַנג פון דער מאָנאַרכיע. אויף די וויכטיקסטע פאַזעס פון דעם פּראָצעס מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן.

אין רוסלאַנד פלעגט מען זאָגן: דער הונגער איז ביי אונז אין לאַנד אַן אָפטער גאַסט. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: ניט קיין גאַסט, נאָר אַ תושב, וואָס קלייבט זיך אויס יעדערע פּאָר יאָר אַן אַנדער ראַיאָן. אין 19טן יאָרהונדערט זיינען אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד פאַרצייכנט פאָלגנדיקע הונגער־יאָרן: 1820 און 1821, 1833, 1839 און 1840, 1843 ביז 1848. — נאָך דער פּויערים־באַפרייאונג האָט זיך אין דער היגזיכט גאָרנישט געענדערט. די ערשטע הונגער־קאַטאַסטראָפע נאָך דער „באַפרייאונג" האָבן מיר איבערגעלעבט — שרייבט אָסיפּ אַפּטעקמאַן, איינע פון די באַדייטנדיקסטע געשטאַלטן

אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג *) — אין 1867 און 1868. זי האָט אַרומגעכאַפּט ניין גובערניעס, פינף אין צפון, פיר אין צענטראַל־רוסלאַנד. די צווייטע הונגער־קאַטאַסטראָפע האָט אַרויס־געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט ליעוו טאָלסטאָי. דאָס איז געווען דער מורא׳דיקער הונגער אין סאַמאַרער גובערניע אין 1873 און 1874. אָנהויבנדיק פון די 80ער יאָרן, אין די פינצטערע צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, גייט זעלטן אַוועק אַ יאָר אָן הונגער. דער מלאך המות פון טריקעניש באַפאַלט אַלץ גרעסערע שטחים לאַנד. די פויערים פאַלן ווי די פליגן פון הונגער, סקאָרבוט (צינגאַ), טיפוס, כאָלערע און פון אַנדערע עפּידעמישע קראַנקייטן, וואָס דער הונגער רופט אַרויס. דער לעצטער יאָרצענדליק פון 19טן יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס מיט דער גרעסטער הונגער־קאַטאַסטראָפע — די טריקעניש אין 1891 און 1892, וואָס האָט אָפּגעטויט די פעלדער אין 20 גובערניעס, און די כאָלערע, די שטענדיקע באַגלייטערין פון הונגער, אין 1893־1894. די קאַטאַסטראָפע זאָל האָבן געקאָסט מיליאָנען קרבנות.

ווען מיר באַטראַכטן יאָר נאָך יאָר דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד און מיר שטעלן זיך די פראַגע, וועלכע געשעענישן עס האָבן אויפן בולט׳סטן אופן אויפגעדעקט אין די אויגן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד די האָפענונגסלאָזע צעפוילטקייט פון צאַרישן רעזשים, קאָנען מיר איצט, ווען די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע 4־5 דורות ליגן פאַר אונז אָפן אין אַלע איינצלהייטן, מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז דאָס זיינען געווען די הונגער־ און כאָלערע־יאָרן 1891־1894. אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס איז אַרויף אויפן טראָן אין 1881, איז געלונגען צו פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ פינצטערער טורמע, וואו עס האָט געהערשט אומבאַשרענקט די דרייאייניקייט פון תּלין, זשאַנדאַרם און צענזאָר. אָבער שוין נאָכן ערשטן הונגעריאָר, אין 1892, האָט זיך דער רעזשים אַ וואַקל געטאָן, און צוריק זיך פאַרפעסטיקן אין דער פריערדיקער מאָס איז אים שוין קיין מאָל ניט געלונגען. דאָס יאָר 1892 קאָנען מיר באַטראַכטן ווי די גענויע דאַטע, ווען דער צאַריזם האָט באַקומען אַזאַ מעכטיקן קלאַפּ, וואָס האָט, לאַנגזאַם אָבער ניט אָפּצוהאַלטן, דערפירט צו זיין פאַרדינטן שענדלעכן סוף אין 1917.

*) О. В. Аптекман, Общество Земля и Воля 70 г.г., изд. Колос, Петроград, 1924.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד אין די 70ער יאָרן דורכן „גיין אין פאָלק". די אינטעליגענץ איז געגאַנגען אין דאָרף צום פּויערטום מיטן געדאַנק אָנצוצינדן אין דער פּויערים־מאַסע דעם ווילן צו אַ מאַסן־אויפשטאַנד קעגן דעם צאַרישן רעזשים. מיט בלוטיקער אכזריות איז דאָס „גיין אין פאָלק" ליקווידירט געוואָרן. אין 1892 איז די אינטעליגענץ ווידער אַוועק צום פאָלק — דאָס מאָל מיט דער צושטימונג פון דער צאַרישער רעגירונג. אמת, די צילן ביים צווייטן „גיין אין פאָלק" זיינען געווען הומאַניטאַרע, ניט קיין רעוואָלוציאָנערע, ווי אין די 70ער יאָרן. עס האָבן זיך אויסגעליידיקט די אוניווערסיטעטן און די סטודענטן זיינען אַוועק אין די הונגער־ראַיאָנען איינאָרדענען פאַר די פּויערים טיי־הייזער און מעדיצינישע הילף. אָנשטאָט קאָרן האָבן די פּויערים געבאַקן ברויט פון צעמאָלענער קאָרע און קראַפּעווע און — זיינען געפאַלן ווי די פליגן. אין די וועלדער האָט זיך פאַרשפּרייט קאַניבאַליזם. קיין הילף פון דער רעגירונג איז כמעט ניט געקומען. דער אַפּאַראַט פון דער מלוכה איז געווען אַזוי צעפוילט און קאָרומפּירט, אַז אַפילו אַראָפּברענגען אין די הונגער־ראַיאָנען ברויט פון וויטערע גובערניעס, וואו די גערעטעניש איז געווען אַ גוטע, האָט מען זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן, און צו דער זעלביקער צייט האָט זיך דער עקספּאָרט פון קאָרן און ווייץ קיין אויסלאַנד ניט אָפּגעשטעלט.

די סטודענטן, קורסיסטקעס, פאָלקסלערער, פעלדשערס און אַקושאָרקעס, וואָס זיינען אַוועק אין די דערפער העלפן דעם פּויערטום, האָבן לכתחילה ניט געהאַט דערביי, ווי געזאָגט, קיין פּאָליטישע כוונות. אָבער קיין שום רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט אויף זיי ניט געקאָנט האָבן אַזאַ ווירקונג, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין געזען, אַליין איבערגעלעבט. עס איז פאַר יעדערן פון זיי אויך קלאָר געוואָרן, אַז די אייביקע הונגער־קאַטאַסטראָפעס וואָלטן בכלל געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, ווען די רעגירונג וואָלט רעגולירט די טייכן, ניט געלאָזט אויסהאַקן רוצעריש די וועלדער און געזאָרגט, אַז אין שלעכטע יאָרן זאָל דער פּויער האָבן מיט וואָס צו פאַרזייען די פעלדער. עס האָט זיך פאַר זיי אויך אַנטפּלעקט די גאַנצע ליגנערישקייט פון דער צענזורירטער פּרעסע.

עס וואָלט אונז צו וויט פאַרפירט, ווען מיר וואָלטן אַרויסגעבראַכט באריכות, ווי דער פּרעסטיזש פון רעזשים איז אַלץ מער און מער געזונקען, ווי דער פאָלקלאַר איז באַרייכערט געוואָרן מיט

געפּעפּערטע גראַמען און ווערטלעך, פול מיט חוזק און פאַראַכטונג צום רעזשים. מיר וועלן בלויז אָנצייכענען די וויכטיקסטע עטאַפּן, וואָס האָבן זיך אין דער ניי־אַנטשטאַנענער אַטמאָספערע אָנגעמערקט אויפן וועג, וואָס האָט פון דאַן אָן געפירט אין אַ גראַדער ליניע צו די שטורעמס פון 1905.

צום ערשטן מאָל נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער העראָאישער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" באַוויזט זיך אין 1894 אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי „נאַראָדנאַיע פּראַוואָ". די גרינדער זיינען אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס, צוריקגעקומענע פון סיביר, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן אין פאַרשיקונג (נאַטאַנסאָן, טיוטשעוו א. אנד.). די פּאַרטיי האָט קיין קיום ניט, אָבער אירע איניציאַטאָרן לאָזן ניט אַראָפּ די הענט, זיי זאַמלען כוחות אויף די ערטער און גרינדן אין פינף יאָר אַרום דעם „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד", פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס אין 1901 די פּאַרטיי ס. ר.

אין דער פּעריפעריע פון די „נאַראָדאָפּראַווצעס" געפינען מיר אַ טייל פון די שפּעטערדיקע גרינדער פון דעם ראַדיקאַל־בירגערלעכן פאַרבאַנד „אָסוואָבאָזשדעניע", פון וועלכן עס וואַקסט מיט יאָרן שפּעטער אַרויס די קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי („קאַדעטן").

אין דעם זעלביקן יאָר 1894 ווערט אַקטיוו אין פּעטערבורג אַן ערנסטער קרייז אָנהענגער פון דער אַלטער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דער קרייז באַשטייט הויפּטזעכלעך פון סטודענטן פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די „הונגער־קאַמפּאַניע". עס ווערן געמאַכט פּרוואוון צו בילדן אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע מיט מאַרקסיסטישע עלעמענטן, עס באַווייזן זיך רעוואָלוציאָנערע אויפרופן, געדרוקט אין אַן אייגענער געהיימער דרוקעריי. מאַנכע מיטגלידער פון יענעם קרייז פאַרנעמען שפּעטער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער סאָצ.־דעמ. באַוועגונג.

עס איז זיכער אויך קיין צופאַל ניט, וואָס אין 1894 הויבט די פּ.פּ.ס. אָן אַרויסצוגעבן אַ פּאָפּולערע אַרבעטער־צייטונג — „ראָבאָטניק", געדרוקט געהיים אין לאַנד גופא. דער „ראָבאָטניק" האָט 55 יאָר אָן איבעררייס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פּוילישן לעבן און איז ערשט איצט, אין 1949, פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער פּ.פּ.ס. גופא, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דאָס איז אויך דאָס יאָר, ווען עס פאַנגען זיך אָן באַווייזן אין די

רוסישע זשורנאַלן אַלץ מער און מער מאַרקסיסטישע אַרטיקלען, וואו מען שרייבט וועגן דער מאַרקסיסטישער לערע אָפן און ניט פאַר־שלייערט, ווי פריער. עס באַווייזן זיך לעגאַל אויך מאַרקסיסטישע ביכער.

די „גרופּע אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן", די פּיאָנערן־גרופּע פון „בונד", גייט אין 1894 אַריבער פון פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן צו אַ ברייטער מאַסן־אַגיטאַציע. זי גיט אַרויס אַ סעריע געדרוקטע בראָשורן, וואָס ווערן גוט פאַרשפּרייט און מערערע מאָל איבערגעדרוקט (אייניקע פון זיי 12 יאָר שפּעטער, אין 1906, לעגאַל).

אין דער ווילנער לאַבאָראַטאָריע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק שטעלט זיך אין 1894 צום ערשטן מאָל די פראַגע וועגן פאַראייניקן אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד אין איין פּאַרטיי, לויט דעם מוסטער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין די פיר יאָר, וואָס זיינען דעמאָלט אַוועק נאָכן אָפּשאַפן דאָס שענדלעכע אויסנאַם־געזעץ קעגן סאָציאַליסטן (1878־1890), באַוויזן אויסצואוואַקסן אין אַ מעכטיקער מאַסן־פּאַרטיי.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן געדאַנק וועגן אַ געאייניקטער ס. ד. פּאַר־טיי אין רוסלאַנד האָט אונזער פּיאָנערן־גרופּע, נאָך אַ פאַרשטענדי־קונג מיטן פּעטערבורגער ס. ד. קאָמיטעט, מיט וועלכן די גרופּע איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, דעלעגירט דעם חבר יודין־אייזנשטאַט קיין קיעוו און אָדעס. ער שטעלט איין אַ קאָנטאַקט מיטביידע שטעט, באַזונדערס מיט קיעוו, און דער ווילנער פּלאַן גייט שוין ניט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג אין לעבן פון די רוסישע סאָצ.־דעמ. אָרגאַניזאַציעס ביז צו זיין פאַרווירקלעכונג אין 1898.

אָנהויב 1894 שיקט די ווילנער פּיאָנערן־גרופּע פונאַנדער צו די גרעסערע רוסישע סאָצ.־דעמ. קאָמיטעטן (פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס א. אַנד.) העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס פון אַרקאַדי קרעמער'ס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", אַ בראָשור, וואָס ווערט אין פולן זין דאָס טעקסטבוך פאַר דער פּראַקטישער אַרבעט אין די גרעסערע צענטערס פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. וועגן דער ראָלע פון יענער בראָשור און פון דער ווילנער פּראַקטישער שול בכלל איז אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט דאָס עדות־זאָגן פון אומ־פאַרגעסלעכן פּיאָטר גאַרווי, איינעם פון די פּיאָנערן פון דער סאָצ.־דעמ. באַוועגונג אין אָדעס. גאַרווי שטעלט פעסט, אַז די אַרבעט אין אָדעס האָט זיך געשטעלט אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט ערשט דאַן,

ווען דער אָדעסער קאָמיטעט האָט אַלס ריכטשנור אָנגענומען די וויל־נער מעטאָדן פון אַרבעט, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג צו די מאַסן *).

אין דער זעלביקער צייט איז אויך דער פּיאָנערן־קרייז פון דער גרוזינישער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי אין טיפליס צוגעטראָטן צו אַ סיסטע־מאַטישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, וואָס האָט שפּעטער אַרויס־געבראַכט אַ גאַנצן דור פּאָליטישע פירער פאַר דער סאָצ. באַוועגונג ניט נאָר אויפן קאַווקאַז. גענוג צו דערמאָנען די סאָצ.־דעמ. פּראַק־ציעס אין אַלע פיר דומעס, וועלכע זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון אַזעל־כע פיגורן ווי טשכעאידזע, צערעטעלי, דזשאַפּאַרידזע, ראָמישווילי א. אנד.

זאָל נאָך דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דער ווילנער געדאַנק וועגן אַ פאַראייניקטער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז דערגאַנגען קיין טיפליס און האָט דאָרטן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם איז סילוועסטער דזשיבלאַדזע, איינער פון די פּיאָנערן פון דער גרוזינישער ס.־ד. פּאַרטיי, געפאָרן קיין קיעוו און קיין פּעטערבורג. פון איינער פון די שטעט האָט ער מיטגעבראַכט קיין טיפליס אַ קאָפּיע פון אַרקאַדי קרעמער׳ס בראָשור. וועגן דער ווילנער גרופּע האָט דזשיבלאַדזע שוין וואָס געהאַט געהערט פון פּוי־לישע פּראָלעטאַריאַטשיקעס, וועלכע דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט געהאַט אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין טיפליס. דזשי־בלאַדזע האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט דער וויל־נער גרופּע; דאָס איז אים, אָבער, ניט געלונגען.

* * *

אין ווייטערדיקן גאַנג פון די געשעענישן אין פּאָליטישן לעבן, וואָס האָבן געוויזן די פאַרשטאַרקונג פון די כוחות, וועלכע האָבן זיך געשטעלט קעגן צאַרישן רעזשים, מוז דערמאָנט ווערן דער ריזיקער טעקסטיל־סטרייק, זומער 1896, אין פּעטערבורג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען עס האָט זיך באַוויזן אויף דער אָפּענער אַרענע פון פּאָ־ליטישן קאַמף, אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, דער רוסישער אַרבע־טער־קלאַס.

די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויף די ראַנדן פון דער אימפּעריע, זיינען רייף געוואָרן צום פּאָליטישן קאַמף פריער ווי דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס. דער רוסישער גיגאַנט האָט

---

*) П. А. Гарви, Воспоминания Социалдемократа, Нью-Йорк, 1946, стр. 47, 51, 76 и др.

פון צייט צו צייט געלאָזט הערן פון זיך נאָר דורך צאָרנדיקע עקס־צעסן און אומאָרגאַניזירטע בונטן. דאָס האָט געהאַמעוועט דעם פאָר־מירונג־פּראָצעס ביי די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אָפּגעשוואַכט זייער מוט. דער פּעטערבורגער מאַסן־סטרייק, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, האָט אַרויס־גערופן ביי די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַ קוואַל פון ענערגיע. עס דערוואַכט פון דאָס ניי די ס.־ד. ק. פּ. ל. (סאָצ. דעמ. פון פּוילן און ליטע), וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט שוין אין 1893 און איז אין גיכן אַראָפּ פון דער סצענע. אין 1896 לעבט זי ווידער אויף און ווערט מיט יאָרן שפּעטער אַ מאַסן־פּאַרטיי. עס באַוויזט זיך די ליטווישע סאָצ. פּאַרטיי מיט איר אָרגאַן „דער ליטווישער אַרבעטער", מיט בראָשורן און בלעטלעך. עס אָרגאַניזירט זיך די לעטישע פּיאָנערן־גרופּע. אין 1897, ווי מיר ווייסן, גרינדעט זיך דער „בונד", אין 1898 — די רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי.

אָבער מיט דעם מוזן מיר פאַרענדיקן. דאָ פאַנגט זיך אָן דער אוממיטלבאַרער קאַמף פון די אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע כוחות קעגן צאַריזם, און אונזער אויפגאַבע איז בלויז געווען נאָכצופאָלגן, ווי די פאָרמירונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות, וואָס האָט זיך גע־האַט אָפּגעשטעלט מיטן אונטערגאַנג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט זיך אויף פאַרשיידענע אופנים באַנייט און פאַרשטאַרקט אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספערע, וועלכע האָט זיך באַשאַפן דורך דער הונ־גער־קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1891 ביז 1894.

צווישן די אַלע דערוואַכטע כוחות פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די פּיאָנערן־אַרבעט פון „בונד", זיין איניציאַטיוו און פּאָליטישע רייפקייט. דער דרייפאַך גע׳רודפ׳טער אידישער אַרבעטער ווערט איי־נער פון די מוטיקסטע פרייהייטס־קעמפער.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער שוועל פון פעריאָד, ווען די באַוועג־גונג האָט אָנגענומען אַלץ מער און מער אַ מאַסן־כאַראַקטער. ווי האָט אויסגעזען דער קולטורעלער מצב פון רוסלאַנד צו יענער צייט? לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 זיינען אין רוסלאַנד געווען „גראַמאָטנע" (געקאָנט לייענען און שרייבן) אין עלטער פון 9 ביז 49 יאָר — מענער 39,1 פּראָצענט, פרויען — 13,7 פּראָצענט. אין עלטער פון 50 יאָר און העכער — מענער 20,5 פּראָצענט, פרויען 6,5 פּראָצענט. צו דעם מוז נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז רוסלאַנד איז געווען דאָס איינציקע לאַנד אין איירָאָפּע, וואו ס׳איז מאַנכעס יאָר בראש פון דער שטייערן־הכנסה געשטאַנען דער בראַנפן־אַקציז...

ס׳איז דאָ אַן אַלט ווערטל אין דער קלאַסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור: רעוואָלוציעס זיינען די לאָקאָמאָטיוון פון דער וועלט־געשיכטע. מען קאָן צוגעבן: מלחמות זיינען די לאָקאָמאָטיוון פון רעוואָלוציעס. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויף אייביק באַגראָבן דעם צאַריזם. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַקטיש נאָך ניט פאַרענדיקט, אירע לאָקאָמאָטיוון זיינען נאָך אין וועג. וועלן זיי אונז דערפירן צו אַ וועלט פון פרייהייט און מענטשלעכקייט? ווער עס גלויבט אין סאָציאַליזם, וועט אין דעם ניט צווייפלען.

אָט דעם גלויבן וועלן דיביידע בענד „פיאָנערן און בויער" פון דזשאָן מילל ביים לייענער פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן.

(אַריינפירן צום 1טן און 2טן באַנד „פיאָנערן און בויער" פון דזשאָן מילל, ניו־יאָרק 1946 און 1949).

ווער זיינען געווען די גרינדער פון בונד?

אין צוזאַמענהאַנג מיט די יובל־פייערונגען פון אונזער פּאַרטיי האָט זיך אין אונזערע רייען דערוועקט אַ ספּעציעלער אינטערעס צו יענע געהיימניספולע מענטשן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען מיט 40 יאָר צוריק (דעם 8טן, 9טן און 10טן אָקטאָבער 1897, לויטן נייעם סטיל) אין ווילנע אויף אַ באַראַטונג און דאָרטן געגרינדעט דעם „בונד". דערביי ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ סך חברים, באַזונדערס פון ייִנגערן דור, מישן צונויף די באַגריפן „גרינדער", „פּיאָנער" און „וועטעראַן". איידער מיר וועלן פעסטשטעלן די היסטאָרישע פאַקטן, וואָס קומען אין באַטראַכט בנוגע די גרינדער פון „בונד", מוזן מיר דעריבער זיך פאַרשטענדיקן וועגן דעם, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער די דאָזיקע באַצייכענונגען.

גרינדער פון „בונד" קאָנען מיר אָנרופן נאָר די דעלעגאַטן פון גרינדונג־צוזאַמענפאָר.

פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג קאָנען מיר אָנרופן נאָר די, וואָס זיינען שוין געשטאַנען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון „בונד". אויף אַזאַ אופן איז קלאָר, אַז אַלע גרינדער פון „בונד" (די דעלעגאַטן פון גרינדונג־צוזאַמענפאָר) זיינען געווען אויך פּיאָנערן פון אונזער באַוועגונג. אָבער נישט אַלע פּיאָנערן זיינען געווען גרינדער פון „בונד": נאָר 13 פון זיי זיינען דעלעגירט געוואָרן צום ערשטן צוזאַמענפאָר. די אַלע, אָבער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אונזער באַוועגונג שוין נאָך דער גרינדונג פון „בונד", קאָנען מיר ניט אָנרופן פּיאָנערן: זיי זיינען שוין געקומען צום פאַרטיק. דאָס קאָנען זיין אַלטע טוער, „וועטעראַנען" פון אונזער באַוועגונג, אָבער נישט קיין פּיאָנערן.

ווען מיר טיילן־אויס די גרינדער באַזונדער פון דער פּיאָנערן־גרופּע, ווילן מיר דערמיט בלויז גענוי פעסטשטעלן, אַז פון דער גרויסער צאָל פּיאָנערן פון אונזער באַוועגונג זיינען אָט די דרייצן חברים געווען די דעלעגאַטן צום ערשטן צוזאַמענפאָר. בשום אופן ווילן מיר דערמיט נישט מינערן די באַדייטונג און די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון יענע פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך אין ערשטן צוזאַמענפאָר נישט באַטייליקט. ווער עס איז נאָר אין אַ געוויסער מאָס באַקאַנט

מיט דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, ווייסט זייער גוט, אַז נאָר אַ דאַנק דער אַרבעט פון אונזערע פּיאָנערן, הויפּטזעכלעך פון דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע, איז בכלל מעגלעך געווען די גרינדונג פון אונזער פּאַרטיי און אַז דער „בונד" איז אַ דירעקטער המשך פון יענע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וואָס אונזערע פּיאָנערן האָבן באַשאַפן אין 10־11 יאָר מיפּולער אַרבעט אין די פאַרשיידנסטע שטעט און שטעטלעך פון ליטע און ווייסרוסלאַנד און אין אייניקע גרויסע צענטערס פון פּוילן — פאַר 1897. מיר ווייסן, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט אַפילו נישט נויטיק געהאַט ערשט צו באַשאַפן די פאַרבינדונג פון די איינצלנע גרופּעס מיטן צענטער: די ווילנער גרופּע איז סיי־ווי געווען דער צענטער פון דער באַוועגונג און האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשיידענע שטעט, וואוהין זי פלעגט רעגולער שיקן ליטעראַטור, מענטשן צו דער אַרבעט א. אַז. וו.. מיר ווייסן אויך, אַז דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט פאַקטיש אַפילו נישט אויסגעקליבן קיין צ. ק. און אַז דער צענטער פון דער ווילנער גרופּע (קרעמער, קאָסאָווסקי, מוטניק) איז, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, באַשטעטיקט געוואָרן אַלס צ. ק. פון דער געגרינדעטער פאַרטיי. אגב, — פאַרטיי האָבן מיר זיך אין אונזער פּרעסע אָנגעהויבן רופן ערשט מיט אַ יאָר 3־4 שפּעטער; מיר האָבן זיך אין די ערשטע יאָרן געוויינטלעך אָנגערופן „אָרגאַניזאַציע". „פאַרטיי" האָט באַדייט אויף אונזער לשון די לאַנד־פאַרטיי, די רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז געווען אַן אויטאָנאָמער טייל.

עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס איצט אין די יובל־טעג, שטעלט זיך אָפּ אונזער געדאַנק מיט אַ באַזונדערן אינטערעס אויף יענע דרייצן אויסדערוויילטע, אויף די, וואָס האָבן מיט 40 יאָר צוריק אין דער באַשיידנסטער פאָרם דורכגעפירט דעם וויכטיקסטן און פייערלעכסטן אַקט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויפצואווייזן אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון זיין עקזיסטענץ.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז צווישן אונזערע פּיאָנערן, וואָס זיינען נישט געווען דירעקט באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר, זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זיינען אין מאַנכע הינזיכטן געשטאַנען העכער, ווי אייניקע פון די דרייצן. גענוג צו דערמאָנען פון דער וואַרשעווער פּיאָנערן־גרופּע צביה הורוויטש און יצחק פּייסאַכזאָן; פון ווילנער יינגערן דור — פּאַוועל און אַננע ראָזענטאַל, פון מינסק — באַריס

פרומקין, פון וויטעבסק אַבראַם „דעם טאַטן", פון מאָהילעוו טערמאַנ'ען און נאָך, און נאָך, און נאָך. אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז יענע דרייצן — און נישט קיין אַנדערע — האָבן איין פאַרלויף פון דריי טעג, מיט 40 יאָר צוריק, געהאַט צו באַשטימען וועגן דעם גורל פון אונזער באַוועגונג. דאָס, וואָס עס איז יענע דרייצן דעמאָלט אַנפאַרטרויט געוואָרן, האָט זיין גלייכן נישט — און קאָן זיין גלייכן ניט האָבן — אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, און דאָס, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן, האָט געווירקט אויף הונדערטער טויזנטער אידישע — און נישט נאָר אידישע — פּראָלעטאַריער און ווירקט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג אויף יעדערן פון אונז און וועט ווייטער ווירקן ביז דאַן, ווען דער העכסטער און הערלעכסטער ציל פון אַרבעטער־קלאַס — די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט — וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

אָט זיינען די נעמען פון די גרינדער פון „בונד":

1) אַבראַמאָוו, נח (וויטעבסק),
2) בערמאַן, פּאַוועל (מינסק),
3) גאָלדמאַן, לייבע, „לעאָן" (וואַרשע),
4) גרינבלאַט, ראָזע (ביאַליסטאָק),
5) זשאַלודסקי, מערע (וואַרשע),
6) מילל, יוסף, „דזשאָן" (וואַרשע),
7) מוטניק, אברהם (ווילנע),
8) סאָראָקאָ, הירש (ווילנע),
9) קאַץ, דוד (ווילנע),
10) קאַץ, הלל (ביאַליסטאָק),
11) קאַפּלינסקי, ישראל־מיכל (ווילנע),
12) קאָסאָווסקי, וולאַדימיר (ווילנע),
13) קרעמער, אַרקאַדי (ווילנע),

פון דער צענטראַלער (ווילנער) פּיאָנערן־גרופּע זיינען ניט געווען אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר:

אייזנשטאַט, ליובאַ;
אייזנשטאַט, איסאַי;
גאָזשאַנסקי, שמואל;
טאַביאַש, מאַקס;
קאָפּעלזאָן, צמח;
קרעמער, פּאַטי.

די סיבות זיינען באַקאַנט: די ערשטע דריי זיינען שוין געווען פאַרשיקט אין סיביר; ח׳ נח איז שוין געווען אַרעסטירט; קאַפּעלזאָן האָט געלעבט אין דער שווייץ, אַלס פאַרשטייער פון דער ווילנער גרופּע אין „אויסלענדישן פאַרבאַנד פון די רוסלענדער ס. ד.״. פאַר־וואָס חבר׳טע קרעמער איז ניט געווען — דאָס וועט זי אונז אַמאָל, האָפנטלעך, אַליין דערציילן. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָט די פּאָליציי צו יענער צייט שטאַרק נאָכגעשפּיאָנירט דער חבר׳טע קרעמער; ווייזט עס אויס, אַז צוליב דעם איז ניט מעגלעך געווען, זי זאָל זיך באַטייליקן. די צאָל דעלעגאַטן האָט צוליב קאָנספּיראַטיווע אומשטענדן געמוזט זיין שטאַרק באַשרענקט, האָט מסתמא צוליב דעם ח׳ טאָביאַש זיך נישט געקאָנט באַטייליקן, — דאָס זעלבע אויך איי־ניקע אַנדערע פון דער צענטראַלער גרופּע.

וואָס איז געוואָרן שפּעטער פון די גרינדער פון „בונד״ און וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

נח אַבראַמאָוו, אַן אַרבעטער, איז אין אַ געוויסער צייט נאָכן צוזאַמענפאָר אין גאַנצן אַוועק פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך גע־נומען לערנען, געענדיקט אַלס עקסטערן אַ גימנאַזיע און דאַן שטו־דירט מעדיצין. אַ קלאַנג איז אַמאָל צו אונז דערגאַנגען, אַז ער פּראַק־טיצירט ערגעץ־וואו אַלס דאָקטאָר. קיין שום פאַרבינדונג איז מיט אים ניט פאַרבליבן*).

פּאַוועל בערמאַן, אַ שלאָסער, איז אין 1898 אַוועק קיין אויס־לאַנד און האָט זיך אויך גענומען צום שטודירן. אין אויסלאַנד האָט ער זייער פיל געאַרבעט פאַרן „בונד״. ער האָט געענדיקט אַלס אינזשיניער אַרום 1907 און איז לעגאַל אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. אַרום 1920 איז ער אומגעקומען בעת אַן אויטאָמאָביל־ אָדער טראַמ־וואַי־קאַטאַסטראָפע אין נאַרווע.

לעאָן גאָלדמאַן איז שפּעטער געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער רוסישער ס.־ד.־באַוועגונג, אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער רוס־

*) אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ האָט איינער ד. סאָלאָמאָן, וועלכער האָט אַמאָל געהערט צום „בונד״ אין וויטעבסק און איז געווען דאָרט באַקאַנט אונטערן נאָמען טעווקע דער סטאָליער, אָפּגעדרוקט אַ בריוו, אין וועלכן ער דערציילט, אַז אַבראַמאָוו איז אין יאָר 1904, תיכף נאָך זיין קומען קיין ניו־יאָרק, דאָרט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן. — רעד.

לענדער פאַרטיי און אָרגאַניזאַטאָר פון געהיימע דרוקערייען. איצט איז ער אַ מיטגליד אין דער קאָמפּאַרטיי אין ראַטנפאַרבאַנד.

ראָזע גרינבלאַט איז אַ קורצע צייט נאָכן צוזאַמענפאָר אַוועק קיין אויסלאַנד און געוואָרן אַ ציוניסטקע. זי לעבט ביז היינט אין דער שווייץ.

מערע זשאָלודסקאַ איז געווען איינע פון די אַקטיוויסטע טוערינס אין „בונד". געבוירן אין 1875, אין 1900 אַרעסטירט אין וואַרשע, אין 1902 אַנטלאָפן פון סיביר. אין 1908 אַוועק אין פריוואַטן לעבן.

דזשאָן מילל, געבוירן אין 1870 אין קאָוונער קאַנט, אַרעסטירט 1892, פּיאָנער און פירער פון דער בונדישער באַוועגונג אין פוילן, גרינדער פון אויסלענדישן קאָמיטעט (דעצעמבער 1898), לעבט זינט 1915 אין אַמעריקע.

אברהם מוטניק (גליעב), מיטגליד פון ערשטן צ. ק., פון 1902 ביז 1906 מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט. געבוירן 1869 אין ווילקאָמיר, געשטאָרבן 1930 אין בערלין.

הירש סאָראָקאַ (גרישע דער סטאָליער), געבוירן 1873 אין ווילנער קאַנט, אַרעסטירט 1898 אין דער באָברויסקער דרוקעריי, אָנהויב 1900 עמיגרירט קיין אַמעריקע, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1909.

דוד קאַץ (טאַראַס), געבוירן 1876 אין ווילנער קאַנט, מיטגליד פון צ. ק. פון 1898 ביז 1901, איינער פון די וויכטיקסטע טוער ביז 1908, שפּעטער אַוועק אין פריוואַטן לעבן.

קאַפּלינסקי, אַרעסטירט 1898 אין דער באָברויסקער דרוקעריי, אין 1899 אַריין אין דינסט פון דער אָכראַנע; דעמאַסקירט 1909, אַנטלאָפן פון ווילנע, זיך באַזעצט אין סאַראַטאָוו, וואו ער האָט ווייטער געדינט אין דער אָכראַנע; אַרעסטירט 1907; 1918 דערשאָסן געוואָרן אין דער מאָסקווער טשעקאַ.

הלל קאַץ (בלום), שטאַמט פון דער ליטע, לעבט איצט אין קליוולענד, פאַרלאָזן רוסלאַנד 1901, געלעבט אין בערלין און אין דער שווייץ, 1904 עמיגרירט קיין אַמעריקע, באַטייליקט זיך אין דער סאָצ. באַוועגונג און פּרעסע. מיטאַרבעטער פון די ערשטע נומערן „אַרבעטער שטימע" און „אידישער אַרבעטער".

וולאַדימיר קאָסאָווסקי, אַרעסטירט 1898, פון 1909 ביז סוף 1905 געלעבט אין אויסלאַנד; 1906־1907 רעדאַקטאָר פון דער ווילנער „פאָלקסצייטונג"; פון 1908 צוריק אין אויסלאַנד. פון 1930 — אין פוילן.

אַרקאַדי קרעמער (1865—1935) אַרעסטירט 1889, 1898 און 1907. אין פולן זין פון וואָרט — דער פאָטער פון „בונד״.

בנוגע איינעם פון די 13 דעלעגאַטן — אַבראַמאָוו׳ן — האָבן מיר, ווי שוין אָנגעוויזן, קיין שום ידיעות ניט. וואָס אַנבאַלאַנגט די איבעריקע 12, זיינען פון זיי מיט אַ נאַטירלעכן טויט געשטאָרבן 3: מוטניק, סאָראָקע, קרעמער; דורך אַן אומגליקספאַל איינער — בערמאַן, דערשאָסן געוואָרן איינער — קאַפּלינסקי, צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אַוועק איינער — גרינבלאַט, צו דער רוסישער קאָמפּאַרטיי איינער — גאָלדמאַן; אין פּריוואַטן לעבן אַוועק צוויי: זשאַלודסקי און דוד קאַץ. געבליבן ביים „בונד״ ביז צום היינטיקן טאָג דריי: מילל, קאָסאָווסקי, הלל קאַץ. פון זיי לעבן צוויי אין אַמעריקע און איינער, ח׳ קאָסאָווסקי, געפינט זיך איצט אין פּוילן.

(פון דער „נייער פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 1937; אויסגאַבע צום 40־יאָריקן יובילײ פון „בונד״).

וועגן גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד

די איינציקע צענטראַליזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן, וואָס דער „בונד" האָט געהאַט באַשאַפן, זיינען געווען דער בערשטער־בונד און דער גאַרבער־בונד (מיר רעכענען ניט דעם „פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע", וואָס האָט עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט אין 1901). מוז זיך גלייך שטעלן די פראַגע: די עלטסטע און פאַרשפרייטסטע אידישע מלאכות אין ליטע זיינען דאָך געווען שניידעריי און שוסטע־ריי, — איז ווי קומט עס, וואָס דעם „בונד" איז אין יענער צייט ניט געלונגען צו באַשאַפן, למשל, אַ צענטראַליזירטן פאַרבאַנד פון נאָדלפאַך? איך גלויב, אַז קיין צופאַל איז עס ניט געווען.

דער שניידער־יינגל און דער שניידער־געזעל האָט געגעסן ביים בעל־הבית, איז אָפט אויך געשלאָפן ביי אים אין שטוב. מען האָט, אַלזאָ, געאַרבעט און געגעסן מיטן בעל־הבית ביי איין טיש. געאַרבעט האָט מען כמעט נאָר פאַרן קונד אויף אינדיווידועלע באַשטעלונגען, ניט טאַנדעט פאַרן מאַרק; דאָס לעצטע איז געקומען שפּעטער און נאָר אין איינצלנע גרעסערע פונקטן. דער גאַנצער שניידער־פאַך איז גע־ווען צעוואָרפן איבער קליינע און קלייניקע וואַרשטאַטן, און די באַ־ציאונגען מיטן בעל־הבית זיינען געווען פּאַטריאַרכאַלע. אַזוי איז אויך געווען דער שוסטער־פאַך: גאַנץ קליינע וואַרשטאַטן, און צווישן דעם בעל־הבית, אויב ער האָט ניט געאַרבעט פאַרן מאַגאַזין, און זיינע אַרבעטער איז געווען אַ גאָר קליינע דיסטאַנץ. ערנסטע קאַמפן זיינען מעגלעך געוואָרן — און זיינען געווען — נאָר אין דער מעכאַנישער שוסטעריי, באַלד נאָך דעם ווי זי איז אויפגעקומען.

גאַנץ אַנדערש — דער בערשטער און דער גאַרבער.

דער בעל־הבית האָט זיך געלעבט אין זיין שיינער דירה, אין רו און רייכקייט. דער אַרבעטער פלעגט זיך באַווייזן בלויז פון צייט צו צייט אין זיין קאַנטאָר. געאַרבעט האָט דער בערשטער צוזאַמען מיט זיינע חברים (פון אַ צענדליק ביז מערערע הונדערט אין איין אונ־טערנעמונג) אין אַ ספּעציעלער געביידע: אַ שטאַל, אַ שפּייכלער, וואו די לופט איז פול געווען מיט שטויב און געשטאַנק, דערשטיקט צו ווערן. פון דער גאַרבאַרניע פלעגט זיך טראָגן אַן עיפּוש, וואָס

פלעגט זיך פילן אויף אַ ווייטן שטח אַרום, ניט צו דערטראָגן. די בעלי־בתים און זייערע זינדלעך פלעגן זיך באַווייזן ווי דירעקטאָרן, קאָנ־טראָלערן און אויפפּאַסער. אין דער אַרבעט גופא איז דער אַרבעטער מיט זיי ניט געקומען אין באַרירונג. ניט דער סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאַנדיסט, — דאָס לעבן גופא האָט טאָג־איין טאָג־אויס געוויזן בולט און קלאָר די קלאַסן־שיידונג: אָט איז דער קאַפּיטאַליסט — און דאָ זיינען מיר, אַרבעטער.

אָט דערמיט, גלויב איך, דערקלערט זיך, וואָס אין די ראַמען פון אונזער אַמאָליקער אַרבעט האָבן זיך באַשאַפן פונקט די צווי צענטראַליזירטע פאַרבאַנדן.

דערצו קומט נאָך צו דער אומשטאַנד, וואָס די בערשטעריי איז געלעגן אויסשליסלעך אין אידישע הענט און האָט זיך אַנטוויקלט כמעט נאָר אין טעטיקייט־ראַיאָן פון „בונד״. פאַרפעסטיקן דעם גאַר־בער־בונד און אָפּהיטן זיין קיום אין דער זעלבער מאָס, ווי דאָס איז געלונגען מיטן בערשטער־בונד, האָט זיך צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט איינגעגעבן.

* * *

שווער איז געווען דאָס לעבן פון דעם בערשטער. אין היגיענישער הינזיכט איז זיין אַרבעט געווען (און איז עס זיכער נאָך איצט) איינע פון די שעדלעכסטע, זי האָט אים פאַר׳סמ׳ט און צעפרעסן זיינע לונגען. דערצו האָט זיך נאָך די בראַנזשע גופא שוואַך אַנטוויקלט. מיליאָנען האָבן פאַרדינט די דייטשע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אימפּאָרטירט די גערייניקטע חזיר־האָר פון ליטע און פוילן און עס אין דייטשלאַנד באַאַרבעט אויף זייערע פאַבריקן. די אידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים פון דער בערשטער־בראַנזשע האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך צום עסק ניט צוגעלייגט, אָבער קיין מיליאָנערן זיינען זיי ניט געווען.

שווער איז אויך געווען דאָס לעבן פון גאַרבער, און אין אַ גע־וויסער הינזיכט איז זיין אַרבעט געווען נאָך שעדלעכער. אָבער דער גאַרבער האָט בעסער פאַרדינט און מיט דער צייט איז זיין לעבן געוואָרן לייכטער און ליכטיקער. די לעדער־פּראָדוקציע איז אין אַלטן רוסלאַנד פון יאָר צו יאָר געוואקסן און זי האָט געהאַט די גרעסטע שאַנסן צו וואַקסן אָן אַן אויפהער. אין אַלטן רוסלאַנד האָבן זיך גע־רעכנט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג 80 אָדער 85 מיליאָן פויערים, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון זיי האָט רעגולער באַנוצט

פאַר זיך לעדערנע שיך און שטיוול, און די צאָל פויערים, וואָס פלעגן פאַרבייטן זייערע היימישע לאַפּטשעס אויף לעדערנע שטיוול, איז פון יאָר צו יאָר געוואַקסן. נעמט מען אין באַטראַכט דעם גוואַלדיקן וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג און דאָס אַריינדרינגען פון לעדער צום פויער, דערצו נאָך די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון דער מעכאַנישער שוסטעריי, סוף ניינציקער יאָרן, פאַר וועלכער עס האָבן זיך געהאַט געעפנט ריזיקע אָפּזאַץ־מערק אין די ווייטע אַזיאַטישע לענדער, — וועט קלאָר ווערן, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע פערספּעקטיוון עס האָט געהאַט פאַר זיך די לעדער־בראַנזשע.

און מען האָט טאַקע געקענט זען מיטן פּראָסטן אויג, ווי די בראַנזשע וואַקסט און פאַרשטאַרקט זיך. אין דער מיטל־גרויסער ליט־ווישער שטאָט שאַוול איז אויסגעוואַקסן איינע פון די גרעסטע גאַר־בערייען, וואָס דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט (פרענקעל — נוראָק); פאַר פרענקעל׳ס גאַרבאַרניע פלעגן אָנקומען אין ליבאַווער האַפן ספּע־ציעלע שיפן מיט רוישטאָפן פון אינדיע. כדי וואָלוועלער צו מאַכן דעם טראַנספּאָרט פון ליבאַווע קיין שאַוול, האָט זיך גאַנץ ערנסט גע־שטעלט די פראַגע וועגן אויסגראָבן אַ קאַנאַל פון ים־האַפן ביז שאַוול. דער קריג האָט דאָס אַלץ צונישט געמאַכט. אויך די ווילנער גאַרבערייען זיינען געוואַקסן פון יאָר צו יאָר און די פאַבריקאַנטן זיינען שטילינקערהייט נתעשר געוואָרן. דער קריג האָט דאָס אויך צונישט געמאַכט. פון דעם אויפבלי פון דער לעדער־אינדוסטריע, אין יענע יאָרן, האָט אין אַ געוויסער מאָס פּראָפיטירט אויך דער אַרבעטער.

מיר וועלן אַלס אילוסטראַציע צו דער דעמאָלטיקער לאַגע קיין שום סטאַטיסטישע ציפערן ניט ברענגען, וואָרעם די אָפיציעלע באַ־ריכטן פון די רוסישע פאַבריק־אינספּעקטאָרן האָבן אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט. צוליב די פאַטענטן האָבן די פאַבריקאַנטן שטענדיק אָנגעוויזן אַ באַדייטנדיק קלענערע צאָל ווי די אין אמת׳ן ביי זיי באַשעפטיקטע אַר־בעטער, און צוליב די שטייערן האָבן זיי אַלע מאָל שטאַרק פאַר־קלענערט אין די אָנקעטעס די ידיעות וועגן זייערע אומזאַצן. גענוג פעסטצושטעלן דעם פאַקט, וואָס לויט די אָפיציעלע ידיעות זיינען פאַרנומען געווען מיט בערשטעריי אַרום 2,000 אידישע אַרבעטער, בשעת אין אמת׳ן זיינען דערין באַשעפטיקט געווען אין די אַלע יאָרן פאַרן קריג מינדסטנס 6,000 אידישע אַרבעטער.

* * *

אין די גאַרבאַרניעס האָבן שטענדיק געאַרבעט אידישע מיט

קריסטלעכע אַרבעטער צוזאַמען און דער גאַרבער־בונד האָט געמוזט זיין אַ געמישט־נאַציאָנאַלער. אויף די ערטער זיינען שטענדיק געווען אויסגעצייכנטע באַציאונגען צווישן אונזערע גאַרבער און די אַנטוויקלטע קריסטלעכע גאַרבער. צווישן די לעצטע זיינען ניט זעלטן געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעצייכנט גערעדט אידיש. גרויס איז געווען די פרייד, ווען לויט דער איניציאַטיוו פון צ. ק. פון „בונד" איז סוף 1901 צושטאַנד געקומען אַ באַראַטונג פון אונזער גאַרבער־בונד מיט אַ דעלעגאַט פון דער פוילישער ס.־ד. פּאַרטיי (אין ביאַליסטאָק) און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „פעדעראַטיוויער" (פּאַראַיניקטער) גאַרבער־פאַרבאַנד מיט צוויי אָפּטיילונגען: אַ אידישער (בונדישער) און אַ פּוילישער (ס.־ד.). דער פעדעראַטיווער פאַרבאַנד, אַלס אַזעלכער, האָט אָבער זייער שוואַך פונקציאָנירט. דער פוילישער דעלעגאַט אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג איז געווען וואַצלאַוו באַלצעוויטש — אַ זעלטן געטרייער טוער, וואָס איז גרייט געווען מיט לייב און לעבן צו דינען דער זאַך. זיין פּאַרטיי איז, אָבער, צו יענער צייט געווען זייער שוואַך און ער גופא איז געווען אַ שווער קראַנקער מענטש. זומער 1902 איז ער געשטאָרבן אין ווילנע אין עלטער פון 27 יאָר פון שווינדזוכט. נאָך זיין טויט האָט די פּאַרטיי, ווי ווייט עס איז באַקאַנט, קיין נייעם פאָרשטייער אויף זיין אָרט ניט נאָמינירט, און די פּוילישע אָפּטיילונג האָט זייער שוואַך פונקציאָנירט.

דער „בונד" האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו דערהאַלטן און צו פאַרפעסטיקן דעם פאַרבאַנד, ער האָט שטענדיק געגעבן די פּאַסיקע מענטשן דערצו און עס האָבן אויך קיין געלט־מיטלען צו דער אַרבעט ניט געפעלט. אָבער פאַר אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ פון פאַרבאַנד וואָלט פּאַראַלעל געדאַרפט פונקציאָנירן אויך די פּוילישע אָפּטיילונג און קיין פוילישן „שותף" האָבן מיר, ליידער, פּאַקטיש ניט געהאַט. ערשט נאָך 1905 האָט זיך אין דער הינזיכט די לאַגע געהאַט געענדערט צום גוטן. — קיין פרעסע האָט דער גאַרבער־בונד ניט געהאַט, און אויך נאָך 1905 איז אין גאַנצן אַרויס איין נומער „גאַרבער־שטימע" (אידיש און רוסיש).

* * *

אַ סך ליבע געשטאַלטן שווימען אַרויף אין אונזער זכרון, ווען מיר פאַרטראַכטן זיך וועגן יענע פּיאָנערן פון אונזער באַוועגונג, וואָס האָבן אַזוי פיל מי און כוחות אַוועקגעלייגט צו באַשאַפן און צו דערהאַלטן דעם בערשטער־בונד און דעם גאַרבער־בונד.

די עלטסטע פון זיי דאַרפן זיין אורטשיק און „אַבראַם דער בער־שטער" — וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר פון בונד" (יוני 1903) איז געווען אַ באַזונדער דעלעגאַט פון בערשטער־בונד — „זלמן דער בערשטער" (זינגער). ער איז גלייכצייטיק געווען דער בעסטער אָרגאַניזאַטאָר פון אונזער „גרענעץ" (ליטעראַטור־טראַנספאָרטן). די בערשטער זיי־נען געווען ביי דער גרענעץ, אַזוי צו זאָגן, ביי זיך אין דער היים, און ביי ליטעראַטור־טראַנספאָרטן האָבן זיי פון אייביק אָן שטאַרק מיט־געהאָלפן. — צו דער אַלטער געטרייער גוואַרדיע פון בערשטער־בונד געהערט דר. סינטאָווסקי (חבר „עליע" פון ווילקאָווישק, איצט אין ניו־יאָרק). אין די שפּעטערדיקע יאָרן — נאָך 1905 — איז אַ לאַנגע צייט געווען דער סעקרעטאַר פון בערשטער־בונד חבר נח ראַפּאָפּאָרט. אַ סך נעמען זיינען פאַרשוואונדן פון זכרון, און דעם גאַנץ ערשטן דור בערשטער האָב איך פערזענלעך ניט געקענט.

ביי דעם סאַמע אָנהויב פון דער גאַרבער־באַוועגונג איז געשטאַנען טימאָפעי קאָפּעלזאָן, איינער פון דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע; לעבן אים אַ צאַרטע פרויען־געשטאַלט — ליבע גינזבורג, די פרוי פון חבר ליעסין, ליידער — יונג געשטאָרבן; דער יונגער ליטוואַק; דער יונגער הלל קאַץ־בלום; אין דער אַמאָליקער גראָדנע איז קיין זאַך ניט געטאָן געוואָרן אָן „אריה גאַרבער"; אין ווילנע איז פאַר 1905 פון די ייִנגערע גאַרבער געווען דער רירעוודיקסטער בערל באַגראָוו, ער זאָל איצט לעבן אין פילאַדעלפיע. אָבער סיי פאַר און סיי נאָך 1905 איז די אמת'ע נשמה פון גאַרבער־בונד שטענדיק געווען אונזער געטרייער חבר „טאַטע", איצט אויך אין אַמעריקע.

* * *

דאָס מערקווירדיקע בוך פון חבר'טע ס. דובנאָוו־ערליך: „גאַר־בער־בונד און בערשטער־בונד" האָט געקענט אָנגעשריבן ווערן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אין דעם בונדישן אַרכיוו זיינען געזאַמלט און אויך אָפּגעהיט געוואָרן אַזוי פיל ווערטפולע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג. איז נויטיק ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז דער גרינדער און דער ערשטער ערנסטער זאַמלער פון אונזער פּאַרטיי־אַרכיוו איז אונזער געטרייער חבר דזשאָן מילל, איינער פון די פּיאָנערן פון „בונד" (איצט אין שיקאַגאָ).

יעדער באַוואוסטזיניקער אידישער אַרבעטער וועט לייענען מיט דעם גרעסטן גייסטיקן געניוס דאָס בוך פון חבר׳טע ערליך, וואָס וועט אים אַנטפּלעקן איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער העראָאישער געשיכטע פון „בונד״.

אין טעג פון טראַגישע געשעענישן באַווייזט זיך דאָס בוך פון חבר׳טע ערליך אויפן אידיש־פּראָלעטאַרישן ביכער־מאַרק אין פוילן.

אָט גראָד אין אַזאַ צייט איז אַזאַ בוך טאָפּלט נויטיק!

(פאָררעדע צום בוך: „גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד״, פון ס. דובנאָוו־ערליך, פּאַריז, 1937).

III

„בונד"; אָרגאַניזאַציע; אונטער־ערדישע אַרבעט; פּאַרטיי־גרופּעס אין אויסלאַנד

נ ח

מיט אַ טיפן געפיל פון „של נעליך" טרעט איך צו צו די שורות וועגן נח׳ן. וועגן אים וועט מען שרייבן דורך דורות. אגב, האָט אַנ־סקי נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק געפּרואווט אָנצייכענען זיין פּאָרטרעט אינעם בוך „אויפן נייעם שליאַך". דאָס, וואָס ווערט גע־שריבן וועגן נח׳ן איצט, אין די טעג פון טיפן ווייטאָג (און פון אַ טאָפּלטן ווייטאָג צוליב אונזער צווייטער גרויסער אבידה), וועלן אַמאָל גרויסע קינסטלער באַנוצן ווי רוי־מאַטעריאַל אויף אַרויסצו־ברענגען אין זיין גאַנצער הערלעכקייט דעם פּאָרטרעט פון נח׳ן, פון איינעם, וואָס ניט יעדער דור און ניט יעדער פאָלק ברענגט אַרויס. עס פאַלט דעריבער אויף יעדערן פון אונז, וואָס שרייבט וועגן נח׳ן, אַ גוואַלדיקע אחריות. אונזער חוב איז צונויפזאַמלען וועגן אים וואָס מער רוי־מאַטעריאַל און פאַרצייכענען נאָר דאָס, וועגן וואָס מיר קענען עדות זאָגן, אַז עס איז אמת. וואָרעם קיין שום שיינע ווער־טער און פּאָעטישע שילדערונגען קענען ניט אַזוי אָפּשפּיגלען זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, ווי דאָס איז מסוגל צו טאָן דער פשוט׳ער אמת וועגן זיין לעבן און זיינע 50 יאָר עבודה פאַרן סאָציאַליזם. און געזאָגט דאַרף עס ווערן, ווי ווייט נאָר מעגלעך, אין זיין שפּראַך: באַשיידן און שטיל, מיט וואָס ווייניקער ווערטער און וואָס מער אינהאַלט.

פון לערער־אינסטיטוט צום „בונד"

ווען האָט זיך דער יונגער שילער פון ווילנער לערער־אינסטי־טוט, דער שפּעטערדיקער „נח", באַהאַפטן מיט דער אידעע פון סאָ־ציאַליזם? ניט פון אים גופא ווייסן מיר דאָס, — ער האָט וועגן זיך קיין מאָל ניט ליב געהאַט צו ריידן. מיר ווייסן עס פון זיינע יוגנט־פריינט, פון זיינע מיט־שילער. דאָס איז געווען אין 1887 אָדער אַ יאָר שפּעטער. דאָס יאָר 1887 איז אַ גוואַלדיק וויכטיקע דאַטע אינעם לעבן פון דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ. אין יענעם יאָר האָט דער צורר אַלעקסאַנדער דער דריטער איינגעפירט אַ פּראָצענט־נאָרמע ביים אָננעמען אידישע קינדער אין מלוכה׳שע לערן־אַנ־

שטאַלטן. געוויסע הויכשולן זיינען פאַר אידן אין גאַנצן געוואָרן אָפּגעשלאָסן. אין די אַנדערע הויכשולן און מיטלשולן האָט מען גע־זאָלט צולאָזן אידן פון דריי ביז פינף פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן. ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם גוואַלדיקן דורשט נאָך בילדונג — נאָך בילדונג לשמה, — מיט וועלכער די אידישע יוגנט האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט, און דעם אומשטאַנד, וואָס אַ דיפּלאָם פון אַ הויכשול האָט פאַר אַ אידן געעפנט די געטאָ־מויערן פון תחום, דאָס הייסט, אין אַ געוויסער הינזיכט געגעבן דעם אידן אַ גרויסן טייל פון די אַלע רעכט, וואָס אַ קריסטלעכער רוסישער אונטערטאַן האָט פאַרמאָגט, וועט מען אפשר פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פאַרביטערונג יענע גזרה האָט אַרויסגערופן ביי דער אידישער יוגנט. מיט דעם, וואָס אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט ביי די אידישע קינדער אין 1887 צוגענומען דאָס רעכט זיך צו פאַרשרייבן אין די אוניווערסיטעטן, האָט ער אַ גרויסן טייל פון זיי אויטאָמאַ־טיש פאַרשריבן ביי די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. ווער עס איז נעענטער באַקאַנט מיט די ביאָגראַפיעס פון אונזער ערשטן דור בונדיסטן, ווייס, אַז די פאַרביטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אידישע יוגנט אין 1887, איז געווען אַנטשיידנדיק פאַר איר גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן. נח, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, דזשאָן מילל, אייזנ־שטאַט, מוטניק, קאַפּלזאָן — כדי אַנצורופן נאָר באַקאַנטערע נע־מען — זיי אַלע האָבן אין יענעם יאָר זיך ענדגילטיק פאַרהאַרטעוועט, זיי אַלע האָבן אין יענעם יאָר אָפּגעגעבן די שבועה — „אַ שבועה אויף לעבן און טויט” — צו שטעלן זייער לעבן אין דינסט פון פרייהייט און סאָציאַליזם.

אָט אין יענער אַטמאָספערע הויבט זיך אָן אויסצופורעמען דער כאַראַקטער פון דעם יונגן שילער פאַרטנאָי אין געהיימען רעוואָלו־ציאָנערן קרייז ביים ווילנער לערער־אינסטיטוט...

...דעם לערער־אינסטיטוט האָט נח פאַרענדיקט אין 1892. הויפּט־זעכלעך אים און גאָזשאַנסקי'ן (ג. האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, פריער פאַר נח'ן) האָט מען עס געהאָט צו פאַרדאַנקען, וואָס דער שילער־קרייז האָט זיך פאַרפעסטיקט, זיך גוט פאַרקאָנספּירירט און געפירט אַ סיסטעמאַטישע און ערנסטע אַרבעט. יאָרן לאַנג האָט דער אינסטיטוט שפּעטער באַרייכערט דעם „בונד” מיט וויכטיקע טוער.

נאָך פאַרן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט איז נח געווען פאַרבונדן

מיטן ווילנער פּיאָנערן־קרייז. די פּראַקטישע טוער פון יענער צייט, די שפּעטערדיקע גרינדער פון „בונד", זיינען אַלע געווען עלטער פאַר נח'ן — אַרקאַדי קרעמער מיט 7 יאָר, ליובאַ און איסאַי אייזנ־שטאַט און פּאַטי — מיט 4־5 יאָר. לויט זיין עלטער איז נח נאָך געווען צו יונג אַריינגענומען צו ווערן אין יענעם קרייז. און פּרע־טענדירט דערויף האָט ער אוודאי נית. ער האָט זיך פון אָנהויב אָן אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער באַשיידנקייט און דיסציפּלינירט־קייט...

...נח'ס אַרבעט אין קאָוונע האָט שטאַרק אויסגעברייטערט דעם ווירקונגס־קרייז פון דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע און האָט איבער־געלאָזן אין קאָוונער קאַנט טיפע שפּורן. צו יענער צייט איז באַ־שאַפן געוואָרן דער „בערשטער־בונד" (אָפיציעל — שפּעטער, פּאַק־טיש אין 1894). קאָוונע איז געוואָרן אַ שטאַרקער ראַיאָן־פּונקט מיט פעסטע פאַרבינדונגען אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעט־לעך. נח איז אין קאָוונער פּעריאָד געשטאַנען אין ענגסטן קאָנ־טאַקט מיט דער ווילנער פּיאָנערן־ גרופּע. קולטשיצקי איז צו יענער צייט שוין געווען אַ מיטגליד פון דער פּ.פּ.ס. און צו אים פלעגט אָפט קומען קיין קאָוונע יוזעף פּילסודסקי (פּילסודסקי איז צוריק־געקומען פון סיביר אין 1892, נאָך דעם ווי עס האָט זיך געגרינ־דעט די פּ.פּ.ס. ער איז גלייך צו איר צוגעשטאַנען, האָט זיך באַ־זעצט אין ווילנע און פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט אונזער פּיאָנערן־גרופּע).

וועגן נח'ס אַרבעט און זיין אַרעסט אין קאָוונע האָט מיט יאָרן צוריק אַן אַמאָליקער קאָוונער בערשטער, דזשאָזעף גרינבערג, אָפּ־געדרוקט אין ניו־יאָרקער „וועקער" זייער ווערטפולע זכרונות. יענע נומערן „וועקער" האָבן מיר איצט נית אונטער דער האַנט. מיר פאַרצייכענען בלויז גרינבערג'ס זכרונות אַלס מאַטעריאַל צו נח'ס ביאָגראַפיע.

די לערע פון „קרעסטי"

אין אַ טריבן האַרבסט־טאָג פון 1895 איז נח איינגעשלאָסן גע־וואָרן אין אַן איינצל־קאַמער פון דער קאָוונער טורמע...

...די אויספאָרשונג אין נח'ס „דיעלע" האָט געדויערט אַרום 8 חדשים. די שטראָף, וואָס נח האָט באַקומען, איז געווען פאַר יענער

צייט אויסערגעוויינטלעך האַרט: דריי יאָר „שטראָף״־טורמע אין „קרעסטי״, אין פּעטערבורג, און נאָך דעם פינף יאָר מזרח־סי־ביר. „שטראָף״־טורמע האָט באַדייט אַרבעטן אין די טורמע־וואַר־שטאַטן. פון אַרבעט־צוואַנג איז נח, אָבער, באַפרייט געוואָרן. אין „קרעסטי״ האָט געהערשט אַ שטרענגער רעזשים. די דאָקטוירים זיי־נען, אָבער, געוויינטלעך געווען ליבעראַלע מענטשן, און אַ יונגן איני־טעליגענטן לערער, וואָס האָט זיך בלויז פאַרזינדיקט מיט רעוואָלו־ציאָנערער „פּראָפּאַגאַנדע״ און האָט דערצו נאָך געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ זעלטן נאָבעלן מענטשן, האָבן זיי ניט געוואָלט לאָזן אָפּ׳חושכ׳ן דריי יאָר ביי שווערער פיזישער אַרבעט. און פון די דריי יאָר זיינען צום סוף געוואָרן בלויז צוויי. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ביי אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס זיינען באַ־גאַנגען זייערע „פאַרברעכנס״ אין דעם טאָג פון ניקאָלאַי דעם צווייטנס קאָראָנאַציע (מאַי 1896), אַראָפּגענומען געוואָרן אַ דריטל שטראָף...

...נח׳ס טורמע־קאַמער איז געוואָרן אַ שטודיר־צימער. פון דער צאַרישער שטראָף איז געוואָרן אַ גרויסער ערנסטער קורס פון זעלבסטבילדונג. עטוואָס פון דער שטילקייט פון אַ שטודיר־צימער און פון דער שטאַרקער אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט, צו וועלכער מען געוואוינט זיך צו הינטער גראַטעס, איז ביי נח׳ן פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן...

...נח איז אָן שום ספק געווען דער גרעסטער און דערפאָלג־רייכסטער קאָנספּיראַטאָר, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. דער בעסטער באַווייז איז, וואָס נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר האָט ער זיך געהאַלטן, ביי דעם גוואַלדיקן פאַרנעם פון זיין אַרבעט, כמעט פינף און אַ האַלב יאָר אויף דער פריי (ביז מאַי 1905), בשעת דער דורכשניטלעכער טוער פלעגט זיך האַלטן קוים צוויי יאָר. און אפשר נאָך אַ בעסערער באַווייז איז דער פאַקט, וואָס קיין איינ־ציקע פון די געהיימע דרוקערייען, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטער זיין קאָנטראָל, איז ניט אַריינגעפאַלן...

...ווען נח איז פינף און אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד ניט אַריינגע־פאַלן, האָט ער עס געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גוואַלדיקער מאָראַלי־שער דיסציפּלין, זיין מוט, זיין אויסגערעכנטקייט. נח האָט אין יענע יאָרן געפאָדערט אין דער אַרבעט פון יעדערן פון אונז די גרעסטע אָנשטרענגונג פון אונזערע פיזישע און מאָראַלישע כוחות. ער האָט,

אָבער, יעדערן פון אונז געקענט דורך און דורך און האָט קיין מאָל פון קיינעם ניט געפּאָדערט, ער זאָל וואָס טאָן איבער זיינע כוחות. ער האָט יעדערנס כוחות ריכטיק אָפּגעשאַצט. קאָנספּיראַטיווע אַר־בעט — דאָס איז ניט געווען קיין קלוגינקער טריק. דאָס, וואָס מען לייענט איצט אָפּטמאָל וועגן דעם, ווירקט ווי אַ פּערזענלעכע באַליי־דיקונג. קאָנספּיראַטיווע אַרבעט — דאָס איז קודם־כל געווען: אָנט־שלאָסנקייט, פּעאיקייט, מוט. ווער עס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט, איז גרייט געווען, אויב דאָס וועט אַמאָל נויטיק זיין, צו באַ־צאָלן דערפאַר דעם פּרייז, וואָס דער צאַריזם וועט פאָדערן; די אַרבעט איז עס ווערט געווען. און אין יעדער איינצלנעם ריזיקאַלישן פאַל איז אונזער גורל געלעגן אין אַ גרויסער מאָס אין אונזערע אייגענע הענט. פון אונזער אייגענער האַלטונג איז עס אָפּטמאָל אָפּהענגיק געווען, צי מיר וועלן די אַרבעט דורכפירן אָדער אַריינ־פאַלן. און נח איז פאַר אונז דערין געווען אַ מוסטער און דער בעסטער און גרעסטער אויטאָריטעט אין יעדער ריזיקאַלישער אַרבעט...

...אַרום יוני־יולי 1898 האָבן זיך געמוזט פאַרענדיקן נח׳ס צוויי תפיסה־יאָרן אין „קרעסטי", אין פּעטערבורג, און ער האָט געדאַרפט פאַרשיקט ווערן אויף פינף יאָר אין וויטן מזרח־סיביר. זיך באַרואיקן ביים געדאַנק אָפּצו׳חושכ׳ן די פינף יאָר אין סיביר איז פאַר נח׳ן געווען אוממעגלעך, און אין זיין מוח האָבן זיך טאָג און נאַכט געוועבט די פאַרשיידנסטע פּלענער, ווי זיך אַרויסצודרייען פון דער סיבירער פאַרשיקונג. עס איז קלאָר געווען, אַז אַנטלויפן פון אַ וויטן וויסטן פּונקט אין מזרח־סיביר איז זייער אַ שווערער ענין. געווען פאַרשיקונגס־פּונקטן הונדערטער רוסישע מיילן ווייט פון אַ באַן־סטאַנציע (אַ רוסישער מייל איז אַרום 4 ענגלישע מייל); ביז מען קומט צו דער באַן־ליניע, האָט די אַדמיניסטראַציע גענוג צייט אומעטום טעלעגראַפיש צו מעלדן, אַז אַזאַ און אַזאַ איינער — מיט אַלע זיינע סימנים — איז אַנטלאָפן און מען זאָל אים אויס־געפינען אין דער באַן און אַרעסטירן. געלאָפן איז מען גאַנץ לייכט פון מערב־סיביר, אָבער נח האָט געמוזט פאַרשיקט ווערן אין וויטן מזרח...

...וועגן דעם עטאַפּ, מיט וועלכן נח איז געגאַנגען פון מאָסקווע דורך סאַמאַראַ איבערן אוראַל און ווייטער מיט דער נייער סיבירער באַן־ליניע, ווייס איך בלויז, אַז דער קאָנוואָי איז געווען אַ ליבעראַלער

און אַז דער וועג איז אַדורך אַן „אינצידענטן" און קאָנפליקטן. געווען אין דער פּאַרטיע אַ היפּשע צאָל רוסישע, פּוילישע און אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מען האָט געזונגען רוסישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערע לידער; גוואַלדיק באַליבט איז דעמאָלט געווען די אויסגעצייכנטע רוסישע איבערזעצונג פון דער פּוילישער „וואַרשאַוויאַנקאַ". די גענויע דאַטע, ווען נח איז אָנגעקומען אויף זיין באַשטימונגס־אָרט (אילימסק), איז מיר ניט באַקאַנט. דאָס האָט געמוזט זיין אַרום ביי־יאָר 1899. איך גלויב, אַז אין אילימסק איז נח פאַרבליבן אַרום 6־7 חדשים. די גאַנצע צייט האָט אים באַהערשט נאָר איין געדאַנק: ווי צוצוגרייטן זיין „ויברח יעקב". ווען אַלץ איז צוגעגרייט געווען, איז ער פאַרשוואונדן, אויף זיין שטייגער, זייער קאָנספּיראַטיוו, שטיל און רואיק. זיינע זאַכן האָט ער איבערגעלאָזט אויף זיין קוואַרטיר מיט אַ בריוו צו דער אָרטיקער „קאָלאָניע", אַז צוליב די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פון דער פאַרשיקונג האָט ער באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד... ער האָט אַלץ צוגעגרייט אויף אַזאַ אופן, אַז ווען די אָרטיקע סטראַזשניקעס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז נעלם געוואָרן, און זיי האָבן געפונען זיין בריוו, האָבן זיי געגלויבט און געזוכט אויסערן שטאָט זיין טויטן קערפּער. און הגם עס זיינען ניט געווען קיין שום באַווייזן, וואָס וואָלטן געקאָנט באַשטעטיקן דעם זעלבסטמאָרד, איז אויפן גרונט פון נח׳ס אָפּשיידס־בריוו צו דער „קאָלאָניע" גלייך אָוועק אַ מעלדונג צום גובערנאַטאָר, און פון אים צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג, אַז דער פאַרשיקטער פּאַרטנאָי איז פאַרשוואונדן און האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, גענומען דאָס לעבן.

קאָאָפּטירט אין צ. ק.

ווען נח איז אָנגעקומען קיין ווילנע, אַ פאַרמאַטערטער פון דער סיבירער נסיעה, און האָט זיך דורכגערעדט מיט די נאָענטע חברים, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אָפּגעריסן פון לעבן, האָט רוסלאַנד באַקומען אַ גאַנץ נייעם פּנים. די סטודענטן־באַוועגונג, וואָס האָט דאָס גאַנצע יאָר 1899 געשטורעמט דורך רוסלאַנד, האָט אַריינגעבראַכט אין די ברייטסטע קרייזן פון דער אינטעליגענץ אַ שטאַרקן אינטערעס צום פּאָליטישן לעבן, אָנגעפילט די הערצער מיט מוט און גרייטקייט צום קאַמף און האָט דעם ראַדי־

קאַלן טייל פון דער אינטעליגענץ שטאַרק דערנענטערט צום אַרבע־טער־קלאַס. ס׳האָבן זיך געעפנט די פאַרשלאָסענע מיילער, מען האָט אָנגעהויבן אָפן צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע מ׳האָט פריער מורא געהאַט צו ריידן אַפילו בסוד סודות. אומעטום, באַזונ־דערס אין די גרעסערע פונקטן, האָבן זיך באַוויזן סטודענטן, אידישע און ניט־אידישע, אויסגעשלאָסענע פון די אוניווערסיטעטן פאַר באַ־טייליקן זיך אין סטודענטישע סכאָדקעס, אַלץ מער אָדער ווייניקער רעוואָלוציאָנער געשטימט. די פּראָווינץ איז פאַרקלונגען געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערע לידער, מען האָט זיי געזונגען אָפן, אָן מורא. און אומעטום האָט געאַרבעט דער העקטאָגראַף. ספּעציעל האָבן די רדיפות קעגן טאָלסטאָי׳ען אַרויסגערופן אַן אמת׳ן מבול פון אומלעגאַלע בלעטלעך.

אויף נח׳ן האָט מען ניט געוואַרט. פאַר זיין אַרעסט אין קאָוונע האָט ער ניט געהערט צו דער ווילנער צענטראַלער גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געהערט צו די יינגערע טוער און זיין ווירקונגס־קרייז איז געווען באַגרענעצט... אויף נח׳ן האָבן געוואַרט בלויז דער צ. ק. (צו יענער צייט: טאַראַס, זעלדאָוו, צביה) און אויך די נאָענטסטע חברים אין ווילנע און קאָוונע. דער ברייטער בונדישער עולם האָט פון אים ניט געוואוסט. און דעריבער איז טאָפּלט גרויס געווען די איבערראַשונג ביי אַלע פאַרטיי־טוער, ווען נאָך זיין קומען האָט ער גלייך אַרויסגעוויזן אַזעלכע זעלטענע פעאיקייטן, אַזאַ טאַקטישקייט אין באַציאונג צו מענטשן, אַזאַ פעסטן כאַראַקטער און בכלל די אַלע מעלות, וואָס האָבן אים אַזוי אויסגעצייכנט.

אַ גאַנצע רייע וויכטיקע אויפגאַבעס האָט זיך נח געשטעלט, ווען דער פאַרשטייער פון צ. ק. (טאַראַס) האָט אים געמאָלדן, אַז ער ווערט קאָאָפּטירט אין באַשטאַנד פון צ. ק.„ אויפגאַבעס — אינערלעך בונדישע און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אַלגעמיין רוסלענ־דער סאָצ. דעמ. אַרב.־פּאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד“ איז געווען אַן אויטאָנאָמער טייל.

אַלס דרינגענדיקע אויפגאַבעס אין דער בונדישער באַוועגונג האָט נח אָנגעמערקט אַ געהעריקע פאַרשטאַרקונג פון דער בונדישער פּרעסע, ספּעציעל פון דער „אַרבעטער־שטימע“, דעם צענטראַלן־אָרגאַן פון „בונד“. ווייטער — מער אויפמערקזאַמקייט ווידמען די ניט־אידישע אַרבעטער, באַזונדערס אין דער ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואו די אַר־

גאַניזאַציעס פון דער ליטווישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי האָבן זייער שוואַך געאַרבעט...

* * *

...דאָס פרייע רעוואָלוציאָנערע וואָרט האָט מען אויך אין „בונד" ממש געריסן פון די הענט. אויף דעם באָדן האָבן זיך באַשאַפן פאַרשיי־דענע אָרטיקע אָרגאַנען: דער ווילנער „קלאַסנקאַמף", „דער וואַרשע־ווער אַרבעטער", „מינסקער אַרבעטער", „ביאַליסטאָקער אַרבעטער" א. אַנד., שפּעטער — דער לאָדזשער „פּריוהייטסגלאָק". אָט דער צושטאַנד האָט געהאַט אַ סך מעלות, אָבער אויך גאָר גרויסע חסרונות. די הויפּט־מעלה איז געווען, וואָס אַן אָרטיקער אָרגאַן האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די מאַסן אויפן אָרט גופא. געוויינטלעך זייער פּאָפּולער גע־שריבן, האָט ער געקאָנט פאַרשטענדלעך זיין פאַר די ברייטסטע מאַסן. נאָך אַ מעלה איז געווען, וואָס אַן אָרטיקער אָרגאַן האָט די אָרטיקע טוער צוגעגעבן חשק צום שרייבן. אַזוי, למשל, האָט מעדעם זיין ערשטן אַרטיקל אָנגעשריבן (1899) אין „מינסקער אַרבעטער". אין ווילנער „קלאַסנקאַמף" זיינען געווען גוטע אַרטיקלען פון מאַקס מאַ־זאָווער. מאַקס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זעלטן געשריבן. און דאָס איז אַ שאָד: ער האָט געהאַט אַ גוטע פעדער. זאָל שוין ביי דער געלעגנהייט פאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס האָט ער אָנגעשריבן די פלוגבלאַט פון צ. ק. וועגן האַמלער פּאָגראָם (סעפּטעמבער, 1903). באַזונדערס אין וואַרשע האָבן אייניקע אָרטיקע טוער נאָר צוליב דעם אָרטיקן אָרגאַן אָנגעהויבן שרייבן.

די חסרונות זיינען געווען גאַנץ ערנסטע. די געהיימע דרוקעריי־ען (די „טעכניק", ווי מיר האָבן זיי גערופן) זיינען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אָרטיקער אַרבעט. דערפון האָט זייער שטאַרק געליטן דער צענטראַל־אָרגאַן („די אַרבעטער־שטימע"), און פאַרגרעסערן די טעכניק איז געווען אַ שווערער ענין. פּאַקטיש האָט זיך באַקומען אַזאַ צושטאַנד, אַז ווען די פּאָליטישע לאַגע האָט געפאָדערט אַ לעבעדיקן און רייכן צענטראַל־אָרגאַן, איז די „טעכניק" פאַרנומען געווען מיט די אָרטיקע אָרגאַנען.

נח, מיט זיין אָפּענעם אויג פאַר די אויפגאַבעס פון פּאָליטישן מאָמענט, האָט בעסער — ווי אַנדערע — פאַרשטאַרקט דעם צענטראַל־אָרגאַן, און דאָס האָט געהייסן אָפּשוואַכן און פאַרקלענערן די אָרטיקע אָרגאַנען. ס'האָט קיינער ניט געקאָנט באַשטרייטן, אַז די ווירקונג פון דער „אַרב.־שטימע" פאַרשפּרייט זיך איבערן גאַנצן „בונד" און

אָפּטמאָל אויך ווייט איבער די גרענעצן פון „בונד" (אַזוי, למשל, זיינען עטוואָס שפּעטער די ערשטע צוויי נומערן פון דער אָדעסער רוסישער „ראַבאָטשעיע סלאָוואָ" געווען טיילווייז איבערגעזעצט פון דער „אַר־בעטער־שטימע"). ס'זיינען געווען, אָבער, אויך פאַרברענטע „פּאַטרי־אָטן" פון דער סיסטעם אָרטיקע אָרגאַנען. ס'זיינען נויטיק געווען נח'ס זעלטענער טאַקט און אַלע זיינע גוטע מעלות, כדי אין אָט דער פּראַ־גע ניט צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט די אָרטיקע טוער און אין צ. ק. גופא.

ס'איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז די אָרגאַניזאַציעס קאָנען זיך פאַרפעסטיקן און זיך פאַרוואָרצלען אין די מאַסן נאָר פון אונטן און אַז נאָר דאַן האָט אַ פּאַרטיי אַ קיום, ווען אירע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס שטייען פעסט און שטאַרק. די אָנהענגער פון דער סיסטעם אָרטיקע אָרגאַנען זיינען געווען איבערצייגט, אַז נאָר דורך אָרטיקע אָרגאַנען קאָן דערפאָלגרייך געפירט ווערן די אַרבעט; אַרויסרוקן אויפן ערשטן אָרט דעם צענטראַל־אָרגאַן הייסט בויען די פּאַרטיי פון אויבן, הייסט צוגרייטן אַ דאַך אָן אַ פעסטן פונדאַמענט פון אונטן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז לויט די אומשטענדן פון דער צייט איז דער „פונדאַמענט" שוין געווען סאָליד גענוג און אַז אַ „דאַך", אַ צענטראַל־אָרגאַן מיט לעבעדיקע און טאַלאַנטפולע אַרטיקלען, קען צוציען נייע כוחות און קער דערמיט העלפן פאַרברייטערן און פאַרשטאַרקן דעם „פונדאַמענט" אפשר נאָך בעסער ווי אַן אָרטיקער אָרגאַן. אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם איז געווען ביי אייניקע אָרטיקע טוער אַ שטרעבונג בכלל צו באַגרענעצן די פונקציעס פון צ. ק. די מיטגלידער פון צ. ק. האָבן זיי געפאָדערט, זאָלן בכלל אַרבעטן אויף די ערטער. פון צייט צו צייט, למשל — איין מאָל אין מאָנאַט, זאָלן זיי זיך צונויפקומען און זיך פאַרנעמען מיט צענטראַלע ענינים. אָט דאָס זיינען געווען די אי־נערלעכע רייבונגען, מיט וועלכע נח האָט געהאַט צו טאָן נאָך זיין צו־ריקקומען.

צו דעם קומט נאָך צו די שטעלונג פון אָקערשט געהאַט פאַרענ־דיקטן דריטן צוזאַמענפאָר אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער דעלע־גאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט אויפן דריטן צוזאַמענפאָר, חבר דזשאָן, האָט געפאָדערט, דער „בונד" זאָל אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע און ניט נאָר בירגערלעכע רעכט פאַר די אידן אין רוס־לאַנד. געווען אָנהענגער און קעגנער פון אַזאַ פאָדערונג. דערין האָט מען זיך געדאַרפט גוט אָריענטירן.

די אַלע אַקטועלע פראַגעס האָבן געקאָנט געלייזט ווערן נאָר דורך אַ גרעסערן קאָלעקטיוו, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצו־רופן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ. דאָס איז געווען די פערטע קאָנפערענץ פון „בונד". זי איז זיך צונויפגעקומען אין מערץ־אַפּריל (1900) אין וואַרשע. אין דער קורצער צייט, וואָס איז אַוועק נאָך נח'ס צוריקקומען פון סיביר, איז ער אויף אַ נאַטירלעכן אופן געוואָרן דער פאַקטישער פירער פון צ. ק.; די קאָנפערענץ האָט עס אָפיציעל באַשטעטיקט.

נח און „די אַרבעטער־שטימע"

ווען נח איז נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר אַריין אין דער אַר־בעט און פון אַלע זייטן האָט מען זיך באַמיט, ער זאָל נעמען אויף זיך די וויכטיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע צענטראַלע פונקציעס, האָט ער זיך דערפילט ווי איינער, וואָס קומט — הגם ניט פון דער פרעמד, אָבער פאָרט פון דער ווייטן — איבערנעמען צו פאַרוואַלטן אַ גרויסע ירושה. מיט דער גרויסער רואיקייט און מיט דעם זעלטענעם טאַקט, וואָס האָבן אים שטענדיק אויסגעצייכנט, האָט ער זיך ניט געאײַלט צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט די גאַנצע „מאַכט". ער האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי, אַז אַלע, וואָס זיינען פאַרנומען מיט צענטראַ־לער אַרבעט, זאָל בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס, און ער איז צו ביס־לעך, יעדער טאָג מער און מער, אַריין אין דער אַרבעט.

זיין ערשטע זאָרג איז געווען די „אַרבעטער־שטימע". ס'זיינען געווען גרויסע שוועריקייטן מיט דער דרוקעריי. צוזאַמען מיט טאַ־ראַס'ן האָט ער זיי באַזייטיקט. די דרוקעריי איז צייטווייליק איינגעַ־אָרדנט געוואָרן אין לאָדזש. אַרבעט איז געווען אַ סך. די „מאַשינקע" האָט געמוזט אויסגעבעסערט ווערן און דערצו איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ווילנע קאַפּלינסקי. ס'איז נויטיק געווען צוצוקויפן אַ ביסל שריפט, — זייער אַ שווערער ענין. נאָך אַ שווערער ענין איז געווען איינצוקויפן פּאַפּיר, ווייסע און רויטע. אָבער ס'איז אַלץ אַדורך בשלום.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן קודם כל צוצוגרייטן די מאַי־אויסגאַבעס: אַ מאַי־פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. און אַ פּאָר אַרטיקל מאַי־פּראָקלאַ־מאַציעס (ווי ווייט איך געדענק, בלויז פון וואַרשע און ווילנע); בשום אופן ניט דרוקן קיין מאַי־פּראָקלאַמאַציע פאַרן לאָדזשער קאָמיטעט, — כדי די שפּיקעס זאָלן ניט זוכן קיין דרוקעריי אין לאָדזש גופא. איי־

גענע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס האָבן פאַרלאַנגט מערערע אַרטיקע קאָמי־טעטן, אָבער ס׳איז אוממעגלעך געווען אַלעמען צו באַפרידיקן. האָבן זיי אַרויסגעלאָזן העקטאָגראַפירטע בלעטלעך. בלויז דער האָמלער קאָמיטעט האָט זיין פּראָקלאַמאַציע אָפּגעדרוקט מיט אייגענער שריפט.

ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן דעם נומער „אַרבעטער־שטימע", וואָס מען האָט געהאַלטן אין צוגרייטן, אַרויסלאָזן צום ערשטן מאַי און ווידמען אים אין גאַנצן דעם מאַי־געדאַנק. די מאַי־פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. און דעם גאַנצן נומער „אַרבעטער־שטימע" האָט אָנגעשריבן נח (דאָס איז געווען נומ. 17).

אין דער לאָדזשער דרוקעריי האָבן געאַרבעט מערעלע גינזבורג־גאָלדמאַן, די פרוי פון לעאָן גאָלדמאַן (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַרום 1910 אין אָדעס, בשעת לעאָן איז געווען אויף קאַטאָרגע), און צביה הורוויץ, און נח אַליין האָט שטאַרק צוגעהאָלפן ביים זעצן און דרוקן. דער נומער „אַרב.־שטימע", געדרוקט אויף רויטן פּאַפּיר, איז צו דער ריכטיקער צייט פונאַנדערגעפירט געוואָרן אויף די ערטער, און אומע־טום האָט מען דערפילט, אַז אין צ. ק. איז צוגעקומען אַ פעסטע האַנט און אַ גוטע פעדער.

ביי דער געלעגנהייט האַלט איך פאַר נויטיק צו פאַרריכטן אַ גאַנץ פאַלשע פאַרשטעלונג, וואָס איז פאַרשפּרייט ביי מאַנכע חברים וועגן נח׳ס שרייבערישער פעאיקייט. מערערע מאָל איז מיר אויסגע־קומען צו הערן, אַז נח איז געווען בלויז דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרב.־שטימע", געשריבן, אָבער, האָבן אַנדערע, און ער אַליין האָט כלומר׳שט אָנגעשריבן אין זיין גאַנצן לעבן אַ האַלב טוץ אַרטיקלען. דאָס איז דורכאויס פאַלש. נח האָט זייער פיל געשריבן. דעם 18טן נומער „אַרב.־שטימע" (אַווגוסט 1900) האָט ער אָנגעשריבן צוזאַמען מיט פּאַוועל ראָזענטאַל און אין אַלע שפּעטערדיקע נומערן ביז צום לעצטן (1905) האָבן זיך געדרוקט זיינע אַרטיקלען. אַ נומער „אַרב.־שטימע", פּעטיט, צוויי־שפּאַלטיק, אָפּט 30 זייטן און מער, האָט שטענדיק אַנטהאַלטן מערערע אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס און אַ רייכן פאַקטישן מאַטעריאַל. געווען נומערן, וואו די וויכטיקסטע אַרטיקלען האָט אָנגעשריבן נח. בכלל איז די „אַרב.־שטימע" פון נומ. 17 ביז נומ. 40 אין גאַר אַ גרויסער מאָס זיין אַרבעט. צוזאַמען מיט פּ. ראָזענטאַל האָט נח אָנגעשריבן דעם באַריכט פון פערטן צוזאַמענ־פאָר (ביאַליסטאָק 1901). פון אים זיינען געשריבן כמעט אַלע דעקלאַ־ראַציעס און רעזאָלוציעס און מערערע פּראָקלאַמאַציעס פון צ. ק. ביז

פראָלעטאַריער אַלע לענדער, פֿעראייניגט אייך!

דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער־בונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד.

פאַגראָם אדער געגען־רעוואָלוציאָן?

דאָס איז ניט געווען קיין געוואוינליכער פּאָגראָם. דאָ האָט מען כמעט ניט געזעהן קיין אידישע הייזער, ניט צושלאָגען קיין אידישע קראָמען, וועניג בעפאַלען פריעדליכע איינוואָהנער. דאָ איז ניט געווען קיין מאַסע, קיין בלינדער, צורייצטער המון; דאָ האָט מען זעלטען געהערט דעם אויסרוף: „שלאָג די זשידעס!" און אויב עס האָבען ערטערווייז יע געקלונגען צוברראָכענע שויבען, איז דאָס געווען ניט מעהר ווי אַ ביי־זאַך, ווי מוזיק־שפּיעל אין דער צייט פון געפעכט.

אַ געפעכט געגען די רעוואָלוציאָנערען.

די „שוואַרצע חברה" איז געווען פאָרטרעפליך אָרגאַניזירט. פּאָליציי־בעאַמטע און זשאַנדאַרמען האָבען זי אויסגעבילדעט אויף'ן בעסטען אופן. איהר ציעל איז געווען פאַר איהר לויטער און קלאָר. יעדער טריט — בערעכענט פאָרויס. זי האָט נעדראָפט אויס'הרג'נען די „סאָציאַליסטען". זי האָט געזוכט בעזאָנדערס צו פערניכטען די פיהרער. איהרע אויסרופען האָבען געקלונגען: „ניעדער מיט די דעמאָקראַטען! ניעדער מיט די געגנער פון קיסר!"

זי האָט פּלאַנמעסיג געפיהרט אַ מלחמה מיט די רעוואָלוציאָנערען אין די גאַסען. זי האָט געקוילעט אין אַ פּריוואַט־הויז אין איינציגען מענשען, ווייל אין דעם הויז האָבען זיך, לויט איהר חשבון, אויפגעהאַלטען רעוואָלוציאָנערען. זי האָט געטויטעט דעם געוועזענעם סטודענט בלינאָוו דערפאַר, וואָס ער איז געזעהן געוואָרען אַלס אַ פּאָליטישער קעמפּפער. „דו ביזט נאָך ערגער פאַר אַ אידען, דו ביזט אַ פיינד פון'ם קיסר" — האָט זי בעגרינדעט דאָס שרעקליכע שעכטען. זי האָט ניט אָרויסגעלאָזען אויף אַ רגע איהר הויפּט־ציעל פון איהרע אויגען און האָט זיך ניט פערגומען מיט זייטיגע זאַכען. זי איז געווען גוט בעוואָפענט און פעסט דיסציפּלינירט.

דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר איז פערשידען פון די פריהערדיגע פּאָגראָמען אין קישינעוו, מאָהליעוו, האָמעל.

די כונה איז די אַלטע — דאָס אויסזעהען האָט זיך געביטען. דער ציעל, דער קאַמפּף מיט דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, איז געבליבען דער זעלבער — די געשטאַלט האָט זיך גרינדליך פערענדערט. די האַנד וואָס ביישאַפט די אַלע מערדערייען, האָט זיך בעוויזען קלאָר און שאַרף. וואָס זי מיינט מיט אַלע פּאָגראָמען, האָט דעם צאַר'ס רעגירונג דאָ געזאָגט ניט בעהאַלטען — קלאָרע דבורים.

די מאַסקע אַראָב. זי שטעהט איצט נאַקעט און בלויז פאַר דער גאַנצער וועלט, אין דעם מיטען שמוץ פון איהרע העגקערישע טהאַטען — אָט די גרויזאַמע פיגור, וואָס האָט געמאַכט אַ בלוטבאָד אין באַקו, אַ געשלעג אין טאָמבאָוו, אַ הריגה אין קורסק, וואָס פערשפּרייט העצערישע אויפרופען איבער'ן גאַנצען לאַנד, וואָס זייעט ווילדע קלאַנגען אומעטום, וואָס האָט בעשאַפען דעם לאָזונג: „שלאָגט די אינטעליגענטען", וואָס אָרגאַניזירט אין אַלע שטעדט די „שוואַרצע חברה", וואָס איז גרייט אויף די נידערטרעכטיגסטע מעשים, כדי אויף אַ קורצע וויילע צו רעטען איהר פעראַכטעטע, פערשאָלטענע, פאַר אַלעמען שעדליכעס לעבען.

איהר לעבען פערשווינדעט. איהר טויט איז נאָהענט. זי זעהט עס בחוש. אין די שטורם־טעג פון יאַנואַר האָט דער פּראָלעטאַריאַט איהר אויסגעגראָבען אַ טיעפען קבר. די רויטע פאָהן פון דער רעוואָלוציאָן גליהט פאַר איהרע אויגען. זי זוכט שטיצע. זי שטרעבט אָרגאַניזירען אַ פּאַרטיי צו בעשיצען איהר לעבען. זי וויל זיך אָנשפּאַפען אויף אַ פעסטע געזעלשאַפטליכע קראַפט. זי אַגיטירט אומעטום דורך איהרע דיענער. נור אומזיסט איז איהר אַרבייט. אונטער די אַלע „פּאַרטייען צו בעשיצען די זעלבסטהערשונג" איז לייכט צו דערקענען אַ הייפעל נעדרונגענע כוליגאַנעס. די געגען־רעוואָלוציאָן אין זשיטאָמיר — דאָ האָט זיך נור אין אַ העלען, בלוטיגען בילד אָבגעשפּיגעלט, ריין און בענרייפליך, איהר גאַנצע פיהרונג.

זי האָט געמוזט עפענען איהרע קאַרטען. זי האָט זיך דערויף אַליין ניט געריכט. עס האָבען זי געצוואונגען דערצו די בעוואַפענטע גרופּען פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן. דערין איז די גרויסע בעדייטונג פון זייערע העלדישע טהאַטען.

די זעלבסטהערשונג האָט אויך דאָ געשטרעבט זיך בעהאַלטען אונטער די פּלייצעס פון אַ פינסטערען, הונגעריגען המון, וואָס פערשטעהט אַליין ניט, וואָס ער טהוט, וואָס גיסט אויס זיין ביטערע אָנצופריעדענהייט אין ווילדע, רויבערישע, אָפטמאָל אומזיניגע טהאַטען. זי האָט געוואָלט אויסנוצען

בט פֿון דער לאַנגיאָהריגער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציאָן, האָט פֿאַלט ווי טראָפּען גיפֿט אויף'ן פֿון אַרעמקייט און אונוויסענהייט אין די ברייטע מאַסען קריסטליכער בעפֿעלקערונג און זיי אויפֿגעבראַכט אויף'ן אידען. זי האָט געהאַט ברעה אויפֿצורייצען דעם המון און דורך די יע חברה אָנפֿיהרען די בעוועגונג געגען אידען, כדי צו אויספֿיהלען דעם בעהאַלטענעם פּלאַן, יין בלייבען הינטער דער סצענע, כמעט אונבעמערקט. זי האָט דאָ אויך געוואָלט האָבען אַ בקיים אַרויפֿלייגען נאָכהער די גאַנצע שולד אויף די נאַציאָנאַלע פֿיינדשאַפֿט און אַליין מיט אַ ת־פּנים דערציהלען, אַז זי האָט ניט געהאַט ביד צו איינשטילען דעם אויפֿגערעגטען המון. איז איהר ניט געראָטען. די פּאַטריאָטישע אַגיטאַציאָן האָט געבראַכט גאָר ווייניגע פּרוכט. די ליבע בעפֿעלקערונג האָט ניט געוואָלט אויפֿשטעהען צו שטרייטען פֿאַר'ן קיסר. און אויב דער ג, וואָס פּאָליציי האָט פֿערשפּרייט, אַז די אידען חילען אויסקיילען אַלע קריסטען, וואָלט יע ן אויפֿהייבען דעם המון, האָט דאָס בעוואַפֿענטע אַרויסטרעטען פֿון אונזערע אַרבייטער מיט אַל צערשטערט די אַלע קונציגע פּלענער.

ושהיג און פֿעסט, מיט קלאָרען בעוואוסטזיין, פֿאַרטיג צו אָפּפֿערען זייער לעבען, זיינען די יטער אַרויסגעטראָטען געגען דעם צאַר'ס שלוחים. דרייסט און מוטיג זיינען זיי געשטאַנען ער אַ האַגעל פֿון קוילען און שטיינער. רוהיג האָבען זיי בעגעגענט דעם מוידט, שטרייטענדיג דער באַנדע פֿאַר יעדען טריט. זייער העלדישער שטרייט האָט פֿון אָנהויב אָן ניט דערלאָזען, פֿון אַ נתפּע כוליגאַנעס זאָל זיך צוזאַמקסען אַ געוועהנליכער פּאָגראָם. זייער ווידערשטאַנד האָט עהאַלטען דעם המון. די פּאָגראָם־מאַכער זיינען געבליבען אָהן אַ מאַסע. די נשמה פֿון פּאָגראָם אָהן אַ גוף, אָהן אברים, האָט פֿאָלגען געהאַרכזאַם. די פֿיהרער זיינען געבליבען אָהן אַ אַרמעע. זיינען געבליבען די זיילען פֿונ'ם בנין, אָהנע שטיינער און ציגעל, און דעריבער איז אויך קלאָר גאַנצער פּלאַן פֿונ'ם בנין, אויך אָפּען זיין פֿונדאַמענט.

נור מאַכע צוליעב דיזער קלאָרהייט האָט זשיטאָמירער פּראָבע ניט דערגרייכט איהר ציעל. זי האָט ואָלט זיין אַ אונערוואַרטעטער קלאַפּ. זי האָט געטראָפֿען פֿעסטע, אָרגאַניזירטע, בעוואַפֿענטע מ־ זעלבשט ם האָבען זיך ניט געלאָזען איבערפֿאַלען אומגעריכט. זי האָט געוואָלט אָבשוואַכען די רעוואָלו־ אָנערע בעוועגונג; טעראָריזירען די פּאָליטישע קעמפּפֿער — זי האָט נאָך פֿערשטאַרקט דעם רע־ וואָלוציאָנערען מוטה, פֿערפֿעסטיגט די קאַמפּפֿס־פֿעהיגקייט, אַריינגעגעבען אַ נייעם חשק צו בעוואַ־ גן זיך, און צו אַרויסטרעטען געגען די טיראַנען. זי האָט געוואָלט ברייגען אַ טומול אין די קעפּ ן דער בעפֿעלקערונג — זי האָט זיי נאָך געגעבען אַ קלאָהרע פּאָליטישע לעהרע, זי האָט נאָך אַ אַל בעשיינבערליך בעוויזען, וואָס איז אָוינם די זעלבסטהערשונג, און וואָס מען קען ערוואַרטען פֿון איהר. די רעוואָלוציאָן האָט געזיעגט. די געגען־רעוואָלוציאָן האָט בעקומען אַ מפּלה.

דער אָנפֿאַל אין זשיטאָמיר איז ניט דער איינציגער. וואָס מעהר די זעלבסטהערשונג וועט פֿער־ ירען איהר זיכערהייט, מעהר וועט זי זיך ווענדען צו אַזעלכע מיטלען. די הכנות ווערען געמאַכט ומעטום. די אַרמעע פֿון דער רעוואָלוציאָן דאַרף זיין גרייט, קום פֿאַלען בעוואוסטזיין, בעגייסטערט ון איניג, דאַרף זי פֿערטרייבען אַלע שוואַרצע באַנדעס, וואָס שטעהען אויף פֿון אַלע זייטען צו אָבשוואַכען איהרע קרעפֿטען. זיכער און רוהיג דאַרף זי געהען אין איהר פֿרייהייטס־וועג, אָהן, צו אַזאַ אָרדנונג, וואָס אַזיינע פֿאַקטען וועלען ווערען אונמעגליך. בעוואַפֿענען זיך און בעוואַפֿענט אַרויסטרעטען געגען די פֿיינד — דאָס איז די ערשטע אויפֿגאַבע פֿונ'ם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט אין יעצטיגער צייט.

אונזערע זשיטאָמירער חברים האָבען אונז געוויזען אַ גרויסען בייספּיעל. געקעמפֿט ווי די לי־ בען, געשטאָרבען ווי העלדען; מיט שטראַלען פֿון בעגייסטערונג אין די אויגען, מיט'ן וואָרט רע־ וואָלוציאָן אויף די שטאַרבענדע ליפּען. די ערשטע געפֿאַלען — די איבריגע אַריבער איבער זייערע קערפּער, און ווייטער געקעמפֿט, אַלץ ווייטער און ווייטער. מיט אַ קויל אין דער ברוסט, — געוואָלט ור איבערגעבען דעם חבר דעם רעוואָלווער — און אַליין געשטאָרבען, אָהן זיפֿצען, אָהן קרעכצען.

די זשיטאָמירער חברים האָבען פֿערדינט דעם דענקמאַל פֿון עהרע און אַכטונג, וועלכען יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט וועט זיי אויפֿשטעלען אין דער טיעפֿעניש פֿון זיין האַרצען. די זשיטאָמירער חברים ווייזען אונז דעם וועג, אויף וועלכען מיר דאַרפֿען געהען ווייטער אין אונזער גרויסען בעפֿרייאונגס־קאַמפּף.

ניעדער מיט דער זעלבסטהערשונג!
עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!
עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פֿון „בונד".

סוף 1905 יאהר. (געדרוקט אין 76000 עקז.)
דרוקעריי פֿון „בונד".

1905. פון די פּראָקלאַמאַציעס קען איך לויטן זכרון אָנרופן נאָר אַ טייל: וועגן זובאַטאָווּשטשינע; וועגן אַ פּראָצעס קעגן אַ גרופּע פּוי־לישע אַרבעטער־טעראָריסטן (1900); וועגן דער דערמאָרדונג פון אַרבעטער פּאַקולאַ אין לאָדזש (1901); וועגן די ווילנער טראַגישע געשעענישן פון מאַי 1902; וועגן קישינעווער פּאָגראָם, אַפּריל 1903.

אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע ווערט צום ערשטן מאָל גערופן צום זעלבסטשוץ און עס הויבט זיך אָן די גרויסע זעלבסטשוץ־באַוועגונג. פינף חדשים שפּעטער, אין האָמלער פּאָגראָם, שרייבט אַריין דער האָמלער זעלבסטשוץ אַ הערלאיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון „בונד".

מיט דער פּראָקלאַמאַציע וועגן זובאַטאָווּשטשינע, אין אויגוסט 1900, הויבט זיך אָן דער קאַמף פון „בונד" קעגן זובאַטאָוו'ס פּאָליציי־אישן „סאָציאַליזם". דער פּראָוואָקאַטאָרישער אַרבעט פון זובאַטאָוו'ס אַגענטן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אין מינסק אונטער דער אָנפירונג פון מאַניע ווילבושעוויטש, ווערן אין יעדער נומער „אַרב.־שטימע" געווידמעט אַרטיקלען און באַריכטן פון די ערטער. אין 1902 לאָזט דער צ. ק. אַרויס וועגן דעם אַן אויס־געצייכנטע בראָשור: „די כשר'ע אַרבעטער־באַוועגונג", געשריבן פון מ. גורעוויטש. נאָך דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דער זובאַ־טאָוושטשינע אין ראַיאָן פון „בונד" גיט די „אַרב.־שטימע" (1903) אַן אויסגעצייכנטן אַרטיקל „מי לחיים ומי למות", געשריבן פון רחמיאל וויינשטיין.

די בערג פּראַקטישע אַרבעט, וואָס נח האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס, האָבן אים ניט געשטערט זיך אָפּצורופן אין יעדער נומער „אַרב.־שטימע" אויף די וויכטיקסטע פראַגעס פון דער צייט. פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי־אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין רוס־לאַנד גופא, גאַנץ גלייך אין וועלכער שפּראַך, איז די „אַרב.־שטימע" געווען דער וויכטיקסטער, דער רייכסטער און דער גרעסטער — און דאָס האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען נח'ן.

אַ נייער נומער „אַרב.־שטימע" איז געווען אַ געשעעניש אין דער באַוועגונג. אין אַ רייע ערטער, וואו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אַ גוטן קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע רוסישע סאָצ. דעמ. טוער, פלעגט מען זיי מינדלעך איבערזעצן דעם גאַנצן נומער „אַרב.־שטימע". איך האָב געקענט רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך ספּע־ציעל צוליב דער „אַרב.־שטימע" אויסגעלערנט לייענען אידיש. אין

האָמעל, למשל, האָט געלייענט די „אַרב.־שטימע" (1899) אָן פרעמ־דער הילף. קאַרפּאָוויטש (אין פעברואַר 1901 האָט ער דערשאָסן דעם מיניסטער באָגאָליעפּאָוו און מיט אים הויבט זיך אָן דער נייער פּער־יאָד פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר אין רוסלאַנד). איך האָב געקענט אייניקע אַזעלכע אויך אין קיעוו, מינסק און ווילנע. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, האָט אויך קאַזשימיעזש טשאַפּינסקי אין זיינע יונגע יאָרן אין מינסק זיך אויסגעלערנט לייענען אידיש צוליב דער „אַרב.־שטימע".

פון אַווגוסט 1900, ווען פּאַוועל ראָזענטאַל איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין צ. ק., ביז צו זיין אַרעסט אין מערץ 1902, איז ער געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־שטימע". ווען נח האָט זיך אין מערץ 1902, נאָך זיין אַנטלויפן פון ביאַליסטאָק, באַזעצט אין וואַרשע, איז אין דער ערשטער צייט די גאַנצע לאַסט פון דער „אַרבעטער־שטימע" געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. אַ האַלב יאָר שפּעטער איז איסאַי אייזענ־שטאַט, נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר, אַריין אין רעדאַקציע. אַזוי ווי, אָבער, ער האָט זיך ניט באַזעצט אין וואַרשע (צוערשט אין מינסק, שפּעטער אין ווילנע), האָט ער זייער ווייניק געטאָן פאַר דער „אַרבע־טער־שטימע". אַלס מיטאַרבעטער איז צוגעצויגן געוואָרן אויך גאַ־זשאַנסקי נאָך זיין אומקערן זיך פון סיביר. גאַזשאַנסקי האָט, אָבער, צו יענער צייט געהאַט געוויסע אַנאַרכיסטישע „אָפּנויגן" און שטאַרקע ספקות בנוגע דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק, און די גרויסע האָפענונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין אומקערן זיך פון סיביר צו דער אַרבעט, האָבן זיך ניט באַזונדערס באַרעכטיקט. פון 1־טן נומער (1897) ביז צו זיין אַרעסט אין פּעטער־בורג, אין אַפּריל 1902, האָט סערגעי זעלדאָוו־ניעמאַנסקי מיטגעאַר־בעט אין דער „אַרבעטער־שטימע". געווען אַ פּאָר אַרטיקלען אויך פון איזאַקסאָנ׳ען און פון באַריס פרומקין. אין די ערשטע טעג פון 1903 קומט קיין וואַרשע, נאָך זיין באַפרייאונג פון דער ווילנער טורמע, רחמיאל ווײַנשטיין, און פון דעם מאָמענט אָן באַפרייט זיך נח פון אַ געוויסן טייל אַרבעט פאַר דער „אַרבעטער־שטימע". פון 1903 ביז סוף 1905 ווערט רחמיאל ווײַנשטיין אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „אַרבעטער־שטימע". ער ווערט בכלל דער שטענדיקער שטעלפאַר־טרעטער פון נח׳ן אין יעדער אַרבעט — געטריי און אָן פּרעטענזיעס.

פון די אויסלענדישע ליטעראַטן האָט די „אַרבעטער־שטימע" געהאַט אַ קנאַפּע הילף. זייער וויכטיק איז געווען די לויפנדיקע איב־

פאַרמאַציע, וואָס ח׳ דזשאַן מילל פלעגט שטענדיק שיקן פון אויסלאַנד. אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען און זיין אויסערגעוויינטלעכער פּינקטלעכ־קייט האָט דער צ. ק.״ און דערמיט אויך די רעדאַקציע „אַרבעטער־שטימע״ געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל. ער האָט שטענדיק אינפאָרמירט אויך וועגן דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, גאַליציע און רומעניע און וועגן דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע. אָבער די קאָלאָסאַלע הילף, וואָס דער צ. ק. האָט געהאַט פון אויסלאַנד דורך ח׳ דזשאַנ׳ען, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך — און זייער אַ וויכטיקער קאַפּיטל.

אין די גאַנץ ערשטע יאָרן זיינען געווען אין דער „אַרבעטער־שטימע״ אַ פּאָר אַרטיקלען פון לעאָן בערנשטיין פון פראַנקרייך וועגן מילעראַניזם, אַן אַרטיקל פון דאַווידזאָן, געשיקט פון בערלין; אין די שפּעטערדיקע יאָרן (1903־1905) — אייניקע אַרטיקלען פון וולאַדי־מיר קאָסאָווסקי („בונד״ און ר. ס. ד. אַ. פּ.; 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״; 2טער צוזאַמענפאָר ר. ס. ד.אַ.פּ.) און איין איינציקער אַרטיקל פון מעדעמ׳ען (6טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזל, 1903). עס מוז נאָך דערמאָנט ווערן איין איינציקער אַרטיקל פון ליבער׳ן (וואו איז ער? ! לעבט ער? קלאַפּט ער זיך אפשר דורך דורך דער וואַנט מיט ערליכ׳ן און אַלטער׳ן ?) וועגן טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם, 1902. אין לעצטן נומער (1905) אַן אַרטיקל פון ליטוואַק׳ן — „דער קליינביר־גערלעכער סאָציאַליזם״.

אין דער יעווסעקישער פּרעסע האָט עפּעס ווער אַמאָל געשריבן, אַז אַלגין האָט געהערט צו דער רעדאַקציע פון „אַרבעטער־שטימע״. דאָס איז פאַלש. ער האָט געהאַט אַ געוויסע שייכות בלויז צום לעצטן נו־מער (1905), הויפּטזעכלעך אַלס איבערזעצער. בכלל האָט אויסער די, וואָס זיינען ביי מיר אָנגערופן, ווייטער קיינער צו דער רעדאַק־ציע ניט געהערט.

כדי צו פאַרענדיקן מיט דער לעגענדע, אַז נח איז בכלל קיין שרייבער ניט געווען, מוז נאָך דערמאָנט ווערן זיין ספּעציעלער טאַ־לאַנט אין שרייבן בריוו. מאַנכע פון זיינע בריוו אין די אַלטע יאָרן זיינען מוסטערן פון עפּיסטאָלאַרישער קונסט. אין בונדישן פּאַרטיי־אַרכיוו האָבן זיך אָפּגעהיט זיינע בריוו בלויז פאַר די יאָרן נאָך 1905. ביז סוף 1905 פלעגט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אויסנוצן דעם אינהאַלט פון די בריוו, וואָס פלעגן זיך באַקומען פון רוסלאַנד, פאַר דער פּרעסע, און די בריוו גופא פלעגן נאָך דעם פאַרברענט ווערן.

עס איז געווען אַן ערנסטער גרונט דאָס צו טאָן: די לאָקאַלן פון די אויסלענדישע פאַרשטייערשאַפטן פון רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען שטענדיק אָבסערווירט געוואָרן פון רוסישע שפּיאָנען, וואָס פלעגן זיך פון צייט צו צייט אַהין אַריינבדעכן און זיי אויסליידיקן. פאַר די צענדליקער יאָרן פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע (ביז 1917) איז דער לאָקאַל פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" (צוערשט אין לאָנדאָן, שפּעטער אין זשענעווע) געווען דער איינציקער, וואוהין שפּיקעס האָבן זיך ניט אַריינגע'גנב'עט, ניט געקוקט אויף זייערע אָפטע באַמיאונגען דאָס צו טאָן. אָפגעהיט זיינען מיר געוואָרן פון זייערע וויזיטן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אין לאָקאַל האָט שטענדיק גענעכטיקט אַ נאָענטער חבר און דעם גאַנצן טאָג האָט מען דאָרטן געאַרבעט (געוויינטלעך האָבן מיר אויך קיין וועכנטלעכן רו־טאָג ניט געהאַט).

אויף אַזאַ אופן זיינען אויך נח'ס בריוו ביז סוף 1905 פאַרבערענט געוואָרן. אויף ווי ווייט איינצלנע טיילן פון זיי האָבן געקענט פּובליקירט ווערן, זיינען זיי אָפּגעדרוקט, פאַרשטייט זיך אָנאָנים, אין די 256 נומערן „לעצטע נאַכריכטן", וואָס זיינען אַרויס ביז יאַנואַר 1906.

צו נח'ס 60טן געבורטסטאָג (1932) האָב איך אַראָפּגענומען קאָפּיעס פון זיינע וויכטיקסטע בריוו פאַרן פּעריאָד 1906 ביז אויגוסט 1914 און זיי אים צוגעשיקט. מיין כוונה איז דערביי געווען: אים „פּראָוואָצירן" צו שרייבן זכרונות. די בריוו וואָלטן אים דערצו זייער צוניץ געקומען. ליידער, האָט מיין „פּראָוואָקאַציע" ניט געהאָלפן. ער האָט זיך קיין מאָל אויף אַ מינוט ניט געוואָלט אָפּרייסן פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט. די קאָפּיעס פון זיינע בריוו האָבן אַנטהאַלטן 1000 בלעטער מיט מאַשין־שריפט (צופעליק פונקט 1000). געווען דערונטער צענדליקער בריוו ניט נאָר רייכע אין אינהאַלט (דעבאַטן אויף זיצונגען פון צ. ק.; איינדרוקן פון נסיעות צו אָרטיקע קאָמיטעטן), נאָר אויך מייסטערהאַפטע אין דער פאָרם.

נאָך 1905, ווען עס האָט זיך, ביי דער לעגאַליזירונג פון דער בונדישער פּרעסע, אַרויסגערוקט אַ גאַנצער שטאַב טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטן (גענוג אָנצורופן אַזוינע נעמען ווי: ליטוואַק, אסתר און באַריס פרומקין, צביון, גראָסער, בענסקי, טערמאַן, וולאַדעק, וייטער, זאָלאָטאַריאָוו, זאַסלאַווסקי, אַלגין), ווען פון קאַטאָרגע זיינען צוריקגעקומען פּאַוועל ראָזענטאַל און פון אויסלאַנד קאָסאָווסקי און מעדעם, האָט נח געהאַלטן, אַז ביים שרייבן קענען אים פאַרבייטן אַנדערע, און

ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער אינערלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. פון דאָס ניי האָט ער זיך גענומען צו דער פעדער ערשט אין 1916, אין די וואַרשעווער „לעבנס־פראַגן”, און שפּעטער פון צייט צו צייט אויך אין דער „פאָלקס־צייטונג”, וואו ער האָט אויך געקענט פאַרביטן ווערן דורך אַנדערע, בשעת אין דער אינערלעכער אַרבעט האָט אים קיינער ניט געקענט פאַרבייטן. ביי אָט דער אַרבעט איז ער געבליבן, קאָן מען זאָגן, ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. זיין לעצטן אַרטיקל האָט ער געשריבן פאַרן ערשטן נומער „אונזער־צייט”, פעברואַר, 1941...

* * *

...איך שרייב די־אַ שורות צו נח'ס ערשטן יאָרצייט. נח גוי־טיקט זיך ניט אין קיין שום לויב־געזאַנגען. דאָס בעסטע, וואָס קען וועגן אים געזאָגט ווערן, איז דער פּשוט'ער אמת, איז די געשיכטע פון זיין לעבן אָן שום קאָמענטאַרן.

נח איז אָן שום ספק געווען איינע פון די גרעסטע פּערזענלעכ־קייטן אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילן פאַר די לעצטע 50 יאָר און דער באַדייטנדיקסטער פירער פון „בונד”, צוערשט אויף דער טעריטאָריע פון גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד, די לעצטע 25 יאָר — אין פּוילן.

צוויי דורות טוער פון „בונד” האָבן זיך דערצויגן אונטערן דיר־רעקטן איינפלוס פון נח'ן. אונזערע איצטיקע אַקטיווע חברים אין די פּוילישע געטאָס, וואָס זייער העראָאיזם און מסירת־נפש שטייגן אַרי־בער יעדער מענטשלעכע פאָרשטעלונג, באַטראַכטן נח'ן — מיט רעכט — ווי זייער בעסטן לערער און וועגווייזער.

נח האָט געהערט צו אַ פירער־טיפּ, וואָס מען באַגעגנט זייער זעלטן אין פּאָליטישן לעבן. דער אָנערקענטער דערפאָלגרייכער פּאָלי־טישער פירער פאַרפעסטיקט זיך געוויינטלעך מיט די יאָרן אין דער פאָרשטעלונג, אַז נאָר ער קען אָנפירן מיט דער אַרבעט אויפן בעסטן אופן, און ער קוקט אַמאָל מיט חשד אויף די, וואָס דאַרפן אים שפּע־טער פאַרבייטן. דערפון קומען פאָר אין אַ גרויסער צאָל פּאָליטישע פּאַר־טייען רייבונגען און קאָנפליקטן צווישן אַלטע און יונגע. נח, אָבער, האָט זיך שטענדיק באַמיט צו טיילן די פירערשאַפט מיט אַנדערע, אַרויסרוקן אַנדערע אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, געבן אַנדערע די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן. דערפון — די גרויסע ליבע צו אים פון יונג און אַלט.

אין אים איז האַרמאָניש געווען פֿאַראייניקט אַ טיפֿער אינטעלעקט מיט אַ קרישטאָל ריינעם און פֿעסטן כאַראַקטער. איינער פֿון די מוזיקסטע מענטשן אין דער סכּנות־פֿולער אַרבעט אונטערן צאַרישן רעזשים, האָט ער ביי קאַרדינאַל־געענדערטע אומשטענדן אין די לעצטע 25 יאָר פֿון אַן אָפֿענער און לעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט אַרויסגעוויזן אַלע גוטע אייגנשאַפֿטן, וואָס זיינען נויטיק, כּדי אין אומרואיקע צייטן אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און אינערלעכע געשלאָסנקייט פֿון דער פּאַרטיי: אַ ווייטן בליק, אַ געזונטן חוש פֿאַר רעאַלע מעגלעכקייטן, אַ זעלטענעם טאַקט־געפֿיל און קודם־כּל אַ טיפֿן, אומדערשיטערטן גלויבן אין דער זאַך, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן.

(פֿון „אונזער צייט“, נאָוועמבער־דעצעמבער 1941; מערץ, יוני, אָקטאָבער 1942, ניו יאָרק).

„פּע" און „טשע"

בלעטלעך זכרונות

וואָס איז דאָס אַזוינס „פּע" און „טשע"? אויף אונזער קאָנספּי־ראַטיוון לשון האָט „פּע" באַדייט פּאַספּאָרט, „טשע" — טשעמאָדאַן. דאָס זיינען געווען גאַנץ וויכטיקע און העכסט קאָנספּיראַטיווע ענינים. און אַפילו בחדרי חדרים, אויג אויף אויג, אין אַ גאַנץ שטילן געשפּרעך, פלעגן מיר זיך אויך סטאַרען די בײדע זאַכן אָנצורופן נישט מיט זייער פולן נאָמען, נאָר מיט די ראשי תיבות. וואָרעם ווענט האָבן אויך אויערן.

דריי סאָרטן „פּע"

די וויכטיקייט פון ענין „פּע" פאַר אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי וועט יעדערער פאַרשטיין: יעדער מענטש מוז האָבן אַ פּאַס; נישטאָ קיין מענטש אָן אַ פּאַס; דער מענטש איז, אייגנטלעך, אַ צוגאָב צום פּאַס; שטענדיק — קודם־כל דער פּאַס, אָן אים איז מען אַ פאַרפאַלענער. איז דער מענטש געווען פאַרשיקט אין סיביר און אַנטלאָפן פון דאָרטן; האָט ער באַוויזן נעלם צו ווערן, איידער מען האָט אים אַרעסטירט — האָט ער געמוזט האָבן אַ פרעמדן פּאַס; אויפן אייגענעם האָט ער ניט געקענט מער לעבן. לייען אַ פּאַס ביי אַ גוטן פריינט, ווי מען לייט אַ מאַנטל, אַ קאָלדרע אָדער אַ פּאָר רובל, האָט מען דאָך ניט געקענט, ווייל דער גוטער פריינט דאַרף אַליין האָבן זיין פּאַס. און דאָ הויבט זיך טאַקע אָן דער ענין „פּע". אומלעגאַלע מענטשן, ד. ה. אַזעלכע, וואָס די פּאָליציי האָט זיי געזוכט לויט צירקולאַרן פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אום זיי צו אַרעסטירן, זיינען געווען אין „בונד" פון אָנהויב אָן. זייער צאָל איז שטענדיק געוואַקסן. די צאָל איז שווער אָפּצושאַצן. גענויע ידיעות זיינען וועגן דעם נישטאָ. אויף וויפל מען קען זיך ביי אַזאַ זאַך פאַרלאָזן אויפן זכרון, דוכט מיר, אַז די צאָל קען זיין אומגעפער אַזאַ: ביז 1900 — אַ מאַן 40, אָנ־הויב 1903 — אַ מאַן 70, אָנהויב 1904, אַריינרעכענענדיק אויך מאַנכע קליינע שטעטלעך, — אַ מאַן 100, אין די שטורעמדיקע זומער־ און האַרבסט־חדשים פון 1905 — אין די הונדערטער.



גנת



וולאַדימיר קאָסאָווסקי

וולאַדימיר מעדעם

„פע"־ס זיינען געווען פון דריי סאָרטן: „פּאַלשיוּוקעס"; מיר האָבן זיי גערופן „פּאָעזיע", ווייל דעם נאָמען, וואָס מען פלעגט אַריינשרייבן, פלעגט מען אַליין אויסטראַכטן, ווי אַ פּאָעט טראַכט אויס זיין ליד; „אייזערנע" און „קאָפּיעס". אויב איר ווילט, קען מען נאָך צורעכענען אַ פערטן סאָרט: צייטווייליק אַנטליענע פרעמדע (נאַטירלעך, אין גאַנצן כשר'ע).

די „פּאַלשיוּוקעס" זיינען געווען די פאַרשפּרייטסטע. די בלאַנקען צו פּאַספּאָרטן אָדער פּאַספּאָרטן־ביכלעך איז אין יענע יאָרן ניט שווער געווען צו קויפן. מען פלעגט זיי קריגן אין פאַרשיידענע שטעט פאַר אַ פּאָר רובל אין די „מעשטשאַנסקע אופּראַווע". געוויינטלעך האָט דער צ. ק. געהאַט אַ געוויסן זאַפּאַס אַזעלכע בלאַנקען און ביכלעך, און די קאָמיטעטן אין די גרעסערע שטעט האָבן עס אויך געהאַט. דער שטעמפּל פון דער „מעשטשאַנסקע אופּראַווע", וואָס האָט כלומר'שט אַרויסגעגעבן דעם „פע", איז, נאַטירלעך, געווען אַ נאָכגעמאַכטער. פלעגט ווער דורכפאַלן און ניצול ווערן פון אַרעסט, פלעגט מען קודם־כל אויסשטעלן אַ „פּאַלשיוּוקע". אין אייניקע שטעט האָבן מיר געהאַט — איך געדענק עס גוט פון די יאָרן 1903 און 1905 — אויך פּאָליציאַישע מעלדונגס־שטעמפּלען פון אייניקע שטעט אין תחום. אַזוי, למשל, ווען מען פלעגט אויסשרייבן, לאָמיר זאָגן, אין ווילנע אַ נייעם פּאַס, וואָס איז כלומר'שט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „מעשטשאַנסקע אופּראַווע" אין וויעטקאַ, ביי האָמעל, פלעגט מען שוין אָפּשטעמפּלען דעם פּאַס אויך מיט אַ מעלדונגס־שטעמפּל (מיט דער דאַטע פון אַ 4־5 טעג שפּעטער) פון דער פּאָליציי אין בערדיטשעוו. מיט אַזאַ „פע" פלעגט זיין לייכטער זיך איינצואָרדענען, אָבער, נאַטירלעך, נישט אין בערדיטשעוו גופא, — וואָרעם וויבאַלד דער מענטש איז שוין געווען גע־מאָלדן ביי דער פּאָליציי פון אַן אַנדער שטאָט, הייסט דאָס, אַז ער איז כשר וישר. ווי ווייט איך געדענק די איינצלהייטן פון דעם ענין „פע" אין יענע יאָרן, דוכט מיר, אַז נאָר אין צוויי שטעט איז ניט מעגלעך געווען צו פאַרשרייבן אויף אַ פּאַלשיוּוקע: אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. פון די ביידע שטעט פלעגט די פּאָליציי וועגן יעדער מענטשן, וואָס פלעגט זיך דאָרט איינמעלדן, אָנפרעגן „פּאָ מעסטו פּריפּיסקי" (אויפן אָרט, וואו ער איז אַ נכתב). געווען פּאַלן, ווען אומגעניטע מענטשן (געווען אַזוינע אייניקע פּאַלן ביי איסקראָווצעס) האָבן זיך דאָרט פאַרמאָלדן אויף „פּאַלשיוּוקעס" און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען זיי אַרעסטירט, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַספּאָרטן זיינען לא היה ולא נברא. אין אַלע שטעט, וואו דער „בונד"

האָט געאַרבעט: פון ניקאָלאַיעוו ביז דווינסק, פון ריגע ביז טאָמסק, האָט מען רואיק געקענט זיך איינמעלדן אויף אַ „פאַלשיווקע". אָבער, נאָ־טירלעך, האָט דאָס שטיקל אַרבעט געמוזט האָבן אַ האַנט און פּנים. פּאַרטאַטשיש האָט געמעגט אויסזען אַ ריכטיקער פּאַס, אַ „פאַלשיוו־קע" האָט געמוזט אויסזען כשר, וואָס כשר הייסט. דער פאַרשטייער פון אונזער צ. ק. איז אין דער הינזיכט געווען אַ ספּעציאַליסט, אַן אמת'ער סעקרעטאַר פון אַ „מעשטשאַנסקע אופּראַווע" וואָלט געקענט גיין ביי אים אין חדר.

אַ סך מאָל זיינען מענטשן אַרעסטירט געוואָרן אויף „פאַלשיוו־קעס", שפּאָגל־ביי אַרויסגעגעבן פון אונזער צ. ק., און דער פּאָליציי איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו צווייפלען אין דער כשרות פון די פּאַס־פּאָרטן. מענטשן פלעגן אָפטמאָל אָפּזיצן אַדמיניסטראַטיוו ביז דריי חדשים אויף „פאַלשיווקעס" און אַרויסגיין, אַזוי צו זאָגן, גע'כשר'טע אויף דער פרייער וועלט. נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען מען פלעגט האָבן אויף זיך אַן ערנסטע „דיעלע", און די זשאַנדאַרמעריע פלעגט געפינען פאַר נויטיק זיך ערנסט צו פאַרנעמען מיט דעם נפש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אירע לאַפּעס, פלעגט זי אַ פרעג טאָן דאָרטן, פון וואַנען דער נפש האָט געשטאַמט לויטן פּאַס, און דאַן, פאַרשטייט זיך, פלעגט פון דער „פּאָזיע" ווערן אַ גאַנץ לאַנגווייליקע טורמע־פּראָזע. געווען אָבער פאַלן, ווען מענטשן זיינען אַפילו פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף „פאַלשיווקעס" און צוריקגעקומען פון דאָרט אין גאַנצן גע'כשר'טע — מיט אַ ריכטיקן פּאַס אויף אַ פאַלשן נאָמען.

די „פאַלשיווקעס" האָבן געקאָסט נישט טייער. אַ ביכל פלעגט זיין גילטיק אויף 5 יאָר און האָט געקאָסט 3־5 רובל. אַ ווייסער בלאַנק, גילטיק איין יאָר, האָט געקאָסט ווייניקער ווי אַ רובל. די ווייסע בלאַנקען האָט מען געקענט האָבן לרוב. מען דאַרף דערביי האָבן אין זינען, אַז די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געווען די איינציקע בעלנים אויף די בלאַנקען; די גרעסטע אָפּנעמער פון די בלאַנקען זיינען געווען, להבדיל, גנבים. ווילנע, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען דער צענטער פון „בונד", איז צופעליק געווען אויך איי־נער פון די גרעסטע צענטראַל־פּונקטן פון די קעשענע־ און אייזנבאַן־גנבים פאַר גאַנץ רוסלאַנד. די אַלע ווילנער חברים, ווען עס איז אויסגעקומען צו זיצן אין ווילנער טורמעס, איבערהויפּט אין דער אַנטאַ־קאָלער, האָבן זיך דאָרטן באַקענט מיט צענדליקער ווילנער גנבים, מיט וועלכע מען פלעגט זיך שפּעטער פון צייט צו צייט באַגעגענען אויפן

גאַס. מען פלעגט זיך דערקענען, מען פלעגט זיך צושמייכלען אַ גרוס און אַמאָל זיך אָפּשטעלן דורכשמועסן, כמעט ווי גוטע באַקאַנטע. איינער פון די בעסטע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין אונזער באַוועגונג אין ווילנע, דער ח׳ רובים שליפער (איצט אין ניו־יאָרק), האָט דורך איניקע חברים, וואָס זיינען פּערזענלעך באַקאַנט געוואָרן אין טורמע מיט פאַרשיידענע גנבים, אין 1903 איינגעשטעלט מיט איניקע פון זייערע „פאַרטרויאונגס־מענער״ אויף זייער דעמאָלטיקער בירזשע. קליין־סטעפּאַן־גאַס אָדער זאַוואָלניע, אַ שטענדיקע פאַרבינדונג וועגן בלאַנקען. צו יעדער צייט, ווען עס פלעגט נויטיק זיין, פלעגט ער קויפן ביי זיי אַ פּעקל בלאַנקען צו 50־70 קאָפּיקעס אַ שטיק. בכלל איז וועגן „פאַלשיווקעס״ אין גרעסערע שטעט קיין מאָל קיין דאגה ניט געווען. צרות פלעגט זיין אין די קליינע שטעטלעך. ביז מען פלעגט זיך דאָרטן דערשלאָגן פון דער גרויסער שטאָט אַ „פאַלשיווקע״, פלעגט עס אָנקומען מיט גרינע ווערעם.

„אייזערנע״ פּאַספּאָרטן האָבן מיר אָנגערופן אַזעלכע, וואָס זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, פעסט ווי אייזן. זיי פלעגט מען קויפן ביי אַ „מעשטשאַנסקי סטאַראָסטע״, וואָס האָט ליב געהאַט די מטבע. אַזאַ „פּע״ האָט געקאָסט נישט ווייניקער ווי 100 רובל, און אַמאָל אַ גוט ביסל מער. דאָס איז געוויינטלעך געווען אַ פּאַס פון אַ מענטשן, וואָס איז ריכטיק פאַרשריבן אין די ביכער, וואָס איז, אָבער, פון שטעטל אין גאַנצן נעלם געוואָרן: ער בעט קיין מאָל קיין נייעם פּאַס ניט און לאָזט פון זיך ניט הערן. געוויינטלעך זיינען עס געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, נאָך דעם ווי זיי האָבן כשר דורכגעמאַכט דעם פּריזיוו (אַ כשר׳ער פּריזיוו איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צו אַן איי־זערנעם פּאַס), און דערביי געשוואַרצט די גרענעץ, ד. ה. ניט גענומען קיין אויסלענדישן פּאַס; אָדער זיי זיינען שוין ערגעץ וואו געשטאָרבן, און הגם מען האָט דאָס מאַנכע מאָל אין שטעטל גאַנץ גוט געוואוסט, איז, אָבער, זייער טויט ניט געוואָרן רעגיסטרירט אין די ביכער. אויף אַזאַ אייזערנעם פּאַס האָט אַן אומלעגאַלער מענטש געקענט גיין, אַזוי צו זאָגן, ווי אויף אַן אייזערנעם בריק; ער האָט געקענט רואיק זיך איינ־מעלדן. דערביי פלעגט דער סטאַראָסטע נאָך אַרויסגעבן אַ קאָפּיע פון „פּאָסעמעיני ספּיסאָק״, און מען פלעגט מוזן גוט געדענקען, וואָס פאַר אַ ברידער און שוועסטער מען האָט, א. אַז. וו., א. אַז. וו. אייזערנע „פּע״־ס זיינען געווען אין „בונד״ גאַנץ ווייניק. אַזאַ „פּע״ אויפן נאָמען קאַפּלאַן האָט געהאַט „טאַראַס״ אַרום 1899־1900; שפּעטער האָט געהאַט דער פאַרשטייער פון צ. ק., ח׳ נח, אַן אייזערנעם פּאַס יאָרן

לאַנג אויפֿן נאָמען צדוק מאַרגאָליס; אויך ירחמיאל, יודין און אייניקע אַנדערע האָבן געהאַט אַזוינע פּעסער. בכלל רעכן איך, אַז אין די אַלע יאָרן פֿון אומלעגאַלן לעבן ביז 1917 האָט דער „בונד" באַנוצט אין גאַנצן, אין צענטער און אויף די ערטער, ניט מער ווי אַ פֿיר צענדליק אייזערנע פּאַספּאָרטן, וואָרעם דאָס איז געווען ניט נאָר אַ טייערער ביסן, נאָר עס איז אויך זייער שווער געווען צו באַקומען.

ביי אַט דער געלעגנהייט וואָלט איך נאָך געוואָלט באַרירן די פֿראַגע פֿון דער „אינעווייניקסטער באַלייכטונג", וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט געהאַט אין „בונד", ד. ה. די ידיעות, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון פּראָוואָקאַטאָרן, איבערהויפּט פֿון קאַפּלינסקי'ן. ווי ווייט אונז זיינען באַקאַנט די ידיעות, וואָס קאַפּלינסקי האָט געגעבן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, קאָן מען זאָגן אויף געוויס, אַז ער האָט ניט אַרויסגעגעבן די אייזערנע פּאַספּאָרטן, וואָס זיינען אים געווען באַקאַנט *). אויב ער האָט ביז זומער 1905 אפשר ניט געוואוסט, אויף וואָס פֿאַר אַ פּאַס חבר נח האָט געלעבט (די דירה האָט ער שטענדיק געוואוסט), האָט ער נאָך דעם אַרעסט פֿון חבר נח'ן (מיט גאָזשאַנסקי'ן, וולאַדעק'ן, לענסקי'ן, יוסף אידעלסאָן, קוראַקי א. אַנד.), אין ווילנע אין יוני 1905, זיכער געוואוסט, אַז ח' נח'ס פּאַס איז געווען אויפֿן נאָמען צדוק מאַרגאָליס. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט שטענדיק געזוכט ח' נח'ן און זיך שטענדיק זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט אים, האָט ניט געוואוסט, אַז אונטער דעם נאָמען פֿאַרבאַהאַלט זיך ח' נח. סוף דעצעמבער 1905 האָט מען אַרעסטירט אין וואַרשע 11 מענטשן, דערונטער אויך דעם ח' נח'ן מיטן פּאַס צדוק מאַרגאָליס. דעמאָלט האָט דער דעפּאַרטאַמענט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד", אָבער אַז דאָס איז ח' נח, האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואוסט. דערביי איז צווישן די 11 אַרעסטירטע געווען אויך קאַפּלינסקי אַליין. בשעת עס איז אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע די „פֿאָלקס־ציייטונג" (1906־1907), האָט דער ח' ק. דאָרטן געלעבט אויף אַן אייזערנעם פּאַס אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען. האַרבסט 1907 איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן האָט זיינער אַ פֿריינט, וואָס האָט געוואוינט אויף דער גרענעץ און איז באַקאַנט געווען מיטן שעף פֿון דער גרענעץ־זשאַנדאַרמעריע, זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ צירקולאַר פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז ק. דאַרף אין גיכן דורכ־

---

*3) אויסער דעם פּאַספּאָרט רימאַן, וואָס עס האָט זיך געקויפֿט אין 1901 לעאָן גאָלדמאַן (פֿראַצעס פֿון דער דרוקעריי „איסקראַ" אין קישענעוו).

פאָרן די גרענעץ און עס איז פאָראָרדנט אים צו אַרעסטירן. געי־
פאָרן איז ער אויף זיין דעמאָלטיקן אייזערנעם „פע" און איז בשלום
דורכגעפאָרן. קאַפּלינסקי האָט גאַנץ לייכט געקענט זיך דערוויסן,
אויף וואָס פאַר אַ פּאַס ק. איז אין ווילנע געווען איינגעמאָלדן; ער האָט
אים, אַלזאָ, ניט געוואָלט אַרויסגעבן. דאָס איז אַן ענין פאַר זיך, וואָס
איך קען באַרירן דאָ נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט די אייזערנע פּאַספּאָרטן,
און אין דער הינזיכט קען איך זאָגן, אַז די זאַך איז געווען אָוועקגעשטעלט
ביי אונז אַזוי סאָליד, אַז קיין שום צרות זיינען דערפון, דוכט זיך,
קיין מאָל ניט אַרויסגעקומען (אויסער דעם דערמאָנטן פאַל מיט לעאָן
גאָלדמאַנ'ען).

דער דריטער סאָרט פּאַספּאָרטן — „קאָפּיעס" — זיינען געווען
דובליקאַטן פון ריכטיקע פּאַספּאָרטן. זיי פלעגט מען אויך קויפן אין
„מעשטשאַנסקע אופראַווע". בכלל האָט מען זיי גאַנץ ווייניק באַ־
נוצט. קיין גרויס נוצן האָט מען פון זיי ניט געקענט האָבן, וואָרעם ביי
אַן ערנסטער „דיעלע" וואָלט זיך גלייך געקענט אַרויסווייזן, אַז דער
נאָמען איז טאַקע אַ ריכטיקער, אַז אַזאַ מענטש איז טאַקע אויף דעם
און דעם אָרט און צו דער אַנגעוויזענער צייט געבוירן געוואָרן, אַז ער
איז גאָרניט אַרעסטירט, אַז ער לעבט פריי אין אַזאַ און אַזאַ שטאָט און
פירט זיך דאָרטן זיינע געשעפטן; הייסט דאָס: דער אַרעסטירטער איז
גאָר אַן אַנדערער און דער פּאַס איז אַ נאָכגעמאַכטער.

אייניקע פון אונזערע חברים פלעגן פון צייט צו צייט, איבער־
הויפּט אויף אַרויסצופאָרן, און אייניקע מאָל אויך אויף צו פאָרן קיין
אויסלאַנד, אויף אַ קורצער צייט לייען ביי כשר'ע מענטשן זייערע כשר'ע
פּאַספּאָרטן. די כשר'ע מענטשן זיינען, נאַטירלעך, ניט געווען קיין
פּאַרטיי־חברים: ניט געווען איבערהויפּט קיין פּאַרטיי־חברים, וואָס
זיינען געווען אין די אויגן פון דער פּאָליציי אין גאַנצן כשר. דאָס
זיינען געווען סימפּאַטיקער פון „בונד" אָדער פּערזענלעכע גוטע
פריינט פון אונזערע חברים. ספּעציעל איז ווערט דערמאָנט צו ווערן
צום גוטן אַ ווילנער דעמאָקראַט, אַ באַקאַנטער כלל־טוער, וואָס האָט
געליען זיין פּאַס דעם ח' יודין און דערביי גאַנץ גוט געוואוסט, אַז
די טובה, וואָס ער טוט דערמיט דעם ח' יודין און דעם „בונד",
שמעקט פאַר אים מיט אַ גאַנץ גוטער הויז־זוכונג און אפשר אויך מיט
אַ גוטע פּאָר וואָכן טורמע, וואָרעם די ווילנער „אָכראַנע" וואָלט גאַנץ
גוט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט טאַקע אַליין געגעבן דעם ח' יודין זיין
פּאַס און אַז ניט דער ח' יודין האָט דעם פּאַס כלומר'שט געפונען א. ד. גל.

אין טעכנישער הינזיכט איז דער ענין „פּע" געווען פאַרהעלטניס־

מעסיק אַ לייכטע זאַך צוליב איין קליינִיקייט: אין די דעמאָלטיקע פּאַספּאָרטן זיינען קיין פאָטאָגראַפיעס ניט געווען! אָט די „העכע־רע" אַנטוויקלונג פון דער פּאַספּאָרטן־קולטור האָבן מיר צו פאַרדאַנ־קען דעם וועלט־קריג. דעמאָלט האָט זיך דאָס אָנגעהויבן די פאָטאָ־גראַפיע־סיסטעם, און איך מיין, אַז ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירן די פּאַספּאָרטן־סיסטעם, וועלן שוין די פאָטאָגראַפיעס ניט פאַרשווינדן, וואָרעם וואָס באַטייט טאַקע אין אמת'ן אַ פּאַס אָן אַ פאָטאָגראַפיע?! אַזאַ פּאַס קען אָפּטמאָל פּאַסן פאַר 100 מענטשן מיט אַ מאָל. אַ גאַנץ אַנדער זאַך, ד. ה. אין דעם פאַל אָן אמת'ע צרה, איז, אָבער, ווען אין פּאַס איז אַריינגעקלעפּט אַ פאָטאָגראַפיע. נאַטירלעך, וואָלט מען ביי אַזוינע אומשטענדן אויך געפונען אַ וועג ווי נאָכצומאַכן פּעסער, אָבער די זאַך וואָלט געווען פיל שווערער.

איך דערמאָן זיך איצט איין פאַל, ווען אַן אייזערנער פּאַס (סע־ראַצקי) האָט אויך ניט געהאָלפן. ס'איז געווען ביים אַרעסט פון ח' יודיק, אַרום אָקטאָבער 1912 אין אָדעס. אין אַלבאָם פון אָדעסער „אָכראַנע" האָבן זיך געפונען 2 פאָטאָגראַפיעס פון אים: איינע פון 1896 (ער איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן אין אָדעס גופא אַלס איינער פון די פיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אָדעס) און אַ צווייטע — פון 1906, פון זיינעם אַ שפּעטער־דיקן אַרעסט אין ווילנע. לויט די פאָטאָגראַפיעס האָבן זיי אים דערקענט און פעסטגעשטעלט, ווער ער איז.

איך פאַרטיף זיך אין הלכות „פּע"

דער ענין „פּע" האָט געהאַט אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג אויך אין אויסלאַנד, און אַזוי ווי איך בין געווען יאָרן לאַנג, אַזוי צו זאָגן, דער פּאַספּאָרטיסט ביים אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", מוז איך זיך דאָ אויף דעם אָפּשטעלן. אַפּריל 1900 בין איך געפאָרן קיין אויסלאַנד. איך בין געווען ניט אין גאַנצן כשר (אין וואַרשע האָט די „אָכראַנע" געהאַט געוואָרפן אַן אויג אויף מיר); אַ פּאַס האָב איך געקראָגן אין אַן אַנדער שטאָט אויף מיין אייגענעם נאָמען, אָבער די זאַך האָט מיר געקאָסט אַרום פערציק רובל עקסטראַ, און צוריקפאָרן מיט דעם זעלבן פּאַס האָב איך יעדנפאַלס ניט געקענט. און גלייך ווי איך בין געקומען אין אויסלאַנד, האָט זיך טאַקע געוואָלט פאָרן צוריק. באַזעצט האָב איך זיך אין בערלין, און גלייך נאָך מיין קומען, ווען איך האָב אויפגעזוכט אַלטע פריינט און זיך באַקענט מיט נייע

חברים, האָט זיך כמעט יעדער טאָג געשטעלט די פראַגע וועגן אַ „פע". אפשר שוין אין דער ערשטער וואָך פון מיין קומען זיינען געווען דריי פאַלן, ווען עס זיינען נויטיק געווען פאַספּאָרטן אויף צו פאָרן צוריק אַהיים. דער ערשטער איז געווען אַ בערשטער, וואָס איז געווען אַ קורצע צייט אין לאָנדאָן, האָט געהאַט דאָרטן אַ גאַנץ גרויסן דער־פאָלג אין הונגערן, כמעט אַ הונגער־קינסטלער געוואָרן, און נאָך זיין דאָזיקן רעקאָרד־אויפטו האָט זיך אים פאַרוואָלט פאָרן צוריק קיין ווילקאָווישקי (זיין נאָמען געדענק איך ניט). איבער דער גרענעץ האָט אים געדאַרפט אַריבערנעמען אליה סינטאָווסקי, איינער פון אונזערע עלטסטע חברים אין ווילקאָווישקי. ער האָט, אַלזאָ, געקענט פאָרן אָן אַ „פע"; אויב, אָבער, ער וואָלט געהאַט אַ „פע", וואָלט ער געקענט אַריבערנעמען אַ גוטן טשעמאָדאַן מיט ליטעראַטור (איך וועל ריידן וועגן ליטעראַטור באַזונדער אין קאַפּיטל „טשע"). האָבן מיר, אַלזאָ, פאַרלוירן אַ טשעמאָדאַן ליטעראַטור — און אפשר גאָר צוויי, נאָר וויל פאַר דעם בערשטער איז קיין „פע" ניט געווען. מיין פריינט גורעוויטש, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פאָרשטייער פון „בונד" אין בערלין, איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און געטראַכט וועגן „פע", ווי אַ פרומער איד וועגן משיח'ן. דאָס טראַכטן האָט, אָבער, גאָרניט געהאָלפן. דער בערשטער איז געפאָרן אָן אַ „פע", ד. ה. אָן ליטעראַטור. עס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג און עס איז געקומען אַ נייער אורח, אַ וויטעבסקער חבר, וואָס איז געווען אַ קורצע צייט אין פּאַריז, דאָרט געוואָרן אַן אמת'ער ווירטואָז אין טרינקען טיי אָן ברויט און גע־פאָרן צוריק. ווי ער האָט געהייסן, געדענק איך אויך ניט. זיין ריכ־טיקן נאָמען האָב איך אפשר איבערהויפּט ניט געוואוסט. אַריינגעפאָרן איז ער צו צוויי גוטע פריינט מיינע, צו וואָלף שאַליט און ליובאַ יוזעפאָוויטש. דער חבר איז געווען אַן אינטערעסאַנטער און אַ ביסל אַ קוריאָזער מענטש, וויל איך אים דאָ שענקען אַ פּאָר שורות. ער איז געפאָרן צוריק אַרבעטן אין „בונד", און אַלס איינע פון די דריב־גענדיקסטע אויפגאַבעס, וואָס ער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט, איז גע־ווען — פּראָפּאַגאַנדירן עסן טריפ'ע פלייש. ער האָט געפאָדערט, אַז דער צ. ק. זאָל דרוקן אין דער „אַרבעטער־שטימע" אַ נייעם לאָזונג מיט פעטע, גרויסע אותיות: אידן, עסט חזיר־פלייש! וואָרעם צוליב דעם, וואָס די אידישע אָרעמקייט עסט קיין חזיר־פלייש ניט, עסט זי איבערהויפּט קיין פלייש ניט. די אידן, וועלכע ער האָט געוואָלט איבערצייגן, אַז ער האָט רעכט, ד. ה. אונזער קליינע קאָמפּאַניע, האָבן מיט אים אין גאַנצן מסכים געווען. אָבער אַ חילוקי דעות איז ביי אונז געווען, צי

עס פּאַסט אַזאַ לאָזונג אין דער „אַרבעטער־שטימע”. און דאָ האָט ער זיך צעברענט און צעפלאַקערט: — אויב אַזאַ לאָזונג פּאַסט ניט אין דער „אַרבעטער־שטימע”, האָבן מיר קיין שום באַגריף ניט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס פּאַרטיידיקן די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון דער אַרבעטער־מאַסע, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אויך פּאַר אים איז קיין פּאַס ניט געווען. די גרענעץ האָט ער געזאָלט שוואַרצן, און עס איז ווידער פאַרלוירן געגאַנגען אַ טשעמאָדאַן מיט ליטעראַטור, און אפשר צוויי. דער דריטער וואַיאַזשאָר איז געווען אַ לעטישער חבר, פריץ ווערסמאַן. דאָס איז דער איצטיקער לעטישער געזאַנדטער אין לאָנדאָן, איינער פון די פּיאָנערן פון דער לעטישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט אַ קורצער צייט פריער איז ער געווען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און זומער 1900 איז ער צוריקגעפאָרן אומלעגאַל צו אָרגאַניזירן די גרענעץ אויף אַריבערצופירן ליטעראַטור. האָט זיך ווידער געשטעלט די פראַגע וועגן אַ פּאַס. צום גליק, האָט ער, אָבער, גערעדט גאַנץ גוט דייטש, הגם מיט אַ טיפּישן קורלענדער אַקצענט, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ער קען דורכפאָרן די גרענעץ מיט אַ דייטשן פּאַס. איך געדענק ניט גענוי, ווי ער האָט געקראָגן דעם „פּע” (מסתמא דורכן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־פאָרשטאַנד). ער איז אָפּגעפאָרן בשלום און טאַקע מיט אַ טשעמאָדאַן ליטעראַטור.

אין יענע טעג האָב איך אָנגעהויבן, אַזוי צו זאָגן, „זיך פאַרטיפן” אין הלכות „פּע”. מיט דייטשע און איבערהויפּט מיט אויסלענדישע פּאַספּאָרטן האָט מען געקענט גאַנץ לייכט אַריבערפאָרן; דערצו איז, אָבער, נויטיק געווען, ערשטנס, אויסצוזען ווי אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַ בולגאַר א. אַז. וו. און צווייטנס — צו באַהערשן די באַטרעפנדיקע שפּראַך. אַזעלכע מענטשן, סיי נאָך זייער אויסזען, סיי נאָך זייערע שפּראַך־קענטעניש, זיינען ביי אונז געווען, נאַטירלעך, נאָר געציילטע. אַלזאָ, זיינען דייטשע, פראַנצויזישע און ענלעכע „פּע”־ס כמעט ניט געקומען אין באַטראַכט. אָבער דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק וועגן פּאַספּאָרטן פון פּאָליאַקן — עסטרייכישע בירגער. עס מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אויסלענדישע אידן האָבן ניט געהאַט קיין אַריינפאָר־רעכט קיין רוסלאַנד; עס האָט זיך, אַלזאָ, געקענט האַנדלען נאָר וועגן פּאָליאַקן קריסטן. ביי אונז זיינען געווען אייניקע מענטשן, וואָס האָבן ניט אויסגעזען ווי טיפּישע אידן און גערעדט פּויליש און דייטש, און זיי וואָלטן גאַנץ גוט געקענט פאָרן אויף אַזאַ מין פּאַספּאָרט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מיינער אַן אַלטער פריינט, איינער פון די גרינדער פון דער ס.־ד. פון פּוילן און ליטע, סטאַ־

ניסלאַוו טרוסעוויטש („זאַלעווסקי“), מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל מאַכן אַ יאַזדע מיט צוויי טשעמאָדאַנעס ליטעראַטור. אַזוי ווי איך האָב גערעדט גאַנץ גוט דייטש (איך האָב שפּעטער אין בערלין אין אונזער בונדישער סביבה מיין דייטש שטאַרק צעקאַליעטשעט), האָב איך באַשלאָסן אויסצופּרובירן אַ דייטשן פּאַס. אַן גרויס מי האָב איך דורכן פּאַרטיי־פאַרשטאַנד באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט אַ דייטשן חבר און ער האָט זיך געמאַכט אַ פּאַס. דאָס האָט געקאָסט דעמאָלט אין גאַנצן 3 מאַרק און איז גילטיק געווען אַ גאַנץ יאָר, אַזוי אַז אין פאַרלויף פון אַ יאָר האָט מען געקענט פאָרן מערערע מאָל אויפן זעלבן פּאַס. עס איז נאָר נויטיק געווען יעדער מאָל נעמען אַ וויזעביים רוסישן קאָנסול. די וויזע האָט געקאָסט 3 רובל. נעמען די וויזע איז ער, פאַרשטייט זיך, אַליין געגאַנגען צום קאָנסול. דאָס איז געווען אַ געוויסער פּרענגעל, דעמאָלט אַ סטענאָגראַפיסט אין רייכסטאַג, אַ געהיימער סאָציאַליסט. אַריבערפאָרנדיק די גרענעץ, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ווען מען רעדט דייטש און מען זעט אויס ווי אַ דייטש, קען מען זיך אויסגעצייכנט באַוועגן מיט אַ דייטשן פּאַס. איך בין געפאָרן אַהין און צוריק בשלום, און אַלץ, וואָס ס׳איז נויטיק געווען צו וויסן וועגן דייטשע פּאַספּאָרטן, האָב איך, אַלזאָ, געהאַט שוין אויסשטודירט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך דורכגעמאַכט דעם זעלבן עקזאַמען מיט אַן עסטרייכישן „פּע“. ס׳איז געווען געגנוי די זעלבע פּראָצעדור, ווי מיט אַ דייטשן פּאַס, נאָר עטוואָס לייכטער, ווייל מען האָט „געמעגט“ פאַרשטיין אויך פּויליש, אויב דער פּאַס איז געווען פון אַ גאַליציאַנישן בירגער. אָבער בויען אויף אַזוינע פּאַספּאָרטן האָט מען ניט געקענט. מען האָט געדאַרפט האָבן אייגענע רוסישע פּאַספּאָרטן.

פאַר אויסלאַנד זיינען דעמאָלט גילטיק געווען צוויי סאָרטן רוסישע פּאַספּאָרטן (ניט גערעכנט די ספּעציעלע גרענעץ־פּעסער, פּולפּאַסקעס): ערשטנס — גובערנאַטאָרסקע ביכלעך; זיי פלעגן גילטיק זיין אויף גאַנצע פינף יאָר. ווען מען פלעגט צוריקפאָרן אין אַ משך פון ווייניקער ווי 6 חדשים, האָט מען גאָרנישט געדאַרפט צאָלן ביי דער גרענעץ און מען פלעגט דורכפאָרן ווי אַ פריץ; איז מען אָפּגעווען אין אויסלאַנד לענגער ווי 6 חדשים, פלעגט מען מוזן צאָלן אַן אַנטשפּרעכנדיקע סומע פאַר יעדערע 6 חדשים. דאָס איז געווען אומבאַקוועם צוליב דעם, וואָס מען פלעגט אַריינרופן אין קאַנצעלאַריע ביי דער גרענעץ און דאָן פלעגט מען שויך, אגב, שפּירן אויף זיך גאַנץ

שאַרפע רענטגען־שטראַלן פון שפיקישע אויגן. די ביכלעך זיינען געווען געדרוקט אויף ספּעציעל געפּאַרבטן פּאַפּיר מיט וואַסער־דרוק און אַזוי קאָמפּליצירט, אַז נאָכמאַכן זיי איז געווען כמעט אַן אוממעג־לעכע זאַך, אויסער אפשר ווען מען וואָלט געהאַט דערצו גאַנץ גרויסע סומעס געלט — טויזנטער. צווייטנס, זיינען געווען אין אויסלאַנד קאָנסולאַר־פּאַספּאָרטן — אַזעלכע, וואָס יעדער רוסישער קאָנסול פלעגט אַרויסגעבן אין אויסלאַנד אויפן גרונט פון אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס. למשל, עס פאָרט קיין אויסלאַנד אַ משפחה פון מערערע מענטשן. אַלע צוזאַמען נעמען איין פּאַס. פון אויסלאַנד פאָרט אַ טייל צוריק קיין רוסלאַנד, אַ טייל בלייבט ווייטער אין אויסלאַנד. אין אַזאַ פאַל פלעגט מען גיין צום קאָנסול, אים וויזן דעם פּאַס, און ער פלעגט דאַן פאַר די, וואָס פאַרבלייבן אין אויסלאַנד, אַרויסגעבן אַ באַזונדערן פּאַס. אין דעם גובערנאַטאָרסקן פּאַס פלעגט ער באַמערקן, אַז די און די פערזאָנען, וואָס זיינען אַנגערופן אין פּאַס, זיינען געבליבן אין אויס־לאַנד און האָבן באַקומען פון אים אַ באַזונדערן פּאַס. דער קאָנסולאַר־פּאַספּאָרט איז געווען געדרוקט אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר אָן קונצן, נאָר מיט אַ וואַסער־דרוק (אַ גרויסער אָדלער). נאָכמאַכן דעם טעקסט איז געווען אַ קינדער־שפּיל. די הויפּט־זאַך איז געווען באַשטעלן אַזעלכע בויגנס פּאַפּיר מיט וואַסער־דרוק. ביי די גוטע פאַרבינדונגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און די געווערקשאַפטן, וואָס מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אין אויסלאַנד, וואָלט אונז ניט שווער געווען נאָכצומאַכן אַזעלכע בלאַנקען. נאַטירלעך, איז געווען אַ ביסל געפּאַר דערביי, אָבער ניט קיין גרויסע: דאָס איז ניט געווען קיין פּאַפּיר, אויף וועלכן די רוסישע רעגירונג האָט געדרוקט אַסיגנאַ־ציעס; דאָס איז געווען אַ פיל גרעבערער סאָרט פּאַפּיר. קאָסטן האָט דאָס געדאַרפט אייניקע הונדערט מאַרק, און דאַן וואָלט מען געווען פאַרזאָרגט מיט „פּע״ס אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט. מען וואָלט נאָר געדאַרפט דערצו נאָכמאַכן שטעמפּלען פון פאַרשיידענע רוסישע קאָנ־סולאַטן, אָבער דאָס איז שוין געווען אין גאַנצן אַ קלייניקייט. אָט אויף דעם סאָרט „פּע״ האָב איך זיך געהאַט אָפּגעשטעלט.

פאַרמעל בין איך דאַן געווען אַ מיטגליד פון דער ס.ד.ק.פּ.ל., גלייכצייטיק, אָבער, אויך פון „בונד״. מיט דעם פּראָיעקט וועגן די ווייסע בלאַנקען האָב איך זיך געווענדט צוערשט צו ראָזאַ לוקסעמבורג. זי פלעגט זיך שטענדיק שרעקלעך אויפרעגן, ווען עס פלעגט ווער שוואַרצן די גרענעץ. ס׳האָט זיך איר שטענדיק געדוכט, אַז אָט־אָט דערשיסט מען אים. אגב, וויל איך דאָ פאַררעגיסטרירן, אַז ווען זי

איז אַליין צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, כמעט נאָך אַ גימנאַזיסט־קע, אומלעגאַל אַריבער די גרענעץ, האָט זי מאַרצין קאַספּשאַק, וואָס איז געווען צוגעפּאָרן מיט איר, אום זי צו פאַרבינדן מיט די גויטיקע מענטשן, בוכשטעבלעך אַריבערגעטראָגן איבער דער גרענעץ אויף די הענט. זי איז געווען צעשראָקן און האָט געציטערט ווי אַ קליין קינד. קאַספּשאַק האָט עס מיר אַמאָל ביי איר אַליין דערציילט. איר איז מיין פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן: פאַרבינדונגען מיט אַ פּאַפּיר־דרוקעריי וועלן מיר קריגן דורך פּאַול זינגער, — זאָגט זי, — געלט וועט אויך זיין. אויף אַזאַ זאַך וועט שוין באַשאַפן ווערן; נאָר, — זאָגט זי, — איר מוזט זיך נאָך דורכריידן מיט לעאָ. לעאָ — דאָס איז געווען „ליאָווקאָ״ („גראָזאָווסקי״, „טישקאָ״־יאָגיכעס). ער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף אַ פרעמדן נאָמען, דוכט זיך, ביי איר אין דירה, אַלס סובלאָקאַטאָר, אויף דער גראַנאַך־שטראַסע אין פרידענאַו. קומט אַריין לעאָ און איך לייג אים פאָר מיין פּלאַן. מיט איר זיינען ביי מיר שטענדיק געווען פריינטלעכע באַציאונגען. אין יענע יאָרן האָט זי צום „בונד״ נאָך קיין שאַרפע שנאה ניט געהאַט. ליאָווקע, אָבער, האָט שטענדיק, פון אָנהויב אָן, פיינט געהאַט דעם „בונד״ און אויף מיר האָט ער געקוקט מיט אַ בייזן בליק. ער האָט מיר גאַנץ קאַלט געענטפערט, אַז אויב די זאַך וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט דאָס דער „בונד״ שוין לאַנג געמאַכט. זאָג איך אים, אַז דער „בונד״ האָט אַ גרע־נעץ און קריגט געוויינטלעך פּאַספּאָרטן, ווען ער דאַרף זיי. קיין בונדיסט איז דערווייל ביי דער גרענעץ נאָך ניט דורכגעפאַלן. אָבער ווען עס פאָרט ווער פון פּ. ס. ד., האָט מען די גרעסטע צרות און דער מענטש ווערט געוויינטלעך נאָר דורך אַ צופאַל ניט גע׳הרג׳עט. יעדער מאָל קומט עס אויס על פּי שכל, אַז מען האָט אים געדאַרפט דורכשיסן ווי אַ זיפּ. און איך דערמאָן אים איניקע אַזעלכע פאַקטן. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ביי דער פּ.ס.ד. פלעגן שטענדיק זיין אַזעלכע צרות אויף דער גרענעץ. אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָבן דעמאָלט געאַרבעט איניקע פּוי־לישע אַרבעטער, וואָס האָבן געדינט אין דער „אָכראַנע״. דאָס זיי־נען געווען: „יעזשי״, אַ שוסטער, אַ ברונעט (שימאַנסקי איז גע־ווען זיין ריכטיקער פאַמיליען־נאָמען, זיין פאַרנאָמען געדענק איך ניט), און „אַלבזשים״, אַ קאַרליק, וואָס האָט געקענט גיין שפּאַצירן אין אַ טומבע פון דער וואַסער־לייטונג; ווי ער האָט געהייסן, געדענק איך ניט. אַלע דריי זיינען פּובליקירט פון לאַנג אַלס פּראָוואָקאַטאָרן. געווען, אָבער, נאָך אַנדערע אויך. דער פּראַצענט פּראָוואָקאַטאָרן אַרום

דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון פּ.ס.ד. איז צו יענער צייט געווען אַ גוואַלדיקער. גוט, — זאָגט לעאָ, — איך וועל געבן אַ טראַכט... — ראַ־זע האָט זיך אַ ביסל אויפגערעגט און מיר געבעטן, איך זאָל אין אַ טאָג אַרום ווידער אַריינקומען. זאָג איך איר, אַז איך בין צום גאַנצן ענין ניט מער נויטיק. איך גיב אייך אַ פּלאַן און דאָס איבעריקע וועט לעאָ אַליין מאַכן בעסער, ווי איך. סיי ווי סיי האָב איך דאָך ניט אַלע נויטיקע פאַרבינדונגען, און דאָס געלט אַוודאי ניט. דער שמועס האָט צו קיין שום רעזולטאַט ניט געפירט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען קיין בערלין דזשאַן (יוסף מילל), דער פאַרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", און גלייך אין די ערשטע שמועסן מיט אים איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע: ווי קריגט מען אַ „פּע"? דזשאַן האָט זיך געוואונ־דערט, ווי שווער עס איז געוואָרן אין בערלין צו קריגן אַ „פּע". אַליין איז ער געפאָרן דאָס לעצטע מאָל פון בערלין קיין קאָוונע אין דעצעמבער 1899 צום 3טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" מיט אַ פּאַס פון טראַיאַנאָווסקי, און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שווערער ענין דאָס איז. האָב איך אים פאָרגעלייגט מיין פּלאַן. פערזענלעך זיינען מיר נאָך ווייניק באַקאַנט געווען, אָבער אַז מען קען מיר טרויען, ד. ה. אַז איך בין אין פּאָליטישער הינזיכט אַן איי־גענער מענטש, דאָס האָט ער געוואוסט. זיין באַציאונג צו מיין פּלאַן איז געווען אַ גאַנץ קאַלטע. זאָג איך אים: ענטוועדער — אָדער, ענטוועדער מען וועט זיך יעדער טאָג מאַטערן, אָדער מען וועט האָבן אויף אַ געוויסער צייט אויסגעצייכנטע פּאַספּאָרטן. נאַטירלעך, ניט אויף שטענדיק, ווייל סוף כּל סוף וועט מען זיך כאַפּן, אַז דאָס זיינען נאָכ־געמאַכטע. אָבער אַ לענגערע צייט וועט מען גאַנץ רואיק קענען באַנוצן די קאָנסולאַר־פּאַספּאָרטן. בינו לבינו האָב איך געהאַט באַקומען פון דער רעדאַקציע „פאָרווערטס" אַלע נויטיקע פאַרבינדונגען, אָבער, ערשטנס, האָב איך עס ניט געקענט מאַכן אויף מיין אייגענער אחריות און, צווייטנס, האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט די ממתקים דערצו. איז דערפון גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. מיר פאַרדריסט עס ביז היינטיקן טאָג, ווייל עס דוכט מיר, אַז מיר וואָלטן דערמיט געקענט פאַרשפּאָרן אַ סך מי און מאַטערניש ביי דער גרענעץ. איך מוז, אָבער, באַמערקן, אַז אין אַלע אַזעלכע פראַגעס איז דזשאַן געווען געניטער פאַר אַלעמען און האָט שטענדיק געהאַט אַ גרויסן פראַקטישן חוש. ס'קען זיין, אַז די זשאַנדאַרמעריע וואָלט זיך געכאַפּט און קיין גרויס נוצן וואָלט מען אפשר דערפון ניט געהאַט.

מיר איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט דער אילוזיע. שפּע־טער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער פּלאַן: ווי איז, טראַכט איך, ווען עמעצער פאַרלירט זיין פּאַס? ער גייט אַוועק צום קאָנסול און זאָגט אים: אדוני קאָנסול, כ'האָב פאַרלוירן מיין פּאַס, גיט מיר, זייט מוחל, אַן אַנדערן. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָנסול לייגט ניט גלייך אויפן טיש קיין נייעם פּאַס. הויבט זיך אָן אַ סדרה נאָכפרעגן ביים גובערנאַטאָר, אַ חקירה ודרישה, ווען און וואו געבוירן און ווי די באָבע האָט געהייסן און ווי דעם זיידנס שוויגער האָט געהייסן, א. אַז. וו., א. אַז. וו. אָבער סוף כל סוף קריגט מען דאָך זיכער אַ נייעם פּאַס! נאַטירלעך, ווערט געשיקט אַ צירקולאַר אויף אַלע גרענעץ־סטאַנציעס, אַז דער און דער פּאַס איז פאַרלוירן געוואָרן, און ווען עס קומט עמעצער מיט יענעם פּאַס, זאָל מען אים אַריינזעצן אין חד גדיא. הייסט דאָס, אַלזאָ, אַז דער, וואָס איז גרייט פאַר אונז צו פאַרלירן דעם פּאַס, דאַרף גיין צום קאָנסול מעלדן, אַז ער האָט דעם פּאַס פאַרלוירן, נאָך דעם ווי אונזערער אַ מענטש איז שוין די גרענעץ מיט דעם דאָזיקן פּאַס דורכגעפאָרן. דאָ קומט אַ האַרבער ענין: ווען ס'וועט זיך אָנהויבן די חקירה־ודרישה, וועט קומען אַן ענטפער, אַז מיטן פּאַס איז מען שוין דורכגעפאָרן די גרענעץ, וואָרעם פון יעדער גובערנאַ־טאָרסקן פּאַס פלעגט ביי דער גרענעץ אַרויסגעריסן ווערן אַ קופּאָן און אָפּגעשיקט ווערן אין דער אַנטשפּרעכנדיקער גובערניאַל־קאַנצעלאַריע. אָבער אין דעם איז קיין געפאַר ניט געווען, וואָרעם אַ „פאַקט" איז, הייסט דאָס, אַז דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין פּאַס; אויב עמעצער האָט זיין פּאַס געפונען און האָט אים באַנוצט אויף אַדורכצופאָרן די גרע־נעץ, איז ער אין דעם אין גאַנצן ניט שולדיק. נאַטירלעך, אַ ביסל, און מער ווי אַ ביסל, פאַרדעכטיק איז עס. איז נויטיק, הייסט עס, צו האָבן אין זינען, אַז דער מענטש, וואָס איז גרייט פאַר אונז צו פאַר־לירן זיין פּאַס, וועט האָבן אפשר אורחים, ווען ער וועט קומען אַהיים, אַ רעוויזיע וכדומה אַזעלכע קלייניקייטן, אָבער פון דעם קאָנסול וועט ער קריגן אַ נייעם פּאַס און אונזערן אַ מענטשן וועט ער געבן די מעג־לעכקייט, ערשטנס, רואיק אַריבערפאָרן די גרענעץ, צווייטנס — אַריבער־צופירן ליטעראַטור. און דאָ איז ווידער אַ שווערער ענין. ווען מען אַרעסטירט אַ מענטשן ביי דער גרענעץ מיט ליטעראַטור, מאַכט מען אַ רעוויזיע אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמען, שווער און שווי־גער, שוועסטער און ברידער. אָבער דאָס איז שוין אַ זאַך, פון וועל־כער נאָר דער אויבערשטער אַליין קען מציל זיין.

גוטע באַקאַנטע און אויך גאַנץ נאָענטע פריינט, דערונטער אַ

היפש ביסל לעגאַלע מענטשן, האָב איך געהאַט אין אויסלאַנד זייער פיל. האָב איך געמאַכט אַ ליסטע פון די אַלע, וועלכע מען וואָלט געקענט מכבד זיין מיט דער מצווה פון פאַרלירן דעם פּאַס. דאָס זיי־נען געווען אַרום 25 נעמען.

דערווייל איז די צייט ניט געשטאַנען שטיל, דער קאַלענדאַר האָט געוויזן אַפּריל 1901. אין בערלין האָבן מיר מיט אַ צוויי חדשים פריער געהאַט דורכגעלעבט אַ גרויסע מהומה. פון אונזער קרייז איז אין אַ שיינעם טאָג גאַנץ אומדערוואַרט (הגם ניט פאַר אַלע־מען) אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג קאַרפּאָוויטש און דערשאָסן דעם מיניסטער באָגאָליעפּאָוו. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איז שטאַרק אויפ־מערקזאַם געוואָרן אויף בערלין און האָט געבעטן די דייטשע פּאָליציי צו וואַרפן אַ שאַרפן קוק אויף די דאָרטיקע רוסישע סטודענטן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אין שאַרלאָטענבורג, און אויך אין אַנדערע טיילן פון בערלין, רעוויזיעס, אַ פּאָר אַרעסטן. דער עולם איז זיך צעלאָפן און ס׳האָט געהערשט אַן אמת׳ע פּאַניק־שטימונג. איך בין דע־מאָלט אויף אַ קורצער צייט אַריבערגעפאָרן די גרענעץ מיט אַ ביסל „סחורה", און ווען איך בין בשלום אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, איז דאָרטן אין דער דירה פון אונזער צענטראַלן קאָמיטעט די שטי־מונג געווען פיל רואיקער, ווי ביי מאַנכע פון אונזערע חברים אין בערלין. נאָך מיין צוריקקומען האָט זיך לאַנגזאַם צוריק איינגע־פונען דער עולם, וואָס איז געווען אַנטלאָפן. מיט עטוואָס מער פאַר־זיכטיקייט האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער אַלטער אַרבעט. אויסער דעם טראַנספּאָרט פון ליטעראַטור האָט אַ קליינע גרופּע אונזערע חברים דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין בערלין אויף רוסיש אַ העקטאָ־גראַפירטן בולעטען פאַר דער אומלעגאַלער פּרעסע אונטערן נאָמען „לאָנדאָנער בולעטען". אין בערלין איז געפּערלעך געווען אַרויס־צוגעבן אַזאַ זאַך, האָבן מיר עס געמאַכט אַזוי, ווי דאָס וואָלט אַרויס־גיין אין לאָנדאָן. דאָס פלעגט געמאַכט ווערן זייער קאָנספּיראַטיוו, און עס איז געווען זייער פיל אַרבעט דערביי. מיר האָבן געהאַט פאַר־בינדונגען מיט אַ גאַנצער רייע רוסישע שטעט, דערונטער מיט אַלע אוניווערסיטעט־שטעט, און אויף צו קריגן פון דאָרטן מאַטעריאַלן פלעגט מען שטענדיק מוזן שרייבן בריוו אַהין, אָפטמאָל שיפרירטע, און דאָס פלעגט אָוועקנעמען זייער פיל צייט.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, אָבער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז צו יענער צייט, אַרום אַפּריל 1901, האָב איך זיך גערעכנט אין אונזער סביבה פאַר אַן אנערקענטן „ספּעציאַליסט" אין

ענין „פּע”. איין מאָל, גאַנץ אין דער פֿרי, קומט צו מיר אַריין רחמיאל (ער איז געווען אין בערלין פֿון סעפּטעמבער 1900) מיט אַ יונגן מענטשן, וואָס איז געווען זייער שטאַרק אויפגעפּאַלן דורך זיין גרויסער געדיכטער באָרד. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ מאָדנע דיס־פּראָפּאָרציע: דער פּנים — גאַנץ יונג, פֿון 19־20 יאָר, און אַ באָרד, וואָס וואָלט געקלעקט פֿאַר אַ אידן פֿון 40 יאָר, וואָס גייט שוין חתונה מאַכן אַ טאָכטער. זאָגט מיר רחמיאל, אַז דאָס איז דער ח׳ מישאַ, דער ברודער פֿון דעם און דעם און דער און דער. דאָס איז געווען דער ח׳ ליבער. איך האָב אים דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל. אַ ברודער און אַ שוועסטער פֿון אים האָב איך שוין געקענט. — מישאַ, — זאָגט רחמיאל, — איז אָט די מינוט געקומען פֿון בערן און מוז גלייך פֿאָרן ווייטער, און איר מוזט תיכף קריגן אַ פּאַס פֿאַר אים. — „מוזט” איז לייכט צו זאָגן, נאָר איך וועל זען. — כ׳האָב זיך אָפּגערעדט מיט זיי, ווען איך וועל זיי געבן אַ תשובה, און אַרויסגעזוכט מיין שיפּריטע ליסטע, וואָס איז שוין געלעגן ביי מיר אַ היפּש ביסל צייט, מיט די נעמען פֿון די, וואָס מען דאַרף מכבד זיין מיט דער „מצווה פֿון פֿאַר־לירן”. דורך קאַרפּאָוויטש׳עס ענין זיינען אַ סך פֿון זיי שוין געווען נעלם געוואָרן אין גאַנצן. מאַנכער פֿון זיי איז מיט אַ מאָל געוואָרן קורצ־זיכטיק און האָט אויפגעהערט מיך צו דערקענען. עס זיינען געבליבן ניט מער ווי אַרום 10 קאַנדידאַטן. קאַרפּאָוויטש האָט ביים צאַר אַוועקגעהרג׳עט בסך הכל איין איינציקן מיניסטער, מיר האָט ער אָפּגעשאָכטן זיכער 15 פּאַספּאָרטן. איצטער האָט זיך געשטעלט די האַרבע פֿראַגע, צו וועמען זיך צו ווענדן צוערשט. די 10 בחורים זיינען אַלע געווען העכסט צופֿאַרלעסיק, איינער אַזוי ווי דער אַנדערער. איך האָב זיי געקענט דורך און דורך. איך האָב אויף קיין פֿאַל ניט געקענט באַשטימען צווישן זיי קיין געוויסע גראַדאַציע. האָב איך זיי אַוועקגעשטעלט לויט דער אַלפֿאַבעטישער אָרדענונג. איז, אָבער, די צרה געווען, וואָס ניט אַלע פֿון זיי זיינען געווען אין בערלין, און דאָ האָב איך געמוזט קריגן דעם פּאַס גלייך. איך האָב שפּעטער גאַנץ שטרענג אָפּגעהיט די אַלפֿאַבעטישע אָרדענונג, אָבער אין דעם פֿאַל בין איך געצוואונגען געווען צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס: איך האָב אָנגעהויבן פֿון מעם. דאָס איז געווען איינער אברהם מייעראָוויטש, אַ סטודענט פֿון באַלטישן קאַנט, איצט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַ פּראָפֿעסאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. גיי איך אַוועק צו אים און זאָג אים מיט גאַנץ קורצע און שאַרפֿע דיבורים: אַזוי און אַזוי, גיב אַהער דעם פּאַס. ווערט ער שטאַרק מבולבל. — וואָס הייסט, און

וואָס וועל איך טאָן אָן אַ פּאַס? — זאָג איך אים: אַ פּאַס וועסטו קריגן צוריק, ווי און וואָס, דאָס וועלן מיר דיר שפּעטער דערקלערן, איצט האָב איך דערצו קיין צייט ניט, דערווייל גיב אַהער דעם פּאַס. — איך מוז באַמערקן, אַז קיין מיטגליד פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז ער ניט געווען, געווען, אָבער, אַן ערלעך בחור׳ל און געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ס׳איז אים, נעבעך, זייער שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיין פּאַס, אָבער ווי עס ווייזט אויס — נאָך שווערער מיר אָפּצוזאָגן און... אין אַ מעת־לעת אַרום איז ליבער שוין געזעסן אין ביאַליסטאָק, וואוהין ער איז דאָס דע־מאָלט געפאָרן צום פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״. קיין ליטעראַ־טור האָט ליבער ניט מיטגענומען. ס׳איז געווען דעמאָלט שוין אַזאַ מנהג, אַז אַן אומלעגאַלן מענטשן, וואָס פאָרט צו דער אַרבעט און איז, אַלזאָ, שוין אַליין אויך וואָס ווערט פאַר דער באַוועגונג, גיט מען קיין ליטעראַטור ניט מיט. מאַנכע פלעגן זיך זייער שטאַרק אַמפּערן צוליב דעם. פרידע האָט מיר אַמאָל פאַר איר אָפּפאָרן פּשוט ניט גע־לאָזט לעבן און אויפן שאַרפסטן אופן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ ווילקיר און דיקטאַטאָרישן רעזשים. אָבער עס האָט איר קיין זאַך ניט גע־האָלפן: זי האָט קיין ליטעראַטור יענעם מאָל ניט געקראָגן.

מיט דעם ערשטן פאַרלאָרענעם „פּע״ איז די זאַך דורכגעגאַנגען אויסגעצייכנט. אמת, מייעראָוויטש האָט שפּעטער געהאַט אַ ביסל צרות. ער האָט געוואַרט אַרום אַ יאָר צייט, ביז ער האָט געקראָגן פון קאָנסול אַ נייעם פּאַס. ער האָט געמוזט שרייבן אָן אַ צאָל „פּראָשעניעס״, אָבער די אַלע צרות האָט ער געהאַט; מיר האָבן געהאַט נאָר די אָנגענעמע זייט פון דער זאַך.

אומגעפער אין אַ וואָך אַרום נאָך ליבער׳ס אָפּפאָרן קומט ווידער אַריין צו מיר רחמיאל. — און איצט, זאָגט ער, פאָר איך אַליין, בכבודי ובעצמי. אַלזאָ, זאָגט ער, דאָס איבעריקע איז שוין אייער זאַך. — צייט האָט ער מיר געגעבן דריי טעג. פאָרט אַ פריינטלעכער מענטש! וואָרעם וואָס וואָלט איך געקענט טאָן, ווען ער וואָלט מיר געגעבן איין טאָג? אין דער אַלפאַבעטישער אָרדענונג איז ביי מיר געשטאַנען אויף דער ליסטע אַלס ערשטער — בלום (ביי אונז האָט מען אים שפּעטער גערופן דער „דייטש״, איצט איז ער אַ קאָמוניסט און זיצט, דוכט זיך, אין די גאַנץ היוכע פענסטער אין מינסק). ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנץ נאָענטער פּאַרטיי־חבר און דער גאַנצער ענין איז אים שוין געווען באַקאַנט. ער האָט דעמאָלט שטודירט אין לייפּציג. פיל איז ניט נויטיק געווען אים דעריבער צו שרייבן. האָב איך עס גע־

מאַכט גאַנץ בקיצור: דעם ענין פאַרשטייסטו דאָך, אַלזאָ — שיק צו גלייך דיין פּאַס, און ווייטער וועט שוין דער אויבערשטער אַליין זאָרגן. אין אַ טאָג אַרום האָט רחמיאל געהאַט אין קעשענע אַ פרישן כשר'ן פּאַס און געקענט פאָרן פונקט אַזוי זיכער, ווי ליבער איז געפאָרן. ער איז טאַקע אויך געפאָרן קיין ביאַליסטאָק און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, נאָך באַוויזן צו קומען צום פערטן צוזאַמענפאָר. די סיסטעם האָט זיך, אַלזאָ, אַרויסגעוויזן פאַר גוט. בלום האָט אויך ניט אַזוי גיך געקראָגן פון קאָנסול קיין נייעם פּאַס. אין ביידע פאַלן האָט מען אָנ־געוויזן פון דער קאַנצעלאַריע פון גובערנאַטאָר (עס איז געווען איין און די זעלבע קאַנצעלאַריע — אין מיטאַווע), אַז די פּעסער זיינען באַנוצט געוואָרן אויף אַריבערצופאָרן קיין רוסלאַנד. אָבער דאָס זיי־נען אַלץ געווען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דעם, מיט וואָס עס האָט געשמעקט אַן אומלעגאַלער שפּאַציר איבער דער גרענעץ. אַן אַנדערש מאָל פלעגט אַזאַ שפּאַציר אַ גוטע פּאָר חדשים זיך שפּירן אין די ביינער.

טשיקאַווע „פּע"־געשיכטעס

דערווייל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם קוואַל פון פּאַספּאָרטן, ריכטיקער — אויף אַ נייער, זייער אָריגינעלער מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן די גרענעץ גאַנץ כשר, מיט אַ כשר'ן פּאַס, דערביי נאָך אין גאַנצן אומזיסט. און נאָך מער: מען האָט נאָך געקענט קריגן צו־געצאָלט אַ פּאָר רובל. דאָס איז, אָבער, געווען זייער אַן אומאָנגענעמע קאָמבינאַציע. אָט וואָס דאָס איז געווען: אין בערלין און אין ווין האָבן דעמאָלט געהאַט אידישע הענדלער פון פוילן לאַגערן פון אַלטע קליידער, וואָס זייערע אַגענטן פלעגן אויפקויפן צו שפּאָט־פּרייזן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. די קליידער פלעגן זיי שיקן קיין וואַר־שע, לאָדזש און בזשעזין. דאָרטן פלעגט מען זיי פאַרריכטן, אויס־פּרעסן, אָפּפרישן און פאַרקויפן, ווי כמעט נייע אָדער אפשר טאַקע ווי גאָר נייע. שיקן קליידער מיט דער אייזנבאַן, ווי מען שיקט סחורה, האָט ניט געלוינט — ס'איז געווען דערויף אַ גרויסער גרענעץ־אָפּצאָל. אָבער מיטפירן מיט זיך געטראָגענע קליידער האָט יעדערער, וואָס איז געפאָרן פון אויסלאַנד, געקענט — כאָטש צוויי פולע קערב, און אויב מען פלעגט אויף דער גרענעץ געבן דעם באַאַמטן וואָס אין יד אַריין (און ביי זיי איז דאָס געווען גוט אָרגאַניזירט), פלעגט ער דורכ־לאָזן גאַנצע פיר קערב. יעדער דאָנערשטיק ביינאַכט פלעגט גיין פון בערלין אַזאַ טראַנספּאָרט מיט קליידער קיין וואַרשע אָדער קיין לאָדזש.

עס פלעגט פאָרן אַ כאַליאַסטרע פון צען־צוואַנציק מענטשן און זיי האָבן שטענדיק געזוכט מיטפאָרער. דאָס זיינען געווען פערסאָנאַזשן, וואָס מאָטקע גנב וואָלט ביי זיי געקענט די שטיוול פוצן. מ׳וואָלט, אָבער, געקענט מיט זיי זיכער אַריבערפאָרן. פון וואַנען זיי האָבן גענומען פאַספאָרטן, ווייס איך ניט. איך רעכן, אַז די פאַספאָרטן פלעגן זיי קויפן אין האַפן־שטעט ביי אַזעלכע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד אויף אַ כשר׳ן אופן, און אפשר — ווייסט זיי דער שוואַרץ־יאָר — זיינען דאָס פאָרט געווען פאַלשע פאַספאָרטן? אויסגעזען האָבן זיי, אָבער, גאַנץ גוט. איך האָב ביי זיי געקויפט אייניקע מאָל דורכגעפאָרענע פאַספאָרטן (אין אויסלאַנד האָט מען געקענט זיך גאַנץ גוט איינמעלדן אויך אויף אַ דורכגעפאָרענעם פאַספאָרט), אָבער פאָרן מיט דער כאַליאַסטרע איז געווען מאָראַליש, נאַטירלעך, זייער שווער.

איין מאָל האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיט זיי טרוסעוויטש; ער האָט אויסגעזען כמעט ווי אַ קליינשטעטלדיקער ליטווישער איד און וואָלט געקענט גאַנץ גוט דורכפאָרן אויף אַ אידישן פאַס. — אַ קלייניקייט, — זאָגט ער, — אומזיסט שטעלט מען דיך צו ביז וואַרשע! דו קריגסט אַ פאַס און אַ בילעט... און גאַנץ אומזיסט! — אין אַ שיינעם דאָנערשטיק אָוונט בין איך אַוועקגעגאַנגען מיט אים, זיך באַגעגנט מיט דער כאַליאַסטרע ביים שלעזישן באַנהאָף, מיטגעגאַנגען מיט זיי אין אַ פאַרדעכטיקער קוואַרטיר, אין אַן אַריינפאָר־הויז, וואָס מען רופט אין וואַרשע „פאָד טשעמניאַן גוויאַזדאַן", אַהין געבראַכט אַ טשעמאָדאַן (פאַרשטייט זיך, אונטערן דאָפּלטן דעק — ליטעראַטור) און אָפּגערעדט מיט זיי, אַז טרוסעוויטש פאָרט. זיי האָבן מיך געקענט און גערעכנט, ווי עס ווייזט אויס, אַז איך בין אַליין אויך אַ קאָנטראַבאַנדיסט אָדער כדומה אַן אַנדער טאַלאַנט, און די באַציאונג צו מיר איז געווען ווי צו אַ חשוב׳ן „קאָלעגע". ביז שפּעט ביינאַכט בין איך אָפּגעזעסן ביי זיי מיט טרוסעוויטש׳ן, אַרום 12 ביינאַכט זיך געזעגנט מיט אים, און עס איז אַלץ געווען, אַזוי צו זאָגן, אָלרייט. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיי צום וואָקזאַל (איך זאָל זיך דאַרפן ווייזן, איז איבעריק געווען), איך בין געפאָרן צו זיך אַהיים. אַרום 5 פאַרטאָג קלאַפּט מען ביי מיר אין טיר. איך הער טרוסעוויטש׳עס שטים: — עפנט, — זאָגט ער. פאַרשטיי איך שוין, אַז עס איז אַ צרה. לאָזט זיך אויס, אַז נאָך דעם ווי זיי זיינען שוין געווען אָפּגעפאָרן אַ פאָר קליינע סטאַנציעס, האָט ער איינגעזען, אַז עס איז אוממעגלעך מיט זיי צו פאָרן. ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון צוג. צום גליק נאָך געהאַט אַ פאָר גראָשן אין קעשענע צום צוריקפאָרן. ביים צעשיידן זיך

האָבן זיי אים איבערגעלאָזן אין טשעמאָדאַן אַ פּאָר אַלטע שמאַטעס און צוגענומען פון אים זיין לעצט ביסל וועש. דעם וועג האָבן מיר קיין מאָל ניט באַנוצט.

שפּעטער, ביז סוף 1902, האָט זיך די זאַך ביי אונז אָוועקגע־שטעלט אַזוי, אַז דורך דער גרענעץ איז מען געפאָרן מיט אַ פּאַס; געציילטע מענטשן מיט איראָפּעאישע, דאָס הייסט עסטרייכישע, בעלגישע, פראַנצויזישע, בולגאַרישע, די איבעריקע מיט בכיוון פאַרלאָרענע. אָן אַ פּאַס איז קיינער פון אונז דעמאָלט די גרענעץ ניט אַריבער.

סוף 1905, נאָך מיין צווייטן צוריקקומען פון רוסלאַנד, איז די פראַ־גע געשטאַנען אַ סך שאַרפער. עס זיינען נויטיק געווען פּאַספּאָרטן פאַר די דעלעגאַטן פון זעקסטן צוזאַמענפאָר, אַ טייל פון זיי איז געווען געקומען פון רוסלאַנד אומלעגאַל. אָבער קריגן מיט אַ מאָל פאַר אַ דרייסיק מענטשן פּאַספּאָרטן איז געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך, און די דעלעגאַטן האָבן, ליידער, געמוזט גיין איבער דער גרענעץ, טאַקע ממש גיין צופוס, זיך אַריבערשוואַרצן. דאָס זעלבע איז שוין געווען אין יוני 1903 אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר. דעמאָלט האָבן מיר שוין אַליין אויך ניט געהאָלפן אַלע מיינע קונצן, און איך האָב אַליין אויך געמוזט אַהין און צוריק אַריבערשפּאַצירן די גרענעץ פּראָסט מיט די אייגענע רגלים. ס'איז גאָרניט געווען קיין אָנגע־נעמע זאַך, אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען. שפּעטער, פון 1906 אָן, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" סיסטעמאַטיש געזאָרגט פאַר פּאַספּאָרטן. נאָר פאַר אַזעלכע פאַלן ווי אַ קאָנפערענץ אָדער אַ צוזאַמענפאָר פלעגט עס ניט קלעקן. אין נאָרמאַלע צייטן — פאַר איינצלנע מענטשן — האָבן מיר שטענדיק געהאַט פּאַספּאָרטן, אַזוי אַז צווישן 1906 און 1914 איז קיין מאָל קיינער פון אונזערע חברים ניט געפאָרן קיין רוסלאַנד אָן אַ פּאַס, אויסער ווען עס פלעגט זיך אַמאָל ווידער מאַכן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן פון אַ קאָנפערענץ.

די פּאַספּאָרטן האָבן אונז באַזאָרגט צוויי חברים. מאַקס נאַדעל אין לאָנדאָן און מאָיסעי גורעוויטש אין ניו־יאָרק. אויף זיי ביידן האָבן מיר זיך געקענט פאַרלאָזן אַבסאָלוט און קיין מאָל קיין חרטה ניט געהאַט. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף דער סחורה. אָפּנאַרן האָט זיי קיינער ניט געקענט, און זיי האָבן איבערהויפּט גענומען נאָר פון אַזעלכע הענט, וואָס זיי האָבן געקענט זיכער זיין, אַז די פּאַספּאָרטן זיינען אין גאַנצן ריין און כשר. גורעוויטש און נאַדעל האָבן זיך שטענדיק געסטאַרעט צו קריגן פאַר אונז פאַמיליע־פּאַספּאָרטן, ד. ה.

אַ פּאַס, וואָס איז אויסגעשריבן פֿאַר אַ גאַנצער משפּחה. מאַנכעס מאָל פֿלעגט זיי געלינגען צו קריגן אַזוינע פּאַספּאָרטן, אין וועלכע עס זיינען געווען פֿאַרנאָטירט אַ פֿאָטער, אַ מוטער און אַרום 6־7 קינדער מיט אַ מאָל. מיר פֿלעגן דאַן ביסלעכווייז אַרויסנעמען ביי אַ קאָנסול באַזונדערע קאָנסולאַר־פּאַספּאָרטן פֿאַר די איינצלנע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע. אויף אַזאַ אופן פֿלעגן מיר באַשאַפֿן אָנשטאָט איין פּאַס מערערע פֿרישע גוטע קאָנסולאַר־פּאַספּאָרטן. מיר פֿלעגן זיך אין דעם ענין ווענדן דורך אונזערע פּאַרזיכטיקסטע מענטשן אין קלענערע שטעט אין אויסלאַנד, וואו עס האָבן זיך געפֿונען רוסישע קאָנסולאַטן, — קיין מאָל ניט אין זשענעווע גופֿא, אויך ניט אין פּאַריז, איבערהויפּט נישט אין אַזאַ שטאָט, וואו עס האָבן געלעבט רוסישע עמיגראַנטן. מען פֿלעגט עס מאַכן געוויינטלעך אין דרום־דייטשלאַנד, אין די זומער־חדשים אין קוראָרטן, אויב דאָרטן פֿלעגן זיין פּאַסיקע חברים. מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר אונז איז דער בעסטער קאָנסול געווען דער קאַרלסרוער. צום גליק, זיינען אין דער בונדישער קאַרלסרוער גרופּע שטענדיק געווען זייער געניטע און העכסט צופֿאַרלעסיקע מענטשן. (געגנוג צו דערמאָנען פּאַוועל בערמאַן — געשטאָרבן אַרום 1920 אין נאַרוואַ, — צביונ׳ען און זיין פֿרוי, ניעוויאַזשענסקי׳ן און זיידלער׳ן. דער לעצטער האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין מאָסקווע צוליב אַן אומגליקלעכן פֿאַלשן פֿאַרדאַכט, וואָס איז אויף אים געפֿאַלן, גענומען דאָס לעבן). אַזוי אַרום האָבן מיר אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד, מייסטנטיילס טאַקע דאָרטן, אויסגעטיילט די פּאַספּאָרטן. דאָס איז געווען נאָך באַזונדערס גוט אָט צוליב וואָס: דער קאַרלסרוער קאָנסול פֿלעגט אין פּאַס, וואָס ער פֿלעגט אַרויסגעבן, ניט אַריינשרייבן די יאָרן פֿון דעם „רוסישן בירגער״, וועמען ער פֿלעגט אַרויסגעבן דעם פּאַס. אָפֿטמאָל פֿלעגן די יאָרן אויך אין גובערנאַטאָרסקן פּאַס ניט שטיין, אָבער אַפֿילו ווען זיי פֿלעגן דאָרטן יאָ שטיין, פֿלעגט דער קאַרלסרוער קאָנ־סול אין זיין פּאַס זיי אויך ניט פֿאַרשרייבן. אָט דאָס איז געווען גאָר אַ גוטע זאַך! אין דער פּראַקטיק האָבן מיר געהאַט אַזעלכע פֿאַלן: אין ביכל שטייט, אַז מיט די עלטערן פֿאָרן 4 קינדער — 2 מיידלעך, 2 יינגלעך פֿון 1 ביז 11 יאָר. מיר האָבן פּונקט נויטיק געהאַט אַ פּאַס פֿאַר אַ קינד פֿון 1 יאָר. געווען אויך אַזעלכע „אומלעגאַלע״ מענטשן (דאָס איז געווען פֿאַר דעם זון פֿון נפֿתלי הערץ גאָלד־שטערן), שיקן מיר אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּאַס קיין קאַרלסרוע. אונ־זערער אַ חבר גייט דאָרט דערמיט צום קאָנסול. דאָס איז כלומר׳שט זיין

פּאַס. ער בלייבט אין אויסלאַנד, אָבער דאָס קינד שיקט ער אַהיים מיט אַ קרובה, וואָס האָט אַ פּאַס. דאַרף מען, הייסט עס, פאַרן ביר־גער, וואָס איז איין יאָר אַלט, אויסשטעלן אַ קאָנסולאַר־פּאַס. אַזוי האָט פאַרלאַנגט דאָס געזעץ. אין קאָנסולאַר־פּאַס פאַרן קליינעם נפש׳ל איז אויך ניט געווען אָנגעגעבן, ווי אַלט עס איז. אויב אַזוי, טראַכטן מיר, איז דאָך גאָר ליהודים! אין גיכן האָט טאַקע דער זעלבער קאָנסול אויסגעשטעלט אַ באַזונדערן פּאַס פאַר אַ בחור׳ל גרושקאַ אָדער סטאַראָוואָלסקי, וואָס איז אַלט געווען אָנדערהאַלבן יאָר, — און מיט דעם פּאַס איז צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד דער ח׳ יודין, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום 43 יאָר. אומגעפער צו דער זעלבער צייט איז געפאָרן אסתר צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ פּאַס באַגאָפּאָלסקאַ — ס׳האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער נאָמען — פון אַ מיידעלע, וואָס איז אין אמת׳ן אַלט געווען 4־5 יאָר. איך באַנוץ דאָ די גע־לעגנהייט אַרויסצוזאָגן דעם קאַרלסרוער קאָנסול פון רוסישן צאַר אַן אויפריכטיקן יישר כוח פאַר דעם גרויסן נוצן, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געבראַכט דעם „בונד״!...

אויסער קאַרלסרוע פלעגן מיר אויסטיילן פּאַספּאָרטן מאַנכעס מאָל אויך אין קעניגסבערג. דאָרט איז אונז ניצלעך געווען דער סעק־רעטאַר פון אונזער גרופּע באַראָווסקי, דער איצטיקער דאָרטיקער „טאָרג־פּרעד״ פון דער ראַטן־רעגירונג.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג און עס איז איינגעפירט געוואָרן די סיסטעם פון פאָטאָגראַפיעס, איז ליקווידירט געוואָרן מיט איין קלאַפּ אונזער גאַנצע פּאַספּאָרטן־סיסטעם. מיר האָבן געהאַט אַרום 100 דורכגעפאָרענע פּאַספּאָרטן, וועלכע מען פלעגט באַנוצן נאָר אין אויסלאַנד (צווישן זיי אַ פּאַס, וואָס איז אַלט געווען שוין 60 יאָר, אַרויסגעגעבן אין מינסק אין 1854). מען האָט זיי אַלע ניט מער געקענט באַנוצן, און אַזוי ווי עס איז ניט גאַנץ כשר געווען צו האַלטן ביי זיך, איבערהויפּט נאָך אין דער אומרואיקער צייט פון מאָ־ביליזאַציע, אַזאַ פּאַק פּאַספּאָרטן, און קיין שום נוצן האָט מען פון זיי ניט געקענט מער האָבן, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט באַ־שלאָסן זיי צו פאַרברענען. מיר האָבן זיי פאַרברענט און דערמיט אויך — לײַדער! — פאַרברענט פאַרן זכרון אַ גוט ביסל נעמען פון מענטשן, וואָס זיינען פאַרשוואונדן אין אַלע עקן וועלט און האָבן פון זיך קיין שפור ניט איבערגעלאָזן. צווישן יענע פּאַספּאָרטן איז געווע־ איינער אויפן נאָמען פערטשיק, וואָס איז באַנוצט געוואָרן יאָרן לאַנג פון אַ גאַנצער ריי באַקאַנטע רוסישע און אונזערע אייגענע פּאַרטיי־חברים,

אַ געוויסע צייט פון טיעפּלאָוו, שפּעטער פון אונזער ח׳ קרעמער. אויסער די דורכגעפּאַרענע האָבן מיר גראַד דעמאָלט געהאַט אַ צוויי צענדליק גאַנץ גוטע פּאַספּאָרטן — צוגעגרייט פאַר די דעלעגאַטן פון 8טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אָנהויב אַוגוסט 1914 אין ווין, גראַד דעמאָלט, ווען עס האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט דער וועלט־קריג. מיר זיינען שפּעטער געצוואונגען געווען אויך די פּאַספּאָרטן צו פאַרברענען, ווייל דורך דער סיסטעם פון פאָטאָגראַפיעס האָבן זיי סיי ווי סיי געהאַט שוין פאַרלוירן זייער ווערט.

צום ענין „פּע״ וויל איך נאָך דערמאָנען אַ פּאָר פּאַספּאָרטן־קוריאָזן, וואָס זיינען מיר געבליבן אין זכרון. אַרום סעפּטעמבער 1903 האָט מיר רחמיאל אין וואַרשע איין מאָל אויסגעשריבן אַ „פּאַעזיע״. ער האָט דעם קונץ דעמאָלט שוין פּונקט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, ווי דער חבר נח. פרעגט ער מיך, וואָס פאַר אַ שיינעם נאָמען איך וויל זיך אויסקלייבן. ער איז גרייט מיר צו שענקען יעדער נאָמען, וואָס זיינע איניציאַלן זאָלן שטימען מיט די, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט אין מיינע וועש. דער נאָמען איז שימאָן קערבער. מיטן פּאַס בין איך געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, זיך איינגעמאָלדן דאָרט, געוואוינט דאָרטן מעררערע וואָכן, געפאָרן פון דאָרטן קיין וואַרשע און זיך ווידער איינגעמאָלדן, און אַלץ איז דורכגעגאַנגען אויסגעצייכנט. איצט, דורכקוקנדיק פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, געפין איך אַ צירקולאַר וועגן אַ מענטשן מיט דעם זעלבן נאָמען. לאָזט זיך אויס, אַז אַזאַ מענטש האָט טאַקע אין אמת׳ן עקזיסטירט און איז געזוכט געוואָרן פון דער זשאַנדאַרמעריע. מיר האָבן, נאַטירלעך, ניט געקענט וויסן, אַז עס ווערט געזוכט איינער שימאָן קערבער. איז דאָס ניט אַ מאָדנער קוריאָז? אַ מענטש טראַכט זיך אויס אַ נאָמען פּונקט פון אַזאַ מענטשן, וואָס ווערט געזוכט פון דער פּאָליציי?!

נאָך אַ קוריאָז וועגן אַ פּאַס האָט מיר אַמאָל דערציילט דער חבר נח, וואָס איז געזעסן אין 1906 אין וואַרשע אין פּאַוויאַק צוזאַמען מיט לעאָ יאָגיכעס („טישקאָ״). אונזער חבר נח איז געזעסן אויף אַן איינזעלנעם פּאַס. טישקאָ איז געוואָרן אַרעסטירט אויף אַ דייטשן פּאַס (אַרום דעצעמבער 1905, צוזאַמען מיט ראָזאַ לוקסעמבורג, אין וואַרשע). ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז טישקאָ האָט אַ פרעמדן פּאַס, אָבער ווער ער איז, האָט די זשאַנדאַרמעריע ניט געוואוסט. נאָך דעם מאַניפעסט פון אָקטאָבער 1905 וואָלט טישקאָ פאַר זיינע אַלטע פּאָליטישע חטאים קיין פּראָצעס ניט געקענט האָבן, אָבער, צום אומגליק,

איז ער אין זיינע יונגע יאָרן אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט און דער־פאַר איז אים געקומען אַ גוט ביסל יאָרן קאַטאָרגע. איין מאָל, אויפן שפּאַציר אין טורמע־הויף, האָט טישקאָ געבעטן דעם חבר נח, ער זאָל אים באַזאָרגן דורכן צ. ק. פון „בונד" אַן אייזערנעם פּאַס, ד. ה. מען זאָל פאַר געלט פּועל'ן ביי אַ סטאַראָסטע אין אַ שטעטל, ער זאָל אויסגעפינען אין זיינע ביכער אַ נכתב, וואָס איז נעלם געוואָרן. טישקאָ וועט זיך דאַן אָנרופן מיט דעם נאָמען פון יענעם נכתב, און אויף אַן אָנפראַגע פון דער זשאַנדאַרמעריע זאָל דער סטאַראָסטע באַ־שטעטיקן, אַז עס איז אַלץ ריכטיק. כדי צו העלפן טישקאָ'ן זיך אַרויסצודרייען פון קאַטאָרגע, האָט דער חבר נ. אָוועקגעשיקט פון פּאַ־וויאַק אויף אַ קאָנספּיראַטיוון וועג צום צ. ק. אַן אויספירלעכן בריוו און געבעטן, מען זאָל ניט זשאַלעוועון קיין געלט און מען זאָל די זאַך דורכפירן. דער צ. ק. האָט די זאַך דורכגעפירט. אַ סטאַראָסטע האָט געפונען אַזאַ נעלם, ער האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָפּיע פון „סע־מייגעם ספּיסאָק", ד. ה. געגעבן אַלע גענויע דאַטעס, ווען דער מענטש איז געבוירן געוואָרן, וועגן זיין משפּחה, א. אז. וו., א. אז. וו. אין אַ שיי־נעם טאָג האָט דער חבר נ. געקראָגן די אַלע ידיעות אין פּאַוויאַק. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָט ער אַלץ איבערגעגעבן טישקאָ'ן. ווי נאָר טישקאָ האָט דערזען זיין קומענדיקן נאָמען, איז ער געוואָרן אַ פּאַרציטערטער. — ניין, — זאָגט ער, — דער פּאַס טויג ניט פאַר מיר. — ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נאָמען איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, חיים־כייקל צימבאַל. — בעסער, — זאָגט טישקאָ, — וועל איך גיין צוויי מאָל אויף קאַטאָרגע, איידער זיך אָנצורופן חיים־כייקל צימבאַל! — אַזאַ שפּיצל האָט מיר דער „בונד" אומישנע אָפּגעטאָן! און ער האָט זיך גאַנץ קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון אַזאַ אייזערנעם פּאַס. צו קריגן פאַר אים אַן אַנדער פּאַס איז, ליידער, ניט מעגלעך געווען. ער איז געזעסן נאָך אַ גאַנץ היפּשע צייט, און דערווייל האָט די זשאַנדאַרמעריע זיך דערוואוסט, ווער ער איז. ער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געריכט און גע־קראָגן אַ גוט ביסל יאָרן קאַטאָרגע, און ווען ס'וואָלט אים דעמאָלט ניט געגליקט צו אַנטלויפן פון מאָקאָטאָווער טורמע, וואו ער איז שפּעטער געזעסן, וואָלט ער געגאַנגען אויף קאַטאָרגע נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט זיך אָנרופן מיט אַזאַ „מוזיקאַלישן" נאָמען ווי חיים־כייקל צימבאַל.

נאָך אַן עפּיזאָד מיט אַ פּאַס האָבן מיר געהאַט אין זשענעווע.

מיר האָבן געהאַט אַ פּרינציפּ, אַז מיר באַזאָרגן קיין פּאַספּאָרטן ניט פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א.פּ.. ערשטנס, האָבן מיר נאָר מיט דער גרעסטער מי געהאַט גענוג פאַר זיך אַליין, און דאָס אויך נאָר פאַר נאָרמאַלע צייטן און ניט פאַר קאָנפערענצן, א. אַז. וו. אָבער אויך צוליב אַ צווייטן טעם: אויב עס וואָלט פּאַסירט אַן אומ־גליק ביי דער גרענעץ מיט עמעצן פון אונזערע חברים, וואָלט אויף אונז קיין שום פאַרדאַכט ניט געפאַלן. דער חבר וואָלט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז קיינער פון אונז איז אין זיין אַרעסט ניט שולדיק. עס האָט קיין מאָל ביי אונז קיין אומגליק אויף דער גרענעץ דורך אַ פּאַס ניט פּאַסירט, אָבער עס האָט יעדער מאָל געקענט פּאַסירן. אויב אַ מענשעוויק אָדער באָלשעוויק וואָלט אַריינגעפאַלן ביי דער גרענעץ מיט אונזערן אַ פּאַס, וואָלט ער געמיינט, אַז עמעצער פון אונז איז שולדיק דערין, ד. ה. אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז ניט ריין פון פּראָוואָקאַציע. אָט טאַקע צוליב דעם האָבן מיר זיך געהאַלטן גאַנץ פעסט ביי אונזער באַשלוס און קיין מאָל קיינעם פון די באָלשע־וויקעס אָדער מענשעוויקעס אָדער אַנדערע פראַקציעס פון ר.ס.ד.א.פּ. קיין פּאַספּאָרטן ניט געגעבן. מיר האָבן אויסגעהערט צוליב דעם פון מאַנכע רוסישע חברים גאַנץ הארבע „קאָמפּלימענטן”, מיר האָבן, אָבער, קיין שום מעגלעכקייט ניט געהאַט אָפּצוטרעטן פון אונ־זער באַשלוס. איין מאָל האָבן מיר, אָבער, פאָרט געמאַכט אַן אויסנאַם, און אויף דעם אויסנאַם איז ווערט זיך אַ ביסל אָפּצושטעלן.

אין זשענעווע איז פאָרגעקומען פון 30טן אוגוסט ביז אַרום 2טן סעפּ־טעמבער 1908 אַ פּלענום פון צ.ק.ר.ס.ד.א.פּ. אין לאָקאַל פון אויס־לענדישן קאָמיטעט פון „בונד”. צו דעם פּלענום איז געווען גע־קומען פון רוסלאַנד אַן אומלעגאַלער מענטש, אַן אַנטלאָפענער פון סיביר, איינער פון די וויכטיקסטע טוער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע — אינאָקענטי. מיר (באַזונדערס מעדעם און עזראַ) האָבן גע־האַט צו אים גאַנץ גרויסע סימפּאַטיעס. ערשטנס, איז ער טאַקע געווען ניט נאָר אַ וויכטיקער פאַרטיי־טוער, נאָר אויך זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, און צווייטנס — איז ער געווען איינער פון די גאַנץ וויניקע באָל־שעוויקס, וואָס האָבן אין זיך ניט געהאַט קיין ספּעציפיש פראַקציאָנעלן גיפט. מיט אים האָט מען גאַנץ גוט, אויף דעם בעסטן חבר'ישן אופן, זיך געקענט דורכשמועסן וועגן אַלע ענינים פון דער פאַרטיי, ניט פּילנדיק דערביי, אַז ער איז אייך אַ דם שונא, ווייל איר זייט ניט קיין באָל־שעוויק, ווי דאָס האָט זיך שטענדיק געמערקט, למשל, מיט זינאָוויעוו'ן. אַ געוויסע צייט נאָכן פּלענום האָט דער באָלשעוויסטישער צענטער

באַשלאָסן, אינאָקענטי זאָל פאָרן קיין פּעטערבורג און זיך דאָרטן באַזעצן אומלעגאַל צו אַרבעטן. קומט אַריין אין אַ שיינעם טאָג צו אונז לעגין מיט זיין פרוי, נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, און פאַר־פירט מיט מיר אַ שמועס וועגן אינאָקענטי׳ן. זיי האָבן געוואוסט וועגן אונזער באַציאונג צו אים.

איך ווייס גאַנץ גוט, זאָגט לעגין, אַז קיין איבעריקע פּאַספּאָרטן האָט איר ניט, און אפשר האָט איר קוים אַ גוטן פּאַס פאַר עזראַ׳ן אויף צוריקצופאָרן (עזראַ האָט זיך דעמאָלט אויך געקליבן צוריק קיין פּע־טערבורג). אָבער פאַר עזרא׳ן וועט איר שוין קריגן אַ פּאַס, איר וועט שוין געפינען אַ מענטשן אין אויסלאַנד, וואָס וועט אים געבן זיין פּאַס. ביי אונז איז, אָבער, דערמיט גאַנץ ביטער. מיר האָבן קיין פּאַסיקן מענטשן ניט. מיר האָבן קיין שום מעגלעכקייט ניט צו קריגן אין אויסלאַנד פּאַספּאָרטן, און אינאָקענטי מוז דורכאויס איצט אָפּפאָרן. ווילט איר, ער זאָל דורכפאַלן ביי דער גרענעץ? אַלזאָ, איר מוזט אין דעם פאַל מאַכן אַן אויסנאַם.

איך געדענק ניט, וואָס איך האָב אים געענטפערט, יעדנפאַלס האָב איך אים קיין שום האָפענונג אויף קיין פּאַס ניט געגעבן. איך האָב אים מסתמא געזאָגט, אַז מיר וועלן די זאַך באַטראַכטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געוואָלט העלפן אינאָקענטי׳ן אַריבערפאָרן בשלום די גרענעץ. און סוף־כל־סוף האָבן מיר באַשלאָסן טאַקע צו מאַכן פאַר אים אַן אויסנאַם. איך האָב אַרויסגעזוכט און צוגעגרייט פאַר אים אַ פּאַסיקן פּאַס. אין אַ טאָג אַרום קומט אַריין נאַדעזשדאַ קאָנ־סטאַנטינאָוונאַ זיך נאָכפרעגן, ווי עס האַלט מיטן עסק. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען איך האָב איר איבערגעגעבן די גוטע בשורה. מיט איר האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז זי זאָל אַריינשיקן צו אונז אינאָ־קענטי׳ן. איך האָב זיך מיט אים נאָך געמוזט דורכריידן וועגן גע־וויסע טעכנישע איינצלהייטן, וואָס זיינען נוגע געוועזן דער יאַזדע: צייכנס אויף די וועש, וואָס זאָלן שטימען מיט די איניציאַלן פונם נאָמען לויטן פּאַס, א. אַז. וו., א. אַז. וו. אינאָקענטי איז אַריינגעקומען אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם פּאַס און אַרומגערעדט די גאַנצע טעכניק (ער איז געוועזן בכלל זייער אַ געניטער מענטש, אָבער ניט אַזוי שטאַרק אין ענין „פּע״).

אַזוי ווי אַרום דער באָלשעוויסטישער גרופּע אין זשענעווע האָט זיך דעמאָלט געדרייט אַ מענטש, וואָס איז מיר ניט געפעלן געווען (זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן), האָב איך אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן געגעבן צו פאַרשטיין אינאָקענטי׳ן, אַז עס וועט זיין אַ סגולה בשלום

אַריבערצופאָרן די גרענעץ, ווען קיין מענטש, אַט טאַקע אַבסאָלוט קיינער ניט, וועט ניט וויסן, אויף וואָס פאַר אַ נאָמען ער פאָרט און וועט ניט זען זיין פּאַס. אינאָקענטי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין. פון זשענעווע האָט ער געזאָלט אָפּפאָרן אויף אַ פּאָר טעג אין קלאַראַן אָדער מאָנטרע. דאָרטן האָט ער זיך נאָך געזאָלט טרעפן מיט לעניג׳ען און דאַן פון אַ קליינער סטאַנציע, אָן שום רוסישער באַגליי־טונג, אָפּפאָרן קיין באַזעל און ווייטער קיין פּעטערבורג. פון קלאַראַן האָב איך נאָך געקראָגן אַ קאַרטל פון אים און געציילט די טעג, ווען עס מוז אָנקומען פון אים אַ קאַרטל פון פּעטערבורג.

עס גייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג. קיין שום ידיעה איז פון אים ניטאָ — און עס האָט שוין לאַנג געזאָלט זיין. איך בין שוין זייער שטאַרק אומרואיק געווען. מיט אַ מאָל קומט צו אונז נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ און דערציילט אַזאַ געשיכטע: בשעת אינאָקענטי איז נאָך געווען אין קלאַראַן, איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון פעליקס קאָן פון אַ קליין שטעטל אין גאַליציע (ער איז דאָרטן געווען דער סעקרעטאַר פון דער קראַנקן־קאַסע, — דוכט זיך, פון דראָהאָביטש), אומגעפער בזה הלשון: אינאָקענטי זאָל אויף קיין שום פאַל ניט פאָרן. וואַרט אויף מיין בריוו. אין גיכן איז אָנגעקומען אַן עקספּרעס־בריוו פון קאָנ׳ען, אין וועלכן ער האָט געשריבן אומגעפער אָט וואָס: פון אַן אַגענט פון דער וואַרשעווער אָכראַנע, מיט וועלכן קאָן איז דעמאָלט געשטאַנען אין פאַרבינדונג, כדי צו קריגן פון אים נוצלעכע ידיעות (דוכט זיך, טאַקע פאַר מזומן געלט, און אפשר איז דער אַגענט גע־ווען אַ שטיקל חוזר בתשובה, איך ווייס דאָס ניט), האָט ער געקראָגן אַ טעלעגראַמע, ער זאָל גלייך צופאָרן צו אים צו דער גרענעץ. ער איז אַהין געפאָרן. דאָרטן האָט שוין געוואַרט דער אַגענט און האָט אים איבערגעגעבן, אַז פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איז אָנגעקומען אַ דרינגענדיקע טעלעגראַמע וועגן דעם, אַז אינאָקענטי פאָרט קיין רוסלאַנד אונטער אַזאַ און אַזאַ נאָמען, און מען זאָל אים ביי דער גרענעץ אַרעסטירן.*)

אין גיכן איז געקומען אינאָקענטי אין גאַנצן דערשלאָגן און דער־שיטערט און אָפּגעבראַכט צוריק דעם פּאַס. איך האָב דעמאָלט מיט די פּאַראַנטוואָרטלעכע באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען אין זשענע־ווע, געהאַט אַן אינטימען שמועס וועגן דעם, פון וואַנען דער פּאָלי־

---

*) מעגלעך, אַז אייניקע איינצלהייטן גיב איך דאָ איבער נישט אין גאַנצן פּינקטלעך. אָבער דעם תוך פון דער זאַך האָב איך זיכער דאָ איבערגעגעבן ריכטיק.

ציי־דעפּאַרטאַמענט האָט זיך געקענט דערוויסן דעם נאָמען פון פּאַס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַס איז געבליבן ליגן איין אָדער צוויי טעג פאַרשלאָסן אין שרייב־טיש אין דער עקספּעדיציע פון באַל־שעוויסטישן אָרגאַן אין זשענעווע. אַ חשד איז געפאַלן דעמאָלט אויף אַלעקסינסקי'ן, דעם איצטיקן שוואַרץ־מאה'ניק און דעמאָלטדיקן פייער־דיקן באַלשעוויק. אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז עס געווען אַ פאַלשער חשד, — הגם מאָראַליש שטייט איצט אַלעקסינסקי אפשר אויף דער זעלבער שטופע, ווי די דעמאָלטיקע פּראָוואָקאַטאָרן. ווער עס האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אינאָקענטי'ס פּאַס, דאָס ווייס איך ניט. צי עס האָט זיך דעמאָלט אין דער באַלשעוויסטישער עקספּעדיציע אַרומ־געדרייט דער אָדער יענער טשערנאָמאַזאָוו אָדער מאַלינאָווסקי, דאָס וועט זיך אפשר קענען דערמאָנען נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ אָדער סיעמאַשקאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען אין זשענעווע.

דער אויסנאַם, וואָס מיר האָבן געמאַכט מיט דעם פּאַס פאַר אינאָקענטי'ן, האָט אונז אָן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז מען טאָר טאַקע קיין שום אויסנאַם ניט מאַכן. דעם פּאַס, אָן אויסגעצייכנט ניי ביכל, וואָס האָט געקאָסט אין לאָנדאָן, אויב איך האָב קיין טעות ניט, 28 שילינג, האָבן מיר פאַרברענט. מען האָט אים אַפילו אין אויסלאַנד שוין ניט געקענט באַנוצן. אינאָקענטי איז געפאָרן אָן אַ פּאַס, איז בשלום אַריבער די גרענעץ, אָבער גלייך נאָך זיין אָנקומען אין פּע־טערבורג האָט מען אים אַרעסטירט. ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון דאָס ניי, דאָס מאָל אין טרוכאַנסק, און האָט זיך אין מאַי 1913 גענומען דאָס לעבן. ער איז אַלט געווען 36 יאָר. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען יאָסיף דובראָווינסקי.

די „טשע"־טראַנספּאָרטן

אַריבערשיקן ליטעראַטור (און אין די 70ער—80ער יאָרן אויך דינאַמיט) אין טשעמאָדאַנעס מיט אַ טאָפּלטן דעק — דאָס איז גע־ווען אַ גאַנץ אַלטע סיסטעם, וואָס די רוסישע, פּוילישע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן האָבן באַנוצט צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד און וואָס איז שטענדיק באַנוצט געוואָרן אויך פון קאָנטראַבאַנדיסטן אויף אַריבערצופירן טייערע שטאָפן, ווי: זיידן־טיכער, שפּיצן א. ד. גל.*)

*) אין פאַרשיידענע מעמואַרן פון רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, לעצטנס, למשל, אין די אינטערעסאַנטע זכרונות פון אַלטן ס.־ר., דר. מענדל לעווין, אין פּראַגער רוסישן זשורנאַל „וואָליאַ ראָסיאי" (סעפּטעמבער 1927),

די סיסטעם גופא איז דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געווען גאַנץ גוט באַקאַנט. דער קאָנטראָל אויף דער גרענעץ איז געווען אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן: דער צוג קומט אָן צו דער גרענעץ. ביי אַלע פּאַסאַזשירן נעמט מען צו די פּאַספּאָרטן. די פּאַסאַזשירן פירט מען אַריין אין אַ גרויסער האַלע און דאָרטן קוקט מען דורך זייער באַגאַזש. די באַאַמטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן באַגאַזש, אינטערעסירן זיך ניט, ווער דער פּאַסאַזשיר איז, ווי ער הייסט א. אַז. וו. געוויינטלעך פלעגט מען דאָס געפּעק ניט באַזונדערס שטרענג דורכקוקן, אויסער אין אַזעלכע פאַלן, ווען דער פּאַסאַזשיר פלעגט לויט זיין אויסזען דערוועקן אַ געוויסן פאַרדאַכט. אין אַזאַ פאַל פלעגט מען אים אַפילו מטריח זיין אין אַ חדר מיוחד, דאָרטן אויסטאָן די קליידער ביז גאָר און גאַנץ שטרענג און גרינדלעך אים בודק זיין (פּרויען באַזונדער — פון פרויען). אויסער דעם פלעגן אַנדערע באַאַמטע, איבערהויפּט זשאַנדאַרמען, קאָנטראָלירן אין אַ באַזונדערן קאַבינעט די פּאַספּאָרטן. אין יענעם קאַבינעט זיינען געווען אַלפאַבעטיש געאָרדנטע רשימות פון מענטשן, וואָס האָבן געזאָלט אָדער גלייך אַרעסטירט ווערן און אָפּגעפירט ווערן נאָך דער אָנווייזונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אָדער גרינדלעך דורכגעזוכט ווערן און מער גאָרניט, אָדער — און דאָס איז געווען צומאָל דאָס ערגסטע — מען האָט זיי געזאָלט גאַנץ רואיק לאָזן אַריינפאָרן קיין רוסלאַנד, דאָרטן נאָכשיקן נאָך זיי אַ מחנה שפּיקעס, נאָכפאָרן און נאָכגיין זיי אויף שריט און טריט און אַרעסטירן זיי, אַזוי צו זאָגן, אויפן פאַרטיקן, למשל: צוזאַמען מיט די מענטשן, צו וועמען זיי פאָרן אַריין, א. אַז. וו. אויב עס פלעגט אָנקומען אַ מענטש, וואָס זיין נאָמען איז געווען פאַרצייכנט לויט די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס, פלעגט מען ביי אים פון דאָס ביי — און דאָן שוין טאַקע גאַנץ גרינדלעך — דורכקוקן זיינע זאַכן.

נאָך דעם קאָנטראָל פון די פּאַספּאָרטן פלעגט אַרויסקומען אַ זשאַנדאַרם און אויסרופן די נעמען. דער פּאַסאַזשיר הערט אויסרופן זיין נאָמען, גייט ער צו צום זשאַנדאַרם, נעמט אָפּ פון אים זיין פּאַס און פאַרטיק. ער איז געווען אַ פרייער מענטש, אויף וויפל מען האָט געקענט זיין פריי אין צאַרישן רוסלאַנד.

ווערט געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז די טשעמאָדאַן־סיסטעם איז אַ דערפינדונג פון מענדל ראָזענבאַום. דאָס איז, נאַטירלעך, נישט ריכטיק. מעגלעך, אַז ראָזענבאַום איז געווען דער איניציאַטאָר פון „טשע"־סיסטעם ביי דער פּאַרטיי (נאָך פריער ביים „פאַרבאַנד") ס.־ר. — אָבער דאָס איז געווען אַ ירושה פון פריערדיקע דורות.

מיר אַלע, וואָס האָבן אין „בונד" די אַלע יאָרן זיך פאַרנומען מיטן ענין „טשע", האָבן געטאָן דאָס זעלבע, וואָס איז געטאָן גע־וואָרן דורות לאַנג פאַר אונז. אָבער די זאַך האָט באַקומען ביי אונז אַ גאַנץ גרויסן פאַרנעם און האָט אַרום אַנדערהאַלבן יאָר נאָכאַנאַנד געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־לעבן. די צייט איז געווען גאָר אַ באַזונדערע. דאָס איז געווען סוף 1900 ביז זומער 1902. די באַוועגונג האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט. די פּאַרטיי איז געוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט, אַזוי אַז מען האָט דאָס ממש געקענט זען מיט די אויגן. עס איז געווען אַ גוואַלדיקער ענטוזיאַזם ביים יונגן דור, אַ פעסטער ווילן זיך צו שטעלן אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און אַ צוטרוי אָן אַ גרענעץ צו די אייגענע יונגע כוחות. אָט אין אַזאַ גינסטיקער אַטמאָספער איז ביי אונז דורכגעפירט געוואָרן די אַרבעט אַרום דעם ענין „טשע".

נאָך דעם ווי איך בין אַליין שוין געווען אַריבערגעפאָרן אָן אַ שום שטערונג אַ צוויי מאָל די גרענעץ, יעדער מאָל מיט צוויי „טשע"־ס, און זיך בשלום אומגעקערט צוריק, האָב איך אָנגעהויבן אָפּצושאַצן די גרויסע צאָל יונגע חברים, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אין אויסלאַנד, פון אַ געווויסן, דורכאויס איינזייטיקן, אָבער גאַנץ פאַר־שטענדלעכן שטאַנדפּונקט — פון „טשע"־שטאַנדפּונקט. איך האָב דערביי געוויס ניט פאַרגעסן זייערע אַנדערע מעלות, אָבער אַ געוויסע צייט האָבן זיי מיך אינטערעסירט ספּעציעל פון אָט דער באַזונדערער זייט. געווען ביי אונז אַ סך סטודענטן און סטודענטקעס, גאַנץ גוטע פּאַרטיי־חברים און חבר'טעס, פון אַ בירגערלעכער, אָפטמאָל גאַנץ רייכער אָפּשטאַמונג. אַ סך פון זיי, איבערהויפּט די, וואָס האָבן גע־וואוינט אין דייטשלאַנד, פלעגן כמעט יעדער האַלב יאָר פאָרן אַהיים צו טאַטע־מאַמע. די, וואָס זיינען געווען פּאַלקאָם כשר, ד. ה. וואָס וועגן זיי האָט מען זיך ניט געקענט ריכטן, אַז ס'איז דאָ אויף דער גרע־נעץ אַ צירקולאַר, האָבן, אַלזאָ, געקענט מיטנעמען ליטעראַטור. גע־קענט הייסט אין דעם פאַל געמוזט. מאָראַליש איז דעמאָלט פאַר אונזערן אַ חבר אוממעגלעך געווען צו פאָרן אַהיים אָן ליטעראַטור. זיי האָבן גוט געוואוסט, ביי וואָס פאַר אַ שווערע באַדינגונגען, מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש עס קומט אויס אונזערע חברים אין רוסלאַנד גופא צו אַרבעטן טאָג פאַר טאָג, און זיי, די אויסלענדישע חברים, לעבן זיך טאָג פאַר טאָג אין די אָנגענעמסטע באַדינגונגען: זיי קענען לייע־נען, וואָס זיי ווילן, שרייבן, וואָס זיי ווילן, זיך טרעפן, מיט וועמען זיי

ווילן, אַפילו מיט בעבעל׳ן און קאַוטסקי׳ן אַליין, גיין אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן, א. אַז. וו., א. אַז. וו. ווי האָבן זיי זיך ביי אַזעלכע אומשטענדן געקענט אָפּזאָגן דורכצומאַכן איין מאָל אין 6 חדשים אָדער אין אַ יאָר אין פאַרלויף פון 1־2 טעג דאָס, וואָס אונזערע אַקטיווע חברים אין רוסלאַנד פלעגן דורכמאַכן טאָג איין טאָג אויס ? ! זיך אָפּזאָגן איז געווען פאַר די ייִנגערע חברים מאָראַליש אוממעגלעך אויך שוין דערפאַר, וואָס אַנדערע האָבן דאָס שוין גע־האַט געטאָן, און דאָס וואָלט געהייסן, אַז מען ווערט — אויך אין די אייגענע אויגן — אַ פּאַרטיי־חבר פון צווייטן גראַד.

די ערשטע צייט, ביז סוף 1900, פלעגט זייער זעלטן פאָרקומען, עס זאָל עמעצער פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד מיט אַ „טשע". עס זיינען בכלל ביי אונז דעמאָלט געווען אין אויסלאַנד זייער ווייניק מענטשן. דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין דעצעמבער 1898. די קליינע גרופּע חברים, וואָס זיינען נאָענט געווען צום אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד" (די איני־ציאַטאָרן און גרינדער זיינען געווען יוסף מילל — „דזשאָן" און טימאָפעי — קאָפּעלזאָן), האָבן געלעבט אין אויסלאַנד שוין אַ פּאָר יאָר פאַר 1898 ; יעדערער פון זיי האָט זיך שטענדיק באַמיט אַריבער־צושיקן קיין רוסלאַנד ליטעראַטור, אָבער די ליטעראַטור פלעגט גיין מיטן „שווערן" טראַנספּאָרט, ד. ה. אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון 10־30 פוד אין קאַסטנס מיט אַ מאָל. דאָס פלעגט גיין דורך פּראָפעסיאָנעלע קאָנטראַבאַנדיסטן, מיט דער הילף פון אונזערע בערשטער אין קאָוונער און סוואַלקער געגנטן. די ליטעראַטור פלעגט ליגן לאַנג אויף דער גרענעץ, אַ העלפט (דורכשניטלעך) פלעגט געוויינטלעך אַריינפאַלן, און אויף די ערטער פלעגט אָנקומען די ליטעראַטור מיט גרויס פאַר־שפּעטיקונג. די צייט, אָבער, איז געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק רואיקע און שטילע און די פאַרשפּעטיקונג האָט קיין גרויסן באַדייט ניט געהאַט. עלעמענטאַרע פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־בראָשורן פאַר דער ברייטער מאַסע זיינען אַלע מאָל נויטיק געווען. מאַנכע פון די אויסגאַבעס האָט מען יאָרן לאַנג איבערגעדרוקט אין מערערע אויפלאַגעס אויף אייניקע שפּראַכן, צ. ב. דיקשטיינ׳ס „פון וואָס איינער לעבט", „שכירות", „דער אַרבעטער־טאָג", א. אַז. וו., א. אַז. וו. ווען אַזאַ זאַך פלעגט ליגן ביי דער גרענעץ אַפילו מערערע חדשים, איז עס ניט אַלט געוואָרן. אַנדערש איז געווען מיט פּעריאָדישע אויסגאַבעס, למשל — מיטן זשורנאַל „אידישער אַרבעטער", וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אַרויס־

No. 2 דער אַללגעמיינער אידישער ארבייטער בונד אין ליטא, פּוילען און רוססלאַנד.

גענאָססען, פערשפּרייט דעם פרייהייטס־גלאָק!

דער פרייהייטס־גלאָק

ארגאַן פון לאָדזער סאָציאַלדעמאָקראַטישען קאָמיטעט.

אפּריל, ✦ ארבייטער אַללער לענדער, פעראייניגט אייך! ✦ 1902

וועגען די נייע ערשיינונגען אין אונזער קאַמפּף.

קיינער וועט אודאי ניט אָבלייקענען, אז אונזער רוססישע רעגירונג איז אָפטמאל זעהר פערנאַרעשט, אז זי קוקט אויף אַלץ מיט פערבלענדעטע אויגען, רעדט זיך איין אַלט פוסטע זאַכען און פערוהיגט זיך מיט פוסטע האָפנונגען. מיט די סטודענטען, וועלכע מען איז אַלט מכבד מיט דעם בייטש פון „וורעמעניא פראווילא", פערשיעדענע צירקוליאַרען און אויסנאַהמס־געזעטצען, וועלכע קענען שוין מעהר ניט טראָגען דעם יאָך פון זייער אונטערדריקונג, און אָבהיינגיגקייט און נעהמען זיך צו דעם איינציגען קאַמפּפס־מיטעל, צום סטרייק, — אַט מיט די סטודענטען רעכענט די רעגירונג פאַרטיג צו ווערען מיט איין קלאַפּ, מיט דעם וואָס זי צוטרייבט זיי פון די גאַסען מיט שרעקליכע געשלעג מיט נאַגייקעס, וואָס זי צוועטצט זיי אין די געפענגניסען און פערשיקט זיי אין סיביר. און לסוף ווען זי האָט שוין אַנגעווענדט אַללע איהרע אכזריות, ווען איהר צאָרן האָט זיך אַביסעל איינגעשטילט, בערעכענט זי זיך און גיט די סטודענטען א לעקעכעל — וועלכע עס איז רעפאָרמען, אָדער נאָך בעססער צוזאָגענעס אויף רעפאָרמען. זעהר צופריעדען מיט זיך, מיט אזא קלוגע פּאָליטיק, מיט אַזעלכע מעשים גדולים פּאַצט זי זיך אין בייכעל און טראַכט זיך: נו, איצט וועט שוין ווידער זיין שעהן, פיין, רוהיג און שטיל ביי די סטודענטען. אָבער צו עס הערשט מאַקי שלום ושלות, חייזען אונז די נייע אונרוהען, וועלכע גיסען זיך פערנאַנדער אומעטום אין די רוססישע אוניווערזיטעט־שטעדט. וואָס הערט זיך אָבער מיט דער ארבייטער בעוועגונג? ווי האַלט זיך דאָ די רעגירונג? שפּיעלט זי אויך די ראָליע פון א טרייען און שטרענגען פאָטער, וועלכער בענעהמט זיך מיט זיינע קינדער א מאָל מיט גוטען, א מאָל מיט בייזען, נאָך זייער פערדיענסט נאָך? שפּיעלט זי אויך די פאַלשע ראָליע פון א טרייען פריינד און בעשיצער? ניין, ווען די געפאַהר איז גרעסער, קען מען זיך ניט פערלאָזען אויף אַזעלכע חכמות, אויף אַזעלכע האָפנונגען, זי ווייס גאַנץ גוט אז דאָ האָט זי צו טהאָן מיט א שטאַרקען שונא, וועלכער וועט זיך ניט לאָזען איינגנאַרען אין זאַק; די רעגירונג ווייס גאַנץ גוט אז דער ארבייטער, ווי באַלד ער האָט זיך נאָר אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, געעפענט זיינע אויגען, וועט מען שוין ניט קענען אָבנאַרען מיט זיסע ברעקלעך, מיט שעהנע ווערטער און צוזאָגענעס, און דערפאַר שטרענגט זי זיך נאָר ניט אָן זיך ארויסצואווייזען פאַר אונז אַנדערש, ווי זי

איז אין אמת'ן. פאַר אונז וואַרפט זי אַראָב איהר שעפסענע פעל, שטעקט אַרויס איהרע אמת'ע ווילדע לאַפּעס און ווייזט אַרויס איהרע גאַנצע אכזריות און רציחה. זי האָט איין באַרבאַרישען געווער אין די הענד, דאָס איז די געוואַלט. די רעגירונג ווייס גאַנץ גוט, אז די ארבייטער וויינען טויב צו אַללע איהרע רעפאָרמען, געזעטצען און נאָך אַזעלכע שעהנע זאַכען, ווייל די אַללע רעפאָרמען האָבען פאַר די ארבייטער מאַקי נור דאַן א ווערטה, ווען זיי דערגרייכען דאָס אַליין מיט קאַמפּף, ווי זייער רעכט, אָבער ניט ווען מען וואַרפט זיי דאָס צו פון „אויבען" ווי א נדבה. די ארבייטער ווילען האָבען ערבות דערפאַר, אַז די געזעטצען וועלען מאַקי עקסיסטירען און וועלען האָבען א ממשות, און זיי פערשטעהען גאַנץ גוט, אז נאָר אין זיי אַליין, אין דער בעוואוסטער ארבייטער קלאַססע און אין די פּאָליטישע פרייהייט ליגט די ערבות. כדי דאָס קלאַססען־בעוואוסטזיין פון די ארבייטער זאָל זיך קענען אין גאַנצען ענטוויקלען, מוז די איצטיגע אַבסאָלוטיסטישע (וואו עס רעגירט דער קסר אַליין) רעגירונג פאַלען, און אויף איהר אָרט מוז אויפשטעהען א פרייע פאָלקס־רעגירונג, וואו דאָס גאַנצע פאָלק זאָל האָבען אויף זיך א דעה, יעדע פאָדערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט מוז פריי, קלאָהר און דייטליך קלינגען סיי אין פּאַרלאַמענט, סיי אויף פערזאַמלונגען, סיי אין ליטעראַטור. דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך, די השגחה, וועלכע הייננט אויף איהם שוין הונדערטע יאָהרען לאַנג און בינדט איהם די הענד אויף יעדער שריט און טריט; ער מוז ווייזען, אַז ער איז שוין אויסגעוואַקסען און קען נעהמען זיינע אינטערעסען אין די אייגענע הענד. מיט די פעראייניגטע מאַכט, מיט דעם שטענדיגען קאַמפּף גיט ער איין קלאַפּ נאָך דעם אַנדערען דעם קאַפּיטאַליזמוס און די גאַנצע פּאָליטישע אָרדנונג, ביז באַוואַלד ער וועט ניט מאַכען א תל פון דעם גאַנצען פערפוילטען בנין און אויף זיין אָרט אויפבויען א נייע, א געזונדע, א פרייע אָרדנונג. די רעגירונג קריצט מיט די ציינער פאַר כעס, וועהענדיג ווי עס וואַקסען די קרעפטען פון פּראָלעטאַריאַט, ווי ער טרעט אַרויס אָפען פנים אל פנים אין קאַמפּף מיט זיין בלוטיגען שונא, זי זעהט ווי דער ארבייטער, וועלכער האָט נאָך ניט לאַנג ניט געקענט אונטערשיידען זיין פריינד פון זיין שונא, האָט געקראָגען אַזאַ שאַרפען און אזא ריכטיגע אויג, זי זעהט ווי דער פערשלאָגענער, אונטערדריקטער מענשליכער און פּאָליטישער בעוואוסטזיין האָט זיך מיט א מאָל אויפגעכאַפּט און איז אויסגעוואַקסען צו א מוראדיגער מאַכט. מיט פחד, מיט אימה זעהט זי דאָס אַלץ צו און אין איהר פערצווייפלונג כאַפּט זי אַזעלכע מיט־.

געגעבן. אָבער אויך דער „אידישער אַרבעטער" האָט ניט געטראָגן קיין ברענענדיקן אַקטועלן כאַראַקטער. אין אים זיינען מייסטנס געווען אַרטיקלען, וואָס האָבן ביי יענער צייט און ביי די דעמאָלטיקע רוסישע צענזור־פֿאַרהעלטענישן גאַנץ לאַנג געהאַט אַ גרויסן אינטערעס.

גאַנץ אַנדערש איז געוואָרן די לאַגע, ווען די באַוועגונג איז לעבעדיק געוואָרן און האָט אָנגענומען אַ שנעלערן טעמפּ. דער אויס־לענדישער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנטלעכן

בולעטען אויף אידיש און רוסיש (צוערשט אַ העקטאָגראַפירט בלעטל, אַן אָרעמס און טרוקנס, מיט גאַנץ קורצע ידיעות און בריוו, איז עס זיך פון נומער צו נומער צעוואַקסן און האָט זיך צעבליט אין אַ קוואַל פון לעבעדיקער אינפאָרמאַציע, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט: פון 1 העקטאָגראַפירט זייטל איז געוואָרן 2־3, שפּעטער צוויי געדרוקטע, אין גיכן 4, א. אַז. וו., אַ. אַז. וו. ביז 16 געדיכט געדרוקטע זייטן פון אַ מיטל־גרויסן פאָרמאַט, מיט אַ ים מאַטעריאַל). עס פאַרשטייט זיך, אַז די אַנדערע טיילן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. זיינען אויך ניט געשלאָפן. דער רוסישער ס.־ד.־פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן גאַנץ אַקטועלע בלעטלעך, און אין דע־צעמבער 1900 האָט זיך באַוויזן די „איסקראַ״, אַ בלאַט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די באַהערשערין פון די נשמות און מוחות פון רו־סישן טייל פון דער ר.ס.ד.א.פּ. ס׳האָט זיך באַשאַפן אַ גאַנץ אַנדער טיפּ פאַרטיי־אויסגאַבעס אין אויסלאַנד. דאָס זיינען געוועזן זאַכן, וואָס האָבן אויף קיין פאַל ניט געטאָרט לאַנג ליגן ביי דער גרענעץ. זיי האָבן געמוזט אַריבער גאַנץ פריש, נאָר וואָס פון דער מאַשין אַראָפּ. זיי זיינען טאַקע געווען גאַנץ אינטערעסאַנט, אויב אַפילו מען האָט ניט מיט אַלץ וואָס אין זיי מסכים געווען. די ליטעראַרישע טעטיקייט פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָנהויב 1901 צום ערשטן מאָל אויף ברייטע און סאָלידע יסודות. דאָס איז געווען הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דעם, וואָס אין אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען (אין אַווגוסט 1900) אַלעקסאַנדער קרעמער און וולאַדימיר קאָסאָווסקי און שפּעטער אויך גליעב. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביי אונז נייע בראָשורן, וואָס זיינען אין רוסלאַנד זייער שטאַרק נויטיק געווען.

ווען איך האָב זיך גענומען צום ענין „טשע״, האָב איך געהאַט פאַר די אויגן די פריערדיקע פּראַקטיק און אַ געוויסע אייגענע דערפאַרונג. די ערשטע פאַר חדשים איז געזעסן אין בערלין דזשאָן, און יעדער זאַך פלעגט געמאַכט ווערן מיט זיין הסכם. נאָך זיין אָפּפאָרן איז געווען אַ געוויסע צייט טימאַפּעי, שפּעטער איז די זאַך איבער־געגאַנגען אין גאַנצן אין מיינע הענט. איך געדענק ניט גענוי, ווער עס איז געפאָרן דער ערשטער מיט ליטעראַטור. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז עס געווען צביון. צביון איז דעמאָלט געווען אַ סטו־דענט אין קאַרלסרוע (פריער אין בערן), אָבער ניט פון יענעם טיפּ סטודענטן, וואָס זיינען אין אויסלאַנד דורך פאַרטיי־ליטעראַטור און רעפעראַטן „אַריינגעצויגן״ געוואָרן אין דער באַוועגונג. ער איז שוין דעמאָלט געווען אונזערער אַ מענטש, איז טאַקע איבעריק געווען

אים צו שאַנעווען. וואָלט ער געווען אַ סטודענט פון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג, וואָס טוט אַ טובה דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און ווערט אַ „העלד" אויף 48 שעה, וואָלט ער געקראָגן אין גאַנצן 1 „טשע" און יאַזדע! צביון האָט, פאַרשטייט זיך, געקראָגן 2 „טשע"־ס, און טאַקע גאַנץ שווערע. עטוואָס געשאַנעוועט האָבן מיר אים ביי זיין צווייטער יאַזדע. דעמאָלט איז ער געפאָרן צו זיין פרוי אין ריגע, און זי איז גראָד געווען קראַנק, און דוכט זיך, טאַקע ערנסט קראַנק. אין גאַנצן אים לאָזן פאָרן אָן סחורה איז געווען אַ שווערער ענין. האָט ער — דאָס צווייטע מאָל — געקראָגן 1 „טשע", אַ גרויסן, אַ שווערן, אָבער פאָרט נאָר איינעם. דאָס ערשטע מאָל איז ער געפאָרן מיט דער באַן; דאָס צווייטע מאָל, אויב איך האָב קיין טעות ניט, מיט דער שיף פון שטעטין קיין ריגע. . . .

. . . ביי זיין ערשטער יאַזדע האָט ער איבערגעפירט דעם נומער 11 „אידישער אַרבעטער", אין וועלכן עס איז געווען זיין אייגענער אַרטיקל. דאָס איז עס געווען דער דיסקוסיע־נומער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס האָט געזאָלט לויטן באַשלוס פון 3טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (דעצעמבער 1899 אין קאָוונע) אַרויסגיין אַ היפּש ביסל צייט פאַרן 4טן צוזאַמענפאָר, אום צו־צוגרייטן מאַטעריאַל צו דער דעבאַטע. איז דער נומער, אָבער, אַרויסגעגאַנגען פונקט נאָכן צוזאַמענפאָר. אָפּגעפירט האָט ער דעם „טשע" קיין ווילנע און איבערגעגעבן גורעוויטש'ן, דעם דעמאָלסטדיקן פאַרשטייער פון ווילנער קאָמיטעט. . . .

די, וואָס האָבן אַריבערגעפירט די „טשע"ס

. . . איך קען אָנרופן נאָר אַ טייל פון די חברים, וואָס האָבן דעמאָלט גענומען אויף זיך אָט די קליינע, אָבער פאָרט ריזיקאַלישע אַרבעט. ניט אַלע געמען געדענק איך. ס'איז פאָרט שוין אַוועק אַרום 27 יאָר. אָט שטייט פאַר מיינע אויגן אַ יונגע סטודענטקע, כמעט נאָך אַ גימנאַזיסטקע, גיטע ליפשיץ פון מינסק. זי האָט שטודירט אין בערלין. ס'האָבן אויף איר השגחה געגעבן צוויי מינסקער חבר'טעס, וואָס האָבן זיך באַציגן צו איר, ווי צו אַ יינגערער שוועסטער. אָבער אַלע דריי צוזאַמען זיינען זיי נאָך גאָר יונג געווען. די עלטסטע איז געווען ראָזאַ נאַאומאָוונאַ זעלדאָוויטש, שפּעטער די פרוי פון באַריס פרומקין. זי איז אַלט געווען שוין גאַנצע 20 יאָר. גיטע אַליין איז אַלט געווען אַ יאָר 18. געקומען איז זי פון אַ יחוס'דיקער משפּחה

(אין רעוואָלוציאָנערער הינזיכט), הגם איר עלטסטע שוועסטער, וואָס האָט איר משפּחה שפּעטער באַקאַנט געמאַכט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז נאָך דאַן אַליין געווען אַ סטודענטקע אין פּעטערבורג און האָט זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נאָך אין גאַנצן ניט געהאַט באַטייליקט. די עלטסטע שוועסטער — דאָס איז די שפּעטערדיקע ח־טע אסתר. גיטע אַליין האָט שפּעטער קיין באַזונדערס אַקטיוון אַנטייל אין דער באַוועגונג ניט גענומען, אָבער זי איז שטענדיק גרייט געווען צו טאָן, וואָס עס איז איר מעגלעך געווען, און איז שטענדיק געטריי געווען דעם „בונד".

גיטע איז געפאָרן פון בערלין אַהיים און,פאַרשטייט זיך, געוואָלט מיטנעמען אַ „טשע". אַהיים קיין מינסק האָט זי, אָבער, דעם „טשע" ניט געקענט ברענגען, ווייל אויף זייער משפּחה האָט די אָכראַנע גוט אויפגעפּאַסט. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע. די „יאַווקע" איז דעמאָלט געווען דאָרטן פאַר אַזעלכע ענינים ביי די ברידער מאַטאַלסקי אויף דזשיקע גאַס. איבערגעגעבן דאָרטן בשלום דעם „טשע", איז זי געקומען קיין מינסק שוין אין גאַנצן אַ כשר'ע און זיכער מיט אַ גרויסער מאָראַלישער באַפרידיקונג אין איר יונג־ריינעם האַרץ נאָכן האָבן דערפילט איר חוב צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. גיטע האָט אין 1913 חתונה געהאַט מיט רחמיאל'ן. זי איז, לײדער, פריצייטיק געשטאָרבן אין 1917.

אַט שטייט אויף פאַר מיינע אויגן אַ חבר פון פאַריטשי, דעמאָלט אַ סטודענט אין בערלין, גריגאָרי שקלאָווסקי. ער איז געווען אַ פייערדיקער בונדיסט. אין 1905 איז ער אַריבער צו דער באָלשעוויסטישער פראַקציע און זינט דאַן געהערט ער צו דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. לעצטנס איז ער געווען דער באָלשעוויסטישער קאָנסול אין האַמבורג. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן, אַט ווי בעת איך האָב זיך געזעגנט מיט אים אויפן שאַרלאָטענבורגער וואָקזאַל. מער האָב איך אים קיין מאָל ניט געזען. דעם „טשע" האָט ער בשלום אָפּגעפירט קיין מינסק.

ווייטער שטייט אויף אין מיין זכרון העניע שערעשעווסקי פון לידע. שטודירט האָט זי אין בערן. אין אַ שיינעם טאָג איז זי געקומען צו מיר מיט אַ בריוו פון טימאָפעי'ען — זי נעמט, הייסט דאָס, זי האָט געהאַט אין בערלין אַ גוטן פריינט, די ח'טע ליובאַ יוזעפאָוויטש. אויב ניט ליובאַ, וואָלט איך דעמאָלט דעם ענין „טשע" מיט העניע'ן ניט דורכגעפירט. ס'איז געווען ביי אונז איינגעפירט אַ גאַנץ האַרבע דיסציפּלין: ווער עס פירט אַ „טשע", טאָר קיין

שום בריוו, פאָטאָגראַפיעס, אַדרעסן, נאָטיצן וכדומה מיט זיך ניט מיטנעמען. מען האָט שטענדיק זיך געמוזט רעכענען מיט אַ דורכפאַל, און אין אַזאַ פאַל וואָלטן די בריוו מיט די פאָטאָגראַפיעס א. אַז. וו. גע־קענט אָנמאַכן די גרעסטע צרות. אָט איינע אַזאַ קאַטאַסטראָפע וועל איך דאָ פאַררעגיסטרירן. עס איז איין מאָל געפאָרן דער ח׳ ברונאָ ליקנייצקי, אַ מיטגליד פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (איצט דער קאָמענדאַנט פון פּאַלאַץ פון נאַרקאָמאינדעל אין מאָסקווע). ער איז געווען אַ באַלעבאָס פאַר זיך. אונזער דיסציפּלין האָט צו אים קיין שייכות ניט געהאַט, הגם מיר זיינען מיט אים געווען זייער גרויסע פריינט. ער איז אַליין געווען אַ געניטער וואָיאַ־זשאָר. יענעם מאָל האָט ער מיטגענומען אין זיינע זאַכן אַלערליי בריוו און פאָטאָגראַפיעס. ער איז טאַקע אַרעסטירט געוואָרן ביי דער גרענעץ ווערזשבאַלאָוואָ, און די בריוו האָבן אָנגעמאַכט אין אַ גאַנ־צער ריי שטעט (אַרום דווינסק, ריגע) אַ גרויסן חורבן. מען האָט אַרעסטירט כל׳ערליי סטודענטקעס, וואָס האָבן אַפילו ניט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט רעוואָלוציע. מען האָט זיי, אָבער, חושד געווען, אַז זייער באַקאַנטשאַפט מיט ליקנייצקי׳ן איז ניט קיין פּערזענלעכע, נאָר אַ פּאַרטייאישע......

...אָט פּאָרט אַהיים קיין אַסטראַכאַן אַ יונגע רוסישע סטודענטקע, אַ קריסטין (דוכט זיך, אַ טאָכטער פון אַ פּאָפּ, אָבער פון אַ וויטער אידישער אָפּשטאַמונג), אַ גוטע פריינדין פון מיין פרוי — זאָיאַ ראָ־זענפעלד. זי סימפּאַטיזירט זייער שטאַרק מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג און האָט גאַנץ גרויסע סימפּאַטיעס צום „בונד״. דער ענין „טשע״ איז איר באַקאַנט. דער גאַנצער ענין האָט ניט געקענט בלייבן צוליב געוויסע סיבות שטאַרק פאַרקאָנספּירירט. אַזוי, למשל, אַז עס פלעגט פאָרן אַ ח׳טע אַן אָרעמע, אָן זאַכן, און עס פלעגט נויטיק זיין אויסצופילן מיט קליידער און וועש צוויי „טשע״־ס, פלעגט מען מוזן ביי נאָענטע באַקאַנטע סטודענטקעס, ביי אַזוינע, וואָס מען האָט געקענט אָנטרויען דעם סוד, צונויפקלייבן אַלערליי בלוזקעס מיט קליידער, אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין אַלטע טראַנטעס, וואָרעם שמאַטעס פירט מען אין אַן אַלטן פאַר־שטויבטן קאָרב און ניט אין קיין שפּאָגל־נייעם טשעמאָדאַן. ווייסט זי, הייסט דאָס, פון דעם ענין. פאַרן אָפּפאָרן בעט זי איר מיטצוגעבן פאַרן „בונד״ צוויי „טשע״־ס. זי איז, אָבער, פּונקט געווען אויפגעשטאַ־נען פון אַ שווערער קראַנקייט, זיינען מיר איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס און איר געגעבן איינעם. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין

וואַרשע, ביי די מאַטאַלסקי׳ס זיך געזען מיט ליבער׳ן, אים אַלץ ריכ־טיק איבערגעגעבן, און ער איז בשתומם געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אַ קריסטין. דאָס איז, אָבער, דורכאויס ניט געווען די איינציקע קריסטין, וואָס האָט אונז געדינט אין דעם ענין „טשע״. נאָך אַרום 1899 איז פון בערן געפאָרן אַ רוסישע סטודענטקע, קאַטיאַ דעמיאַנענקאָ, און אויך מיטגענומען אַ „טשע״, וואָס ס׳האָט איר באַזאָרגט טימאָפעי. זי איז אַרעסטירט געוואָרן (צוזאַמען מיט מאַנדעלשטאַמ׳ען, רובינטשיק׳ן און אַנדערע) אָנהויב 1902 אין פּעטערבורג, אַרויסגעגעבן דורכן פּראָוואָקאַטאָר גוראָוויטש, אין טורמע פּסיכיש קראַנק געוואָרן, נאָך דער באַפרייאונג צוריקגעקומען קיין בערן און שפּעטער זיך דאָרטן גענומען דאָס לעבן. און נאָך פריער — סוף דעצעמבער 1896 אָדער יאַנואַר 1897 — האָט אַריבערגעפירט פאַר אונז דעם 1טן נומער „אידישער אַרבעטער״ — דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער בונדישער „טשע״ (דריי פערטל יאָר איידער נאָך ס׳האָט זיך פאָרמעל געגרינדעט דער „בונד״) — אַ רוסישער פּעטער־בורגער מעטאַל־אַרבעטער קאַרל קאָך. אויב איר ווילט, ליגט אַ סימבאָל אין אָט דעם אינטערעסאַנטן פאַקט.

צו אונזער בערלינער גרופּע האָבן געהערט סוף 1901 מערערע סטודענטן און סטודענטקעס פון פּוילן, וואָס זיינען שפּעטער אַרי־בער צו דער פּ.ס.ד. און דאָרט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. איי־נער פון זיי איז דער ח׳ האַנעצקי, היינט אַ פאָלקס־קאָמיסאַר אין מאָסקווע. אין האַרבסט 1901 איז ער געפאָרן אַהיים און גענומען 2 „טשע״־ס. ער איז אַ וואַרשעווער, און דאָס באַקוועמסטע וואָלט געווען פאַר אים אָפּצוגעבן די „סחורה״ אין וואַרשע גופא. דער זיץ־אָרט פון אונזער צ. ק. איז, אָבער, דעמאָלט געווען ביאַליסטאָק. צום צ. ק. האָט מען געקענט שיקן, נאַטירלעך, נאָר העכסט צופאַרלע־סיקע מענטשן. האַנעצקי איז געווען דער ערשטער, וועמען מיר האָבן געשיקט דירעקט קיין ביאַליסטאָק. מיט אים איז מיטגעפאָרן זיין שוועסטער (לאַנדוי) און אויך מיטגענומען אַ „טשע״. האַנעצקי האָט אומגעפער אין אַ יאָר אַרום, בלייבנדיק מיט אונז אין גאַנץ נאָענטע באַציאונגען, אָנגעהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן אין דער פּ.ס.ד., און דאָרטן האָט ער דעם ענין „טשע״ מיט אַ גאַנץ גרויסן דערפאָלג אַ געוויסע צייט געפירט ווייטער. קיין סך מענטשן האָט, אָבער, די פּ.ס.ד. אין אויסלאַנד ניט געהאַט, פלעגט ער מייסטנס פאָרן אַליין. די זאַך האָט ביי אים פונקציאָנירט גלענצנדיק......

...מיט איין „טשע״ האָט פּאַסירט ביי אונז אַ מאָדנער קוריאָז.

ס'איז געקומען צו מיר אין אַ שיינעם טאָג פון לייפּציג אַ סטודענטקע קולקעס, אַ ווילנערקע, מיט אַ גוטער רעקאָמענדאַציע פון בלומ'ען, דעם דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פון דער לייפּציגער בונדישער גרופּע. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט איר. זי האָט מסכים געווען מיט אונזער האַרבער דיסציפּלין (קיין שום בריוו, פאָטאָגראַפיעס, נאָטיצן, אַדרעסן א. אַז. וו.) און האָט געוואָלט נעמען צוויי „טשע"־ס. זאַכן, קלידער, וועש א. אַז. וו. האָט זי געהאַט לרוב — אַ באַלעבאַטישע טאָכטער. געגעבן האָב איך איר נאָר איין „טשע". געפאָרן איז זי איבער ווערזשבאָלאָווע. קיין טעלעגראַמע האָב איך פון איר ניט באַקומען און פון ווילנע באַקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט זי אַרעסטירט ביי דער גרענעץ און אָפּ־געפירט קיין פעטערבורג. ווי נשתומם בין איך, אָבער, געוואָרן, ווען איך האָב אין אַ פּאָר חדשים אַרום דערהאַלטן פון ווילנע אַ בריוו, אַז זיי האָבן געקראָגן איצט פון דער ח'טע קולקעס, נאָך דעם ווי מען האָט זי באַפרייט, דעם בערלינער „טשע", און זיי דאַנקען פאַר די פיי־נע מתנות. לאָזט זיך אויס, אַז אַרעסטירט האָט מען זי לויט אַ ציר־קולאַר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. מען האָט זי באַשולדיקט, אַז זי האָט געהערט אין לייפּציג צו אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז צוזאַמען מיט אַ געוויסן סטרוזשאָוו — וועגן דעם האָט מען גערעדט מיט איר אויפן פאַרהער. מען האָט שטאַרק געוואָלט זיך דערוויסן פון איר, ווער עס געהערט אין לייפּציג צו די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס פון „בונד" און „איסקראַ". עס פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט זיך געמאַכט כלא ידע. איר „טשע" האָט מען ביי דער גרענעץ גאַנץ לייכט באַקוקט און קיין זאַך ניט באַמערקט. דאָס זעלבע איז געווען אין דער פעטערבורגער „פּרעד־וואַרילקע" — דער „טשע" איז דאָרטן געשטאַנען אין צעך־הויז, ווי לאַנג זי איז געזעסן. ווען מען האָט זי באַפרייט, האָט מען איר אַרויס־געגעבן דעם „טשע" אין גאַנצן אין אָרדענונג, קיינער איז אין די ווענטלעך ניט געקראָכן. זייער קוריאָז איז געווען די געשיכטע, ווי מען האָט די ח'טע קולקעס אַריינגעפירט אין „פּרעדוואַרילקע". אַנטקעגן טויער האָבן פון 2 קאַמערן געזען צוויי אַרעסטירטע, טאַטיאַנאַ לאַפּינאַ און נאָך אַ ס.־ר.קע, ווי מען פירט אַריין אין הויף אויף אַ דראָשקע אַ פריילן מיט אַ בערלינער „טשע". לאַפּינאַ און די אַנדערע אַרעס־טירטע האָבן גלייך דערקענט, וואָס פאַר אַ „טשע" דאָס איז. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז טאַקע צוליב דעם „טשע" איז געווען דער אַרעסט. זיי זיינען שפּעטער ניט ווייניקער ווי איך נשתומם געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, ווי די געשיכטע האָט זיך געענדיקט. איך האָב זיך געזען מיט לאַפּינאַ אין יאַנואַר 1902 אין

פראָלעטאריער אלער לענדער, פעראייניגט איך!

דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער-בונד אין ליטא, פוילען און רוסלאנד („בונד")

מאסען-העלדען און העלדישע מאסען.

די אידישע בורזשואזיע אין ווארשע איז טרויעריג, זי ערגערט זיך: שטייען פערוואונדעטע און גוטע מענשען, און רך לב, ווי כאראן נאלקען! שטייען בענוצטע און גרוויאסטע מיטעל, ווי באמבעס! זיי, די מה-יפיה-ידען, האבען פערגעסען, אז ערשט ניט לאנג האט מען אין ווארשויער גאסען נאך נא־קע־ים בעפעהל געהרגעט, וועמען מען האט געכאפט; ניט איבערקלייבענדיג, סטרייקענדע ארבייטער צו רוהיגע בעלי-הבתים, און ווי א געשלאגענער הינד, זיינען זיי פאר א גוט ווארט, פאר א גלעט גרייט קושען די הענד, וואס האבען מיט א מינוט צוריק געשמיסען. זיי, די בלוט-זויגער, וועלכע האבען מיט איין ווארט ניט פראטעסטירט, ווען מען האט געהרגעט און פערוואונדעט הונדערטער ארבייטער, זיי שרייען איצט גוואלד, ווען מען האט אנגעריהרט די פאליציי, די בעשיצערין פון זייערע בעדריקער. מיר קענען דעם כאראן נאלקען אויך. מיר ווייסען, אז דער הונד האט פעהריגט דעם שטעקען. מיר פערשטעהען אויך די געפיהלען פון די העלדען, וועלכע האבען דאס אויסגעשאסען. דאס לעבען אין רוסלאנד איז א גיהנום; אויף יעדען טריט און שריט קומט אויס צו זעהען און הערען אזעלכע זאכען, פון וועלכע דאס גאנצע בלוט ווערט אויפגעקאכט; יעדע מינוט טהוען זיך אב אזעלכע גרויזאמע מעשים, וועלכע שרייען, פאדערען ראכע. די זעלבסטהערשאפט דריקט, ווי א שווערע כמארע, און עס געפינען זיך מענשען, וועלכע קענען זיך ניט ערווארטען אויף דעם גליקליכען טאג, ווען דער קעמפפענדער פראלעטאריאט וועט מיט מאכט צוברעכען דעם צארישען יאך און וועט זיך אבדעכענען מיט די תליונים פאר דאס בלוט, וואס זיי האבען פערגאסען; זיי ווילען וואס גיכער נקמה נעהמען, וואס גיכער בעפרייען דאס רוסישע ארבייטער-פאלק פון זיינע שווערע קייטען; און זיי אפפערן זייער לעבען, געהען ארויס אין איין איינצעל-קאמפף מיט די טיראנען און טהוען אויף [illegible] העלדענ-מוטהיגע מעשים. יא, מיר פערשטעהען זיי, די העלדען. פאר אונזער קאמפף אבער האבען אזעלכע איינצעלנע גבורות קיין בעדייטונג ניט. די זעלבסטהערשונג האלט זיך אין רוסלאנד ניט מיט דער גבורה פון די צארען זעלבסט, נאר מיט דעם כח פון זייערע מיליטער, פאליציי און זשאנדארמען. נעגען דער ארמעע פון צאר דארף מען אויסשטעלען ניט קיין איינצעלנע הייפלעך העלדען, נאר אן אנדערע, פיל מאל גרעסערע ארמעע פון קעמפפענדע פאלקס-מאסען. א הייפעלע העלדען ווערט נאך יעדער גבורה וועניגער; א מאסע אבער ווערט נאך יעדער קאמפף מעכטיגער און גרעסער. די לעצטע צוויי מאנאטען האבען אונז בעוויזען, אז די ארמעע, וואס קען און וועט אראבווארפען די זעלבסטהערשונג פון טהראן, איז שוין פארטיג. אויפ'ן קאמפף-פלאץ איז ארויס דער שטארקער פראלעטאריאט מוטהיג און ענטשלאסען און האט פון זיך באלד אויפ'ן ארט פיעל העלדען אויסגעטיילט, העלדען, וועלכע רעדען צו די מאסען אויפ'ן גאס, וואו מען קען יעדער מינוט ערווארטען, אז א קויל זאל דעם מויל אויף אויביג פערשליסען, העלדען, וועלכע טראגען די רויטע פאהן פאר די דעמאנסטרירענדע מאסען און לאזען זי ניט ארויס פון האנד ביז דעם לעצטען לעבענסהויך, העלדען, וואס האלטען דאן פלאמענדע רעדעס צו די מיליטער. הונדערטער טויזענדער בויערן האבען רויטע פאהנען ארויסגעשטעקט און דעם קאמפף אנגעהויבען. די רעוואלוציאנערע ארמעע וואקסט וואס פון טאג; די ארמעע פון צאר אבער ווערט מוטהלאזיגער, אבהענגיגער. מיר הערען אלץ נייע בשורות, ווי דא און דארטען האבען זיך די זעלנער אבגעזאגט צו שיסען אין די ארבייטער. דער לעצטער צוזאמענשטויס איז שוין נאהענט; אין גיכען וועט קומען דער גרייסער טאג פון קאמפף און זיעג. זיעגען וועט די מאסע, ניט קיין איינצעלנע גבורים. און ווען איינצעלנע גבורים זאלטען אפילו געקאנט דערגרייכען דעם ציעל, וואלט עס אויך פיר אונז ניט געלוינט. זיכער איז מען נור מיט דעם, וואס מען האט זעלבסט אין קאמפף געוואונען, און מען איז עס גרייט יעדער מינוט אים קאמפף בעשיצען. מיר ווילען, אז דער פראלעטאריאט זאל בעקומען אלע פאליטישע פרייהייט און ער זאל זי קענען אויסנוצען, אז קיינער זאל זי ביי איהם ניט צונעהמען, קיינער זאל זיינע רעכטע ניט בעגרעניצען; מיר ווילען, די דעמאקראטישע רעפובליק זאל איהם געבען א ברייטען פלאץ צו קעמפפען פאר זיין ענדציעל — פאר דעם סאציאליזמוס. און דאס אלץ וועט מעגליך זיין נור דאן, ווען דער פראלעטאריאט וועט אליין זיין דער שאפער פון זיין פרייהייט, ווען ער וועט אליין זיינע רעכטע אין קאמפף געווינען. מיר גלויבען אין דעם קעמפפענדען פראלעטאריאט, מיר זיינען זיכער אין זיין מאכט און פאליטישען פערשטאנד און מיר ווילען, אז דער פראלעטאריאט אליין זאל אויך גלויבען נור אין זיך, האפען נור אויף זיינע אייגענע קרעפטען. אלץ פאר דעם פראלעטאריאט! אלץ דורך דעם פראלעטאריאט!

אין ארמעע, וועלכע נעהמט צום שטורם ארויס, מוז בעוואפענט זיין. איצט, איידער די מלחמה האט זיך נאך אנגעהויבען, מוז יעדערער זעהען זיך צו בעוואפענען. חברים! גיבט אויס אייער לעצטען גראשען, פערקויפט וואס איהר קענט און קויפט געוועהר!

אין א מלחמה איז יעדער מיטעל גוט, ווען ער פיהרט נור צום ציעל. יעדעס מאל, בעת די קעמפפענדע מאסען פילען אין די נאָענט, מוז מען אויך באמבעס בענוצען; די אויפרייסונגען וועלען איבערשרעקען די מיליטער, זיי צוטומלען, צושפרייטען, און די מאסע וועט ווערען נאך שטארקער ביי זיך און מיט מעהר מוטה בעפאלען דעם שונא. בעת א מאסען-אויפשטאנד מוז מען הרג'נען אדער אין געפענגניס נעהמען די קעפ פון דער אדמיניסטראציאן און מיליטער: דעם אבער-פאליציימייסטער, דעם גובערנאטאר, די העכערע אפיצירען. די פאליציי און מיליטער וועלען בלייבען אהן קאמאנדירען, די דיסציפלין וועט געבראכען ווערען,

פעטערבורג, און זי האָט מיר איבערגעגעבן דעמאָלט די געשיכטע מיט אַלע קאָמישע איינצלהייטן, אַזוי אַז מען וואָלט געקענט מאַכן דערפֿון אַן אמת-פֿריילעכן פֿאַרס.

* * *

אַ סך, אַ סך נעמען זיינען אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן פֿון זכרון. דאָס זיינען די, וואָס איך האָב אָנגערופֿן העלדן אויף 48 שעה. געבליבן זיינען נאָר די נעמען פֿון די, צו וועמען עס איז געווען ביי אונז אַ צוטרוי אָן אַ גרענעץ און אויך אַן אומרואיקייט אַן אַ סוף וועגן זייער

גורל ביי דער גרענעץ. ווען עס פלעגט קומען די שעה, ווען עס פלעגט דאַרפן אָנקומען די טעלעגראַמע, האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט און גע־האַמערט, און ס׳איז ניט מעגלעך געווען צומאָל זיך צו באַרואיקן. געפאָרן זיינען אָפט נאָך כמעט קינדער, 18־19 יאָר אַלט. וואָס וועט געשען מיט זיי, ווען זיי וועלן אַריינפאַלן אין די זשאַנדאַרמסקע לאַ־פּעס? ווי וועלן זיי אַריבערטראָגן די לאַנגע, לאַנגע חדשים אַרעסט, די פאַרהערן, די פאַרשיקונג קיין סיביר? אָבער — ס׳איז דאָ אַ טעלעגראַמע! קורץ און קלאָר, מיט שטראַלנדיקע אותיות: „אור פאַרגעסן״. אַלזאָ — מען קען ווייטער! און עס וואַרטן שוין נייע פּאַסאַזשירן און פּאַסאַזשירקעס.

עס פאָרט פאַניע בעלאָצערקאָווסקי, אַ מיטגליד פון אונזער בער־לינער גרופּע, אַ געקומענע פון יעליזאַוועטגראַד. זי איז רייך, זייער עלעגאַנט, אַן ענערגישע האַלטונג פון אַ דאַמע פון אַריסטאָקראַטישן שטאַנד. זי נעמט צוויי „טשע״־ס. זאַכן האָט זי גענוג. מיט דער דיס־ציפּלין איז זי מסכים אין גאַנצן. צוויי חבר׳טעס, מיט וועלכע זי וואוינט אין איין צימער אָדער אין צוויי שכנות׳דיקע צימערן ביי דער זעלבער ווירטין, פאַרפּאַקן אירע זאַכן אין צוויי פרישע שיינע עלעגאַנטע „טשע״־ס. די זאַכן ווערן אַזוי פאַרפּאַקט, אַז פון אויבן זאָלן ליגן גאַנץ עלעגאַנטע בלוזקעס, דערצו נאָך שטאַרק פאַרפומירט — דער איינדרוק זאָל זיין, ווי דער באַגאַזש פון אַן אַריסטאָקראַטישער דאַמע. די ביידע חבר׳טעס זיינען ווערט, מען זאָל זיי דערמאָנען. איינע איז געווען סאַראַ קראַמינסקי, דעמאָלט אויך אונזערע אַ חבר׳טע (איין מאָל אויך געפאָרן מיט אַ „טשע״), איצט אַ קאָמוניסטקע אין ראַטן־רוסלאַנד. די צווייטע ח׳טע — איצט די פרוי פון קאַמענעוו, אָלגאַ בראָנשטיין; זי איז קיין בונדאָווקע ניט געווען. איך געדענק ניט גענוי, צי די ח׳טע בעלאָצערקאָווסקי האָט געמאַכט איין יאַזדע אָדער צוויי. געשיקט האָבן מיר זי דירעקט קיין ביאַליסטאָק, ס׳איז אַלץ דורך אויסגעצייכנט. ניט אַזוי איז, אָבער, לײדער, דער ח׳טע בעלאָ־צערקאָווסקי שפּעטער געגאַנגען אין איר פּריוואַטן לעבן: בשעת די פּאָגראָמען אין דער אוקראַינע אין 1919 האָבן פּאָגראָם־באַנדיטן אויס־געשאָכטן איר גאַנצע משפּחה, און צו דער זעלבער צייט איז אויפן פראָנט אין בירגער־קריג דערשאָסן געוואָרן איר מאַן. אַזוי אַז אויף דער וועלט איז זי געבליבן איינע אַליין מיט אַ קליין קינד. וואו די חבר׳טע איז איצט, ווייס איך ניט.

געווען ביי אונז אין די אויסלענדישע גרופּעס, אין פאַרשיידענע שטעט, דריי שוועסטער און איין ברודער זייצעוו. צוויי פון זיי אָדער

אַלע דריי זיינען זיי געפאָרן אַהיים מיט „טשע"־ס. די איינצלהייטן געדענק איך ניט. איינע פון די שוועסטער האָט שפעטער חתונה גע־האַט מיט אַ פּראָפעסאָר אין באַזעל. דער ברודער איז, דוכט זיך, אויך ערגעץ וואו אין אויסלאַנד אַ פּראָפעסאָר.

זייער נוצלעך איז אונז געווען אין דעם ענין „טשע" אַ ח'טע ראָזע וואָלפסאָן. איין אָדער צוויי מאָל אַליין געפאָרן און שטאַרק מיטגעהאָלפן אין דעם ענין בכלל. וואו זי איז אַהינגעקומען אין דער וועלט, ווייס איך ניט.

עס שטייט מיר אויף אין מיין זכרון דאָס בילד פון אַן אומפאַר־געסלעכן חבר — דוד מיצשניק פון קישענעוו. אָבער דאָ וויל איך זיין נאָמען ניט מער ווי נאָר דערמאָנען צום גוטן. וועגן אים וועל איך שרייבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט באַזונדער. געפאָרן איז ער צוויי מאָל.

דוד מאַכלין — אָט שטייט ער פאַר מיינע אויגן פאַר זיין אָפּפאָר מיט זיין ערשטן „טשע". ער איז דעמאָלט נאָך געווען אין אונזערע רייען אַ נייער מענטש. און פון יענעם טאָג אָן איז ער אַזוי ווי צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיטן „בונד", אַזוי אַז ביז 1906 איז קיין שום אַר־בעט ביים אויסלענדישן קאָמיטעט ניט געטאָן געוואָרן אָן דעם אָדער יע־נעם אָנטייל פון מאַכלינ'ען. פון 1906 און שפּעטער איז ער שטענ־דיק געווען דער סעקרעטאַר, דער קאַסיר, דער אַרכיוואַר און וואָס איר ווילט ביים צ. ק. אין רוסלאַנד.

ראָזע לעוויט (פרידע) — דורך אַזאַ מענטשן האָט מען, אייגנט־לעך, קיין ליטעראַטור ניט געטאָרט שיקן. זי איז געווען אַ צו טייערער מענטש דערצו. אָבער אויף דעם קאָמפּראָמיס איז דער אויסלענ־דישער קאָמיטעט איינגעגאַנגען, ווען עס איז דרינגענדיק נויטיק געווען אָפּצושיקן די רוסישע און פּוילישע אויסגאַבעס פון נומער 25 „אַר־בעטער־שטימע" (די אידישע אויסגאַבע האָט זיך געדרוקט אין וואַר־שע גופא) און נאָך אייניקע זאַכן. זי איז געפאָרן איין אָדער צוויי מאָל (סוף 1901). ביים אָפּפאָרן אין גאַנצן צוריק קיין רוסלאַנד צו דער אַרבעט, זומער 1902, האָט זי, אָבער, קיין ליטעראַטור ניט גע־קראָגן.

דורך פרידע'ן ווערט אַרויסגערופן אין זכרון דער נאָמען פון אַן אַנדער ח'טע, נאָך אַ גאַנץ יונגער סטודענטקע, — ראַשעל לוריע פון קאָוונע. זי איז געווען אַ גוטע פריינדין פרידע'ס און אפשר אירע אַ ווייטע קרובה. גלייך נאָך איר קומען האָט זיך איר פאַרוואָלט מאַכן

אַ יאַזדע מיט אַ „טשע". ס'איז אַלץ דורך בשלום. צו אָפּט האָט, אָבער, אַ מענטש ניט געקענט פּאַרן. איז זי אומצופרידן געווען מיט אונזער פּאַרזיכטיקייט און קאַלטקייט. אָט די שטימונג אירע האָט אויסגע־נוצט דער פּאָרשטייער פון דער פּאַרטיי ס.־ר. לעווידי (חיים לעוויט), וואָס האָט איבערהויפּט געהאַט — שוין אַלס אַ וואונדערבאַרער מענטש אַליין — אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף די יונגע חברים, און ס'איז אים געלונגען זי אַריבערצוציען פון אונזער גרופּע צו דער פּאַרטיי ס.־ר. זי האָט שפּעטער אָנטייל גענומען אין די וויכטיקסטע טעראָריסטישע אַקטן פון דער ב. אָ. (זי פיגורירט ביי סאַווינקאָוו'ן אין „קאָן בליעדני" אַלס באַלעבאָסטע — אַ שאַנסאָנעטן־זינגערין — פון דער קאָנספּיראַ־טיווער קוואַרטיר). ווען אַזעוו, אירער אַן אינטימער פריינט, איז דעמאַסקירט געוואָרן, האָט זי זיך גענומען דאָס לעבן.

(פון „אונזער צייט", וואַרשע, יולי, 1928).

די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד"

אין די לעצטע טעג דעצעמבער 1901 און די ערשטע טעג יאַנואַר 1902 איז פאָרגעקומען אין בערן דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". דאָס איז געווען אַן אויפטו, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין שפּעטערדיקן לעבן פון אונזער גאַנצער פּאַרטיי.

די ערשטע בונדישע קאָלאָניע אין בערלין

די אידישע יוגנט, פאַר וועמען עס זיינען אין אַלטן רוסלאַנד און פּוילן פאַרשפּאַרט און פאַרמויערט געווען אַלע וועגן צו אַ וועלט־לעכער בילדונג, האָט זיך שטענדיק געריסן איבער דער גרענעץ, אין די פרייע גרויסע לענדער פון מערב־אייראָפּע. ישיבה־בחורים, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די דרכים פון דער תורה, וואָס האָבן, אָבער, דערביי געגאַרט אויך נאָך דער „ליכט פון דער השכלה", פלעגן שוין מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק בגנבה אַריבערשפּרייזן די פּרייסישע גרענעץ און זיך לאָזן צו פוס, אויסשטרעקנדיק אונטער־וועגנס די האַנט נאָך אַ שטיקל טרוקן ברויט, אין די רייכע צענטערס פון אידישן ישוב אין פּרייסן, כדי דאָרטן צו זוכן דאָס, נאָך וואָס זיי האָבן געשטרעבט. . . . .

אין די 60ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנ־געהויבן איינצופונדעווען אַ אידישע בורזשואַזיע, האָט זי אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו שיקן אירע קינדער שטודירן אין אויסלאַנד, ניט געקוקט דערויף, וואָס די טירן פון די רוסישע הויכשולן זיינען אין יענע יאָרן געווען אָפן פאַר דער אידישער יוגנט. איינצלנע אי־דיש־רוסישע און אידיש־פּוילישע סטודענטן אין אייראָפּעאישע אוני־ווערסיטעטן געפינען מיר שוין פון פריער. אָבער אין אַ גרעסערער צאָל באַווייזן זיי זיך ערשט אין די 60ער—70ער יאָרן. זייער בור־זשואַזע אָפּשטאַמונג האָט זיי ניט באַשיצט פון סימפּאַטיעס צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און נאָך אין די 70ער יאָרן קאָן מען אויסגעפינען שפּורן פון אידיש־רוסישע און אידיש־פּוילישע סאָציאַ־ליסטישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן פון אַלערליי גרויסע אייראָפּעאישע צענטערס. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס

האָבן געהאַט פאַרבינדונגען — ביים טראַנספּאָרטירן איבער דער פּריי־סישער גרענעץ רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור קיין רוסלאַנד — מיט אידישע סאָציאַליסטישע סטודענטן אין קעניגסבערג, לייפּציג און בערלין. אייניקע פון יענע סטודענטן לעבן נאָך עד היום (באָרעל, גור־רעוויטש, אַראָנסאָן א. אנד.).

גאַנץ גרויס איז געוואָרן דער צושטראָם פון אידישע סטודענטן פון רוסלאַנד און פּוילן נאָך די ערשטע פּאָגראָמען פון 1881. דאַ־מאָלסט זיינען צוליב די סימפּאַטיעס צו די רוסישע אידן באַשאַפן געוואָרן אין אויסלאַנד פאַרשיידענע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטן פאַר דער אידישער שטודירנדיקער יוגנט פון די מזרח־לענדער, און דאָס איז געוואָרן אַ צוציאונג פאַר נייע יונגע קרעפטן, וואָס האָבן געשטרעבט סיי צו בילדונג, סיי צו לעבן אין אַ לאַנד אָן פּאָגראָמען. אָבער באַזונדערס שטאַרק איז געוואָרן דער צופלוס פון דער אידישער שטודירנדיקער יוגנט פון די מזרח־לענדער אין מערב־אייראָפּע — נאָכן יאָר 1887, ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער 3טער האָט איינ־געפירט די אַזוי גערופענע פּראָצענט־נאָרמע, לויט וועלכער עס האָבן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן געקאָנט אָנגענומען ווערן ניט מער ווי 3־5 פּראָצענט אידן פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן, און אין מאַנכע רוסישע הויכשולן — קיין איינציקער איד ניט. פון דאַן אָן האָט זיך אָן אָן אויפהער געלאָזן די אידישע שטודירנדיקע יוגנט פון רוסלאַנד און פּוילן צו אַלע אוניווערסיטעטן פון יענע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, וואו דאָס לעבן און דער שכר־לימוד אין די אוניווערסיטעטן זיינען געווען מער אָדער ווייניקער צוגעפּאַסט צו די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון אונזער יוגנט. דאָס איז געווען כמעט אומעטום, אויסער די סקאַנדינאַווישע לענדער און ענגלאַנד, וואו דער שכר־לימוד איז געווען אומגעוויינטלעך גרויס.

דער צושטראָם איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די לעצטע יאָרן פון קריג האָבן זיך געלערנט אין דער שווייץ אַליין אין זעקס־זיבן שווייצאַרישע אוניווערסיטעטן מער ווי 2,000 סטודענטן פון רוסלאַנד און פּוילן, דערפון זיכער דריי־פערטל אידן. אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער צוזאַמען האָט די צאָל שטודירנדיקע פון רוסלאַנד און פּוילן זיכער באַטראָפן מער ווי 20,000.

צו דעם מוז צוגעגעבן ווערן אויך אַ גאַנץ היפּשע אידישע אַר־בעטער־עמיגראַציע, וואָס האָט זיך געצויגן שויך, אַזוי צו זאָגן, פון אייביק־אָן און זיך זייער שטאַרק געלאָזט מערקן אַרום יאָר 1900 אין בערלין און נאָך פריער אין פּאַריז. אין בערלין, למשל,

איז אין די יאָרן 1896 ביז 1900 באַשאַפן געוואָרן די ציגאַרעטן־בראַנזשע מיט די הענט פון אונזערע אידישע אַרבעטער און אַרבע־טערינס, צוגעוואַנדערטע כמעט אַלע אָן פּאַספּאָרטן, אין בעסטן פֿאַל מיט פרעמדע פּאַספּאָרטן, פון ווילנע און גראָדנע. זיי זיינען אַלע דורכגעגאַנגען די דאַמאָלסטדיקע בונדישע שול, אַזוי צו זאָגן, דעם צוגרייטונגס־קלאַס פון דער גרויסער פּאָליטישער הויכשול, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגערופן „בונד״. די פּיאָנערן פון „בונד״: אַרקאַדי, גליעב א. אַנד., וואָס האָבן אין די ניינציקער יאָרן געאַרבעט אין ווילנע, האָבן די אַלע פּאַפּיראָסניקעס און פּאַפּיראָסניצעס, וואָס האָבן זיך באַ־זעצט אין בערלין, געקענט פערזענלעך, אַזוי ווי מען קען אַ מיט־גליד פון דער אייגענער משפחה. לעבנדיק אין בערלין, האָבן זיי אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט ווילנע, גראָדנע, ביאַ־ליסטאָק און וואַרשע, האָבן דאָ באַקומען יעדער בלעטל, וואָס איז דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, און זיינען שטענדיק באַהילפיק געווען יעדערן, וואָס פלעגט קומען פון דאָרטן אַהער אָדער פאָרן פון דאַנען צוריק קיין רוסלאַנד.

איך ווייס ניט, צי די פּאַפּיראָסניקעס זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבן אין בערלין געגרינדעט די בונדישע גרופּע, אָבער אַז זיי זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבן באַשאַפן די סביבה, אין וועלכער די גרופּע איז אַנטשטאַנען, דאָס ווייס איך אויף באַשטימט. איך ווייס אויך ניט, ווען די בונדישע גרופּע אין בערלין איז געגרינדעט געוואָרן. איך ווייס נאָר, אַז אין 1898 איז זי שוין געווען. דאַמאָלסט איז געזעסן דאָ, אין בערלין, אַלס פּראָפעסיאָנאַל פון „סאָיוז רוסקיך סאָצ.־דעמ.״ (אויסלענדישער פאַרבאַנד פון רוסישע סאָצ.־דעמ.), פּאַוועל בערמאַן, איינער פון די פּיאָנערן פון „בונד״. פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָבן דאַמאָלסט געלעבט אין בערלין י. דאַווידזאָן און דוד פּינסקי, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט ביידע גערעכנט פאַר בונ־דיסטן. פּינסקי איז נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע נאָך יאָרן־לאַנג געווען אַ געטרייער בונדיסט; דאַווידזאָן איז אַוועק פון „בונד״ אָנהויב 1901, באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער „איסקראַ״. אַ סאָ־לידן באַזיס האָט די בונדישע גרופּע באַקומען אין בערלין אין 1899, אַ דאַנק דער ענערגישער און געטרייער אַרבעט פון מאַיסיי גורעוויטש, וואָס איז דאַמאָלסט אָנגעקומען קיין בערלין נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט אין פּעטערבורג, וואו ער האָט זיך שוין פריער געהאַט באַטייליקט אין סטודענטישע סאָציאַליסטישע קרייזן. די גרופּע, וואָס איז פון אים באַשאַפן געוואָרן אָדער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף

אַ סאָלידן פונדאַמענט, האָט שפּעטער קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אַפילו ניט בשעת'ן קריג, און מען קאָן זאָגן, אַז די גרופּע פון פּוילישן בונד, וואָס עקזיסטירט איצט אין בערלין, איז אַן אוממיטל־באַרער המשך פון יענער.

אין דער זעלבער צייט, ווען גורעוויטש איז געקומען קיין בערלין פון פּעטערבורג, איז געקומען פון מינסק קיין בערלין ליובאַ יוזעפּאָ־וויטש, שפּעטער — פון וויטעבסק — וואָלף שאַליט, אַ רייע יונגע חברים פון האָמעל, און עס האָט זיך באַשאַפן אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין רוסלאַנד אין דער באַוועגונג, ד. ה. מיט אַ געוויסן פּאַרטייאישן „סטאַזש", מיט גוטע פאַרבינדונגען סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד און, די הויפּטזאַך, מיט אַ פעסטן ווילן צו אַרבעטן און צו ברענגען נוצן דער באַוועגונג. אין 1900 זיינען צוגעקומען צו יענע אין בערלין אברהם קיסין, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַרום צוויי יאָר, אָפּפאָרנדיק פון דאָרטן אַן אַנטוישטער און אַ דערשלאָגענער; דער שרייבער פון די שורות — פון וואַרשע; יאַקאָוו פירסטענבערג און זיינע אַ שוועסטער, פרידע, רחמיאל און אַ רייע אַנדערע. פון די, וואָס האָבן דאַמאָלסט געהערט צו אונזער בונדישער גרופּע, וויל איך דאָ פאַררעגיסטרירן: פרידאַ איכאַק, איצט פרוי דאָקטאָר רובינער, אַ דייטשע בירגערין, איינע פון די פּאָליטישע פירערינס פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; מאָיסיי כאַנדזשי, שפּעטער דער באַגרינדער פון דער רו־סישער אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאנט צו פאַרצייכענען די נעמען פון די אַלע, וואָס האָבן דאַמאָלסט געהערט צו דער בונדישער גרופּע אין בערלין, אָבער אָנרופן אַ נאָמען אָן אַ כאַראַקטעריסטיק און אַ ביסל כראָנאָלאָגישע דאַטעס וועגן דעם מענטשן האָט קיין זין ניט און זיך אָפּשטעלן אויף יעדער מענטשן באַזונדער וואָלט געווען אַ צו שווערער ענין, וואָרעם דורך דער בערלינער גרופּע (איך בין פאַרבליבן אין איר ביז האַרבסט 1902) איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשער צענדליק מענטשן, וועגן וועלכע עס וואָלט געווען אַ סך צו זאָגן.

בערלין איז פאַרן „בונד" געווען זייער אַ וויכטיקער פונקט — אין פּאָליטישער הינזיכט צוליב דער פאַרבינדונג מיט דער דייטשער פּאַרטיי, מיט דער דייטשער ס.־ד. פּרעסע און ד. גל; אין טעכנישער הינזיכט — אין צוזאַמענהאַנג מיטן ליטעראַטור־טראַנספּאָרט פאַר רוסלאַנד און פּוילן. צוליב אָט די זייער וויכטיקע פונקציעס פלעגט אין די ערשטע יאָרן קומען קיין בערלין און פאַרבלייבן דאָרטן אַ לענ־

גערע צייט דער חבר דזשאַן (יוסף מילל). איך גלויב, אַז צום ערשטן מאָל איז ער צוליב דעם געקומען קיין בערלין אין 1899. אין אויס־לאַנד האָט ער זיך געפונען זינט זומער 1898, און אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז דאַמאָלסט געווען אין אויסלאַנד, איז ער ניט אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע דעם 26טן יולי 1898, אין דעם טאָג, ווען עס זיינען לויטן באַפעל פון זובאַטאָוו׳ן דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־אַרעסטן אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד״ און עס זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן כמעט אַלע וויכטיקערע פאַרשטייער פון בונד״. אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס זובאַטאָוו האָט דאַמאָלסט אָנגעטאָן דעם „בונד״, איז דער אומשטאַנד, וואָס דזשאַן איז געבליבן אויף דער פריי, געווען פאַרן „בונד״ אַ גליק, וואָס קאָן ניט הויך גענוג אָפּגעשאַצט ווערן. סוף 1898, אַלזאָ אין פיר מאָנאַטן נאָך דעם, ווי עס זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן אין רוסלאַנד דער ערשטער צענטראַלער קאָמיטעט (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, אברהם מוטניק) און אַרום הונ־דערט פון די אַקטיוויסטע טוער פון „בונד״ אויף די ערטער און עס איז געכאַפּט און קאָנפיסקירט געוואָרן די באַברויסקער דרוקע־ריי, — האָט חבר דזשאַן, מיט דער הילף פון טימאָפעי קאָפּעל־זאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד נאָך פריער, געגרינדעט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״, וואָס האָט שפּע־טער געשפּילט אין לעבן פון „בונד״ אַזאַ גרויסע ראָלע. די בערלי־נער בונדישע גרופּע האָט אין אירע ערשטע יאָרן געאַרבעט אונטער אַ באַזונדערס שטרענגן קאָנטראָל פון חבר דזשאַן און צייטווייליק אויך פון קאָפּעלזאָנ׳ען און אַ דאַנק דעם האָט איר אַרבעט אין יענע יאָרן געבראַכט אַזעלכע גוטע רעזולטאַטן.

די באַדייטונג פון דער בערנער רוסישער גרופּע

אָבער די ערשטע גרופּע, וואָס האָט שפּעטער אָנגענומען אַ בונ־דישן כאַראַקטער, איז אַנטשטאַנען ניט אין בערלין, נאָר אין בערן, אין דער שווייץ. אידישע אַרבעטער זיינען דאָרטן אין יענע יאָרן אַבסאָלוט ניט געווען, די פּיאָנערן פון דער בונדישער גרופּע אין בערן זיינען געווען אויסשליסלעך סטודענטן. ווי ווייט מיר איז באַ־קאַנט, איז דער ערשטער פון זיי געווען בלומשטיין. ער האָט זיך באַזעצט אין בערן (געקומען אַהין פון וויטעבסק אָדער רעזשיצע, אויב איך האָב קיין טעות ניט) אַרום 1894־1895. שפּעטער זיינען צוגעקומען טיומין (דאָס ערשטע מאָל איז ער דאָרטן געווען 1896־1897; דאָס צווייטע מאָל געקומען אַהין זומער 1901), עפּראָס („ירושלמי״),

אַרום 1898 איז געקומען עזרא, גלייכצייטיק אויך מאָרוסיא ריינוס. געווען אויך פאַרשיידענע אַנדערע, אָבער, ווי איך האָב שוין באַ־מערקט, אַנרופן אַלעמען איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

די באַדייטונג פון דער בערנער גרופּע איז אין די ערשטע יאָרן באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס אייניקע פון איר האָבן געהאַט איניציאַטיוו און פעאיקייטן אויפן ליטעראַרישן געביט און זיינען געווען אין די ערשטע יאָרן אין אויסלאַנד כמעט די איינ־ציקע ביי אונז, וואָס האָבן געשריבן אידיש; רוסיש־שרייבנדיקע האָבן ביי אונז קיין מאָל ניט געפעלט. בלומשטיין האָט אָנגעשריבן אַ ריי זאַכן, וואָס זיינען שפּעטער אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון אויסלענדישן קאָמיטעט, למשל „אַ מעשה פון פיר ברידער" — זייער אַ געלונגענע זאַך לויטן מוסטער פון דער דאַמאָלסט זייער פּאָפּולערער בראָשור פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אונטערן זעלביקן נאָמען, אָבער גוט צוגעפּאַסט צום אידישן לעבן. בלומשטיין האָט געשריבן אויך אין „אידישן אַרבע־טער". די ערשטע נומערן פון „אידישן אַרבעטער" זיינען אין גאַנצן צונויפגעשטעלט געוואָרן פון צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד און די פונקציע פון די אויסלענדישע חברים איז דערביי געווען אַ ריין טעכנישע: דרוקן און איבערטראַנספּאָרטירן. שפּעטער, ווען „דער אידישער אַרבעטער" איז אין גאַנצן אַריבער אין די הענט פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט (1899), זיינען בלומשטיין אַלס מיטאַרבעטער און אַנדערע בערנער חברים אַלס איבערזעצער זייער צוניץ געקומען. די בערנער גרופּע האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו איבערצוזעצן אויף אידיש „דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס איז אַ דאַנק אירע באַמיאונגען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אויסלענדישן קאָמיטעט צום ערשטן מאָל אויף אידיש אין 1899. בכלל איז בערן געווען פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט אַן ערנסטע הילפס־גרופּע פאַר איבערזעצונ־גען. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אַלע אָן אויסנאַם מיטגלידער פון דער בערנער גרופּע האָבן זיך געלערנט שרייבן אידיש, האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, שטאַרק „אידישיזירט" און אַריינגעטראָגן אַ שטאַרקן עלעמענט פון אידישיזאַציע (שפּראַך, אינטערעס צו דער אידישער ליטעראַטור, צו די טאָג־פּראָגעס פון אינערלעכן אידישן לעבן און ד. גל.) אין גאַנצן לעבן פון דער בונדישער אויסלענדישער אָרגאַ־ניזאַציע.

די רואיקייט פון לעבן אין דער שווייץ איז געווען זייער גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס. רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָרטן געקאָנט אָפּהאַלטן פאַר־

זאַמלונגען, עפנטלעכע מיטינגען, אַפילו מאַכן דעמאָנסטראַציעס, וויפל זיי האָבן געוואָלט, — די פּאָליציי האָט זיי כמעט קיין מאָל ניט געשטערט.

אַן אומלעגאַלער רעפעראַט אין בערלין פלעגט געמאַכט ווערן שטרענג קאָנספּיראַטיוו. נאָר געציילטע מענטשן פלעגן איינגעלאַדן ווערן אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג. פון ציוניסטישן לאַגער פלעגן מיר אין יענע יאָרן אין בערלין יעדער מאָל איינלאַדן נחום סירקינ׳ען, דעם שפּעטערדיקן באַגרינדער פון דער פּאַרטיי ס.־ס., און לעאָן מאָצקינ׳ען, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט גערעכנט פאַר אַן אויפריכטיקן דעמאָקראַט. צו זיי ביידן האָט מען אין יענע יאָרן אין פּאָליטישער הינזיכט געקאָנט האָבן פולן צוטרוי, און אויסער דעם האָבן מאַנכע געוואונטשן אויסצוהערן זייער מיינונג אין געוויסע פראַגעס, וואָס זיינען נוגע דעם אידישן לעבן. אויסער סירקינ׳ען און מאָצקינ׳ען האָבן זיך אויף אַ געהיימער בערלינער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג געקאָנט געפינען נאָר אייגענע פּאַרטיי־חברים: בונדיסטן, רוסישע און פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אין בערן, ציריך, זשענעווע האָט דאָס לעבן פון די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס געטראָגן אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. רעוואָלוציאָנערע רעפעראַטן — גאַנץ אָפן, די גאַנצע קאָלאָניע האָט געקאָנט קומען צו אַזאַ רעפעראַט. באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען אין דער הינזיכט געווען די דריי אָנגערופענע שווייצאַרישע קאָלאָניעס. רעוואָלוציאָנערע רעפעראַטן מיט הייסע ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך באַטייליקן צענדליקער מענטשן, — דאָס איז געווען אַן אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע אין בערן, ציריך, זשענעווע און טיילווייז אויך אין לאָזאַן.

די אויסלענדישע גרופּעס פון „בונד" האָבן זיך באַוויזן אויף דער שווייצאַרישער אַרענע אין אַ גרעסערער צאָל גראַד דאַן, ווען די גרויסע רעדנערישע שלאַכטן צווישן דעם רוסישן מאַרקסיזם און דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער נאַראָדניטשעסטווע האָבן זיך געהאַט פאַרענדיקט. ס׳איז געווען אין יענע קאָלאָניעס אַ טראַדיציע און אַן ערנסטע גייסטיקע באַדערפעניש אויסצוהערן ביידע צדדים. דער גלענצנדיקסטער רעדנער פון רוסישן מאַרקסיזם אין דער שווייץ איז צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד געווען פּלעכאַנאָוו. דער באַליבטסטער רעדנער פון די נאַראָדניקעס איז אין די ניינציקער יאָרן געווען זשיטלאָווסקי. ווען יענע גרויסע רעדנער־שלאַכט איז שטיל געוואָרן — דאָס איז געווען אין 1900, — האָבן מיר, מאַרקסיסטן, געהאַט דאָס

געפיל, אַז געזיגט האָבן מיר; ווייטערדיקע דעבאַטן מיט די נאַראָד־ניקעס האָבן פאַר אונז דאַמאָלסט מער קיין שום אינטערעס ניט געהאַט. איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ געפיל עס האָט געהערשט אין לאַגער פון די נאַראָדניקעס. דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט, וועןביידע לאַגערן האָבן זיך קאָנסאָלידירט, זיך פאַרפעסטיקט און זיינען צוגעטראָטן צו אַ גרויסער מאַסן־אַרבעט.

אויף די קאָלאָניע־פאַרזאַמלונגען אין בערן, ציריך און זשע־נעווע זיינען אַרויפגעשוואומען נייע טעמעס: די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד און ד. גל. אין גיכן זיינען די טעמעס געוואָרן אומ־געהויער פּאָפּולער און די דעבאַטן אַרום זיי זיינען געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפטלעכקייט. די פּאָליטישע פרייהייט פון לאַנד און דער ליידנשאַפטלעכער אינטערעס פון די אוידיטאָריעס האָבן באַשאַפן אַ גינסטיקן באָדן, אויף וועלכן עס האָבן זיך אַנטוויקלט מערערע גרויסע רעדנערישע טאַלאַנטן און אַן אַ שיעור מיטלמעסיקע. די שווייצאַרישע קאָלאָניע־פאַרזאַמלונגען זיינען אין יענע יאָרן געווען אין פולן זין פון וואָרט פּאָליטישע רעדנער־שולן.

אין בערן האָט צום ערשטן מאָל אין האַרבסט 1901 גענומען אַ וואָרט אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אַ שטילער, באַשיידענער יונגער מענטש, וואָס האָט זיך אין גאַנצן מיט פיר יאָר שפּעטער — סוף 1905 — גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע און אפשר פאַרן בעסטן רעדנער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד: מעדעם.

אין בערן איז אין 1900 צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג ליבער (דאַמאָלסט „איסאַקאָוו") — שפּע־טער אויך איינער פון די גרעסטע רעדנערישע טאַלאַנטן אין רוסלאַנד. אָנהויב 1903 האָט זיך אין ציריך באַוויזן אַ יונגער חבר פון ריגע („דימענט") — אַ זייער גוטער רעדנער, אַ באַזונדערס שאַרפער דע־באַטאַנט. דאָס איז געווען חבר אַבראַמאָוויטש.

די בערנער גרופּע האָט זיך גוט אַנטוויקלט, אויך אַ דאַנק דעם אומשטאַנד, וואָס אין האַרבסט 1900 איז בערן געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט דער זיצאָרט פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". ביז אַווגוסט 1900 איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט באַשטאַנען פון די חברים דזשאַן און קאָפּעלזאָן. מעגלעך, אַז פאָרמעל האָט צום קאָ־מיטעט געהערט נאָך ווער (דוכט זיך, פּאַוועל בערמאַן), אָבער פאַר דער אויסנוועלט זייינען באַקאַנט געווען נאָר זיי ביידע. אין אַווגוסט 1900 זיינען געקומען פון רוסלאַנד, אָקערשט באַפרייט פון דער

מאָסקווער טורמע נאָך צוויי יאָר זיצן, אַרקאַדי קרעמער און וולאַ־דימיר קאָסאָווסקי. סוף דעצעמבער 1900 איז געקומען גליעב. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט דורך זיי באַקומען, נאַטירלעך, אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. קאָסאָווסקי און גליעב, צייטווייליק אויך קאָפּעל־זאָן, האָבן זיך באַזעצט אין בערן און זיינען אַריינגעטראָטן אַלס מיטגלידער אין דער בערנער גרופּע.

דער „בונד" און די „איסקראַ"

איך ווייס, ליידער, ניט, ווען עס זיינען אַנטשטאַנען די בונדישע גרופּעס אין אַנדערע שטעט. אויף באַשטימט ווייס איך, אַז אין 1900 זיינען שוין געווען גרופּעס אין אַלע שווייצאַרישע אוניווערסיטעט־שטעט, אין פּאַריז און אין אַ ריי דייטשע אוניווערסיטעט־שטעט. אין פּאַריז איז געווען פון אָנהויב אָן פּאַראַלעל מיט דער אינטעליגענטי־שער סטודענטן־גרופּע אַ בונדישער אַרבעטער־פּאַראיין. ביידע אינ־סטיטוציעס האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרשמעלצן אין איינער צוליב פאַרשיידענע ערנסטע טעמים. אין לאָנדאָן איז באַשאַפן געוואָרן אין האַרבסט 1901, ווען עס האָט זיך אַהין אַריבערגעטראָגן דער אויס־לענדישער קאָמיטעט (ער איז דאָרטן פאַרבליבן ביז סוף 1903; פון יאַנואַר 1904 ביז נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917, ווען ער האָט זיך אַליין ליקווידירט, האָט ער זיך געפונען אין זשענעווע), אַן אַרבע־טער־פּאַראיין „וועקער". אַן אינטעליגענטישע גרופּע האָט אין לאָנ־דאָן קיין מאָל ניט עקזיסטירט אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם. אַן אַר־בעטער־פּאַראיין, פּאַראַלעל מיט דער אינטעליגענטשיער גרופּע, האָט אין פאַרשיידענע צייטן עקזיסטירט אויך אין בערלין. אַרבעטער־פּאַראיינען און אינטעליגענטישע גרופּעס זיינען געווען אין די סקאַנ־דינאַווישע לענדער, אין אַ גאַנצער ריי טעקסטיל־פּונקטן אין זאַקסן (מייסטנס לאָדזשער וועבער), אין אָפּענבאַך (וואַרשעווער בייטלמאַ־כער), אין מאַנהיים און אין אייניקע שווייצאַרישע פּונקטן פון דער זייגער־בראַנזשע.

אין 1901, ווען די בונדישע אויסלענדישע גרופּעס האָבן זיך אומעטום פאַרפעסטיקט, האָט זיך באַמערקט אין זיי אַן אינטערעסאַנ־טער פּראָצעס: אין אויסלאַנד איז געווען אַ גרויסע צאָל גרופּעס, וואָס האָבן געהערט צום „סאָיוז" (אויסלענדישער פאַרבאַנד פון רו־סישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן). די בונדיסטן זיינען אומעטום אַריינ־געגאַנגען אין דעם באַשטאַנד פון די „סאָיוז"־גרופּעס, און דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָרעם אַ בונדיסט איז דאָך קודם־כל

געווען אַ רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַט. אויף מאַנכע ערטער האָבן די בונדיסטן, געהערנדיק צו דער אַלגעמיינער גרופּע, גלייכצייטיק זיך אויסגעטיילט אין באַזונדערע בונדישע גרופּעס. די ניט־בונדישע מיטגלידער פון „סאָיוז" האָבן אין דעם קיין אפּיקורסות און קיין „סעפּאַראַטיזם" ניט געזען; די באַציאונגען זיינען אין אַלגעמיין געווען גאַנץ גוטע. אין מאַנכע ערטער האָבן די בונדיסטן ביז 1901 זיך איבערהויפּט ניט אויסגעטיילט פון די אַלגעמיינע גרופּעס (צ. ב. אין בעלגיע, אין דרום־פראַנקרייך, אין עסטרייך). אָנהויב 1901, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דער „איסקראַ" און דעם „סאָיוז", זיינען די אידילישע באַציאונגען אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

כדי דער לייענער, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט די איינצלהייטן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־געשיכטע, זאָל וויסן כאָטש אומגעפער, וועגן וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט, מוז באַמערקט ווערן, אַז די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז געווען אַן אויטאָנאָמער טייל, זעלבסט־שטענדיק אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע געווען דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דאַמאָלסט אַלס אַ גאַנצע געשלאָסענע קערפּערשאַפט עקזיסטירט נאָר אויפן פּאַפּיר. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי איז אַרעסטירט געוואָרן גלייך נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפאָר אין מערץ 1898, און פון דאַן אָן זיינען אין רוסלאַנד קיין שום צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי ניט געווען. דער „סאָיוז" איז געווען לויט אַ באַשלוס פון גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (אין מינסק, 1טן מערץ 1898) דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַלזאָ, די איינציקע לעגאַלע פאַרטרעטונג פון דער פּאַרטיי, אמת — אין אויסלאַנד און ניט אין רוסלאַנד גופא, אָבער פאַרט אַ מין סוראָגאַט פון צענטראַלן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ יחוס־בריוו פון גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. דער „בונד", וואָס האָט, צום גליק, אַלע מאָל געהאַט זיין צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד גופא, איז דורך די מיטגלידער פון זיין אויסלענדישן קאָמיטעט, און נאָך פריער די „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן דער „בונד" אין 1897, דורך קאָפּעלזאָנ'ען, שטענדיק געווען פאַרטראַטן אין „סאָיוז" (איך גלויב, שוין אין 1896, נאָך אין אַלטן „סאָיוז").

אין רוסלאַנד איז מען מיט דער ליטעראַטור, וואָס דער „סאָיוז" האָט אַרויסגעגעבן (און, אגב, מיט דער הילף פון „בונד" גאַנץ גוט

טראַנספּאָרטירט קיין רוסלאַנד), געווען זייער אומצופרידן. מען האָט באַשולדיקט דעם „סאַיוז" אין עקאָנאָמיזם. דערונטער האָט מען פאַרשטאַנען אַזאַ ריכטונג, וואָס האָט אין רוסלאַנד פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק, אַז דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט רייף צו פירן אַ געהעריקן פּאָליטישן קאַמף און אַז די אויפגאַבע פון אַרבעטער־קלאַס איז דערווייל צו פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן זיינע באַלעבאַטים („אַ קאָפּיקע אויף אַ רובל"). אָט אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף וועט דער אַרבעטער זיך צוזאַמענשטויסן מיטן מאַכט־אַפּאַראַט פון דער מלוכה, וואָס וועט אין גאַנצן זיין געווענדט קעגן אים און וועט באַשיצן די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. דער צוזאַמענשטויס וועט עפענען די אויגן דעם אַרבעטער־קלאַס און וועט אים מיט דער צייט רייף מאַכן פאַר אַ פּאָליטישן קאַמף. דערווייל, אָבער, מוז די גאַנצע ענערגיע אָווועקגעלייגט ווערן אויפן עקאָנאָמישן געביט, סיי כדי אויסצובעסערן דורך דעם די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס, סיי אַלס אַ מיטל די אַרבעטער, אַזוי צו זאָגן, צו פּאָליטיזירן.

אין קאַמף קעגן דעם עקאָנאָמיזם פון „סאַיוז" האָט זיך אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט אַן איניציאַטיוו־גרופּע פון ליטעראַטן (מאַרטאָוו, לענין, פּאָטרעסאָוו און אַנד.), וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַשאַפן פאַר דער סאָצ.־דעמ. באַוועגונג אין רוסלאַנד אַ צענטראַל־אָרגאַן מיט אַן אויסגעשפּראָכן־קלאָרער און שאַרפער פּאָליטישער ריכטונג. דער פּלאַן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעצעמבער 1900 אין אויסלאַנד מיטן אַרויסגעבן דעם ערשטן נומער „איסקראַ", וואָס האָט שפּעטער געהאַט אַזאַ אומגעהויערע באַדייטונג אין לעבן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די גרופּע „איסקראַ" האָט אין דער צייטונג גופא און דורך אירע פּראַקטישע טוער אין רוסלאַנד אויף די ערטער שטאַרק באַקעמפט דעם „בונד, באַשולדיקנדיק אים אין נאַציאָנאַליזם און עקאָנאָמיזם. דעם „נאַציאָנאַליזם" פון „בונד" וועלן מיר דאָ לאָזן אין גאַנצן אַן אַ זייט. דאָס איז אַ פראַגע, וועגן וועלכער די געמיטער ביי ביידע צדדים האָבן זיך ביז היינט צו טאָג נאָך ניט באַרואיקט און וועגן וועלכער עס קאָנען זיין, אויך ביי די אויפריכטיקסטע פריינט פון „בונד" פון דרויסן, די פאַרשיידנסטע מיינונגען. אַ פּאָר ווערטער וואָלט, אָבער, נויטיק געווען צו זאָגן וועגן דעם בונדישן עקאָנאָמיזם. די „איסקראַ" האָט באַשולדיקט דעם „בונד" אין עקאָנאָמיזם ניט אַזוי שאַרף און ניט אין דער זעלבער מאָס, ווי זי האָט דערין באַשולדיקט דעם „סאַיוז", און דאָך זיינען אירע באַשולדיקונגען געווען שטאַרק איבערגעטריבן

און דערמיט האָט זי ביי אונז, בונדיסטן, אַרויסגערופן אַ גאַטירלעכע עמפּערונג. געזאָגט מוז, אָבער, ווערן דערביי, אַז אין גאַנצן ריין פון „עקאָנאָמיזם” איז דער „בונד” דורכאויס ניט געווען. שפּורן פון עקאָנאָמיזם געפינט מען נאָך אין דער ליטעראַטור פון דער גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פאַרן „בונד”. און באַזונדערס אָפט באַגעגענען מיר אין די בונדישע אויסגאַבעס אַזעלכע שפּורן אין דער צייט נאָכן אַרעסט פון ערשטן צענטראַלן קאָמיטעט, יולי 1898, ביז אַרום דער צייט פון 4טן צוזאַמענפאָר, פרילינג 1901, ווען דעם נייעם צ. ק. (דער ח' נח און אונזער אומפאַרגעסלעכער פאַוועל ראָזענטאַל) איז געלונגען ווידער אָוועקצושטעלן די פּאָליטישע אָנפירונג פון „בונד” אויף דער זעלבער הויכער ליניע, אויף וועלכער זי איז גע־שטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון ערשטן צ. ק. מעגלעך, אַז דעם עלעמענט פון עקאָנאָמיזם אין אונזער אַגיטאַציע האָבן מיר דאַ־מאָלסט ניט געזען אַזוי קלאָר, ווי מיר קאָנען דאָס היינט פעסטשטעלן לויט די דאַמאָלסטדיקע אויסגאַבעס פון „בונד”. אָבער עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די באַשולדיקונגען פון „איסקראַ” איןביידע „חטאים” זיינען געווען משונה'דיק איבערגעטריבן און האָבן אונז, בונדיסטן, גע־קאָנט נאָר פאַרפעסטיקן אין אונזער איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אין גאַנצן גערעכט און ריין פון יעטווידער חטא. אָט די איבערציי־גונג און דער אומשטאַנד, וואָס די „סאָיוז”־גרופּעס האָבן אָנגעהויבן אָפּ־צושטאַרבן, האָבן געפירט דערצו, אַז די אויסלענדישע גרופּעס פון „בונד” האָבן זיך אומעטום אויסגעטיילט פון די „סאָיוז”־גרופּעס, זיך פאַרפעסטיקט און זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער גרעסטער ענערגיע. עס מוז נאָך באַמערקט ווערן דערביי, אַז אין אונזערע רייען איז מען אויך זייער שטאַרק אומצופרידן געווען מיטן „סאָ־יוז”, און עס האָט זיך געפילט, אַז ער איז פאַראורטיילט צום אונ־טערגאַנג. געמיינזאַמע גרופּעס מיט דער „איסקראַ” זיינען פאַר אונז ניט מעגלעך געווען, וואָרעם די „איסקראַ” איז פאַקטיש געווען קעגן דער גאַנצער עקזיסטענץ פון „בונד”. די געמיינזאַמע גרופּעס מיטן ”סאָיוז” האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרלאָרן יעטווידער אינטערעס פאַר אונז.

צוזאַמענפאָר פון די אויסלענדישע גרופּעס

אָט אין דער אַטמאָספערע פון אויפבלי און פאַרשטאַרקונג האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין האַרבסט 1901 באַשלאָסן צונויפ־צורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אויסלענדישע בונדישע גרופּעס. וואָס

האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געהאַט דערביי פאַר אַ ציל? פון זיין קאָרעספּאָנדענץ פון יענער צייט וועגן דער פראַגע איז, ווי ווייט איך ווייס, גאָרניט איבערגעבליבן, און מען מוז זיך דערביי פאַרלאָזן אין גאַנצן אויפן זכרון. איך גלויב, אַז דער הויפּט־ציל פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז געווען: פאַרפעסטיקן ביי די יונגע חברים זייער אידעאישע צוגעהעריקייט צום „בונד". דאָס איז געווען פונקט אַ האַלב יאָר נאָכן 4טן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אָנגענומען די באַקאַנטע רעזאָלוציע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע — אַ פּרינצי־פּיעלע פּאָזיציע, וואָס איז געווען ניי און האָט אַרויסגערופן, און האָט געמוזט אַרויסרופן, די שאַרפסטע חלוקי־דעות און שווערע ספקות אויך אין אונזערע אייגענע רייען, יעדנפאַלס אין אויסלאַנד. געווען אַ גרופּע — בערן, — פאַר וועלכער דער „בונד" איז געוואָרן ערשט ריכטיק טייער און נאָענט גראַד דורך דער רעזאָלוציע; די גרופּע אין בערלין האָט ניט ווייניקער ליב געהאַט דעם „בונד", ניט געקוקט אויף דער רעזאָלוציע. די דאַמאָלסטדיקע בערלינער גרופּע וואָלט זייער צופרידן געווען, ווען עס וואָלט פּאַסירט אַ נס און די רעזאָלוציע וואָלט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ בייזער חלום און וואָלט אין גאַנצן פאַר־שוואונדן געוואָרן. באַמערקן מוז איך אויסדריקלעך, אַז די באַציאונג פון די בערלינער חברים איז דורכאויס ניט געווען קיין רעזולטאַט פון דער קריטיק, וואָס איז דאַמאָלסט דערשינען אין דער „איסקראַ", אין אָרגאַן פון „סאָיוז" און אין אַנדערע רוסלענדער סאָציאַליסטישע אויס־גאַבעס. די קריטיק איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי קליינלעך און אָפּטמאָל אַזוי העסלעך, אַז זי האָט געמוזט האָבן אַן אַנטקעגנגעזעצטע ווירקונג.

די קעגנערשאַפט צו דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, איך וואָלט געזאָגט, די מורא פאַר איר, האָט זיך גענומען פון אַזעלכע קוואַלן, וואָס זיינען געזעסן טיף אין דעם טראַדיציאָנעל־קאָסמאָפּאָליטן גערדאַנקען־גאַנג פון יעדער סאָציאַליסטישן אינטעליגענט. די „נאַציאָנאַליסטישע" מתנה פון ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאָר האָט קיינעם פון אונז פון „בונד" ניט אָפּגעשטויסן. אָבער אויף יעדער נייעם חבר, וואָס איז אינערלעך צוגעצויגן געוואָרן צום „בונד" גראַד דורך דער ביאַליסטאָקער רע־זאָלוציע, האָבן מיר געקוקט מיט אַ געוויסן חשד. מיר זיינען געווען גענוג דיסציפּלינירט אָפּן ניט אַרויסצואווייזן די געוויסע אומרואי־קייט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין אונזערע מוחות די ביאַליסטאָ־קער רעזאָלוציע. אָבער געפילט האָט זיך ביי אַלעמען, זיכער אויך ביי דעם אויסלענדישן קאָמיטעט גופא, אַן אומזיכערקייט אין דער

באַציאונג צום נייעם פּראָגראַם־פּונקט פון „בונד" און אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט זיך וועגן דעם ענין אויף אַן ערנסטן אופן דורכצו־שמועסן. דאָס, גלויב איך, האָט געמוזט זיין פאַרן אויסלענדישן קאָ־מיטעט דער וויכטיקסטער מאָטיוו פאַרן צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר.

אויסער אָט דער פּרינציפּיעלער פראַגע זיינען געווען אַ רייע פּראַק־טישע אַקטועלע פראַגעס, וואָס זיינען נוגע געווען אַלע גרופּעס און האָבן געמוזט געלייזט ווערן וואָס גיכער.

וועגן דעם, וואו עס זאָל פאָרקומען דער צוזאַמענפאָר, האָבן קיין חלוקי־דעות ניט געקאָנט זיין. דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר אין דער גליקלעכער דעמאָקראַטישער שווייץ — דעם אמת'ן גן־עדן פאַר די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. און אַזוי ווי פון די שווייצאַרישע גרופּעס איז די גרעסטע און די בעסטע געווען אין בערן, איז קלאָר, אַז דאָרטן האָט געמוזט פאָרקומען דער צוזאַמענפאָר. די צייט איז געווען באַ־שטימט אַרום ניי־יאָר, ווען די סטודענטן זיינען פריי פון לעקציעס: די לעצטע טעג דעצעמבער און די ערשטע טעג יאַנואַר. פאַר אַלע דעלעגאַטן זיינען צוגעגרייט געוואָרן ביי די בערנער חברים און חבר'טעס אומזיסטע קוואַרטירן פאַר דער גאַנצער צייט פון צוזאַמענפאָר.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט דעלעגירט צום צוזאַמענפאָר דעם ח' וולאַדימיר קאָסאָווסקי. אויסער אים איז געווען אויפן צו־זאַמענפאָר נאָך אַ מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט — דער ח' גליעב — אַלס איינער פון די דעלעגאַטן פון דער בערנער גרופּע, ניט אַלס פאַרשטייער פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט. די ריכטיקע נעמען פון די דעלעגאַטן זיינען, נאַטירלעך, אין ערגעץ ניט פאַרשריבן, אָבער אַ ריי נעמען פון די דעלעגאַטן זיינען מיר געבליבן אין זכרון און איך וועל זיי דאָ אָנרופן.

די בערנער בונדישע גרופּע האָט זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר אין קאָרפּאָרע און געהאַט צוויי דעלעגאַטן. פון די חברים זיינען מיר געבליבן אין זכרון: בלומשטיין, יודינאַ, דראַבקין, עזראַ, עפראָס, ניעמיראָווסקאַיאַ, מאַניאַ סוראַוויטש (געשטאָרבן אין מאָסקווע 1921), טיומין, פּערלשטיין (געשטאָרבן אין אַ קורצער צייט אַרום אין אָדעס), סלוצקאַיאַ, הלל קאַץ־בלום (לעבט איצט אין קליוולענד) און, אחרון אחרון חביב, מעדעם.

די בערנער גרופּע פון „סאָיוז" איז געווען איינגעלאַדן צום צו־זאַמענפאָר — איך געדענק, אָבער, ניט גענוי, צי נאָר אויף די פּרינ־ציפּיעלע דעבאַטן אָדער אויף דער גאַנצער צייט. אַלס דעלעגאַט

פון „סאָיוז״ איז געווען אויפן צוזאַמענפאָר די ערשטע אײן־צווײ טעג מיכאַאיל קאָגאַן (מישעל קרוגלאָוו, גריניעוויטש). פון דער בערנער „סאָיוז״־גרופּע געדענק איך אויך באָגדאַנ׳ען, אַ פּלימעניק פון פּרוי־פלעכאַנאָוו, געשטאָרבן אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין ראָסטאָוו אָדער טאַ־גאַנראָג; מאַרוסיאַ פּיקער, אַ קיעווער חבר׳טע, אַ שוועסטער פון מאַרטינאָוו׳ן; וויינבערג, אַ האָמלער חבר׳טע.

פון לאָזאַן זיינען געווען יוסף באַסקין (איצט אין ניו־יאָרק) און סאָניאַ טראַכטענבערג (איצט אין מאָסקווע). ווער עס זיינען געווען פון די איבעריקע שווייצאַרישע גרופּעס, געדענק איך ניט.

דער פּאַריזער דעלעגאַט איז געווען מאַקס אָגוז („מאַקסימאָוו״); פון ליאָן — לעאָן בערנשטיין; פון לאָנדאָן (אָדער פון ציריך?) — מאַ־רוסיאַ ריינוס.

די שענסטע דעלעגאַציע, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין צוזאַמענ־פאָר זייער פיל לעבן, טיפּיש־אידישע פריילעכקייט, ערנסט און וואַ־רעמקייט, איז געקומען פון קאַרלסרוע. מיר דוכט, אַז געקומען איז כמעט די גאַנצע גרופּע. אויף באַשטימט קאָן איך אָנרופן: פּאָוועל בערמאַן (ליידער, שוין טויט), לעאָניד קאַראַבאַטשקין (געזעסן זו־מער 1930 אין מאָסקווער טורמע — איין גאָט ווייס פאַר וואָס); צביון — דאַמאָלסט איש תקוה (די העברעאישע איבערזעצונג פון זיין ריכטיקן נאָמען האָפמאַן); פריימאַן־העלער; אַלעס גאָלדע; קאָוואַל־סקי („פּעליכאָוויטש״). איך גלויב, אַז ביי אַלע אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר האָט זיך די קאַרלסרוער דעלעגאַציע באַזונדערס טיף איינגעקריצט אין זכרון. פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער לע־בעדיקסטער, דער ענערגישסטער און דער רייכסטער אין פּלענער און איניציאַטיוו — קאָוואַלסקי. ליידער, איז ער, אָבער, שפּעטער, נאָך זיין אָנקומען אין רוסלאַנד (האַרבסט 1903 אין וואַרשע), ניט צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט און האָט זיך ממש אויסבאַהאַלטן פון אונז אין וואַרשע.

פון מינכען זיינען געווען: אַלעקסאַנדער לעווינסאָן און קאָנ־סטאַנטין לייטעס מיט זיין פרוי.

פון לייפּציג: הערמאַן בלום (איצט אַ קאָמוניסט אין ראַטן־פאַרבאַנד) און דוד מיצשניק (זיך גענומען דאָס לעבן אין פעברואַר 1905 אין זשענעווע).

פון בערלין: פרידע (ראָזע לעוויט), העלענע העלער, עזא ליפּשיץ און דער שרייבער פון די שורות.

פאַר מיר ליגן די האַנטשריפטלעכע פּראָטאָקאָלן פון צוזאַמענפאָר און דער העקטאָגראַפירטער באַריכט, וואָס דער צענטראַל־ביוראָ האָט גלייך נאָכן צוזאַמענפאָר פונאַנדערגעשיקט צו די אויסלענדישע גרופּעס. אָבער זאָל דער לייענער קיין מורא ניט האָבן: איך האָב דורכאויס ניט די כוונה אים צו שטאַרק צו באַלאַסטן מיט די אַלטע, אגב — דורכאויס ניט פאַרשטויבטע, אַרכיוו־דאָקומענטן. אָבער אַ פּאָר בליקן מוזן מיר פאָרט וואַרפן אויף די פּראָטאָקאָלן, וואָרעם אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן אויפן זכרון, ווי כ׳האָב דאָס ביז אַהער געטאָן ביים שרייבן די שורות, וואָלט געווען אַ ביסל לייכטזיניק. פון די פּראָטאָקאָלן (געשריבן, ווי דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר יענער צייט, אויף רוסיש) איז צו זען, אַז אַלס פאַרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער ח׳ קאָסאָווסקי, אַלס בייזיצערס — קלעבאַנאָוו און פרייער. ווער עס האָט זיך באַהאַלטן אונטער די צוויי לעצטע פּסעוודאָנימען, געדענק איך ניט. אַלס סעקרעטאַרן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי חבר׳טעס: אַקימאָווא און יעלעניגאַ. איך בין זיך משער, אַז דאָס האָבן געמוזט זיין: די חבר׳טע פרידע און העלענע העלער. זייערע האַנטשריפטן זיינען טאַקע צו דערקענען אין די פּראָטאָקאָל־בלעטער. דעלעגאַטן מיט שטימרעכט זיינען געווען, ווי עס ווייזט אויס, צען, אויסער דעם 23 מיטגלידער פון פאַרשיידענע גרופּעס מיט באַראַטונגס־רעכט. אין גאַנצן איז, אַלזאָ, געווען אויפן צוזאַמענפאָר אַן עולם פון 33 מענטשן.

די אָפיציעלע דערעפענונג פון צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען ערשט דעם 2טן יאַנואַר 1902. אָבער זאָל דער לייענער ניט מיינען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות, ווען איך האָב אין אָנהויב געשריבן, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן אין די לעצטע טעג דעצעמבער 1901. מיין זכרון האָט מיך ניט פאַרפירט. מיר זיינען זיך צונויפגעקומען טאַקע אַרום דעם 29טן דעצעמבער, אָבער צוערשט איז פאָרגעקומען אַ דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געטראָגן אַ מער פריוואַטן כאַראַקטער. דאַן איז געווען אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט, אויסער די דעלעגאַטן, אַלע מיטגלידער פון אונזער בערנער גרופּע און פון דער בערנער „סאָיוז״־גרופּע. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט חבר קאַגאַן־גריניעוויטש געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם מיינונגס־קאַמף צווישן „סאָיוז״ און „איסקראַ״. דאָס איז געווען זייער אַ געוויסנהאַפטער און זאַכלעכער רעפעראַט, אָבער, ליידער, עטוואָס בלאַס און אָן טעמפּעראַמענט. אים האָט געענטפערט עזרא מיט טעמפּעראַמענט און זאַכלעכקייט. ווייטער האָט גערעדט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער קעגנערשאַפט צו „איסקראַ״ באַגראַד. נאָך אים,

ווי מיר דוכט, האָט גענומען דאָס וואָרט מעדעם. איך קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען, וואָס ער האָט גערעדט. אין זכרון איז געבליבן אַ קורצע „פאָרמפאָלענדעטע" רעדע מיט אַ שטאַרקער פּאָרציע איראָניע, מיט אייניקע בייסיקע ווערטלעך און מיט אַ געוויסער דיסטאַנציִרונג פון דעם מיינונגס־קאַמף. מעדעם האָט דאַמאָלסט אויסגעזען נאָך גאַנץ יונג און ער איז עס אויך געווען נאָך די יאָרן. אָבער עס האָט זיך שוין שטאַרק געלאָזט מערקן זיין גרויסער רעדנערישער טאַלאַנט. ווי ווייט איך געדענק, האָב איך מעדעמ'ען דאַמאָלסט געזען צום ערשטן מאָל. ווער ער איז, וואָס פאַר אַ גוטע באַציאונג עס האָט זיך געשאַפן צו אים, — דאָס האָב איך שוין גוט געוואוסט, אָבער געזען און געהערט האָב איך אים דאַן, ווי מיר דוכט, צום ערשטן מאָל. פאַר מיינע אויגן שטייגט אויף פון זכרון זיין ליבע געשטאַלט פון יענער צייט, און טיף איז דאָס ווייטאָגדיקע געפיל צוליב דעם, וואָס ער איז אַזוי יונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע רייען, איבערלאָזנדיק אַ בלויז אין „בונד", וואָס קען פון קיינעם ניט אויסגעפילט ווערן.

נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. — אויסלענדישער צ. ב.

אָט צוליב די דעבאַטן אַרום דעם גריניעוויטש־רעפעראַט האָט זיך דער צוזאַמענפאָר געעפנט ערשט דעם 2טן יאַנואַר. געעפנט האָט ער זיך מיט אַ רעפעראַט פונם דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט „צו דער פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און איבערבוי פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות". דער רעפעראַט פון חבר קאָסאָווסקי איז שפּעטער אַרויס ווי אַ באַזונדער בראָשור מיט דער אונטערשריפט פון צ. ק. דער צ. ק. (אין ביאַליסטאָק) האָט אייניקע שטעלן געקירצט, אייניקע געענדערט און אַרויסגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט אַלס זיינע אַן אָפיציעלע אויסגאַבע. אויפן צוזאַמענפאָר האָט דער רעפעראַט, אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו באַגרינדן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד", געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. געשטערט האָט עטוואָס דער צו שאַרפער פּאָלעמישער טאָן. אָבער אַלע, אויך די, וואָס האָבן עטוואָס מורא געהאַט פאַרן „נאַציאָנאַליזם", האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז די פראַגע איז דאָ געשטעלט געוואָרן אויף אַ העכערן ניוואָ און אַז אַרום דער פראַגע זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן פאַרשיידענע מיספאַרשטענדענישן, וואָס האָבן געהאַט געשטערט צוצוטרעטן צו דעם תוך פון דער פראַגע. דעם

„נאַציאָנאַליסטישן" טייל פון צוזאַמענפאָר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אויסנוצן די געהויבענע שטימונג, וואָס האָט זיך באַשאַפן נאָך חבר קאָסאָווסקי׳ס רעפעראַט, און זיי האָבן געפרואווט דורכפירן אויפן צוזאַמענפאָר אַן אַנטשפרעכנדיקע רעזאָלוציע. באַשלאָסן איז געוואָרן, אַז דער צוזאַמענפאָר איז ניט קאָמפעטענט אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע אין אַ פראַגע, וואָס האָט פאַרן „בונד" אַ פראָגראַמאַטישע באַדייטונג, אָבער עס זיינען צוגעלאָזן געוואָרן דעבאַטן, וואָס האָבן זיך געצויגן דריי זיצונגען נאָכאַנאַנד. די פראָטאָקאָלן, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין אַרכיוו, טראָגן זייער אַ טרוקענעם כאַראַקטער און זאָגן גאָרנישט וועגן די דעבאַטן אַרום דעם רעפעראַט. אין זכרון איז מיר געבליבן אַליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע בערנער און קאַרלסרוער און אויך אַ טייל פון די איבעריקע חברים. די בערנער און קאַרלסרוער זיינען, דוכט זיך, געווען „נאַציאָנאַליסטן". די איבעריקע האָבן שטילערהייט אָפּגעטראָטן זייערע פּאָזיציעס, ניט ווייל זיי האָבן זיך געפילט אין גאַנצן באַזיגט, נאָר ווייל דער קעגנער, וועמען זיי האָבן זיך געגרייט צו באַקעמפן, איז ניט געווען אַזוי „שוואַרץ", ווי עס האָט זיך געהאַט געדוכט. אָבער דער היסטאָרישער אמת פאָדערט צו קאָנסטאַטירן, אַז צווישן די בערנער חברים זיינען געווען אייניקע אַזוי נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, אַז דער איינדרוק, וואָס זיי האָבן אויף אונז געמאַכט, איז געווען אומאַנגענעם ביז גאָר. ספּעציעל מוז דאָס געזאָגט ווערן וועגן ט. אין פלוג האָט זיך אונז געדוכט, אַז אונטער זיין איינפלוס געפינט זיך מעדעם. מיר האָבן זיך, אָבער, באַלד איבערצייגט, אַז דערין האָבן מיר געהאַט אַ טעות. מעדעם האָט ליב געהאַט ט׳ס אידיש, זיינע ווערטלעך און דאָס גלייכן, אָבער פון אַן איינפלוס אין אַן ערנסטערן זין האָט דאַמאָלסט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין. דער וויכטיקסטער אויפטו פון צוזאַמענפאָר איז געווען די גרינדונג פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אין דער פאָרם פון אַ פאַראייניקונג פון די איינצלנע גרופּעס אַרום אַ צענטראַל־ביוראָ, אויסגעקליבן פון די גרופּעס אויפן צוזאַמענפאָר. צו באַשאַפן אַ בונדישע „אָרגאַניזאַציע" אין אויסלאַנד איז דער צוזאַמענפאָר ניט געווען קאָמפּעטענט. אָבער באַשאַפן אַ צענטראַליזירטן פאַרבאַנד פון די גרופּעס גופא — דאָס האָט דער צוזאַמענפאָר געמעגט און דאָס האָט ער געטאָן. דאָס איז געווען זיין אייגענער אויפטו, און די עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אין דער אויפן צוזאַמענפאָר געשאַפענער צענטראַליזירטער פאָרם, האָט שפּעטער, 15 יאָר נאָכאַנאַנד,

ביז צו דער מערץ־רעוואָלוציע, 1917, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווייל זי האָט זיך באַטראַכט אַלס איבעריק, געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע באַדייטונג. ווי ווייט איך געדענק, איז דער פאָרשלאָג צו באַשאַפן אַן אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע ניט אַרויסגעגאַנגען פון אויסלענדישן קאָמיטעט און איז אפשר אויך ניט געלעגן אין זיינע פּלענער. דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז געווען אַ קערפּערשאַפט, וואָס זיינע מיטגלידער פלעגן באַשטימט ווערן פון צענטראַלן קאָמיטעט אין רוסלאַנד. עס איז מעגלעך, אַז דער געדאַנק וועגן באַשאַפן אין אויסלאַנד אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע האָט פאַר אייניקע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט אויסגעוויזן ווי אַן אונטערנעמונג, וואָס קאָן ברענגען מיט זיך געוויסע געפאַרן, און די אייביקע ענדלאָזע סיכסוכים, וואָס זיינען געווען אין אויסלאַנד אין די רוסישע „סאָיוז"־גרופּעס און אין די פּוילישע סאָציאַליסטישע גרופּעס, האָבן אַזאַ פאַרזיכטיקייט דורכאויס באַרעכטיקט. פון דער אַנדערער זייט האָבן, אָבער, די גרופּעס ניט געקענט בלייבן ווייטער איזאָלירט איינע פון דער אַנדערער און פאַרבונדן מיטאַנאַנדער נאָר דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט טויזנט אַנדערע דאגות און דרינגענדיקע אויפגאַבעס און ניט געקאָנט אָפּגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט די אויסלענדישע גרופּעס. איך גלויב, אַז די פראַגע וועגן באַשאַפן אַ צענטראַליזירטע אויסלענדישע גרופּעס־אָרגאַניזאַציע האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פאַר זיך גופא געלאָזט אָפן. מעגלעך, אַז ער האָט זיינע דעלעגאַטן געגעבן וועגן דעם אַ געוויסע דירעקטיוו; מעגלעך, אַז דאָס אויך ניט. אין די פּראָטאָקאָלן געפינט זיך אַ פאָרשלאָג, אַריינגעטראָגן פון דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס לייענט זיך אַזוי: „דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז די פראַגע וועגן באַשאַפן אַן אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" גייט ניט אַריין אין זיין קאָמפּעטענץ" (אַנגענומען). פאַקטיש האָט דער צוזאַמענפאָר אויף אַן אומוועג, דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַל־ביוראָ אַלס פאַרבינדונגס־פּונקט פון אַלע גרופּעס, אַזאַ אָרגאַניזאַציע באַשאַפן מיט דער פולער צושטימונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

ווי ווייט איך געדענק, האָט דעם פאָרשלאָג אַריינגעטראָגן דער קאַרלסרוער חבר קאָוואַלסקי. די גרופּעס זיינען געווען צוגעוואוינט צו פירן וועגן אַלע ענינים אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט (כמעט אויסשליסלעך מיטן חבר דזשאָן), צו באַקומען אומ־מיטלבאַר פון אים לעבעדיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער אַרבעט אין רוסלאַנד, דירעקטיוון צו דער אַרבעט, אויפמונטערונג א. אז. וו. מיט

דער פאַרבינדונג און מיט דער קאָרעספּאָנדענץ פון חבר דזשאַן זיי־נען די גרופּעס געווען זייער צופרידן, און די דעלעגאַטן האָבן אין אַנהויב געהאַלטן דעם פאָרשלאַג פון קאָוואַלסקי'ן פאַר אַ ניט ערנסטער זאַך, אפשר אַפילו פאַר אַ שעדלעכער שפּילעריי אין אָרגאַניזאַציע און צענטראַליזאַציע, און עס האָט זיך געמערקט אַ גאַנץ קאַלטע באַ־ציאונג צו זיין פאָרשלאַג. קאָוואַלסקי האָט, אָבער, זיין פאָרשלאַג אויס־פירלעך באַגרינדעט (אגב, אין אַ הערלעכן אידיש: ער איז געווען כמעט דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט אויפן צוזאַמענפאָר אידיש און ניט רוסיש, און זיין אידיש איז געווען פאָלקסטימלעך, אָריגינעל, רייך און שיין) מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ איבערצייגונגס־קראַפט, אַז ער האָט באַזיגט אַלע ספקות און האָט אַלעמען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיין געדאַנק. איך ווייס ניט, ווי יענע דעבאַטן שפּיג־לען זיך אָפּ אין זכרון פון אַנדערע חברים, וואָס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר. איך פּערזענלעך בין איבערצייגט, אַז ווען ניט קאָ־וואַלסקי, וואָלט, דאַמאָלסט יעדנפאַלס, אַזאַ באַשלוס ניט אָנגענומען געוואָרן, און דער באַשלוס האָט געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע פּאָ־זיטיווע באַדייטונג.

איך מוז דערצו נאָך באַמערקן, אַז אין יענע יאָרן האָט דער באַ־גריף „אָרגאַניזאַציע" באַשאַפן אַ פאָרשטעלונג פון עפּעס אַ מיסטישער קראַפט, וואָס קאָן אַרויסגערופן ווערן אין לעבן, ווען דאָס, וואָס מיר טוען, ווערט אָרגאַניזירט, ווען אונזער אַרבעט ווערט רעגולירט און אָנגעפירט פון אַן „אָרגאַניזאַציע". אויך היינט איז די מיסטישע קראַפט אין אונזער פאָרשטעלונג אַרום דעם באַגריף אָרגאַניזאַציע ניט פאַר־שוואונדן און קען ניט פאַרשוואונדן ווערן, אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" איז פאַר דער יוגנט אין טעגלעכן לעבן געווען נאָך כמעט ניי.

אויף די ווייטערדיקע באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר וועל איך זיך דאָ ניט אָפּשטעלן. אייניקע באַשלוסן וועל איך גאַנץ קורץ ווייטער אי־בערגעבן. איך וויל זיך ניט פאַרטיפן אין די אַרכיוו־מאַנוסקריפּטן און וויל די אַרבעט איבערלאָזן פאַרן קינפטיקן היסטאָריקער פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" און פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט. אויב אַזאַ היסטאָריקער וועט זיך אָנוועקזעצן אויף אַ האַלבן צענדליק יאָר אין אַרכיוו און דורכשטודירן דעם גאַנצן שריפטלעכן אַרכיוו־מאַטעריאַל, וואָס געהערט דערצו (איך גלויב, אַז גיכער ווי אין פינף יאָר וועט ער זיכער ניט קענען פאַרטיק ווערן מיט דעם...), וועט ער קאָנען אָנשרייבן אַ גענויע און אויסגעצייכנט דאָקומענטירטע

געשיכטע פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, פון אירע צוזאַמענ־פאַרן א. אַ. וו. איך מוז, לײדער, זיך אָפּזאָגן פון אויסנוצן דעם מאַ־נוסקריפּטן־מאַטעריאַל און האָב אין זינען צו פאַרצייכענען נאָר דאָס, וואָס איז געבליבן אין זכרון, און צוצוגעבן גאַנץ קורץ אייניקע פון די וויכטיקסטע באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר. אָט זיינען זיי:

אין די אויסלענדישע בונדישע גרופּעס ווערן אָנגענומען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען גרייט צו אַרבעטן אונטער דער אָנפירונג פון „בונד", אונטערוואַרפנדיק זיך זיין פּאַרטיי־דיסציפּלין. די גרופּעס פאַרנעמען זיך מיט אונטערשטיצן, דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט, די טעטיקייט פון „בונד" אין רוסלאַנד. זיי מוזן שאַפן מאַטעריעלע מיטלען און מיטהעלפן אויך אויפן ליטעראַרישן געביט: פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פון „בונד" צווישן דער אויסלענדישער סטודענטישער יוגנט (פון רוסלאַנד און פּוילן) און צווישן די אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען איינגעוואַנדערט פון דאָרטן; צוגרייטן טוער פאַר דער אי־דישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד; אינ־פאָרמירן די מערב־אייראָפּעאישע עפנטלעכע מיינונג וועגן דעם קאַמף פון „בונד" און אַרויסרופן צו אים אינטערעס.

דער צענטראַל־ביוראָ באַשטייט פון פינף מיטגלידער. פיר פון זיי ווערן אויסגעקליבן פון צוזאַמענפאָר אָדער פון דער גרופּע, וועל־כער דער צוזאַמענפאָר גיט איבער די פונקציעס פון צענטראַל־ביוראָ. דער פינפטער ווערט באַשטימט פון אויסלענדישן קאָמיטעט. דער צענטראַל־ביוראָ איז דער פאַרבינדונגס־אָרגאַן פון די אויסלענדישע בונ־דישע גרופּעס. זיינע פונקציעס: אָרגאַניזירן אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, — פּייערונגען, פּאָליטישע פּראָ־טעסטן און ד. גל.; פונאַנדערשיקן רעפעראַטן אויף די ערטער און באַזאָרגן רעפערענטן פאַר איינצלנע שטעט און צו אַ טורנע איבער די שטעט וועגן פראַגעס, וואָס זיינען נוגע דעם „בונד".

די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר פאַרנעמען ענג־באַשריבענע צוועלף זייטן פּאָליאָ־פאָרמאַט, אָבער זייער תמצית האָב איך דאָ קורץ אי־בערגעגעבן.

אייניקע חלוקי־דעות זיינען געווען וועגן דעם, וואו עס זאָל זיך געפינען דער צענטראַל־ביוראָ. אין באַטראַכט זיינען געקומען נאָר צוויי פּונקטן: בערן אָדער בערלין. די פּאָליצייאישע באַדינגונגען זיינען געווען אין בערן די דענקבאַר בעסטע, אין בערלין — די דענקבאַר

ערגסטע. און דאַך האָבן זיך געפונען חברים (ניט קיין בערלינער), וואָס האָבן געוואָלט, אַז דער צענטראַל־ביוראָ זאָל זיך געפינען אין בערלין. איך גלויב, אַז יענע חברים האָבן געהאַלטן בערלין פאַר אַזאַ פונקט, וואו מענטשן זיינען צוגעוואוינט צו אַנטוויקלען אין דער אַרבעט אַ גרעסערע ענערגיע און וואו מען האָט אין דער אַרבעט אין אַלגעמיין עטוואָס אַ ברייטערן בליק. מעגלעך, אַז טיילווייז איז דאָס אפשר געווען אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג, אָבער די בערלינער חברים, וואָס זיינען גוט באַקאַנט געווען מיט דער פּראַקטיק פון דער פּריי־סישער ווילהעלמישער פּאָליציי, האָבן גאַרניט געוואָלט הערן פון דעם פאַרשלאַג, און אַלס זיץ פון צענטראַל־ביוראָ איז באַשטימט גע־וואָרן בערן. דערביי איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער צוזאַמענפאַר קלייבט נישט אויס די מיטגלידער פון צענטראַל־ביוראָ, נאָר גיט איבער אַלע פונקציעס פון דער נייער קאָלעגיע דער בערנער גרופּע, און זי, די גרופּע, באַשטימט, ווער פון אירע מיטגלידער זאָל אַריין אין דעם צענטראַל־ביוראָ. אַז דער באַשלוס איז געווען אַ ריכטי־קער, איז גלייך געווען צו זען פון די רעזולטאַטן: די בערנער גרופּע האָט באַשלאָסן, אַז דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ זאָל זיין מעדעם. קיין בעסערע הענט, אין וועלכע די אַרבעט פון דער יונגער אָרגאַניזאַציע האָט געקאָנט איבערגעגעבן ווערן, זיינען אין אויסלאַנד ניט געווען, ניט דאָן און ניט שפּעטער. דער ערשטער סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ איז אויף אַזאַ אופן געווען מעדעם. ער האָט אַנדערע געוויזן ווי צו אַרבעטן און האָט זיך יעדער טאָג אַליין געלערנט אַרבעטן.

כדי צו געבן אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם גייסט, וואָס מעדעם האָט אַריינגעטראָגן אין לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועל איך דאָ מיט־טיילן אַ קליינעם, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. סוף אָק־טאָבער 1903 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע גרופּעס צום פאַרקויפן אין די קאָלאָניעס אַ קליינע, אָבער דאַ־מאָלסט העכסט־אַקטועלע, רוסישע בראָשורקע: „דער צווייטער צו־זאַמענפאַר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי, באַריכט פון דער בונדישער דעלעגאַציע". דער צוזאַמענפאַר האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט מיט אַ מאָנאַט פריער, אָבער דער פאַקט גופא, וואָס דער צוזאַמענפאַר איז פאַרגעקומען, האָט אַ געוויסע צייט געמוזט בלייבן קאָנספּיראַטיוו. דער בונדישער באַריכט איז געווען פאַרטיק געדרוקט, פאַרפּאַקט אין פּעקלעך מיט אַ באַשטימטער צאָל עקזעמפּלאַרן גרייט אָפּצושיקן אין דעם מאָמענט, ווען מען וועט

קענען, אַזוי צו זאָגן, אַנטפּלעקן דעם סוד. ווען דער מאָמענט איז געקומען, האָבן זיך אַלע נאָענטע חברים, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען אין זשענעווע, גענומען צו דער אַרבעט. עס איז נויטיק געווען אויסצושרייבן מערערע צענדליקער רעכענונגען און צו יעדער רעכענונג — אַ בריוו צו דער גרופּע; מיט אַ צירקולאַר־בריוו האָט מען עס ניט געקאָנט אויספירן, וואָרעם אין דייטשלאַנד, למשל, האָט מען גע־מוזט שרייבן דעם בריוו פאַרשטעלט, און די וויכטיקסטע אַדרעסן זיינען גראָד געווען דאַמאָלסט אין דייטשלאַנד. מערערע קאָפּיעס פון יענע בריוו זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די, וואָס האָבן זיי געשריבן. איינער אַ חבר, וואָס איז שוין זינט דריי יאָר געווען פאַר־זונקען אין ריין טעכנישער אַרבעט, שרייבט אין אַזאַ נוסח: „מיר שיקן אייך . . . עקזעמפּלאַרן „באַריכט פון דער בונדישער דעלעגאַ־ציע״. פאַרקויפט די בראָשורעס זאָפאָרט און שיקט דאָס געלט זאָ־פאָרט אונז אָפּ. איר זאָלט דאָס געלט אַ מינוט ניט פאַרהאַלטן. מיט חבר'שן גרוס...״ אַן אַנדערער, אַ פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט, שרייבט טאַקטיש און זאַכלעך אומגעפער אַזוי: „מיר שיקן אייך פון באַריכט דערוויל . . . עקזעמפּלאַרן. מיר האָפן, אַז איר וועט זיי גלייך פאַר־קויפן און וועט באַשטעלן מער. ענטפערט גלייך און זייט פּינקטלעך אין אַלץ, וואָס געהערט צו דער זאַך. אייער . . . ״ מעדעם שרייבט צו דער בערנער גרופּע צוויי שורות: „אָט האָט איר הונדערט עקזעמ־פּלאַרן פון באַריכט. פאַרקויפט עס אייך געזונטערהייט!״ („פּראָדאַוואַי־טיע סעביע נאַ זדאָראָוויע!״).

* * *

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויפן ערשטן בריוו, וואָס איז גע־ווען אַדרעסירט צו דער מינכענער גרופּע, איז אָנגעקומען אַ שאַרפער פּראָטעסט. וואָס הייסט דאָס, פרעגט די גרופּע, מיר זאָלן אויף אַ מינוט ניט פאַרהאַלטן דאָס געלט? האָבן מיר עס דען ווען געטאָן? ווייסן מיר עס דען ניט אַליין פּונקט אַזוי גוט, ווי איר ווייסט דאָס? און וואָס האָט עס בכלל פאַר אַ זין אונז צו שיקן אַזוינע פּריקאַזן? ווען אַ זייטיקער מענטש לייענט דורך אייער בריוו צו אונז, וועט ער מיינען, אַז מיר זיינען „פּעקל־כאַפּערס״, פּראָפעסיאָנעלע „באַנ־קראָטשיקעס״ און דאָס גלייכן. צו וואָס שרייבט איר אַזעלכע בריוו? און מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ געפיל דער סעקרעטאַר פון דער בערנער גרופּע האָט איבערגעלייענט מעדעמ'ס הייטערע, האַרציקע און אינטים־חבר'ישע ווערטער: „פאַרקויפט עס אייך געזונטערהייט!״

כאַנדזשי. — קאַליע טעפּער. — אַ בונדישע ליאַמע. — ערשטע פּוילישע אויסגאַבעס פון „בונד"

צום צ. ב. וועל איך זיך נאָך אומקערן. איצט מוז איך זיך נאָך ווייטער פאַרנעמען מיטן צוזאַמענפאָר און מוז דערביי אָנהייבן מיט דער בערלינער גרופּע.

אַלס דעלעגאַט האָט די בערלינער גרופּע געהאַט אויסגעקליבן כאַנדזשי'ן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער בילדונג און מיט רייכע גייסטיקע פעאיקייטן. אין דער בערלינער גרופּע איז ער געווען דער שאַרפסטער קעגנער פון דעם „ביאַליסטאָקער נאַציאָנאַליזם". אָבער דאָס וואָלט אונז ווייניק געאַרט. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צום אַנאַרכיזם. זיין איינפלוס אויף די יונגע חברים אין בערלין איז געווען אומגעהויער גרויס. ביי זיך אין דער היים האָט ער געפּראַוועט אַ „פילאָזאָפישן טיש", אַרום וועלכן עס פלעגן זיך זעצן מאַנכע אָוונטן צען אַ זייגער ביז דרייסיק יונגע חברים און חבר'טעס, דער רבי כאַנדזשי אין דער מיט, און פלעגן אויפשטיין פינף און זעקס אַ זייגער אין דער פרי מידע, פאַרשלאָפענע און הונגעריקע, אָבער געזעטיקטע מיט כאַנדזשי'ס גייסטיקן פייערווערק. צווישן די שטענדיקע חסידים און חסידות פון כאַנדזשי'ן זיינען געווען ניט מער ווי פיר מיטגלידער פון אונזער גרופּע: די ביידע ברידער גראָסמאַן, אַליאַ טאַראַטוטאַ, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער רוסישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, און נאַטאַן געזענצווייַ, אַ האָמלער בונדיסט, דער האָמלער דעלעגאַט אויפן 4טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (1901 אין ביאַליסטאָק), שפּעטער אַ ס.־ר. דער רעשט פון כאַנדזשי'ס טיש איז באַשטאַנען אין גאַנצן פון יונגע חברים און חבר'טעס, סטודענטקעס און פּאַפּיראָסן־מאַכערקעס, וואָס האָבן געהערט צו אונזער פּעריפעריע און זיינען, אָבער, ליידער, דורך זיין ווירקונג פאַר אונז און פאַר דער רוסלענדער סאָצ.־דעמ. אין גאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען. אין יענע טעג, ווען עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער צוזאַמענפאָר, האָט זיך אונז געדוכט, אַז מען קאָן כאַנדזשי'ן נאָך צוריק אָוועקשטעלן אויפן ריכטיקן וועג. נאָך האָט ער זיך ניט געהאַט דערווייטערט פון „בונד", און מיר האָבן געגלויבט, אַז דורך זיין באַטייליקונג אין צוזאַמענפאָר וועלן מיר זיין גאַנצן שפּיל אין אָפּאָזיציע מיט זיין סעפּאַראַטיסטישן „טיש" נאָך קאָנען ליקווידירן. דורכפירנדיק זיין קאַנדידאַטור, האָבן מיר דערמיט געהאָפט, אַזוי

צו זאָגן, צו טויטן צוויי פליגן מיט איין קלאַפּ. ערשטנס, זיינען מיר זיכער געווען, אַז אין זיין עקסטרעמיסטישער קעגנערשאַפט צום „ביאַ־ליסטאָקער נאַציאָנאַליזם" וועט ער אין בערן סוף כל סוף ליידן אַ גרויסע מפּלה. צווייטנס, זיינען מיר ניט ווייניקער זיכער געווען אין דעם, אַז דער דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, דער אָפיציעלער רעפּערענט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועט אַרויס פון כאַנדזשי'ס הענט אַ היפּש ביסל צע'מזיק'ט, הגם, ווי געזאָגט, אַלס זיגער. אַ ביסל קלעפּ (פּאָלעמישע, נאַטירלעך) פון כאַנדזשי'ן האָבן מיר דעם ח' קאָסאָווסקי'ן געוואונטשן פון גאַנצן האַרצן. עס איז וועגן ח' קאָסאָווסקי'ן געווען אַ קלאַנג, אַז ער געהערט אויך צו דער „שוואַרצער חברה" נאַציאָנאַליסטן. דער קלאַנג האָט, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער איבער־צייגט, קיין שום באַרעכטיקונג ניט געהאַט.

כאַנדזשי האָט דעם מאַנדאַט ניט אָנגענומען: קומען צוריק פון בערן אַ באַזיגטער האָט ער ניט געוואָלט. אין יענעם מאָמענט האָבן זיך אייניקע פון אונזערע יונגע חברים, וואָס האָבן פריער נאָך ניט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס אַן אָפּאָזיציע־שפּיל אין אַן אָרגאַניזאַציע, זיך געקאָנט איבערצייגן אויף אַ קאָנקרעטן ביישפּיל, ווי שעדלעך און געפערלעך אַזאַ זאַך איז. אין אָנהויב האָט דער שפּיל זיי אויסגעוויזן גאַנץ אומשולדיק און אַפילו אינטערעסאַנט. איצט האָבן זיי געזען, ווי אין אַן אַנטשיידענעם מאָמענט קאָן זיך אַן אומשולדיקער שפּיל פאַרוואַנדלען אין אַ ביטערן ערנסט. כאַנדזשי'ס אָפּזאָג איז פאַר זיינע אָנהענגער, אויסער פאַר די פון זיי, וואָס זיינען געווען מיט־גלידער פון אונזער גרופּע, געווען אַ סיגנאַל צו באַשאַפן אַ באַזונ־דערע, נאַטירלעך — „לינקע" גרופּע. זי האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע, זיך געבערעקלט און געשפּאָלטן, זיך ווידער פאַראייניקט און צעפאַלן, און איר רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע די, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אונטער איר איינפלוס, האָבן גע־קוקט אויפן „בונד" און אויף די דאַמאָלסטדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איבערהויפּט ווי אויף קליקעס בירגערלעכע קאַריעריסטן, וואָס געברויכן אין זייער אַגיטאַציע סאָציאַל־רעוויזיאָניסטישע פראַזעס און שטרעבן אויסצונוצן די אַרבעטער צוליב פּאָליטישע קאַריערעס פאַר אַלערהאַנט שאַרלאַטאַנישע אינטעליגענטן, וואָס דרייען זיך אַרום אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די אָנהענגער פון כאַנדזשי'ן זיינען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין גיכן געווען אין גאַנצן פאַרלאָרענע מענטשן.

נאָך דעם ווי כאַנדזשי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מאַנדאַט, האָט

די גרופּע אויסגעקליבן אַן אַנדער דעלעגאַט. איך בין זיכער, אַז דאָס האָט געמוזט זיין די חבר׳טע פרידע. מעגלעך איז אויך, אַז די גרופּע האָט אויסגעקליבן צוויי דעלעגאַטן. געפאָרן זיינען מיר, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זאַלבעפערט. די יאַזדע איז געווען זייער אַ פריילעכע, און איך וואָלט געוואונטשן דער איצטיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַז די יאַזדעס פון אירע דעלעגאַטן זאָלן זיין כאָטש אויף אַ העלפט אַזוי פריילעך און לעבעדיק און דורכגעדרונגען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם ווי יענע. געפאָרן זיינען מיר, נאַטירלעך, פערטן קלאַס. מיר האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט די לייפּציגער חברים, אַז זיי זאָלן אויף אונז וואַרטן. ווען אונזער צוג איז אָנגעקומען קיין לייפּציג, זיינען בלום און מיצשניק שוין געשטאַנען אויפן וואָקזאַל. באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין אונזער וואַגאָן, האָט זיך דער עולם צעזונגען. בלום האָט געקענט אַן אַ סוף אַלטע דייטשע סטודענטן־לידער, וואָס זיינען אין דייטשלאַנד שוין לאַנג פאַרגעסן געווען, וואָס מען פלעגט, אָבער, נאָך זינגען אין דאָרפּאַט. דער גלאַנצפּונקט פון זיין רעפּערטואַר איז געווען אַ ליד, וואו עס ווערט פאַרגעשטעלט אַ פּויערטע, וואָס בענקט נאָך איר געליבטן קרישדיאַן. וואו זי גייט און שטייט, זעט זי נאָר איר קרישדיאַן, אַלץ, וואָס זי טוט, דערמאָנט איר נאָר אָן קרישדיאַן. דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַ טיראָלער יאָדלער:

„אונד זע איך מיר דען עזעל אַן,
דענק איך אַן מיינען קרישדיאַ־אַ־אַ־ן."

ווען בלום האָט אויסגעזונגען זיין באַרימטן קרישדיאַן־ליד, האָבן ניט נאָר אונזערע חבר׳טעס געקייכט פאַר געלעכטער, נאָר דער גאַנצער וואַגאָן האָט אים געפּאַטשט בראַוואָ. צום אומגליק האָט ער געהאַט אויף אַזעלכע לידער אַ פענאָמענאַלן זכרון, און שעה׳ן לאַנג האָט זיך געצויגן דורך דער נאַכט, אין האַלב פינצטערן וואַגאָן, זיין קאָנצערט. נאָך אים האָט זיך צעזונגען פרידע. זי האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע שטימע. איר רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון די קלאַסישע רוסישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערע לידער. זי האָט, אָבער, אויך געזונגען די מאַרסעליעזע, „קאַרמאַניאָל", דעם אינטערנאַציאָנאַל און פאַרשיידענע אַנדערע קלאַסישע לידער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זינגען דייטשע לידער פון דער זעלבער ריכטונג האָבן מיר אין אָנהויב געהאַלטן פאַר ניט פּאַרזיכטיק און האָבן אָנגעהויבן מיט אומשולדיקע סטודענטן־לידער, אָבער ביסלעכווייז זיינען מיר אַריבער צום סאָציאַליסטן־מאַרש און צו אַלע אַנדערע לידער, וואָס זיינען דאַמאָלסט פּאָפּולער געווען אין דער

דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז שוין געווען אַרום פראַנק־פורט אַם מאַין און עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. אונזער אוידי־טאָריע — די פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן, מייסטנס אַרבעטער־פּרויען — איז געווען איבערצייגט, אַז מיר זיינען אַ קאָמפּאַניע פּראָפעסיאָנעלע זינגער און קונצנמאַכער. דאָס האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען פרידע׳ן, וואָרעם זי האָט געזונגען ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע זינגערין. איינער איז געזעסן דעם גאַנצן וועג און געשוויגן — מיצשניק. האָבן אונזערע חבר׳טעס דערקלערט, אַז אויב ער וועט שווייגן, וועלן זיי אויך ניט זינגען. און דאַן האָבן מיר פון אים געהערט אַ ריי בעסאַראַביש־אידישע פאָלקס־לידער און ניגונים, וואָס זיינען אונז אין גאַנצן אומבאַקאַנט געווען און וואָס איך האָב זיי אויך שפּעטער, דוכט זיך, קיין מאָל ניט געהערט. אָט אַזוי זינגענדיק, מיד און, נאַטירלעך, שטאַרק הייזעריק זיינען מיר אין אַ מעת־לעת אַרום אָנגעקומען קיין בערן. אונטערוועגנס, אין באַדן, אַ קורצע שטרעקע פאַר דער שווייצאַרישער גרענעץ, האָבן מיר געהאַט אַ קאָנפליקט מיט אַ באַדישן קאָנדוקטאָר. אויף אַ קליינער סטאַנציע איז ער אַריינגע־קומען צו אונז אין וואַגאָן קאָנטראָלירן די בילעטן. איך געדענק ניט, צי האָט בלום דאַמאָלט געזונגען זיין קרישדיאַן אָדער דאָס מיטל־אַלטערלעכע ליד פון „בינדגויער״. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב דעם קאָנדוקטאָר זייער העפלעך, אָבער אויך גאַנץ ערנסט דערקלערט, אַז איצט זינגען מיר און בילעטן אינטערעסירן אונז איצט ניט. ער איז געווען פון די, וואָס פאַרשטייען קיין שפּאַס ניט, און איז געלאָפן ברענגען אַ העכערן באַאַמטן, אַ באַן־פּאָליציסט, א. אַז. וו. צום גליק, האָט דער העכערער באַאַמטער גראַד יאָ פאַרשטאַנען אַ שפּאַס און געוואָלט די זאַך ליקווידירן אויף אַ גוטמוטיקן אופן. דער קאָנ־דוקטאָר האָט, אָבער, געשריען, אַז איך האָב אים באַליידיקט. געענדיקט האָט זיך דאָס מיט גאָרניט, אָבער ביז אַרום באַזעל האָט זיך דער קאָנדוקטאָר געאַמפּערט מיט אונז, געסטראַשעט מיט פּראָטאָקאָלן, מיט אַרעסטירן, באַשטראָפן א. אַז. וו.

ווען מיר זיינען אַריבערגעפאָרן די שווייצאַרישע גרענעץ, האָבן מיר גלייך נאָך באַזעל מיט אַ מאָל דערהערט, אַז אין שכנות׳דיקן וואַגאָן זינגט מען גאַנץ געשמאַק אידישע ניגונים. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס פאַרט אונזער עולם פון באַזעל, וואו עס האָט זיך אָקערשט געהאַט פאַרענדיקט אַ ציוניסטישער קאָנגרעס. געפאָרן זיינען אייניקע פון אונזערע בערנער און ציריכער חברים און מיט זיי איז געזעסן אַ יונגערמאַן אין אַ הויכער קאַראַקולענער מיץ, אַ גאַנץ סימפּאַטישער

בחור, אַ דעלעגאַט פון ציוניסטישן קאָנגרעס. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז נאָך אויפן קאָנגרעס גופא האָט ער איבערגעריסן אין גאַנצן מיטן ציוניזם און האָט — איינס־צוויי־דריי — זיך דעקלאַרירט אַלס בונדיסט. דאָס איז געווען דער שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָ־רענער קאַליע טעפּער. און דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, ווען ער האָט זיך געפילט אַלס בונדיסט. ער האָט טאַקע גלייך נאָך זיין אָנקומען אין בערן, נאָך בשעת אונזער צוזאַמענפאָר, פון וועלכן ער האָט, נאַטירלעך, גאָרנישט געקאָנט וויסן, געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „בונדיזם און ציוניזם". זיין רעפעראַט איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט אין דעם טייל, וואו ער האָט קריטיקירט דעם ציוניזם, אָבער גאָרנישט פויגלדיק דאָרטן, וואו ער האָט באַגרינדעט זיין בונדיזם. אָבער אין דער קאָלאָניע און אויך ביי אונזער עולם איז טעפּער'ס רעפעראַט געווען אַ שטיקל סענסאַציע. אַ וויכטיקער ציוניסטישער טוער, אַ גוטער רעדנער, אַ מענטש, וואָס האָט פער־זענלעך געמאַכט זייער אַ סימפּאַטישן איינדרוק, קומט צום ציוניסטישן קאָנגרעס און פאַרקירעוועט זיך פון דאָרטן דירעקט אויף לינקס צום „בונד", — אַ זאַך, וואָס פּאַסירט ניט יעדער מאָנטיק און דאָ־נערשטיק.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ בונדישער ליאַמע. אין מיין זכרון איז די ליאַמע געבליבן ווי אַ המשך פון דער פריי־לעכער נסיעה פון בערלין קיין בערן. אַ בונדישע ליאַמע איז אַ זאַך, אויף וועלכער עס וואָלט איבעריק געווען זיך אָפּצושטעלן, ווען די בערנער ליאַמע וואָלט געטראָגן, אַזוי צו זאָגן, אַ נאָרמאַל בונדישן כאַראַקטער. די בערנער ליאַמע איז, אָבער, פאַר אַ טייל פון דעם יונגן עולם געווען וואָס גייס און באַזונדערס אינטערעסאַנט איז זי געווען פאַר דעם עטוואָס אַסימילירטן טייל פון די יונגע חברים. איי־ניקע פון אָט די יונגע חברים האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געהערט זינגען אידישע לידער און ניגונים. דער „קאָנפעראַנסיע" — איך קאָן ניט זאָגן „טאָסטמייסטער" לויטן אַמעריקאַנער נוסח, ווייל עס זיינען קיין טאָסטן ניט געווען — פון דער ליאַמע איז געווען דער לעבעדיקער, רירעוודיקער קאָוואַלסקי, אָבער דער קאַרוזאָ אָדער, אויב איר ווילט, שאַליאַפּין פון דער ליאַמע איז געווען צביון. איך גלויב, אַז צביון וועט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז ווען ער וואָלט זיך געשטעלט אויף דער עסטראַדע זינגען צוזאַמען מיט שאַליאַפּינ'ען, וואָלט ער קיין גרויסן „סוקסעס"

ניט געהאַט. אָבער נאָך זיכערער בין איך אין דעם, אַז ווען שאַליאַפּין וואָלט אויך אונזער ליאַמע געזונגען זיינע לידער, וואָלט ער באַ־שטימט ניט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, ווי דאָס האָט געהאַט ביי אונז צביון מיט פאַרשיידענע פאָלקס־לידער, וואָס זיינען היינט שוין באַקאַנט אין דער גאַנצער אידישער וועלט און זיינען דאַמאָלסט, אָבער, געווען פּאָפּולער נאָר אין אַ גאַנץ קליינעם קרייז פון דער אידישער אינטעליגענץ און אַרבעטערשאַפט. למשל, אַזאַ ליד, ווי „אויפן פריפּעטשיק...", וואָס היינט האָבן עס שוין אָן אַ גוזמא געהערט מיליאָנען מענטשן, האָט דאַמאָלסט ערשט אָנגעהויבן צו ווערן פּאָפּולער; עס איז דאַמאָלסט אַלט געווען, ווי מיר דוכט, ערשט אַ יאָר פופצן. באַמערקן וויל איך נאָך דערביי, אַז דאָס שפּעטער פּאָפּולער געוואָרענע ליד „אין זאַלציקן ים" פון אַנ־סקי'ן איז דאַמאָלסט אַלט געווען אין גאַנצן אַ פּאָר וואָכן און איז נאָך ניט געזונגען געוואָרן און די בונדישע „שבועה" איז נאָך דאַן איבערהויפּט ניט געווען (געווען דאַן אַן אַנדער הימן). אויסער פאַרשיידענע פאָלקסלידער זיינען געזונגען געוואָרן אייניקע לידער פון ליעסינ'ען און, דוכט זיך, אויך עפּעס אַ ליד פון ווינטשעווסקי'ן.

אויף דער ליאַמע האָט ח' הלל קאַץ פאַרגעלייענט פון מאַנוסקריפּט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון זיינע זכרונות, וואָס האָבן געמאַכט אויפן עולם אַ טיפן איינדרוק. אין פּשוט'ע, איינפאַכע ווערטער האָט ער גע־שילדערט די ערשטע טריט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָנהויב די ניינציקער יאָרן אין ליטע, די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יום־טובים, די ערשטע פאַרזאַמלונגען אויף פאַרבאַהאַלטענע ערטער אין אַ וועלדל אויסערן שטאָט א. אַז. וו. איך האָף, אַז דאָס, וואָס ח' הלל האָט אונז דאַמאָלסט פאַרגעלייענט, וועט זיך נאָך אַמאָל באַווייזן אין אונזער פּרעסע.

צומאָרגנס איז זיך דער עולם צעפאָרן. גראָד אין יענע טעג זיינען אין אַלע גרופּעס דורכגעפירט געוואָרן פייערונגען לכבוד דעם 25טן נומער „אַרבעטער־שטימע". דעם לייענער, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו אַ טעגלעכן לעגאַלן צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, בין איך ניט בכוח צו געבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע באַדייטונג די „אַרבעטער־שטימע" האָט געהאַט בכלל און וואָס פאַר אַ געשעעניש עס איז געווען איר 25טער יובליי־נומער. אין די פייערונגען, וואָס אונזערע גרופּעס האָבן דורכגעפירט אויף די ער־טער, האָבן זיך אומעטום באַטייליקט אויך די פאַרשטייער פון אַנ־דערע רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און אין אייניקע ערטער, וואו די פּאָליצייאישע באַדינגונגען זיינען ניט געווען איבע־

ריקס שלעכט, — אויך פאָרשטייער פון דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. די קאַרלסרוער חברים האָבן געהאַט צוגעגרייט די פייערונג פונקט צו דעם אָונט, ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון בערן, און זיי האָבן אונז איינגעלאַדן זיך אָפּצושטעלן ביי זיי אין קאַרלס־רוע און אָנטייל צו נעמען אין דער פייערונג.

אין קאַרלסרוע האָבן מיר באַוואונדערט די אידילישע פאַר־העלטעניש, אין וועלכע אונזערע חברים האָבן דאָרטן געלעבט אין פּאָליציייאישער הינזיכט. אין בערלין האָט קיינער פון אונז ניט געקאָנט באַקומען די אויסגאַבעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט אָדער פון אַנדערע רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אויף זיין איי־גענעם אַדרעס. מיר האָבן שטענדיק געמוזט באַנוצן דערצו אַדרעסן פון דייטשע חברים און דאָס איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן געווען מיט מי־ און צייט־פאַרלוסט. אין קאַרלסרוע האָבן אונזערע חברים גע־לייזט דאָס דאָזיקע קאָנספּיראַציע־פּראָבלעם אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן. אויף איין קווארטיר, יעדערער אין זיין צימער, האָבן געוואוינט אייניקע חברים. אויף דער אויסנטיר, ביי אַ גרויסן בריוו־קאַסטן, האָט יעדערער פון זיי געהאַט זיין וויזיט־קאַרטע. האָבן זיי צו די איי־גענע וויזיט־קאַרטלעך צוגעהאַנגען נאָך אַ קאַרטל מיט אַן אויסגעטראַכטן נאָמען „וואַסיליעוו". אויפן אַדרעס פון דעם וואַסיליעוו, וואָס קיין מאַמע האָט אים נאָך ניט געהאַט געבאָרן, איז דאָס געגאַנגען רעגל־מעסיק די טריפ'ע סחורה. דער לייענער וועט געוויס זאָגן, אַז נאָך קליגער וואָלט אפשר געווען, ווען די קאַרלסרוער חברים וואָלטן אויס־געטראַכט ניט אַ וואַסיליעוו, נאָר אַ לעהמאַן, שולץ אָדער מילער, — מוז איך אים דערויף ענטפערן, אַז אויף אונזערע דאַמאָלסטדיקע קאַרלסרוער חברים האָט מען זיך גאַנץ גוט געקאָנט פאַרלאָזן. בכלל וואָלט אַ לעהמאַן אָדער אַ שולץ פאַר די שפּיקעס אויף דער פּאָסט זיכער בעסער געווען ווי אַ וואַסיליעוו. אָבער ווען די קאַרלסרוער חברים האָבן אויסגעטראַכט אַ וואַסיליעוו'ן, האָבן זיי זיכער קיין דייטשן נאָמען ניט געקאָנט אויסטראַכטן.

אויף דער פייערונג אין קאַרלסרוע האָט פאַוועל בערמאַן איבער־געלייענט אַ רעפעראַט און נאָך אים האָט געהאַלטן אַן אויסגעצייכנטע רעדע אַ רעדאַקטאָר פון דאָרטיקן סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי־אָרגאַן און אַ באַדישער ס.־ד. דעפּוטאַט (קאָלב ?) און עס האָבן גערעדט פאַרשיידענע מיטגלידער פון דער בונדישער גרופּע און אַנדערע חברים.

די קאַרלסרוער גרופּע האָט אין אַ געוויסן זין „פּאָלאָניזירט" די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע. צוויי מיטגלידער פון דער גרופּע (גאָלדע

א 34

דעם 22 אָקטאָבער 1901. לעצטע נאַכריכטן אויס רוסלאַנד.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד האָט אַרויסגעלאָזן אַ אויפרוף צו די אידישע אינטעליגענץ וועגן די נייע באַגרענעצונג
פאַר אידען אין פאָלקסבילדונג.

ווילנע. נאָך אַ קורצן שטילשטאַנד, וועלכער איז געווען אַרויסגערופן דורך די [illegible] וועגן דעם וואָס מ'האָט צו
טאָג דעם אידישן אַרבייטער [illegible], האָט די פּאָליציי און [illegible] די "סאָציאַליסטן" [illegible] אָנגעהויבן ווידער
צו [illegible]. מ'האָט גענומען די אַרבייטער אויפן גאַס, די אַרעסטירטע, געשלאָגן, נישט געגעבן עסן און [illegible]
[illegible] א. ג. וו. מ'האָט אויך [illegible] די [illegible], די [illegible] "[illegible]" אין טאָג אַרבייטער האָט
[illegible] פון [illegible], דער [illegible] האָט [illegible] צו אָרגאַניזירן אַ [illegible].
דער אָרטיגער קאָמיטעט פון בונד האָט [illegible] און האָט [illegible] אַ נייעם [illegible], וועלכער איז נאָך אין דער
[illegible] אין רוסלאַנד [illegible] נישט [illegible] געוואָרן. ער האָט [illegible] אָרגאַניזירט אַ [illegible], וועלכער איז [illegible]
[illegible] אין [illegible] (פון די [illegible] און פון [illegible], [illegible] און [illegible]) און [illegible]
אַרבייטער פון [illegible] האָבן [illegible] די אַרבייט און האָבן [illegible] די [illegible]. [illegible] דורך דעם
[illegible] צו [illegible] דעם [illegible], אַז [illegible] נישט [illegible] צו דער אַרבייט [illegible] די פּאָליציי [illegible] נישט [illegible]
[illegible]. [illegible] האָט [illegible]. אויך [illegible] האָט דער [illegible] די [illegible]
[illegible] און די אַרבייטער און האָט [illegible] אַז די [illegible]. דער קאָמיטעט פון בונד, [illegible]
[illegible] פון דעם שטרייק איז [illegible], האָט [illegible] אין די אָרגאַניזאַציעס, אַז דער שטרייק איז געווען
[illegible]. [illegible] אין טאָג. און די [illegible] פון שטרייק איז געווען אַ [illegible] פון 500 [illegible] [illegible].
[illegible] אַ [illegible], וועלכער [illegible] אַז די פּאָליציי [illegible] נישט [illegible]: און [illegible]
[illegible] ווידער [illegible] אַ אַרבייטער.
[illegible]. דער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזן אַ [illegible]: "די [illegible] פון די [illegible]
און די [illegible], [illegible] אין רוסלאַנד.
די [illegible] (פיר [illegible] און [illegible]) פון דער [illegible] און דער [illegible] פון אידישן אַרבייטער":

Mr Abraam Nathanson 13 Brantridge Str, Burdett Road E London - England

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון אַלג. אידישן אַרבייטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

№ 34. — — Последнія извѣстія. 27 сентября 1901 г.

Центральный Комитетъ Бунда выпустилъ воззваніе къ еврейской интеллигенціи по поводу новыхъ ограниченій противъ евреевъ въ области народнаго образованія.

Лодзь. Послѣ нѣкотораго затишья, вызваннаго агитаціей по поводу убійства еврейскаго рабочаго Пакульо, полиція, а главное сыскное отдѣленіе, снова стали буйствовать. Рабочихъ хватали на улицѣ, арестовывали, били, морили голодомъ въ участкахъ и пр. На нихъ также натравливали босяковъ, такъ наз. „goyle Jungen". На одну часть рабочихъ это дѣйствовало угнетающимъ образомъ; другіе же постановили сорганизовать свою „боевую дружину". Но мѣстный Комитетъ Бунда воспротивился этому и прибѣгнулъ къ новой, до сихъ поръ еще [illegible] не практиковавшейся, мѣрѣ. Онъ объявилъ на дняхъ политическую забастовку. Она состояла въ слѣдующемъ. 1000 ткачей (у посредниковъ и съ фабрикъ Шика, Добронецкаго, Майзеля, Вишнецкаго и др.) и нѣсколько сотъ рабочихъ другихъ профессій бросили работу и заявили хозяевамъ, чтобы тѣ дали знать по телефону полиціймейстеру, что они не примутся за работу до тѣхъ поръ, пока насилія полиціи не прекратятся. Желаніе ихъ было исполнено. На другой день полиціймейстеръ звалъ рабочихъ и хозяевъ и далъ имъ обѣщаніе положить конецъ насиліямъ. Комитетъ Бунда, считая цѣль стачки пока-что достигнутой, объявилъ ее, по организаціямъ, прекратившейся. Стояли одинъ день. Во время забастовки было собраніе 500 чел. на Промежедной улицѣ. — Только что мы получили извѣстіе, что [illegible] показываетъ, что полиція еще не думаетъ о выполненіи своего обѣщанія: въ участкѣ опять избили рабочаго.

Петербургъ. Мѣстный Комитетъ Партіи выпустилъ листокъ: „Обѣщанія капиталистовъ [illegible]". Печат. въ Россіи

און קאָוואַלסקי) — און אפשר נאָך אַ דריטער, וועמען איך האָב פאַרגעסן — האָבן שטענדיק דערמאָנט אָן פוילן און שטענדיק אָפּגעהיט, מען זאָל אָן פוילן ניט פאַרגעסן. איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז מען איז דאַמאָלסט געווען אויף אַזוי ווייט רוסיפיצירט, אַז אָן די אָנ־געווויזענע חברים וואָלט מען געקענט פאַרגעסן אָן פוילן. אָבער אַן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן לעבן פון פוילן, מיט דער שפּראַך און קולטור פון לאַנד האָט ביי אונז אין אויסלאַנד אין די ערשטע יאָרן געהאַט נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל חברים.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון די ערשטע פּוילישע אויסגאַבעס פון אויס־לענדישן קאָמיטעט איז געווען דער ח׳ דזשאַן: די איניציאַטיוו איז געקומען, דוכט זיך, פון צ. ק. פון ביאַליסטאָק. אין 1901 האָט ח׳ דזשאַן זיך געווענדט צו אייניקע מיטגלידער פון דער בערלינער גרופּע, וואָס האָבן גוט געשריבן פּויליש, זיי זאָלן איבערזעצן דריי אויס־גאַבעס פון צענטראַלן קאָמיטעט: 1) די בראָשור „אויפרוף צו דער אידישער אינטעליגענץ" (געשריבן פון אונזער אומפאַרגעסלעכן פאַ־ווען אַנמאַן אין אַפּריל 1901 און אומלעגאַל געדרוקט אין רוסלאַנד אויף רוסיש); 2) דעם באַריכט פון 4טן צוזאַמענפאָר, מאַי 1901 (געשריבן פון די חברים נח און אַנמאַן); 3) „די אַרבעטער־שטימע" נומ. 25. די דריי אויסגאַבעס האָבן איבערגעזעצט: סאַמועל עטינגער („אַלסקי"), רעגינאַ רייכמאַן, יאַקוב פירסטענבערג און פרוי פירסטענ־בערג־ליאַנדוי. פון די אָנגערופענע איז עטינגער געווען אַ פירער פון דער ס. ד. פּ. ל.; די איבעריקע זיינען דאַמאָלסט געווען מיטגלי־דער פון „בונד".

די אויסגאַבעס זיינען אונטער דער רעדאַקציע פון ח׳ דזשאַן גע־דרוקט געוואָרן אין בערלין. דאָס זיינען געווען די ערשטע פּוי־לישע אויסגאַבעס פון „בונד" אין אויסלאַנד. דער אויפטו פון דער קאַרלסרוער גרופּע איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: אין 1902 זיינען אומגעהויער פּאָפּולער געוואָרן „די לעצטע נאַכריכטן", וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן וואָכנטלעך (אָנהויבנדיק פון אַפּריל 1901) אויף רוסיש און אידיש. די אידישע אויסגאַבע האָט זיך זייער שוואַך פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד, אָבער די רוסישע „פּאָ־סליעדניאַ איזוועסטיאַ" האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג און זייער טיראַזש האָט זיך פאַרגרעסערט פון נומער צו נומער. די קאַרלסרוער חברים האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן „די לעצ־טע נאַכריכטן" אויף פּויליש. זיי האָבן געקויפט פּוילישן שריפט און זיינען ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אַרויסגעלאָזן האָבן זיי

אין גאַנצן זיבן נומערן. ווען זיי וואָלטן זיך ווייטער פאַרנומען מיט דער זאַך, וואָלטן זיי זיך געמוזט אָפּזאָגן אין גאַנצן פון זייער שטודיום, און דאָס האָבן זיי ניט געקאָנט. אָבער דער פּרואוו, וואָס זיי האָבן געמאַכט, האָט פאַרפעסטיקט אויך אין דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע די פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט צו באַנוצן אין דער פּאָליטישער אַרבעט פּויליש פּאַראַלעל מיט רוסיש. די גרופּע האָט שפּעטער מיטגעהאָלפן ביים איבערזעצן אַ גאַנצע סעריע בראָשורן, וואָס זיינען אַרויס אויף פּויליש, און אויך ביים אַרויסגעבן אין 1904 און 1905 דעם זשורנאַל: „גלאָס בונדו".

* * *

נאָך די זעלבע נאַכט האָבן מיר, די בערלינער און לייפּציגער ווידער צוזאַמען, זיך געזעצט אין צוג אויף צוריקצופאָרן. מיר זיינען געווען שרעקלעך מיד. דעם גאַנצן וועג זיינען מיר געשלאָפן, זיצנדיק אויף דער האַרטער באַנק, און טויט־מיד זיינען מיר אָנגעקומען קיין לייפּציג. אין לייפּציג האָבן מיר אַ פּאָר שעה זיך אָפּגערוט, אָבער אונזער שלאָף־קאַנטאָ האָט געהאַט אַזאַ גוואַלדיקן דעפיציט, אַז מיר זיינען אין דער הינזיכט געווען פולשטענדיק באַנקראָט. אויף אַ ריכטיקן אופן האָבן מיר זיך אויסגערוט ערשט אין בערלין.

די סעקרעטאַרן פון דעם צ. ב.

דער צ. ב. איז געבליבן אין בערן ביז יוני 1906. פון דאַן ביז נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917, ווען די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט זיך אַליין ליקווידירט, האָט ער זיך געפונען אין זשענעווע.

ווי איך האָב שוין געשריבן, איז דער ערשטער סעקרעטאַר פון צ. ב. געווען מעדעם. איך גלויב, אַז ער איז דאַמאָלסט גלייכצייטיק געווען אויך דער סעקרעטאַר פון דער בערנער גרופּע. ווי מען האָט מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן איבערגעגעבן, האָבן די בערנער חברים, באַקענענדיק זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון די איינצלנע גרופּעס אויף די ערטער, גלייך פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעט פון צ. ב. וועט זיך מוזן שטאַרק צעוואַקסן און אַז עס וועט נויטיק זיין, אַז דער סעקרעטאַר פון צ. ב. זאָל אָפּגעבן דער אַרבעט זיין גאַנצע צייט, ניט געקוקט דערויף, וואָס די בערנער גרופּע וועט אים קאָנען שטענדיק צוהעלפן אין זיין אַרבעט. גלייך אין די ערשטע צוויי חדשים פון דער עקזיסטענץ פון צ. ב. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער סעקרעטאַר

רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבייטערפּאַרטיי.

אַלגעמיינער אידישער אַרבייטערבונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד.

צו אַלע מיטבירגער.

אין ווילנער גובערניע מיט אַלע איהרע אויעזדנע שטעדט און פּיעלע שטעדטלעך, אין דווינסק און וויטעבסק, אין פּאָלאָצק, האָמעל און אַנדערע שטעדט האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער סטרייק פון זאָקענמאַכערקעס, וועלכער האָט ארומגעכאַפּט איבער 2500 אַרבייטערקעס. דער טיפּישער סיסטעם פון דער הויזאינדוסטריע מיט איהר אַרבייט אויף די טוועטערס (פּערמיטלער), אַפּט מיט פּרעסדע מאַשינעס, אין די אונגעזונדסטע בעדינגונגען, די אויסערסטע צווייטקייט און צושפּרייטקייט, צו אַ פּאָר מענשען אין יעדער הויז (דאָס רוב ווערט די אַרבייט געפיהרט אין שטוב פון די עלטערן) אויף אַ גרויסען ראַיאָן — אַלץ דאָס מאַכט די עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט דורך'ן קאַפּיטאַל זעהר גרינג און אונגעהויער גרויס צווישען די זאָקענמאַכערקעס. 13 לאַנגע שעה בעוועגען זיי פון טאָג צו טאָג די מאַשין... און אין סך־הכל — אַ קבצנ'ישער פאַרדינסט פון 1½—2 רובל אַ וואָך, וועלכער סטאַיעט ניט אפילו אויף די נויטיגסטע לעבענסבעדערפניסען, אַ האַלב־הונגעריגע, בעטלערישע עקסיסטענץ אין דעם בוכשטעבליכען זינען פון דיזען וואָרט. מיט 3 יאָהר צוריק האָבען זיי מיט אַ פּעראייניגטען סטרייק זיך דערשלאָגען אַ פּערהעכערונג פון זייער שטיק־לוין. אָבער פאַר דיזע צייט האָבען די פאַבריקאַנטען און טוועטערס שוין אויסגעניצט אַראָבדריקען די שכירות ביז דער פריהערדיגער גרויס. איצט האָבען די אַרבייטערקעס זיך ווידער אויפגעהויבען אום צו פערהעכערען זיך דעם שטיק־לוין אויף 15—20 קאָפּיקעס אויף'ן טוץ. דער איצטיגער מאָמענט האָט פאַר זיי אַ אונגעהויער־גרויסע וויכטיגקייט: פאַרשפּילען — בעדייטעט פאַר זיי דעם אַריבערגאַנג הינטער יענעם גרענעץ פון דער מענשליכער ערנעהרונג, וואו עס הייבט זיך אָן אַ לאַנגזאַמער פיזישער טויט. נאָר די הילף מיט געלד און דערביי די באַלדיגע הילף פון אַלע די, וואָס סימפּאַטיזירען דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט, קען זיי פערזיכערען דעם זיעג. קומט זשע און העלפט!

אַלע ביישטייערגע בעטען מיר איבערצושיקען דורך'ן אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד".

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד".

אַפּריל 1903 יאָהר. דרוק פון „בונד".

דער אַדרעס פון אויסלענדישען קאָמיטעט:

ABRAHAM NATHANSON, 17, Montem Road, Forest Hill, London, S.E.

פון צ. ב. מוז זיין אַ פּראָפעסיאָנאַל. אויף דעם פּאָסטן איז ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן פון קאַרלסרוע פּאַוועל בערמאַן. איך ווייס ניט, ווי לאַנג מעדעם איז געווען דער סעקרעטאַר. אָבער צום ערשטן אַפּריל 1902 האָט דעם פּאָסטן שוין פאַרנומען פּאַוועל. ווי ווייט איך געדענק, איז פּאַוועל געבליבן דאַמאָלסט אין בערן אַ האַלב יאָר. אַרום נאָוועמבער 1902 איז ער שוין געווען אין בערלין — דער ערשטער פּראָפעסיאָנאַל פון אויסלענדישן קאָמיטעט פאַר טעכנישע

אַרבעטן אין בערלין. איך געדענק דאָס זייער גוט, ווייל דאָס איז געווען צוליב מיין אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד.

ווער עס זיינען געווען די סעקרעטאַרן פון צ. ב. פון 1903 ביז 1906 אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, ווייס איך ניט. מעגלעך, אַז לויט די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון צ. ב. וואָלט מען דאָס געקאָנט פעסט־שטעלן. איך קאָן זיך, אָבער, ליידער, דערמיט איצט ניט פאַרנעמען; איך ווייס נאָר, אַז אין דעם אָנגערופענעם פעריאָד האָט זיך דער צ. ב. שטאַרק אַנטוויקלט. פון די סעקרעטאַרן, צו וועלכע די גרופּעס האָבן געהאַט די גרעסטע סימפּאַטיעס, קאָן איך אָנרופן עפּראַס („ירושלמי״), וולאַדימיר שטשופּאַק (מעגלעך אויך יאַשאַ שטשופּאַק) און יאַשאַ קאַפּלאַן.

אין האַרבסט 1903 איז געקומען קיין אויסלאַנד סערגעי זעלדאָוו־ניעמאַנסקי. ער האָט זיך באַזעצט אין בערן און איז באַשטימט גע־וואָרן פון אויסלענדישן קאָמיטעט אַלס זיין פאָרשטייער אין צ. ב. צי עס איז פריער געווען לויט די סטאַטוטן אַ שטענדיקער פאָר־שטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט אין צ. ב. אָדער דער צ. ב. האָט זיך בלויז ווענן יעדער ערנסטער פראַגע צונויפגעשריבן מיטן אויס־לענדישן קאָמיטעט — דאָס ווייס איך ניט. צונויפגעשריבן ווענן יע־דער וויכטיקער זאַך מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט האָט זיך דער צ. ב. שטענדיק, אָבער אויף ח׳ סערגעי, ווי מיר דוכט, האָט מען זיך אין דער הינזיכט געקאָנט פאַרלאָזן בעסער ווי אויף די יינגערע חברים, וואָס האָבן ניט געהאַט אַזאַ סטאַזש. סערגעי׳ען האָט גע־פעלט אין דער אַרבעט אַ צווייטער חבר, וואָס זאָל קאָנען אָפּגעבן דעם צ. ב. זיין גאַנצע צייט (אַליין האָט זיך סערגעי פאַרנומען אויך מיט ליטעראַרישע אַרבעטן פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט), האָט אים דעריין אויסגעהאָלפן אַרום אָנהויב 1904 דער דייטשער רייכסקאַנצלער ביולאָוו. ער האָט אַרויסגעשיקט פון פרייסן דעם ח׳ דוד מאַכלין. מאַכלין איז געפאָרן קיין בערן און איז פאַרן צ. ב. געוואָרן דער בעס־טער, טיכטיקסטער און פּינקטלעכסטער טוער. סערגעי האָט זיך אַלץ מער געקאָנט באַפרייען פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין צ. ב., וועלכע איז ביסלעכווייז אַריבערגעגאַנגען צו מאַכלינ׳ען. בינו לבינו איז יעדער יאָר געווען אַ צוזאַמענפאָר פון די גרופּעס. איך גלויב, אַלע מאָל אין בערן. אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז מאַי 1906. פּאַ־סירט האָט דאָן אָט וואָס:

אין מערץ 1906 איז אין בערן פאָרגעקומען די 7טע קאָנפערענץ פון „בונד״, צו וועלכער עס איז געקומען פון רוסלאַנד אַ גרויסע צאָל

דעלעגאַטן. מאַכלין און סערגעי האָבן גענומען אויף זיך די טעכ־נישע צוגרייטונג פון דער קאָנפערענץ, באַזאָרגן די לאָקאַלן, העקטאָ־גראַפירן פּראָיעקטן פון רעזאָלוציעס און אַנדערע דאָקומענטן, וואָס האָבן געמוזט פאַרטיילט ווערן אויף דער קאָנפערענץ. באַלד נאָך דער קאָנפערענץ און אַז מאַכלין האָט ניט פאַרוואָס מורא צו האָבן, מען שפּיאָנירט אים שטאַרק נאָך. אים האָט עס אין אָנהויב ווייניק געאַרט, וואָרעם וואָס קאָן דען פּאַסירן אין בערן? איך געדענק — איך בין דאַמאָלסט אויך געווען אין בערן — מיר האָבן וועגן דעם זיך דורכגערעדט מיט סערגעי׳ען און זאָלבעדריט זיינען מיר געקומען צו דער מיינונג, אַז די שפּיאָנען האָבן זיך באַוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנפערענץ און אַז מאַכלין האָט ניט פאַרוואָס מורא צו האָבן. בערן ליגט דאָך ניט אין פּרייסן און אין רוסלאַנד דאָך אוודאי ניט. דערביי האָט מאַכלין אויפמערקזאַם געמאַכט אונז אויף אַ שטיקל שווערער קאָנספּיראַציע, וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין קוואַרטיר. דער צ. ק. האָט דאַמאָלסט געהאַט אין רוסלאַנד (מינסק, האָמעל א. אנד.) אייניקע לאַבאָראַטאָריעס, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרן באָמבעס פאַרן זעלבסטשוץ אָדער פאַר אַן אויפשטאַנד, וואָס איז דאַמאָלסט נאָך מעגלעך געווען. צו יענע לאַבאָראַטאָריעס איז נויטיק געווען צו שיקן פון אויסלאַנד געוויסע אַפּאַראַטן, טיילן פון אַפּאַראַטן, צינדשנורן א. ד. גל. דאָס האָט זיך אַלץ געפונען ביי מאַכלינ׳ען אויף דער קוואַרטיר. אַזוי ווי, אָבער, ביי סערגעי׳ען האָט מען דאָס ניט געקאָנט האַלטן, ווייל ער האָט זיך אין יענער צייט געקליבן אָפּצופאָרן לעגאַל קיין רוסלאַנד אויפן גרונט פון דער אָקטאָבער־אַמניסטיע פון 1905, און גלאַט אַזוי ביי אַ באַקאַנטן סטודענט האָט מען דאָס אויך ניט געקאָנט האַלטן, איז עס במילא געבליבן ווייטער ביי מאַכלינ׳ען. צוליב דעם בין איך דעמאָלט אַריינגעפאָרן קיין זשענעווע און האָב זיך דורכ־גערעדט וועגן דעם מיט גליעב׳ן. גליעב האָט געהאַט אַן אָרט וואו דאָס גוט צו באַהאַלטן. דאָס איז געווען די קוואַרטיר פון אונזערן אַ גוטן פריינד באַגדאַטיאַן, דעם פאָרשטייער פון דער אַרמענישער ס.־ד. אָרגאַניזאַציע. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט באַגדאַ־טיאַן אַליין געזאָלט אַרויספאָרן קיין בערן אָפּנעמען פון מאַכלינ׳ען דאָס פּעקל. מיט אַ מאָל האָט זיך, אָבער, באַקומען אַ טעלעגראַמע פון בערן, אַז מאַכלין איז אַרעסטירט מיט דער גאַנצער סחורה, וואָס איז געווען ביי אים פאַרבאַהאַלטן. ביי מאַכלינ׳ען האָט מען צוגענומען אויך דעם גאַנצן אַרכיוו פון צ.־ב. — אַרום טויזנט בריוו, דאָקומענטן, צירקולאַרן א. אַז. וו.

דעם אויסלענדישן קאָמיטעט איז געלונגען, מיט דער הילף פון דער שווייצאַרישער ס.־ד. פּאַרטיי, אין גיכן אַרויסצופּלאָנטערן מאַכלינ׳ען פון דער זאַך, און בשעת מאַכלין איז נאָך געזעסן אין טורמע, איז שוין געלונגען אַרויסצובאַקומען פון פּראָקוראָר דעם גאַנצן אַרכיוו פון צ. ב. דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט די זאַך געפירט, האָט מיר דאַן איבערגעגעבן, אַז צום פּראָקוראָר האָבן זיך געיאַוועט צוויי דעלעגאַטן פון פּעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, ספּעציעל געשיקט פון פּעטערבורג קיין בערן. זיי האָבן ענערגיש געפאָדערט, מען זאָל זיי דערלויבן זיך באַקענען מיט די דאָקומענטן און בריוו, וואָס מען האָט געפונען ביים „טעראָריסט״ מאַכלין. דער פּראָקוראָר זאָל זיי, אָבער, האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אַרויסבאַקומען האָט מען דעם אַרכיוו זייער איינפאַך: צום פּראָקוראָר איז אַהינגעגאַנגען דער בייער סעקרעטאַר פון צ. ב. יוסף לענסקי („יולי״), האָט זיך לעגיטימירט ביי אים דורכן אַדוואָקאַט און געבעטן אַרויסגעבן דעם מאַטעריאַל. דער פּראָקוראָר האָט געפרעגט מאַכלינ׳ען, צי ער איז איינפאַרשטאַנען דערמיט, אַז דער שריפטלעכער מאַטעריאַל זאָל אַרויסגעגעבן ווערן לענסקי׳ן. מאַכלין האָט, פאַרשטייט זיך, געזאָגט יאָ, און לענסקי איז צוריקגעקומען קיין זשענעווע מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון צ. ב. כדי צו פאַרענדיקן מיט מאַכלינ׳ען, וויל איך באַמערקן, אַז נאָך דעם ווי מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון דער שווייץ, איז ער געפאָרן קיין רוסלאַנד און האָט יאָרן־לאַנג געלעבט לעגאַל אין ווילנע, פאַרנעמענדיק דעם פּאָסטן פון סעקרעטאַר פון צ. ק. ערשט אַרום 1910 האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט די רוסישע טורמעס און די באַקאַנטשאַפט האָט זיך, ליידער, ניט פאַרענדיקט ביז צום היינטיקן טאָג.

נאָך מאַכלינ׳ען איז דער סעקרעטאַר פון צ. ב., אַלזאָ, געוועזן לענסקי. אָנהויב 1907 איז לענסקי אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרבעט און עס איז זייער שווער געווען צו געפינען פאַר דעם פּאָסטן אַ פּאַסיקן מענטשן. אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך צום סוף אויף פּאַוועל קאָקאָטשינסקי („פּאַוועל פּאָלסקי״), דעם שפּעטערדיקן פּראָוואָקאַטאָר. מיר האָבן זיך געהאַט באַקענט מיט אים אויפן 7טן צוזאַמענפאָר, אויגוסט 1906, אין לעמבערג, וואוהין קאָקאָטשינסקי איז געקומען אַלס איינער פון די דעלעגאַטן פון דעם פּוילישן ראַיאָן. אויף די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט (צו יענער צייט: דזשאָן, באָריס פרומקין, מאַקס ווינאָקור און איך) האָט קאָקאָטשינסקי אויפן צוזאַמענפאָר געמאַכט ניט קיין שלעכטן איינדרוק. אמת, קיין איבעריק גוטן אויך ניט, אָבער צו איבערקלייבעריש האָבן מיר דאַמאָלסט ניט געקאָנט זיין.

די בעסטע מענטשן זיינען אַלע צוביסלעך נאָך דער אָקטאָבער־אַמני־סטיע פון 1905 אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, און צווישן די נייע זיינען געווען ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געפּאַסט צו דער אַרבעט. קאַקאָטשינסקי האָט דאַמאָלסט מיט זיין פרוי געלעבט אין בריסל. מיר האָבן אים אַרויסגערופן קיין זשענעווע און ער איז גלייך געקומען. לײדער, האָבן מיר זיך, גלייך ווי ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איבערצייגט, אַז מיר האָבן אין אים געהאָט אַ גרויסן טעות. ער איז געווען שרעק־לעך פויל. ער האָט קיין שום אינערלעכן דראַנג צו דער אַרבעט ניט געהאַט. און ווען עס פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז וויכטיקע דרינגענ־דיקע אַרבעטן זיינען ניט געטאָן געוואָרן, פלעגט ער אונז דערציילן פּשוט׳ע ליגנס, למשל, אַז די און די בריוו האָט ער געשריבן און פונאַנדערגעשיקט, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי פאַרלאָרן גע־גאַנגען אויף דער פּאָסט. מיר האָבן געפּרואווט אים באַפרייען פון ריין טעכנישע אַרבעטן, ווי העקטאָגראַפירן צירקולאַרן, און האָבן געזען אויף אַלע אופנים אים די אַרבעט לייכטער צו מאַכן. עס האָט, אָבער, ניט געהאָלפן. ער האָט צו דער אַרבעט ניט געטויגט.

כדי צו פאַרענדיקן מיט קאַקאָטשינסקי׳ן, וויל איך דאָ גלייך באַמערקן, אַז צו יענער צייט איז ער נאָך קיין פּראָוואָקאַטאָר ניט געווען. אין דער צאַרישער אָכראַנע האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַרום אָקטאָבער 1908. ער האָט אַרויסגעגעבן דער אָכראַנע זייער פיל, און פאַר זיין פריילעכן לעבן אין פּאַריז האָבן אונזערע חברים אין רוס־לאַנד באַצאָלט מיט יאָרן און יאָרן טורמע און סיביר. ער פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אונז קיין זשענעווע, אָבער שוין ביי זיין ערשטן קומען, אַרום 1911, איז ער אונז שטאַרק ניט געפעלן גע־וואָרן. עס האָט זיך אונז ניט געלייגט אויפן שכל, אַז ער דינט אין דער אָכראַנע. אָבער עפּעס אינסטינקטיוו האָבן מיר געפילט, אַז מען טאָר מיט אים ניט ריידן. פון אונז אין זשענעווע האָט ער זיך וועגן חברים, וועגן דער אַרבעט פון „בונד" אין רוסלאַנד קיין זאַך ניט גע־קאָנט דערוויסן, אָבער פון פאַרשיידענע יונגע חברים אין פּאַריז, וואו ער איז געווען אַ גאַנץ פּאַסיווער מיטגליד פון דער בונדישער גרופּע, און אין אַנדערע ערטער (לייפּציג, ווין, קראָקע), וואוהין ער פלעגט קומען כלומר׳שט אַלס סוחר, פלעגט ער זיך דערוויסן אָפטמאָל אויך וועגן מענטשן, וואָס אַרבעטן אין רוסלאַנד, וואָס פאָרן פון אויסלאַנד אַהין א. אַז. וו. און אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, האָט אים פאַר־שאַפט אַ גוט לעבן און אונזערע חברים — קאַטאָרגע און סיביר. אויך מעדעמ׳ס קאַטאָרגע און זיין פריצייטיקער טויט ליגט אויף דעם

געוויסן פון קאַקאָטשינסקי׳ן און ביז היינט צו טאָג שפּאַצירט אַרום דער בלוטיקער הונט פראַנק און פריי איבער די גאַסן פון פּאַריז און קיין ציגל פאַלט אים ניט אין קאָפּ פון אַ דאַך און קיין שאָפער פאַר־קירעוועט ניט אויף אים צופעליק זיין אויטאָמאָביל...

צו דער זעלבער צייט, ווען קאַקאָטשינסקי האָט שוין אַליין גע־האַט זיך איבערצייגט, אַז ער טויג אַבסאָלוט ניט צו דער אַרבעט אין צ. ב., איז פאָרגעקומען דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון די גרופּעס (יאַנואַר, 1907). דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ גרויסער און אַ לעבעדיקער. עס זיינען געווען דעלעגאַטן פון 15 גרופּעס און באַ־טייליקט אין אים האָבן זיך 48 חברים און חבר׳טעס. צווישן זיי זיי־נען געווען אייניקע זייער חשוב׳ע און ליבע געסט: ח׳ ליעסין פון ניו יאָרק, מאַקסים קליוואַנסקי, צביון, אָקון און באַריס פּרומקין (דער לעצטער איז אָקערשט געווען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד), אַלס סעקרעטאַר פון צ. ב. איז אויף דעם צוזאַמענפאָר אויסגעקליבן געוואָרן באַריס פּרומקין. באַריס איז, אָבער, גלייכצייטיק קאָאָפּטירט געוואָרן אויך אין אויסלענדישן קאָמיטעט. עס איז דעריבער נויטיק געוואָרן אים, ווי וויט מעגלעך, צו באַפרייען פון דער אַרבעט אין צ. ב. מיר האָבן געזען, אַז די אָנפירונג פון דער אַרבעט זאָל בלייבן אין די הענט פון באַריס׳ן, אָבער מיט דער טאָג־טעגלעכער לויפנדיקער אַרבעט זאָל זיך פאַרנעמען אַן אַנדערער. אין גיכן האָבן מיר דערצו געפונען אַ פּאַסיקן מענטשן, דאָס איז געווען אַ וויטעבסקער חבר דאַווידאָוו (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען, דוכט זיך, ליפשיץ). ער האָט געאַרבעט זייער געוויסנהאַפט, אָבער ניט זעלבסטשטענדיק און כמעט די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט איז ווייטער געבליבן אויף די פּלייצעס פון באַריס׳ן. דאַווידאָוו האָט געאַרבעט אין גאַנצן אַ דריי־פיר חדשים און דאַן האָט זיך ווידער געשטעלט די פראַגע וועגן אַ פּאַסיקן מענטשן פאַרן צ. ב. מאַקס ווינאָקור האָט רעקאָמענדירט אויף דעם פּאָסטן איינעם אַ יונגן חבר, וואָס איז אים גוט באַקאַנט געווען נאָך פון די יאָרן 1902־1904 פון בערדיטשעוו; דאָס איז געווען דער ח׳ פּאָזנאַנסקי, דעמאָלט באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים „מיראָן”. אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן אים האָט יעדערער פון אונז געהאַט, אָבער ווינאָקור האָט אים גוט געקענט פּערזענלעך און האָט אים רעקאָמענדירט אויף אַזאַ אופן, אַז זיין פאָרשלאָג איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. מיראָן איז דעמאָלט פון רוסישן פּאָליציי־דע־פּאַרטאַמענט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד (אַנשטאָט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר) און האָט זיך געפונען, ווי מיר דוכט זיך, אין בערלין.

זומער 1907 איז ער געקומען קיין זשענעווע און זיך געזעצט אַרבעטן אין צ. ב. פאַרבליבן איז ער ביז סוף יאָר 1908. דאָס איז געווען די בעסטע און די שענסטע צייט אין דעם אינערלעכן לעבן פון צ. ב. די אַרבעט איז פריער קיין מאָל ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכן מצב, ווי אין דער צייט. באַריס האָט ביסלעכווייז זיך באַפרייט פון דער אַרבעט און זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישע און אַנדערע דרינגענדיקע אַרבעטן אין אויסלענדישן קאָמיטעט. די גאַנצע אַרבעט איז דורכגע־פירט געוואָרן פון מיראַנ׳ען, און אויף אַזאַ אופן, אַז דער צ. ב. איז פאַר די גרופּעס געוואָרן אַ מוסטער פון ענערגיע און פּינקטלעכקייט. דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט, ווען די לאַגע פון „בונד" אין רוס־לאַנד איז געווען זייער אַ שווערע, און די ידיעות, וואָס פלעגן זיך באַקומען פון רוסלאַנד, האָבן קיין דערמוטערונג אין דער אַרבעט ניט געקענט געבן. די אויסגעצייכנטע אַרבעט פון צ. ב. האָט דעמאָלט געבראַכט דערצו, אַז ניט געקוקט אויף די טרויעריקע שטימונגען אין רוסלאַנד, האָט זיך די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פאַרפעסטיקט און שטאַרק פאַרגרעסערט און זיך געפונען אין אַ מוסטערהאַפטן צושטאַנד.

סוף 1908, ווען אין אויסלאַנד האָבן זיך ווידער באַוויזן די פּי־רער פון דער מענשעוויסטישער און פון דער באָלשעוויסטישער פראַק־ציעס און עס האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין אויסלאַנד די רוסישע פּאַרטיי־אָרגאַנען און אויך דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן צו קלערן וועגן באַנייען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט (די קאָלאָניע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון: דזשאָן, אסתר, יונה, קאָסאָווסקי, מעדעם און דעם שרייבער פון די שורות), האָט דער אויסגעצייכנטער צושטאַנד פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג.ליידער, האָט גראָד דעמאָלט ח׳ פּאָזנאַנסקי, צוליב זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט (אָדער אַ ספּעציעלן אינסטיטוט, איך געדענק עס ניט גענוי), כדי לייכטער צו געפינען אַרבעט ביים צו־ריקקומען קיין רוסלאַנד. דער טערמין, ווען עס איז אים דערלויבט געווען צוריקצוקומען, איז שוין געווען נאָענט. אין זשענעווע האָט ח׳ פּאָזנאַנסקי זיין שטודיום נישט געקאָנט פאַרענדיקן, איז ער, ליידער, פון אונז אַוועקגעפאָרן, צוערשט קיין בערן, שפּעטער קיין בריסל.

נאָך אים איז דער אָפיציעלער סעקרעטאַר פון צ. ב. געווען אסתר. אויך זי איז גלייכצייטיק געווען אַ מיטגליד פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט און אויך זי האָט געמוזט באַפרייט ווערן פון דער אַרבעט

אין צ. ב. אונטער דער אָנפירונג פון אסתר׳ן האָט זיך, נאָכן אָפּפאָרן פון ה׳ פּאָזנאַנסקי, פאַרנומען, אומגעפער אַ יאָר נאָכאַנאַנד, שכנא עפּשטיין מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פונם צ. ב. שכנא האָט אומגעהויער פיל געאַרבעט. אין הינזיכט פון פּינקטלעכקייט איז דער מצב פון דער אָרגאַניזאַציע געבליבן געננוי אַזוי גוט, ווי ביי ה׳ פּאָ־זנאַנסקי. סוף 1909 האָט שכנא באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך געגרייט, אַזוי צו זאָגן, צו אַ ליטעראַרישער קאַריערע. עס האָט זיך ווידער געשטעלט די פראַגע וועגן אַ פּאַסיקן מענטשן פאַרן צ. ב. אין אויסלאַנד האָבן מיר אַזאַ מענטשן ניט געהאַט. האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצורופן פון רוסלאַנד דעם ה׳ טאַראַס. ער האָט מסכים געווען, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות איז ער ניט גע־קומען. מיר האָבן דאַן אָנגעמערקט אַן אַנדער קאַנדידאַט פון רוסלאַנד, דעם ה׳ „לאַזאַר״, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשיקט אין יאַרענסק, אין וויטן צפון. מיר האָבן זיך מיט אים צונויפגעשריבן, ער האָט געמאַכט דעם „ויברח״ פון יאַרענסק און איז געקומען קיין זשענעווע. מיט אים הויבט זיך ווידער אָן (סוף 1909) אַ פּעריאָד פון אַ גרויסער און פּרוכטבאַרער אַרבעט אין צ. ב. ביים שרייבטיש פון צ. ב. איז לאַזאַר אָפּגעזעסן אָן אַ הפסקה פיר יאָר מיט זיבן חדשים, ביז יולי 1914. ער איז דאַן געפאָרן „אויף אַ קורצער צייט״ קיין רוסלאַנד אין רשות פון צ. ק. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט צום 8טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין אוגוסט 1914 אין ווין. בינו לבינו האָט פּאַסירט אַזאַ „קלייניקייט״ ווי דער וועלט־קריג. פון א צוזאַמענפאָר, איבערהויפּט נאָך אין אויסלאַנד, איז ניט געווען מער וואָס צו טראַכטן. צוריקפאָרן קיין אויסלאַנד האָט לאַזאַר מער ניט געקענט. ער איז פאַרבליבן אין רוס־לאַנד. אונטער דעם פּסעוודאָנים „לאַזאַר״ האָט זיך דעמאָלט פאַר־באַהאַלטן ה׳ שולמאַן.

נאָך ה׳ שולמאַנ׳ס אָפּפאָרן, אין יולי 1914, האָט זיין אַרבעט אין צ. ב. גענומען אויף זיך ה׳ ראַבינאָוויטש („יולין״), דער שפּעטער־דיקער פאָרזיצער פון צ. ב. פון „בונד״ אין לעטלאַנד. אָבער דער וועלט־קריג, וואָס האָט חרוב געמאַכט האַלב אייראָפּע, האָט, נאַטיר־לעך, ניט געשאַנעוועט אויך אונזער אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע. אין די לענדער, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין קריג, האָבן די גרופּעס אין גאַנצן, אָדער כמעט אין גאַנצן, אויפגעהערט צו עקזיס־טירן, מיט דעם אויסנאַם פון פּאַריז, וואו די גרופּע האָט גראָד בשעת דעם קריג אויסגעצייכנט געאַרבעט. אין די ביטערע יאָרן פון קריג

איז כמעט די גאנצע אַרבעט פון צ. ב. געלעגן אויף די פּלייצעס פון ח׳ קאַסאָווסקי און ח׳ יולין.

דעם 8טן אַפּריל 1917, ווען אונזער עולם האָט זיך שוין שטאַרק געגרייט אַפּצופאָרן אין באַפרייען רוסלאַנד, האָט דער צ. ב., מיט דער צושטימונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט, צונויפגערופן קיין בערן אַ קאָנפערענץ פון די בונדישע גרופּעס אין דער שווייץ. פון אַנדערע לענדער האָט קיינער ניט געקענט קומען. די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז געווען צו באַשליסן, אויף וואָס פאַר אַן אופן צו ליקווידירן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע. נאָך דער גרויסער רוסי־שער רעוואָלוציע האָט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער אָרגאַ־ניזאַציע קיין שום זין ניט געהאַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע גלייך צו ליקווידירן. אַלע אַרבעטן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן געווען, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער ליק־ווידאַציע־קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: קאַסאָווסקי, יולין און דער שרייבער פון די שורות.

אונזער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג, דעם 8טן אַפּריל, ווען לענין מיט עטלעכע צענדליק זיינע חברים און צופעל־ליקע מענטשן זיינען אין אַ ספּעציעלן צוג (די אַזוי גערופענע פלאָמבירטע וואַגאָנען) אַרויסגעפאָרן פון בערן דורך דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד. אויפן בערנער וואָקזאַל האָבן אייניקע פון אונזערע חברים זיך געזעגנט מיט לענינ׳ען און מיט אייניקע באַקאַנטע, וואָס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן, און קיינער פון אונז (און נאַטירלעך — די באָלשעוויקעס אויך נישט) האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי אונזע־רע וועגן וועלן זיך מיט דער צייט פונאַנדערגיין.

* * *

איך מוז נאָך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן מיין אייגענער שייכות צום צ. ב. אין צ. ב. איז, לויט די סטאַטוטן, אַריינגעגאַנגען אַ דע־לעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט. אין אָווגוסט 1906, גלייך נאָך מיין אָנקומען אין זשענעווע, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט (דע־מאָלט: גאָזשאַנסקי, גליעב, דזשאָן, ווינאָקור און איך) באַשלאָסן צו דעלעגירן אין צ. ב. מיך און אַזוי בין איך פאַרבליבן אין צ. ב. ביז צום סוף. נאָך יעדער צוזאַמענפאָר, ווען די קאָלעגיע פון צ. ב. פלעגט באַנייט ווערן, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט מיך פון דאָס ניי אַהין דעלעגירט. איך גלויב, אַז דער באַשלוס איז ניט געווען אין גאַנצן קיין ריכטיקער, וואָרעם די אַרבעט אין צ. ב. האָט ביי מיר אָוועקגענומען זייער פיל צייט און האָט זיך שעדלעך אָפּגערופן אויף

אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיינען געלעגן אויף מיר. צוליב דער אויס־לענדישער אַרבעט האָט געמוזט אין אַ געוויסער מאָס פאַרנאַכלעסיקט ווערן די קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאַנד, און איך בין זיכער, אַז אַזוי איז עס געווען.

אַ פּאָר ווערטער מוז איך נאָך זאָגן אויך וועגן די חברים, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין צ. ב. און זיינען ביז איצט פון מיר ניט דערמאָנט געוואָרן. פון זיי איז דער וויכטיקסטער אין אַלע הינזיכטן ח׳ ליבמאַן. ער האָט געהערט צום צ. ב. אומגעפער פון 1909 ביז צום סוף. אַרום 1915 איז ער קאָאָפּטירט געוואָרן אויך אין אויס־לענדישן קאָמיטעט. דערמאָנט מוז דאָ ווערן צום גוטן אויך דער חבר „אַמעריקאַניעץ״, דער „טעכניקער״ ביים אויסלענדישן קאָמיטעט. פון 1906 ביז 1912 האָט ער פיל געאַרבעט אויך פאַרן צ. ב.

אויפן לעצטן — דעם אַכטן — צוזאַמענפאָר (אין דעצעמבער 1913, אין זשענעווע) פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע זיינען אין צ. ב. אויסגעקליבן געוואָרן צוויי חברים, וואָס האָבן ניט געלעבט שטענדיק אין זשענעווע: יוסף פרענקעל פון פּאַריז און וואָלף ליפּניק פון ציריך. דאָס איז געווען אַן אומפּראַקטישער באַשלוס. באַטייליקן זיך רעגולער אין דער אַרבעט פון דער קאָלעגיע האָבן פרענקעל און ליפּניק ניט געקענט, און עס פלעגט געפירט ווערן מיט זיי אַ קאָרעס־פּאָנדענץ, וואָס האָט שטענדיק אָוועקגענומען ביים סעקרעטאַר זייער פיל צייט. צוליב וועלכע מאָטיוון די ביידע חברים זיינען אויסגע־קליבן געוואָרן, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך געפונען ווייט פון זשענעווע, איז מיר איצט ניט קלאָר. אַ געוויסע צייט האָט גע־הערט צו דער קאָלעגיע ח׳ באַיאַרסקי, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין דאַוואָס, אָבער דער זיבעטער צוזאַמענפאָר (מאַי 1909), וואָס האָט אים אויסגעקליבן אין קאָלעגיע, איז זיכער געווען, אַז ער וועט זיך באַזעצן אין זשענעווע. וועגן פרענקעל׳ן און ליפּניק׳ן איז קלאָר געווען, אַז זיי וועלן זיך אין זשענעווע נישט באַזעצן.

דער צ. ב. און דער אויסלענדישער קאָמיטעט

איך ווייס נישט, צי עס איז קלאָר פאַרן לייענער, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער אונטערשייד צווישן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט און דעם צענטראַלן ביוראָ; מוז איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער אויך וועגן דעם. די פונקציעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט זיינען באַשטאַנען אין העלפן דעם צענטראַלן קאָמיטעט און די אָרטיקע בונדישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין רוסלאַנד צו שאַפן פאַרבינדונגען צווישן דעם „בונד״,

וואָס האָט געווירקט אין רוסלאַנד, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט פאַרטראָטן פאַרן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט דעם „בונד", וואָס האָט, צוליב זיין אומלעגאַלער לאַגע אין רוסלאַנד, זיך מיט קיינעם ניט געקענט אָפן פאַרבינדן. איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז באַשטאַנען (באַזונדערס ביז סוף 1905, אָבער אויך אין די יאָרן 1909 ביז 1914) אין אַרויסגעבן ליטעראַטור פאַר רוסלאַנד. פאַרבינדונגען האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געהאַט זייער גרויסע, מען קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אויף דער גאַנצער וועלט; איינצלנע בונדיסטן, וואָס זיינען געווען צוגעבונדן זייער שטאַרק צו דער פּאַרטיי, זיינען דעמאָלט געווען אויך אין אַפריקע און אויסטראַליע און אַפילו אין דעם פראַנצויזישן פרעמדן-לעגיאָן אין אַלזשיר. די בונדישע גרופּעס אין אַמעריקע, פאַראייניקט אין דעמאָלטיקן בונדישן צענטראַל-פאַרבאַנד אין ניו-יאָרק, זיינען געווען אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע און די פאַרבינדונג מיט זיי איז געלעגן אין די הענט פון אויסלענדישן קאָמיטעט. די „אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע", ווי מיר האָבן זי די גאַנצע צייט אָנגערופן, איז באַשטאַנען נאָר פון בונדישע גרופּעס און בונדישע אַרבעטער-פאַראיינען אין איראָפּע. די צאָל מיטגלידער אין די אַלע גרופּעס און פאַראיינען איז אין געוויסע צייטן דערגאַנגען ביז טויזנט.

די געלט-מיטלען פון „בונד" אין אויסלאַנד האָבן זיך געפונען אין גאַנצן אין רשות פון אויסלענדישן קאָמיטעט. דער צ. ב. האָט קיין אייגענעם בודזשעט ניט געהאַט; זיינע הוצאות האָט געדעקט דער אויסלענדישער קאָמיטעט.

צו דער ליטעראַרישער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָט דער צ. ב. ביז דעם יאָר 1911 קיין שייכות ניט געהאַט. אין 1911 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט גיט אַרויס אַן אָרגאַן (דאָס איז געווען דער „אינפאָרמאַציאָנני ליסטאָק") אין נאָמען פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, ד"ה, אַלזאָ, צוזאַמען מיטן צ. ב. אויף אַזאַ אופן האָבן צו דער רעדאַקציע פון יענעם אָרגאַן געהערט, אויסער די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, אויך די מיטגלידער פון צ. ב.

די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע איז אין פאַרלויף פון די יאָרן, וואָס זי האָט עקזיסטירט, געווען אין אַ געוויסן זין אַ פּאַרטיי-שול, און אַ סך הונדערטער און אפשר טויזנטער יונגע חברים און חבר'טעס

האָבן באַקומען אַ פּאָליטישע דערציאונג, אַן אויפמונטערונג צו דער אַרבעט און אַ לעבעדיקע פֿאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג אין רוס־לאַנד און פּוילן. הונדערט׳ער פֿון זיי האָבן שפּעטער פֿאַרנומען וויכ־טיקע פּאָסטנס אין דער פּאַרטיי־אַרבעט אין רוסלאַנד. עס איז ניט געווען אַ גרעסערע שטאָט אין די יאָרן 1904 און 1905, וואו עס האָבן ניט געאַרבעט חברים, וואָס האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע; באַזונדערס גרויס איז געווען די צאָל יונגע חברים, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פֿון אויסלאַנד צו דער אַרבעט אין רוסלאַנד נאָך די יאַנואַר־טעג 1905.

אַן אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג פֿון דער באַדייטונג פֿון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע געפֿינען מיר אין אַ באַגריסונג, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אין יאַנואַר 1907 פֿון ווילנע צום זעקסטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די אויסלענדישע גרופּעס. די באַגריסונג איז אונ־טערגעשריבן פֿון 19 חברים, וואָס האָבן פֿריער געלעבט אין אויס־לאַנד און געהערט צו דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע; אין יאַנואַר 1907 זיינען זיי אַלע געווען אין ווילנע, האָבן געאַרבעט אין דער „פֿאָלקסצייטונג“, אין „נאַשאַ טריבונאַ“ און אין די בונדישע ביכער־פֿאַרלאַגן „די וועלט“ און „טריבונאַ“ און זיינען טעטיק געווען ביים צ. ק. און אין דער אָרטיקער באַוועגונג. מיר וועלן דאָ ברענגען די כאַ־ראַקטעריסטישע ערטער פֿון דער באַגריסונג:

„אַלס אַמאָליקע מיטגלידער פֿון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַ־ציע, אין וועלכער מיר האָבן דורכגעלעבט איינעם פֿון די שווערסטע, אָבער אויך וויכטיקסטע און פּרוכטבאַרסטע פּעריאָדן פֿון דער זעלבסט־באַשטימונג פֿון „בונד“ אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון אַ פֿאַרשאַרפֿטן צווישן־פּאַרטייאישן קאַמף, ווילט זיך אונז פֿון וייטן רוסלאַנד אַרויסווייזן אייך אונזער גייסטיקע נאָענטקייט צו דער חברי׳שער סביבה, וואָס האָט איבערגעלאָזן אין אונז אַזוי פֿיל גוטע דערינערונגען. — — — אונז איז שווער איצט פֿונדערווייטנס זיך צו אָריענטירן אין די איינצלהייטן פֿון אייער אַרבעט אין אויסלאַנד; אָבער איינס ווייסן מיר: איר טוט אַ ניצלעכע זאַך, אַ זאַך, וואָס איז אומבאַדינגט נויט־ווענדיק פֿאַר אונזער באַוועגונג. איר גרייט צו טוער. איר זאָרגט פֿאַר מאַטעריעלע מיטלען — צוויי זאַכן, אָן וועלכע די פּאַרטיי קען ניט עקזיסטירן. דערמיט איז אַלץ געזאָגט. אייער אַרבעט, וואָס איז וויכטיק צו יעדער צייט, באַקומט אַ באַזונדער באַדייטונג אין איצטיקן מאָמענט, ווען מיר שטייען אויף דער שוועל פֿון דער שווער־סטער קאַמפּאַניע, וואָס אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ווען עס איז

געפירט — פאַרן וואַל־קאַמף צו דער צווייטער דומע, ווען מיר ברויכן די הילף פון אונזער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע מער, ווי דאָס איז ווען געווען אַמאָל פריער. — — — מיר ווייסן, אַז אייך קומט אויס צו אַרבעטן ביי שווערע באַדינגונגען, אין אַן אַטמאָספערע פון איזאָ־לירטקייט און אָפּגעריסנקייט פון דער לעבעדיקער באַוועגונג, אונ־טער די חורבות פון אַמאָליקן קאָכיקן לעבן אין אויסלאַנד. אָבער אויך אונזער גורל פון מענטשן, וואָס זיצן, אַזוי צו זאָגן, ביים סאַמע „קוואַל פון לעבן״, איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. די גיגאַנטישע באַווע־גונג פון די פרייהייטס־טעג ליגט ווייט הינטער אונז. זי האָט זיך אויף אַזוי ווייט אָפּגערוקט פון אונז, אַז עס דוכט זיך, ווי צווישן יענער פאַרגאַנגענהייט און דער איצטיקער צייט ליגט אַ פעריאָד פון צענדליקער יאָרן. מיר לעבן איצט איבער אַ צייט פון ווילדער רעאַקציע. — — — פאַר אונזערע אויגן שטייען אויף די בילדער פון אונזערע אַמאָליקע אויסלענדישע צוזאַמענפאָרן, אין וועלכע מיר האָבן זיך באַטייליקט. ניט אַלע מאָל זיינען זיי דורכגעפירט געוואָרן אַזוי, ווי דאָס האָט זיך אונז געוואָלט. געווען מיספאַרשטייענישן, פאַרדריסלעכע און שעדלעכע פעלערן. אָבער מיט איינס האָבן זיי זיך שטענדיק אויסגעצייכנט: אויף זיי איז געווען לעבעדיק, געווען אַ זאַכלעכע ערנסטקייט, אַ געזונטער חבר׳שער גייסט, אויב איר ווילט — אַ משפחה־נאָענטקייט, און אַלע מאָל, סוף־כל־סוף, דאָס געפיל פון אַ גרויסער באַפרידיקונג. — — — ווען איר וועט זיך פונאַנדערפאָרן פון אייער צוזאַמענפאָר מיט די זעלבע געפילן, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך פון זיי פונאַנדערפאָרן, גלויבן מיר, אַז וואָס בעסערס וואָלט שווער געווען אייך צו ווינטשן...״

* * *

וואו זיינען אַהינגעקומען די אַלע הונדערטער און הונדערטער חברים און חבר׳טעס, וואָס האָבן געהערט צו דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע? פון דעם אינטעליגענטן טייל איז כמעט קיינער אין אויסלאַנד ניט פאַרבליבן. ווי ווייט דער עולם איז מיר באַקאַנט פער־זענלעך, גלויב איך, אַז אַרום 90 פּראָצענט פון דעם טייל אָרגאַני־זאַציע געפינט זיך איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד; די איבעריקע — אין פוילן און איינצלנע — אין לעטלאַנד און אַמעריקע. וואָס אנבא־לאַנגט די אַרבעטער־פאַראיינען, גלויב איך, אַז אַלע זייערע מיטגלי־דער זיינען געבליבן אין אויסלאַנד, ד. ה. אַז אויך נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917 האָט זיך כמעט קיינער פון זיי ניט צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און קיין פוילן. די צוויי־דריי, וואָס האָבן זיך צוריק־

געקערט קיין פוילן, האָבן, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, אונזערע רייען פאַרלאָזן.

וואָס איז געשען מיט דעם אינטעליגענטן טייל, וואָס האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין רוסלאַנד? אַ היפּש ביסל פון דעם געהערט היינט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיט אייניקע יאָרן צוריק איז אַ גרויסער טייל סאָוועטישע קאָנסולן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אין אייניקע אַנדערע לענדער באַשטאַנען פון אַמאָליקע אויסלענדישע בונדיסטן. אין רוסלאַנד גופא פאַרנעמען זיי די פאַרשיידנסטע פּאָסטנס ביי דער רעגירונג און אין קאָמאינטערן. אָבער דורכאויס ניט אַלע זיינען אַוועק אויף אַזאַ וועג. אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די אַמאָליקע אויסלענדישע בונדיסטן איז טריי געבליבן די אידעאַלן פון „בונד”. זיי זיינען צעוואָרפן איבער צענדליקער פאַרשיידענע ערטער אין סיביר, אין טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דערונטער חברים און חבר׳־טעס, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ לעבן דער באַוועגונג, מענטשן, וואָס זייערע נעמען קלינגען ווי אַ סימבאָל פון אַלטן העראָאישן קאַמף פון „בונד”.

(פון „צוקונפט”, יאַנואַר־מאַי, 1933).

די „צוקונפט" אין אונטערדישן רוסלאַנד

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט איר געבורטס־לאַנד, איר אייגענע טעריטאָריע. די באַוועגונג איז אַנטשטאַנען און האָט זיך פאַרוואָרצלט אויפן שטח לאַנד, וואָס ציט זיך פון שוואַרצן ים ביז צום באַלטישן. אין דרום איז דער גרענעץ־פונקט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער טעריטאָריע — אָדעס, האַרט ביים ברעג פון שוואַרצן ים, אין צפון — דווינסק. אמת, דווינסק ליגט ניט ביים ברעג פון באַלטישן ים, עס ליגט, אָבער, אין באַלטישן קאַנט, אויף דער ליניע פון ים, און ביי דער אַנטשטייאונג פון דער באַוועגונג איז דווינסק געווען אין צפון דער גרעסטער אידישער ישוב מיט אַן אַלט איינגעוואָרצלטער אידישער באַפעלקערונג. אָדעס — דווינסק איז די גענויע לענג פון דער טעריטאָריע. שווערער איז צו באַשטימען די קאָנטורן פון דער טעריטאָריע אין דער ברייט. זי האָט זיך פון יאָר צו יאָר פאַרברייטערט און איז אין מזרח דערגאַנגען ביז צו דער וואָלגאַ. אין מערב איז זי אַריבער די גרענעץ־ליניע פון דער רוסישער מלוכה און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער רומעניע, בוקאָווינע און גאַליציע. אין די שטורעם־יאָרן פון דער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך די טעריטאָריע געהאַט אויך שטאַרק פאַרלענגערט. זי איז דאַן אין דרום דערגאַנגען ביז באַקו, טיפליס און באַטום, אין צפון — ביז פּעטערבורג.

אָט אויף דעם שטח לאַנד איז געבוירן געוואָרן דער אידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק, דאָ האָט זיך אַנטוויקלט די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דאָ זיינען אויסגעוואַקסן די אידישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

די פּיאָנערן און די בויער פון אידישן סאָציאַליזם אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע זיינען אַלע — אָן אויסנאַם — געקומען פון געבורטס־לאַנד פון אידישן סאָציאַליזם. אהרן ליבערמאַן, לייזער צוקערמאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, פייגענבוים, אב. קאַהאַן, פיליפּ קראַנץ, באַראַנאָוו, א. אַז. וו., א. אַז. וו. — די אַלע, וואָס האָבן באַשאַפן און פאַרשפּרייט דאָס אידישע סאָציאַליסטישע וואָרט אין דער פרייער וועלט (צוערשט אין העברעאיש, שפּעטער אין אידיש), קומען פון יענער טעריטאָריע.

די אידישע סאָציאַליסטן זיינען אויף דער טעריטאָריע גופא פון אידישן סאָציאַליזם יאָרן־לאַנג געבליבן שטום. ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי זיי אַ גרויסער מאָראַלישער כוח, זייער געדאַנק האָט זיך פאַרטיפט, אָבער דער רעזשים, אונטער וועלכן זיי האָבן געלעבט, האָט אוממעגלעך געמאַכט צו פאַרשפּרייטן דאָרטן די סאָציאַליסטישע תורה בכתב.

דער ערשטער פּרואוו, וואָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן, שטאַמט פון 1881 — אַ אידישע איבערזעצונג, העקטאָגראַפירט, פון ערשטן נומער „אַרבעטער צייטונג", אָרגאַן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". וואו דאָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז ניט באַקאַנט. אַ צווייטער פּרואוו איז געמאַכט געוואָרן אין קיעוו. קיינע ידיעות וועגן זייערע מחברים און זייער פאַרשפּרייטונג זיינען ניטאָ.

אָבער נאָך אין 1877 האָט זיך אין ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד אין משכיל'ישע קרייזן באַוויזן פון ווין ליבערמאַנ'ס „האמת" (דריי נומערן). דאָס איז געווען דער ערשטער פּרואוו פון אַ אידישן סאָציאַליסט, וואָס האָט פאַרלאָזן די טעריטאָריע פון אידישן סאָציאַליזם. צו העלפן פון אויסלאַנד פאַרשפּרייטן דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט אין דער אַלטער היים — און אויך אין אויסלאַנד גופא. אין באַלעבאַטישע הייזער, וואו די טאַטעס זיינען געווען משכילים, געווייטלעך סוחרים, און די זין דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, האָט זיך דער „האמת" אָפטמאָל אָפּגעהיט אין ספרים־שראַנק יאָרן־לאַנג צוזאַמען מיטן „השחר", „המגיד" און אַנדערע אויסלענדישע העברעאישע שריפטן. פון ווילנער קרובים מיינע פון משכיל'ישן עלטערן דור האָב איך אַמאָל געהערט — מיט אַ סך יאָרן צוריק, — אַז צו זיי איז בשעתו דערגאַנגען אויך די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע בראָשור, „יהי אור", פון ווינטשעווסקי'ן (1884). די שפּעטערדיקע פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — די ווילנער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" — האָבן סיי פון „האמת", סיי פון „יהי אור" גאָרניט געוואוסט. צו די, וואָס זיינען סוף 80ער יאָרן צוגעטראָטן אין ווילנע צו דער פּראַקטישער אַרבעט, זיינען די אויסגאַבעס ניט דערגאַנגען. דער מקור פון זייער גייסטיקער שפּייז איז אין די ערשטע יאָרן געווען די רוסישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך די אויסגאַבעס פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ", און די דייטשע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. בלויז איינער פון דער מינסקער פּיאָנערן־גרופּע, באָריס פרומקין, אַ יוגנט־פריינט פון ליעסינ'ען, האָט עפּעס יאָ וואָס געוואוסט וועגן ליבערמאַנ'ס „האמת", געזען די דריי

נומערן „האמת" האָט ער, אָבער, ערשט אין 1907, אין אויסלאַנד, אין פּאַרטיי־אַרכיוו פון „בונד" אין זשענעווע*).

די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע בראָשור, וואָס איז פון אויס־לאַנד דערגאַנגען צו דער ווילנער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן" אין מערערע הונדערטער עקזעמפּלאַרן מיט אַ מאָל, איז געווען דיקשטיינ׳ס „פון וואָס איינער לעבט", איבערגעזעצט פון פּויליש פון ש. ראַבינאָוויטש. סוף אַכציקער און אָנהויב ניינציקער יאָרן איז דאָס געווען די בעסטע און ניצלעכסטע בראָשור פאַר די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן. גינסטיק איז דערביי געווען דער אומשטאַנד, וואָס די אינ־טעליגענץ, די אָנפירערשאַפט פון די קרייזן, האָט זיך געקאָנט באַ־קענען מיט דער פּוילישער אָריגינאַל־אויסגאַבע פון דער בראָשור. שפּעטער אויך אין אַ רוסישער איבערזעצונג מיט אַ וויכטיקן אַריינ־פיר פון פּאַוועל אַקסעלראָד. דיקשטיינ׳ס בראָשור האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר מערערע פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, וואָס זיינען אַרויס פון דער ווילנער גייסטיקער לאַבאָראַטאָריע און זייער שטאַרק פאַר־שפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד: „דער אַרבעטס־טאָג" („לאַנג און מאָגער"), „שכירות", „די אַרבעטער־רעוואָלוציע", „אַ וויכוח וועגן מזל", „דער מאַי־יום־טוב" („פּרילינגס־דערציילונגען"; „אַ חלום אויפן ערשטן מאַי") א. אַנד. — צוערשט העקטאָגראַפירט, שפּעטער געדרוקט אין אידיש און רוסיש, אייניקע אין מערערע אויפלאַגעס.

אַ מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון אידישע סאָציאַליסטישע בראָשורן אין

*) אַזוי ווי באָריס מאַרקאָוויטש פרומקין (ניט פאַרבייטן מיט דעם מיט־אַרבעטער פון „וואָסכאָד" ב. ג. פרומקין), איינער פון די וויכטיקסטע פּיאָנערן פון „בונד", איז היינט אין גאַנצן אַ פאַרגעסענער און מען ווייס אפילו נישט, צי ער לעבט נאָך (איך וויל האָפן, אַז יאָ), האַלט איך פאַר נויטיק דאָ צו פאַר־צייכענען אַ ריי אַרבעטן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן 1907־1908 אין זשענעווע: וועגן ליבערמאַנ׳ען און זיין תקופה און וועגן דעם באַגינען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — צוויי מאָנאָגראַפיעס, געדרוקט אין „יעווריי־סקאַיאַ סטאַרינאַ"; „זובאַטאָוושטשינאַ" אין „פּערעזשיטאָיע", אונטערן פּסעוו־דאָנים נעלין; „עמיגראַציע און אימיגראַציע" (צוזאַמען מיט יעווגעני גיסטער־גינזבורג) אונטערן פּסעוודאָנים גאָרנבערג, געדרוקט אין ווילנע; „וועגן ציוניזם" — אין דער דייטשער נייע צייט, פּסעוודאָנים ב. ראָזין; „דער בונד אין דער רעוואָלוציע 1905־1906" — אַ קאָלעקטיווע אַרבעט מיט מאַקס ווינאָקור און מיט דער באַטייליקונג פונם שרייבער פון אָט די שורות — געדרוקט: פראַנצויזיש, אין דער איבערזעצונג פון שאַרל ברייגער, אין בריסל, 1909; דייטש, איבער־געזעצט פון פּ. שמידט, אין „זאָמבאַרט אַרכיוו", 1913; אידיש, אין וואַרשע, 1929, אין בונדישן פאַרלאַג „די וועלט", איבערגעזעצט פון רוסישן מאַנוסקריפּט דורך יוסף לעשצינסקי׳ן.

ליטע, ווייס־רוסלאַנד און פּוילן, טיילווייז אויך אין דרום, האָט זיך אָנגעהויבן אין 1893. די בראָשורן זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין ווילנע פון דער גרופּע „אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", געדרוקט געוואָרן אין גאַליציע מיט דער טעכנישער הילף פון די דאָרטיקע אידישע סאָציאַליסטן און אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן איבער דער גרענעץ אין דער געגנט פון ווערזשבאָלאָוואָ־ווילקאָווישקי. די פאַרבינדונג צווישן דער ווילנער גרופּע מיט די גאַליציאַנער האָט איינגעשטעלט יוזעף פּילסודסקי, דער פירער און בויער פון דער פּ. פּ. ס. ער האָט צו יענער צייט געלעבט אין ווילנע און איז באַפריינדעט געווען מיט דער ווילנער גרופּע, הויפּטזעכלעך מיט אַרקאַדי קרעמער. פּילסודסקי פלעגט אַן ערך יעדערע צוויי חדשים אַריבערגיין די פּרייסישע גרענעץ, כדי פון יענער זייט צו באַזאָרגן דעם ליטעראַטור־טראַנספּאָרט און פאַרשיידענע אַנדערע ענינים. ביים באַהילפיק זיין דער ווילנער גרופּע אין איר אַרבעט האָט ער געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטע כוונה: איינצוגלידערן די אויסערגעוויינטלעך־וויכטיקע ווילנער אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין דער פּ. פּ. ס., לכל הפחות קריגן איר צושטימונג צו דער פּ. פּ. ס.׳ישער פּראָגראַם. ווען ער האָט זיך (1896) איבערצייגט, אַז די ווילנער גרופּע וועט ניט צושטימען צו זיין פּראָגראַם, יעדנפאַלס ניט אין דער פאָרם, ווי ער האָט עס פאַרלאַנגט, האָט ער אויסגעאיבט אַ שאַרפן דרוק אויף די גאַליציאַנער, זיי זאָלן איבעררייסן די פאַרבינדונג מיט די ווילנער און פאַר זיי מער קיין זאַך ניט דרוקן. די גאַליציאַנער האָבן זיין פאָרשלאַג ניט געוואָלט אָננעמען. ביי די ווילנער באַשטעלונגען האָט זייער אָרגאַניזאַציע גוט פאַרדינט; פאַר דעם ווילנער געלט פלעגן זיי יעדער מאָל אָפּדרוקן פאַר זיך עקסטראַ ביז 1,000 עקזעמפּלאַרן אונטער אַן אייגענער הילע. זיי האָבן זיך איינִיקע מאָל אַפילו דערלויבט אַ ביסל צו פּאָלאָניזירן דעם ווילנער ליטוויש־אידישן לשון, כדי די בראָשור פאַרשטענדלעך צו מאַכן פאַר זייער היימישער סביבה (און דורך דעם,ליידער, טיילווייז אומפאַרשטענדלעך פאַר לייענער אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד). פּילסודסקי׳ס פאָדערונג האָט באַדייט אויך אַ שאָדן פאַר דער דרוקעריי, וואו די גאַליציאַנער האָבן צו יענער צייט געדרוקט זייער „אַרבעטער". צום סוף, ווען ער האָט זיי פאַרשפּראָכן אַרויסצוגעבן מיט זייער הילף אַ פּ. ס.׳ישן אידישן אָרגאַן און אַ סעריע בראָשורן, האָבן זיי, הגם זייער אומגערן, נאָכגעגעבן. זיין פאַרשפּרעכן האָט פּילסודסקי געהאַלטן אין אַ גאַנץ קליינער מאָס. דעם ערשטן נומער פון „אַרבעטער" האָט די פּ. פּ. ס. געדרוקט ביי די גאַליציאַנער ערשט אין 1898, דעם

צווייטן — אין 1900, די ווייטערדיקע נומערן האָבן זיך געדרוקט אין לאָנדאָן און שפּעטער אין פּוילן גופא. די צוגעזאָגטע אידישע בראָשורן האָט די פּ. פּ. ס. געדרוקט אין לאָנדאָן, און סיי דער „אַרבע־טער", סיי די בראָשורן האָבן די גאַליציאַנער ווייניק באַפרידיקט.

פאַר די ווילנער איז פּילסודסקי׳ס פּיינטלעכער אַקט געוואָרן אַ שטויס זיך צו באַפרייען פון פרעמדער הילף און זיך איינצושאַפן אייגענע דרוקערייען. אַזוי איז איינגעאָרדנט געוואָרן די געהיימע דרוקעריי אין 1897 אין ווילנע, אין 1898 אין מינסק און באָברויסק, שפּעטער — צוויי אויסגעצייכנטע דרוקערייען אין וואַרשע, איינע אין ווילנע און אייניקע קלענערע אין אַנדערע שטעט.

* * *

אין 1896 הויבן זיך אָן באַוויזן אַמעריקאַנער אידישע סאָציאַ־ליסטישע בראָשורן ביי דער פּ. פּ. ס. אין וואַרשע, מסתמא אויך אין אַנדערע שטעט. די איניציאַטאָרן פון די אַמעריקאַנער אויסגאַבעס (פייגנבוים א. אַנד.) זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פּ. פּ. ס. און האָבן געוואָלט איר העלפן אין איר אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער. אָט וואָס מיר לייענען וועגן דעם אין פּילסודסקי׳ס אַ בריוו פון 9טן יוני 1896, איבערגעדרוקט אין „ניעפּאָדליעגלאָשטש", נומ. 41, וואַר־שע, 1937.

„די אַמעריקאַנער זשידעס *) זיינען ניט אַזעלכע וואוילע, ווי עס שרייבט וועגן זיי גורסקי. אין זייער ענטפער אויף אונזער בריוו שרייבן זיי אין אַ גאַנץ אומפריינדלעכן טאָן, אַז זיי וועלן אַליין באַשטימען, וואָס עס איז גוט אַרויסצוגעבן און וואָס ניט. זיי בעטן ביי אונז נאָר צוויי זאַכן: א) איינאָרדענען דאָס אַריבערשיקן אויף אַזאַ אופן, אַז די אויסגאַבעס, וואָס זיי וועלן אונז צושיקן, זאָלן מיר אין פאַרזיגלטע קאָנווערטן איבערגעבן פאַרשיידענע פּאַרכעס אין לאַנד (ד. ה. אין פּוילן — פּ.ק.); ב) מיר זאָלן אַריינטרעטן אין באַ־ציאונגען מיט די פּאַצעטן אין לאַנד, וועגן וועלכע זיי ווייסן, אַז מען מעג זיי געטרויען.

אויף זייער ערשטן פאָרשלאַג וויל איך ענטפערן מיט אַן אָפּזאָג, דעם צווייטן אָננעמען".

אין דעם אויסדרוק „פּאַרכעס" און „זשידעס" דאַרף מען ניט

*) ער געברויכט דעם רוסישן אויסדרוק — „זשידי" און נישט דעם פּוילישן „זשידזשי".

זען קיין אַנטיסעמיטיזם. אַזוי איז געווען פּילסודסקי׳ס געפּעפּערטער לשון. אויסער פאַר אַ פּאַר גוטע פריינט, האָט ער פאַר זיין גאַנצער סביבה, פאַר די ווילנער בונדיסטן און פאַר די רוסישע סאָציאַליסטן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אין פּעטערבורג, קיעוו, כאַרקאָוו און אין אויסלאַנד, קיין אַנדערע נעמען נישט געהאַט, ווי לאַבוסעס, זשידקעס, סמאַרקאַטשעס א. ד. גל. ווען ער איז געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָט ער געוויינטלעך, אין בריוו און אין שמועסן, באַנוצט דעם קאַצאַפּישן „מי שברך" און דעם גאַנצן „קלאַסישן" קאַזאַרמע־„פאָלקלאָר". מיט אמת׳ן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיינע „זשידקעס" א. ד. גל. גאָרנישט געהאַט צו טאָן.

איך ווייס נישט, ווי עס האָבן זיך באַצויגן צו די אַמעריקאַנער בראָשורן די וואַרשעווער אידישע פּ. פּ. ס.׳אָווצעס. די קרייזן, אָבער, פון „בונד" און פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ס. ד. ק. פּ. ל.) האָבן די בראָשורן שטאַרק אַנטוישט. די אידישע סאָציאַ־ליסטישע אינטעליגענץ אין וואַרשע, די פּעריפעריע פון „בונד" און ס. ד. ק. פּ. ל., איז געווען צוגעוויינט צום ערנסטן טאָן פון די פּוילישע און רוסישע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס פון יענער צייט, און דער ניוואָ פון דער אַמעריקאַנער סחורה האָט אָן אינטעליגענטן לייענער ניט געקענט באַפרידיקן. גראָד האָט צו יענער צייט קורסירט אין וואַרשע די ווילנער בראָשור „אַ הספד אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן". געשריבן אין בעסטן אידיש פון יענער צייט (געוויסע רוסיציזמען איז דעמאָלט געווען שווער אויסצומיידן), דורכגעדרונגען מיט אַ הייסן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און מיטן גאַנצן צער פון דער אידי־שער רעכטלאָזיקייט, האָט זי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין פאַר־גלייך מיט איר און מיט אַנדערע אומלעגאַלע ווילנער בראָשורן האָט מען די אַמעריקאַנער אויסגאַבעס פּשוט אויסגעלאַכט. מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן אַמעריקאַנער „וואַסעריזאַציע" און אויף אַ קאָנ־ספּיראַטיוון אופן האָבן מיר זיי באַצייכנט מיט דער כעמישער פאָרמולע פאַר וואַסערשטאָף.

פון פּילסודסקי׳ס בריוו, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די זאַמל־ביכער „ניעפּאָדלעגלאָשטש" (ביז זומער 1939 זיינען אַרויס 50 בענד מיט אַ רייכן מאַטעריאַל), איז צו זען, אַז ער האָט שטענדיק גע־זאָרגט, עס זאָלן אַריבערטראַנספּאָרטירט ווערן צוזאַמען מיט די פּוי־לישע אויסגאַבעס אויך אידישע בראָשורן, אָבער נאָר אין אַ קליינער צאָל. עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז דער אידישער עלעמענט האָט פאַר 1905 געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דער פּ. פּ. ס., שפּעטער

האָבן די אידישע גרופּעס זיך געהאַלטן אַ געוויסע צייט דורך אינער־ציע און צום סוף זיינען זיי שפּורלאָז פאַרשוואונדן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ליטעראַטור־טראַנספּאָרט האָט די פּ. פּ. ס. געהאַט דערין אַ גוואַלדיקן מזל. איינער פון אירע וויכטיקסטע טוער איז געווען אַ הויכער באַאַמטער ביים צאָל־אַמט אין ווערזש־באַלאָווע; אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען פלעגן די פּ. פּ. ס.׳ישע טראַנספּאָרטן דורכגיין אָן שום קאָנטראָל, ריכטיקער — אונטער זיין קאָנטראָל . . . ער האָט געהייסן סולקעוויטש („דער טאַטער") און איז געשטאָרבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַט דורך זיינע הענט פלעגט דורכגיין אויך די „צוקונפט". איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען די „צו־קונפט", געהערט פון איר האָב איך נאָך אין ערשטן פעריאָד פון איר עקזיסטענץ, אָבער רעגולער האָב איך זי געהאַט אין מיינע הענט ערשט אין די יאָרן 1903 און 1905 אין ווילנע, גראָדנע און ביאַליסטאָק. טראַנספּאָרטירט די „צוקונפט" האָט די פּ. פּ. ס. אין די דערמאָנטע דריי שטעט פלעגט זי זיך צו יענער צייט באַקומען גאַנץ פּינקטלעך; וועגן אַנדערע שטעט ווייס איך ניט. אין גראָדנע פלעגט זיך באַקומען בלויז איין עקזעמפּלאַר. איך גלויב, אַז פאַר אַלע אידישע פּ. פּ. ס.׳ישע גרופּעס פלעגט זיך באַקומען אַן ערך אַ צענדליק עקזעמפּלאַרן, ניט מער.

די פּ. פּ. ס.׳ישע אידישע גרופּעס אין ווילנע און גראָדנע האָבן קיין מאָל קיין מאַסן־אַרבעט ניט געפירט, אין ביאַליסטאָק — בלויז אין די יאָרן 1896־1897. דאָס זיינען געווען קליינע קרייזלעך, וואו מען פלעגט האַלטן פון צייט צו צייט אַ רעפעראַט, לייענען אַ ביכל און אויסהעלפן דער פּאַרטיי, מיט וואָס עס איז מעגלעך געווען. למשל, די אידישע זעצער פלעגן זאַמלען שריפט (ד. ה. אַרויסטראָגן פון די דרוקערייען, וואו זיי האָבן געאַרבעט) פאַר דער פּאַרטיי־דרוקעריי. מען פלעגט זאַמלען אַ ביסל געלט, אויסהעלפן אָן אומלעגאַלן מיט אַ פּאַס א. ד. גל. קיין באַזונדערע באַדייטונג האָבן די גרופּעס ניט געהאַט. די מיטגלידער פון די גרופּעס אין די דערמאָנטע דריי שטעט האָבן ס׳רוב קיין פּויליש ניט פאַרשטאַנען, און נאָר גע־ציילטע פון זיי פלעגן אַ ביסל לייענען דעם „ראַבאָטניק" — דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. אַט צוליב דעם טאַקע האָט פּיל־סודסקי געזאָרגט, זיי זאָלן באַקומען אידישע בראָשורן און די „צו־קונפט", כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו לייענען — און אויך דערמיט אָפּצושוואַכן זייער אינטערעס צו די בונדישע בראָשורן און צייטונגען.

אין פאַרלויף פון די לעבעדיקסטע יאָרן — 1902 ביז 1905 — האָבן בלויז די גראָדנער אידישע פּ. פּ. ס.'אָווצעס פון צייט צו צייט אַרויס־געוויזן אייניקע סימנים פון לעבן. די ווילנער און ביאַליסטאָקער לגמרי נישט. אין די יאָרן 1903־1905 האָט דער ווילנער „רויטער קרייץ" דורכגעפירט אייניקע מאָל געגויע אַנקעטעס ביי די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע אין אַלע פיר ווילנער טורמעס (אין „14טן נו־מער", אין דער נייער גובערניאַלער, אין דער אַנטאָקאָלער און אין דער פּערעסילנער טורמע) — אַן אַרעסטירטער אידישער פּ. פּ. ס.'אָווער איז געווען אַ גרויסע זעלטנקייט. אין 1904 האָב איך אַליין דורכ־געפירט אייניקע אַזעלכע אַנקעטעס אין דער אַנטאָקאָלער טורמע, וואו איך בין דאַן געווען אַ „יושב אוהל". פון אַרום הונדערט פּאָלי־טישע אַרעסטירטע זיינען דאָרטן געווען איבער 80 בונדיסטן און איין אידישער פּ. פּ. ס.'אָווער; די איבעריקע—איסקראָווצעס, פּאָליאַקן פּ. פּ. ס.'־אָווצעס, ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, עס־ערן. אַ טייל פון יענע אַנקעטעס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די זשענעווער בונדישע „לעצטע נאַכריכטן".

אויף אַזאַ אופן איז די „צוקונפט" אין די דערמאָנטע דריי שטעט אַריינגעפאַלן אין קרייזלעך, וואָס האָבן אין דער פּאָליטישער אַרבעט געשפּילט אַ גאַנץ באַשיידענע ראָלע. אין גראָדנע, ווייס איך, האָט מען אין די יאָרן פאַר 1905 זייער גערן געלייענט די „צוקונפט", אָבער הויפּטזעכלעך צוליב דער בעלעטריסטיק, וואָס האָט זיך געדרוקט אין יעדער נומער.

* * *

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט ביז 1905 די „צוקונפט" ניט געשיקט קיין רוסלאַנד. וואָס צו לייענען האָט אין „בונד" קיין מאָל ניט געפעלט. מען האָט קוים געהאַט צייט אַלץ איבערצולייענען, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט אין רוסלאַנד און דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין זשענעווע פלעגן אַרויסגעבן. אין רוס־לאַנד גופא — די „אַרבעטער־שטימע", געוויינטלעך אַרום 30 זייטן, צוויי־שפּאַלטיק מיט פּעטיט געדרוקט; „דער בונד", אייניקע אַרטיקע אָרגאַנען. פון אויסלאַנד: „דער אידישער אַרבעטער", יעדער וואָך „די לעצטע נאַכריכטן", יעדער פאַר וואָכן נייע בראָשורן, א. אַז. וו. אַ ים מיט רעוואָלוציאָנערע שריפטן האָט זיך צעגאָסן איבער רוסלאַנד אין די יאָרן 1902 ביז סוף 1905. אין יענע יאָרן האָט די „צוקונפט" פאַרן „בונד" געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס. דערצו מוז נאָך באַ־מערקט ווערן, אַז אין אידיש־נאַציאָנאַלע פּראַגעס איז זי געווען אין

אַנהויב „קאָסמאָפּאָליטיש“, שפּעטער, נאָך איר באַניאונג אין 1902 (ווי ווייט איך געדענק, נאָך אין 1903), אַסימילאַטאָריש (איך שטרייך אונטער: ווי ווייט איך געדענק. איך האָב, לײדער, קיין מעגלעכקייט ניט איצט איבערצולייענען די אַלטע יאָרגענג). האָבן מיר דעריבער קיין גרונד ניט געהאַט צו פאַרשפּרייטן די „צוקונפט“.

פּאָפּולער און באַליבט אין דער בונדישער סביבה אין רוסלאַנד איז די „צוקונפט“ געוואָרן ערשט אין 1907 און אַזוי פאַרבליבן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַווגוסט 1914. 1907 איז דאָס יאָר, ווען די גאַנצע בונדישע אינטעליגענץ האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט איר שפּראַכלעכע „אידישיזאַציע“. די ווילנער „פאָלקס־צייטונג“ (1906־1907) האָט דעם לעצטן רוסיפיצירטן אָדער פּאָלאָניזירטן בונדישן אינטעליגענט אויסגעלערנט לייענען אידיש. מאַנכע, וואָס האָבן פריער קוים געלייענט אידיש, האָבן אַ דאַנק דער „פאָלקס־צייטונג“ שוין אָנגעהויבן אַפילו צו שרייבן אידיש — און גאָר ניט שלעכט (מעדעם, למשל). הארבסט 1907 איז די גאַנצע בונדישע לעגאַלע פּרעסע פאַרוועריט געוואָרן און קיין אומלעגאַלע איז נאָך ניט געווען, זי האָט זיך באַוויזן ערשט אין אַ יאָר אַרום. אויך אין אויסלאַנד האָט זיך די אומלעגאַלע פּאַרטיי־פּרעסע באַנייט ערשט מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער. אָט אין יענער צייט האָבן מיר פון זשענעווע אָנגעהויבן רעגולער, יעדער מאָנאַט, צו שיקן די „צוקונפט“ אין אַלע גרעסערע פּונקטן פון „בונד“ — פון שוואַרצן ים ביז צום באַלטישן... אויך אין די סיבירער און צפון־איראָפּעאישע פאַרשיקונגס־ערטער. עס פלעגן געשיקט ווערן אַרום 20 עקזעמפּלאַרן פון יעדער נומער, פון אַ וויכטיקערן נומער עטוואָס מער. די צענזור אויף אויסלענדישע דרוק־זאַכן איז נאָך דעם שטורעם־יאָר 1905 געווען אַ ליבעראַלע (אָדער אפשר האָט זי געאַרבעט זייער נאַכלעסיק). איך געדענק גוט, אַז די „צוקונפט“ פלעגט פּינקטלעך אָנקומען צו אונזערע פריינט אין פּעטערבורג, ווילנע, גראָדנע, קיעוו און אָדעס און אין אַ ריי אַנדערע שטעט, וועלכע איך קען דאָ מיט זיכערקייט ניט אָנרופן. אָן אויסנאַם זיינען געווען וואַרשע און לאָדזש. פון דאָרטן זיינען די ערשטע זענדונגען צוריקגעקומען מיט אַ שטעמפּל פון וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט „ניע דאָזוואָליענאָ“, האָבן מיר אויפגעהערט אַהין צו שיקן. אין אַ פאַרשיקונגס־אָרט איז אַ נומער „צוקונפט“ געווען אַ גאַנצער יום־טוב. מען האָט זיך אין יענער צייט אין אונזער סביבה שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער „צוקונפט“. דער נאָמען ווינטשעווסקי האָט געהאַט פאַר אונזערע לייענער אַ שטאַרקע צוציאונגס־

קראַפט. מען האָט נאָך גוט געדענקט זיינע „משוגענע" פעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער בונדישער פרעסע, פריער אין דער אומלעגאַלער, שפּעטער אין דער ווילנער „פאָלקסצייטונג", און אויך זיינע לידער „מיט ליבע געווידמעט דעם „בונד".

אויך דער נאָמען זאַקס האָט צוגעצויגן. מען האָט אים פּער־זענלעך גוט געקענט. באַזונדערס, אָבער, ליעסין. פאַר צענדליקער טוער אויף די ערטער האָט זיין אונטערשריפט געווירקט ווי אַ פּער־זענלעכער גרוס. ליעסינ'ען האָט מען ביי אונז גוט געקענט און זייער ליב געהאַט, און דורך אים איז די „צוקונפט" געוואָרן נאָענט און טייער.

דאָס שיקן די „צוקונפט" קיין רוסלאַנד האָט זיך, ווי מיט איין קלאַפּ, פאַרענדיקט אין אַווגוסט 1914. שיקן אַ אידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל קיין רוסלאַנד בשעת דער מלחמה איז שוין ניט מעגלעך געווען. עס איז, אָבער, אויך שווער געווען צו באַקומען די „צוקונפט" אין דער שווייץ. די אַמעריקאַנער פּאָסט פאַר דער שווייץ איז גע־גאַנגען דורך ענגלאַנד און פראַנקרייך און איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון צוויי מיליטערישע צענזורן — אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. די שווייץ האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט, עס האָט, אָבער, ניט געהאָלפן.

די ענגלישע צענזור האָט קאָנפיסקירט יעדער נומער „צוקונפט", וואו עס איז וואָס געווען קעגן דער פּאָליטיק פון צאַרישן רוסלאַנד. און וואָס דער ענגלישער צענזאָר פלעגט אַמאָל דורכלאָזן, פלעגט ניט געפעלן דעם פראַנצויזישן צענזאָר.

די אַלטע „צוקונפט" — ביז ליעסינ'ס טויט — האָט אַ גאַנצן דור אידישע סאָציאַליסטן און קולטור־טוער אויף יענער זייט ים פאַרשאַפט אַ גרויסן גייסטיקן געניס.

(פון „צוקונפט", יולי, 1942).

דער „בונד" און די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע

צום 60סטן געבוירנטאָג פון חבר כאַנין

שוין מער ווי צוויי צענדליק יאָר, ווי פאַר אונז, בונדיסטן אויף יענער זייט ים, איז צו די געשטאַלטן, וואָס האָבן אין אונזער פאַרשטעלונג פאַרקערפּערט אַמעריקע — איך מיין: די אידישע אַרבעטער־אַמעריקע, — צוגעקומען אַ נייע געשטאַלט: כאַנין.

אַ גרויסע צאָל בונדיסטן, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט אין צאַרישן רוסלאַנד „אַ לעבן אָפּגעלעבט" אין די שטורעם־יאָרן פון אונזער באַרג־אַרויף, זיינען דעמאָלט נאָך אַקטיוו געווען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אייניקע נאָך פון דער שוין לעגענדאַרער פּיאָנערן־עפּאָכע, די אַנדערע פון דעם גוואַלדיקן עמיגראַציע־שטראָם נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע. ליב און טייער איז אונז אַלעמען געווען דער נאָמען ליעסין; כמעט ווי אַ לעגענדע האָט שוין געקלונגען פאַר אונז דער נאָמען פון „זיידן" ווינטשעווסקי. זיין לעצטער בריוו צו אונז — אין רוסיש — האָט זיך באַקומען, ווי ווייט איך געדענק, אין 1909. זיי ביידע זיינען אין אונזער פאַרשטעלונג געווען שוין ענדגילטיק אַריינגעוואקסן אין אַמעריקאַנער לעבן. גאַנץ אַנדערש דער „דור" פון 1905—1906. וועגן יעדערן פון זיי האָט זיך אונז געדוכט, ווי מיר וואָלטן זיי בלויז אויסגעליען אַמעריקע אויף אַ פּאָר יאָר, און ווען עס וועט ווידער אַ קלונג טאָן דער גלאָק, וועלן זיי צוריקקומען. ווען עס האָבן זיך געגרייט די וואַלן צו דער פערטער — לעצטער — דומע (1912), האָט דער צ.ק. באַשלאָסן אַרויסצורופן צו דער וואַל־קאַמפּאַניע וולאַדעק'ן — אַט אַזוי, למשל, ווי ער פלעגט אים אַמאָל אַרויסרופן פון ווילנע און אים שיקן אויף אַ רעפעראַטן־טור קיין גראָדנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און לאָדזש. און גרויס איז געווען אונזער עגמת־נפש, ווען ער האָט געענטפערט, אַז צוליב ערנסטע סיבות קאָן ער די איינלאַדונג ניט אָננעמען.

צו יענער צייט, אין 1912, איז ווידער לעבעדיק געוואָרן די באַ־

וועגונג אין רוסלאַנד, הויפּטזעכלעך אין די גרויסע רוסישע פּונקטן, אָבער אויך, הגם אין אַ קלענערן טעמפּאָ, ביי די אידישע אַרבעטער; נאָך די שווערע יאָרן פון רעאַקציע איז אויך אין תחום אַוועק דער שטילשטאַנד. און דאַן איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק וועגן אַ לעגאַלער טעגלעכער צייטונג. אויב דאָס וואָלט ביי די אומשטענדן פון יענער צייט איבערהויפּט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן, איז דאָס נאָר אין פּעטערבורג, וואו עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין לעגאַלע רוסישע מענשעוויסטישע און באָלשעוויסטישע וואָכנבלעטער, וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין טאָג־צייטונגען, און וואו עס איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין אידיש אַ בונדישע וואָכנצייטונג — „די צייט". די שווערקייטן אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג אַ אידישע סאָציאַליסטי־שע טאָג־צייטונג וואָלטן געווען אומגעהויער גרויס, און דאָך האָט זיך גע'חלומ'ט... און גע'חלומ'ט האָט זיך, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט זיך אַ לאָז טאָן צוריק פון אַמעריקע דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק צביון און וועט פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך אַ נעם טאָן צו זיין אַלטער מלאכה, וואָס האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט אין 1906־7 אין דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג". און ס'וואָלט דאַן אויך געווען אַ גרויסער פאַרדראָס אויף ווייטער אויסצוליייען דער זאַטער אַמעריקע סאָלוצקי'ן. וועגן דעם האָט ליטוואַק ניט אויפגעהערט צו חלומ'ען אויף זיין האַרטן געלעגער אין דער לאָזאַנער כירורגישער קליניק, וואו ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּיינפולע אָפּעראַציע, כדי אויסצוגלייכן זיין לאָמע רעכטע פוס און ווערן אַ נייער מענטש. וואָס פינצטערער דאָס לעבן, אַלץ ליכטיקער די חלומות.

דער פאַרשאָלטענער 1טער אווגוסט 1914 האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע אונזערע אילוזיעס און חלומות. אַ סוף צו דעם איז, אייגנט־לעך, געקומען שוין מיט אַ היפּשע פּאָר חדשים פריער, ווען פּואַנקאַרע איז געקומען צו גאַסט אין צאַרסקאָיע סעלאָ און די גאַנצע לעגאַלע סאָציאַליסטישע פּרעסע איז פאַרבאָטן געוואָרן. און אנשטאָט עס זאָלן זיך אומקערן צוריק אַהיים צו דער אַרבעט די, וואָס מיר האָבן געהאַט „אויסגעליען" דער ווייטער אַמעריקע, איז ליטוואַק אַליין אָנהויב 1915 אָפּגעשוואומען אַהין. עטוואָס פריער פאַר אים האָט זיך געלאָזן אין וועג אַהין אַלגין, אָבער אַלגין איז געווען בלויז אַ פּעדער, אַלס פּערזענלעכקייט איז ער אין „בונד" קיין מאָל ניט געקומען אין באַ־טראַכט. זייער שטאַרק האָט זיך דעמאָלט געוואָלט אַריבערפּעקלען קיין אַמעריקע ראַפּעס; ער האָט דורכאויס געוואָלט, די פּאַרטיי זאָל אים דעלעגירן אַהין, דערצו האָט ער, אָבער, קיין צושטימונג ניט באַקומען.

מיטן פאַרשאַלטענעם אַווגוסט 1914 האָט זיך פאַרענדיקט אונ־זער אילוזיע, אַז געוויסע וויכטיקע שרייבער און טוער אונזערע וועלן צוריקקומען אַהיים צו דער אַרבעט. אמת, נאָך דער מערץ־רעוואָלו־ציע 1917 איז ליטוואַק טאַקע צוריקגעקומען — און ער איז ניט געווען דער איינציקער; אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

נאָך דער וועלט־שחיטה פון 1914־1918 און נאָך די שטורעמס און שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די יאָרן 1919־1921, ווען דער „בונד" אין רוסלאַנד גייט אַראָפּ פון דער סצענע און עס צעוואַקסט זיך און פאַרשטאַרקט זיך, פול מיט לעבן, דער „בונד" אין פּוילן, באַקומט די הילף פון אַמעריקע פאַר דער באַוועגונג און פאַרן אידיש־וועלטלעכן שולוועזן אַ גרויסע באַדייטונג. אין יענער צייט באַווייזט זיך פאַר אונז, פון דער ווייטן, אָבער אינטים־נאָענט, די געשטאַלט כאַנין, און אויף אַ ריי יאָרן ווערן אונזערע אַדרעסאַטן אין אַמעריקע וולאַדעק און כאַנין.

וועגן דעם, ווי דער סיבירער קאַטאָרזשניק „נחום דער קירזשנער" האָט זיך פאַרוואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, אין אַרבעטער־רינג, אין סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד א. אַז. וו., זאָלן שרייבן אַנדערע. איך פּערזענלעך קוק נאָך אַלץ אויף כאַנינ׳ען מיט די אויגן פון איינעם, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט ים, און ווען איך שרייב די שורות, איז מיין געדאַנק פאַרנומען מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. וויל איך איצט אין כאַנינ׳ס זכות דערמאָנען אייניקע נעמען פון אונזערע אַמאָליקע „כאַנינס" — פון די, וואָס זיינען געווען אונזערע אַדרעסאַטן אין אַמעריקע אין די אַלטע יאָרן, נעמען, וואָס זיינען ווערט דער־מאָנט צו ווערן.

* * *

די ערשטע אַמעריקאַנער בונדיסטן זיינען געקומען אַהער נאָך אין דער פּיאָנערן־צייט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סוף 80ער יאָרן, ווען דער נאָמען „בונד" האָט נאָך ניט עקזיסטירט און די ווילנער „גרופּע אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן", פון וועלכער עס איז אין 1897 אַרויסגעוואַקסן דער „בונד", האָט נאָך געמאַכט אירע ערשטע שריט. דאָס זיינען געווען, אויף וויפל איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מיין זכרון, דר. שמואל פּעסקין, זיין פרוי ציליע קאַרטשמער, לעווינ־סאָן, בערטאַ לעווינסאָן־סטאָון — אַלע פון ווילנע, פּערזענלעך באַ־פריינדעט מיט די פּיאָנערן פון דער ווילנער גרופּע און אין אַ שטענ־דיקן קאָנטאַקט מיט איר. דערמאָנט מוז דערביי אויך ווערן אַ שוועסטער־

סטער פון אַרקאַדי קרעמער (רעזניק), מיט וועלכער אַרקאַדי און פּאַטי קרעמער זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג. צו יענעם קרייז האָט אויך געהערט סטאָון, דער מאַן פון בערטאַ לעווינסאָן, אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, איינער פון די ערשטע איבערזעצער פון מאַרקס'ן אין ענג־ליש. איך גלויב, אַז ער האָט געשטאַמט פון אָדעס.

אָט צו די נאָענטע פריינט פון די ווילנער פּיאָנערן זיינען געשיקט געוואָרן פון צייט צו צייט פון ווילנע און מינסק ידיעות וועגן דעם גאַנג פון דער אַרבעט, די ערשטע העקטאָגראַפירטע ווילנער בראָ־שורן און בלעטלעך, און דאָס אַלץ איז אויסגענוצט געוואָרן אין דער דאַמאָלסטדיקער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

פון אַמעריקע קיין ווילנע און מינסק זיינען פון צייט צו צייט גע־שיקט געוואָרן אויסשניטן פון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע צייטונ־גען (פון אידישע און דייטשע) און פון די ערשטע נומערן „צוקונפט", און די אויסשניטן זיינען דאָרט אויסגענוצט געוואָרן. די אַמעריקאַנער בונדיסטן פון יענער צייט — מיט מער ווי 50 יאָר צוריק — האָבן, אָבער, גענומען אויף זיך אויך אַן אַנדער אויפגאַבע, זייער אַ וויכטיקע, און האָבן זי דערפילט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט. דאָס איז געווען מאַטעריעלע הילף פאַר די פאַרשיקטע אין סיביר און אין מאַנ־כע פאַלן אויך פאַר אַרעסטירטע אין די רוסישע טורמעס. איסאַי אייזנ־שטאַט (יודין), ליובאַ לעווינסאָן־אייזנשטאַט, שמואל גאָזאַשנסקי, קאַיגען, ווינאָקור און אייניקע אַנדערע האָבן פון צייט צו צייט באַקומען אַ געוויסע מאַטעריעלע הילף אין זייערע פאַרשיקונגס־ערטער דירעקט פון אַמעריקע. די זאָרג פאַר פאַרשיקטע האָט געפירט אין אַמעריקע צו דער גרינדונג פון „רעוואָלוציאָנערן רויטן קרייץ", וואָס האָט, מיט פאַר־שיידענע צייטווייליקע איבעררייסן, עקזיסטירט יאָרן־לאַנג און געטאָן אַ נוצלעכע אַרבעט. מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט האָט זיך מיט דער אַרבעט פאַרנומען ליעסין אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַמעריקאַנער לעבן. הילף פאַר די פאַרשיקטע אין סיביר איז אין אַמעריקע געווען זייער פּאָפּולער אויך אין ניט־אידיש־עמיגראַנטישע קרייזן אַ דאַנק די ביכער פון דזשאָרדזש קענאַן, וואו ער האָט באַשריבן זיינע באַגעגענישן מיט רוסישע רעוואָלוציאָנערן בשעת זיינע רייזעס איבער סיביר.

* * *

פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקן האָט דער „בונד", ווי ווייט איך ווייס, ביז אַרום 1900 קיין הילף פון אַמעריקע ניט באַקומען. דאָס געלט, וואָס פלעגט דאָ סוף אַכציקער און אין די ניינציקער יאָרן גע־

זאַמלט ווערן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַזונדערס די פאַר יענער צייט גאַנץ באַדייטנדיקע הכנסה פון טראַדיציאָנעלן ניו־יאָרקער ניי־יאָר־באַל, פלעגט אָפגעשיקט ווערן צו דער רוסישער גרופע „באַפרייאונג פון אַרבעט" אין דער שווייץ (פלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש). יענע גרופע האָט דאָ געהאַט זייער חשוב׳ע און איינפלוסרייכע פאָרשטייער: דר. אינגערמאַן און זיין פרוי. אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקע האָט די גרופע „באַפר. פון אַרב." געקאָנט אַרויסגעבן אָנהויב ניינציקער יאָרן די זאַמלביכער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" און אייניקע אַנדערע שריפטן, וואָס האָבן געהאַט פאַרן רוסישן מאַרקסיסטישן געדאַנק די גרעסטע באַדייטונג. סוף ניינציקער יאָרן, ווען די באַוועגונג אין רוסלאַנד באַקומט אַלץ מער און מער אַ מאַסן־כאַראַקטער, נויטיקן זיך די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס הויפטזעכלעך אין פאָפולערע, לייכט געשריבענע אַגיטאַציע־ און פראָפאַגאַנדע־בראָשורן צו פאַרשפרייטן אין דער מאַסע; אין די ערנסטערע טעאָרעטישע שריפטן פון דער גרופע פלעכאַנאָוו־אַקסעלראָד נויטיקן זיך נאָר יחידים פון דער אינטעליגענץ. אויף דעם באָדן אַנטשטייט אַ קאָנפליקט צווישן דער גרופע פלעכאַנאָוו און דעם „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד", וועלכער האָט זיך פאַרנומען צו יענער צייט אויסשליסלעך מיט אַרויסגעבן פאָפולערע בראָשורן פאַר דער מאַסע און האָט זיך צו דעם צוועק שטאַרק גענויטיקט אין געלטמיטלען. דער קאַמף צווישן דער „גרופע" און דעם „פאַרבאַנד" — אויפן פאַרטיי־לשון: צווישן די אַלטע און די יונגע — האָט זיך, אָבער, קודם־כל געפירט אַרום דער ריכטונג פון „פאַרבאַנד", וועלכער האָט אין זיינע אויסגאַבעס געזיגדיקט קעגן דעם אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם און האָט אָפטמאָל פאַרשפרייט די אפיקורס׳ישע אידייען פון בערנשטיינ׳ס „רעוויזיאָניזם". עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז בערנשטיינ׳ס „רעוויזיאָניזם" האָט מען בכלל שלעכט פאַרשטאַנען, באַזונדערס אין די רוסישע קרייזן. איך וויים ניט, צי ס׳איז אמת, אַז מאַרקס זאָל האָבן וועגן זיך געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין מאַרקסיסט. איך ווייס, אָבער, פאָזיטיוו, אַז בערנשטיין פלעגט אויסנוצן יעדער פאַסיקע געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז ער איז ניט קיין בערנשטיינ׳יאַנער און אַז ספּעציעל אין רוסלאַנד האָט מען זיינע געדאַנקען אויסגעטייטשט גאַנץ פאַלש.

דער מיינונגס־קאַמף צווישן די „אַלטע" און די „יונגע" האָט זיך אַריבערגעטראָגן אָנהויב 1900 אויך אַהער. די היגע „יונגע" האָבן געפאָדערט, אַז אַ טייל פון די געזאַמלטע אַמעריקאַנער דאָלאַרן זאָל געשיקט ווערן צום „פאַרבאַנד". צי מען איז מסכים מיט אים, צי

ניט — ס'איז אַ פאַקט, אַז ער טוט אַ גרויסע אַרבעט און ווערט אנער־קענט פון אַלע גרויסע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד (פּעטערבורג, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס און אויך פון „בונד“).

דער ענערגישסטער פּאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון „פּאַר־באַנד“ איז געווען אברהם קיסין, אַ פּיאָנער פון „בונד“ אין מאָהילעוו און האָמעל, איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1899. קיסין האָט אידעאיש דורכאויס ניט געהערט צו די חסידים פון „פּאַרבאַנד“. בעסער ווי אַלע אַנדערע האָט ער, אָבער, געוואוסט, ווי די אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד נויטיקן זיך פאַר זייער אַרבעט אין די פּאָפּולערע בראָשור־קעס, וואָס דער „פּאַרבאַנד“ גיט אַרויס — און בלויז דער „פּאַרבאַנד“. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער „בונד“ איז עס יענער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַריבערטראַנספּאָרטירן די שריפטן איבער דער גרענעץ — אָפטמאָל 40 פּוד מיט אַ מאָל, — ריזיקירנדיק דערביי מיט זיינע בעסטע מענטשן, אַז בלויז דער „בונד“ איז אין שטאַנד דורכצופירן אַזאַ שווערע און ריזיקאַלישע אַרבעט און אַז די אַרבעט איז פאַרבונדן מיט גאַנץ גרויסע הוצאות. דער מיינונגס־קאַמף האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער ניו־יאָרקער רוסישער סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע. קיסין האָט די שפּאַלטונג ניט געוואָלט און האָט זי שטאַרק באַדויערט.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד“ (צו יענער צייט: אַר־קאַדי קרעמער, קאָסאָווסקי, דזשאָן מילל און קאָפּעלזאָן) איז אָפיציעל געווען אויף דער זייט פון „פּאַרבאַנד“. ער האָט זיך געמוזט רעכע־נען מיט דעם פאַקט, וואָס דער „פּאַרבאַנד“ איז אין אויסלאַנד דער איינ־ציקער לעגאַלער פאָרשטייער פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי. פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז בלויז איינער, קאָפּעלזאָן, געווען אויך אידעאיש אויף דער זייט פון „פּאַרבאַנד“. פּונקט ווי קיסין אין ניו־יאָרק, איז אויך דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד“ (צו יענער צייט אין דער שווייץ) אין דער שפּאַלטונג ניט שולדיק געווען.

דעם לעצטן שייטל האָלץ צום שייטער האָט צוגעוואָרפן פון דער ווייטער שווייץ גראַד איינער פון די איידלסטע מענטשן אין דער רוסישער סאָצ. באַוועגונג — פּאַוועל אַקסעלראַד. אין אַ בריוו צו די אַנהענגער פון די „אַלטע“ האָט ער געמאַכט חוזק פון די „העלדן פון מינסק און באָברויסק“ — פון די יונגע עמיגראַנטן פון תחום, וואָס שטיצן אונטער דעם „פּאַרבאַנד“. און אָט דער אומגליקלעכער בריוו איז דערגאַנגען צו מענטשן, וואָס זיינען אין דער אמת'ן געווען העלדן פון דער באַוועגונג אין אַזעלכע שטעט ווי מינסק און באָברויסק און אַפילו אין דיביידע שטעט גופא!

די שפּאַלטונג איז אין יענער פּאַרביטערונג געוואָרן אַ געשעענער פאַקט.

צו וועלכע אומגליקלעכע רעזולטאַטן יענע שפּאַלטונג האָט דער־פירט, איז קלאָר געוואָרן ערשט מיט יאָרן שפּעטער. ווען די היגע „יונגע" האָבן זיך עטאַבלירט ווי אַ באַזונדערע גרופּע, האָבן זיי זיך געגעניטיקט אין אַ לאָקאַל, אין אַ ספּעציעלן טרעף־פּונקט, וואו אַפּצו־האַלטן פון צייט צו צייט אַ באַראַטונג, פון וואַנען צו פאַרשפּרייטן די אויסגאַבעס פון „פאַרבאַנד", זיך דערוויסן נייס א .אַז. וו. אַ לאָקאַל איז אומעטום און אַלע מאָל אַ וויכטיקער ענין. האָט זיך פּלוצלונג דער־קלערט צו די „יונגע" אין ליבע דער שפּעטער טרויעריק באַרימט געוואָרענער עוואַלענקאָ. ער, הייסט עס, סימפּאַטיזירט מיט זיי און איז גרייט זיי צו דינען מיט זיין לאָקאַל, און אַ לאָקאַל האָט ער געהאַט אַן אויסגעצייכנטן — אַ ביכער־געשעפט און אַ פאַרלאַג. איז זיין לאָקאַל געוואָרן דער טרעף־פּונקט פון די „יונגע", זייער אַדרעס אויף בריוו — אויך פון רוסלאַנד — און קיין סודות האָבן זיי פאַר עוואַלענקאָ'ן ניט געהאַט. אין 1909 איז באַוואוסט געוואָרן, אַז עוואַלענקאָ איז געווען אַ געהיימער אַגענט פון דער אָכראַנע. זיין פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט האָט ער געפירט אין אַמעריקע יאָרן־לאַנג; די פאַרבינדונג מיט די יונגע האָט ער, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט פאַר דער אָכראַנע.

קיסין איז סוף 1900 אָפּגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. דאָס לעבן אין אַמעריקע האָט אים ניט באַפרידיקט. אויף מערערע מאָנאַטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, וואו ער האָט געהאַט צוויי אַלטע גוטע פריינט: גורעוויטש'ן און דעם שרייבער פון די שורות. נאָך זיין אָנקומען אין רוסלאַנד האָט ער זיך באַזעצט אין ווילנע און איז געווען איינער פון די פאַרוואַלטערס פון סירקין'ס בוכהאַנדלונג. דעם 18טן אָקטאָבער 1905 איז ער דערשאָסן געוואָרן אין ווילנע בעת דער גרויסער דעמאָנסטראַציע צוליב דעם צאַרישן קאָנסטיטוציע־מאַני־פעסט פון 17טן אָקטאָבער.

נאָך קיסינ'ס אָפּפאָרן פון אַמעריקע קומט קיין ניו־יאָרק, אויך פון האָמעל, איסאַי גאַלאָוטשינער, אַן אינזשינער מיט אַ גרויסער בילדונג. די אַרבעט, וואָס גאַלאָוטשינער האָט דורכגעפירט אין אַמע־ריקע פאַרן „בונד", איז ניט צו באַשרייבן. ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין אַרבעט אַן איבערמענטשלעכן כוח. אַ דאַנק זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן און זיין זעלטענעם כאַראַקטער, איז דער „בונד" דאָ געוואָרן אומגעהויער פּאָפּולער. ער איז געווען דער גרינדער פון „צענטראַל פאַרבאַנד פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע", דער איני־

ציאַטאָר פון אַ גרויסער צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן און ברענטשעס פון אַר־בעטער־רינג, וואָס זיינען אין זייערע ערשטע יאָרן געווען ריין בונ־דישע אָרגאַניזאַציעס. די גרויסע הילף, וואָס דער „בונד" האָט אָנ־געהויבן צו באַקומען פון אַמעריקע אין 1903 און באַזונדערס אין 1905, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אומדערמידלעכער אַרבעט און דער זעלטענער זויבערקייט פון אונזער געטרייען חבר „אייבערעמס", ווי מען האָט גערופן גאַלאָוטשינער׳ן.

נאָך דער אָקטאָבער־אַמנעסטיע פון 1905 האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט אַהיים, קיין רוסלאַנד, און האָט געפּאָדערט, אַז אויף זיין אָרט זאָל געשיקט ווערן אַהער אַ שטענדיקער דעלעגאַט פון „בונד". געשיקט איז געוואָרן אַהער גורעוויטש, וועלכער האָט שוין דאָ אָפּ־געלעבט זיין גאַנץ לעבן (געשט. אין נאָוו. 1944). גאַלאָוטשינער איז זומער 1906 צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד; וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן איז מיר, ליידער, גאָרנישט באַקאַנט.

* * *

פון אַבראַם קיסינ׳ען און גאַלאָוטשינער׳ן ציט זיך די גילדענע קייט ביז וולאַדעק׳ן, און דאַן, אים צו לענגערע יאָר, ביז כאַנינ׳ען.

חבר כאַנין איז אַ יורש פון פּיאָנערן, מיט וועלכע ער מעג זיין שטאָלץ. די אַרבעט פאַר דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף יענער זייט ים — פאַר דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע, וואָס האָט נאָך אין 1886 אָרגאַניזירט די ערשטע סטרייק־קאַסעס, פאַר די גרו־פּעס „אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן" אין ווילנע, מינסק, גראָדנע, קאָוו־נע א. אַנד., וואָס האָבן זיך אין 1897 פאַראייניקט און זיך אַ נאָמען געגעבן „בונד", — אָט די אַרבעט האָט זיך דאָ אָנגעהויבן מיט 60 יאָר צוריק, פּונקט דאַן, ווען חבר כאַנין איז געבוירן געוואָרן. באַ־שיידן איז געווען די הילף אין ווייטן אָנהויב: אַן אויסשניט פון דער פּרעסע, שפּעטער הילף פאַר די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע; אין די יאָרן פון שטורעמדיקן באַרג־אַרויף — פאַרן זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען, אין 1905 — פאַרן רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף קעגן צאַ־ריזם. דער „בונד" האָט כפל כפלים צוריקגעצאָלט פאַר דער הילף: אויף וויפל עס איז געווען און איז דאָ אַ אידישער סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין אין אַמעריקע, איז עס די אויסווירקונג פון „בונד".

60 יאָר — און קיין מאָל האָט זיך דער „בונד" ניט אַזוי גענויטיקט אין ברידערלעכער זאָרג און הילף ווי איצט. די גילדערנע קייט טאָר ניט איבערגעריסן ווערן. דאָס לעצטע רינגעלע פון דער אַלטער גייל־

דערנער קייט איז פאַרבונדן אין דער ערשטער ריי מיטן נאָמען כאַניז. דער „בונד" אין פוילן, וואָס זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט איז אַן אומ־אויפהערלעכער העראָאיזם; דער בונדישער „פאַרבאַנד" אין פראַנק־רייך, די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין בעלגיע — זייער אַמעריקאַנער אַדרעסאַט איז אין דער ערשטער ריי חבר כאַניז. ווינטשן מיר חבר כאַניז'עז, ער זאָל נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן פאַרמאָגן יענעם גייסטיקן כוח, מיט וועלכן עס האָבן זיך דאָ אויפן אַמעריקאַנער באָדן אַזוי וואונדערבאַר אויסגעצייכנט די קיסינ'ס און גאלאָוטשינער'ס פון אַלטן דור, וואָס האָבן פאַרשריבן זייערע הערלעכע נעמען אויף די שענסטע בלעטער פון דער כראָניק פון „בונד".

(פון „אונזער צייט", נומ. 11, 1946).

IV

געשטאַלטן



הירש לעקערט



М. Ю.

ПРОКУРОРЪ

Виленскаго

Окружнаго Суда

...Мая 28 дня 1902 г.

№ 1127

г. Вильна

Секретно

Г. Прокурору Виленскаго Военно-Окружнаго Суда.—

Вслѣдствіе отношенія отъ вчерашняго числа за № 9, увѣдомляю Ваше Превосходительство, что смертный приговоръ надъ осужденнымъ Виленскимъ Военно-Окружнымъ Судомъ Гиршемъ Лекухомъ приведенъ въ исполненіе сего числа въ 2 ч. 10 мин. пополуночи. Смертная казнь Лекуха была произведена въ мѣстѣ, указанномъ административнымъ начальствомъ, близъ г. Вильны, на военномъ полѣ, окруженномъ со всѣхъ сторонъ войсками, въ одномъ изъ рвовъ, недоступномъ для взора постороннихъ лицъ. Въ 2 ч. 30 мин. присутствовавшій при казни врачъ констатировалъ смерть Лекуха и трупъ послѣдняго зарытъ на мѣстѣ казни въ приготовленной для него могилѣ.

Прокуроръ Суда [signature]

И. д. Секретаря [signature]

דאָס איז די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון רעפּאָרט, וועלכען עס האָט, אַלס געהיימען דאָקומענט, איבערגעשיקט דער געריכטס-פּראָקוראָר צום פּראָ-קוראָר פֿון ווילנער מיליטער-קרייז-געריכט וועגען דער הינריכטונג פֿון הירש לעקערט.

הירש לעקערט

1. צום 40טן יאָרצייט

(1902 — מאַי — 1942)

ווען מיר באַטראַכטן די אמת'ע סיבות, וואָס האָבן באַשאַפן אַ ברע־נענדיקע שנאה צום צאַריזם, אַ שנאה, וואָס האָט זיך דור נאָך דור פאַרטיפט אין די הערצער פון מיליאָניקע מאַסן און סוף כל סוף דער־פירט צו זיין אונטערגאַנג (מערץ 1917), ווערט אונז קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה פון דער שנאה איז געלעגן אין דער באַרבאַרישער באַציאונג פון צאַריזם צום מענטשן, אין דעם, וואָס דער צאַריזם האָט געטראָטן מיט זיינע זעלנערשע שטיוול די מענטשלעכע ווירדע. די באַציאונג פון צאַריזם צו זיין „אונטערטאַן" האָט זיך היסטאָריש אויסגעפורעמט אין לאַנגן פעריאָד פון פּאַנשטשינע, ווען דעם „לייב־אייגענעם" (קרע־פּאָסטנאָי) האָט מען געקאָנט פאַרקויפן און קויפן אויפן מאַרק, ווי מען פאַרקויפט און קויפט אַ פערד אָדער אַ חזיר.*)

די פּאַנשטשינע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין 1861, אָבער אין די וויטערדיקע 56 יאָר, וואָס דער צאַריזם האָט נאָך געוועלטיקט איבער רוסלאַנד, האָט זיך דער גייסט פון דער פּאַנשטשינע נאָך שטאַרק גע־לאָזט פילן — ניט אַזוי אין דער געזעצגעבונג, ווי אין דער פּראַקטיק פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ באַזונדער אכזריות זיינען גע'רודפ'ט גע־וואָרן די ניט־רוסישע פעלקער און פון זיי ספּעציעל די אידן. איז ניט מער ווי נאַטירלעך, וואָס די שנאה צום צאַריזם האָט אין זייערע הערצער געברענט באַזונדערס טיף.

די ספּעציפישע שנאה צום צאַריזם טרעט אַרויס באַזונדערס בולט

*) ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דער געניאַלער מאַלער ריעפּין און דער גרינדער פון דער פּאַרטיי ס. ר. לאַזאַריעוו זיינען ביידע אויפגעוואַקסן ווי „לייב־אייגענע" און אין זייערע יונגע יאָרן האָבן זייערע „אייגנטימער" זיי געקאָנט אומבאַשטראָפט פאַרשמייסן צום טויט אָדער אָפּרייסן פון זייערע עלטערן און זיי פאַרקויפן אויפן מאַרק; זיי זיינען ביידע געשטאָרבן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אויך זשעליאַבאָוו, דער באַדייטנדיקסטער פירער פון דער „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ", איז אויפגעוואַקסן ווי אַ „לייב־אייגענער" (אומגעקומען אויף דער תליה אין אַפּריל 1881).

אין דער רוסישער טעראָריסטישער באַוועגונג אין די 70ער און 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. באַזייטיקן אַ צאַרישן דינער און צום סוף דעם צאַר גופא — דערויף האָבן די רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט געקוקט ווי אויף אַ הייליקן מאָראַלישן חוב.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אין די 90ער יאָרן איבערגענומען די ירושה פון די פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אין דער ערשטער ריי צו באַפרייען דאָס לאַנד פון צאַריזם, האָט געבויט אירע האָפענונגען אויף דער מאַסן־באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס און אין אים געזען דעם כוח, וואָס איז היסטאָריש באַרופן צו דעראָבערן די מאַכט אין דער מלוכה. די פערספעקטיוו פון אַ מאַסן־באַוועגונג האָט אויסגעשלאָסן יעטווידער טעראָריסטישע טאַקטיק און אינדיווידועלן טעראָר.

די רעגירונג האָט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אָנהויב ניט געזען קיין אוממיטלבאַרע סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון צאַריזם און קעגן סטרייקן האָט זי אָפטמאָל ניט אָנגענומען קיין באַזונדערס ברוטאַלע מיטלען. איר גאַנצע ברוטאַליטעט האָט זי, אָבער, אַרויסגעוויזן קעגן אָפענע דעמאָנסטראַציעס. גאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער און רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען — דערין האָט זי געזען — מיט רעכט — צוגרייטונגען צו אַן אויפשטאַנד־באַוועגונג.

אין די יאָרן 1900־1902 האָט זיך דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג ענדגילטיק פאַרפעסטיקט, און אומעטום זיינען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַרגעקומען גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, באַזונדערס אָפט אין ראַיאָן פון „בונד“. די אינסטרוקציע פון דער רעגירונג איז געווען: בשום אופן ניט דערלאָזן קיין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. אָבער אַזוי ווי דער טערמין פון אַ דעמאָנסטראַציע און די צוגרייטונגען צו איר פלעגן געהאַלטן ווערן געהיים, זיינען די דעמאָנסטראַציעס אָפטמאָל זייער גוט דורכגעפירט געוואָרן, איידער די פּאָליציי פלעגט באַוויזן אָנצופאַלן אויף די דעמאָנסטראַנטן. גאַנץ אַנדערש די מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס איר גאַנצער זין באַשטייט דאָך אין דעם, אַז זי זאָל דורכגעפירט ווערן אומעטום, אין דער גאַרער וועלט, אין איין און דעם זעלבן טאָג, דעם ערשטן מאַי, און דאָס איז אין „בונד“ שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. קיין קאָנספּיראַציע איז דאָ ניט מעגלעך געווען. די פּאָליציי האָט זיך געגרייט.

קליגערע פּאָליציי־מייסטערס אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן מורא געהאַט צו פאַרגיסן בלוט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי קענען שפּעטער

באַצאָלן דערפֿאַר מיט זייער לעבן, פּלעגן מאָביליזירן אַלע זייערע מיליטערישע כוחות, כדי ניט צו דערלאָזן קיין אַנזאַמלונג פֿון אַר־בעטער. דער ווילנער גובערנאַטאָר, פֿאָן וואַל, האָט געהאַט אין זיין רשות דעם גאַנצן ווילנער גאַרניזאָן. ער האָט געהאַט די פֿולע מעג־לעכקייט צו לאָזן באַוואַכן די שטאָט אַזוי, אַז קיין שום דעמאָנסטראַ־ציע וואָלט ניט מעגלעך געווען. ער האָט, אָבער, געוואָלט דערלאָזן, אין געוויסע גרענעצן, אַן אַנזאַמלונג פֿון דעמאָנסטראַנטן, כדי זיי צו אַרעסטירן און דורכצופֿירן זיין סאַדיסטישן פּלאַן — זיך איזדיעקע־ווען איבער דער מענטשלעכער ווירדע פֿון די אַרבעטער.

פֿאָן־וואַל האָט, אגב, געהאַט פֿאַרשיידענע אַלטע חשבונות מיט דער רעוואָלוציע. אַרום 1878 איז ער, נאָך אַ יונגער אַדיוטאַנט, פֿאַר־וואונדעט געוואָרן אין וואַרשע ביי אַן אַטענטאַט אויף אַ העכערן באַ־אַמטן (אויב איך מאַך קיין טעות ניט, אויף פֿאָן בערג'ן). אין 1892, ווען עס זיינען אין וואַרשע געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען אויפֿצורייסן מיט דינאַמיט דעם אַלטן פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר (דורך אַן אונטער־ערדישער אויסגראָבונג פֿון עקהויז מיאָדאָוואַ), האָט ער זיך געזאָלט געפֿינען צו דער באַשטימטער שעה אין סאָבאָר. יענע צוגרייטונגען זיינען דעמאָלט דורכגעפֿאַלן און ס'איז גאָרניט געשען. געבליבן איז ביי אים, אָבער, אַ שטענדיקע מורא פֿאַר אַטענטאַטן און אַ ווילדע רציחה קעגן פּאָליאַקן און אידן. דעריבער איז ער דאָס אין 1901 געשיקט געוואָרן קיין ווילנע אויסצוראָטן דאָרטן די „קראַמאָלע".

די טראַגישע געשעענישן אין ווילנע, אין טאָג פֿון ערשטן מאַי 1902, לעקערט'ס העראָאישער אַקט און זיין מאַרטירער־טויט אויף דער תליה זיינען שוין ניט איין מאָל באַשריבן געוואָרן. צו לעקערט'ס 40טן יאָרצייט וועלן מיר יענע געשעענישן אין אַלגעמיינע שטריכן דאָ איבערגעבן.

* * *

הירש לעקערט איז געבוירן געוואָרן אין 1880 אין האַנוצישאָק (לויט אַנדערע ידיעות, אין ראַקישאָק), ליטע, ביי אָרעמע עלטערן. אין 1895 קומט ער קיין ווילנע. ער אַרבעט אין פֿאַרשיידענע שוסטער־וואַרשטאַטן און ווערט אַריינגעצויגן אין דער בונדישער באַוועגונג. אַ דאַנק זיין איבערגעגעבנקייט און פֿייערדיקן טעמפּעראַמענט ווערט ער אומגעהויער באַליבט ביי די אידישע און פּוילישע אַרבעטער. ער צייכנט זיך באַזונדערס אויס ביי צוזאַמענשטויסן מיט סטרייק־ברע־כער; ער האָט ליב צו „קנייטשן אַ שויב" אין אַ וואַרשטאַט, וואו עס ווערט געסטרייקט...

דעם 23טן מאַי 1900 איז לעקערט געווען איינער פון די אָנפּאַ־לער אויף דער פּאָליציי, אויף „נאָוויגראַד״, כּדי צו באַפרייען פון „סטאַן״ אַ גרופּע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ביי אַ פּרואוו צו באַפרייען אַ שווער פאַרוואונדעטן אַרעסטירטן חבר, ווערט ער צום ערשטן מאָל אַליין אַרעסטירט. וועגן יענעם אַרעסט געפינט זיך אַ נאָטיץ אין ווילנער בונדישן „קלאַסנקאַמף״, נומער 3, אָקטאָבער 1900; אין דער נאָטיץ גייט אַ רשימה פון די אַרעסטירטע, און דער ערשטער פון זיי ווערט אָנגערופן הירשל (אָן אַ פאַמיליע־נאָמען). אין נומער 5 „קלאַסנקאַמף״, יולי 1901, געפינען מיר דעם אורטייל איבער די אַרעסטירטע פאַר דעם „נאָוויגראַדער״ איבערפאַל; דאָרטן איז שוין אָנגערופן דער נאָמען לעקערט. אָט דאָס זיינען די ערשטע שפּורן פון לעקערט׳ן אין דער בונדישער אומלעגאַלער פּרעסע.

נאָך 9 חדשים אָפּזיצן אין דער ווילנער טורמע (אויף אַנטאָקאָל) איז לעקערט פאַרמשפּט געוואָרן אויף וויטערדיקע 6 חדשים אין דער פּעטערבורגער טורמע „קרעסטי״. דערנאָך ווערט ער אַרויסגעשיקט אויף צוויי יאָר אונטער פּאָליציי־אויפזיכט אין קאַטערינאָסלאַוו.

אין אַפּריל 1902 קומט לעקערט אומלעגאַל קיין ווילנע. ער האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך דער בונדישער באַוועגונג, וואו ער האָט געהאַט אַזוי פיל גוטע פריינט, און נאָך זיין יונגינקער פרוי, אַן אַרבע־טערין, וואָס האָט געלעבט ביי זיין אַרעמער מוטער אין ווילנע.

דעם 1טן מאַי (18טן אַפּריל לויטן רוסישן קאַלענדאַר) באַטיי־ליקט זיך לעקערט אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע, אָרגאַניזירט פון „בונד״ אינאיינעם מיט דער „סאָצ. דעמ. פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע״. 26 דעמאָנסטראַנטן זיינען אויף דער גאַס אַרעסטירט געוואָרן; לעקערט בלייבט אויף דער פריי. די אַרעסטירטע — 20 אידישע און 6 פּוילישע אַרבעטער — האָט מען אויפן באַפעל פון פאָן־וואַל׳ן געשמיסן. די שענד־לעכע עקזעקוציע רופט אַרויס אַ מורא׳דיקע עמפּערונג ביי די אַרבע־טער, זיי ווילן זיך אומבאַדינגט נוקם זיין אָן פאָן־וואַל׳ן. דער ווילנער בונדישער קאָמיטעט קאָן זיך ניט אַנטשליסן צו נעמען אויף זיך די פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ טעראָריסטישן נקמה־אַקט; דאָס זעלבע אויך דער פּוילישער סאָצ.־דעמ. קאָמיטעט.

6 אַרבעטער (4 אידישע און 2 פּוילישע) האָבן דאַן אָן דער צו־שטימונג, אָבער מיט דעם וויסן פוןביידע קאָמיטעטן אַליין אָרגאַ־ניזירט דעם נקמה־אַקט. דעם 18טן מאַי (5טן לויטן רוס. קאַלענדאַר) ביינאַכט האָט לעקערט געשאָסן אין פאָן־וואַל׳ן, ווען יענער איז אַרויס פון צירק, און אים לייכט פאַרוואונדעט. לעקערט איז אויפן אָרט אַרעס־

טירט געוואָרן. דעם 28טן (15טן) מאַי איז פאָרגעקומען דאָס מיליטער־געריכט, וואָס האָט לעקערט׳ן פאַר׳משפט צום טויט. דעם 10טן יוני (28טן מאַי לויטן רוסישן קאַלענדאַר) איז לעקערט אומגעקומען אויף דער תליה. זיין העראָאישע האַלטונג אויפן מיליטער־געריכט און אין די לעצטע מינוטן פאַר דער תליה שטעלן לעקערט׳ן אין איין ריי מיט די גרעסטע קעמפער און מאַרטירער פון צאַרישן רוסלאַנד.

די ווילנער עקזעקוציע און לעקערט׳ס מאַרטירערישער טויט האָבן געמאַכט אַ מורא׳דיקן רושם אין „בונד" און אין די דרום׳דיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דעם ראַיאָן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ גרויסער אידישער אַרבעטער־מאַסע. אומעטום איז ביי די אידישע אַרבעטער אויפגעקומען אַ טעראָריסטישע שטימונג, און אין יענע טעג האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רעוואָלווערן אין די הענט פון אַ גרעסערער צאָל אידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס אין די פאַרשיידנסטע פּונקטן פון בונדישן ראַיאָן. אין די הענט פון איינצלנע אַרבעטער, גאַנץ נאָענטע צו דער אָרגאַניזאַציע, האָט מען אויך פריער שוין געקאָנט זען פון צייט צו צייט אַ רעוואָלווער. דער טאָג פון לעקערט׳ס טויט איז די גענויע דאַטע, ווען דער רעוואָלווער איז געוואָרן אַ חלום פון טויזנטער און טויזנטער אידישע אַרבעטער. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו לערנען שיסן. די טעראָריסטישע שטימונג האָט אַ געוויסע צייט געהאַט פאַרכאַפּט די אייבער־פלוסרייכסטע קרייזן פון „בונד" און האָט באַקומען אַ מערהייט אויף דער 5טער קאָנפערענץ פון „בונד" (סעפּט. 1902, אין בערדיטשעוו). ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז פון דער מינדערהייט, וואָס האָט אויף דער קאָנפערענץ באַקעמפט די טאַקטיק פון „אָרגאַניזירטער נקמה", האָט גערעדט דער דעלעגאַט פון ווילנער בונדישן קאָמיטעט (חבר גורעוויטש).

די איניציאַטיוו אין קאַמף קעגן דער טעראָריסטישער שטימונג האָט גענומען אויף זיך דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד"... און אין אויסלענדישן קאָמיטעט גופא איז דער איניציאַטאָר פון קאָנסעקווענטסטן קאַמף קעגן יעדער מין טעראָריסטישן אָפּנויג געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי. אַ שטאַרקן רושם האָט דעמאָלט געמאַכט אין רוסלאַנד זיין אַרטיקל קעגן דעם באַשלוס פון דער 5טער קאָנפערענץ, אין נומער 88 „לעצטע נאַכריכטן" (רוסיש), און אין אייניקע חדשים שפּעטער זיין בראָשור „טעראָריזם".

די טעראָריסטישע שטימונג האָט אָנגעהאַלטן עטוואָס מער ווי אַ יאָר צייט... אין יוני 1903 האָט דער 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

(אין צירידך) איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס קעגן דער טאַקטיק פון אָרגאַניזירטער נקמה.

* * *

דער נאָמען לעקערט איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַרן העראָאישן קאַמף פון „בונד" קעגן צאַרישן רעזשים. לעקערט׳ס טאַט איז ביי די באַדינגונגען פון יענער צייט געווען דער איינציק מעגלעכער נקמה־אַקט פון אַ רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער קעגן אַ צאַרישן סאַטראַפּ, וואָס האָט זיך איזדיעקעוועט איבער דער מענטשלעכער ווירדע פון די ווילנער אַרבעטער אין פייערלעכן טאָג פון ערשטן מאַי. און מיט זיין טאַט האָט לעקערט אויך אַנטפּלעקט פאַר דער גאַרער וועלט דעם אַנטשלאָסענעם ווילן פון נייעם דור אידישע אַרבעטער איינצושטעלן זייער לעבן אין קאַמף פאַר פרייהייט...

...אין אומצאָליקע אויפשטאַנדן און שלאַכטן קעגן צאַריזם האָבן די אידישע אַרבעטער שפּעטער אונטער די שטורעם־פענער פון „בונד" אַרויסגעוויזן זייער שטאָלצן מוט אין קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם—און פאַר זייערע אויגן האָט געשוועבט די געשטאַלט פון דעם יונגן ווילנער אידישן שוסטער הירש לעקערט. נאָך אים, דעם ערשטן, זיינען געגאַנגען צו דער תליה אַנדערע, און אויך זייערע נעמען וועלן ניט פאַרגעסן ווערן. אָבער פון די בלעטער פון דער העראָאישער געשיכטע פון „בונד" שטראַלט באַזונדערס אַרויס דער נאָמען פון ערשטן בונדיסט, וואָס איז אומגעקומען אויף אַ צאַרישער תליה.

אין די נאַצישע געטאָס פון פוילן, אין חושך פון פאַרבלוטיקטן פאַריז, אין די קאָנצענטראַציע־גיהנומס פון אָשוויענטשים אין פוילן, פון דראַנסי און גירס אין פראַנקרייך, און אומעטום וואו עס געוועלטיקן די תלמידים פון די צאַרישע פאָן־וואַל׳ס, שטויסן זיי זיך אָן איצט, 40 יאָר נאָך לעקערט׳ס מאַרטירערישן טויט, אויף דעם אומבויגזאַמען ווילן פון לעקערט׳ס גייסטיקע קינדער און אייניקלעך — גיכער צו שטאַרבן אין קאַמף פאַר פרייהייט איידער צו וועגעטירן אין הינטישער שקלאַפעריי. דאָס האָט אונז געוויזן אונזער יונגער חבר אויף דער לובלינער תליה (מיר טאָרן נאָך זיין נאָמען, וואָס איז אונז גוט באַקאַנט, ניט אָנרופן). און דאָס שרייבן, אַ פאַר שעה פאַר זייער טויט, דעם 14טן דעצעמבער 1941, צוויי אידישע אַרבעטער, וועמעס בריוו פון דער פאַריזער טויטנקאַמער מיר האָבן פובליקירט אין לעצטן נומער „אונזער צייט". אָט וואָס מיר לייענען דאָרטן: ...„אין די איצטיקע לעצטע שעה׳ן גלויב איך מער ווי ווען עס איז פריער אין דעם, וואָס איז מיר טייער"... און טייער איז אים, דעם פאַריזער אידישן

אַרבעטער, דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, טייער זייַנען אים די אומ־שטערבלעכע אידעאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

דאָס איז אויך דער זין און אינהאַלט פון אַלוועלטלעכן מאַי־יום־טוב. פאַר אונז, בונדיסטן, איז דער מאַי־יום־טוב טאָפּלט געהייליקט דורך דעם מאַרטירער־בלוט פון הירש לעקערט.

(פון „אונזער צייט", מאַי, 1942)

---

2. דער צווייטער ווילנער אידישער שוסטער, וואָס איז אומגעקומען אויף דער תליה

אין די 40 יאָר נאָך לעקערט׳ס טויט איז וועגן אים זייער פיל געשריבן געוואָרן — הונדערטער אַרטיקלען, זכרונות, אייניקע לידער און פּאָעמעס. דאָס אַלץ איז צעוואָרפן אין אידישע צייטונגען (אַ ביסל אויך אין רוסישע צייטונגען, עטוואָס אויך אין פּוילישע און אַנדערע) איבער דער גאָרער וועלט. זיין אָנדענק זייַנען געווידמעט אויך אייניקע בראָשורן. גלייך נאָך זיין טויט האָט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" צוזאַמען מיטן קאָמיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ס.ד.ק.פּ.ל.), אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור וועגן לעקערט׳ן און זיין פּראָצעס אין דריי שפּראַכן: אידיש, רוסיש און פּויליש. צו זיין יאָרצייט פלעגט דער ווילנער קאָמיטעט, אין די ערשטע יאָרן, געוויינטלעך אַרויס־לאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע. אין 1922, צום 20טן יאָרצייט, זייַנען אין ראַטן־פּאַרבאַנד אַרויס צוויי אידישע בראָשורקעס מיט אַרטיקלען און זכרונות וועגן אים; צום 25טן יאָרצייט (1927) איז אין ראַטן־פּאַרבאַנד ווידער אַרויס אַ בראָשור וועגן לעקערט׳ן; אין וואַרשע איז דאַן אַרויס אַ בראָשור פון ח׳ פּאַט אין בונדישן פאַרלאַג „די וועלט" און אַ צווייטע בראָשור, אויך אין וואַרשע, צו דער זעלבער צייט, פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר אין אַ סוחר׳ישן פאַרלאַג. בסך־הכל: איין רוסישע, איין פּוילישע און זעקס אידישע בראָשורן — ווי ווייט איך ווייס. אַ גרויסע אַרבעט וועגן לעקערט׳ן איז געדרוקט אין 1927 אין „קראַסני אַרכיוו". פאַראַן וועגן אים אויך זכרונות אין אַן אַרטיקל אין ח׳ יעשורינס זאַמלבוך „ווילנע". די מעשה לעקערט ווערט געשילדערט אויך אין דריי דראַמעס: פון לואיס ריינגאָלד — „הירש לעקערט", אין 1903; אַ צווייטע פון ה. לייוויק; אַ דריטע — פון קושניראָוו, אין 1927.

נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, 1917, ווען עס האָבן זיך געעפנט

די צאַרישע אַרכיוון, איז געווען צו האָפן, אַז עס וועלן אַרויסגעפונען ווערן וועגן לעקערט׳ן נייע מאַטעריאַלן. עס איז, אָבער, קיין שום מאַטעריאַל פון די אַרכיוון ניט פובליקירט געוואָרן, אויסער איניקע אומבאַדייטנדיקע זאַכן. אין די אַקטן פון פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט מוזן זיך געפינען אויספירלעכע באַריכטן פון ווילנע אַרום לעקערט׳ס אַטענטאַט. מיר איז באַקאַנט, אַז גלייך נאָך לעקערט׳ס שאָס האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געשיקט קיין ווילנע איינעם פון זיינע אינטעליגענטסטע און פעאיקסטע מיטאַרבעטער, אַ געוויסן לעאָניד מענשטשיקאָוו, אויסצופאָרשן די טעראָריסטישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין „בונד" (ניט נאָר אין ווילנע) אין צוזאַמענהאַנג מיט די ווילנער טראַגישע געשעענישן.

זומער 1902 זיינען אין ווילנע פאַרשפּרייט געוואָרן מערערע העקטאָגראַפירטע אידישע פּראָקלאַמאַציעס, אונטערגעשריבן: „אַ גרופּע טעראָריסטן". מענשטשיקאָוו האָט אויך געדאַרפט אויספאָרשן די פלענער און דעם באַשטאַנד פון יענער גרופּע. ער איז געזעסן אין ווילנע אַ לענגערע צייט, געזאַמלט אינפאָרמאַציע און געשיקט גענויע באַריכטן קיין פּעטערבורג. ווען ער האָט, אין 1909, אַרויסגעגעבן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" פאַרשיידענע וויכטיקע סודות פון דער אָכראַנע, האָט ער ביי אַ באַגעגעניש מיט פאַרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט און שפּעטער, אין אַ לענגערער קאָרעספּאָנדענץ מיטן קאָמיטעט, אויספירלעך דערציילט אויך וועגן זיין נסיעה קיין ווילנע. זיין אינפאָרמאַטאָר אין ווילנע, אין דעם ענין, איז געווען קאַפּלינסקי. די אָרטיקע אָכראַנע האָט געהאַט אויך אַנדערע, קלענערע, אינפאָרמאַטאָרס, און דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט ער געשיקט קיין פּעטערבורג. זיינע באַריכטן זיינען זיכער זייער אינטערעסאַנט. עס איז צו באַדויערן, וואָס זיי זיינען ביז איצט ניט פובליקירט געוואָרן.

פון די צייטונגס־ און זשורנאַל־אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין 1902 און שפּעטער, אין 1922 און אין 1927, זיינען באַזונדערס וויכטיק די אַרטיקלען אין די בונדישע אויסגאַבעס פון 1902. געווען אויך אין 1902 אַ וויכטיקער אינפאָרמאַטאָרישער מאַטעריאַל וועגן פאָן־וואַל׳ן און זיין פאַרגאַנגענהייט אין אַ פּוילישער רעכטער צייטונג „סלאָוואָ פּאָלסקיע", וואָס איז אַרויס אין לעמבערג. אין דער אידישער פּרעסע זיינען וועגן לעקערט׳ן, ווי ווייט איך געדענק, פון דער גרויסער צאָל אַרטיקלען פאַר דער גאַנצער צייט געווען בלויז דריי, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ געהעריקן ניוואָ: ליעסין׳ס אַן אַרטיקל אין „צוקונפט", אין 1904, מיכאַלעוויטש׳עס — אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", 1927, און ליטוואַק׳ס אַן אַרטיקל, אין מאַי 1927,

אין „פאָרווערטס". ליטוואַק'ס אַרטיקל איז אָן שום ספק דער בעס־טער, וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן וועגן לעקערט'ן. ווייטער, ווי ווייט איך געדענק, איז געווען גאַנץ מיטלמעסיקע זשורנאַליסטישע סחורה, אָפּטמאָל גאַנץ ביליקע סחורה. פון די בראָשורן איז ביז היינט צו טאָג די בעסטע אין אַלע הינזיכטן, באַזונדערס בנוגע דער פּאַקטישער זייט פון דער ווילנער מאַי־טראַגעדיע, די ווילנער בראָשור פון 1902. געשריבן האָט זי ח' מאַיסיי גורעוויטש, צו יענער צייט דער וויכטיקסטער טוער פון ווילנער בונדישן קאָמיטעט. אין די סאָוועטישע אידישע בראָשורן האָט מען זיך אפילו קיין מי ניט געגעבן געני־פעסטצושטעלן די דאַטעס פון לעקערט'ס אטענטאַט, פּראָצעס און טויט; אַלץ איז דאָרטן פאַרפּלאָנטערט. ריכטיק זיינען די דאַטעס אין דער בראָשור פון ח' פּאַט, אין זאַמלבוך „ווילנע" און אין מאַי־נומער „אונזער צייט". כמעט אין גאַנצן ווערטלאָז זיינען די מעמואַרן, וואָס האָבן זיך באַוויזן, הויפּטזעכלעך אין 1922, וועגן לעקערט'ן. ראַפּעס'עס מעמואַרן אין „קראַסני אַרכיוו" (1927) זיינען אַ גראָבע זעלבסט־רעקלאַמע, אין אַנדערע מעמואַרן זיינען פאַרפּלאָנטערט די פּאַקטן און זיי זיינען געוויינטלעך פול מיט ביליקע אָנפאַלן אויפן „בונד" („סעזאָן"־סחורה). אָן אויסנאַם אין דער הינזיכט זיינען די בלעטלעך זכרונות פון ח. שאַץ אין זאַמלבוך „ווילנע". ביי אים איז אַלץ ריכטיק.

צענדליקער מאָל ווערט געשריבן אין די אַרטיקלען וועגן לע־קערט'ן אין דער אידישער פּרעסע פון קאָוונע (וואו עס האָט, אגב, נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געלעבט לעקערט'ס א יינגערער ברודער, אַ שוואַרץ־אַרבעטער) ביז יאָהאַנעסבורג — אָפּטמאָל אפילו פון אינ־טעליגענטע זשורנאַליסטן (פּאַראַן אויך אינטעליגענטע זשורנאַליסטן), אַז אין מאַי, 1902, זיינען אין ווילנע צום ערשטן מאָל געשמיסן גע־וואָרן פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויף ווי ווייט דאָס האָבן געשריבן אינ־טעליגענטע מענטשן, האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ שוואַכן זכרון. אין ווילנע, אין מאַי 1902, האָט מען צום ערשטן מאָל אין פּעריאָד פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג געשמיסן דעמאָנסטראַנטן, אַרעסטיר־טע אויף דער גאַס. אָבער פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען אין צאַ־רישן רוסלאַנד אַ סך מאָל נאָך מיט יאָרן פריער און אויך שפּעטער געשמיסן און געקאַטעוועט. גענוג צו דערמאָנען די סיבה פון ווערא זאַסוליטש'עס טעראָריסטישן אַקט אין 1878 אין פּעטערבורג. לויט טרעפּאָוו'ס באַפעל האָט מען דאָן געשמיסן דעם סטודענט באָגאָליובאָוו. דערויף האָט דאָס ווערא זאַסוליטש געענטפערט מיט רעוואָלווער־שאָסן — און דאָס פּעטערבורגער געריכט האָט זי, ווי באַוואוסט, באַפרייט.

שפּעטער זיינען געשמיסן געוואָרן (1887) פּאָליטישע קאָטאָרזשאַנעס אין סיביר און דאָס זעלבע איז געשען אויך אין די „קאָנסטיטוציאָנעלע" יאָרן נאָך 1905.

זייער אַ סך מאָל איז געשריבן געוואָרן, אַז לעקערט איז געווען דער ערשטער אידישער אַרבעטער, וואָס איז אומגעקומען אויף דער תליה. אמת איז, אַז לעקערט איז געווען דער ערשטער בונדיסט, וואָס האָט אויף דער תליה פאַרענדיקט זיין לעבן. אָבער צווישן די רעוואָ־לוציאָנערן, וואָס זיינען אין דער צייט פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ גע־האַנגען געוואָרן, זיינען געווען מערערע אידן, און איינער פון זיי איז געווען אַ אידישער שוסטער פון ווילנע.

געהייסן האָט ער גאָבעט. דער ערשטער האָט געשריבן וועגן אים פּלעכאַנאָוו אין זיין ביכל „דער רוסישער אַרבעטער אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג". ביי פּלעכאַנאָוו'ן לייענט זיך זיין נאָמען צוליב אַ דרוק־פעלער גאָבאַט. מיט דעם גרייז איז זיין נאָמען צענדליקער מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע רוסישע און אידישע אַרטיקלען. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען אהרן יעקב ישראל גאָבעט. געבוירן געוואָרן אין ווילנע אַרום 1855. אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. גאַנץ יונג אַוועק אין מיליטער־דינסט. דער פּעריאָד פון די „כאַפּערס" איז דאַן שוין געווען פאַרענדיקט. אויפן טראָן איז שוין געזעסן אַלעק־סאַנדער דער צווייטער. אָבער די פונקציע פון די כאַפּערס האָבן צו יענער צייט גענומען אויף זיך די חשוב'ע מנהיגים פון דער ווילנער קהילה. אויסער דעם, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן ברוטאַלסטן אופן די שווערסטע „פּאָדאַטקעס" (שטייערן) אויף דער אָרעמער מאַסע, כדי צו שאַנעווען די איידעלע קעשענעס פון די סוחרים, האָבן זיי איינ־געפירט, אַז צום מיליטער־דינסט זאָלן גענומען ווערן נאָר קינדער פון אָרעמע עלטערן. מיט די קינדער פון דער אָרעמקייט האָבן זיי יעדער יאָר אויסגעפילט די אידישע „קוואָטע", ד. ה. די צאָל אידישע רעק־רוטן, וואָס ווילנע האָט געדאַרפט צושטעלן; די נגיד'ישע יונגעלייט זיינען אויף אַזאַ אופן אַלע מאָל באַפרייט געווען פון מיליטער.

אַזוי איז אויך דער ווילנער יונגער שוסטער גאָבעט אַוועק אין קאַזאַרמע. ער איז געווען זייער אַ פעאיקער, זיך גוט אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, געוואָרן אַ שרייבער אין קאַנצעלאַריע פון פּאָלק, שפּעטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געלעבט אונטער אַ פאַלשן נאָמען און אין אויפטראַג פון דער אָרגאַ־ניזאַציע געהאַלטן אַ שוסטער־וואַרשטאַט. אין 1879 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין זיין וואַרשטאַט האָט מען געפונען פּיראָקסילין, וואָס

איז צוגעגרייט געוואָרן צו אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. פאַרשריבן איז ער געוועזן אויפן נאָמען טעמריוק. אונטער דעם נאָמען איז ער באַלד נאָך זיין אַרעסט געשטאַנען פאַרן מיליטער־געריכט אין קיעוו און ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף דער תליה.

די פּראָפעסיאָנעלע פעלשער פון דער געשיכטע פון „בונד" האָבן אייניקע מאָל געשריבן, אַז לעקערט האָט צום „בונד" קיין שייכות ניט געהאַט, אַז ער איז בכלל קיין בונדיסט ניט געווען. פרעגט זיך: וואָס זשע איז ער געווען? אפשר גאָר אַ באָלשעוויק? אָבער דער „באָל־שעוויזם" אַלס אָרגאַניזירטע פּראַקציע איז דאָך געבוירן געוואָרן ערשט סוף 1903! אין 1902 האָט דאָך נאָך אַפילו אַזאַ וואָרט ניט עקזיסטירט!

געוויס, קיין מיטגליד פון ווילנער בונדישן קאָמיטעט איז לעקערט ניט געווען, אַפילו ניט פון דער צענטראַלער סכאָדקע. ער איז געווען אַ מענטש פון דער סאַמע מאַסע. אָבער ווי אַלע אַנדערע אַקטיווע אידישע אַרבעטער פון ווילנע איז ער מיט הונדערטער פעדעם פאַרבונדן געווען מיט דער טאָג־טעגלעכער בונדישער אַרבעט. אין אַלע סטרייקן, וואָס דער „בונד" האָט דורכגעפירט אין ווילנע אין זיין צייט, האָט ער גע־נומען דעם ענערגישסטן אָנטייל. קיין אַנדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אויסער דער בונדישער, האָט אין ווילנע צו יענער צייט בכלל ניט עק־זיסטירט. מיט פּוילישע און ליטווישע שוסטער פלעגט זיך לעקערט טרעפן און איז מיט זיי געווען באַפריינדעט, צו זייערע קליינע גרופּקעס האָט ער, אָבער, ניט געהערט.

אויב לעקערט איז קיין בונדיסט ניט געווען, זיינען אין ווילנע אין 1902 בכלל קיין שום בונדישע אַרבעטער ניט געווען! אָבער האָט עס אַ זין צו דיסקוטירן מיט פּראָפעסיאָנעלע געשיכטע־פעלשער?

(פון „דער וועקער", יוני, 1942)

עדואַרד בערנשטיין

אַ פּרואוו פון אַ כאַראַקטעריסטיק

בערנשטיין איז געווען — אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — איינע פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צווישן אירע גאַנץ גרויסע גייסטיקע פירער — איינער פון די גרעסטע. איך גלויב, אַז אויך די קעגנער פון בערנשטיינ׳ס „רעוויזיאָניזם" וועלן אַנערקענען די גרויסקייט פון זיין גייסטיקן פאָרמאַט. אָבער אין וואָס איז קאָנקרעט באַשטאַנען בערנשטיינ׳ס גרויסקייט? אָט די פראַגע מוזן מיר זיך שטעלן, ווען מיר ווילן פּרוואון אָפּשאַצן און כאַראַקטעריזירן בערנשטיינ׳ען, און ענטפערן אויף דער פראַגע איז ניט לייכט. געוויס, די סאָציאַליסטן פון אַלטן דור, די אַלע, וואָס האָבן די לעצטע 40 יאָר, אָדער צום מינדסטן די לעצטע 30 יאָר, מיטגעלעבט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אויב אַפילו נאָר אין אַ געוויסער גייסטיקער נאָענטקייט און ניט אַלס אַקטיווע טוער, — זיי אַלע נויטיקן זיך ניט אין קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב דאָ געשטעלט. אין דעם גרויסן גייסטיקן קאַמף, וואָס די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע — און מיט איר צוזאַמען, קודם כל, די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט געפירט מיט 30־35 יאָר צוריק אַרום די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון מאַרקסיזם, דורכקאָנטראַלירנדיק אויף אַזאַ אופן די גרונט־פראַגעס פון סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און טאַקטיק, האָבן די סאָציאַליסטן פון אַלטן דור אַליין גאַנץ גוט דערשפּירט די גייסטיקע באַדייטונג פון בערנשטיינ׳ען. אומעטום, וואו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן וויכטיקע פראַגעס פון פּראָגראַם און טאַקטיק, האָט מען זיך געמוזט אָנשטויסן אויף אַן אָפּקלאַנג פון די דעבאַטן, וואָס האָבן זיך געפירט אַרום בערנשטיינ׳ס „אפּיקורסי׳שן" געדאַנקען־גאַנג אויף דייטשע סאָצ.־דעמ. צוזאַמענפאָרן מיט דער גרעסטער אינטענסיווקייט פינף יאָר נאָכאַנאַנד, פון 1898 ביז 1903, און אויף דער פּאָלעמיק פון דער זעלבער צייט צווישן בערנשטיינ׳ען און קאַוטסקי׳ן, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אַנדערע פּאַרטייען, גאַנץ באַזונדערס אין דער רוסישער

סאָציאַליסטישער פּרעסע. דער אַלטער דור סאָציאַליסטן ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג בערנשטיין האָט געהאַט.

אָבער וואָס ווייסט פּאָזיטיוו וועגן בערנשטיינ׳ען דער יונגער דור? מיר דאַכט, אַז כמעט גאָרנישט. די לעצטע 15 יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך אין דער אויסנוועלט גאַנץ שוואַך געלאָזט פילן. די פּאָר ביכער, וואָס ער האָט געשריבן בשעת׳ן קריג און אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג, האָבן קיין שטאַרקן אינטערעס ניט אַרויסגערופן. מיט דער אויסנאַם פון זיינע מעמואַרן, וואָס האָבן זיך ניט שלעכט פאַרשפּרייט, און פון זיין בוך „די געשיכטע פון דער דייטשער רע־וואָלוציע״, וואָס איז, אגב, אַרויס (1921) אויך אויף אידיש און רוסיש (אין פאַרלאַג „וואָסטאָק״, בערלין), האָט ער אין אָט די יאָרן קיין ערנסטע זאַכן ניט געשריבן. זיינע צייטונגס־אַרטיקלען האָט מען קוים באַ־מערקט. אין די לעצטע 15 יאָר האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אַ גאַנצע וועלט מיט פרישע יונגע כחות, אַ נייער דור, וואָס פאַרנעמט די פּאָזיציעס פון אַלטן דור. 15 יאָר איז אַ היפּשע צייט. לאַסאַל׳ס גאַנצע פּאָליטישע קאַריערע האָט גע־דויערט ניט מער ווי 15 יאָר (געבוירן 1825, געשטאָרבן 1864).

דערצו מוז נאָך באַמערקט ווערן, אַז אָט דער איצטיקער יונגער דור, וואָס ווייס שוין כמעט גאָרניט וועגן בערנשטיינ׳ען, מיט דער אויסנאַם פון ביכער־מענטשן, וואָס זייער צאָל איז, אָבער, זייער קליין, האָט פונדעסטוועגן אַ גאַנץ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן בעבעל׳ן און אומגעפער אַ ריכטיקע און לעבעדיקע פאָרשטעלונג וועגן זשאָרעס׳ן, און דאָס מאַכט נאָך שווערער אָנצוצייכענען די היסטאָרישע פיזיאָנאָמיע פון בערנשטיינ׳ען. אין וואָס־זשע איז געלעגן זיין באַדייטונג?

בערנשטיין און דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט״

כדי זיך קלאָר צו מאַכן בערנשטיינ׳ס באַדייטונג, מוזן מיר זיך עטוואָס צוקוקן צו זיין פּאָליטישן לעבנסגאַנג. אין 1872, ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי (ער איז, אַלזאָ, גאַנצע 60 יאָר געווען אין דער פּאַרטיי). געשען איז דאָס אין אַ גאַנץ לייכטער פאָרם, דורכאויס ניט אַלס אַן ערנסטער באַשלוס אין אַן ערנסטן ענין. ערנסט איז די זאַך פאַר אים שפּעטער געוואָרן. אָנגעהויבן האָט זי זיך גאַנץ לייכט. ער איז געקומען צוזאַמען מיט אייניקע גוטע פריינט אויף אַ רעפע־ראַט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע — אַ ברענענדיק אַקטועלע טעמע אין

יענע טעג. דער רעפעראַט האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, די מענטשן אַרום זײַנען אים געווען זייער סימפּאַטיש, האָט ער זיך פאַרשריבן אַלס מיטגליד אין דער פּאַרטיי. ער איז געווען דאַמאָלסט אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק (אין דער באַנק־בראַנזשע האָט ער געאַרבעט פון 1866 ביז 1878) מיט די בעסטע אויסזיכטן אויף אַ גוטער מאַטעריעלער קאַריערע. אין פּאָליטישער הינזיכט איז ער שוין געווען אַן איבערצייגטער דעמאָקראַט און רעפּובליקאַנער, אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז פאַר אים נאָך ניט געשטאַנען ווי אַ פּראַקטיש־ערנסטע פראַגע. ערשט די פּאַריזער קאָמונע האָט אים (און אַ סך אַנדערע פון יענעם דור, דערונטער אויך קאַוטסקי'ן) „געעפנט די אויגן". און דאָך וואָלט ער אפשר ביי די גרעסטע סימפּאַטיעס צו דער נייער באַוועגונג געבליבן ווייטער אין די ד' אמות פון זיין פריוואַטן לעבן, געוואָרן אַ גרויסער באַנק־דירעקטאָר א. ד. גל., ווען ניט די פירער פון דער בערלינער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן גלייך דערשפּירט אין אים אַ ווערטפולע גייסטיקע קראַפט און אים גלייך אַריינגעצויגן אין פּאַרטיי־לעבן. איך קאָן דאָ, ליידער, ניט שילדערן אויספירלעך בערנשטיינ'ס גייסטיקע אַנטוויקלונג אין די 70ער יאָרן. איך וויל נאָר קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז גאָר אין גיכן נאָך זיין אַריינטריט אין דער פּאַרטיי האָבן די פירער פון דער בערלינער באַוועגונג, די פּראַקטיקער געגנוי אַזוי ווי די טעאָרעטיקער, באַקומען די איבערצייגונג, אַז בערנשטיין איז צווישן זיי דער פעאיקסטער און דער קליגסטער. ער איז דורכאויס ניט געווען דער געבילדעטסטער צווישן זיי; אייניקע האָבן שוין געהאַט געלייענט מער ביכער און דערונטער די „שווערסטע" ביכער; אַנדערע ווידער זיינען שוין געווען געניטער אַלס רעדנער, אויך אַלס שאַרפע דעבאַטאַנטן. אָבער בערנשטיין איז געווען קליגער פאַר זיי אַלעמען. און טאַקע ווייל ער איז געווען דער קליגסטער, האָט ער אין זיך קיין שפּור פון פאַנאַטיזם ניט געהאַט און האָט קיין מאָל קיין דעמאַגאָגישע מיטלען ניט באַנוצט. אָט די אייגנשאַפט: אַ זעלטענע קלוגקייט — אין קליינע ווי אין גרויסע פראַגעס — האָט אים אויסגעצייכנט זיין גאַנצן לעבן, ביז צו דער צייט, ווען זיינע קרעפטן האָבן אים אַנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרלאָזן. אַ דאַנק אָט דער זעלטענער אייגנשאַפט זיינער ווערט ער שוין אין דער עלטער פון 25־26 יאָר איינע פון די וויכטיקסטע פיגורן אין דער בערלינער פּאַרטיי־אַרבעט. ווען מען גיט נאָך צו דערצו אַ זעלטענעם כאַראַקטער, אַ פעסטע אינערלעכע מאָראַלישע דיסציפּלין און אַ געהויבן פריידיק געמיט, קאָן מען זיך אומגעפער אויפבויען אַ בילד פון דעם, וואָס

בערנשטיין האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין יענער צייט — און אויך שפּעטער.

ווען עס איז אַריין אין קראַפט ביסמאַרק׳ס „שאַנדגעזעץ״, דאָס אויסנאַם־געזעץ קעגן סאָציאַליסטן, אין 1878, האָט איינער אַ רייכער מאַן, אַ מעצענאַט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דר. העכבערג, באַשלאָסן צו גרינדן אין דער פרייער שווייץ אַ דייטשן סאָציאַליסטישן זשורנאַל (די שפּעטערדיקע „ריכטער׳ס יאַרביכער״; ריכטער איז העכבערג׳ס פּסעוודאָנים) און האָט פאַר זיין רעדאַקציע־סעקרעטאַר איינגעלאַדן בערנשטיין׳ען (שפּעטער אויך קאַרל קאַוטסקי׳ן). בערנשטיין האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און איז מיט העכבערג׳ן אַפּגעפאָרן אין דער שווייץ. אין אַ יאָר אַרום האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, נאָך דעם ווי איר פּרעסע איז אין דייטשלאַנד אויפן גרונד פון „שאַנד־געזעץ״ ברוטאַל אונטערגעדריקט געוואָרן, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין דער שווייץ אַ קאַמפּס־אָרגאַן, וואָס זאָל פאַרשפּרייט ווערן אומלעגאַל אין דייטשלאַנד אַלס ערזאַץ פאַר די פאַרבאָטענע פּאַרטייבלעטער. דאָס איז געווען דער שפּעטער אַזוי־באַרימט־געוואָרענער אומלעגאַלער „סאָציאַל־דעמאָקראַט״, וואָס האָט געשפּילט ביז 1890 אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווען בערנשטיין וואָלט געבליבן אין דייטשלאַנד, וואָלט די פּאַרטיי אים מסתמא ניט געשיקט אין דער שווייץ רעדאַקטירן דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט״. אמת, ער האָט שוין דאָן געהאַט אין דער פּאַרטיי אַ גאַנץ גוטן נאָמען אַלס זשורנאַליסט (אין אינטימע קרייזן אַפילו אויך אַלס רעוואָלוציאָנערער דיכטער; געווען געדרוקט איניקע שיינע לידער און באַלאַדעס זיינע). מען האָט אים, אָבער, דאָן נאָך ניט געהאַלטן פאַר קיין ערשט־קלאַסיקן זשורנאַליסט. אַזוי ווי, אָבער, ער איז שוין סיי־ווי געווען אין דער שווייץ און די צאָל אייגענע זשורנאַליסטישע קרעפטן פון בעסערן סאָרט איז דאָרטן געווען גאַנץ קליין, איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער רעדאַקציע. און דאָ הויבן זיך אָן די שענסטע יאָרן פון בערנשטיינ׳ס גייסטיקן אויפבלי, דאָ וואַקסט ער אויס אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב ווי דער בעסטער סאָציאַליסטישער זשורנאַליסט, ווי דער פעאיקסטער צווישן די בעסטע קרעפטן.

* * *

די פּאַרטיי איז אין יענע יאָרן גע׳רודפ׳ט געוואָרן פון דער רע־

גירונג אויפן שענדלעסטן אופן*). אַן אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ גרויסע פּאָליטישע דערציאונג, וואָס איז צוגעוואוינט געווען צו אַ פרייער פּרעסע און צו שטורמישע גרויסע אָפענע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, האָט מען מיט אַ מאָל אַרויפגעלייגט אַ שלאָס אויפן מויל. די אויפגאַבע פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט" איז געווען צו באַלייכטן פאַר דעם אַרבעטער יעדער שריט פון דער רעאַקציע, צו וועקן די גייסטיקע כחות פון אַרבעטער־קלאַס, וואָך צו האַלטן זיין אינטערעס צו די אַקטועלע פּאָליטישע פראַגעס אין לאַנד און אין דער וועלט און צו פאַרשטאַרקן אין אים דעם גלויבן, אַז דער נצחון פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז נאָענט.

די בלאַט האָט געקענט דערפילן איר אויפגאַבע נאָר ביי דער באַדינגונג, אַז די מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן גופא זאָלן אַליין זיין אינערלעך צוגעגרייט צו אַזאַ ריזיקער אַרבעט, אַליין דורכגעדרונגען מיט דער פעלזן־פעסטער איבערצייגונג, וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרשפּרייטן אין אַרבעטער־קלאַס. די בלאַט האָט גלייך פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער באַוועגונג פון לאַנד, און פון דעם טאָג אָן, ווען בערנשטיין ווערט דער רעדאַקטאָר פון בלאַט, שטייגט פון נומער צו נומער איר פּאָליטישע באַדייטונג און אין גיכן ווערט זי דער שטאַרקסטער צוציאונגס־פּונקט אין גאַנצן פּאַרטיי־לעבן. די בלאַט באַשאַפט אַרום זיך אַ הערלעכע אַטמאָספערע פון באַגייסטערונג און אָפּפערוויליקייט. אַ מחנה שפּיקישע הינט נישטערט און זוכט די פאַרשפּרייטער פון בלאַט — און זי גייט זיך פונאַנדער אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ לעגאַלער צייטונג. וואָס פאַר אַן ענערגיע, וואָס פאַר אַ מסירת־נפש דערצו האָט זיך געפאָדערט, ווען זיך קאָנען פאָרשטעלן נאָר די, וואָס האָבן זיך פאַר־

---

*) שענדלעך — נאָך די באַגריפן פון יענער, מער אָדער ווייניקער „ליבעראַלער", צייט. אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען, ווי אין די נאָך־מלחמה־יאָרן אין אונגאַרן, בולגאַריע, איטאַליע, זיינען אין יענע יאָרן נאָך ניט „מאָדערן" געווען. ביסמאַרק איז געווען אַ בלוט־הונט אין גרויסן מאַסשטאַב, איך וואָלט געזאָגט: אַ וועלט־פּאָליטישער בלוט־הונט. די, וואָס מאַלפּעווען אים איצט נאָך, זיינען קליינלעכע פּאַטאָלאָגישע סאַדיסטן אָן אַ קאָנסערוואַטיווער וועלט־אַנשויאונג, און סאַדיסטן וואָלטן זיי געווען ביי יעדער רעזשים, און יעדער רעזשים וואָלטן זיי גרייט געווען צו דינען. ביי אַ „פּראָלעטאַרישער" טעראָריסטישער דיקטאַטור אין איטאַליע וואָלט מוסאָליני גאַנץ זיכער געקאָנט פאַרנעמען גענוי דעם זעלבן אַמט, וואָס ער פאַרנעמט איצט. און ער וואָלט דאַן אפשר אויף דעם אָדער יענעם אופן געלאָזט „באַזייטיקן" גענוי דעם זעלבן מאַטעאָטי, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביי דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

גומען מיט פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור אין אַלטן רוס־לאַנד. און באַשאַפן האָט זיך אַזאַ באַציאונג צו דער בלאַט דורכאויס ניט דורך דעם אַליין, וואָס יעדער פּאַרטיי־מיטגליד איז מחויב געווען עס צו פאַרשפּרייטן. דער אינהאַלט פון בלאַט האָט באַשאַפן אַזאַ באַציאונג, די גוואַלדיקע גייסטיקע באַפרידיקונג, וואָס די בלאַט האָט אַרויסגערופן ביי הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע אַרבעטער, צו וועמען זי איז דערגאַנגען.

אַט דאָס האָט די פּאַרטיי געהאַט צו פאַרדאַנקען הויפּטזעכלעך, אויב ניט אויסשליסלעך, בערנשטיינ׳ען. און דאָס איז מיין ערשטער ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט אין אָנהויב פון מיין אַרטיקל: אין וואָס איז קאָנקרעט באַשטאַנען בערנשטיינ׳ס גרויס־קייט? אין דעם איז זי באַשטאַנען אין יענער צייט (ביז 1890), וואָס דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" איז אין זיינע הענט געוואָרן אַ קאַמפּס־אָרגאַן, וואָס האָט זיין גלייכן ניט אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט־ליטעראַטור. אַלע אומלעגאַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַנען, באַזונדערס די רוסלענדער פּאַרטיי־בלעטער (אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן), וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אויסלאַנד, האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך גענומען אַלס מוסטער, אַלס אידעאַל דעם דייטשן „סאָציאַל־דע־מאָקראַט".

דאָס גליק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איר צענטראַל־אָרגאַן האָט זיך געקאָנט געפינען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אָנפירנדיקער איינ־סטאַנץ פון דער פּאַרטיי (דער סאָצ.־דעמ. פּאַרלאַמענט־פראַקציע) און אויך מיט מאַרקס׳ן (ביז צו זיין טויט, 1883) און מיט ענגעלס׳ן.

אַ פאַרגלייך מיט דעם אומלעגאַלן פּעריאָד אין דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד וואָלט דאָ אונז צו ווייט פאַרפירט. עס מוז, אָבער, געזאָגט ווערן, אַז אין די ערגסטע צייטן פון „שאַנד־געזעץ" זיינען די באַדינגונגען פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דייטשלאַנד געווען ממש אידילישע אין פאַרגלייך מיט די באַדינגונגען אין אַלטן רוס־לאַנד. מאַנכע פּאַראַלעלן וואָלטן אפשר געווען היסטאָריש אינטערע־סאַנט, ספּעציעל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „איסקראַ" (1901 ביז 1905), אָבער דער פּלאַץ דערלויבט אונז דאָס, לײדער,ניט.

דער „סאָצ־דעמ." איז געווען אַ לעבעדיקער, גייסטרייכער, שאַר־פער, אָבער פאַרנעמער פּאָליטישער קאַמפּס־אָרגאַן. „שווערע" טעאָרע־טישע פראַגעס האָט ער אויסגעמיטן. ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען, האָט ער אויסגעמיטן אויך פּאָלעמיק, אויב זי האָט ניט געהאַט

קיין אַלגעמיינע באַדייטונג. און באַזונדערס קאַרג איז ער געווען אויפן וואָרט אין יענער פּאָלעמיק, וואָס איז נוגע געווען דער אייגענער פּאַר־טיי; אַלזאָ, אין דער היינזיכט — דער קעגנטייל פון דער אַלטער עמיגראַנטישער רוסישער און פּוילישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

אין זיינע זכרונות דערציילט בערנשטיין, ווי ענגעלס האָט אַמאָל, קומענדיק צו גאַסט אין ציריך צו דער רעדאַקציע פון דעם „סאָצ.־דעמ.״, געגעבן דעם שטאַב פון דער רעדאַקציע אַ גוטע עצה, ווי צו אַרבעטן. זיצנדיק מערערע טעג נאָכאַנאַנד אין די צימערן פון דער רע־דאַקציע, האָט ענגעלס מיט זיין קלוגן שאַרפן אויג זיך צוגעקוקט שטילערהייט, ווי דער עולם אַרבעט, פון וואַנען דער עולם זויגט זיין גיפט (אָדער, אויב איר ווילט, זיין האָניק), וואָס גיט אים דעם נויטיקן שטאָף צו די אַרטיקלען. געזען האָט ענגעלס אָט וואָס: ווי נאָר מען קומט זיך צונויף אין דער רעדאַקציע, וואַרפט מען זיך מיט אומגע־דולד אויף דער פּאָסט פון דייטשלאַנד און יעדערער זעצט זיך לייענען אַ דייטשע צייטונג. דעם גרעסטן אינטערעס האָט דער עולם צו דער רעאַק־ציאָנערער פּרעסע, באַזונדערס צו דער „קרייץ־צייטונג״, דעם שענד־לעכסטן העץ־אָרגאַן פון די פּרייסישע יונקערס. ווען מען פילט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיטן רעאַקציאָנערן גיפט, זעצט מען זיך שרייבן...' וואָס קאָן מען שרייבן אין אַזאַ שטימונג און נאָך אַזאַ „זעטיקונג״? צי מען וויל, צי ניט — מען פּאָלעמיזירט מיט דער „קרייץ־צייטונג״.

ווען די גאַנצע פירונג פון פּערסאָנאַל איז פאַר ענגעלס'ן קלאָר געוואָרן, האָט ער געהאַט מיטן עולם אַ פריינטלעכן שמועס: אויב דאָס וועט ווייטער אַזוי גיין, האָט ער אָנגעוויזן, וועט מען קאָנען באַ־טראַכטן דעם „סאָצ־דעמ.״ אַלס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ביילאַגע צו דער „קרייץ־צייטונג״, און אין דעם „סאָצ.־דעמ.״ וועלן האָבן אַ ספּע־ציעלן אינטערעס די לייענער פון דער „קרייץ־צייטונג״, דורכאויס, אָבער, ניט די אַרבעטער, וואָרעם אַן אַרבעטער נעמט די „קרייץ־צייטונג״ אין האַנט ניט אַריין. דער אַרבעטער נויטיקט זיך אין דעם, מען זאָל אים קורץ און קלאָר דערציילן, וואָס עס הערט זיך אין פּאָליטישן לעבן, און אים באַלייכטן דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס באַשטייט צווישן זיין לעבן און שטרעבן און די האַנדלונגען פון דער רעאַקציע. דעם אויספיר וועט ער שוין אַליין מאַכן. דאָס, וואָס מיר האָבן צו זאָגן דעם אַרבעטער, מוזן מיר זען אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר, ווי ווייט מעגלעך, אין אַ פּאָזיטיווער פאָרם. אויב מיר וועלן רעאַגירן אויף יעדער שונד און שמוץ, וואָס מיר געפינען אין דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, וועט דאָס הייסן — אין אַ געוויסן זין, — אַז די רעאַקציע באַשטימט

עדואַרד בערנשטיין



קאַרל קאַוטסקי

אין פאַראויס דעם אינהאַלט פון אונזער צייטונג. ענגעלס'עס פאָרשלאַג איז געווען: צוערשט שרייבט יעדער איינער זיין אַרטיקל לויטן פּלאַן, וואָס די רעדאַקציע באַשליסט. נאָך דעם לייענט זיך יעדערער „זיין" רעאַקציאָנערע צייטונג. אויב מען געפינט דאָרטן אַזוינס, אויף וואָס עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו ענטפערן, ענטפערט מען אין אַ פּאָר שורות — דאָס בעסטע מיט אַ וויץ, מיט אַ גלייכווערטל. דאָס האָט גע־האָלפן. און נאָך מער: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בערנשטיין האָט טאַקע פון אָנהויב אָן אַזוי געאַרבעט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באריכות, ווייל מיר דוכט, אַז דאָס, וואָס ענגעלס האָט דורכגע־פירט מיט פופציק יאָר צוריק אין ציריך, וואָלט אויך היינט צו־טאָג זייער נוצלעך געווען דורכצופירן אין די רעדאַקציעס פון די פּאַר־שיידנסטע פּאַרטיי־בלעטער אין די פּאַרשיידנסטע לענדער.

זינט דעם, ווי דער „סאָצ.־דעמ." האָט זיך פאַרמאַכט, זיינען אַוועק שוין 43 יאָר. די וועלט זעט היינט אויס אַנדערש, ווי אין די צייטן, ווען זי איז באַהערשט געוואָרן פון פּאָטסדאַם און פון גאַטשינאַ. גאַנץ רואיק קען מען איצט אָפּשאַצן, אין וואָס פאַר אַ מאָס דער „סאָצ.־דעמ." איז געווען פּאָליטיש ווייטזיכטיק, וואָס ער האָט ריכטיק געזען און אין וואָס ער האָט געהאַט אַ טעות.

די יאָרן פון שווערער רעאַקציע, ווען דער „סאָצ.־דעמ." איז געווען די שטים פון דייטשן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, זיינען גלייכ־צייטיק געווען יאָרן פון אַ ביטערער ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע, פון אַרבעטלאָזיקייט און נויט. פּאָליטישע רעאַקציע איז אַלע מאָל דאָס „אויבערשטיבל" פון עקאָנאָמישער ירידה. אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער דייטשער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי האָט אין די 80ער יאָרן געהערשט די איבערצייגונג, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג שטייט פאַר איר באַנקראָט, אַז קיין אויסוועג פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע איז דער קאַפּיטאַליזם ניט בכוח צו שאַפן. פון דאַנען — דער אויספיר: אַז מיר גייען צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז עס דערנענטערט זיך די אַנטשיידנדיקע שלאַכט פון אַרבעטער־קלאַס. דער שטענדיקער ענגער קאָנטאַקט מיט דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערפירט דערצו, אַז בערנ־שטיין איז אויך דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער זעלבער איבערצייגונג און מיט דער זעלבער שטימונג. אָט דעם פּראָגנאָז האָט ער גע־שטעלט אויך אין „סאָצ.־דעמ.", און גראָד טאַקע אָט דער פּראָגנאָז האָט אים אומגעהויער באַליבט געמאַכט אין דער פּאַרטיי. מיט זיין פּאָרנעמער שפּראַך, מיט זיין וואונדערלעכן סטיל, מיט זיין גאָלדע־נעם הומאָר האָט ער — בעסער ווי אַנדערע האָבן עס געפּרואווט טאָן —

אויסגעדריקט דאָס, וואָס האָט געגאָלטן אין דער פּאַרטיי אַלס אומ־דערשיטערלעכער אמת.

מיר ווייסן איצט, אַז דער פּראַגנאָז איז געווען אַ פאַלשער; דאָס איז פאַר יעדער ערנסטן פּאָליטיקער קלאָר געוואָרן שוין אַרום 1900. און עס הייסט דורכאויס ניט פאַרקלענערן די באַדייטונג פון בערנשטיינ׳ען, ווען מיר קאָנסטאַטירן, אַז צוזאַמען מיט די גרעסטע סאָציאַליסטישע פירער פון יענער צייט האָט ער געשטעלט — אגב, אין אַ פאַרזיכטיקערער פאָרם, ווי אַנדערע — אַ פאַלשן פּראָגנאָז. אַ פאַקט בלייבט, אָבער, אַז וועגן דעם פאַלשן פּראָגנאָז האָט אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן קיינער קיין מאָל קיין ערנסטן פאָרוואורף ניט געמאַכט. אַ שנאה האָט זיך צעפלאַקערט אַרום אים אין דער דייטשער פּאַרטיי און גאַנץ באַזונדערס אין די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען פון אַלטן רוסלאַנד, ווען ער האָט געוואָגט סוף 90ער יאָרן צו רעווידירן די דאַמאָלסטדיקע אַלגעמיינע פּראָגנאָזן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַרויסצוזאָגן ספקות בנוגע אייניקע הערשנדיקע אמת׳ן פון דער מאַרקסיסטישער לערע. אָבער בערנשטיינ׳ס „רעוויזיאָניזם״ איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

בערנשטיינ׳ס רעוויזיאָניזם

עס איז געווען די טראַגעדיע פון בערנשטיינ׳ס לעבן, וואָס בשעת עס איז געפאַלן דאָס „שאַנד־געזעץ״ (1890) און די סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי איז ווידער לעגאַל געוואָרן, איז ער ניט אַמניסטירט געוואָרן און האָט געמוזט בלייבן ווייטער אַלס עמיגראַנט, אין לאָנדאָן, וואוהין ער איז אַריבערגעפאָרן אין 1888, נאָך דעם ווי די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אים מיטן גאַנצן שטאַב פון „סאָצ.־דעמ״ אַרויסגעשיקט פון דער שווייץ. די לאָנדאָנער יאָרן (ביז אָנהויב 1901) — דאָס איז די שווערסטע און אומדאַנקבאַרסטע צייט אין בערנשטיינ׳ס לעבן. אמת, וויסנשאַפטלעך האָט ער אין יענע יאָרן אומגעהויער פיל געאַרבעט. אָבער ער האָט פאַרלאָרן אין אַ געוויסער מאָס דעם קאָנטאַקט מיטן פּאָליטישן לעבן פון דייטשלאַנד, עס זיינען אים אומבאַקאַנט געוואָרן די געפילן און שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען דער בעסטער און דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון טעאָרעטישן צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי („די נייע צייט״), אָבער פון דער פּראַקטישער פּאַרטיי־אַרבעט — אַלץ מער און מער פאַרפרעמדט.

ווען בערנשטיין האָט אַרום 1897 אָנגעהויבן צו רעווידירן די

דאַמאָלסט הערשנדיקע פּראָגנאָזן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ער עס געטאָן אונטער דעם איינדרוק, אַז זיין פּראָגנאָז פון די 80ער יאָרן: דער קאַפּיטאַליזם איז נאָענט צום באַנקראָט — איז געווען פאַלש. דאַמאָלסט האָט דער פאַלשער פּראָגנאָז דער פּאַרטיי קיין שאָדן ניט אָנגעמאַכט, הגם אַ טייל פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס איז צו דער פּאַרטיי געווען צוגעשטאַנען טאַקע צוליב אָט דעם פּראָגנאָז (און האָט אין פּאַרטיי־לעבן שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט דעם פּראָגנאָז), איז פון איר אַוועק אין רעאַקציאָנערן לאַגער אָדער צום סאַלאָן־אַנאַרכיזם. אָבער פאַר אַ גרויסער פּאָליטישער פּאַרטיי קאָן אַ פאַלשער פּראָגנאָז ביי געוויסע אומשטענדן זייער געפערלעך ווערן. בערנשטיין האָט אין אַלע איינצלהייטן איבערגעלעבט די פּאַרצווייפלונג פון פראַנצויזישן אַרבעטער־קלאַס נאָכן דורכפאַל פון דער קאָמונע (1871), אַ פּאַרצווייפלונג, וואָס האָט שפּעטער יאָרן־לאַנג כמעט אין גאַנצן צונישט געמאַכט יעדער פּרואוו צו באַשאַפן אַ ברייטע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג אין פראַנקרייך. ווען דער אַרבעטער־קלאַס זאָל אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב איבערלעבן אַן ענלעכע אַנטוישונג, קאָן ער אין גאַנצן פאַרלירן דעם מוט און דעם גלויבן אין נצחון פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די פּאַרטיי טאָר קיין אילוזיעס ניט באַשאַפן.

פון וואַנען האָט זיך, אָבער, גענומען די אילוזיע פון די 80ער יאָרן, אַז דער קאַפּיטאַליזם גוסס׳ט? דאָס איז דורכאויס ניט געווען געבויט נאָר אויף פּערזענלעכע איינדרוקן (אַרבעטלאָזיקייט, באַנקראָטן, אויף די לאַגערן בערג מיט סחורות, וואָס קיינער קען ניט קויפן); די אילוזיע איז אין דער פּאַרטיי באַגרינדעט געוואָרן — אין אַ וואולגאַריזירטער פאָרם — ווויסנשאַפטלעך, מיט מאַרקס׳ געדאַנקען־גאַנג וועגן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, וואָס מאַכט ריזיקע פּאָרשריטן און מוז דערפירן אין אַ גיכן טעמפּאָ די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט־אָרדענונג צו אַ צוזאַמענברוך. אין די שווערע יאָרן פון דער ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע האָט די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל יעדערער געקאָנט זען, אַזוי צו זאָגן, מיטן פּראָסטן אויג, און עס איז דאַן ניט שווער געווען צו גלויבן, אַז עס דערנענטערט זיך דער צוזאַמענברוך. אַרום 1895, אָבער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפבלי פון דער ווירטשאַפט, אַ נייע סעריע פעטע יאָרן פון קאַפּיטאַליזם, פון אַ רויבערישער ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סך פעסטער און צופּאַסונג־פעאיקער, ווי דאָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט אירע קריטיקער און קעגנער. די וואולגאַרע פאָרשטעלונג איז געווען,

אַז אַט־אַט ווערן די קליינע קאַפּיטאַליסטישע הייפישן פאַרשלונגען פון די מיטעלע, די מיטעלע — פון די גרויסע, אַלע רייכטימער פון דער וועלט קאָנצענטרירן זיך אין די הענט פון אַ קליינעם הייפל גרויס־קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן די חוצפּה צו דיקטירן דער וועלט זייער דעספּאָטישן ווילן. מיט אַ קליינעם הייפל קאַפּיטאַליסטן, ווי מעכ־טיק עס זאָל ניט זיין, קאָן אָבער די גרויסע מערהייט פון פאָלק מאַכן אַ קורצן פּראָצעס: מען וואַרפט אַראָפּ די פּאַראַזיטן און עס עפענען זיך די טויערן פון אַ נייער וועלט. דאָס איז געווען אַ נאַאיווע און אַ געפערלעכע אילוזיע.

אין די פעטע יאָרן פון קאַפּיטאַליזם איז די וועלט ווידער פול געוואָרן מיט קליינע און מיטעלע און גרויסע און גאַנץ גרויסע רויב־בערישע הייפישן אָן אַ צאָל, און די קליינע זיינען דורכאויס ניט פאַרשלונגען געוואָרן פון די מיטעלע, און די מיטעלע ניט פון די גרויסע. די קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע איז געוואָרן — באַזונדערס אין די ערשטע פעטע יאָרן — אין גאַנצן אומדורכזיכטיק. די צוזאַמענ־ברוך־טעאָריע — אין איר פּאָפּולערער אינטערפּרעטאַציע — האָט געמוזט אַנהויבן אַרויסצורופן גרויסע ספקות.

בערנשטיינ׳ס באַטראַכטונגען וועגן אָט דער טעמע און וועגן אַ ריי אַנדערע פּראָגעס פון פּראָגראַם און טאַקטיק, זיין גוואַלדיקע ערודיציע, זיין שטרענג־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג — דאָס אַלץ וואָלט געקאָנט דאָס לעבן פון דער פּאַרטיי אין העכסטן גראַד גייסטיק באַפרוכפּערן און איר ברענגען דעם גרעסטן נוצן, ווען זיין קריטיק וואָלט ניט אַרויס־גערופן אַזעלכע נעבנווירקונגען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין פּאַר־טיי־לעבן אַ גרויסע צערודערונג, אַ דערשיינונג, וואָס איז געוויס ניט געלעגן אין בערנשטיינ׳ס כוונות.

בערנשטיינ׳ס קריטיק האָט זיך באַוויזן גראָד אין אַזאַ צייט, ווען די טעאָרעטישע יסודות פון דער דייטשער פּאַרטיי האָבן זיך געהאַט גאַנץ שטאַרק סטאַביליזירט (אַרום קאַוטסקי׳ס קאָמענטאַר צו דער ערפורטער פּראָגראַם פון 1891). די פּאַרטיי האָט ענדלעך זיך גע־האַט באַפרייט פונעם טעאָרעטישן כאָאָס פון אירע יונגע יאָרן; עס זיינען פאַרשטומט געוואָרן די ענדלאָזע דיסקוסיעס מיט די אַנאַר־כיסטן און מיט די אייגענע „ראַדיקאַלן”; דער דורכשניטלעכער פּאַרטיי־טוער איז געווען גייסטיק באַפרידיקט, ער האָט געפילט אונטער זיך אַ פעסטן טעאָרעטישן פונדאַמענט. געוויס האָט ער גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז קיין „אייביקע” אמת׳ן זיינען ניטאָ, אַז די ערשטע און וויכ־טיקסטע פאָראויסזעצונג פאַרן דערפאָלג פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַר־

טיי איז אַן אָפן אויג פאַר די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, פאַר די האַרטע פאַקטן פון לעבן, וואָס באַנייט זיך טאָג־טעגלעך אָן אַן אויפהער אין די פאַרשיידנסטע פאָר־מען, אין אַ שטענדיקן קאָנטראָל איבער דעם, וואָס האָט זיך אויסגע־קריסטאַליזירט אין אונזער באַוואוסטזיין אַלס אַן אמת. און בערנ־שטיינ׳ס רעוויזיאָניזם איז אין דער הינזיכט לויט דעם מעטאָד פון זיין פאַרשונג געלעגן דורכאויס אין די ראַמען פון מאַרקסיסטישן געדאַנקען־גאַנג, אָבער פאַר אַ קאַמפּס־פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס נאָך אירע פאָנען מאַרשירן מיליאָנען אין אַ טיפן גלויבן, אַז די פאָ־דערונגען, וואָס זיינען מיט זייער בלוט געשריבן אויף די פאָנען, נעמען זיך ניט נאָר פון מענטשלעכקייט, פון רעכט און גערעכטיקייט, נאָר זיינען אויך וויסנשאַפטלעך אומבאַשטרייטבאַר — פאַר אַזאַ פּאַרטיי האָבן געקאָנט באַקומען אַ קאַטאַסטראָפאַלע באַדייטונג די ספקות אין דער וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג פון איר פּראָגראַם, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס בערנשטיינ׳ס רעוויזיע פון אייניקע מאַרק־סיסטישע געדאַנקען־גענג האָט אַרויסגערופן אין דער דייטשער פּאַרטיי אַזאַ שטורעם און אַזאַ פּאַניק.

ווען בערנשטיין איז נאָך געזעסן אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין לאָנדאָן, אין 1898, האָט דער פּאַרטיי־קאָנגרעס, די העכסטע פּאַר־טיי־אינסטאַנץ, זיך לײדנשאַפטלעך פאַרנומען מיט די טעאָרעטישע פּראָגעס, וואָס בערנשטיין האָט דורך זיינע אַרבעטן אַקטואַליזירט אין פּאַרטיי־לעבן. אַ פּאַרטיי־קאָנגרעס, ד. ה. אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע הונ־דערט דעלעגאַטן, איז זיכער ניט די ריכטיקע אינסטאַנץ צו באַשליסן וויסנשאַפטלעכע פּראָגעס. געוויס זיינען די דעלעגאַטן די בעסטע און וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי, אָבער קיין וויסנשאַפטלעך צו־געגרייטע טעאָרעטיקער זיינען זיי ניט און קענען עס ניט זיין. די פּאַרטיי־פירער זיינען, אָבער, געצוואונגען געווען צו באַרואיקן די געמיטער, צו לאָזן הערן די אויטאָריטעטע שטים פון דער העכסטער פּאַרטיי־אינסטאַנץ: אַז די יסודות פון דער פּאַרטיי בלייבן פעסט און אומדערשיטערט און אַז בערנשטיינ׳ס ספקות האָבן דער פּאַרטיי ניט איבערצייגט אין דער נויטוענדיקייט אין וואָס ניט איז צו ענ־דערן איר פּראָגראַם און טאַקטיק. און דאָס זעלבע אין אַ יאָר אַרום אויף אַ נייעם פּאַרטיי־קאָנגרעס, און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל.

* * *

ווי באַוואוסט, האָט די דייטשע רעגירונג — און מיט איר דאָס לי־בעראַלע בירגערטום — געהאָפט, אַז בערנשטיין וועט שפּאַלטן די דייטשע

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין ד ע ר האָפענונג האָט די רעגירונג אין אָנהויב 1901 אים דערלויבט צוריקצוקומען קיין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ גליק פאַר דער פּאַרטיי און פאַר בערנשטיינ׳ען גופא, און דאָס ליבעראַלע בירגערטום האָט זיכער קיין גרונט ניט געהאַט מיט אים צופרידן צו זיין.

בעסער, ווי דאָס איז פאַר אים מעגלעך געווען אין לאָנדאָן, האָט בערנשטיין נאָך זיין צוריקקומען קיין דייטשלאַנד געקאַנט זען, אַז פאַרשיידענע אָפּאָרטוניסטן, רעפאָרמיסטן און סאַלאָן־סאָציאַליסטן, און אויך פאַרשיידענע קליינבירגערלעכע ליטעראַטן, פאַר וועלכע דער סאָציאַליזם איז, אַזוי צו זאָגן, אַ ליטעראַרישע טעמע און ניט מער, רעכענען זיך אין זייער גרויסער אומוויסנהייט פאַר זיינע אָנהענגער. דאָס האָט אים ממש דערשיטערט. אַזעלכע אָנהענגער האָבן אים געקאָנט נאָר קאָמפּראָמיטירן. פון די מער באַדייטנדיקע פירער פון דער פּאַרטיי האָבן נאָך עטלעכע (עדוואַרד דאַוויד, אַאוער) זיך אָפן געשטעלט אויף זיין זייט. ווייטער איז כמעט אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט איינפלוס און אָנזעען אין דער פּאַרטיי, געווען קעגן אים, און ער האָט זיך די ערשטע יאָרן געפילט זייער איינזאַם.

בערנשטיינ׳ען איז קיין זאַך אויף דער וועלט ניט געווען אַזוי טייער, ווי דער אמת. ער האָט, אָבער, צום גליק פאַר דער פּאַרטיי און פאַר זיך, ניט געהערט צו יענעם טיפּ אמת־זוכער און „בעסער־וויסער", וואָס זיינען גרייט צו צעשטערן אַ וועלט, אַבי נאָר זייער אמת זאָל טריאומפירן. אין בערנשטיינ׳ס כאַראַקטער איז קיין שפּור פון פאַנאַטיזם ניט געווען, און דעם ווייטערדיקן אידעאישן קאַמף, וואָס ער האָט געפירט נאָך זיין צוריקקומען קיין דייטשלאַנד, האָט ער געגעבן אַזאַ פאָרם, וואָס האָט קיין פאַרביטערונג ניט אַרויסגערופן און די קעגנזאַצן ניט פאַרשאַרפט. ער האָט, אָבער, קודם־כל זיך באַמיט, מען זאָל אים ריכטיק פאַרשטיין, וואָרעם די גרעסטע פיינטשאַפט צו אים האָבן געהאַט אַרויסגערופן אייניקע באַמערקונגען זיינע, וואָס זיינען דורך אים ביים שרייבן געווען אומקלאָר פאָרמולירט און אַ דאַנק דעם פאַרשטאַנען געוואָרן דורכאויס ניט אין דעם זין, ווי ער האָט דאָס געוואָלט.

אומצאָליקע מאָל זיינען דאַמאָלסט אין פּאָלעמישע אַרטיקלען און אויף פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן ציטירט געוואָרן זיינע ווערטער: די באַוועגונג איז פאַר מיר — אַלץ, דער ענדציל — גאָרניט! איז דען נויטיק נאָך אַזעלכע ווערטער אַ בעסערער באַווייז, אַז בערנשטיין איז איבערהויפּט שוין קיין סאָציאַליסט ניט מער?! דער ענד־

ציל — דאָס איז דאָך דער סאָציאַליזם, און דאָס איז פאַר אים — גאָרנישט! די סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס מיר דערשלאָגן זיך דורך אונזער באַוועגונג, זיינען פאַר אים „אַלץ" — אַלזאָ, איז ער אַ פשוט'ער רעפאָרמיסט! אָט די לייכטזיניקע פאָרמולירונג פון בערנשטיינ'ס ציטירטן זאַץ האָט געקאָנט אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקן אַזאַ אויסטייטשונג. נאָך זיינער אַ זאַץ האָט געהאַט דעם זעלבן מזל: „וואָס רייכער די געזעלשאַפט, אַלץ לייכטער און זיכערער די סאָציאַליסטישע פאַרווירקלעכונגען". הייסט דאָס ניט, האָבן גע'טענה'ט בערנשטיינ'ס קעגנער, אַז בערנשטיין זאָגט מיטן ציטירטן זאַץ צו דער מיליאָנען־מאַסע אַרבעטלאָזע פּראָלעטאַריער: האָט געדולד, נאָר געדולד, ליבע פריינט, צוערשט מוז די געזעלשאַפט רייך ווערן און דאַן — אָבער נאָר דאַן — וועלן מיר זיך נעמען פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם! מיר איז אַליין אויסגעקומען צו הערן, ווי איינער פון די באַדייטנדיקסטע געווערקשאַפט־פירער האָט אין אַ שטורמישער פאַרזאַמלונג געוואָרפן אין זאַל די ווערטער: „אַפילו דער אייזערנער קאַנצלער ביסמאַרק וואָלט ניט געוואַגט אונז צו זאָגן אַזאַ חוצפּה'דיקע זאַך! אויב בערנשטיין מיינט, אַז מיר, אַרבעטער, וועלן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם נאָר דאַן, ווען די געזעלשאַפט וועט רייך ווערן — און וואָס הייסט בכלל רייך? — און נאָר אויף אַ לייכטן אופן, האָט ער אַ טעות! ער איז פון די, ווי עס ווייזט אויס, וואָס ווילן גיין נאָר „בומערא זיכער". מיר וועלן מיט אים ניט גיין!"

אָבער די גרעסטע עמפּערונג האָבן געהאַט אַרויסגערופן זיינע ווערטער: „מיר זיינען אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע רעפאָרם־פּאַרטיי". ער האָט שפּעטער אַליין אַ סך מאָל — אויך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — צוגעגעבן, אַז די ווערטער זיינען ניט געווען דורכגעטראַכט, און האָט זיי באַדויערט.

דאָס ליבעראַלע בירגערטום האָט זיך שטאַרק געגאַרט אין דער האָפענונג, אַז די קעגנזאַצן, וואָס האָבן זיך געהאַט באַשאַפן צווישן בערנשטיינ'ען און דער הערשנדיקער ריכטונג אין דער פּאַרטיי, וועלן זיך אַלץ מער און מער פאַרשאַרפן און דערפירן די פּאַרטיי צו אַ שפּאַלטונג. געשען איז גאָר וואָס אַנדערש. בערנשטיין איז מיט לייב און לעבן אַריין אין דער פּאַרטיי־אַרבעט און האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי די קעגנזאַצן אָפּצושוואַכן. אין האַרבסט 1903, צוויי־און־אַ־האַלב יאָר נאָך בערנשטיינ'ס צוריקקומען, נאָך דער גרויסער דעבאַטע אויפן דרעזדענער פּאַרטיי־קאָנגרעס, האָט דער רעוויזיאָניזם אַלס אַזעלכער אויפגעהערט צו באַאומרואיקן די פּאַרטיי.

אַ סך לענגער האָט געדויערט דער קאַמף קעגן דעם רעוויזיאָניזם אין דער רוסישער און פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. אויך דאָרטן האָט דאָס ליבעראַלע בירגערטום געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף בערנשטיינ׳ען. עס איז באַקאַנט, אַז אַרום 1900 האָט זובאַטאָוו, צו יענער צייט דער שעף פון פּאָליטישן שפּיאָנאַזש אין רוסלאַנד, געגעבן אייניקע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין מאָסקווער טורמע צו לייענען די רוסישע איבערזעצונג פון בערנשטיינ׳ס בוך „די פּאָראויסזעצונגען”.... דערקלערנדיק זיי, אַז ער, זובאַטאָוו, איז אויך אַ בערנשטיינ׳יאַנער . . . אין רוסישע רעגירונגס־קרייזן האָט מען, אַלזאָ, אויך געלייגט האָפענונגען אויף בערנשטיינ׳ען.

דער וואָרט־פירער פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם אין קאַמף קעגן רעוויזיאָניזם איז געווען, ווי באַקאַנט, קאַרל קאַוטסקי. איך גלויב אָבער, אַז איך וועל קיין טעות ניט האָבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז דער איניציאַטאָר פון אַ פאַרשאַרפטן קאַמף אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב קעגן רעוויזיאָניזם איז געווען, ווי באַקאַנט, קאַרל קאַוטסקי. איך גלויב, אָבער, דערווייל נאָך ניט באַקאַנט. מיר איז, אָבער, אויסגעקומען מיט אייניקע יאָר צוריק זיך צו באַגעגענען מיט דער קאָרעספּאָנדענץ פּלעכאַנאָוו־קאַוטסקי, און איך גלויב, אַז ווען די קאָרעספּאָנדענץ וועט אַמאָל פּובליקירט ווערן, וועט פּלעכאַנאָוו׳ס איניציאַטיוו שטיין אויסער צווייפל. פון יענער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך איבערגעלייענט אַ גרעסערע צאָל בריוו פון פּלעכאַנאָוו׳ן צו קאַוטסקי׳ן און קאַוטסקי׳ס ענטפערס. ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן בערנשטיינ׳ס אַפּיקורסות אין דער „נייער צייט”, פאָדערט פּלעכאַנאָוו פון קאַוטסקי׳ן, ער זאָל עפענען אַ קאַמף קעגן בערנשטיינ׳ען. פּלעכאַנאָוו׳ס שאַרפקייט קעגן בערנשטיינ׳ען איז אויסערגעוויינטלעך, אַפילו ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם „נאָרמאַלן” אַזיאַטישן פאַנאַטיזם, וואָס איז געלעגן אין פּלעכאַנאָוו׳ס אופן צו פּאָלעמיזירן. די כאַראַקטעריסטיק, וואָס ער גיט בערנשטיינ׳ען אין אַן אויספירלעכן בריוו, ענדיקט זיך מיט די ווערטער c'est l'ennemi! (אָט דאָס איז דער שונא! — די בריוו זיינען געשריבן אין פראַנצויזיש). קאַוטסקי ענטפערט פּלעכאַנאָוו׳ן גאַנץ געלאַסן. ער שרייבט, אַז בערנשטיין האָט, נאַטירלעך, אַ גרויסן טעות מיט זיין רעוויזיאָניזם, ער איז, אָבער, דורכאויס ניט „דער שונא” פון אַרבעטער־קלאַס . . . פּלעכאַנאָוו, ווידער, ענטפערט: אויב איר ווילט ניט אויפטרעטן קעגן בערנשטיינ׳ען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, וואָס דאָ פאָדערט זיך, בין איך עס גרייט צו טאָן. די קאָרעספּאָנדענץ איז אין אַלע הינזיכטן אומגעהויער

אינטערעסאַנט, אָבער אויספּירלעך זיך אויף איר דאָ אָפּשטעלן קאָן איך, ליידער, ניט.

איך גלויב, אַז עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס בערנשטיינ׳ס מיינונג (פון 1898), אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — און דאָס הייסט, אַלזאָ, אויך יעדער אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע ס.־ד. פּאַרטיי — איז אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע רעפאָרם־פּאַרטיי (און ניט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי), האָט גראַד ביי די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען אין אַלטן רוסלאַנד (רוסישע ס.־ד. פּאַרטיי, „בונד", פּוילישע ס.־ד. א. אַנד.) געמוזט אַרויסרופן די גרעסטע עמפּערונג. די אויפגאַבעס, וואָס די רוסלענדער פּאַרטייען האָבן זיך געשטעלט, האָבן געקאָנט דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַ דערשיטערנדיקער רעוואָלוציע, דורך אַ גוואַלדיקן פאָלקס־אויפשטאַנד, צו וועלכן די פּאַרטייען האָבן זיך געגרייט, און מיט אַ מאָל נאַ דיר אַ רעפאָרם־פּאַרטיי! די פּאָלעמיק קעגן בערנשטיינ׳ען אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך געצויגן נאָך יאָרן לאַנג, ווען ער אַליין האָט שוין געהאַט אויפגעקלערט, אַז ער האָט מיט יענעם אומגליקלעכן זאַץ דורכאויס ניט געוואָלט זאָגן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אָביעקטיוו קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי ניט מער; ער האָט דאַמאָלסט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז אין דער סטאַדיע, אין וועלכער די דייטשע פּאַרטיי האָט זיך געפונען, האָט זי זיך סוביעקטיוו ניט געגרייט צו קיין רעוואָלוציע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל, למשל, מיט די רוסלענדער פּאַרטייען.

ווען מיר זאָלן באַטראַכטן די יאָרן, ווען בערנשטיין האָט געלעבט אין לאָנדאָן אַלס פרייער שריפטשטעלער, אַלזאָ: די צייט פון דעמ מאָמענט, ווען עס האָט זיך פאַרמאַכט דער „סאָצ.־דעמ." (1890) ביז זיין צוריקקומען קיין דייטשלאַנד (אָנהויב 1901), ווי דעם צווייטן טייל פון בערנשטיינ׳ס פּאָליטישער ביאָגראַפיע, און בנוגע דעם טייל ווידער שטעלן די פראַגע, וואָס מיר האָבן געשטעלט אין אָנהויב פון אַרטיקל: אין וואָס איז קאָנקרעט באַשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון בערנשטיינ׳ען? — קאָנען מיר דערויף ענטפערן: אין זיין אומגעהויער־רייכער טעאָרעטישער אַרבעט, צו וועלכער עס געהערט אויך דער אַזוי גערופענער רעוויזיאָניזם. גאַנץ אומאָפּהענגיק פון דעם, ווי מיר באַציען זיך צום רעוויזיאָניזם, מוזן מיר צוגעבן, אַז בערנשטיין האָט אין יענע יאָרן געשטעלט פון דאָס ניי די וויכטיקסטע פראַגעס פון מאַרקסיזם און האָט אויפגעוועקט צו זיי דעם גרעסטן אינטערעס ביי פריינט און פיינט. אין אויפוועקן אין דער גאַנצער וויסנשאַפטלע־

כער וועלט אַ טעאָרעטישן אינטערעס צום מאַרקסיזם איז בערנשטיין גע־וועז דער גרעסטער אין די לעצטע צוויי דורות סאָציאַליסטן.

ווער האָט געזיגט אין דעם אידעאישן קאַמף פאַר און קעגן רעוויזיאָ־ניזם — בערנשטיין אָדער זיין וויכטיקסטער קעגנער קאַוטסקי? קיינער האָט ניט געזיגט. אין אַן אַנדער סיטואַציע, ביי אַנדערע אומשטענדן וועלן די טעאָרעטישע פראַגעס, אַרום וועלכע דער קאַמף האָט זיך געפירט, אפשר נאָך אַמאָל אַרויפשווימען פון דאָס ניי. אַ טעות האָבן געהאַט די, וואָס האָבן געמיינט, אַז בערנשטיין האָט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם סאָציאַליסטישן קאַמף. בערנשטיין האָט אויסגעפונען אין מאַרקסיזם אייניקע, ווי עס האָט אים אויסגעוויזן, שוואַכע פּאָזי־ציעס. האָט ער ניט געוואָלט, אַז די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם זאָל זיך באַזירן אויף די דאָזיקע פּאָזיציעס. די פּראָגראַם האָט זיך געזאָלט באַזירן נאָר אויף פעסטע יסודות. בערנשטיין האָט, אויסער דעם, שטאַרקער ווי אַנדערע באַטאָנט דעם עטישן כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג. איצט האָט דער רעוויזיאָניזם ניט מער ווי אַ היסטאָרישן אינטערעס. פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער וועלט־קריג האָט צוערשט פּאַראַליזירט און שפּעטער געשפּאַלטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָ־לעטאַריאַט, איז די וויכטיקסטע פראַגע — די פאַראייניקונג פון פּראָ־לעטאַריאַט, די פאַרשמעלצונג פוןביידע אינטערנאַציאָנאַלן. אַלע אי־בעריקע פראַגעס האָבן אין פאַרגלייך מיט אָט דער קאַרדינאַלער פראַגע די מינדסטע באַדייטונג ניט.

שריפטשטעלערישע און פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט

נאָך זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן האָט בערנשטיין געלעבט נאָך כמעט 32 יאָר. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער אַלט געווען 51 יאָר, מען האָט אים, אָבער, געקאָנט שאַצן פערציק יאָר: ער איז פול געווען מיט לעבן, מיט מוט און ענערגיע, מיט אַ גוואַלדיקער ליבע צו דער אַרבעט. די פּאַרטיי האָט אים גאַנץ קאַלט אויפגענומען. אין ערנסטע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען אים כמעט באָיקאָטירט. דאָס איז געווען אַ שווערע צייט. אַ שוואַכע נאַטור וואָלט פון אַזאַ אויפנאַמע פאַרביטערט געוואָרן. בערנשטיין האָט מיט זיין טיפן פאַרשטאַנד און מיט זיין זעלטענער גוטסקייט זיך אין גאַנצן ניט גערעכנט דערמיט און האָט זיך גאַנץ באַשיידן געשטעלט אין די רייען פון דער פּאַרטיי צו דער אַרבעט. אין 1902 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין רייכסטאַג (פון ברעסלאַו), וואו ער איז פאַרבליבן אַלס דעפּוטאַט, מיט אַ גע־וויסער הפסקה, ביז 1928, ווען ער איז שוין געווען ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק זייער אָפּגעשוואַכט. אָט די 26 יאָר, וואָס זיינען

געווען פאַרנומען מיט שריפטשטעלערישער און פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט, קאָנען מיר באַטראַכטן ווי דעם דריטן און לעצטן טייל פון בערנשטיינ׳ס פּאָליטישער ביאָגראַפיע. אין וואָס איז געלעגן די גרויסע באַדייטונג פון דעם פּעריאָד פון זיין לעבן? אַלס מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער איז ער אין דעם פּעריאָד ניט ווייטער געגאַנגען. אַלס שריפטשטעלער האָט ער געדינט דער פּאַרטיי מיט אַ ריי מערקווירדיקע אַרבעטן, וואָס האָבן געהאַט און האָבן נאָך ביז היינט אַ גרויסע באַדייטונג, אָבער קיינע פון זיי וואָלט אים ניט געהאַט באַשאַפן דעם גרויסן נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט נאָך פאַר זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן. און דאָך איז ער אויך אין דריטן פּעריאָד פון זיין לעבן געווען איינע פון די גרעסטע גייסטיקע קרעפטן, וואָס די פּאַרטיי האָט פאַרמאָגט, אין אַ צייט, וואָס איז אומגעהויער רייך געווען אין פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון גרעסטן פאָרמאַט. זיין באַדייטונג איז געלעגן אין דעם, וואָס ער האָט טאָגטעגלעך אָפּגעגעבן אַנאָנים און שטילערהייט זיינע גרויסע פעאיקייטן און זיין אַרבעטס־פרייד דער פּאַרטיי און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט־פראַקציע, אין וועלכער ער איז געווען דער פלייסיקסטער טוער, דער קליגסטער בעל יועץ, דער בעסטער לערער און געטרייסטער פריינט. פון יעדער פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער פראַקציע, הויפּטזעכלעך פון די בודזשעט־פראַגעס, האָט ער באַהערשט דעם מאַטעריאַל מיט דער גרינדלעכקייט פון אַ קלאַסישן דייטשן געלערנטן און האָט עס שטענדיק דורכגעאַרבעט מיט זיין שאַרפער לאָגיק און אומגעהויערער ערודיציע. אָבער ביז ער האָט זיך אַזוי איינגעאַרבעט, האָט ער איבערגעלעבט אייניקע שווערע יאָרן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין צוריקקומען האָט בערנשטיין כמעט ניט געהאַט וואו צו שרייבן. די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע״ האָבן אים מיט באַגייסטערונג פּראָקלאַמירט אַלס זייער פירער און וועג־ווייזער, אָבער אים האָט גראָד געצויגן צו די, וואָס האָבן אים באַקעמפט, און ניט צו די, וואָס האָבן אים געזאָגט שבחים. קיין שבחים האָט ער ניט ליב געהאַט, קיין אייגענע שיטה האָט ער ניט געוואָלט באַשאַפן, און פון רעכטן פליגל, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט גרופּירט אַרום די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע״, האָט אים אָפּגעטיילט זיין טעמפּעראַמענט, די זאָרג פאַר דער גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי און זיין מערקווירדיקע באַשיידנקייט, וואָס האָט פאַר אים אוממעגלעך געמאַכט, מען זאָל מאַכן פון אים אַ „ראש לשועלים״...

אָבער ניט שרייבן, ניט נעמען קיין שטעלונג צו די ברענענדיקע פּאַ־

ליטישע טאָג־פּראַגעס, — דאָס איז פאַר אים אין יענע יאָרן געווען אַן אמת׳ער פּיק. ביי איניקע פריינט זיינע איז דאַמאָלסט אויפגעקומען דער געדאַנק צו באַשאַפן פאַר אים אַן אייגענע וויסנשאַפטלעכע טריבו־נע, וואו ער זאָל קאָנען דינען דער פּאַרטיי אויף אַזאַ געביט, וואָס איז דאַן נאָך גאַנץ וויניק געווען צעאַקערט. דאָס איז געווען דער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליסטישן זשורנאַל, פאַרווירקלעכט אונטערן נאָמען „דאָקומענטע דעס זאָציאַליזמוס" (1901 ביז 1905). די אַרבעט פאַר די „דאָקומענטע" האָט בערנשטיינ׳ען ניט באַפרידיקט. דער זשורנאַל האָט געהאַט אַ קליינעם לייענער־קרייז און געגעבן אַ דעפיציט. פּערזענלעכע פריינט פון בערנשטיינ׳ען, וואָס וועגן זייערע פּאָליטישע כוונות איז זייער שווער זיך צו מאַכן אַ קלאָרן באַגריף, האָבן אויסגעפונען אין בירגערלעכן לאַגער אַ מע־צענאַט, וואָס וואָלט זיך „גליקלעך געשעצט", ווי ער האָט געזאָגט, צו דעקן דעם דעפיציט. דאָס איז געווען דער געוועזענער בערנער פּראָ־פעסאָר לודוויג שטיין. בערנשטיין איז בשום אופן ניט געשטאַנען אויפן אַלט־רוימישן שטאַנדפונקט, אַז געלט האָט קיין גערוך ניט. גראַד פאַרקערט, בערנשטיין האָט געהאַט פאַר פריינטשאַפטן פון ביר־גערלעכן לאַגער, און גאַנץ באַזונדערס פאַר געלט, זייער אַ שטרענגן און פיינעם גערוך, אָבער לודוויג שטיין האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען און אין אינטימע שמועסן פלעגט ער זיך אַרויסגעבן אַלס כמעט אַ סאָ־ציאַליסט, האָט בערנשטיין איינגעוויליקט, שטיין זאָל דעקן דעם דע־פיציט. צוויי סומעס געלט האָט שטיין איינגעצאָלט אין פאַרלאַג פון די „דאָקומענטע" צו דעם צוועק: דאָס ערשטע מאָל 6000 מאַרק, דאָס צווייטע מאָל — אַרום 3000 מאַרק (איך ווייס עס פון בערנ־שטיינ׳ען אַליין). מער האָט בערנשטיין פון שטיינ׳ען קיין געלט ניט געוואָלט נעמען און האָט אָפּגעשטעלט די „דאָקומענטע". די ראָלע פון אַ מעצענאַט פאַר די „דאָקומענטע" האָט דאַן געוואָלט איבערנעמען פּאול נאַטאַן, אָבער פון אים האָט בערנשטיין אויך קיין געלט ניט געוואָלט נעמען. געשען איז דאַן אָט וואָס:

קורט אייזנער האָט אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ מיטן צוועק צו קאָמפּראָ־מיטירן לודוויק שטיינ׳ען און פּאול נאַטאַנ׳ען; אין דער נאָטיץ האָט אייזנער זיי דערקלערט אַלס פּאָליטישע משרתים פון צאַרישן פי־נאַנץ־מיניסטער וויטע. די פאַקטישע זייט פון דעם איז ווערט דאָ איבערצוגעבן. פּאול נאַטאַן, אַ דעמאָקראַט (נאָך דער נאָוועמ־בער־רעוואָלוציע" 1918 — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, געשטאָרבן 1926), אַ פּראָמינענטע אידיש־דייטשע פּערזענלעכקייט, האָט זיך אין

1905 געהאַט עטוואָס פאַרבונדן מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען (באַזונדערע סימפּאַטיעס האָט ער געהאַט צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) און איז גלייכצייטיק געווען ביי דער בערלינער בערזע אַ פאַרטרויאונגס־מאַן פון גראַף וויטע אין פינאַנציעלע פראַגעס. נאַטאַן האָט גאַנץ היפש פאַרדינט ביי אָט די געשעפטן און דער־ביי האָט ער דורך זיין נאָענטקייט צו וויטע׳ן געהאָפט, לויט דער פאַר־שימלטער אידיש־ליבעראַלער לאָגיק, אויסצובעטן ביים פּריץ פאַר אידן ישועות ונחמות. צווישן אָט דעם מין משרתים איז ער ניט געווען פון די ערגסטע און זיינע כוונות זיינען געשטאַנען אַ סך נענטער צו די — ליידער, גאַנץ נעפּלהאַפטע — ישועות ונחמות, ווי צו די אַלע פּראָפיטן אויף דער בערזע. אָבער זיין ראָלע איז פאַרט געווען עטוואָס צווייטייטיק, און אייזנער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק די צווייטייטיקייט אויפצודעקן. קיין איבעריק גרויסע קאָמפּראָמיטאַציע איז דערפון פאַר נאַטאַנ׳ען ניט אַרויסגעקומען. אייזנער האָט, אָבער, מיט זיין נאָטיץ געוואָלט ווירקן אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. נאַטאַן איז געווען פער־זענלעך באַפריינדעט מיטן אַלטן בעבעל, מיט זינגער׳ן און מיט איי־ניקע אַנדערע פירער פון דער פּאַרטיי. אין האַרבסט 1905 האָט נאַטאַן זיך שטאַרק באַמיט צו ווירקן אויף בעבעל׳ן און זינגער׳ן אין דער פראַגע וועגן דער באַציאונג צו די רוסישע דומע־וואַלן. נאַטאַן האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די באָיקאָט־טאַקטיק פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איז אַן אַנאַרכיסטישער אומזין, און האָט געפאָדערט פון זיי, וואָס האָבן אינערלעך מיט אים מסכים גע־ווען, זיי זאָלן זיך עפנטלעך אַרויסזאָגן קעגן דער באָיקאָט־טאַקטיק. אייזנער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער באָיקאָט־פראַגע שטייט נאַטאַן אין אַ קאָנטאַקט מיט וויטע׳ן און מיט אייניקע פּראָמינענטע רוסישע „אָסוואָבאַזשדענצעס" (שפּעטער „קאַדעטן"), וואָס האָבן מיט נאַטאַנ׳ען אין האַרבסט 1905 געהאַט אין דער פראַגע אַ ספּעציעלע באַראַטונג אין בערלין. אייזנער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז נאַטאַן איז ניט סתם אַזוי אַ פּאָליטישער אַגענט פון וויטע׳ן און אַז ער איז טאַקע אינערלעך איבערצייגט אין דער שעדלעכקייט פון דער באָיקאָט־טאַקטיק. אַזוי ווי, אָבער, נאַטאַן איז פאַרט געווען צו דער זעלבער צייט מאַטעריעל פאַרבונדן מיט וויטע׳ן, האָט זיין איינפלוס אויף בעבעל׳ן און זינגער׳ן געמוזט פּאַראַליזירט ווערן. דאָס האָט אייזנער געוואָלט און ער האָט עס דערגרייכט.

וואָס פאַר אַ געשעפטן לודוויג שטיין האָט געהאַט מיט וויטע׳ן, איז ניט קלאָר געווען. דאָס האָבן געמוזט זיין פון יענעם מין „הויף"־

דיפּלאָמאַטישע ענינים, וואָס אַ פּראָסטער בשר ודם קאָן זיי גאָרניט תופס זיין.... ווען איך פלעג זען אַמאָל אין בערלין דעם פּראָפ. שטיינ׳ען (ער איז געשטאָרבן אין 1930), פלעגט ביי מיר יעדער מאָל אַרויפ־שווימען אין זכרון — איך ווייס ניט דורך וואָס פאַר אַן אַסאָציאַציע — אַ ווערטל פון אַן אַלטן רוסישן ראָמאַן: „פּאַדאַגראַ — דאָס איז אַזאַ קרענק, וואָס כדי זי צו באַקומען, מוזסטו טרינקען 40 יאָר נאָכאַנאַנד די טייערסטע אויסלענדישע ווייגען....״

טאָקע פערציק יאָר נאָכאַנאַנד זיינען ביי לודוויג שטיינ׳ען גע־טרונקען געוואָרן די סאַמע טייערסטע ווייגען; אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר זיינען זיינע וויין־טרינקער געווען גאַנץ הויכע לייט פון דער דיפּלאָמאַטישער וועלט. מיט אַ יאָר ביין צוריק איז איין מאָל מיינער אַ פריינט, אַ „ריכטיקער״ דיפּלאָמאַט, איינגעלאַדן געווען צו שטיינ׳ען אויף אַ „גלעזל טיי״, איז ער נשתומם געוואָרן פון דעם גלאַנץ און פּראַכט, וואָס ער האָט געזען ביי אים. עס זיינען געווען הונדערט און פערציק געסט, אַ קלאַוויר־ווירטואָז האָט פאַר זיי גע־שפּילט, אַן אָפּערע־זינגערין האָט געזונגען, א. אז. וו. די קאָסטן פונם אָוונט האָט מיין פריינט געשאַצט אויף 30,000 מאַרק. איז דאָס אַלץ געווען כדי צו באַקומען אויף דער עלטער פּאָדאַגראַ?

קורט אייזנער האָט גוט געקענט דאָס דיפּלאָמאַטישע געמויזעכץ פון בערלין, און ווען עס איז ביי לודוויג שטיינ׳ען סוף 1905 אויפ־געקאָרקט געוואָרן דער ערשטער טוץ שאַמפּאַניער לכבוד וויטע׳ן, איז עס צו אים דערגאַנגען און ער האָט זיך שטאַרק פּאַראינטערעסירט מיטן אידיש־אונגאַרישן מעצענאַט, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן גע־האַט סמיכה אויף רבנות, חבר׳ט זיך מיט דייטשע מיניסטאָרן און סאָציאַליסטן און מיט אַ מאָל גאָר אויך מיטן צאַרישן מיניסטער וויטע. אייזנער׳ן האָט אויפגעבראַכט, וואָס אַ איד, אַ דעמאָקראַט, גייט אונ־טערשטיצן אַ מיניסטער פון דער צאַרישער פּאָגראָם־רעגירונג. נאָכ־פרעגנדיק זיך אויף שטיינ׳ען, האָט אייזנער זיך דערוואוסט אַ העכסט סענסאַציאָנעלע זאַך: אַז שטיינ׳ס קאַפּיטאַלן (ער האָט זיי געהאַט באַקו־מען בירושה נאָכן טויט פון זיין שווער) האָבן זייער אַ שלעכטן גערוך... איך ווייס ניט, צי די זאַך גופא איז אמת, צי ניט. אייזנער האָט עס געהאַלטן פאַר אמת און האָט עס פּובליקירט. אָט ביי די אומשטענדן האָט בערנשטיין ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז שטיין זאָל ווייטער דעקן דעם דעפיציט פון די „דאָקומענטע דעס זאָציאַליזמוס״.

פערזענלעכע פריינט פון בערנשטייג׳ען, וואָס וועגן זייערע פּאָ־ליטישע כוונות, ווי איך האָב שוין געשריבן, איז זיך שווער צו מאַכן

אַ קלאָרע פאַרשטעלונג, האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן מיטלען און וועגן, ווי אים צו פאַרבינדן מיטן פראַגרעסיוון טייל פון דער ביר־גערלעכער פרעסע. אין אַ שיינעם טאָג האָבן די רעדאַקציעס פון „בערלינער טאַגעבלאַט" און „פראַנקפורטער צייטונג" איינגעלאַדן בערנ־שטיינ׳ען מיטצואַרבעטן ביי זיי. בערנשטיין האָט די איינלאַדונג אָנגע־נומען און האָט אָפּגעדרוקט אין „בערלינער טאַגעבלאַט" אַן אַרטיקל, וואו ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערוועקן אינם פראָגרע־סיוון דעמאָקראַטישן לאַגער אַן אינטערעס צו געוויסע, דאַן זייער אַקטועלע, פאָדערונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס דער פּראָגרעסיווער לאַגער וואָלט געדאַרפט אונטערשטיצן אין זיינע אייגענע אינטערעסן — אין קאַמף קעגן דער הערשנדיקער רעאַקציע. דער אַרטיקל האָט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פרעסע אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט, אָבער ניט זיין אינהאַלט, נאָר דער אומשטאַנד, וואָס בערנשטיין שרייבט אין אַ בירגערלעכער צייַ־טונג. קיין ווייטערדיקע פּרוּוון צו פאַראינטערעסירן אַ בירגערלעכע אוידיטאָריע מיט די פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי האָט בערנשטיין דאַמאָלסט מער ניט געמאַכט. שפּע־טער האָט ער נאָך אָפּגעדרוקט אין דער „פראַנקפורטער צייטונג" אַ זעלטן אינטערעסאַנטן אַרטיקל צו דער ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס; דער אַרטיקל האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אָנהויב 1906 האָט די מאָסקווער „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי" איינ־געלאַדן בערנשטיינ׳ען אַלס מיטאַרבעטער אַנשטאָט יאָלאָס׳ן, וואָס האָט ביז 1905 געלעבט אין בערלין אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי" און האָט אין זיינע בריוו זייער פּאָפּולער געמאַכט בערנשטיינ׳ס נאָמען ביים דעמאָקראַטישן לייענער־קרייז פון דער צייטונג. בערנשטיין האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און האָט אַ לענגערע צייט געשריבן פאַר „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי". עס איז אים, אָבער, שווער געווען זיך צוצופּאַסן צום רוסישן לייענער און ער האָט די פאַרבינדונג מיט דער „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי" נאָך אַ גע־וויסער צייט איבערגעריסן. פאַר איניקע ענגלישע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס האָט ער פון צייט צו צייט געשריבן אויך אין די גאַנץ לעצטע יאָרן, אייניקע מאָל אויך פאַרן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און פאַר דער „צוקונפט". ענגליש האָט בערנשטיין געשריבן פונקט אַזוי לייכט ווי דייטש; פראַנצויזיש אויך גאַנץ לייכט.

* * *

ערשט אַרום 1907 האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין פּאַרטיי־לעבן, אַז

בערנשטיין האָט זיך שוין אין גאַנצן איינגעבירגערט. דער רעוויזיאָניזם און דער קאַמף אַרום אים האָבן פאַרן יונגן דור שוין אין גאַנצן ניט עקזיסטירט. דער אַלטער בערנשטיין האָט עקזיסטירט נאָר פאַר די אַלטע, און צווישן אים און זיי האָט זיך נאָך אַלץ געפילט אַ געוויסע מחיצה. פאַרן יונגן דור האָט עקזיסטירט דער נייער בערנשטיין, וואָס האָט שוין געהאַט דעראָבערט די הערצער פון יעדער יונגן חבר מיט זיין גוואַלדיקער אַרבעט, מיט זיין קלוגן וואָרט, מיט זיין לעבעדי־קייט און גוטסקייט. בערנשטיין האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר דער פאַרטיי־פרעסע. ער האָט, אָבער, ניט געהאַט קיין בלאַט, פאַר וועלכער ער וואָלט געקאָנט שטענדיק שרייבן יעדער מאָל, ווען עס האָט זיך געוואָלט, — און דערפון האָט ער זייער שטאַרק גע־ליטן ביז צו זיינע לעצטע טעג. און ווען דער נייער בערנשטיין האָט אַרום 1907 זיך שוין געהאַט אומעטום אין דעם פאַרטיי־לעבן פעסט איינגעוואָרצלט, איז, אָבער, געווען און געבליבן איין ערנסטער אויסנאַם: דער טעאָרעטישער אָרגאַן פון דער פאַרטיי — „די נייע צייט" — איז פאַר אים געבליבן פאַרשלאָסן. דאָרטן זיינען זיינע רעוויזיאָניסטישע חטאים נאָך ניט אַמניסטירט געווען. דער קאַמף קעגן אים איז אויך דאָרטן שוין געווען פאַרשטומט, אָבער אַ מעגלעכקייט פאַר אים מיטצואַרבעטן איז ניט געווען. דערביי האָט זיך גראָד דאַן אָנגעהויבן אָנצוצייכענען אין פאַרטיי־לעבן אַ געוויסע ליניע, וואָס האָט מיט דער צייט געקאָנט — און אפשר געמוזט — פירן צו אַ דערנענטערונג צווישן אים און קאַוטסקי׳ן. אין דער פאַרטיי האָט זיך געהאַט בולט אויסגעקריסטאַליזירט אַ רעכ־טער פליגל, וואָס האָט געזוכט אויסצונוצן פאַר זיך דעם אויטאָריטעט פון בערנשטיינ׳ס נאָמען; צו דער אָפּאָרטוניסטישער טאַקטיק פון רעכטן פליגל האָט, אָבער, בערנשטיין דורכאויס ניט געגעבן זיין הסכמה. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געזאַמלט אַ לינקער פליגל, מיט וועלכן קאַוט־סקי האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט סאָלידאַריזירן (דאָ הויבט זיך אָן דער פאַרביטערטער קאַמף פון ראָזאַ לוקסעמבורג קעגן קאַוטסקי׳ן). אין יענעם מיינונגס־קאַמף וואָלט בערנשטיין געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן; דער בעסטער אָרט דערצו וואָלט געווען די „נייע צייט". פאַר יעדער פרעמדן פאַרטיי־פירער און טעאָרעטיקער און סתם פאַר יעדער פרעמדן סאָציאַליסטישן זשורנאַליסט, וואָס האָט נאָר געהאַט וואָס צו זאָגן, זיינען געווען אָפן די שפאַלטן פון דער „נייער צייט". אַ באַזונדערע פּריווילעגיע האָבן געהאַט רוסלענדער פאַרטיי־פירער און פובליציסטן: מאַרטאָוו, דאַן, וול. קאָסאָווסקי, מעדעם, ריאַזאַנאָוו, סטעקלאָוו, חיים ראַפּאָפּאָרט,

ט. ראָטשטיין, ראַדעק, אַ יונגע בונדישע חבר׳טע שענבערג — אַלע האָבן באַקומען דאָס וואָרט — אין יענער צייט און שפּעטער — אין דער „נייער צייט". בערנשטיין האָט אויך געהאַט וואָס צו זאָגן, פאַר אים איז, אָבער, די „נייע צייט" געווען פאַרשלאָסן. דער רעדאַקטאָר פון דער „נייער צייט", קאַרל קאַוטסקי, בערנשטיינ׳ס שאַרפסטער קעגנער אין דייטש־לאַנד (און דער אינטימסטער און געטרייסטער פריינט פון זיין לעבן אַמאָל און שפּעטער), האָט צו יענער צייט שוין אויך ניט מער געקוקט אויף בערנשטיינ׳ען מיט בייזע אויגן. אָבער אָביעקטיוו האָט זיך באַשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז בערנשטיין האָט פאַרן טעאָרעטישן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי — און דאָס איז אויך געווען די איינציקע ערנסטע פּלאַטפאָרם פון גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל — ניט עקזיסטירט.

בערנשטיין האָט ניט ליב געהאַט צו ריידן דערפון, ניט דאַן און ניט שפּעטער, אַפילו ניט מיט די אינטימסטע פּערזענלעכע פריינט, אָבער זיין פרוי, וואָס איז אים אַלע מאָל אין אַלע הינזיכטן, אויך אין זיין גייסטיקער אַרבעט, געווען דער נאָענטסטער מענטש אין לעבן, האָט אַמאָל אין יענער צייט צו אייניקע פריינט געזאָגט אָט די ווער־טער, וואָס האָבן זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, ווי איך וואָלט זיי היינט געהערט פון איר: „אויב לעאָ*) האָט אין אמת׳ן אין זיין רעוויזיאָניסטישער פּאָלעמיק געשריבן אַזוינס, וואָס האָט געבראַכט שאָדן דער באַוועגונג, איז איצט געקומען די שטראָף. די שטראָף קומט אַלע מאָל פּינקטלעך. אַן אַנדער פראַגע איז, צי עס איז בכלל געווען אַ פאַרברעכן..." דאָס איז געווען רעזיגנאַציע, און דערביי איז עס שוין געבליבן.

כדי צו שטילן זיין אומגעהויערע אַרבעטס־לוסט, האָט זיך בערנ־שטיין גענומען צו שווערע און קאָמפּליצירטע אַרבעטן ווי: די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין בערלין, די שניידער־באַוועגונג א. אַנד. אַ ליידנשאַפטלעכן וואונטש האָט ער דאַן געהאַט — און אויך שפּעטער — זיך צו נעמען צו דער געשיכטע פון דער גאַנצער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. מערינג׳ס געשיכטע האָט ער געהאַלטן אין פילע הינזיכטן פאַר פאַלש דורך און דורך. אגב, איז אים אַלץ, וואָס מערינג האָט געשריבן, געווען אין העכסטן גראַד דערווידער. פון זיין גרויסן פּלאַן איז, אָבער, גאָרניט אַרויסגעקומען. דער וואונטש אויפ־

---

*) זי האָט אים דאָס גאַנצע לעבן גערופן מיטן אַלטן קאָנספּיראַטיוון נאָמען „לעאָ". אויך קאַוטסקי׳ן — מיט די אַלטע קאָנספּיראַטיווע נעמען „באַראָן" אָדער „יוכצער" („יוכצער" — פון יוכצען: אין די 80־ער יאָרן, אין ציריך, איז קאַוטסקי געווען אַ פריילעכער יונג, אַ טענצער, זינגער און „יוכצער").

צוטרעטן אין דער פּאַרטיי מיט אַ גרעסערער אַרבעט קעגן מערינג׳ס „געשיכטע״ האָט אים באַהערשט די אַלע יאָרן זינט זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן. נאָך אין די לעצטע חדשים פאַרן טויט האָט ער זיך געמאַכט נאָטיצן צו אַן אַרטיקל איבער פרידריך שילער, וואו ער האָט געוואָלט פּאָלעמיזירן מיט מערינג׳ן. שילער׳ן — און בכלל אַלע דייטשע קלאַסיקער — האָט ער געקענט אויף אויסעווייניק. שילער איז געווען דער באַליבטער דיכטער פון זיינע יוגנט־יאָרן. אויף דער עלטער איז די גאַנצע פּאַרזונקענע פּראַכט פון שילער׳ס אידעאַליזם אויפגעשוואומען אין זיין זכרון. אין איינעם פון די לעצטע טעג, ווען ער האָט נאָך געקאָנט ריידן, ער האָט צום שרייבער פון אָט די שורות געזאָגט: „שילער וואַר אַבער איין גאַנצער קערל!״ — און איצט גיט אַ קוק, האָט ער ווייטער געזאָגט, ווי מערינג האָט אים פאַרשטאַנען, — און ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש מערינג׳ס ביכל וועגן שילער׳ן פון 1905 (צו שילער׳ס 100טן יאָרצייט). „עס איז אַ סקאַנדאַל און אַ פאַרברעכן,״ האָט ער אויסגעשריען אין העכסטער אויפרעגונג, „וואָס איך האָב דאַמאָלסט מערינג׳ן ניט געענטפערט״.

בערנשטיינ׳ס אינטערנאַציאָנאַליזם. — זיין פּערזענלעך לעבן

קיין מאָל האָט די פּאַרטיי ניט אונטערגעפירט קיין סך הכל צום טעאָרעטישן שטרייט בערנשטיין־קאַוטסקי, קיין מאָל איז קיין אָפּשליסנדיקע דעבאַטע ניט געווען. דעם נייעם בערנשטיין האָט מען זייער ליב געהאַט, צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט, אָבער אין באַוואוסטזיין פון דער גרעסטער מערהייט פון דער פּאַרטיי — פון די אַלטע און מיטליאָריקע — איז בערנשטיין אין טעאָרעטישער הינזיכט געווען דער באַזיגטער צד. מען האָט דערביי — ביז צו די יאָרן פון קריג — געלאָזן אין גאַנצן אָן אַ זייט די פראַגע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן טעאָריע און פּראַקטיקע. טעאָריע און פּראַקטיקע זיינען, לײדער, געווען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן, און אין דער טעאָריע איז געבליבן, אויסער ביים לינקן פליגל, קאַוטסקי דער אנערקענטער, דער איינציקער.

בערנשטיין גופא האָט זיך אַלע מאָל באַצויגן צו קאַוטסקי׳ן מיט דער גרעסטער ליבע, אַפילו אויך אין די לאַנגע יאָרן, ווען צווישן זיי זיינען קיין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען ניט געווען. בערנשטיין האָט אים אַלע מאָל אנערקענט אַלס דעם איינציקן גרויסן טעאָרעטיקער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. בערנשטיין איז אַפילו אין זיינע געדאַנקען ניט געווען אומגערעכט צו קאַוטסקי׳ן, און דעריבער האָבן זיי ביידע זיך אַזוי לייכט און אַזוי גיך ווידער באַפריינדעט, ווען זיי

האָבן זיך בשעת׳ן קריג באַגעגנט אין דער אָפּאָזיציע קעגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי־מערהייט ביים אַנטשטיין פון דער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי. דער טאָג, ווען זייער פריינטשאַפט האָט זיך באַנייט, איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין בערנשטיינ׳ס לעבן (דאָס זיינען בוכשטעבלעך בערנשטיינ׳ס ווערטער).

אין די יאָרן פון קריג איז בערנשטיינ׳ס נאָמען ווידער — און צום לעצטן מאָל — אויפגעשטיגן אין דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער וועלט. און ווידער, ווי אין די יאָרן פון סאָציאַליסטן־געזעץ, בשעת ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „סאָצ־דעמ.״, האָט זיין נאָמען געקלונגען ווי אַ קאַמפּסרוף, ווי אַ סיגנאַל צו זאַמלען די פּראָלעטאַרישע כוחות. זיינע געטרייסטע פריינט זיינען געוואָרן גראָד די, וואָס האָבן אים 15־16 יאָר פריער געהאַט באַקעמפט אַלס דעם פאָטער פון רעוויזיאָניזם, וואָרעם אין פייער פון וועלט־קריג האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט דער אמת׳ער בערנשטיין: דער מוטיקער קעמפער און עכטער סאָציאַליסט. אין יענעם פייער האָט זיך אויך באַוויזן אין איר גאַנצער גרויס בערנשטיינ׳ס הערלעכסטע כאַראַקטער־אייגנשאַפט: זיין אינטערנאַציאָנאַליזם. צווישן אַלע אויפריכטיקע אינטערנאַציאָנאַליסטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז בערנשטיין געווען דער בעסטער און דער נאַטירלעכסטער.

אָבער צו דער זעלבער צייט, ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע כוחות אין דער ניי־געגרינדעטער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי, האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו לאָזן פילן די יאָרן. ער איז דאַן אַלט געווען 67 יאָר, אַן עלטער, ווען אַנדערע טרעטן שוין אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע. אָבער ער האָט געאַרבעט פאַר צוויי. אין יאַנואַר 1920 איז מיט דער גרעסטער האַרציקייט געפייערט געוואָרן זיין 70ער געבורטסטאָג— דורךביידע פּאַרטייען: דורך דער אַלטער, צו וועלכער ער איז פּלוצלונג צוריקגעקומען, און דורך דער אומאָפּהענגיקער, מיט וועלכער ער איז געבליבן אין דער בעסטער פריינטשאַפט. אויף דער פייערונג אין קלוב פון דער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי איז ער געווען דער פריילעכסטער פון אַלע געסט. אין פיר יאָר אַרום האָט אים געטראָפן דער שווערסטער שמערץ פון זיין לעבן: עס איז פּלוצלונג געשטאָרבן זיין פרוי. מיט זיין פרוי (רעגינאַ צאַדעק) האָט ער ניט נאָר אָפּגעלעבט אין דער גליקלעכסטער האַרמאָניע 37 יאָר — ער האָט אויך שטענדיק געאַרבעט צוזאַמען מיט איר. צוויי שרייבטישן זיינען געשטאַנען אין זיין קאַבינעט. ביי איינעם איז ער געזעסן, ביים אַנדערן — אים קעגנאיבער — זי. וואָס ער האָט געשריבן, בלאָט נאָך בלאַט, פלעגט זי שטילערהייט אַריבער־

נעמען צו זיך און עס שטילערהייט קאָנטראָלירן, איבערשרייבן, איבער־זעצן אין אַנדערע שפּראַכן, אויב דאָס איז נויטיק געווען. זי האָט אויך שטענדיק געשריבן אַ טייל פון זיינע בריוו. געשטאָרבן איז זי גאַנץ פּלוצלינג, אין אַ מינוט. איר טויט האָט ער נאָך אַריבערגעטראָגן מיט דער גרעסטער פעסטקייט. אין קרעמאַטאָריום, וואו איר קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן, האָט ער אַליין געהאַלטן די טרויער־רעדע, וואָס האָט אַלעמען טיף דערשיטערט און וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון די, וואָס האָבן זי געהערט. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן זיין פיזי־שע שוואַכקייט און עס האָט זיך געלאָזט מערקן אַלץ מער און מער אויך אַ געוויסע גייסטיקע ירידה. געאַרבעט האָט ער נאָך גאַנץ אינטענסיוו, אָבער דאָס איז שוין ניט געווען מער דער אַלטער בערנשטיין.

די פּאַרטיי האָט געפייערט אויף אַ הערלעכער פאַרזאַמלונג זיין 75טן געבורטסטאָג, און אין יאַנואַר 1930, מיט דער גרעסטער האַר־ציקייט, זיין 80טן געבורטסטאָג — אין דער קוואַרטיר פון רייכסטאָגס־פּרעזידענט לעבע — אויף אַן אינטימען באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען געווען געלאַדן אַרום 120 פאַרשטייער פון דער דייטשער פּאַרטיי און געווערקשאַפטן, אַ פאַרשטייער פון דער רוסישער מענשעוויסטישער פּאַרטיי (געווען חבר דאַן), אַ פאַרשטייער פון „בונד" (חבר יודין), און דריי פּערזענלעכע פריינט פון בערנשטיינ׳ען: פּראָפעסאָר דוד קאַיגען, דער זשורנאַליסט פּאול אַלבערג און דער שרייבער פון די שורות. די פעסט־רעדע האָט געהאַלטן הערמאַן מילער (דאַמאָלסט דער רייכסקאַנצלער), און בערנשטיין האָט אים העכסט טעמפּעראַ־מענטפול געענטפערט. דאָס איז פאַקטיש געווען אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר בערנשטיינ׳ען. די מערסטע, וואָס זיינען געווען אויף יע־נעם באַנקעט, האָבן אים שוין איבערהויפּט ניט מער געזען. אייניקע פון זיי זיינען, אָבער, אַוועק פון דער וועלט נאָך פריער פאַר אים: הערמאַן מילער, באַרטעלס, אומברייט א. אַנד.

* * *

אין פּערזענלעכער הינזיכט איז בערנשטיין געווען אַ וואונדער־באַרער מענטש. זיינע פריינט האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט. יעדנפאַלס האָט קיינער פון זיי קיין בעסערן ניט געקענט. ביי דער מערקווירדיקער שאַרפקייט פון זיין פאַרשטאַנד, ביי זיין אויסגעשפּראָכן קריטישער נאַטור איז ער געווען די פאַרקערפּערטע גוטסקייט אַליין. זיין גוטסקייט — אין גאַנץ פּשוט׳ן זין פון וואָרט — איז געווען אומבאַשרייבלעך. זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אין דעם

געגוויטיקט, האָט באַזונדערס אין די לעצטע 12־13 יאָר פון זיין לעבן אָפּגענומען אַ גרויסן טייל פון זיין צייט, פון זיינע כוחות און, ווי מיר דוכט, אויך פון זיינע מאַטעריעלע מיטלען. דאָס לעצטע האָט געטראָגן ביי אים אַזאַ רירנדיקן כאַראַקטער, מאַטעריעלע הילף פלעגט ער געבן אַזוי געהיים, אַז נאָר אַ גאַנץ נאָענטער מענטש האָט געקאָנט מערקן, וואָס דאָ קומט פאָר.

ווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט — פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, אונגאַרן, בולגאַריע — האָט ניט באַקומען פון דער בערלינער פּאָלי־ציי די דערלויבעניש זיך אויפצוהאַלטן אין בערלין; ווען אַן עמיגראַנט האָט געזוכט אַרבעט, שטיצע, ניט געקענט צאָלן קיין שול־געלט פאַר אַ קינד, א. אז. וו., האָט בערנשטיין געהאָלפן. עס איז ניט נויטיק געווען אים קלאָר צו מאַכן, אין וואָס די זאַך באַשטייט. ווען ער פלעגט נאָר אַרויסבאַקומען פון גאַסט דעם תוך פון דער זאַך, פלעגט עס אים שוין הויבן פון שרייב־טיש — צו טעלעפאָנירן, צו פאָרן אַהין, וואו עס איז נויטיק געווען, א. אז. וו. אמת דאַנקבאַר איז ער געווען יעדערן, וואָס פלעגט אָננעמען פון אים מאַטעריעלע הילף. געבן גלייך שטיצע — דאָס איז אַלע מאָל געווען דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, אָבער נאָר גאַנץ זעלטן האָבן עמיגראַנטן גענומען ביי אים שטיצע.

בערנשטיין איז געווען אַן אמת׳ער קינסטלער אויף אַרויסצובאַקומען פון די, וואָס זיינען געקומען צו אים, דעם תוך פון דער זאַך, פון וועלכער זיי האָבן געליטן. זייער אָפט איז עס געווען מאַטעריעלע נויט, אָבער דאָס האָבן די געסט פון אים געוויינטלעך פאַרבאַהאַלטן. ווען ער פלעגט אָנהויבן אויספרעגן דעם גאַסט, וואָס ער טוט דאָ, וואו ער אַרבעט, פון וואַנען ער לעבט, א. אז. וו., פלעגט זיך אָנהויבן, ווי ער האָט עס גוטמוטיק אָנגערופן, אַ „קוליססענשיבונג", אַזאַ אומ־גרופּירונג פון די אומשטענדן, וואָס האָט געזאָלט פאַרשלייערן די נויט און אַרויסשטעלן אויפן ערשטן פּלאַץ וואָס „שענערס": ליטעראַ־רישע פּלענער, פּאָליטישע אַרבעט און דאָס גלייכן. אין די זאַכן האָט מען בערנשטיינ׳ען, אָבער, ניט געקאָנט „אָפּנאַרן".

ליידער, האָבן אין די לעצטע 7־8 יאָר, ווען ער איז אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן, פון צייט צו צייט איניקע קוואַזי־סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן אויסגענוצט זיין גוטסקייט פאַר רעקאָמענדאַציע־בריוו, אויפרופן און דאָס גלייכן אין ענינים, צו וועלכע ער וואָלט אין אַן אַנדער צושטאַנד קיין שייכות ניט געהאַט. אויך האָט ער אין די לעצטע יאָרן געדרוקט אין דער פּרעסע איניקע אַרטיקלען, פאַר וועלכע

ער איז וויניקער געווען פאַראַנטוואָרטלעך, ווי די, וואָס האָבן דורך טענדענציעזע אינפאָרמאַציעס, אויסנוצנדיק זיין שוואַכקייט, אַרויס־באַקומען די אַרטיקלען. אויסדריקלעך מוז דאָס געזאָגט ווערן וועגן זיינעם אַן אַרטיקל צו דער „פירסטענאַבפינדונג״ אין פאָרוואָרטס׳עס „גלאָ־קע״. ער האָט דעם אַרטיקל שפּעטער זייער באַדויערט און געזוכט אַ געלעגנהייט צוריקצונעמען מאַנכעס, וואָס ער האָט אין יענעם אַר־טיקל געשריבן. אַזאַ געלעגנהייט האָט ער שוין, ליידער, ניט געהאַט מער. אין יענעם אַרטיקל האָט ער אונטערגעשטיצט די טאַקטיק פון אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון דער פּאַרטיי, אַ טאַקטיק, וואָס האָט דער־פירט דערצו, אַז איצט האָבן אַפילו די בירגערלעכע פּאַרטייען די חוצפּה צו באַהויפּטן, אַז אַ דאַנק דער האַלטונג פון דער פּרייסישער רעגירונג (אָנגעפירט פונם סאָציאַל־דעמאָקראַט בראַון) האָבן די האָהענ־צאָלערנס באַקומען זייערע הונדערטער מיליאָנען, מיט וועלכע זיי גייען איצט פון דאָס ניי אויפריכטן די מאָנאַרכיע אין דייטשלאַנד. די באַ־שולדיקונג איז אַ געמיינע דעמאַגאָגיע, אָבער די האַלטונג פון דער פּאַרטיי אין יענער פראַגע איז געווען אָפּאָרטוניסטיש גענוג.

* * *

נאָך דעם טויט פון זיין פרוי, ווען בערנשטיין האָט שוין אַליין געפילט יעדער טאָג, אַז עס גייט מיט אים באַרג־אַראָפּ, האָט ער מיר אַמאָל אָנפאַרטרויט אַ סוד פון זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן, וואָס איך קאָן איצט דערציילן: נאָך זיין 70טן געבורטסטאָג, ווען אויף אַלע באַנקעטן און באַגריסונגען האָבן די רעדנער באַזונדערס באַטאָנט זיין גייסטיקע פרישקייט, די פענאָמענאַלע קראַפט פון זיין זכרון, זיין אומבאַזיגבאַרע יוגנטלעכקייט א. אז. וו., האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיין פרוי, אַז אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן ביידע מערקן, אַז זיי האָבן האָפענונגסלאָז פאַרלאָרן זייער גייסטיקע קראַפט, זאָלן זיי ביידע צוזאַמען טאָן דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן געטאָן די לאַפאַרג׳ס: זיך נעמען דאָס לעבן. זיי האָבן עס ערנסט באַשלאָסן און זיך צו־געגרייט גיפט. איין זאַך האָבן זיי זיך, אָבער, ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איינער פון זיי וועט פּלוצלינג אַוועק און איבערלאָזן דעם אַנדערן אַליין... שוין פון דעם גופא, וואָס ער האָט עס מיר דערציילט, איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אַליין וועט ער עס ניט טאָן.

קיין אייגענע קינדער האָט בערנשטיין ניט געהאַט. צוויי קינדער — אַ זון און אַ טאָכטער — האָט געהאַט זיין פרוי פון איר ערשטן מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך צעשיידט, ווייל ער איז געווען פּסיכיש קראַנק. די קראַנקייט האָבן, ליידער, ביידע קינדער גע׳ירשנ׳ט פון זייער פאָ־

טער. די טאָכטער — די פרוי פון פּראָפעסאָר כ. אין בערלין — האָט זיך נאָכן טויט פון דער מוטער גענומען דאָס לעבן. דער זון איז שוין אויך קראַנק געווען, איצט איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט בלייבן געזונט. ער איז אַן אינזשיניער מיט געניאַלע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן, אַ גאַנץ גרויסער דערפינדער אויפן עלעקטראָ־טעכנישן געביט.

ווי לאַנג זיין פרוי האָט געלעבט, האָט בערנשטיין — מיט אירע הענט — געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַרשיידענע קרובים און פריינט, צעוואָרפענע איבער דער גאַנצער וועלט. אין ניו־יאָרק איז בערנשטיין געווען פאַרבונדן מיט יוליאַ און מאַקסים ראָם (יוליאַ ראָם איז געווען אַ שוועסטער פון בערנשטיינ׳ס פרוי), מיט דר. מאָזעס אַראָנסאָן (אויך אַ שוואָגער) און מיט פאַרשיידענע אַנדערע חברים און פריינט. די ראָמ׳ס האָבן געהאַט באַשלאָסן צו קומען אויף דער עלטער קיין דייטשלאַנד און דאָרטן אויסלעבן דעם רעשט, וואָס וועט זיי נאָך בלייבן. צו דעם צוועק האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט פון זייערע פאַרדינסטן, וויפל זיי האָבן נאָר געקענט, און דאָס געלט האָבן זיי געשיקט צו קלאַראַ צעטקין, וואָס האָט געזאָלט קויפן פאַר זיי אַ שטיק לאַנד מיט אַ הייזל נאָענט פון דעם אָרט, וואו זי האָט אַליין דעמאָלט געלעבט (אין דעגערלאָך, ביי שטוטגאַרט). די דייטשע אינפלאַציע האָט חרוב געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן, דאָס געלט איז פאַרלאָרן געגאַנגען (עטלעכע טויזנט דאָלאַר) און די ראָמ׳ס זיינען ביידע געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

אַן אַלטער גוטער פריינט פון בערנשטיינ׳ען לעבט אין לאָדזש. ער איז שוין איצט קרוב לשמונים. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך אין דייטשלאַנד שטאַרק באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין לאָדזש לעבט ער שוין אַרום 50 יאָר. צו דער אָרטיקער באַוועגונג האָט ער קיין שום שייכות ניט, ער האַלט זיך, אָבער, נאָך אַלץ פאַר אַ סאָציאַליסט. מיט אַ יאָר צוויי צוריק איז ער געווען אין בערלין. בערנשטיין האָט מיך געלאָזט רופן און מיר האָבן אים דאָן געפּרואווט אַגיטירן, ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט דער לאָדזשער אַרבעטער־באַוועגונג. אויב ניט מיט דעם „בונד" (דער אַלטער איז אַמאָל געווען אַ ייד), זאָל זיך מיט דער דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי אָדער מיט דער פּ.פּ.ס. לאָזט זיך אויס, אַז דער אַלטער ציטערט נאָך היינט פאַרן שאָטן פון צאַריזם! ווער ווייס, זאָגט ער, צי דער צאַריזם וועט ניט צוריקקומען אַמאָל קיין פּוילן. און אויסער דעם, זאָגט ער ווייטער, ווען מען וועט אין לאָדזש זיך דערוויסן, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט,

בין איך רואינירט! — אַזוי ווי איך וויל דעם אַלטן בשום אופן ניט „רואינירן“, רוף איך אים ניט אָן.

בערנשטיינ׳ען איז זייער טייער געווען דער אָנדענק פון זיין פעטער אהרן בערנשטיין. אַז אהרן בערנשטיין האָט פאַרנומען אַ געוויסן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער השכלה־באַוועגונג, האָט ער, אָבער, ניט געוואוסט. טייער איז דער פעטער אים געווען ניט אַלס אהרן, נאָר אַלס אַאראָן בערנשטיין, אַלס רעדאַקטאָר פון דער אַמאָל אַזוי באַדייטנדיקער דעמאָקראַטישער בערלינער „פאָלקס־ציייטונג“, אַלס איינער פון די מוטיקסטע דייטשע דעמאָקראַטישע זשורנאַליסטן (1812־1884).

מיט צוויי זין פון פעטער אהרן בערנשטיין איז ער געווען באַפריינדעט. דאָס זיינען געווען זין פון אהרן בערנשטיינ׳ס צווייטער פרוי, וואָס איז געווען אַ קריסטין און האָט די קינדער גלייך נאָך דעם געבורט פאַרשריבן אַלס קריסטן. איינער פון אהרן בערנשטיינ׳ס זין — וואַלטער — האָט געלעבט אין באַקו און האָט זיך דאָרטן אין גאַנצן רוסיפיצירט. דער צווייטער — עריק — האָט געלעבט אין טיפליס און איז דאָרטן אַ געוויסע צייט געווען אַ בן־בית ביי די רוסישע שוואַרץ־מאה׳ניקעס. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער געקומען צו דער גרוזינישער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זיך געשלאָגן על־חטא און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי. דעמאָלט האָט ער אויך אויסגעזאָגט דעם גרויסן סוד, אַז ער איז אַ קוזין פון עדוואַרד בערנשטיין. געשטאָרבן איז ער מיט אַ קורצער צייט צוריק אין בערלין אַלס פּענסיאָנער פון דער דייטשער רעגירונג, וועלכער ער האָט געדינט אַלע יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין רוסלאַנד. ווערט איז יעדנפאַלס צו פאַרצייכענען, אַז אַ זון פון אהרן בערנשטיין האָט זיך געפונען אין טיפליס אַרום 1905 און שפּעטער אין לאַגער פון דער שוואַרצער מאה.

בערנשטיינ׳ס באַציאונג צו אידישע פּראָבלעמען

עטוואָס מוז געזאָגט ווערן אויך וועגן בערנשטיינ׳ס באַציאונג צו אידישע פּראַגעס. דאָס אידישע לעבן איז בערנשטיינ׳ען געווען גאַנץ פרעמד. די אידישע פראַגעס האָבן אים פּאַקטיש אין גאַנצן ניט אינטערעסירט. ווען ער האָט זיך אין די לעצטע 12־13 יאָר פון צייט צו צייט געלאָזט הערן אין אָט די פראַגעס, געגעבן זיין אונטערשריפט צו פּועלי־ציוניסטישע און סתם ציוניסטישע אויפרופן, ווענדונגען און

דאָס גלייכן, ווען ער איז אויפגעטראָטן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמ־לונגען און עפּעס געשריבן אין דער פּרעסע אין ציוניסטישן גייסט, איז דאָס דורכאויס ניט געווען קיין רעזולטאַט פון אַן ערנסטער אינערלעכער פאַראינטערעסירונג. יעדערער, וואָס איז אים נאָענט געווען, האָט געקענט זען, אַז דאָס איז פּשוט אַ נאָכגיביקייט, אַן אויסדרוק פון צוטרוי צו געוויסע פּערזאָנען, וואָס זיינען אים זייער סימפּאַטיש געווען און האָבן אים אין אָט די פראַגעס אינפאָרמירט, אים געבעטן, ער זאָל „זייער" באַוועגונג אונטערשטיצן מיט דעם גרויסן אויטאָריטעט פון זיין נאָמען. ער האָט עס געטאָן קודם כל פון גוטסקייט וועגן.

אין זיינע קינדער־יאָרן האָט בערנשטיין געוואוסט, אַז ער איז אַ איד, געפילט האָט ער עס ניט. קיין שום אידישע „נאַציאָנאַלע", טיפערע איבערלעבונגען פון די קינדער־יאָרן זיינען אין זיין זכרון ניט געבליבן. ווי ער שרייבט אין זיינע מעמואַרן, זיינען די שטאַרקסטע איבערלעבונגען פון זיין קינדהייט געווען דער ווייַנאַכט־בוים און די ווייַנאַכט־לידער. אין דעם מאָמענט, ווען בערנשטיין איז געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, איז ער אַרויסגעטראָטן פון דער אידישער געמיינדע, דאָס הייסט, זיך פאַררעגיסטרירט אַלס „קאָנפעסיאָנסלאָז". דעמאָלט האָט אַ איד, וואָס באַצייכנט זיך אַלס קאָנפעסיאָנסלאָז, ניט געקענט זיין קיין מיטגליד פון דער אידישער געמיינדע; איצט איז די אידישע געמיינדע טאָלעראַנטער געוואָרן. בערנשטיין האָט אויף דער עלטער באַדויערט, וואָס ער איז אין די יונגע יאָרן אַרויסגעטראָטן פון דער אידישער געמיינדע, און האָט עס באַצייכנט אַלס אַן אַקט פון פּחדנות. איך האָב דערביי די פולע איבערצייגונג, אַז ווען ער וואָלט אין די יונגע יאָרן (צו 22 יאָר) ניט געוואָרן קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָלט ער ביי געוויסע אומשטענדן זיך גאַנץ לייכט געטויפט, וואָרעם אינערלעך האָט אים קיין זאַך ניט פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן. אויב ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפמערקזאַם געלייענט וואָס איבער אידישע פראַגעס, אידישער געשיכטע א. ד. גל., האָט עס געקענט זיין נאָר דאָס, וואָס קאַוטסקי האָט אין די פראַגעס געשריבן („אורשפרונג דעס קריסטענטומס" א. אַנד.). עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס דער גרויסער היסטאָריקער קאַוטסקי האָט זיך אַזוי ערנסט פאַרנומען מיט אידישע פראַגעס און איז אַזוי ליידנשאַפטלעך און אַזוי טיף אַריינגע־דרונגען אין זיי; עס איז, אָבער, זייער שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ פּאָליטישער קעמפער פון אַזאַ גרויסן אייראָפּעאישן פאָרמאַט ווי בערנ־שטיין האָט זיך אַזוי ווייניק פאַרנומען מיט אידישע פראַגעס. אָבער אַזוי איז עס געווען.

געוויס, זיין צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק האָט בערנשטיין קיין מאָל ניט פאַרלייקנט. יעדער מאָל, ווען דאָס האָט זיך געפאָדערט, פלעגט ער גלייך באַמערקן, אַז ער איז אַ איד. אָבער גראָד ווען ער פלעגט עס וועלן באַמערקן אין אַן ערנסטן טאָן, פלעגט עס אַרויס־רופן ביים טיש אַ גוטמוטיקן שמייכל. דער שמייכל האָט געזאָלט באַדייטן: אַזוי, אַ איד ווילסטו גאָר זיין? נו — איז וואָס? וואָס איז דער אונטערשייד? דו וועסט ווערן אַן אַנדערער? אַ איד, צי ניט קיין איד — בערנשטיין בלייבט בערנשטיין. אַן אַנטשפּרעכנדיקע סצענ־קע אַרום זיין שרייבטיש וויל איך איבערגעבן גאַנץ גענוי:

עס זיצן אייניקע דייטשע פּאַרטיי־פריינט, אַ פראַנצויזישער סאָ־ציאַליסט, אַ שוועד און אייניקע אַנדערע. פאַרבייגייענדיק באַרירט מען דעם אַנטיסעמיטיזם (בערנשטיין פלעגט עס אָנרופן „רישעס" — פון רשעות). בערנשטיין: „... איך בין דאָך אויך אַ איד. דער אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז אַ שאַנד־פלעק אין לעבן פון אַ קולטור־פאָלק... מיר, סאָציאַליסטן, וואָלטן געדאַרפט ענערגישער קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם . . . "

די געסט וואונדערן זיך, פאַרוואָס ער רעגט זיך אויף. אַלע זיינען מסכים מיט אים. נאַטירלעך, איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ שאַנד־פלעק, אַן אידיאָטיזם א אז. וו., אָבער כדי דאָס צו פאַרשטיין, איז ניט נויטיק צו זיין אַ איד, דאָס פאַרשטייט דאָך יעדער קולטור־מענטש, אַ סאָ־ציאַליסט אוודאי...

אידישע אַרבעטער האָט בערנשטיין געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אין אַ גרעסערן מאַסן־אויפמאַרש אין לאָנדאָן, אין 1895, אויף דער לוויה פון סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי. נאָכן ארון פון טראַ־גיש אומגעקומענעם קראַווטשינסקי'ן זיינען נאָכגעגאַנגען אייניקע רו־סישע און פּוילישע אינטעליגענטן און דריי הונדערט אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין געשלאָסענע רייען. אָט דער מאַרש פון אידישע אַרבעטער (דער איינציקער, וואָס בערנשטיין האָט געזען אין זיין לעבן) האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ווען עס זיינען דער־גאַנגען צו אים אין לאָנדאָן, דורך רוסישע עמיגראַנטן און דורכן בערלינער „פאָרווערטס", די ערשטע ידיעות וועגן „בונד" (אין 1897־1898), האָט זיך דאָס ביי אים אין דער פאָרשטעלונג פאַרבונדן מיטן מוסטערהאַפטן מאַרש פון יענע דריי הונדערט אידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן. קיין מאָל האָט ער זיך, אָבער, אין זיינע בעסערע יאָרן ניט אַריינגעטראַכט אין די פראַגעס, וואָס דער מאַרש פון אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער האָט אַרויסגערופן... אַפילו דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס

איז אַזוי ברענענדיק אַקטועל געווען אין דייטשלאַנד אין די בעסטע יאָרן פון בערנשטיינ׳ס גייסטיקער שאַפונג, האָט דעמאָלט ניט צוגע־צויגן צו זיך אין קיין געהעריקער מאָס זיין אויפמערקזאַמקייט. די פּאָ־פּולערסטע בראָשור קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעשריבן בעבעל, ניט בערנשטיין. געוויס האָט בערנשטיין פון צייט צו צייט געשריבן קעגן „רישעס״, קעגן פּאָגראָמען א. אז. וו., אָבער אַלע מאָל גאַנץ אויס־בערפּלעכלעך.

ווען בערנשטיין האָט זיך די לעצטע 12־13 יאָר געלאָזט אַריינ־ציען אין אידישע פראַגעס, איז דאָס געווען ביי אים קודם כל פאַר־בונדן מיט זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, מיט זיין אינטערעס צו נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן און מיט זיין ליבע צו פאַרפאָלגטע. ווען ער האָט נאָך געלעבט אין לאָנדאָן, האָבן אים פאַראינטערעסירט די אַרמענער. ער האָט זיך באַקענט מיט דער אַרמענישער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג און מיט דער לאַגע פון אַרמענישן פאָלק. ער האָט ליב באַקו־מען די אַרמענער, אָנגעשריבן אַ בוך איבער די ליידן פון אַרמענישן פאָלק, אַרטיקלען אין דער פרעסע א. אז. וו.

נאָך די אַרמענער זיינען געקומען די גרוזינער. ווען עס האָט זיך באַשאַפן די גרוזינישע רעפּובליק, איז בערנשטיין געווען דער ערשטער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט דער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין טיפליס. בערנשטיין איז צוזאַמען מיט קאַוטסקי׳ן געווען דער געטרייסטער פריינט פון דער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ווען דאָס לאַנד איז אָקופּירט געוואָרן (פעברואַר 1921) פון רוסישן מיליטער, איז עס ווידער געווען בערנ־שטיין, וואָס איז אַריין מיט לייב און לעבן אין גרוזינישן פראַגע־קאָמפּלעקס, געשריבן אַרטיקלען, אויפגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען א. אז. וו. ווען מען וואָלט צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע אַרטיקלען וועגן דער גרוזינישער פראַגע, אַלע רעדעס, אויפרופן, ווענדונגען א. אז .וו., וואָלט זיך באַקומען אַ גאַנץ היפש ביכל. דער גרעסטער טייל פון יענע אַרטיקלען איז, אָבער, ליידער, געדרוקט נאָר אויף גרוזיניש (אין דער גרוזינישער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער פרעסע). פון יענע אַר־טיקלען קען איך אין דעם מאָמענט דאָ אָנווייזן נאָר איינעם, וואָס איז געדרוקט אויך אויף דייטש. דאָס איז זיינער אַ גרעסערער אַריינפיר צו אַ בוך פון נאָע זשאָרדאַניאַ: „מאַרקסיזם און דעמאָקראַטיע״ (בער־לין, 1921). דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער אַרטיקל, וואו ער באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער באַדייטונג פון קליינע נאַציעס און קליינע מלוכות.

פּערזענלעכע זכרונות וועגן בערנשטיינ'ען

אַ ריי באַהויפּטונגען אין מיין אַרטיקל האָב איך געבויט אויף פּערזענלעכע זכרונות. איך גלויב דעריבער, אַז איך בין שולדיק דעם לייענער אַ קליינעם דין וחשבון אין מיין פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט בערנשטיינ'ען, כדי עס זאָל קלאָרער ווערן מיין פאַראַנטוואָרטונג פאַר די באַטרעפנדיקע באַהויפּטונגען. איך וועל דאָס מאַכן קורץ און דערמיט פאַרענדיקן.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט בערנשטיינ'ען אין האַרבסט 1901 ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן. נאָך זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן האָט די פּאַרטיי אים אויפגענומען, ווי איך האָב שוין געשריבן, גאַנץ קאַלט. עס קען זיין, אַז אין אינטימע קרייזן — ביי די גדולים — איז ער אויפגענומען געוואָרן פריינטלעך (דאָס איז זייער וואַרשיינלעך), אָבער עפנטלעך האָט מען פאַר אים קיין שום פּאַראַד ניט געמאַכט. (אין יענע צייטן איז מען בכלל געווען עטוואָס שפּאָרעוודיקער מיט פּאַראַד, און עס איז צו באַדויערן, וואָס פּאַראַד איז היינט געוואָרן אומעטום אַ גאַנץ וואָלוועלע סחורה). אַזוי איז אַוועק אַ האַלב יאָר, ביז האַרבסט 1901. צו יענער צייט האָט בעבעל געהאַלטן אַ סעריע רעפעראַטן („די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן", „די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דייטשלאַנד" און דאָס גלייכן) אין אַ גוט-בירגערלעכן לאָקאַל מיט אַן איינטריטס-פּרייז, וואָס איז אויך געווען אויסגערעכנט הויפּטזעכלעך פאַר אַ בירגערלעכן עולם. דער עולם האָט אים געוואָלט זען און הערן, אָט ווי מען גייט אין טעאַטער זען אַ באַרימטן אַרטיסט, טאָמעג דער עולם באַצאָלן ווייניקסטנס די העלפט פון דעם, וואָס עס קאָסט אין טעאַטער אַ באַשיידענער פּלאַץ. פאַרוואָס נישט? ווען בערנשטיין וואָלט אויך געוואָלט האַלטן אַזאַ סעריע לעקציעס, וואָלט מען די בילעטן צעכאַפּט און ער וואָלט געהאַט אויך אַ גאַנץ היפּשע הכנסה, אין וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט, אַגבֿ, שטאַרק געניטיקט. די קאַלטקייט פון דער פּאַרטיי האָט בערנשטיין, אָבער, פאַרשטאַנען אין דעם זין, אַז עס וועט בעסער זיין, ער זאָל זיך דערווייל צוריקהאַלטן פון עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. פונדעסטוועגן אין גאַנצן זיצן אין דער היים און שווייגן האָט אויך קיין זין ניט געהאַט.

אָט די סיטואַציע האָט עס אויסגענוצט דער „סאָציאַל-וויסנשאַפטלעכער סטודענטן-פאַראיין", וואָס איז דעמאָלט לעגאַליזירט געווען ביי דעם בערלינער אוניווערסיטעט. דער פאַראיין — ער איז באַשטאַנען טיילווייז פון גאַנץ ערנסטע יונגע סאָציאַליסטן — האָט

באַשלאָסן איינצולאַדן בערנשטיינ'ען, ער זאָל האַלטן, אונטער דער פירמע פון פאַראיין, אַ רעפעראַט פאַר אַן אַקאַדעמישן עולם א. ד. ט.: וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזם? בערנשטיין האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, און דאָס איז געווען זיין ערשטער עפנטלעכער פאָרטראַג נאָך זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן. אַלס אָפּאָנענטן האָט דער פאַראיין איינגעלאַדן: קאַוטסקי און בעבעל פון לינקס; שמאָללער און וואַגנער פון קאָנסערוואַטיוון לאַגער; ברענטאַנאָ און קריוודע פון בירגערלעך־דעמאָקראַטישן לאַגער. געקומען זיינען נאָר ברענטאַנאָ און קריוודע. בערנשטיין האָט באַטיטלט זיין רעפעראַט: „איזט וויסענשאַפטליכער זאָציאַליזמוס מעגליך?" (אין דרוק איז דער רעפעראַט אַרויס אונטערן טיטל: „ווי איזט וויסענשאַפטליכער זאָציאַליזמוס מעגליך?").

דער רעפעראַט, די דעבאַטע, בערנשטיינ'ס ענטפער און זיין שלוס־וואָרט — דער זעלטענער גייסטיקער גענוס פון גאַנצן אָוונט — האָבן דעם עולם ממש באַצויבערט. דער דערפאָלג איז געווען גרויס און ערנסט. בערנשטיין איז זייער דאַנקבאַר געווען די סאָציאַליסטישע סטודענטן פון פאַראיין, וואָס האָבן דעם אָוונט אָרגאַניזירט, און האָט זיך מיט אייניקע פון זיי נענטער באַקאַנט. צווישן זיי זיינען גראָד געווען צוויי גוטע פריינט מיינע: איינער, מיינער אַ קרוב, אַ דייטשער סטודענט; דער צווייטער, אַ געוויסער הירשאָוויץ, אַ סטודענט פון ריגע. גראָד מיט דעם הירשאָוויצ'ן האָט זיך בערנשטיין שטאַרק פאַראינטערעסירט. אין לאָנדאָן און נאָך פריער אין ציריך איז בערנשטיין געווען באַפריינדעט מיט רוסישע און פוילישע סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן. זיי האָבן אים שטענדיק גוט אינפאָרמירט אין די ערנסטערע ענינים פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, ער האָט זיך געלערנט ביי זיי רוסיש און געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס צו זייער אַרבעט. ווען בערנשטיין האָט זיך באַקענט מיט הירשאָוויצ'ן, האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט אין אים געפינען אַ שטיקל ערזאַץ פאַר די אַלטע רוסישע פריינט. הירשאָוויץ איז, אָבער, געווען אַ גאַנץ פּוסטער בחור'ל. אויף בערנשטיינ'ס פּראַגעס וועגן דעם אַרבעטער אין רוסלאַנד האָט ער גאָרניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט בלויז געזאָגט בערנשטיינ'ען, אַז ער האָט אַ פריינט (געמיינט האָט ער מיך), וואָס וויסט, וואָס עס טוט זיך אין דער באַוועגונג אין רוסלאַנד. בערנשטיין האָט דאַן געבעטן, מען זאָל מיך צו אים ברענגען. מיר איז די זאַך געווען זייער פיינלעך. ערשטנס, האָב איך ניט ליב קיין גדולים (ווי ווייט בערנשטיין איז געווען פונם קלאַסישן טיפּ פון אַ „גדול", ווי איינפאַך און באַשיידן ער איז געווען, האָב איך נאָך ניט געקענט וויסן) און צווייטנס, בין איך נאַטירלעך

גאָר ניט געווען אַזוי אַלוויסנדיק אין דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, כדי צו באַפרידיקן דערין אַזאַ איינעם ווי בערנשטיין. איך געדענק ניט מער, ווי די זאַך האָט זיך וווייטער אַנטוויקלט, איך געדענק נאָר, אַז איין מאָל אין אַ שיינעם זונטיק בין איך געזעסן ביי בערנשטיינ׳ס שרייב־טיש (דאַן איז אין זיין קאַבינעט נאָך געשטאַנען איין שרייבטיש), און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַקאַנטשאַפט, פון וועלכער ס׳איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט מיר שפּעטער, באַזונדערס די לעצטע 12־13 יאָר, פאַרשאַפט אומפאַרגעסלעכע שעה׳ן.

שאַרף איינגעקריצט האָט זיך מיר אין זכרון דער ערשטער שמועס ביי זיין שרייבטיש. ער האָט מיך געבעטן אים געבוי אינפאָרמירן וועגן דעם כאַראַקטער פון דער פּעטערבורגער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל". לאָנ־דאָנער עמיגראַנטן האָבן אים דערציילט, אַז די „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" איז רעוויזיאָניסטיש, אַז די בלאַט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט. זיינען די רעדאַקטאָרן טאַקע פּעטערבורגער אַרבעטער? אָדער זיינען דאָס אינטעליגענטן? זיינען זיי סאָלידע, ערנסטע, צופאַרלעסיקע מענטשן? און וואָס ווייס איך וועגן דעם, אַז זובאַטאָוו, דער שעף פון שפּיאָנאַזש, רעקאָמענדירט זיין בוך („פאַראויסזעצונגען"...). ווי איז דאָס צו פאַרשטיין? פון איין זייט רעקאָמענדירט ער דאָס בוך, פון דער אַנדערער זייט פאַרשיקט ער קיין סיביר די אַרבעטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל"?

וועגן זובאַטאָוו׳ן איז בערנשטיין געווען גאַנץ אויבערפלעכלעך אינפאָרמירט, זיין פּראָוואָקאַטאָרישן שפּיל האָט ער, אָבער, אויסגע־צייכנט פאַרשטאַנען און האָט זיך ניט געניטיקט אין מיינע דערקלע־רונגען. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דורך זיינע פראַגעס וויל ער מיך קודם־כל עקזאַמענירן און וויל אויף אַזאַ אופן זיך קלאָר מאַכן, צי מען קען זיך אויף מיר פאַרלאָזן. דער עקזאַמען איז געווען אַ שווערער און האָט אַרומגענומען אַ ריי אַלטע און נייע וויכטיקע פראַגעס. זיכער האָבן אים ניט אַלע מיינע ענטפערס באַפרידיקט, אָבער דעם עקזאַ־מען האָב איך אויסגעהאַלטן. צום סוף האָט בערנשטיין אַריינגערופן זיין פרוי („גינע, קאָם מאָל ריין!") און האָט מיך פאַר איר פאַרגעשטעלט מיט די ווערטער: „דאַס איזט דער ריכטיגע מאַנן". ערשט שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ בן־בית, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. בערנשטיין האָט געטיילט אַלע זיינע פריינט און נאָענטע באַקאַנטע אין דריי קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע — די פּאָ־זיטיווע פאָרם — איז געווען: „דער ריכטיגע מאַנן" (אויך ווען דאָס איז געווען אַ פרוי); דער קאָמפּאַראַטיוו איז געווען „דאַס איזט מיין

מאַנן״, אָדער „דאָס איזט איין פּראַקטקערל״; דער סופּערלאַטיוו איז געווען: „דאָס איזט איין גאַנצער קערל״. דעם סופּערלאַטיוו האָט ער געברויכט זייער זעלטן, נאָר גאַנץ איינצלנע געציילטע פּאָליטיקער און דיכטער האָט ער אַזוי אָנגערופן.

קיין נעגאַטיווע כאַראַקטעריסטיק האָט ער פאַר מענטשן בכלל ניט געהאַט; קיין שלעכט וואָרט האָט ער ניט געזאָגט, נאָר ווען דאָס איז שוין דורכאויס נויטיק געווען, פלעגט ער זאָגן: „דאָס איזט ניכט דער ריכטיגע...״ אָדער: „דאָס איזט ניכט מיין מאַנן״...

פון דאַן אָן בין איך פאַר אים און פאַר זיין פרוי, און אויך פאַר זייער געטרייער דינסט (זי איז געווען ביי זיי אַרום 25 יאָר), געווען „דער ריכטיגע מאַנן״. אַנדערע געסט האָבן געהאַט זייערע נעמען. איך האָב צוליב קאָנספּיראַציע בכלל קיין נאָמען ניט געהאַט, און ווען איך פלעג קומען, פלעגט די פרוי אָדער די דינסט מיך אָנמעלדן ביי אים גאַנץ ערנסט: „דער ריכטיגע מאַנן איזט דאַ״.

געבעטן האָט ער מיך גלייך דאָס ערשטע מאָל, איך זאָל קומען פון צייט צו צייט אים פאָרלייענען אין אַ מינדלעכער איבערזעצונג די וויכטיקע אַרטיקלען פון דער רוסישער און פּוילישער סאָציאַליסטישער פּרעסע; ווען מעגלעך, אַלע אַרטיקלען פון אַקסעלראָד׳ן און פּלעכאַ־נאָוו׳ן. דאָס האָט געדויערט ביז סוף 1902, ווען כ׳בין אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

די באַקאַנטשאַפט האָב איך באַנייט אין 1906, נאָך מיין צוריק־קומען פון רוסלאַנד. בערנשטיין האָט דאַן געהאַט אַ ברענענדיקן אינ־טערעס צו די דומע־וואַלן: דאָס וואַל־געזעץ, די אַרבעטס־מעגלעכקייטן און שאַנסן פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די מאָטיוון פון זייער באָיקאָט־טאַקטיק. טיילווייז אויפן גרונד פון מיינע מינדלעכע און שריפטלעכע אינפאָרמאַציעס האָט ער אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל קעגן באָיקאָט, אין דער פאָרם פון אַן ענטפער אויף אַ ציר־קולאַר פון צ.־ק. פון „בונד״ אין דער באָיקאָט־פראַגע. אַזוי ווי איך בין מיט אים ניט מסכים געווען, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיין מאַ־נוסקריפּט און מיר פאָרגעלייגט ענטפערן אויף זיין אַרטיקל, כדי ביידע אַרטיקלען זאָלן גיין צוזאַמען. דעם ענטפער האָב איך, אָבער, געזאָלט אָנשרייבן גלייך אויפן אָרט, אין 2־3 שעה צייט. אַזאַ בריה בין איך ניט געווען. דאָס איז ווידער געווען אַן עקזאַמען, און דאָס מאָל האָב איך דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן.

בערנשטיינ׳ס אַרטיקל האָט זיך געדרוקט אין אַפּריל־נומער „סאָ־

ציאַליסטישע מאַנאַטסהעפטע״. געבליבן איז, אַז מיין ענטפער זאָל גיין אין מאַי־העפט. דערווייל האָט זיך, אָבער, די פּאָזיציע פון אונ־זער פּאַרטיי אין רוסלאַנד אין דער פראַגע אין גאַנצן געענדערט. עס איז שוין באַקאַנט געוועזן די רעזאָלוציע פון סטאָקהאָלמער צוזאַ־מענפאָר און די באָיקאָט־טאַקטיק האָט געפּלאַצט. עס איז שוין ניט געווען מער וואָס צו ענטפערן. בערנשטיין האָט אין דער באָיקאָט־פראַגע געזיגט „אויף אַלע פראָנטן״, — און מיין מאַנוסקריפּט איז „דערשינען״ ביי אים אין פּאַפּיר־קאָרב.

ווידער בין איך געווען ביי בערנשטיינ׳ען ערשט זומער 1907, ווען איך בין ווידער געווען אַ געוויסע צייט אין בערלין, און פון דאָס ניי ערשט אַנהויב 1913. דאָס גאַנצע יאָר 1913 ביז זומער 1914 האָב איך פאַרבראַכט אין בערלין און בין אָפט געווען ביי אים. געסט זיינען דאַן געקומען צו אים אַ סך מער, ווי דאָס איז נויטיק געווען. זיין קאַבינעט האָבן מיר דאַן אָנגערופן „די פּאַרלענגערטע רייכסטאַג־קולואַרן״, „אינטערנאַציאָנאַלער טרעפפּונקט צור אַרבייטס־פערהינדע־רונג״ און מיט פאַרשיידענע אַנדערע הומאָריסטישע נעמען. אַליין האָט ער שפּעטער — ביז צום טויט — אָנגערופן זיין אַרבעטס־צימער: „שטעטטע דעס ערנסטס״; זיין גאַסט־צימער — „שטעטטע דער פראַי־דע״; זיין שלאָפצימער — „שטעטטע דער טראַימע״.

איך האָב אָנהויב 1913 ניט געוואָלט ווערן קיין שטענדיקער אַריינ־גייער צו בערנשטיינ׳ען (צופיל געסט געווען), אָבער עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז חבר ליעסין האָט מיך געבעטן, איך זאָל דורכאויס פועל׳ן ביי בערנשטיינ׳ען, ער זאָל שרייבן פאַר דער „צוקונפט״. צוליב דעם אַליין האָב איך געמוזט אייניקע מאָל אַריינגיין צו אים און האָב זיך ווידער אַריינגעצויגן אין זיינע „קולואַרן״. בערנשטיין האָט דאַן פאַרשפּראָכן צו שרייבן פאַר דער „צוקונפט״; ער האָט עס, אָבער, געטאָן ערשט פיל שפּעטער.

אין גאַנצן אַ בן־בית בין איך געוואָרן ביי בערנשטיינ׳ען די לעצטע 12־13 יאָר, פון יאַנואַר 1920 ביז צו זיין טויט. דער 3ער דעצעמבער 1932 איז געווען בערנשטיינ׳ס לעצטער פריילעכער טאָג. דעם טאָג זיינען נאָך געווען ביי אים אייניקע ליבע געסט, ער האָט נאָך דערציילט אַנעקדאָטן, געזונגען אַלטע פריילעכע לידער און זיך געפילט גאַנץ גוט. צו זונטאָג, דעם 11טן דעצעמבער, האָט ער געוואָלט איינלאַדן צו זיך שמעון דובנאָוו׳ן מיט זיין אייניקל — אונזער יונגן חבר אַליא ערליך, פון וואַרשע — און נאָך אייניקע באַקאַנטע. מיט דובנאָוו׳ן



א. ליעסין

ב. וולאַדעק

האָט ער זיך פּערזענלעך באַקאַנט ערשט די לעצטע צייט, ער האָט, אָבער, אָפּט גערעדט פון אים און געהאַט צו אים די גרעסטע סימפּאַטיע. אָבער שוין דעם 4טן איז ער קראַנק געוואָרן — ווי עס ווייזט אויס, אויף לונגען־אַנטצינדונג. דעם 9טן האָבן זיך פּאַרמאַכט זיינע אויגן און מער האָט ער זיי שוין נישט געעפנט. ניין טעג איז ער נאָך געלעגן מיט פּאַרמאַכטע אויגן און שווער געאָטעמט. דעם 18טן דעצעמבער, 2 בייטאָג, האָט ער אויפגעהערט צו אָטעמען. אין דייטשלאַנד איז ער געווען דער לעצטער פון אַ גרויסער צייט. די לוויה איז געווען אַ פייערלעכע מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט באַוויזן, ווי געטריי דער יונגער דור שטייט צו דער אַלטער פאָן פון דער אומבאַזיגבאַרער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

* * *

צום סוף וועל איך נאָך איבערגעבן דעם לעצטן בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון בערנשטיין׳ען. דער בריוו ווייזט אונז די באַציאונג פון בערנשטיין׳ען צום אידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין פּוילן. דעם גרויסן אינטערעס צו די אידיש־וועלטלעכע שולן האָט ביי בערנ־שטיינ׳ען אַרויסגערופן חבר שלמה מענדעלסאָן, פון וואַרשע, דער פירער פון דער אידישער שול־אָרגאַניזאַציע. בערנשטיין איז אמת דאַנקבאַר געווען דעם חבר מענדעלסאָן, וואָס ער האָט פאַר אים געעפנט דאָס לעבן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן — זייער ביטערע נויט, זייער ענטוזיאַזם און זייער מסירת־נפש׳דיקן עקזיסטענץ־קאַמף. אָט איז דער בריוו:

בערלין־שענעבערג, באָצענער שטראַסע 18
27טן נאָוועמבער, 1928.

חשובער חבר...

עס פאַרדריסט מיר זייער, וואָס איך מוז אייך געבן צו וויסן, אַז עס איז מיר צוליב פאַרשיידענע סיבות אין גאַנצן אוממעגלעך צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג פאַר די אידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן. דאָס פאַרדריסט מיר גאַנץ באַזונדערס, ווייל איך האָב אַ גרויסן אינ־טערעס פאַר די שולן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן און ווערן אויסגע־האַלטן פון דער אידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן, און איך וואָלט גערן פון מיין זייט מיט עפּעס מיטגעהאָלפן, כדי די ווערט־פולע אינסטיטוציעס צו דערהאַלטן ביים לעבן. זאָגט, איך בעט אייך,

אַלע פריינט, וואָס האָבן מיך דורך אייך צו דער פאַרזאַמלונג איינגע־לאַדן, אַז איך בין זיי אויפריכטיק דאַנקבאַר פאַר דעם כבוד, וואָס זיי האָבן מיר דורך דעם באַוויזן, און גיט זיי אָפּ מיין פאַרזיכערונג, אַז איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט גערן גרייט זיין פאַר די אָנגע־רופענע שולן צו טאָן, וואָס עס וועט ליגן אין מיינע כוחות, אין וואָרט אָדער שריפט.

מיט די בעסטע וואונטשן פאַר דעם דערפאָלג פון דער פאַרזאַמ־לונג, וועלכער איך בעט אייך איבערגעבן מיין האַרציקסטן גרוס.

אין אַלטער פריינטשאַפט,

אייער עדואַרד בערנשטיין.

(פון „צוקונפט", אַווגוסט־אָקטאָבער, 1933).

א. ליעסין

מיט פערציק יאָר צוריק

ווען האָב איך געהערט דאָס ערשטע מאָל דעם נאָמען ליעסין ? איך קען זיך דאָס בשום אופן ניט דערמאָנען. איך רעכן, אַז אַזאַ נאָמען האָב איך דאָס ערשטע מאָל בכלל ניט געהערט, נאָר געזען — שוואַרץ אויף ווייס אויפן פּאַפּיר, און דאָס האָט געמוזט זיין אונטער אַ צופעליקער זאַך, וואָס האָט אויף מיר קיין שטאַרקן איינדרוק ניט געמאַכט און דעריבער ניט דערוועקט קיין באַזונדער אינטערעס צום מחבר.

געווען, אָבער, אַן אַנדער נאָמען, וואָס האָט זיך געהאַט טיף פאַרוואָרצלט אין מיין זכרון ; אַ נאָמען, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט מיט מוט און רעוואָלוציאָנערער ענערגיע ; אַ נאָמען, וואָס איז מיר אין מיינע יונגע יאָרן אומגעהויער טייער געווען, — דאָס איז דער נאָמען וואַלט. טייער איז מיר געוואָרן אָט דער נאָמען גאַנץ פּלוצ־לינג — אין דעם מאָמענט, ווען אין מיינע הענט זיינען אַריינגעפאַלן אַרום 15־20 שמאָלע בלעטלעך פּאַפּיר, ענג באַשריבן מיט רעוואָלו־ציאָנערע לידער. דער, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן די מאַנוסקריפּט־בלעטלעך, האָט מיר אָנפאַרטרויט דעם נאָמען פון מחבר : אַ געוויסער („ביעקי״) וואַלט !

געווען איז דאָס אַרום 1895. געלעבט האָב איך דאַן אין וואַרשע. דאָס, וואָס מען רופט אַ „טוער״ אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, בין איך דאַן נאָך ניט געווען. עס האָט מיך מעכטיק געצויגן אַהין, אָבער קיין ריכטיקע פאַרבינדונגען מיט די, וואָס האָבן אויף אַן אמת׳ן געאַרבעט, האָב איך ניט געהאַט. פון צייט צו צייט פלעגט אַריינפאַלן אין מיינע הענט אַן אומלעגאַלע פּוילישע אָדער רוסישע אויסגאַבע — יעדער מאָל איז דאָס געווען אַ גאַנצער יום־טוב. אגב, האָב איך געהאַט אַ געוויסע דערפינדערישקייט אין אַריינבאַקומען פון אויסלאַנד אַזעלכע אויסגאַבעס (איבער פינלאַנד, אויך דירעקט פון אויסלאַנד אויף פּיק־טיווע אַדרעסן און אויך אויף אַנדערע אופנים). די ווערטפולסטע פון יענע אויסגאַבעס איז פאַר מיר געווען די „ספּראַווע ראַבאָטניטשאַ״, די פּאַרטיי־בלאַט פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט אַרטיקלען פון ראָזאַ לוקסעמבורג.

איך בין געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון דער פּ. פּ. ס., מיט וועלכער איך וואָלט זיך זייער לייכט געקענט פאַרבינדן; די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צו וועלכער עס האָט מיך געצויגן, האָט, אָבער, צו יענער צייט אין וואַרשע קיין סימנים פון לעבן ניט אַרויסגעוויזן, און מיט אירע אָנהענגער האָב איך זיך אָנגעהויבן צו טרעפן ערשט שפּעטער.

צו דער צייט, פון וועלכער איך רייד דאָ, איז דער קרייז מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט, באַשטאַנען פון „מאָסקווער" און „לאָדזשער" האַנדלס־אָנגעשטעלטע און פון סטודענטן. די „מאָס־קווער" זיינען אַלע געווע מיט 4־5 יאָר פריער אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע, שטאַרק רוסיפיצירט, מייסטנס אינטעליגענטע, אָפטמאָל אויך סימפּאַטישע מענטשן; די „פאַרדייטשטע" לאָדזשער — כמעט אַלע קולטורלאָזע און מינדערווערטיקע עלעמענטן. די און יענע האָבן טריי געדינט איין גאָט — דעם גאָט פון פּראָפיט אין דער טעקסטיל־בראַנ־זשע, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ מעכטיקן אויפבלי. די סטו־דענטן זיינען געווען מייסטנס רוסיפיצירטע ליטוואַקעס.

אַליין ניט קיין „ריין־ראַסיקער" ליטוואַק און אויך ניט קיין פּוילישער, נאָר סתם אַ אידישער איד, האָב איך זיך געפילט אין וואַרשע אַ ביסל ווי אַ פרעמדער.

צו יענער צייט האָב איך זיך צופעליק באַקאַנט מיט אַ גרופּע ליטוואַקעס פון דער צאָן־דאָקטאָר־שול אויף דער קרולעווסקא גאַס. געקומען בין איך אַהין גאָר פּשוט אַלס פּאַציענט צו אַ סטודענט טעפּליצקי, וואָס האָט געהאַלטן ביים ענדיקן און האָט שוין פּראַק־טיצירט. טעפּליצקי האָט מיך באַקאַנט מיט אַ געוויסן שענדאַראָווי־דער, ווידער, מיט דער אַסיסטענטקע פון פּראָפעסאָר דזשעמס־לעווי, פּיימערין, אַ מינסקערין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער באַ־וועגונג אין מינסק און האָט אין וואַרשע וואָס געטאָן פאַרן רויטן קרייז. פּיימערין האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט פאַרשיידענע אַנ־דערע. געווען דאָרטן אַ סך פּוסטע פּראַנטן און פּראַנטיכעס. די איינציקע, מיט וועמען ס'האָט געהאַט אַ זין זיך נענטער צו באַקענען, זיינען געווען ווילנער און מינסקער. פון די ווילנער איז מיר גע־בליבן אין זכרון בערטאַ לוריע, שפּעטער אַ בונדיסטקע; פון די מינ־סקער — מאַרלינסקי, פרענק, פיין, פונדילער (אַ שוועגערין פון איוואַנ־שין); אַ סך אַנדערע נעמען האָב איך פאַרגעסן.

איינער פון די מינסקער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו מיר אויף אַ גלעזל טיי. אויף מיין טיש זיינען געלעגן פאַרשיידענע ביכער און

זשורנאַלן, דערין די וואַרשעווער „יום טוב־בלעטלעך”. אין איי־נעם פון די בלעטלעך איז געווען אַ סאַטיריש ליד פון פּרצ׳ן, וואָס איז דעם מינסקער ניט געפעלן געווען. איך גלויב, אַז דאָס האָט געמוזט זיין יענעס ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די צוויי שטאַרקע שורות:

פינצטער איז אין אונזער גושן,
פינצטער ווי אין ארון־קודש...

און וואָס אַנטוישט שטאַרק אינם ווייטערדיקן טעקסט.

זאָגט מיר דער ליטוואַק אומגעפּער אַזוי: „פּרץ וויל דאָ עפּעס וואָס זאָגן, אָבער ער קאָן ניט — ערשטנס צוליב דער צענזור, צווייטנס, ווייל ער קאָן טאַקע פּשוט ניט, וואָרעם סוף־כל־סוף איז ער ניט מער ווי אַ ראַדיקאַלער קליינבירגער. איך האָב אַנדערע לידער — „וואָט!” אויף אידיש איז נאָך אַזוינס ניט געווען.” — פון אים האָב איך עס שפּעטער באַקומען די מאַנוסקריפּט־בלעטלעך און געהער׳ט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען וואָלט.

די לידער זיינען געווען איבערגעשריבן מיט מורא׳דיקע גרייזן, וואָס האָבן שטעלנווייז אין גאַנצן פאַרקריפּלט דעם טעקסט. איבער אייניקע „שווערע” העבראַאישע ווערטער איז געווען אָנגעמערקט זייער אויסשפּראַך מיט רוסישע אותיות.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די לידער, האָב איך אין גאַנצן מסכים געווען, אַז זיי זיינען טאַקע אין אמת׳ן „וואָט!” זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק.

ריכטיק פאַרשטיין וועלן מיך נאָר די, וואָס האָבן אַליין איבער־געלעבט יענע צייט, אָדער וואָס זיינען לכל הפחות גוט באַקאַנט מיט דעם דעמאָלטיקן מצב פון דער אידישער מאָדערנער ליטעראַטור. אין פּאָליטישער הינזיכט איז די צייט געווען אַן אמת׳ער פרילינג. ווען דער בלוט־הונט פון גאַטשינע, דער געקרוינטער תליון אַלעקסאַנ־דער דער דריטער, האָט אויסגעהויכט זיין גיפטיקן אָטעם, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, ווי עס וואָלטן אין דער לופט זיך באַוויזן באַצילן פון פרייהייט. אין דער האַרטער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט זיינען קיין ערנסטע סמנים פון ענדערונג ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט מען פעסט געגלויבט, אַז עס וועט קומען אַן ענדערונג צום גוטן. אַזאַ האָפענונג איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך... און מען מוז צוגעבן, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך די האָפענונג באַרעכטיקט — לאַנג־זאַם, שריט ביי שריט. צוביסלעך, אָבער אין צען יאָר איז רוסלאַנד ניט געווען צו דערקענען.

דאָס איז געווען דער פרילינג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין

גאַנצן לאַנד; עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו באַווייזן אויך דער אָר־גאַניזירטער אידישער אַרבעטער.

וואָס האָט די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ — די ניט־אַסימילירטע, מיין איך — דעמאָלסט פאַרמאָגט? וואָס האָט זי גע־האָט צו געבן לייענען אַ אידישן אַרבעטער? דער פאַנטאַסטישער דערפאָלג פון די אָרעמינקע, מאַגערינקע „יום־טוב־בלעטלעך" ווייזט אונז, וואָס פאַר אַ מורא'דיקער הונגער נאָך אַ פרייען וואָרט עס האָט געהערשט ביים אַרבעטער און ביים פּראָלעטאַרישן אינטעליגענט.

אין קליינע קרייזלעך זיינען באַקאַנט געווען אייניקע אידישע רעוואָלוציאָנערע לידער; די מאַסע האָט זיי ניט געקענט. דאָס אי־דישע רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס פלעגט אָנקומען פון אַמעריקע (געוויינטלעך — אַן אויסשניט פון אַן אַנאַרכיסטישער ציטונג אין אַ פּאָר־מאַכטן בריוו), איז געווען אַזוי פאַרדייטשמערישט, אַז אַ פּראָסטער פאָלקס־מענטש וואָלט עס אין גאַנצן ניט פאַרשטאַנען. און די רע־וואָלוציאָנערע שטימונג האָט געפאָדערט אַ ליד, ווי די לונגען — פרישע לופט. וואָס פאַר אַ הילצערנע גראַמען עס האָבן דאַן קורסירט, איז איצט פּשוט שווער זיך פאָרצושטעלן. אָט, למשל, וואָס עס האָט זיך געפונען אין דער פּראָלעטאַרישער „טאָרבע מיט גראַמען" פון יענער צייט:

„זאָגט, אַרבעטער־איזראַעליטן"...

— — — — — — — — — — —

„איר, וואָס לעבט פאַרגרעבט
אין דער אייביקער נויט,
אין נויט, וועלכע קלעפּט
צו אייך, בעת איר שוועבט
צווישן לעבן און טויט"... א. אַז. וו.

און דאָס האָט אָנגעשריבן ניט אַבי ווער, נאָר דער „געבילדעטער איראָפּעער"... און ער האָט ניט געפילט, אַז אויף אַזאַ גראַפאָמאַנישן שונד וואָרט מיט אומגעדולד זיין פאַפיר־קאָרב. ניין, ער האָט עס געדרוקט, און ליימענע קאָליקעס האָבן עס געלערנט אויף אויסעווייניק.

און אָט אין דער צייט, ווי אַ פרישער רעגן נאָך אַ טריקעניש, האָט זיך באַוויזן דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד פון מינסקער יונגן דיכ־טער. עס האָט געלעבט אין זיין ליד דער גייסט פון מוטיקן קאַמף און די ליבע צו די, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט. יעדערער, וואָס איז גרייט געווען זיך צו שטעלן אין די רייען פון דער קעמפנדיקער מחנה, איז געווען אַ קאַנדידאַט צו „פאַלן אין שלאַכט", און וועגן זיך

גופא האָט יעדער איינצלנער געפונען אין יענע לידער אויפמונטערונג און טרייסט. און אידיש זיינען זיי געווען! דאָס זיינען ניט געווען קיין איבערגעמאָלעוועטע פּרייסיש־מיליטערישע אַרבעטער־לידער (ווי, למשל, „די אַרבעט, האָך!" — וועמעס „אידיש" דאָס איז, געדענק איך ניט). די מינסקער רעוואָלוציאָנערע לידער זיינען געווען פאָלקס־טימלעך־אידישע לויט דער שפּראַך און אַלגעמיין־רוסלענדישע לויטן אינהאַלט, און דעריבער האָבן זיי אַזוי שטאַרק געווירקט.

ווער פון אונז האָט ניט געהאַט אין זיינע ערשטע שריט אין דער באַוועגונג אַ חבר, אַ פריינט אין טורמע, אין סיביר? און אָט זינגט אונז וועגן אים דער אומבאַקאַנטער מינסקער דיכטער:

אין לאַנד, וואו ס'קייקלט די לענאַ\
איר מעכטיקן וואַסער דעם קאַלטן —\
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטע\
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

עס ציט זיך דער ענדלאָזער ווינטער\
אין ווילדער, אין העלישער מאַכט;\
עס ציט זיך דער ענדלאָזער חושך,\
דער אומעט פון אייביקער נאַכט.

דער פאַרשיקטער האָט איבערגעלאָזן אַ נאָענטע חבר'טע, אַ כלה. מיר קענען זיך מיט איר. מיר באַגעגענען זיך מיט איר און מיר ווייסן זייער גוט, וואָס זי לעבט איבער. אָבער ווער וואָלט עס גע־קאָנט זאָגן אַזוי איינפאַך, און דערביי אַזוי רירנדיק און אַזוי צאַרט, ווי דער מינסקער האָט עס געזאָגט:

זי זיצט און זי טראַכט פון דער לענאַ,\
פון טונקעלן צפון דעם קאַלטן;\
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטע\
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

זי שטייט דאָרט אַ שפּיל פאַרן שטורעם,\
פאַרוואָרפן אין מיטן דעם פעלד;\
עס שמאַכט דאָרט אין שרעקלעכן עלנט\
דער קראַנקער, דער שטאַרבנדער העלד.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט, אָבער, געמאַכט די פּאָעמע „מאַר־טירער־בלוט". דאָס האָט זיך געלייענט ווי אַ טרויער־מאַרש, גע־ווידמעט דעם אָנדענק פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ווי אַ רוף צום קאַמף, ווי אַן אָנזאָג אויף נקמה און באַפרייאונג. מען האָט די פּאָעמע גוט פאַרשטאַנען, און דערפון נעמט זיך, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי

פּאָפּולער, וואָס זי האָט געשריבענערהייט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט.

דאָס העקטאָגראַפירטע ביכעלע „מאָדערנע לידער"

צוויי אָדער דריי יאָר נאָך דעם, ווי איך האָב געהאַט אין מיינע הענט די מינסקער מאַנוסקריפּט־בלעטלעך, איז צו מיין גרעסטער איבערראַשונג אַריינגעפאַלן צו מיר דאָס העקטאָגראַפירטע ביכעלע „מאָדערנע לידער", אַרויסגעגעבן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין 1897 אין מינסק. . . .

. . . אין העקטאָגראַפירטן ביכעלע האָב איך געפונען אַ טייל פון די לידער, וואָס איך האָב שוין פריער געהאַט אין מאַנוסקריפּט, אָבער ניט אַלע, און אויך אַ היפּש ביסל נייע לידער, ניט קיין רעוואָלוציאָנערע. די מאַנוסקריפּט־בלעטער האָב איך צו יענער צייט שוין ניט מער געהאַט, אָבער די לידער האָב איך געקענט כמעט אַלע אויף אויסעווייניק. דאָס ביכעלע האָט זיך אויך ניט לאַנג געהאַלטן ביי מיר. דעם זעלביקן זומער האָט מען עס ביי מיר צוגענומען. אַ צווייטן עקזעמפּלאַר פון ביכעלע האָב איך באַקומען צו זען ערשט מיט אַן ערך דריי יאָר שפּעטער, אין אויסלאַנד, אין בערלין, אין די הענט פון חבר דזשאַן — דעם גרינדער און ערשטן זאַמלער פון בונדישן אַרכיוו. יענער עקזעמפּלאַר, אפשר דער איינציקער אויף דער וועלט, ליגט איצט פאַר מיינע אויגן; אַ קאָפּיע געפינט זיך ביים חבר ליעסין.

אָבער דערווייל האַלטן מיר נאָך ביי וואַרשע. עס איז אַרום פּסח 1898. מיר געפינען זיך אויף סוועטאָיערסקאַ, אין פרידמאַנ'ס הויז (צו יענער צייט דאָס גרעסטע הויז אין וואַרשע), אויפן פינפטן עטאַזש, און אויף מיין קושעטקע ליגט און שלאָפט דער צאַרישער אונטער־אָפיצער, דער געטרייער באַשיצער פון קייזערלעכן „טראָן און פאַטער־לאַנד", וואָס האָט מיר געבראַכט דאָס ביכעלע... די סצענע האָט זיך אַזוי אָפּגעפרישט אין מיין זכרון, אַז איצט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, דוכט מיר, אַז הינטער מיין רוקן הער איך, ווי ער אָטעמט.

עס וואָלט אפשר אַ ביסל אינטערעסאַנט געווען צו דערמאָנען דאָ, דורך וועמעס הענט דאָס ביכעלע איז דורכגעגאַנגען אין וואַרשע. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס ביכעלע געווען, צווישן אַנ־דערע, אין די הענט פון אַזאַ איינעם, וואָס איז היינט אַ קאַטוילישער פּריידיקער. איך ווייס ניט, צי ער איז אַן אָפיציעלער קסיאָנדז, איך

ווייס נאָר, אַז ער איז אַ רעליגיעזער פּריידיקער. איך ווייס אויך ניט, וואָס פאַר אַ שטעלונג ער האָט איצט צום אַנטיסעמיטיזם. פּאַרן קריג האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין קאַמף קעגן „סאָציאַל־ליטוואַצטוואָ”. אַזוי האָט ער אָנגערופן דעם אַנטי־פּאַטריאָטישן מאַרקסיזם, וואָס ווערט אין פּוילן פאַרשפּרייט כלומרשט דורך „ליטוואַקעס, דורך לאַנד־פרעמדע אידן”... מיר דוכט, אַז אין קיין שטאָט אויף דער וועלט זיינען ניטאָ אַזוי פיל רענעגאַטן, ווי אין וואַרשע, אַ דוחק אין משומדים איז דאָרטן מסתמא אויך ניטאָ.

איך וועל דאָ פאַרמערקן דעם ווייטערדיקן גורל פון יענעם עקזעמפּלאַר „מאָדערנע לידער”.

דעם זעלביקן זומער בין איך געפאָרן אויף מערערע וואָכן צו מיינעם אַ קרוב אין זשלאָבין, אַ שטעטל ביי דער ליבאַווע־ראָמנער באַן, צווישן באָברויסק און האָמעל. מיין קרוב, צו יענער צייט אַ בונדיסט (איצט אַ קאָמוניסט), איז געווען דער איינציקער אָרטיקער אינטעליגענט. אויסער אים איז געווען נאָך אַ איד מיט אַ דיפּלאָם פון אַן אוניווערסיטעט, אָבער מען האָט אים אויסגעמיטן און צו זיין נאָמען פלעגט מען צוגעבן אַ שאַרפן רוסישן זידלוואָרט; מיט 6־7 יאָר שפּעטער וואָלט מען אַזאַ איינעם אָנגערופן שוואַרץ־מאה׳ניק. אין 1898 האָט נאָך אַזאַ טערמין ניט עקזיסטירט, יעדנפאַלס ניט אין טעגלעכן געברויך. מען וואָלט דאָרטן געקאָנט שטאַרבן פון אומעט, ווען ניט די גרופּע אָרטיקע אידישע לערער און לערערינס. דאָס זיינען געווען אַרום 5־6 בחורים און 2 מיידלעך. אַלע געקומענע פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיי אין זשלאָבין געגעבן „אוראָקן” און גלייכצייטיק מיט גרויס התמדה זיך אַליין געגרייט צו עקזאַמענס. יעדער אָוונט פלעגן זיי אַריינקומען צו מיין קרוב, זיך אַוועקזעצן אַרום סאַמאָוואַר און לייענען אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, אַ בוך. צוזאַמען מיט זיי פלעגט אַריינקומען די אָרטיקע אַקושערקע פונדילער, אַן ערנסטע מיידל, אַ מינסקעריק, מיט סימפּאַטיעס צו די עס־ערן. אָפט פלעגט אַריינפאָרן ווער פון האָמעל, פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. איין מאָל אָדער צוויי מאָל איז אַריינגעפאָרן באַרטאָשקין, קאַרפּאָוויטש׳עס אַן אינטימער פריינט, אָבער, ליידער, שוין דאַמאָלסט אַ שיכור און אַ שנאָרער, שפּעטער אַ פּראָוואָקאַטאָר (אין גערשוני׳ס פּראָצעס פון 1904 איז ער שוין אָפן אויפגעטראָטן אַלס אַגענט פון דער אָכראַנע). געווען נאָך אַ פּאַרדעכטיקע פּערזאָן; דורכפאָרנדיק פון מינסק קיין ביכאָוו (פון זשלאָבין איז מען געפאָרן קיין ביכאָוו מיטן דאַמפּער אויפן דניעפּער), האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רוסישע פרוי ראָדיאָנאָוואַ, אַ פריינדין פון דער

אַלטער (שוין דעמאָלט אַלטער) ברעשקאָווסקאַיאַ, ווי זי האָט זיך פאַר־געשטעלט. זי איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, די פרוי פון אַפּטיי־קער קליטשקאָ אין ביכאָוו. געקומען איז זי זאַמלען געלט פאַר פּאָ־ליטישע פאַרשיקטע. זי איז געווען אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע, אָבער...
אין אַ פיר יאָר שפּעטער איז געווען געמאָלדן אין דער פּרעסע, אַז זי דינט אין דער אָכראַנע. געווען שפּעטער קלאַנגען, אַז די מעלדונג איז ניט אין גאַנצן ריכטיק; אַ מעלדונג וועגן רעאַביליטאַציע איז ניט געווען. נאָך איר דורכפאָרן איז קיין זשלאָבין אַראָפּגעקומען פון מינסק די „מיטללענדישע עסקאַדרע" — אַן אַפּטיילונג זשאַנדאַרמען, געווען הויז־זוכונגען און פערזענלעכע פאַרהערן, אָבער מ'האָט קיינעם ניט אַרעסטירט. מיטן איין וואָרט: עס האָט דאָרטן אויסגעזען ניט פיל אַנדערש, ווי אין יענער צייט אין יעדער אַנדער שטאָט און שטעטל.

יעדער אָוונט פלעגט ביי אונז אַוועק מיט די לערער אַ פּאָליטי־שער שמועס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אַז דער צאַריזם פאַר־דינט אַ מיתה משונה — דאָס איז זייער לייכט געווען צו פועל'ן ביי די לערער; אַזאַ „רעזאָלוציע" וואָלט אַנגענומען געוואָרן אָן דעבאַטן. אַ רוסישער „סלוזשיטעל", וואָס האָט געפירט מיין קרוב'ס בחור'שע ווירטשאַפט, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און אַזוי ווייטער, וואָלט אויך געשטימט פאַר אַזאַ „רעזאָלוציע", און טאַקע גאַר אויפריכטיק.

אין אונזער „טאָג־אָרדענונג" איז, אָבער, געשטאַנען נאָך אַ פּונקט: די לייזונג פון דער אידן־פראַגע. און די דאָזיקע פראַגע האָט געמוזט געלייזט ווערן קלאָר און ענדגילטיק... געוויס וועט די רוסישע רעוואָ־לוציע אַמאָל (אָבער טאַקע ווען?!) באַפרייען אויך די אידן. „אָבער די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קאָן זיין דערפאָלגרייך נאָר אַלס רוסישע רעוואָלוציע". זאָלן מיר אפשר דאָ, אין זשלאָבין אָדער אין ראָגאַ־טשאָוו — דעבאַטירט מיט מיר אַ לערער — הרג'ענען אַ פּריסטאַוו? גיט אים בעסער 25 קאַרבן, וועט ער זיך אַוועקשטעלן אין מיטן מאַרק און וועט שרייען צוזאַמען מיט אייך „דאָלאָי!" ניין, נאָר דער רוסישער אַרבעטער מוז עס מאַכן, און נאָר אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. געוויס, יעדער איינצלנער, אַ איד צי אַ טאָטער, מוז העלפן דער רו־סישער רעוואָלוציע. אָבער אַ באַזונדערע אידישע אָרגאַניזאַציע איז דירעקט שעדלעך... אויב עס גייט אין דעם, רוסלאַנד זאָל זיך באַ־פרייען פון צאַריזם, וועט דאָס קענען דערגרייכן נאָר דער רוסישער אַרבעטער, דער רוסישער פּויער. אויב, אָבער, עס גייט אין ווייטערע אי־דיש־נאַציאָנאַלע צילן, אין קיום פון אידישן פאָלק און אַזוי ווייטער

טער, — האָט דאָס מיט רעוואָלוציע גאָר ניט צו טאָן. איז דאָס ציוניזם. כמעט דער גאַנצער יונגער עולם, וואָס זיצט אַרום סאַמאָ־וואַר, איז — אַבסטראַקט און עטוואָס אומבאַוואוסט — פאַר אַסימילאַ־ציע. איינער איז אַ הייסער ציוניסט. ער גופא רופט זיך אָן „אידיי־שער פאַטריאָט“, דער טערמין „ציוניסט“ איז אין דער סביבה נאָך ניט פּאָפּולער. אויך דער אויסדרוק „נאַציאָנאַליסט“ איז ביי זיי נאָך ניט פּאָפּולער. אָנשטאָט דעם זאָגן זיי „שאָוויניסט“, אָבער גאַנץ גוטמוטיק, אָן אַ כוונה צו באַליידיקן.

דער בונדישער געדאַנקענגאַנג: אַ באַזונדערע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיין־רוסלענדער רעוואָ־לוציאָנערער פּאַרטיי; קעגן אַסימילאַציע און קעגן ציוניזם; קאַמף פאַר פרייהייט פון אידישן פאָלק אָט דאָ גופא אויפן אָרט, — דאָס אַלץ איז געווען לייכט פאַרשטענדלעך און איבערצייגנדיק, ווען מען האָט געזען און געפילט דעם קאָנצענטרירטן כח פון די אידישע אַרבעטער אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף אין די גרעסערע שטעט: ביאַליסטאָק, ווילנע, גראָדנע א. אַנד., אָבער ס׳איז נויטיק געווען, כדי עס תופס צו זיין, אַ געוויסע פּאָליטישע בילדונג. דאָס יונגוואַרג האָט דעם קאַמף פון די אידישע אַרבעטער נאָך ניט געהאַט געזען, אויסער איינעם אָדער צוויי פון זיי, וואָס האָבן עס יאָ געהאַט געזען, אָבער עטוואָס פונדערווייטנס, אין קיעוו און אין יעקאַטערינאָסלאַוו; און זייער פּאָליטישע בילדונג איז אודאי געווען זייער מאַנגלהאַפט.

עס איז ניט שווער געווען צו פאַראינטערעסירן זיי מיטן „בונד“, מיט זיין צוגאַנג צו אונזער „טאָג־אָרדענונג“, — און צו אַ ווייטערדיקער פאַרשטענדיקונג אויף דער בונדישער ליניע איז מיר, צו מיין גרעס־טער איבערראַשונג, זייער שטאַרק צוניץ געקומען דאָס מינסקער העק־טאָגראַפירטע ביכעלע „מאָדערנע לידער“, וואָס איך האָב געהאַט מיט־געבראַכט מיט זיך. די לידער און די פּאָעמעס האָבן פאַר זיי ווי אַראָפּגענומען אַ פאַרהאַנג פון אַ פאַרבאָרגענער וועלט, און עס זיינען נאָענט און טייער געוואָרן די שטימונגען און שטרעבונגען פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען ניט עפּעס צופעליקע לידער, וואָס זיינען אנטשטאַנען אין דער פאַנטאַזיע פון אַ צופעליקן דיכטער. עס איז קלאָר געווען, אַז די לידער שפּיגלען אָפּ די קאָלעקטיווע נשמה פון אַ גרויסער פּראָלעטאַריש־אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. שוין

*) דעם נאָמען „בונד“ האָט מען דאַן, ווי ווייט איך געדענק, נאָך ניט גע־ברויכט; מען פלעגט זאָגן „אַרבעטער־בונד“.

אין אַ פּאָר טעג אַרום הער איך אַמאָל, ווי זיי זינגען פריילעך מיט אַ צוגעפּאַסטן ניגון דאָס לידל „ר׳ כאַצקל לאַטוטניק״:

...דאָס לעבן אַרום, עס שפּריצט און עס בליצט
אין שיינעם אין רייכן קוואַרטאַל;
רב כאַצקל, ער זיצט און שטעכט אַלץ און שוויצט
צען קלאַפּטער אַזש טיף אין פּאַדוואַל.

ער שטעכט אַלץ און שלעפּט מיט שוויס און מיט מי
דעם פּאַדעם אַראָפּ און אַרויף,
און האָט זיין געצאָלט ניט מער, ווי אַבי
דערהאַלטן די נשמה אין גוף.

אַליין קינדער פון דער אָרעמקייט, האָבן זיי דאָס לידל שטאַרק ליב באַקומען. געווים, דאָ איז ניטאָ קיין קאַמף קעגן די „צען קלאַפּטער אַזש טיף אין פּאַדוואַל״. אָבער רב כאַצקל איז אַן אַלטער שניי־דער, האָט עס ניט געשטערט: — קאַמף איז אַן ענין פאַר יונגע.

שטאַרק אויסגענומען האָבן אויך די קופּלעטן „דער אידישער פּאַרשטייער״:

אַ מענטשן־פריינט אַ הייסינקער — כמעט אַ ליבעראַל.
ער רייסט און בייסט און שלעפּט פּראָצענט — און דאגה׳ט פאַרן כלל...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ דאַנק דעם גרויסן גוטן גאָט,
וואָס העלפט אים אויס אויף יעדן טראָט
און מערט און מערט זיין גוטס,
אַ דאַנק, להבדיל, אויך דעם גוי,
דעם אַלערשטאַרקסטן גאָראָדאָוואָי,
וואָס האַלט אים אונטערן שוץ...

און אין וואָס העלפט אים דער אַלערשטאַרקסטער גאָראָדאָוואָי?

צו קריגן אונז אַ אידיש־לאַנד,
צו גיין מיטן פּריסטאַוו אונטערן האַנט...

דאָס איז געשריבן געוואָרן נאָך מער ווי מיט 40 יאָר צוריק, אָבער דאָס האָט געקאָנט געשריבן ווערן אויך נעכטן. דער טיפּ אידישער „פּאַרשטייער״ איז אַן אומשטערבלעכער. דאָס איז דער איצטיקער פּוילישער סאַנאַציע־אידל. ווער עס קען אים ניט, וועט אים געפינען אין חבר שעפּנער׳ס מייסטערהאַפטע פעליעטאָנען, וואָס דאַרפן איצט אַרויס פון דרוק אין בוך־פאָרם, אין פאַרלאַג פון „בונד״ אין וואַרשע.

* * *

ביי מיין אָפּפאָרן פון זשלאָבין האָב איך געוואָלט צוריק באַקומען דאָס ביכעלע. לאָזט זיך אויס, אַז איינער פון די לערער האָט עס

אויף אַ לייכטזיניקן אופן אָפּגעשיקט אין אַן אַנדער שטאָט (האָמעל אָדער באָברויסק). איך האָב זיך געדאַרפט פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט אין מינסק, און דער לערער האָט מיר הייליק פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט מיר מיט אַ גוטער געלעגנהייט אַהין צושיקן דאָס ביכעלע. איך האָב עס ניט צוריק־באַקומען, אָבער דערוואוסט האָב איך זיך שפּעטער, אַז אין מינסק האָט זיך דאָס ביכעלע באַקומען. דער מאַרשרוט פון יענעם עקזעמפּלאַר „מאָדערנע לידער" איז, אַלזאָ, געווען: מינסק — אַן אומבאַקאַנטער פּונקט — דאָרפּאַט — וואַרשע — זשלאָבין — האָמעל אָדער באָברויסק — מינסק.

איצט ליגט פאַר מיר דער עקזעמפּלאַר „מאָדערנע לידער", וואָס געפינט זיך אין בונדישן אַרכיוו, נומער 403 לויטן קאַטאַלאָג. איבער־געשריבן די לידער מיט העקטאָגראַפישער טינט האָט פּאַוועל בערמאַן. איך באַהויפּט עס אויפן גרונט פון דער האַנטשריפט, וואָס איז מיר גוט באַקאַנט.

מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט ליעסינ׳ען

סוף 1900, שוין אין אויסלאַנד, איך רעכן — פון אברהם קיסינ׳ען, נאָך זיין צוריקקומען פון אַמעריקע, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ליעסין איז דאָס דער מינסקער וואָלט. אָבער ערשט פיל שפּעטער האָב איך אָנערקענט ליעסינ׳ען „דע פאַקטאָ און דע יורע" אַלס רעכט־מעסיקן יורש פון יענעם מינסקער וואָלט — מיט אַלע קאָנסעקווענצן. געווען איז דאָס אין ווילנע, אין 1905, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט זיין פּאָעמע „דער עקספּלואַטאַטאָר" *). דאָס איז געווען דער דירעקטער המשך פון די מינסקער מאָטיוון, אָבער שענער און טיפער און רייפער. דער פרעמדער נאָמען האָט ניט מער געשטערט.

אין אַווגוסט 1906 האָב איך זיך באַגעגנט מיט ליעסינ׳ען אין לעמבערג, אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואוהין ער איז געקומען אַלס דעלעגאַט פון אַמעריקאַנער בונדישן צענטראַל־פאַר־באַנד, צוזאַמען מיט חבר פּערלשטיין. מיר האָבן ניט געפילט, אַז דאָס זיינען „אַמעריקאַנער". זיי זיינען ביידע געווען אין גאַנצן אייגענע מענטשן.

...נאָכן בונדישן צוזאַמענפאָר האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן חבר ליעסין אין מאַנהיים, אויפן דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־צוזאַ־

---

*) געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" סוף 1897, איבערגעדרוקט אין פּעטערבורגער „דאָס לעבן" ענדע 1904 אָדער אָנפאַנג 1905. — **רעד.**

מענפאַר, און פאַרבראַכט דאָרטן די צייט צוזאַמען מיטן חבר יודין, וואָס איז געקומען אַהין אַלס דעלעגאַט פון צ. ק. פון „בונד", מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרט (דעלעגאַט פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) און מיט א. ש. זאַקס (קאָרעספּאָנדענט פון דער ווילנער בונדישער „פאָלקסצייטונג"). אויף אַ פּאָר טעג איז געווען צו אונז אַריינגע־פאָרן קיין מאַנהיים אַ יונגע חבר'טע פון פראַנקפורט־אַם־מאַין. דאָס איז געווען סאָניאַ ראַבינאָוויטש, אַ טאָכטער פון שפּ"ר (שאול פּנחס ראַבינאָוויטש, איבערזעצער פון גרעץ'ן אויף העברעאיש). זי האָט שפּעטער טראַגיש פאַרענדיקט איר לעבן אין אַ דייטשער טורמע.*)

קורט אייזנער האָט וועגן איר געשריבן: דאָס איז געווען אַ הערלעכער, איידעלער, ווילנס־שטאַרקער און דערביי אומענדלעך באַשיידענער מענטש, וואָס האָט גענומען אויף זיך די שווערסטע און אומדאַנקבאַרסטע אַרבעטן פאַר דער פּאַרטיי.

דער מאַנהיימער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט באַגריסט מיט אַ שטו־רעמדיקער אָוואַציע ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס איז אָקערשט געווען צוריק־געקומען אַ באַפרייטע פון רוסלאַנד. די אָוואַציע איז פאַרקלונגען און פאַרגעסן. דאָס איז, אָבער, אויך די גענויע דאַטע, ווען אונטער איר אָנ־פירונג פאָרמירט זיך אין דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַר־טיי פון דאָס ניי אַ לינקער פליגל, וואָס זוכט דאָס מאָל זיינע אַרגו־מענטן אין דער פּראַקטיק פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע (מאַסן־סטרייק) און גייט זיך אין גיכן פונאַנדער מיט קאַרל קאַוטסקי — אויף שטענדיק, און וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער און שאַרפער.

---

*) זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ דייטשן פּראָפעסאָר (לערך), דורך דעם איז זי געוואָרן אַ דייטשע בירגערין, און זי האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער ס"ד אַרבעט אין דרום־דייטשלאַנד. בשעת'ן קריג האָט זי געהאָלפן בויען די אומאָפּ־הענגיקע פּאַרטיי און איז אַרעסטירט געוואָרן. איר מאַן האָט זיך פריער מיט פּאָליטיק ניט אינטערעסירט, אָבער בשעת'ן קריג איז ער געוואָרן אַ מורא'דיקער שאָוויניסט. ווען מען האָט זי אַרעסטירט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס איז אַ חרפּה פאַר אַ דייטשן פּאַטריאָט צו האָבן אַזאַ פרוי, און האָט זיך מיט איר געט'גט. די פּראָצעדור פון גט'ן זיך מיט אים בשעת זי זיצט אין טורמע, זיין נידערטרעכטיקע האַנדלונג, דער חשד וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזן אויף דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בשעת'ן קריג — דאָס אַלץ האָט אויף איר געמאַכט אַזאַ שווידערלעכן איינדרוק, אַז זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אין מערץ 1918, אַכט מאָנאַטן פאַר דער דייטשער רעוואָלוציע.

דעם „גייסט" פון דייטשן פּאַטריאָטיזם האָט זי באַקומען צו שפּירן מיט אַ היפּשע 15 יאָר פריער ווי אַנדערע...

פון די ייִנגערע דעלעגאַטן איז אין מאַנהיים געווען דער אינ־טערעסאַנטסטער לודוויג פראַנק, „דער באַדישער לאַסאַל", געפאַלן אַלס פריַיוויליקער גלייך אין אָנהויב פון וועלט־קריג אויפן פראַנ־צויזישן פראָנט. ווי מיר זעען, איז חבר וולאַדעק אין דער גרויסער וועלט פון סאָציאַליזם — אין דער מלוכה, וואו די זון גייט קיין מאָל ניט אונטער — ניט געווען דער איינציקער „יונגער לאַסאַל". געווען אויך אַ רוסישער יונגער לאַסאַל: סאַנדאָמירסקי (מ'האָט אים גערופן אויך „רוסישער בעבעל"). ווען די געשיכטע פון דער דייטשער אַר־בעטער־באַוועגונג וואָלט געווען אין אַנדערע לענדער אַזוי גוט באַ־קאַנט, ווי אין רוסלאַנד, וואָלט מען געהאַט נאָך אַ פּאָר אַנדערע יונגע לאַסאַל'ס.

פיר פון די מאַנהיימער דעלעגאַטן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן נאָך אין 1919 — אין פריַיען דייטשלאַנד. לוקסעמבורג, ליבקנעכט, אייזנער און האַזע. די בלוטיקע האַנט פון די מערדער איז שוין דעמאָלט שטאַרק געווען.

* * *

נאָך מאַנהיים איז אַ. ליעסין געקומען אויף אייניקע חדשים קיין זשענעווע, וואו עס האָט זיך געפונען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד". מיר זיינען אַלע זייער צופרידן געווען דערמיט, באַ־זונדערס באָריס פרומקין, וואָס איז באַפריינדעט געווען מיט ליעסינ'ען נאָך אין דער מינסקער פּיאָנערן־צייט פון דער באַוועגונג. דער אויס־לענדישער קאָמיטעט איז דאַן געווען אַ גאַנץ קליינער: דזשאָן, ב. פרומקין, מ. ווינאָקור און דער שרייבער פון די שורות. געאַרבעט האָבן מיר זייער אינטענסיוו. אונדזער „טעכניקער" איז געווען דער חבר „אַמעריקאַניעץ" (קראַשינסקי). ער איז געווען אונזער העקטאָ־גראַפירער און עקספּעדיטאָר, געהאַלטן אין אָרדענונג דעם אַרכיוו און די ביבליאָטעק.

אין ביוראָ פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז געווען איינגעאָרדנט פּאָר גאַנץ נאָענטע חברים אַ באַזונדערער לייען־צימער מיט אַ דריַי־סיק־פערציק צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס פלעגן אָנקומען פון אַלע עקן וועלט, הויפּטזעכלעך פון רוסלאַנד. דער צענטראַלער נערוו פון אונזער באַוועגונג איז דאַן געווען די ווילנער „פאָלקסצייטונג". יעדער מאָרגן איז חבר ליעסין געקומען צו אונז דורכקוקן די צייטונגען, קודם־כל די „פאָלקסצייטונג" און די פּעטערבורגער צייטונגען „פריַינד" און „ריעטש".

איין מאָל האָט חבר ליעסין איבערגעלייענט אין דער „פאָלקסצייטונג" אַ קאָרעספּאָנדענץ פון באַלטישן געגנט פון אַ שטעטל בויסק, וואוהין ס'איז געווען געקומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע, אונטער דער אָנפירונג פון אַ באַלטישן באַראָן, כדי זיך אָפּצורעכענען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער „חוצפּה", וואָס דאָס שטעטל האָט געהאַט אַרויסגעוויזן אין אָקטאָבער־נאָוועמבער 1905, ווען דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר פון באַלטישן געגנט איז געווען אַ קורצע צייט חבר „מאַקסים" (סעמיאָן קליוואָנסקי), וואָס איז, אגב, צוזאַמען מיט חבר לעניןדאַמאָלסט געווען אין זשענעווע און איז כמעט יעדער פרימאָרגן געזעסן מיט אים ביי דעם זעלבן טיש און געלייענט די זעלבע צייטונגען.

די שטראָף־עקספּעדיציע איז אין יענעם שטעטל געקומען מיט אַ פאַרטיקער „פּראָסקריפּציאָנס־ליסטע" — אַ רשימה מיט די נעמען פון די, וועמען צו דערשיסן אָן שאלות ומעלות. דער גרעסטער טייל פון די פאַראורטיילטע איז שוין געווען אַנטלאָפן. די, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער עקספּעדיציע, זיינען גלייך דערשאָסן געוואָרן, דערין אַ לעטישע פרוי, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, דער שמיד שמואל פרידמאַן און מיינער אַ קרוב אַבע בערקאָוויטש, אַ תבואה־הענדלער און אַ פּראַצענטניק, — אַ מענטש, וואָס האָט צו דער רעוואָלוציע אַבסאָלוט קיין שייכות ניט געהאַט. מיט בערקאָוויטש'ן האָט דער באַראָן געהאַט ריין־פּריוואַטע חשבונות: דער באַראָן איז אים שולדיק געווען געלט אויף וועקסלען, האָט ער אים אַריינגעשטעלט אין דער רשימה און אים געלאָזט דערשיסן, כדי זיך צו באַפרייען פון אַ חוב. וועגן פרידמאַנ'ען איז געווען אַ מסירה (פון אַ אידישן מסור), אַז ער האָט געשמידט קינזשאַלן פאַרן זעלבסטשוץ; דאָס איז אמת געווען.

דאָס מעכטיקע נקמה־ליד צום מאַרטירערטום פון פרידמאַנ'ען האָט ליעסין דעמאָלט אָנגעשריבן אויפן צייטונגס־טיש פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

מיך האָט פרידמאַנ'ס טויט טיף דערשיטערט. ער איז געווען מיינער אַ חבר און אַ פריינט. מיט אַ פאָר יאָר פריער בין איך געווען אין יענעם שטעטל און האָב זיך געזען מיט אים, און איך גלויב, אַז איך בין איינער פון די „שולדיקע" אין זיין פאַרבינדונג מיטן זעלבסטשוץ...

אַ סך דרוק־בויגנס זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם העראָאישן זעלבסטשוץ פון יענע שטורעם־יאָרן. איך ווייס ניט, צי

ס׳וועט פיל פון דעם איבערבלייבן פאַר אַ שפּעטערדיקן דור. ליעסינ׳ס מאַרטירער־ליד וועט, אָבער, בלייבן.

אָט שטייט שמואל פרידמאַן און האַמערט און שאַרפט די קינזשאַלן:

„עס האָט אין די אייזנס געגליט די נקמה,
די הייליקע, רויט;
געקלאַפּט האָט דער האַמער צום טאַקט דער נשמה:
פאַרדאַרבן און טויט!
פאַרדאַרבן און טויט די תלינים!"

* * *

אַ פּאָר ווערטער צום מאַרטירערטום פון שמואל פרידמאַן.

חבר ליבמאַן (פּראָפעסאָר הערש אין זשענעווע) האָט אַרויסגע־געבן אַן אויספאָרשונג וועגן דער שטערבלעכקייט אין פּאַריז און דערין די סיבות פון די טויטפאַלן לויט באַזונדערע שטאָט־טיילן. ער ווייזט אונז דערביי, אַז דער פּראָצענט פון טויטפאַלן פון טובערקולאָז איז אין די פּראָלעטאַרישע שטאָט־טיילן אַן ערך טאָפּלט אַזוי גרויס, ווי אין די רייכערע טיילן פון שטאָט, וואו די פאַרמעגלעכע באַפעלקערונג לעבט ביי היגיעניש־גינסטיקערע באַדינגונגען. חבר ליב־מאַן גיט זיך די גרעסטע מי ניט אַרויסצואווייזן דעם וויטאָג און דעם צאָרן, וואָס צינדט זיך אָן ביי יעדער סאָציאַליסט, ווען ער באַקענט זיך מיט אַזעלכע פאַקטן, — און ער זוכט צו ווירקן אויפן לייענער דורך די פאַקטן גופא. אָבער אין איין קאַפּיטל פון זיין בוך רייסט זיך אַראָפּ פון זיין פעדער אַ שניידנדיקע און טרעפלעכע באַמערקונג: פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל, זאָגט ער, אַז פאַרן טויט זיינען אַלע גלייך. וואָס פאַר אַן אומזין! געוויס, צום סוף קומט פאַר אַלעמען דער טויט. אָבער אין פאַרלויף פון לעבן האָבן מיר אַ שרייענדיקע אומגלייכקייט בנוגע דעם טויט. אין די רייכערע קלאַסן האָט מען אין פאַל פון קראַנקייט די מעגלעכקייט זיך צו היילן, זיך צו ראַטעווען פון טויט. אַזאַ מעג־לעכקייט איז פאַר די פּראָלעטאַרישע קלאַסן מינימאַל, איז טאַקע די שטערבלעכקייט דאָרטן אַן אומפאַרגלייכלעך גרעסערע.

אָט די סאָציאַלע אומגלייכקייט פאַרן טויט האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אינעם מאַרטירער־טויט פון פרידמאַנ׳ען. אייניקע איינצלהייטן וועגן יענע טראַגישע געשעענישן, וואָס זיינען דעמאָלסט ניט פּובלי־קירט געוואָרן אין דער פּרעסע, וועלן דאָס באַווייזן.

צום אָרטיקן זעלבסטשוץ האָבן געהערט אויך אַ היפּש ביסל יונגעלייט פון די פאַרמעגלעכע קרייזן. דער קאַסירער פון זעלבסט־שוץ איז געווען דער רייכסטער איד אין שטאָט, מאַקס האָפּשאָוויץ,

אגב — זייער אַ ליבער מענטש (צוליב שווערער קראַנקייט איז ער שפּע־טער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד). גלייך ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אַז עס קומט אַ שטראָף־עקספּעדיציע, זיינען אַלע פאַרמעגלעכע עלעמענטן אַנטלאָפן. פאַר זיי איז דאָס אַנטלויפן געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך: גע־לאָזט שפּאַנען אַ פּאָר פערד, זיך אַנגעטאָן דעם פעלץ און אַוועק — 42 וויאָרסט ביז צו דער באַן. צום גליק זיינען אין שטאָט געווען אידישע פורמאַנעס און באַקומען אַ פּאָר פערד איז געווען גאָר אַ לייכטע זאַך. פרידמאַן, אַ „פּראָסטער" שמיד, אַ זון און אַן אייניקל פון אַ שמיד, האָט ניט געקאָנט אַזוי פלינק אַנטלויפן. קיין געלט וואָלט מען אים דערצו ניט געזשאַלעוועט, אָבער אין דער אייגענער קעשענע האָט ער דאָס געלט ניט געהאַט. זיך אַרומוואַשן, אַראָפּוואַשן פון זיך די שפּורן פון זיין פּראָפעסיע, זיך לייטיש איבערטאָן, באַקומען געלט צום אַנטלויפן — דערין איז אין דעם פאַל געלעגן זיין אומגלייכקייט. טאַקע הויפּטזעכלעך צוליב דעם האָט ער ניט באַוויזן צו אַנטלויפן און האָט באַצאָלט דערפאַר מיט זיין לעבן. די פאַרמעגלעכע זיינען מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער צוריקגעקומען און מען האָט זיי ניט געטשעפּעט.

איצט — אין דרייסיק יאָר אַרום — בושעוועט אין יענעם געגנט דער פאַשיסטישער רעזשים, וואָס האָט אין אָנהויב, ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט, אין אַ גרויסער מאָס דערמאָנט די צייטן פון די צאַרישע שטראָף־עקספּעדיציעס. די אַרבעטער דערשטיקן אין זיך זייער ברענענדיקן צאָרן, אָבער דער בונדישער פונק איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן. פונקט ווי מיט דרייסיק און פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק קומען אָן פון אַ געהיימען פונקט פעקלעך מיט בונדישע בלעט־לעך. זיי טראָגן איצט דעם סימבאָלישן פאַרמערק: „דרוקעריי הירש לעקערט". די לעטישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס טראָגן דעם פאַר־מערק: „דרוקעריי קאַלאַמאַן וואַליש". מאַרטירער־בלוט ווערט ניט פאַרטריקנט!

פאַראַן אַ ליד אַזאַ...

אין זשענעווע האָט חבר ליעסין געהאַט אָנגעהויבן צוצוגרייטן צום דרוק אַ זאַמלונג פון זיינע שילדערונגען פון אידישן לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד — „אידישע יום־טובים" — און אַ ריי בילדער פון אידישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע („דער פיינטער", און אַנד.). ווי ווייט איך געדענק, זיינען די „אידישע יום־טובים" שטעלנווייז

געווען עטוואָס צו־שטאַרק נאַציאָנאַל באַפאַרבט („מער אַלס די פּאָ־ליצײַ ערלויבט״, ווי די דײַטשן זאָגן), די בילדער פון אידיש־אַמע־ריקאַנישן אַרבעטער־לעבן זײַנען געווען כשר וישר לכל הדעות. לײַדער, איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. מיר דוכט, אַז די סיבה דערפון איז ניט געלעגן אין דעם ביסל נאַציאָנאַלער טרפות, וואָס האָט זיך געפילט אין די „אידישע יום־טובים״. אין אונזערע רעדאַק־ציעס זײַנען ניט געזעסן קיין נאַציאָנאַלע „גזלנים״, און אין דעם פּונקט וואָלט מען שוין זיכער דורכגעקומען מיטן מחבר. די סיבה, ווי מיר דוכט, איז געווען גאָר אַן אַנדערע: אין מיטן דער אַרבעט האָט די ווירטין, בײַ וועלכער חבר ליעסין האָט זיך געהאַט אײַנגעקוואַרטירט אין זשענעווע, בײַם אויפראַמען זײַן צימער, אַרויסגעוואָרפן אַ טייל פון די מאַנוסקריפּטן (אָדער אויסשניטן). אײַן זאַך געדענק איך גאַנץ גוט, אַז בענסקי, דער סעקרעטאַר פון דער „פאָלקסצײַטונג״, האָט בײַ מיר די מאַנוסקריפּטן געפאָדערט און געפאָדערט. דאָס הייסט, אַז מען האָט זיי געוואָלט דרוקן.

צו דער זעלבער צײַט איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַז דאָס בעסטע וואָלט זײַן, אַז ליעסין זאָל ווערן אויס אַמעריקאַנער, ער זאָל קומען קיין ווילנע און זאָל מיט לײַטן גלײַך אַרײַן אין דער „פאָלקסצײַטונג״. דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען גלײַכצײַטיק אין ווילנע און אין זשענעווע. לײַדער, איז דערפון אויך גאָרנישט אַרויסגעקומען. פאַר מיר איז קלאָר געווען, אַז אין ווילנע וויל מען זײַער, אַז ליעסין זאָל קומען, אָבער מען האָט שטאַרק מורא, ער זאָל ניט גלײַך אַרײַנפאַלן. די פּאָלי־צײַישע באַדינגונגען זײַנען דאַן (אָנהויב 1907) ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. מען האָט געהאַט אַ לעגאַלע טעגלעכע צײַטונג, וואָס האָט געדרוקט די שאַרפסטע אַרטיקלען קעגן דער רעגירונג, און דאָס פלעגט אין אויסלאַנד באַשאַפן די אילוזיע, אַז מ׳האָט שוין אין רוסלאַנד בכלל אַ היפּש ביסל פרײַהייט. דאָס איז, אָבער, געווען אַ מאָדנע פרײַהייט: זי האָט עקזיסטירט בלויז אויף דער געדרוקטער בלאַט פּאַפּיר. אַזוי, למשל, האָט די רעדאַקציע גופא געפירט אַן אומלעגאַ־לע עקזיסטענץ. אין בלאַט פלעגן זיך דרוקן אַלערהאַנט פּאַרטיי־דאָקו־מענטן. און ווען מ׳פלעגט אַזעלכע דאָקומענטן געפינען בײַ וועמען געשריבענערהייט, איז דאָס געווען אַ מאַטעריאַל צו אַ פּראָצעס, וואָס האָט געשמעקט מיט קאַטאָרגע און האָט מיט דעם זיך אָפּטמאָל אויך פאַרענדיקט.

בײַ אַזעלכע אומשטענדן האָט די רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צײַטונג״ (אָדער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״) ניט געקאָנט

נעמען אויף זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָראָפּצובערענגען אין ווילנע חבר ליעסינ׳ען, וואָס אים וואָלט דערצו נאָך בכלל אומ־מעגלעך געווען דאָרט צו פאַרקאָנספּירירן: ווילנע איז דאַן פול גע־ווען מיט אידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, דערונטער אויך אַ היפּש ביסל געוועזענע „אַמעריקאַנער", וואָס וואָלטן אים דערקענט פאַר אַ מייל. ווען חבר ליעסין וואָלט זיך אַליין אַנטשלאָסן און וואָלט אַראָפּגעפאָרן, וואָלט מען אין ווילנע געוויס געווען צופרידן, אָבער ווער קאָן היינט זאָגן, וואָס עס וואָלט דאַן געווען! זיכער איז, אַז אין בעסטן פאַל וואָלט דאַן חבר ליעסין „ליקווידירט" געוואָרן אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען מען האָט גענומען כמעט די גאַנצע רע־דאַקציע און אַ טייל פון צענטראַל־קאָמיטעט. און דערנאָך וואָלט געווען אַ ווייטער שפּאַציר איבערן אוראַל... ווער ווייס, אין דרייסיק יאָר שפּעטער פאַרבענקט זיך אפשר אַמאָל אויך נאָך אַזאַ פאַרגעניגן...

אָבער וואָס ס׳האָט געקאָנט זיין — וועגן דעם איז איבעריק צו טראַכטן. אַ פּאָר ווערטער וויל איך נאָר זאָגן וועגן דעם, וואָס ס׳וואָלט געזאָלט זיין איצט. איצט פייערן מיר דעם 40־יאָריקן לי־טעראַרישן שאַפן פון אונזער ליעסין. ווער זיינען דאָס די „מיר"? דאָס איז די אויבערשיכט, די „אַריסטאָקראַטיע" פון אידישן אַרבעטער־קלאַס. עס איז, אָבער, שוין די העכסטע צייט, אַז ליעסין זאָל צוגענג־לעך ווערן דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס — און טאַקע דער גאַנצער ליעסין. ביז איצט האָט אַ אידישער אינטעליגענטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש געלייענט ליעסינ׳ען איין מאָל און צוויי מאָל און צוואַנ־ציק מאָל — דער גאַנצער ליעסין איז נאָך פאַר אים אַ פאַרבאָרגענער אוצר. איצט מוז זיין אונזער אויפגאַבע — און דאָס איז שוין לאַנג אונזער חוב, — דער אוצר זאָל קאָנען ליגן אויפן טיש פון יעדער אי־דישן אַרבעטער. מיט קורצע ווערטער: די פאַרגאַנגענע „פערציק יאָר ליעסין" אין אַ צוגענגלעכער פאָלקס־אויסגאַבע! אונזער אַר־בעטער נויטיקט זיך אין ליעסינ׳ס אַ ליד. ליעסינ׳ס ליד וועט דעם אַרבעטער דערהויבן און אַדלען:

פאַראַן אַ ליד אַזאַ —
ניט פון אייגענעם גליק אָדער טרויער, —
פאַראַן אַ ליד אַזאַ: —
אויף צעאַקערטער ערד גייט אַ פּויער
און ער הויבט אויף זיין האַנט, ווי צום בענטשן.
און עס פאַלן די גאָלדענע קערנער אַראָפּ;
און די זון איבער אים ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ...

בײ אַ גליענדן אײזן שטײט געװאָרצלט אַ שמיד,
און ער הױבט אױף די האַנט, װי צום בענטשן.
און עס שיטן זיך פונקען װי שטערן אַרום,
און דער אײזן פאַר אים, װי אַ פלאַמיקע בלום...
פאַראַן אַ ליד אַזאַ —
און געקרױנט זאָל זי זײן, —
ניט פון אײגענעם צער,
ניט פון אײגענעם פּײן...

(דוד אײנהאָרן)

יאָ, אַזאַ ליד איז פאַראַן, און עס לעבט דערין הײנט שױן דאָס, װאָס דאַרף קומען אין אַ בעסערער צײט. אַזאַ ליד איז ליעסינ׳ס ליד. זאָל זײן ליד איצט איבערגעגעבן װערן דעם גאַנצן אידישן אַרבעטער־קלאַס! און זאָל אַמאָל, מיט יאָרן שפּעטער, צוקומען נאָך אַ באַנד: נײַע לידער, װאָס װעלן פון ליעסינ׳ען געשאַפן װערן אין די קומענ־דיקע יאָרן!

ח. ליעסין גיט אונז איבער, אַז ח. קורסקי האָט װעגן דעם ליעסין־מאַנוס־קריפּט פאַרביטן די צװײ מעשיות. די שװײצאַרישע באַלעבאָסטע האָט אױסגע־קערט ליעסינ׳ס באַריכט װעגן מאַנהײמער פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר און די רײזע־אײנ־דרוקן, װאָס ער האָט געשריבן פאַרן „פאָרװערטס״. ליעסין איז אין מיטן דרינגען אַװעק צופוס אין די בערג מיט אַ בערנער סטודענט, זײנעם אַ פאַרערער. האָט די באַלעבאָסטע „רײן״ געמאַכט דעם צימער פון די אַלע בלעטלעך, װאָס האָבן זיך געװאַלגערט אױפן בעט און אונטערן בעט. ליעסינ׳ס זאַמלונג פון גע־דרוקטע אַרטיקלען, װאָס דער צ. ק. האָט באַשלאָסן אַרױסצוגעבן אין בוך־פאָרם, איז שױן געװען אין זיכערע הענט — בײ אַלגינ׳ען. ליעסין האָט עס אָפּגע־נומען ערשט אַ פּאָר טעג פאַר זײן אָפּפאָרן, װײל אַ פּאָר אַרטיקלען זײנען געפּסל׳ט געװאָרן װי נאַציאָנאַליסטישע.

ח. קורסקי האָט אױך פאַרגעסן, אַז די פאַרהאַנדלונגען צװישן דעם צ. ק. און ליעסינ׳ען זײנען אָנגעגאַנגען נאָר װעגן דעם, װאָס ליעסין האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו שרײבן לױט די דירעקטיװן פון צ. ק. און דערפאַר האָט ער ניט געװאָלט פאָרן קײן װילנע. ליעסין האָט װעגן דעם געשריבן אין זײנע דערינגע־רונגען אין „װאָלאָדעק־בוך״, און ער װעט נאָך װעגן דעם שרײבן. — רעד.

(פון „צוקונפט״, מערץ, 1936).

דער אַלטער װלאַדעק

די אומשטענדן האָבן מיר, לײדער, ניט דערלױבט צונױפצוזאַמלען דעם גױטיקן מאַטעריאַל אַרום דער אַרבעט פון װלאַדעק'ן אין דער העראָאישער עפּאָכע פון „בונד", און איך מוז זיך באַנוגענען מיט אײניקע קורצע נאָטיצן.

קודם כל — פון װאַנען שטאַמט דער פּסעװדאָנים „װלאַדעק"? איך װײס דאָס ניט און איך רעכן, אַז נאָר װלאַדעק אַלײן װאָלט געקענט דערױף ענטפערן.

אין די יאָרן פון אומלעגאַלער אַרבעט האָט זיך — אױסער אײניקע אױסנאַמען — קײנער ניט אָנגערופן מיט זײן ריכטיקן נאָמען, נאָר מיט אַ פּסעװדאָנים, ד. ה. מיט אַ פאַלשן נאָמען, מיט אַ „קליטשקע". סטאַבילע, שטענדיקע פּסעװדאָנימען זײנען געװען װײניק. די אָרטיקע טוער, ד. ה. די, װאָס פלעגן אָפּאַרבעטן אַ געװיסע צײט אױף אײן אָרט און אַריבערגעשיקט װערן אױף אַן אַנדער אָרט, פלעגן אָפט בײטן דעם נאָמען צוזאַמען מיטן אָרט — משנה שם משנה מזל... — ליטװאַק האָט נאָך זײן צוריקקומען פון סיביר (סוף 1904) אַ יאָר נאָכאַנאַנד קײן פּסעװדאָנים ניט באַנוצט. מען האָט אים גערופן חײם־יאַנקל, און אַזױ האָט ער געהײסן. „ליטװאַק" נעמט זיך פון זײן ליטעראַרישן פּסעװדאָנים אין דער בונדישער פּרעסע — „אַ ליטװאַק" (איך בעט רחמים בײם חבר הזעצער און בײם חבר הקאָרעקטאָר צו לאָזן דעם „אַ" אָן אַ פּונקט!), װאָס דאָס האָט לױטן װאַרשעװער נוסח באַדײט אַ „צלם־קאָפּ", אַ להכעיס'ניק, אָבער אַ קלוגער יונג. דער זעצער מיטן קאָרעקטאָר האָבן, אָבער, נאָך דעם „אַ" געשטעלט אַ פּונקט, איז מיט דער צײט געװאָרן דערפון א. ליטװאַק, װי ער װאָלט געהײסן, למשל, אברהם אָדער אלימלך ליטװאַק. אױף אַזאַ אופן האָט דער פּסעװדאָנים אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם זין, װאָס ליטװאַק האָט אין אים געהאַט אַרײנגעלײגט. דאָס זעלבע איז שפּעטער געשען מיט זײנעם אַ צװײטן פּסעװדאָנים: „אַ מוק". (איך בעט װידער: שטעלט ניט קײן פּונקט נאָכן „אַ"!) „אַ מוק" איז געװען דער פאַסיקסטער פּסעװדאָנים פאַר ליטװאַק'ס געװיסע שטעכיקע נאָטיצן. אױך דערפון האָט דער זעצער געמאַכט אַ. מוק, אַן ערך

אבימלך אָדער אליקום מוק, — אַן אומזין. בכלל איז עס שוין אַזוי אין אונזער פּרעסע, אַז מען קען פירן אַ דערפאַלגרייכן קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פון דער וועלט און קעגן דעם פּאָליטישן רעזשים פון דעם אָדער יענעם לאַנד, אָבער ניט קעגן דעם קאַרעקטאָר; דאָס איז אַ האָפענונגסלאָזער קאַמף.

יוסף איזביצקי האָט אין אָנהויב אויך קיין פּסעוודאָנים ניט געהאַט. מען האָט אים גערופן יאָסל. שפּעטער האָט ער זיך גערופן ביינישׂ, נאָך שפּעטער — מיכאַאיל, און צולעצט איז דערפון געוואָרן ביינישׂ מיכאַלעוויטש.

ווי איינער הייסט מיט זיין ריכטיקן נאָמען — דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, קיינעם ניט אינטערעסירט.

אין 1905, אַרויסגייענדיק פון טורמע און געפינענדיק, אַז רוסלאַנד האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ יאָר אַ רוק געטאָן פאָראויס אויף 50 יאָר, האָב איך זיך ביי אייניקע ווילנער חברים נאָכגעפרעגט וועגן די נייע כוחות, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונזערע רייען. אָט ביי דער געלעגנהייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט וועגן וולאַדעק׳ן. אָנגערופן האָט מען אים דערביי ביים ריכטיקן נאָמען. נאָר אין גיכן, אין פאַרלויף פון ווייניקער ווי אַ יאָר צייט, איז וולאַדעק אומגעהויער פּאָפּולער געוואָרן אין „בונד". ווען עס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין דער פּרעסע די אונטערשריפט וולאַדעק, האָב איך געוואוסט, ווער דאָס איז. איך האָב, אָבער, ניט געוואוסט, און איך ווייס, ווי געזאָגט, ביז היינט ניט, פון וואַנען דער פּסעוודאָנים האָט זיך גענומען. מילא, ווען איינער הייסט סאַניק, אַניק, טאַניק, פּאַשין א. אַז. וו., א. אַז. וו., איז ניטאָ וואָס צו פרעגן, — הגם „אַלגין", למשל, איז דורכאויס ניט אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון אַ קאָנקרעטער אַלגע. אין די פּסעוודאָנימען איז מייסטנס געווען אַ געוויסער זין און אַ סיסטעם. אָט האָבן מיר אין וואַרשע אין די נייַנציקער יאָרן אַ פּוילישן אַרבעטער, כמעט אַ קאַרליק, אָנגערופן „אַלבוזשים" (גיגאַנט); מיט 10 יאָר שפּעטער האָבן געגנוי לויט דער זעלביקער לאָגיק אונזערע חברים אין דווינסק אָנגערופן אַ יונגן חבר, וואָס איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער ווי דער דורכשניט, — „ליליפּוט"!

ביי אַ געלעגנהייט האָב איך געפרעגט ליטוואַק׳ן, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער פּסעוודאָנים „וולאַדעק". מאָדנע איז דאָ געווען דער אומשטאַנד, וואָס אַ ליטוואַק האָט זיך גענומען אָדער האָט באַקומען אַ פּוילישן צונאָמען, וואָס נעמט זיך, למשל, פון וולאַדיסלאַוו.

אַט וואָס ליטוואַק האָט מיר געענטפערט: יאָ, טאַקע אַ פּוילישער צונאָמען, אָבער מיר דוכט, אַז דעם נאָמען האָט אים געגעבן יצחק־לייבוש פּרץ... אגב, האָט פּרץ אים שרעקלעך ליב.

צי עס איז ריכטיק, אַז זיין נאָמען האָט וולאַדעק באַקומען פון פּרצ'ן, ווייס איך ניט. ליטוואַק איז אויך אין דעם ניט זיכער. אָבער אַז דער „אַלטער" פּרץ (אין 1906 — 54 יאָר) האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט דעם יונגן וולאַדעק'ן (דאַן 20 יאָר), דאָס איז באַשטימט ריכטיק.

* * *

ווערט די באַוועגונג באַשאַפן פון די טוער אָדער ווערן די טוער באַשאַפן פון דער באַוועגונג? לאָמיר דעם ענדגילטיקן ענטפער אויף דער פראַגע איבערלאָזן פאַר אונזערע אייניקלעך. אַ פאַקט איז, אַז מיר האָבן זיך אונזער באַוועגונג ניט געקענט פאָרשטעלן אָן באַשטימטע אָנפירנדיקע גייסטיקע כוחות פון דער באַוועגונג. אָנהויבנדיק פון 1905, האָט מען ביי אונז אין פּאַרטיי־לעבן געוואוסט, אַז אין דער אַרבעט איז פאַראַן אַ ווערטפולער מענש — וולאַדעק. אונזער פּאַרטיי איז דעמאָלט אומגעהויער רייך געווען אין יונגע ענערגישע כוחות. אין די יאָרן פון באַרג־אַרויף זיינען כמעט אין יעדער אָרטיקן קאָלעקטיוו (קאָמיטעט, צענטער) געווען גוטע טוער. וואָס האָט דעמאָלט וולאַדעק'ן אויסגעטיילט? ניט נאָר זיין רעדנער־טאַלאַנט, וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין גענוג געווען. געווען, אָבער, אין אים וואָס פּאָזיטיווס און וויכטיקס אויך אויסער דעם. ענערגיע, רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם — דאָס איז געווען ביי 9 פון 10, זייער אָפט ביי אַלע. רעדנער זיינען אויך געווען. פאַרשטייט זיך, אמת־גוטע זיינען געווען ניט איבעריק פיל, אָבער געווען. ביי די מער אינטעליגענטע רעדנער איז, אָבער, אין יענע יאָרן אידיש נאָך ניט געווען זייער נאַטירלעכע שפּראַך; זייער אידיש איז פול געווען מיט באַרבאַרישע רוסיציזמען. מעדעם האָט דעמאָלט נאָך בכלל קיין אידיש ניט גערעדט; בראַניסלאַוו גראָסער האָט זיך ביז צום טויט ניט אויסגעלערנט ריידן אידיש. ביי אַננאַ ליפשיץ, דאַן אַן אויסגעצייכנטער רעדנערין, איז דער זאַץ־בוי געווען אַזוי דייטשמעריש, אַז ריכטיק פאַרשטאַנען האָט מען זי מסתמא נאָר אין לאָדזש אָדער אין ריגע. די אָרטיקע מאַסן־רעדנער, וואָס פלעגן זיך פון צייט צו צייט אַרויסרוקן פון דער מאַסע גופא, זיינען געוויינטלעך געווען ניט אינטעליגענט גענוג.

און איצט שטעלט אייך פאָר אַ רעדנער, וואָס זיין שפּראַך איז דער ריינסטער קלאַסישער ליטווישער לומד'ישער אידיש, ווי מען הערט

עס נאָר ביי דער בעסטער שיכט פאָלקסטימלעכע אינטעליגענטן; אַ רעדנער, פול מיט ברענענדיקן ענטוזיאַזם, דערביי פון צייט צו צייט דורכגעבליצט מיט אַ גאָלדענעם הומאָר, — און איר וועט פאַרשטיין, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פסעוודאָנים „דער יונגער לאַסאַל״.

אַ ים מיט גוטע כוחות האָט זיך געפונען אין רשות פון אונזער פאַרטיי, און אויף אַ רעלאַטיוו הויכן ניוואָ איז געשטאַנען ביי אונזער אינטעליגענץ די פּאָליטישע בילדונג, וואָס האָט זיך געפאָדערט צו דער אַרבעט. אָבער — הומאָר? הומאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואו דו ווייסט, אַז הינטער דיין רוקן שטייט דער פּריסטאַוו, וואָס וועט דיך נעמען, אויב ניט היינט, איז מאָרגן; וואו דו פילסט, אַז עס לויערן שטענדיק אויף דיר פאַרשיידענע גרויסע און קליינע קאַפּלינסקי׳ס, — הומאָר האָט געהאַט איינער פון 1000. הומאָר אין אַ פּריוואַטן שמועס אָדער אויף אַ ליאַמע — דאָס האָט ביי אונז קיין מאָל ניט געפעלט. הומאָר, אָבער, אויף דער רעוואָלוציאָנערער טריבונע אין אַן ערנסטער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדע; הומאָר — ניט קיין געמאַכטער, ניט קיין געקינצלטער, ניט קיין צוגעגרייטער, נאָר וואָס קומט אומדערוואַרט ווי אַ בליץ פון לויטערן הימל — דערין איז דער יונגער לאַסאַל אין 1906 און אין 1907 געווען ביי אונז, ווי מיר דוכט, דער איינציקער. ווייטער קומט דאָ אַלס פאָלקסטימלעכער אידישער רעדנער נאָר ליטוואַק נאָך אין באַטראַכט, אָבער זיין הומאָר איז פון אַן אַנדער מין: פול מיט גיפט און גאַל, וואָס ווירקט שטאַרקער אין שרייבן ווי אין ריידן.

אגב, ווען מיר אַלע האָבן מיט 30 יאָר צוריק געקרוינט דעם 20יאָריקן וולאַדעק׳ן מיטן ערן־טיטול „יונגער לאַסאַל״, איז דערין געווען אַ שטיקל טעות בנוגע דעם אמת׳ן לאַסאַל, וואָרעם ניט מיט זיין הומאָר האָט פערדינאַנד לאַסאַל דעראָבערט די הערצער פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס. זיין גרויסקייט איז געלעגן אין זיין גוואַלדיקער וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, אין זיין מוט און אין זיין מעכטיקן פּאַטאָס, וואָס איז, אגב, ניט פריי געווען פון אַ געוויסער טעאַטראַלישקייט; קיין הומאָר האָט ער ניט געהאַט. בכלל זיינען פּאַטאָס און הומאָר צווי קאַטעגאָריעס, וואָס איינע שליסט אויס די אַנדערע.

אין הינזיכט פון היסטאָרישער פּינקטלעכקייט איז דער אויסדרוק „יונגער״ לאַסאַל אויך ניט גאַנץ אין אָרדענונג. דער אמת׳ער לאַסאַל איז אויך געווען יונג. ער איז געשטאָרבן (1864) צו 39 יאָר, און זיין גאַנצע פּאָליטישע קאַריערע האָט געדויערט 14־15 יאָר, ניט מער.

די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אײן אײנ־ציקן, וואָס זײן געניאַלער שאַרפער בליק, זײן װיסנשאַפטלעכע ערו־דיציע און זײן הומאָר זײנען געשטאַנען אויף אַ גלײך הויכן ניוואָ — און אויפן העכסטן ניוואָ, — דאָס איז געווען וויקטאָר אַדלער.

* * *

ווען מיר וועלן צום אײגנאַרטיקן רעדנערישן טאַלאַנט פון יונגן וולאַדעק׳ן צוגעבן נאָך זײנע ליטעראַרישע פעאיקײטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַ רײ אַרטיקלען אויף געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס אין דער ווילנער „פאָלקס־צײטונג", אין „גלאָק" פון אונזער פוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט (1906) און אין די לעגאַלע זאַמלביכער „נײע צײט", וועט מען פאַרשטײן, וואָס פאַר אַ באַציאונג עס איז געווען צו אים.

פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט איז גאַנץ אומדערוואַרט געווען וולאַדעק׳ס נסיעה קײן אַמעריקע. דערוואוסט האָבן מיר זיך וועגן דעם גאַנץ צופעליק. ליטוואַק האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין ווילנע אַ וואָכנבלאַט „דער טאָג אויף שבת". אין אַ שײנעם טאָג קומט אָן אַ נומער פון וואָכנבלאַט מיט וולאַדעק׳ס אַ „בריוו פון בערלין" — ווי ווײט איך געדענק, אַ שפּאַציר איבער די בערלינער מוזײען. ס׳איז געווען אַ חידוש, וואָס וולאַדעק איז עפּעס מיט אַ מאָל געקומען קײן בערלין. ווען ער וואָלט געקומען כדי זיך דאָרטן צו באַזעצן, וואָלט לויט די מנהגים פון יענער צײט דער צ. ק. אָדער וולאַדעק גופא אונז וועגן דעם געדאַרפט געבן צו וויסן. מיר האָבן גלײך פאַרשטאַ־נען, אַז ער פאָרט ווײטער, און ווײטער האָט געהײסן צו יענער צײט — קײן אַמעריקע. כך הווה.

אַז וולאַדעק איז אין אַמעריקע פון אָנהויב אָן געווען מיט זײן גאַנצער נשמה צוגעבונדן צו דער בונדישער באַוועגונג, דאַרף איך דאָ ניט דערצײלן. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען די וואונדערבאַרע סעריע „קינדער פון פאָלק", בילדער פון בונדישן לעבן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן באַלד נאָך זײן קומען קײן אַמעריקע און געדרוקט אין דער „צוקונפט". אײניקע פון די בילדער זײנען מערערע מאָל אָפּ־געדרוקט געוואָרן אין פאַרשײדענע בונדישע צײטשריפטן, צולעצט מיט אַ יאָר 5 צוריק אין אונזערע פויליש־פּראָווינציעלע וואָכנשריפטן און אויך אין טשערנאָוויץ.

* * *

זומער 1912, ווען דער צ. ק. פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט אַ גענויעם אַרבעטס־פּלאַן פון אונזער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פער־

טער דומע (צום האַרבסט 1912), האָט ער באַשלאָסן אַרויסצורופן וולאַדעק׳ן אויף עטלעכע חדשים קיין רוסלאַנד. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דער צ. ק. האָט געוואָלט האָבן בשעת דער קאַמפּאַניע, באַזונדערס אין די גרעסערע אידישע שטעט, וולאַדעק׳ן אויף דער רעדנער־טריבונע.

אין דער צייט פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע זיינען די פּאָליציייאישע באַדינגונגען געוויינטלעך געווען עטוואָס לייכטערע, און די ריזיקע אַרעסטירט צו ווערן איז געווען עטוואָס קלענער, ווי געוויינטלעך. לײדער, זיינען די אומשטענדן ביי וולאַדעק׳ן געווען דאַן אַזוי, אַז ער האָט דעם פאָרשלאַג ניט געקענט אָננעמען.

ווען מיר וואָלטן געשריבן באַריכות וולאַדעק׳ס ביאָגראַפיע, וואָלטן מיר מיט דער דאַמאָלסטדיקער ווענדונג פון צ. ק. פון „בונד״ געקאָנט פאַרענדיקן דעם העראָאישן קאַפּיטל אין וולאַדעק׳ס לעבן, וואָס דאַרף הייסן: „דער יונגער לאַסאַל!״. יענע ווענדונג פון צ. ק. קאָנען מיר באַטראַכטן אַלס די לעצטע בלאַט אין יענעם קאַפּיטל, אָבער אויך אַלס אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון דער באַדייטונג, וואָס דער יונגער לאַסאַל האָט געהאַט אין די שטורעם־יאָרן פון „בונד״.

ווען מיר וואָלטן זיך דאָ גענומען זאָגן וולאַדעק׳ן שבחים, לויבן זיינע טאַלאַנטן, א. אַז. וו., א. אַז. וו., ווי ער הערט און הערט עס שוין יאָרנלאַנג אויף פאַרשיידענע באַנקעטן אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור, וואָלט דאָס געהאַט אַ גאַנץ קליינעם ווערט. עס איז אַזוי לייכט צו לויבן אַ גוטן פריינט, מיט וועלכן מען איז פאַרבונדן אין אַ געטרייער חבר׳שאַפט אַ האַלב לעבן. אָבער אין יענער ווענדונג פון צ. ק., פון דער קאָמפּעטענטסטער אינסטיטוציע אין דער פּאַרטיי (געשריבן האָט עס רחמיאל), ליגט אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג, וואָס נויטיקט זיך אין קיין שום קאָמענטאַרן ניט.

אַ פּאָר יאָר פריער, ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט דער העראָאישער קאַפּיטל „דער יונגער לאַסאַל״, האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל: וולאַדעק — אויף דער געזעלשאַפטלעכער טריבונע אין דער פרייער אַמעריקע. דאָס איז אַ קאַפּיטל, וואָס דאַרף זיך נאָך ציען פון איצט אָן פונקט 25 יאָר, מיט דער אויסדריקלעכער באַדינגונג, אַז שפּעטער, ביי אַ פאַרמינערטער אַקטיוויטעט, זאָל זיך אָנהויבן אַ נייער קאַפּיטל, וואָס איך וואָלט אָנגערופן: באַניע בראָכעס אויף דער עלטער.

איך וויל גאַנץ אָפן זאָגן, אַז אין מיין באַדינגונג ליגט אַ שטיקל פאַרוואורף. איך געפין, אַז די באַציאונג פון יובילאַר צו באַניע בראָכעס, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, איז געווען ווי צו אַ שטיפ־

קינד. אַט קומט איצט באַניע בראַכעס צום יום־טוב ווי עפּעס אַ ווייטער מחותן, כמעט ווי אַ גרינער אָרעמער קרוב צו אַן אַמעריקאַנער אָלרייטניק. מיר פאַרדריסט עס. באַניע בראַכעס האָט געמעגט זיין פונקט אַזאַ יחסן ווי וולאַדעק. אַט פאַר דער קריוודע זיינער נעם איך זיך אָן.

באַניע בראַכעס — דאָס איז דאָס געשריבענע וואָרט, וואָס דאַרף — און וועט — ביי אונזער יובילאַר מיט דער צייט נאָך קומען צו זיין רעכט.

אין דעם זין באַגריס איך דעם יונגן לאַסאַל, דעם אַלטן וולאַדעק׳ן און דעם קומענדיקן „באַניע בראַכעס אויף דער עלטער!"

* * *

אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איז וולאַדעק געווען פאַררעגיסטרירט אויף אַזאַ אופן:

Чарный, Яков Давыдов, кличка «Лассаль». В 1908 году состоял членом Ц. К. Бунда и интеллигентской группы при Виленском Комитете Бунда. Эмигрировал в 1909 году в Америку.

(פון „ב. וולאַדעק אין דער אָפּשאַצונג פון זיינע פריינד", ניו־יאָרק, 1936).

צביון

די פופציק יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט

איינער, וואָס האָט מיט דער פעדער אין האַנט דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט 50 יאָר נאָכאַנאַנד, טאָג־איין טאָג־אויס, דעם גאַנג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, די אַנטוויקלונג — דעם אויפבלי און די קאָמפּליקאַציעס — פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די אַלגעמיינע דערגרייכונגען פון אינטעלעקטועלן לעבן, — אַזאַ איינער איז אַפילו ביי די אומות העולם אַ זעלטענע דערשיינונג. ביי אונזער איינציקאַרטיקן אידישן וועלט־פאָלק איז אונזער בעל־יובל, וואָס איז זוכה געווען צו אַזאַ זעלטענעם סטאַזש — און דערצו נאָך מיט אַלע שאַנסן דעם סטאַזש נאָך מיט יאָרן און יאָרן צו פאַרגרעסערן, — באמת איינער, אַ יחיד במינו.

און וואָס פאַר אַ פופציק יאָר דאָס זיינען געווען! וועלטן זיינען אונטערגעגאַנגען, וועלטן ראַנגלען זיך פאַר אַ נייער געשטאַלטיקונג פון זייער קיום.

ביי דער שוועל פון די פופציק שפּעפּרישע יאָרן פון אונזער בעל־יובל איז געשטאַנען די צאַרישע „כאָדינקע", די קאַטאַסטראָפע בשעת דער קאָראָנאַציע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, אין מאָסקווע, אין מאַי 1896, ווען צוליב דער ווילדקייט פון המון און דער הפקר'דיקייט און ברוטאַליטעט פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע זיינען צעטראָטן געוואָרן, ווי ווערעם, לויט אָפיציעלע ידיעות — אַרום הונדערט טויזנט אומשולדיקע מענטשן. אַ סימבאָלישער פאָרשפּיל צו דער הערשאַפט פון לעצטן צאַר.

ווען אונזער בעל־יובל וואָלט שוין דעמאָלט, אין עלטער פון 22 יאָר, געווען פאַרבונדן מיט אַ געהיימער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, אָדער מיט אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין אויסלאַנד, וואָלט זיכער איינער פון זיינע ערשטע אַרטיקלען געווען געווידמעט דער מאָסקווער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט ווי אַ שפּיגל אָנטפלעקט די צעפוילטקייט פון צאַרישן רעזשים. איך וואָלט געקאָנט אָנרופן די נעמען פון איניקע פון זיינע מיטצייטלער און שפּעטערדיקע

חברים, וואָס טאַקע „כאַדינקע" האָט זיי געגעבן דעם ערשטן שטויס צו נעמען די פעדער אין האַנט. צביון האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען אין דער סטאַדיע פון צוגרייטונג צו זיין שפּעטערדיקער אַרבעט, און עס איז גוט, וואָס ער האָט געהאַט אַ לענגערן צוגרייטונג־פּעריאָד און אַ דאַנק דעם געקאָנט אַנזאַמלען מער גייסטיקע כוחות און קענטענישן, וואָס האָבן שוין אין סאַמע אָנהויב געמאַכט זיין אַרבעט אַזוי דערפאָלגרייך.

און ווען די פּופציק יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ לאָקאַליזירטער רוסישער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט, אגב, אין לאַנד גופא געהאַט אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג, האָבן זיי זיך פאַרענדיקט אין וועלט־פאַרנעם מיט דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט צענדליקער מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, דערפון אַ דריטל פון אידישן פאָלק.

אין דער מאָדערנער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ניט מעגלעך צו געפינען ענלעכע פופציק יאָר. אין אייניקע פּרטים קאָן מען אפשר געפינען צו זיי אַן ענלעכקייט אין דעם פערטל יאָרהונדערט 1789־1816, דעם אָנהויב פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ביז צום סוף פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן. און אַזוי ווי עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, ווי צו זיין אָפּטימיסטיש, מעגן מיר בלייבן ביי דער האָפענונג, אַז דאָס נייע און פּאָזיטיווע, וואָס יענער פערטל־יאָרהונדערט האָט פאַרפלאַנצט אין מוח און אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם מענטשן, וועט סוף־כל־סוף — און אין אַ העכערער פאָרם — פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער וועלט, און די צוויי טויזנט יאָר אַלטע רוימישע, נאָך היינט גילטיקע, פאָרמולירונג: „דער מענטש איז דעם מענטש אַ וואָלף" — וועט באַקומען דאָס קליינע, אָבער אַנטשיידנדיקע צוגאָב־ווערטל: געווען.

* * *

מיט אַ טאַלאַנט ווערט מען געבוירן. מען קאָן זיך אויסלערנען שפּילן אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, מאָלן א. ד. גל. אָן אַ טאַלאַנט וועט דאָס קיין שייכות ניט האָבן צו קונסט. אויך אַ שריפטשטעלער ווערט דערצו געבוירן. פאַראַן טויזנטער טיכטיקע צייטונג־שרייבער. זייער אַרבעט לעבט אַ טאָג — און פאַרשווינדט; צו ליטעראַטור האָט זי אַ קנאַפּע שייכות.

אָבער שריפטשטעלערישער טאַלאַנט, קענטענישן און התמדה אין דער אַרבעט איז נאָך ניט גענוג. אַז דאָס וואָרט זאָל אָנצינדן די נשמה

פונם לייענער, מוזן זיך פילן אין דעם, וואָס פירט די פעדער, אויך מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס: כאַראַקטער און געוויסן.

און ווען די נאָטיצן, וואָס איך שרייב דאָ אַלס אַריינפיר צום יובל־בוך, האָבן בכלל אַ באַרעכטיקונג (איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס בוך נויטיקט זיך אין קיינעמס אַריינפיר ניט), איז עס נאָר, ווייל איך קען עדות־זאָגן וועגן דעם, ווי פון אַ יונגן גמרא־בחור׳ל, וואָס פון זיין עקזיסטענץ האָב איך געוואוסט נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן מיט 60 יאָר צוריק און זיך פערזענלעך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט אים מיט 52 יאָר צוריק, — ווי פון אים איז מיט דער צייט אויסגע־וואַקסן איינער פון די אַקאַדעמיש געבילדעטסטע שריפטשטעלער, וואָס מיר פאַרמאָגן, און ווי איבער זיין געבענטשטער פעדער האָט, אויסער זיין געוויסן, קיין מאָל קיינער קיין דעה ניט געהאַט. איך וויל דערמיט, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז אַלץ, וואָס קומט פון זיין פע־דער, איז מסיני. די פעדער האָט געקענט בלאָנדזשען, און וואו איז די פעדער, וואָס האָט קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט? איך וויל בלויז זאָגן, אַז די כוונה פון דער פעדער איז שטענדיק געווען צו דינען דעם אמת און ניט ווועלכע עס איז זייטיקע אינטערעסן.

ניט ווילנדיק פאַרהאַלט זיך דער געדאַנק ביי די יאָרן, וואָס זיינען אַוועק, און רופט אַרויס אין זכרון אַן אַ שיעור געשטאַלטן, וואָס די ערד האָט שוין לאַנג פאַרשלונגען און וואָס אַפילו פון זייערע קברים איז שוין קיין שפור ניט געבליבן. עס דערמאָנט זיך אַ סטראָפע פון אַ ליד, וואָס מיר פלעגן אַמאָל זינגען:

אין אונזער גאָרטן האָבן געבליט
אַזוי פיל וואונדערבאַרע בלומען;
אַזוי פיל פריינט האָבן מיר געהאַט —
וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

יאָ, אַזוי פיל פריינט האָבן מיר געהאַט! און צביון׳ס פריינט זיינען אויך געווען מיינע פריינט. און איצט, ווען איך וויל „עדות זאָגן״, קומט מיר מיט ווייטאָג און צער צום באַוואוסטזיין, אַז פון „אַזוי פיל פריינט״ בין איך אפשר שוין דער איינציקער, ד. ה. דער לעצטער עדות. אויף יענער זייט פון „אייזערנעם פאָרהאַנג״ איז אפשר נאָך ווער דאָ. אָבער — „זוך דעם ווינט אין פעלד״...

בערן און קאַרלסרוע

די קאָלאָניעס פון די צוויי שטעט — בערן און קאַרלסרוע, — וואו צביון האָט שטודירט, האָב איך אין יענע יאָרן זייער גוט געקענט.

אין בערן איז געווען די עלטסטע און די צאָלרייכסטע בונדישע גרופּע. זי האָט זיך געגרינדעט שוין אין 1896 און איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט דער ווילנער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", דער פּיאָנערן־גרופּע פון „בונד". די צאָל מיטגלידער איז געווײנט־לעך דערגאַנגען ביז צוואַנציק. די בערנער גרופּע איז געווען איי־נער פון די בעסטע שטיץ־פּונקטן פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין דעצעמבער 1898. אייניקע מיט־גלידער פון דער גרופּע זיינען געווען געניטע און גוטע איבערזעצער פון רוסיש, פראַנצויזיש און דייטש, אין וואָס מיר האָבן זיך דע־מאָלט זייער שטאַרק גענויטיקט. די גרופּע איז געווען שטאַרק נאַ־ציאָנאַל געשטימט. אין די יאָרן 1901 ביז אַרום 1904 האָט אין בערן געלעבט אַנ־סקי. ער איז קיין בונדיסט ניט געווען, אָבער ער האָט אין יענע יאָרן שטאַרק סימפּאַטיזירט מיטן „בונד", און אין דער סביבה פון דער בערנער גרופּע האָט ער אָנהויב 1902 אָנגעשריבן דאָס ליד „אין זאַלציקן ים"... און באַלד דערנאָך דעם הימן „די שבועה".

די באַציאונגען צווישן דער בונדישער און דער רוסישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין בערן זיינען געווען זייער גוטע. אַזוי איז צו יענער צייט אַ רוסישע חבר'טע, איינע פון די געציילטע „אַריש"־רוסישע, געפאָרן קיין רוסלאַנד מיט אַ וואַליזע בונדישע לי־טעראַטור; זי האָט געהייסן קאַטיאַ דעמיאַנענקאָ. איינער פון די פּירער פון דער רוסישער גרופּע, באַגראַד, אַ פּלימעניק פון פּלעכאַ־נאָוו'ס פרוי, איז שפּעטער אין רוסלאַנד צוגעשטאַנען צום „בונד". דער טראַגיש אומגעקומענער גרישאַ זינאָוויעוו האָט זיך נאָך זיין אָנקומען קיין בערן (1903־1904) באַמיט אָנגענומען צו ווערן אין דער בונדישער גרופּע, צו וועלכער עס האָט געהערט זיין פרוי, זינאַ לעווינאַ, די שפּעטער באַקאַנטע „ליליגאַ". דער גוטמוטיקער לונאַ־טשאַרסקי האָט אים, אָבער, „אָפּגערעדט"... אגב־אורחא: פון דער בערנער רוסישער ס"ד גרופּע לעבט נאָך, ווי ווייט איך ווייס, בלויז די חבר'טע לידיאַ דאַן.

פון די בערנער בונדיסטן האָבן ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט בלויז דריי: דער חבר שליאָמאַ, אַ כעמיקער, געוואָרן אַ קאָמוניסט אין 1918 און שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד; חבר ב., אויך אַ כעמיקער, האָט זיך שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעפרעמדט פון „בונד" און בכלל פון פּאָ־ליטישן לעבן. זיי ביידע, און אויך דער דריטער, ע., וואָלטן געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן צביונ'ען און וואָלטן מיר געקענט פאַרלייכטערן

מיין אַרבעט. אָבער וואו זיינען זיי? ווידער אַ מאָל — „זוך דעם ווינט אין פעלד״...

פון אַלע פערציק בונדישע גרופעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין מערב־אייראָפּע, האָט געהערשט אַ באַזונדערס אינטימע פריינטשאַפט צווישן די חברים אין קאַרלסרוע, יעדנפאַלס אין די יאָרן 1901־1902, ווען עס איז מיר אויסגעקומען זיך מיט זיי עפּטער צו טרעפן. פון זיי איז, אויסער צביון׳עו, גלויב איך, שוין קיינער ניטאָ. מאַרגאָלין איז נאָך אין יאָר 1905 דערשאָסן געוואָרן בעת אַ דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע; אַלעס גאָלדע איז דערשאָסן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ; פּאַוועל בערמאַן אומגעקומען דורך אַן אומגליק־פאַל אין 1921 אין נאַרוואַ; לעאָניד קאַראַבאַטשקין געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אין מאָסקווע.

וואָס מער עס אַרבעט מיין זכרון, אַלץ מער ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין שוין מסתמא בכלל דער לעצטער, דער איינציקער „עדות״. אָבער איז דען דאָ איבערהויפּט נויטיק אַן עדות? איז דען ניט אין דעם פאַל דער בעסטער עדות צביון אַליין? אָבער — יאָ נויטיק, ניט בויטיק, ווען דער זכרון צעשפּילט זיך און פאָדערט זיין רעכט, מוז מען אים אַ ביסל נאָכגעבן.

וועגן בערן און קאַרלסרוע קאָן איך עדות זאָגן, אַז אונזער בעל־יובל האָט אין יענע יאָרן אויפן שטרענגסטן אופן אָפּגעהיט דעם קלאַסישן רעזשים פון אַ תלמיד חכם: פּת במלח תאכל... און ווען ניט די גוטע נשמה פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי (צו איר ליכ־טיקער געשטאַלט דאַרף איך זיך נאָך אומקערן), וואָלט געווען מער מלח ווי פּת. ודי לחכימא ברמיזא.

אגב, איז יענער רעזשים ניט געווען קיין זעלטנקייט אין אונזער סטודענטישער סביבה, אין וועלכער עס האָט זיך, אָבער, געלעבט גאַנץ פריילעך. זאָל נאָך דאָ באַמערקט ווערן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן אַלע רעזשימען: זיי האַלטן זיך ניט אייביק, זיי קומען און פאַרשווינדן. אמת, אַמאָל מאַכט זיך, אַז זיי קערן זיך אום פון דאָס ניי; ווייסן מיר דאָך, אָבער, אַז ס׳איז ניט אויף אייביק...

צביון צווישן דער „פאָלקסצייטונג״־עליטע

צביון׳ס גרויסע פּאָפּולאַריטעט הויבט זיך אָן פון זיינע „קליינע פעליעטאָנען״ און „בריוו פון ריגע״ אין פּעטערבורגער „פריינד״.

ווען ער האָט אָנגעפאַנגען סיסטעמאַטיש מיטצואַרבעטן אין

„פריינד", ווייס איך ניט (אַן עדות מוז זאָגן בלויז דעם אמת, און דעם פולן אמת). איך ווייס, אַז אין 1903 האָט ער נאָך אין „פריינד" ניט געשריבן, און באַמערקט זיין אונטערשריפט אין „פריינד" האָב איך ערשט אָנהויב זומער 1905. די סיבה דערפון איז, וואָס דאָס גאַנצע יאָר 1904 און אַ היפשן טייל פון 1905 בין איך געווען „אויף קעסט" ביי ניקאָלאַי דעם צווייטן. דער „פריינד" איז אין 1905 געווען שטאַרק פאַרשפּרייט, און איך געדענק זייער גוט, ווי דער נאָמען צביון איז בײם ברייטן עולם פּאָפּולער געווען.

עס מוז באַמערקט ווערן, אַז וועגן דעם אידישן לעבן אין ריגע איז ניט געווען פיל וואָס צו שרייבן, אָבער דער געבענטשטער קלי־מאַט פון 1905טן יאָר האָט זיך געלאָזט פילן אויך אין ריגע, באַ־זונדערס ביי די לעטישע אַרבעטער און ביי דער יוגנט אין די לערן־אַנשטאַלטן. אַט די שטאַרקע „קלימאַטישע" ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ריגע, האָט דערפירט דערצו, אַז אין די שטורעמ־דיקע חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער 1905 איז די אַלטע שיינע שטאָט ריגע (און כמעט די גאַנצע באַלטישע געגנט) געווען אין די הענט פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון דער לעטישער ס.־ד. פּאַרטיי און „בונד", און דער דיקטאַטאָר פון ריגע איז געווען דער פאָר־שטייער פון „בונד", מאַקסים, צו יענער צייט אַ לעגענדאַרע פיגור.

סוף דעצעמבער 1905 הויבט זיך אָן באַווייזן די אונטערשריפט „צביון" אין דער ערשטער לעגאַלער בונדישער טאָג־צייטונג „דער וועקער", שפּעטער „פאָלקס־צייטונג", צולעצט „האָפענונג". אַ לע־גאַלע צייטונג האָט דער „בונד" געהאַט ביז האַרבסט 1907.

אויף די שפּאַלטן פון דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג" קריסטאַ־ליזירט זיך אויס די אייגנאַרטיקייט פון צביון׳ס שפּראַך און סטיל. די שפּראַך איז דער לומד׳ישער ליטווישער אידיש, פליסיק און קלאָר, און מיט אַ הומאָר, וואָס גליטשט זיך לייכט אַראָפּ פון דער פעדער, ווי אַ פריינטלעכער שמייכל. פון אָנהויב אָן איז אין זיין שפּראַך קיין שפּור ניט געווען צו געפינען פון דעם אַזוי גוט באַקאַנטן כעמישן שטאָף H (וואַסערשטאָף בלע״ז), מיט וועלכן עס האָבן שטאַרק געזינדיקט אַפילו אונזערע דעמאָלטדיקע גדולים און מיט וועלכן עס ווערט עד־היום ווייטער געזינדיקט. אָבער — „נאָמינאַ סונט אָדיאָזאַ", אויף אונזער לשון: אָנרופן נעמען איז אַ רשעות...

צביון׳ס פעדער איז שוין אין דער „פאָלקסצייטונג" שטאַרק דיסציפּלינירט. זי טרעט גלייך צו צום פונקט, און אין דעם אופן, ווי זי שטעלט אַוועק די פראַגע, וואָס זי וויל באַהאַנדלען, און ווי זי

גייט אויפקלערן דעם ווידעראַנאַנד אַרום דער פראַגע, פילט זיך די דורות־אַלטע מעטאַדישקייט און די פשטות פון „שנים אוחזין"...

ביז צו דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג" איז צביון געווען באַקאַנט הויפטזעכלעך אין ריגע און אין די אויסלענדישע גרופּעס, וואו ער איז געווען שטאַרק באַליבט. אגב, דאַרף מען זיי ניט אָנרופן „סטודענ־טישע גרופּעס"; אין מאַנכע איז געווען אַ גאַנץ גרויסער פּראָצענט אַרבעטער, אין אַנדערע — בלויז אַרבעטער (מאַנהיים, באַדען־באַדען, אָפּנ־באַך, ווינטערטור). — אין ווילנע, אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג", האָט זיך מיט צביון'ען באַקאַנט, אַזוי צו זאָגן, דער גאַנצער „בונד". דאָרטן איז ער היימיש געוואָרן אין דער בונדישער „עליטע", נאָענט געוואָרן מיט דער ווילנער בונדישער „דינאַסטיע", ווי מיר האָבן מיט ליבע און פאַרערונג אָנגערופן אונ־זער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע. מיט וואָס האָט זיך צביון אונטער־געשיידט פון אַלע אַנדערע פון יענעם קרייז, וואָס איז אַזוי רייך געווען מיט שעפערישע כוחות?

אָבער לאָמיר צוערשט אויסזעצן אַרום טיש פון דער רעדאַק־ציע די אַלע, וואָס האָבן געהערט צום צענטער פון דער פּאַרטיי, די־רעקט אָדער אומדירעקט געהאַט אַ שייכות צו דער „פאָלקס־צייטונג", צו דער בונדישער רוסישער וואָכנשריפט, צו דער פּראָפ. קאָמיסיע ביים צ. ק., צו דיביידע בונדישע פאַרלאַגן („די וועלט" און „טריבונאַ") און אין אַלגעמיין צו דער פּאַרטיי־עליטע פון יענער צייט (1906) אויף דער הייסער רוסישער ערד. אָט זיינען זיי, אויף וויפל עס האָט זיך ניט ווער אויסבאַהאַלטן פון מיין זכרון:

אַרקאַדי קרעמער, וולאַד. קאָסאָווסקי, נח, אייזנשטאַט, פ. ראָזענ־טאַל, מעדעם, ליבער, אַבראַמאָוויטש, גראָסער, ליטוואַק, גאָזשאַנסקי, וויינשטיין, צביון, פּאַטי קרעמער, אסתר פרומקין, אַננע ראָזענטאַל, ליזע אַמסטערדאַם, ראָזע לעוויט, צביה, „אַבראַם דער טאַטע", מאַ־ריאַנע אייזנבערג, יוליאַ אַבראַמאָוויטש, איזראַעל, דר. אַרנשטיין, אָקון, מ. אָגוז, אייכנער, מוציק אַטראַן, אַלגין, בייניש, בעלענסקי, באַסקין, סערגיי בראַון, לייבעטשקע בערמאַן, אַריה ברומבערג, פּנחס בערנ־שטיין, סאַמואיל בערנשטיין, עספיר בערנשטיין, ה. בלום, באַנעוואור, סאָניע גורעוויטש, גיסער, גאָלדע, אריה גאַרבער, מאַקס גאַרבער, גאַליי, גאָלדשטיין, גרינפעלד, סאָפיע דובנאָוו, דושקאַן, דריבין, שמייע דראַב־קין, זשעניע הורוויטש, היליקמאַן, ווייטער, ווינאָקור, ווילענקין, זעל־דאָוו, זאָלאָטאַריאָוו, זאַקאַן, זלמן זינגער, דמ. זאַקהיים, זאַסלאַווסקי, טאַראַס און מאַריאַ, טערמאַן, טיאַמקין, טיומין, רודאָלף יאַפע, עלטשיק

כייקין, באַזאַנאָוויטש, אַננע ליפּשיץ, לוריע, שלום לעווין, ליפּעץ, לעבסקי, לאַזערסאָן, לאַנדוי, „ליליפּוט", מוטניק, מאַזאָוועך, מאַקסים, מאַכלין, מאַטאָלסקי, ר. מיצקון, ב. מיניקוס, נתן דער שלאָסער, סאַלוצקי, סינטאָווסקי, יואל סליאָסער, מעטעק סלאָנימסקי, עזראַ, עסטעראַ, לאַזאַר עפּשטיין, אַלטער און עטקע עפּשטיין, יעקב פּרומין, יצחק פּיסאַכזאָן, פּלודערמאַכער, פּאָזנאַנסקי, ב. פּרומקין, פּרומקין, פראַנקפורט, ד. פּישער, צאַלעוויטש, ציפּקין, ציגע, ווירגילי קאַהאַן, קאָפּלזאָן, קאָיגען, יאַשאַ קאַפּלאַן, קירזשניץ, קאַנטאָר, קאָראָבאָטשקין, קאָסטעלאַנסקי, איסער ראַבקין, ראַפּעס, ראָזע רייכנשטיין, נח ראַפּאָפּאָרט, שאַמיי, שאַדאָווסקי, שטשופּאַק, מאַקס שטערן, ר. שליפּער, שלאָסבערג, און — אחרון חביב: וואָלאַדעק.

דער טיש איז אַ רונדער. דער קרייז עפּנט זיך מיט דעם חשוב'סטן און עלטסטן, דעם (אין 1906) 41־יאָריקן קרעמער, און שליסט זיך מיט דעם ייִנגסטן, דעם 20־יאָריקן וואָלאַדעק, וואָס האָט שוין דעמאָלט פיל צוגעזאָגט און זיין צוזאָג געהאַלטן *).

*) אין דער רשימה רעכן איך אויס, לויטן זכרון, די נעמען פון די, וואָס זיינען אָנהויב 1906 געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון „בונד" אין רוסלאַנד און פּוילן. צו אַזאַ רשימה פאַר 1907 וואָלט מען געמוזט צוגעבן די נעמען: הענריק ערליך, ליבמאַן הערש, נחום כאַנין, סאַראַ שוועבער, זעלמאַנאָוויטש, יולטשיק ראַבינאָוויטש, ראַוורעבע, טעפּליצקי, חיים וואַסער, מושקאַט, ישראל ליכטענשטיין.

די רשימה פּרעטענדירט, פאַרשטייט זיך, ניט אויף גאַנצקייט. איך פאַרצייכן אין איר ניט די נעמען פון פאַרשיידענע אַקטיווע חברים, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט (1906) געפונען אין אויסלאַנד. זאָלן די וויכטיקסטע פון זיי דאָ אָנגערופן ווערן: דזשאָן מילל אין דער שווייץ, מ. גורעוויטש און אייבערעמס אין ניו־יאָרק, א. ש. זאַקס אין בערלין, פאַוועל בערמאַן אין קאַרלסרוע, מאַקס נאַדל אין לאָנדאָן, דאָבין, ליבין, שוויראַנסקי און פרענקל אין פאַריז (ביידע דאָבינס און שוויראַנסקי זיינען פון די נאַצי־מערדערס אומגעבראַכט געוואָרן), נאַכימזאָן און אַדעלע שענבערג אין לייפּציג.

אַ גרויסע צאָל חברים, וואָס זיינען אין 1906 — און מיט יאָרן פריער און שפּעטער — זייער אַקטיוו געווען אין „בונד", קאָן איך ניט אָנרופן, ווייל איך געדענק בלויז זייער עקזיסטענץ, זייער אַרבעט, אָבער ניט זייערע נעמען און ניט זייערע „קליטשקעס" (צונעמען). אָרטיקע טוער אין פאַרשיידענע שטעט, ווילנער האַנדלס־אָנגעשטעלטע, שילער, עקסטערניקעס, סטודענטן, גראָדנער און סואוואַלקער גאַרבער, קאַלוואַריער און מאַריאַמפּאָלער בערשטער א. אַז. וו. מיט מאַנכע פון זיי געזעסן, שפּאַצירט אויף עטאַפּן, אפילו דורכשפּאַצירט אַמאָל צוזאַמען דורך די גראַטעס און איבערשפּאַצירט איבער די פלאַנקעס פון טורמע, און דאָך מאַנכע פון זיי פאַרגעסן. אייניקע פון זיי געפינען זיך אפשר אין אַמעריקע. זאָל איינעם פון זיי, דעם געזאַנג־מייסטער און „סטאַראָסטאַ" פון דער גרויסער ווילנער טורמע אין 1903 און 1904, בנימין מינ—ס, דורך אָט די שורות איבערגעשיקט

די מערהייט פון די, וואָס ביים רונדן טיש, האָט געהערט צו דער אינטעליגענץ, און דאָס הייסט, אַז זי איז געווען שפּראַכלעך מער אָדער ווייניקער אַסימילירט (פון טאָג־צו־טאָג ווייניקער), רוסיפיצירט אָדער פּאָלאָניזירט. מיר, בונדיסטן, זיינען דערין קיין אויסנאַם ניט געווען. גענוי דאָס זעלביקע איז געווען אויך ביי אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, און אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין: ניט געווען קיין אידישע שולן און געווען ערשט דער אָנהויב פון דער מאָדערנער אידישער פּרעסע. און די מאָס פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע האָט געוויינטלעך אַנטשפּראָכן דעם גראַד פון בילדונג.

בנוגע אַלגעמיין פּאָליטישער, ווי ספּעציעל־סאָציאַליסטישער, ביל־דונג איז צביון מיט די אָנפירנדיקע עלעמענטן פון דער „עליטע" געווען, ווי מען רופט עס איצט, גלייכגעשאַלטעט (דאָס וואָרט קומט פון דער טעכניק און איז ערשט פּאָפּולער געוואָרן אַלס אַלגעמיינער באַגריף אין היטלער׳ס יאָרן, עס מעג, אָבער, באַנוצט ווערן). צביון איז, אָבער, זיכער געווען דער געבילדעטסטער אין אידישע ענינים (אַלס קאָנקורענט האָט געקאָנט קומען אין באַטראַכט בלויז ליטוואַק), ער האָט גערעדט און געשריבן דעם ריינסטן אידיש און געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ גאַנצער, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער איד. אַלע אַנדערע זיינען עס געווען אין זייער דענקען און פילן, אין זייער נשמה און זייערע האַנדלונגען, אָבער ניט אַלע אין ריידן און אַוודאי און אַוודאי ניט — אין שרייבן (ווידער אַ מאָל — ליטוואַק באַזונדער).

פון העברעאיש צו אידיש

צביון איז געוואָרן אַ שרייבער (דרוקן האָט ער זיך אָנגעהויבן עטלעכע יאָר שפּעטער), ווען אונזערע אותיות מרובעות זיינען אַוועק אויף צוויי באַזונדערע שליאַכן. די דאַטע, ווען די שיידונג־ליניע צווישן העברעאיש און אידיש האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן, קאָן באַ־צייכנט ווערן מיטן יאָר 1896, מיטן פרילינג פון דער אידישער, דע־

ווערן אַ גרוס. יאָ, מיר האָבן געזונגען אין ווילנע, און אפילו געטאַנצט, געזונגען יעדער טאָג, געטאַנצט בלויז איין מאָל. דער צאַריזם האָט געהאַט אַ טראַדיציע: פאַר געוויסע „חטאים" פאַרשמידן אָן אַ משפּט, אפילו אַ פּאָליטישן. אונזער טראַדיציע איז געווען אין אַזאַ פאַל — טאַנצן דעם „מאַזור קאַידאַנאַרסקי" ביים מעטאַלענעם קלאַנג פון די קאַידאַנען (קאַנדאַלן), אַ ירושה נאָך פון דער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". מיר האָבן אין אַ געוויסן פאַל די טראַדיציע אָפּגעהיט. די מענטשן האָבן ניט געשטערט.

מאָלט „זשאַרגאָנישער“, ליטעראַטור, מיט די ערשטע יום־טוב־בלעטלעך, וואָס זייער ראַדיקאַליזם, זייער פרייער געדאַנק און וואָרט האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אויפשטייג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן. אויף דער אַרענע פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך באַוויזן דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער. די נייע שטימונגען און שטרעבונגען האָבן זיך פון „אונטער־ערד“ אַלץ מער און מער דורכגעריסן אויף דער אויבערפלאַך. דאָס געדרוקטע אידישע וואָרט האָט באַקומען אַ מאַסן־קאָנסומענט.

ביז דאַן האָט די אידישע פעדער, מיט ווינציקע אויסנאַמען, געשריבן איןביידע שפּראַכן, און ווען די פעדער איז צוגעוויינט געווען צו אַ לומד׳ישן אידיש מיט פּאָפּולערע גמרא־ווערטלעך, פלעגט זיך באַקומען צווישן די ביידע שפּראַכן אַ קאָמישע ענלעכקייט. וועגן דעם אַלטן גאָטלאָבער׳ן האָבן זיך ביזע צינגער געוויצלט, אַז ווען ער וואַרפט אַן אום׳חן אויף דעם ביסל וואָקאַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן, און „מייסטערוועט“ זיינע זאַצן מיט גאָלע קאָנסאָנאַנטן, באַקומט זיך העברעאיש, אָבער ווי נאָר ער פאַרבענקט זיך צוריק נאָך די באַעולה׳טע וואָקאַלן און הויבט זיי אָן אויסמישן מיט די קאָנסאָנאַנטן, קומט אַרויס אידיש...

דער פריילינג אויף דער אידישער גאַס האָט די ביידע שפּראַכן צעשיידט, די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן אַפילו שטאַרק אָפּגעפרעמדט איינע פון דער אַנדערער. אַ טייל פון די עלטערע שרייבער איז אַריבער אין גאַנצן אויף אידיש (י. ל. פּרץ), און אַלץ מער האָבן זיך באַוויזן נייע, וואָס האָבן געשריבן בלויז אין אידיש.

די צעשיידונג האָט אָפּגעשפּיגלט די טענדענץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. און עס איז טאַקע נאַטירלעך, וואָס דער שליאַך פון אידיש (ביז אַרום 1903 „זשאַרגאָן“) איז געווען אויף לינקס. צום אידישן אַרבעטער, צום פאָלקס־מענטש האָט מען ניט געקאָנט קומען מיט העברעאיש. מען קאָן, אָבער, ניט זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איז געווען אין העברעאיש, איז געווען דירעקט קעגנזעצלעך צו דעם, וואָס אויף לינקס אין אידיש, ניט מיין אויפגאַבע איז עס, אָבער, דאָ זיך דערמיט צו פאַרנעמען.

צביון איז געקומען צו אידיש אָנגעלאָדן מיט העברעאיש. און דאָס איז גראָד געווען אַ גרויסע מעלה. דאָס האָט געמאַכט זיין פעדער רייכער אין ניואַנסן און פאַרבן, זיין נוסח — פאָלקסטימלעכער און שטאַרק פאַרגרעסערט זיין אוידיטאָריע, וועלכע איז פון אָנהויב אָן געווען גרויס און איז באַזונדערס גרויס געוואָרן אין אַמעריקע. אויב

איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער טיראַזש פון „פאָרווערטס" אין די יאָרן צווישן דיביידע וועלט־מלחמות דערגאַנגען ביז 250,000, און צביונ׳ס אַרטיקלען זיינען אין יענע יאָרן סיסטעמאַטיש איבער־געדרוקט געוואָרן אין די אידישע צייטונגען און וואָכנשריפטן אין גאַנץ אייראָפּע, אין דרום־אַמעריקע און וואו נאָר ס׳איז אַרויס אַ אידישע צייטונג (אויסער סאָוועט־רוסלאַנד). דער טיראַזש פון אַלע יענע אידישע צייטונגען אין פוילן, לעטלאַנד, ליטע, פראַנקרייך, רומעניע א. אַנד., אויף וויפל איך ווייס, האָט זיך געוואַקלט צווישן 100,000 און 150,000. הייסט דאָס, אַז אַ גרויסע צאָל פון זיינע אַר־טיקלען אין יענע יאָרן האָט זיך געדרוקט, אַריינגערעכנט דעם „פאָרווערטס", אין 350,000 קאָפּיעס ביז אפשר 400,000. דערצו מוז באַמערקט ווערן, אַז אַ קאָפּיע פון אַ אידישער צייטונג אין פוילן, ליטע און לעטלאַנד פלעגט דורכגיין אפשר דורך פינף הענט. — איך דערמאָן זיך דערביי אַ זעלטענעם קוריאָז: אין קאָוונע (אָדער אין ווילנע) האָבן איין־און־דעם זעלבן אַרטיקל „אידישע אינטערעסן" איבערגעדרוקט דעם זעלבן טאָג צוויי דאָרטיקע צייטונגען (איך פלעג אין יענע יאָרן דורכקוקן כמעט אַלע אידישע צייטונגען).

פאַר דער אידישער פּרעסע אין אייראָפּע איז צביון באמת געווען דער צווייטער „מנדב הידוע" (דער ערשטער האָט געטראָגן דעם טיטל, ווי באַוואוסט, דער אַלטער ראָטשילד).

מיט וואָליזעם קאָנטראַבאַנדע

פון די פופציק יאָר, וועגן וועלכע דאָס יובל־בוך דאַרף געבן א געוויסע פאַרשטעלונג, האָט דער בעל־יובל בלויז די לעצטע פערציק יאָר פאַרבראַכט ביי אַ שרייב־טיש מיט אַ טעלעפאָן א. ד. גל. גוטע באַדינגונגען. אין זיינע ערשטע צען שרייבערישע יאָרן איז ער זייער ווייט געווען פון אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן. פאַרקערט, ער איז גאַנץ אָפט זייער נאָענט געווען צו אַלע יענע באַוואוסטע „אומבאַ־קוועמלעכקייטן", וואָס די צאַרישע אָכראַנע פלעגט צוגרייטן פאַר אונזער איינעם, ווען זי פלעגט זיך דערוויסן וועגן אונזערע חטאים. צו יענע שווערע חטאים האָט געהערט אויך די מיטאַרבעט אין דער „לעגאַלער" ווילנער „פאָלקס־צייטונג". צביון האָט געהאַט מזל אַלע יאָרן.

מוז מען, אָבער, געדענקען, אַז די מאַדאַם מזל איז געווען אַ קאַ־פּריזע באַשעפעניש, וואָס פלעגט נעמען אונטער אירע פליגלען נאָר

אַזאַ איינעם, וואָס האָט אַליין געוואוסט ווי זיך צו היטן. ווי עס הייסט אויף רוסיש: האָב בטחון אין אויבערשטן, אָבער אַליין זיי אויך קיין יאָלד ניט (בלשון וואַרשע)...

פון יענע יאָרן, דאָס איז היינט אַ געשיכטע פון פולע 47 יאָר, איז ביי מיר אין זכרון געבליבן אַן עפּיזאָד, וואָס אויב ניט מזל, וואָלט די מעשה זיך געקאָנט ענדיקן פאַרן בעל־יובל מיט אַן ערך צוויי יאָר טורמע און פינף יאָר סיביר (איך אורטייל לויט איינינקע ענלעכע פאַלן) און פאַר מיר מיט גרויס עגמת נפש.

איך האָב דעמאָלט שטודירט אין בערלין און האָב געהאַט איבערגענומען פון מיין אַלטן פריינט דזשאַן מילל די שווערע פונקציע צוצושטעלן סיסטעמאַטיש דעם צ. ק. און די גרעסערע קאָמיטעטן פון „בונד״ די בונדישע און רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אויסלאַנד. דער שנעלסטער און איינפאַכסטער וועג איז געווען — אַריבערצופירן די ליטעראַטור איבער דער גרענעץ אין וואַליזעס מיט אַ טאָפּלטן דעק. איז ביי אונז איינגעפירט געוואָרן, אַז יעדער פּאַרטיי־חבר, וואָס פאָרט אַהיים און האָט ניט קיין גרונט צו דערוואַרטן, אַז מען זאָל אים ביי דער גרענעץ פאַרהאַלטן, לייגט מען פאַר מיטצונעמען איינע אָדער צוויי וואַליזעס און זיי צושטעלן לויט אונדזער אָנווייזונג. זאָגט ער זיך אָפּ, איז פאַרפאַלן. קיין מוז איז ניט געווען. פאַקטיש, אָבער, האָט עס יעדערער באַטראַכט פאַר אַ מוז.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב זיך דערמיט פאַרנומען (פון האַרבסט 1900 ביז זומער 1902), האָט זיך כמעט קיינער ניט אָפּגעזאָגט, און דורכגעפאַרן זיינען לויט אַ רשימה, וואָס איך האָב מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק צונויפגעשטעלט אין וואַרשעווער „אונזער צייט״, אין 1927־1928, ווי ווייט איך געדענק איצט, 56 חברים און חבר'טעס, מאַנכע פון זיי צוויי מאָל.

איינער פון מיינע ערשטע „וואַיאַזשאַרן״ אין 1901 איז געווען אונזער בעל־יובל, דעמאָלט שטודירט אין קאַרלסרוע און געפאָרן אויף וואַקאַציע קיין ריגע. איך האָב אים געגעבן צוויי וואַליזעס מיט די נויטיקע אינסטרוקציעס און ער איז אָפּגעפאָרן. מיין געוויסן איז געווען ריין, ד. ה. אין אָרדענונג. דורך אַלע גרענעץ־פונקטן, דורך וועלכע מען האָט געדאַרפט דורכפאָרן (ווערזשבאָלאָווא, אַלעקסאַנדראָווא, וואָלאָטשיסק א. אַנד.), בין איך אַליין שוין געווען געפאָרן; דאָס זעלביקע מיט אַ שיף דורכן באַלטישן ים (מען פלעגט פאָרן פון שטעטין, ליובעק אָדער ברעמען ביז ליבאַווע, ריגע, רעוועל, פּעטערבורג).

אָבער דאָס געוויסן איז אַן אַבסטראַקטע זאַך, אַ גאַנץ קאָנקרעטע זאַך איז דאָס מענטשלעכע האַרץ, און דאָס האַרץ איז ביי מיר יעדער מאָל זייער אומרואיק געווען. מסתמא אין דעם פאַל מער ווי אין אַנדערע פאַלן. נו, עס איז אַלץ דורך בשלום, ד. ה. זיבן יאָר פרייהייט ווי געוואונען אויף אַ לאָטעריי־צעטל.

געהערט האָב איך, אַז אַן ענלעכע נסיעה האָט אונזער בעל־יובל אין 1904 דורכגעמאַכט צום צווייטן מאָל, אויך בשלום, אָבער מיט גרויסע קאָמפּליקאַציעס. צו דער צווייטער נסיעה האָב איך קיין שייכות ניט געהאַט. ווי שוין פריער באַמערקט, האָב איך דאָס גאַנצע יאָר 1904 געהאַט אומזיסטע קעסט ביי ניקאָלאַי דעם צווייטן.

* * *

טאַלאַנט, גרויסע קענטענישן, מאָראַלישע פעסטקייט — דאָס האָט דער לייענער אויףביידע זייטן ים גאַנץ גוט אַרויסגעפילט פון צביון׳ס פעדער. אָבער נאָר זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן געקאָנט וויסן, וואָס פאַר אַ שיינעם חלק אין זיין שעפערישער אַרבעט ס׳האָט געהאַט זיין פאַרשטאַרבענע פרוי. זיין אויסערגעוויינטלעכע אַרבעטס־פעאיקייט, דער מילדער קלימאַט, וואָס הערשט איבער זיינע שורות, — דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען איר אידעאישער נאָענטקייט. זי איז געווען אַ געטרייער קאַמעראַד אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטן. זאָל איצט, צען יאָר נאָך איר טויט, מיין לעצטע שורה געווידמעט זיין איר ליכטיקן אָנדענק.

(פון דעם באַנד געקליבענע שריפטן פון צביון — „פאַר פופציק יאָר“, ניו־יאָרק, 1948).

דוד מיצשניק („טשעד״)

דוד מיצשניק („טשעד״) איז געבוירן געוואָרן אַרום 1881, אין קישינעוו, ביי גאַנץ רייכע עלטערן. דער פֿאָטער איז געווען אַ תבואה־עקספּאָרטער, האָט געהאַט מילן און גיטער אין בעסאַראַביע און רומעניע, גרויסע קאַפּיטאַלן אין רוסישע און רומענישע בענק. אין קישינעוו איז עס געווען אַ הויז, וואו מען האָט געלעבט אין גרויס עשירות און רחבות. יאַצקאָן האָט אַמאָל געשריבן וועגן אַ וואַר־שעווער חסיד, אַז ביי אים זעצן זיך צום טיש צוועלף קאַרפּן־עסערס (דאָס האָט געזאָלט זיין אַ שבח). ביי מיצשניק'ן צום טיש פֿלעגן זיך זעצן 15 יוסטע אידן און מען פֿלעגט שטעלן אויפֿן טיש איין מאָל 15 פֿלאַש וויין און נאָך אַ מאָל 15 און אַמאָל צום דריטן מאָל 15. אַרום און אַרום זיינען ביים אַלטן דור קיין שום אַנדערע אינטערעסן ניט געווען, אויסער גיטער, מילן, בענק, און ווידער אַ מאָל בענק, גי־טער און מילן. און אין דער משפּחה זיינען אַלע קינדער — דריי זין און פֿיר טעכטער — אויף אַ געוויסער צייט גאַנץ ערנסט אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך מיין, אַז די אור־זאַך איז צו זוכן ניט נאָר אין דער אַלגעמיינער שטימונג ביים יונגן דור אין די יאָרן 1899 ביז 1905, נאָר אויך אין דער באַזונדערער אַט־מאָספֿער פֿון קישינעוו גופֿא. איר ווייסט, וואָס קישינעוו איז שטענ־דיק געווען, און איך דאַרף זיך אויף דעם דאָ ניט אָפּשטעלן. אויף יעדער פֿאַל וויל איך באַמערקן, אַז קישינעוו איז שטענדיק געשטאַנען אין ענגסטן קאָנטאַקט מיט אָדעס, אַזוי אַז די אָדעסער נאַראָדאָוואָלצעס האָבן געהאַט שוין אין יענע אַלטע יאָרן גוטע באַציאונגען מיט דער אידישער און טיילווייז אויך מיט דער רוסישער אינטעליגענץ אין קישינעוו. אין דעם פּעריאָד פֿון דעקאַדענץ פֿון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ האָט מען אין קישינעוו, וואו עס איז שוין געווען אַ היפּש ביסל רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן, „נאָכגעמאַלפּעוועט״ די נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ מיט מער התמדה ווי אין אונזערע אידישע שטעט אין דרום. איך דערמאָן דאָ נאָר דעם גרויסן אוואַנטוריסטישן „פּאָד־קאָפּ״ (אונטערערדישע אונטערגראַבונג) צו דער „קאַזנאַטשעיסטוואָ״ (רעגירונגס־קאַסע).

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער וויסנשאַפֿטלעכע פּראָפּאַגאַנדע

פון מאַרקסיזם, האָט קישינעוו געהאַט אַ באַזונדערן מזל: דאָרטן האָט זיך באַזעצט ריאַזאַנאָוו און האָט געקנעלט טאָג און נאַכט מיט דער גאַנצער יונגער אינטעליגענץ — איין קרייז נאָכן אַנדערן — הלכות מאַרקס מיט רש״י און תוספות פּונקט אַזוי גרינדלעך, ווי מען האָט געקנעלט דעם תלמוד בבלי און ירושלמי אין וואָלאָזשין.

צוויי ברידער און די עלטערע שוועסטער פון „טשעד״־ן זיינען געווען תלמידים פון ריאַזאַנאָוו׳ן. ער אַליין ניט — ער איז נאָך געווען צו יונג דערצו. אָבער ער איז אין גאַנצן פון קינדוויַיז אָן געווען פאַרכאַפּט פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט אין יענער שטאָט געהערשט, און געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. . . . זומער 1901 (איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין בערלין) איז דוד מיצשניק געפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן און ער האָט זיך באַזעצט אין לייפּציג. די עלטערע צוויי ברידער זיינען דעמאָלט געווען סטודענטן אין רוסלאַנד און ביידע געזעסן אין טורמע. די עלטערע שוועסטער ווּיטיאַ (וויקטאָריאַ) האָט שטודירט אין זשענעווע און איז געווען אַ געמעסיקטע איסקראָווקע מיט סימפּאַטיעס צום „בונד״. מיצשניק איז געקומען אין לייפּציג מיט זיין שוועסטער דאָרטאַ. ביידע זיינען באַלד אַריין אין דער דאָרטיקער בונדישער גרופּע: בלום (דער „דייטש״), אַ ווילנערקע — קולקעס, מאַריאַ קאַצענעלנבויגן, אַ וויטעבסקערין, און אַנדערע.

אין גיכן האָט מיצשניק זיך דערוואוסט פון דעם ענין „טשע״ (טשעמאָדאַנעס מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור). זאָגט ער צו בלום׳ען, אַז ער וויל פאָרן מיט אַ טשעמאָדאַן ליטעראַטור קיין רוסלאַנד. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געקומען צו מיר אין בערלין. פון אַנדערע קישינעווער, וואָס איך האָב געקענט שוין פון פריער, האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט, ווער ער איז. דער פּערזענלעכער איינדרוק איז געווען, אַז טרויען קען מען אים אַבסאָלוט, אַז דאָס איז אַ גאָלדענער בחור, אַ זעלטן גוטער געטרייער און ריינער מענטש, און מיין דערפאַרונג איז געווען, אַז אַזעלכע זיינען אין טעכנישע פראַגעס אָפט פּאַסיקער ווי די היפּער־קלוגע, וואָס קוקן גלאַט מיט ביטול אויף אַזאַ „קלייניקייט״ ווי אַ טשעמאָדאַן מיט ליטעראַטור און מעסטן אויף אַ מילימעטער און וועגן אויף אַ מיליגראַם די וויכטיקייט פון דער פּראָבלעם: זייערע צען חדשים פרייהייט אָדער צען פונט ליטעראַטור, און עס פאַרשטייט זיך, אַז זייערע פּאָר חדשים פרייהייט האָבן שטענדיק שווערער געוואויגן ווי דאָס ביסל ליטעראַטור. אויב מען רעדט שוין דערפון, וויל איך דאָ פאַררעגיסטרירן אַזאַ פאַקט: דריי „וואַיאַזשאָרן״ זיינען

אַמאָל געזעסן ביי מיר אין שטוב: צוויי סטודענטקעס, ווישטינעצקאַיאַ (איצטער הייסט זי, דוכט מיר, צוקערמאַן) און לייפּונער פון סואוואַלקי, און איינער איקס פון ענסק. דיביידע מיידלעך האָבן פּשוט גענומען די סחורה, זיינען געפאָרן, אָנגעקומען בשלום און האָבן אָפּגעגעבן די סחורה, וואו מען דאַרף; איקס, אָבער, האָט מיר מיט זיין גראָבן פינגער מיט דער גרעסטער חריפות באַוויזן, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ משוגעת און אַן אַוואַנטורע, און איז געפאָרן מיט ליידיקן. אין אַנדערע ענינים איז איקס אפשר איצט זייער אַ וואוילער מענטש.

זאָגט מיר דעמאָלט מיצשניק, איך זאָל אים שיקן מיט צוויי טשעמאָדאַנעס. האָט זיך, אָבער, גלייך געשטעלט אַ שווערער ענין: אַהין קען ער פאָרן אויף זיין אייגענעם פּאַס, צוריק קען ער אויף זיין פּאַס ניט פאָרן, ווייל דערצו וואָלט ער געדאַרפט אַריינפאָרן אין קישינעוו און דאָרטן נעמען אַ נייעם גובערניאַלן פּאַס. אויף אַ פרעמדן („איראָפּעאישן") פּאַס קען ער ניט פאָרן: דייטש אָדער פראַנצויזיש פאַרשטייט ער אַ וואָרט ניט. איז וואָס טוט מען מיט אים? האָב איך דורכגעקוקט מיין פּעקל פּאַספּאָרטן און זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי פרישע ביכלעך, אָקערשט באַקומענע פאַר די דעמאָלטיקע יאַזדעס: אַ בולגאַרישן פּאַס און אַן עסטרייכישן אויפן נאָמען פון אַ טשעך (דעם פאַמיליען־נאָמען געדענק איך ניט), געבאָרן אין אַ קליינער שטאָט אין בעמען. דער פּאַס איז געווען אַ זיכערער (דורך אַ רעקאָמענדאַציע פון וויקטאָר אַדלער אין ווין), האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים עסטרייכישן פּאַס. אָט אין דעם מאָמענט איז אַנטשטאַנען דער פּסעוודאָנים „טשעך". אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך געגרייט צו דער יאַזדע: אָפּגעדרוקט פאַר אים אַ ביסל וויזיט־קאַרטעס אויפן נאָמען פון פּאַס, איינגעניים די איניציאַלן פון נאָמען ווי צייכנס אין זיינע וועש און געקויפט פאַר אים אַ טשעכיש־רוסישן ווערטער־בוך. דערווייל זיינען פאַרטיק געוואָרן די טשעמאָדאַנעס און ער איז אומצופרידן געווען, פאַרוואָס זיי זיינען ניט פון גרעסערן פאָרמאַט. געלט צו דער יאַזדע אַהין און צוריק האָט ער געהאַט. איך האָב אים געגעבן אַלע אינסטרוקציעס און ער האָט זיי אויפן שטרענגסטן אופן אָפּגעהיט. איך געדענק ניט גענוי, וואוהין ער איז צום ערשטן מאָל געפאָרן. מיר דוכט, אַז קיין וואַרשע. אויך דוכט מיר, אַז אין וואַרשע האָט ער זיך דעמאָלט געזען טאַקע מיטן חבר נח. דורכגעגאַנגען איז אַלץ אויסגעצייכנט. גלייך ווי ער איז צוריקגעקומען, האָט זיך אים פאַרוואָלט פאָרן צום צווייטן מאָל. דאָס איז, אָבער, אומעגלעך געווען שוין צוליבן פּאַס אַליין — די צווייטע יאַזדע וואָלט

אויסגעזען פאַרדעכטיק. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער ווידער געקומען צו מיר און דאַן איז ער געפאָרן צום צווייטן מאָל. דאָס האָט געמוזט זיין אַרום נאָוועמבער 1901. אין פעברואַר 1902 האָט ער זיך ווידער געקליבן צו פאָרן. אַזוי ווי איך בין אַליין ניט געווען אין בערלין, האָט זיך די זאַך פאַרשלעפּט ביז מערץ. אין מערץ איז ער אַמאָל געקומען גאַנץ אומדערוואַרט צו מיר, דערביי אין גאַנצן אַ צעטראָגענער. איך האָב באַלד געזען, אַז ס׳האָט עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק. ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ טעלעגראַמע: „דער פאָטער געשטאָרבן, קום גלייך". האָב איך אים געזאָגט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן טאָר ער קיין ליטעראַטור ניט נעמען. ער האָט טאַקע ניט געוואָלט נעמען און האָט זיך נאָר געוואָלט אָפּריידן מיט מיר וועגן יאָווקעס, אַדרעסן א. אַז. וו. קיין אויסלאַנד האָט ער מער ניט געוואָלט צוריקקומען. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָב איך געקראָגן פון אים פון קישינעוו אַ בריוו, אַז ער בלייבט דאָרטן און וועט זען וואָס צו טאָן. די גאַנצע ירושה, וואָס פאַלט אויף זיין טייל, אַרום אַכציק טויזנט רובל, וועט ער אָוועקגעבן דעם „בונד". ביז די ירושה וועט זיך רעאַליזירן, וועט נאָך, אָבער, דויערן אַ סך יאָרן, ווייל לויט די דאָרטיקע געזעצן איז ער נאָך ניט פוליאָריק און קען דעריבער דאָס געלט ניט קריגן אין די אייגענע הענט. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינע שוועסטער און ברידער זיינען אין גאַנצן אייגענע מענטשן, וועט ער קענען פון צייט צו צייט נעמען געלט פאַר אונז פון זייערע סומעס. דעם בריוו האָב איך דעמאָלט אָפּגעשיקט דזשאָנ׳ען. ס׳איז געווען אַן אָנגעברענטער בריוו, אָבער אויף אויסגעצייכנטן שערשעווער פּאַפּיר און נאָכן אָנוואָרעמען האָט זיך דער בריוו גאָרנישט צעשאָטן. כ׳האָב, אָבער, דעם בריוו אין אַרכיוו שפּעטער ניט געפונען. מען האָט אים, ווי עס ווייזט אויס, דעמאָלט אין גאַנצן צעריסן. זומער 1902 האָב איך דעם צ. ק. וועגן דעם געשריבן, דער עיקר — מען זאָל זיך וואָס גיכער פאַרבינדן מיט אים אין קישינעוו. דער צ. ק. האָט געשיקט אַהין באַריס פּערעפּעליאַטשיק׳ן. באַריס איז צו אים אַהיים געקומען מיט איינער אַ חבר׳טע, וואָס האָט דעמאָלט דאָרטן געאַרבעט, אַן אַקושערקע, מאַריאַ אוטשיטעל.

באַריס האָט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געפונען דעם ריכטיקן לשון ווי צו ריידן מיט אים. מיצשניק האָט שפּעטער אייניקע מאָל מיט גרויס עגמת־נפש מיר דערציילט וועגן יענעם באַזוך. באַריס האָט ביי אים געבעטן אַ קליינע סומע געלט, בשעת זיין שוועסטער איז געווען דערביי, דעריבער האָט וועגן קיין גרעסערער סומע, ווי ער

וואָלט דאָס אַליין געוואָלט, שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. שטאַרק פאַרדראָסן האָט אים אויך, וואָס באַריס האָט אים קיין שום נייס ניט דערציילט, קיין ליטעראַטור ניט געבראַכט און בכלל גערעדט מיט אים ווי מיט אַ מענטשן, וואָס דער איינציקער אינטערעס צו אים באַשטייט אין דער געלט־פראַגע. אַזאַ באַציאונג האָט שטענדיק ביי אים אַרויסגערופן די גרעסטע פאַרצווייפלונג, און דעריבער איז זיין איינציקער געדאַנק געווען, וואָס גיכער צו רעאַליזירן דאָס געלט און צו ווערן פונקט אַזאַ מענטש אין דער באַוועגונג ווי אַלע אַנדערע. נאָך דעם ווי באַריס איז אָפּגעפאָרן, האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי דער „בונד" וויל אים בכלל האָבן ביי דער אַרבעט, און דאַן, אין יענע טעג, האָט ער באַשלאָסן צו גרינדן פאַרן אַ. ק. די גרויסע דרוקעריי, צוערשט אין קישינעוו, שפּעטער אין ניקאָלאַיעוו. אין אים האָבן מענטשן געהאַט בכלל אַ גרויסן טעות. מען האָט אים געהאַלטן פאַר ניט פּראַקטיש. ער האָט, אָבער, איינגעאָרדנט לויטן אייגענעם שכל אַן אויסגעצייכנטע דרוקעריי, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ גאַנץ גרויסן מאַסשטאַב, ווי לאַנג ער איז דאָרטן געווען. נאָך זיין אָפּפאָרן האָט זיך די דרוקעריי געהאַלטן נאָך אַ האַלב יאָר און ערשט שפּעטער, שוין אין גאַנץ נייע הענט, איז זי דורכגעפאַלן.

אין דעצעמבער 1902 בין איך אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד און קודם כל געפאָרן צו אים, ווייל איך האָב געהאַט פון אים איניקע בריוו, אין וועלכע ער האָט מיך דרינגענדיק געבעטן וואָס גיכער קומען צו אים. די דרוקעריי איז שוין געווען אין ניקאָלאַיעוו. איך האָב פאַר־בראַכט ביי אים אַ פּאָר טעג און איך האָב, צו מיין באַדויערן, געזען, אַז ער איז כמעט אין גאַנצן אַוועק פון אונז. אויף מיינער אַ פראַגע, צי ער גיט ניט איצט קיין געלט פאַרן צ. ק., האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער קען צונויפברענגען, פאַרשליגט די דרו־קעריי און מער האָט ער איצט גאָרנישט. אַלס אַן אָנצוהערעניש, מיט אַ געוויסן עלעמענט פון פאַרוואורף, האָט ער דערביי באַמערקט, אַז די זעלבע דרוקעריי האָט ער, אייגנטלעך, געוואָלט אָוועקשטעלן פאַרן „בונד", אָבער באַריס האָט בכלל ניט גערעדט מיט אים וועגן קיין ערנסטער אַרבעט. איך האָב געהאַלטן, אַז דער בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן וועגן דער ירושה, איז אַ זאַך, וואָס לייגט אויף אים אַרויף אַ גאַנץ גרויסן מאָראַלישן חוב, און דעריבער האָט ער קיין רעכט ניט אַ טייל פון יענעם געלט אָפּצוגעבן אויף דער ניקאָלאַיעווער דרוקעריי. איך האָב דאָס אים געזאָגט גאַנץ פריינטשאַפטלעך און ער איז מיט מיר איינשטימיק געווען. אָבער דערווייל, האָט ער מיר געזאָגט, וועל

איך דאָ נאָך בלייבן אַ געוויסע צייט, שפּעטער וועל איך קומען צום צ. ק. אין וואַרשע, דאַן וועלן מיר זען. איך בין געקומען אין יאַנואַר 1903 קיין וואַרשע און ביים צ. ק. „באַשטעלט" אַ מאַשינקע פאַר דער ניקאָלאַיעווער דרוקעריי. פאַר דער מאַשינקע האָב איך געבראַכט פון טשעד"־ן הונדערט רובל, וואָס איז קוויטירט אונטער אַ צייכן אין דער „שטימע". די מאַשינקע האָט „לאַנגזאַם" געמאַכט און עס אָפּגעשיקט אין אַ קאַסטן קיין אָדעס. זומער 1903 בין איך אַמאָל געפאָרן קיין בערדיטשעוו צו יונה'ן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יאַוועקעס וכדומה צום פינפטן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען טאַקע אין בערדיטשעוו. אין בערדיטשעוו האָט יונה מיך געבעטן, איך זאָל פון דאָרט פאָרן קיין ניקאָלאַיעוו, כדי זיך צו זען מיטן „טשעד" און וואָס אָפּדרוקן ביי אים פאַר אונזער אָדעסער קאָמיטעט. אַ בלעטל פון אונזער אָדעסער קאָמיטעט איז שוין געווען ביי אים געדרוקט, אָבער אַפילו טאַראַס און מאַריאַ האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָס דרוקט זיך אין ניקאָלאַיעוו. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס קומט פון קישינעוו.

אין ניקאָלאַיעוו האָט מען מיך מיט גרויס פאַראַד איינגעלאַדן אין דרוקעריי (אַן אומדערהערטע זאַך!). בשעת מען האָט מיר אין שטאָט געגעבן דעם אַדרעס, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ „פּערעדאַ־טאָטשנע" (טראַנזיטאַרע) קוואַרטיר. אַריינגעשפּרייזט האָב איך דירעקט אין קדשי־קדשים. עס איז געווען אַ ריזיקע קוואַרטיר, אפשר 6־7 צימערן, געלעבט האָט מען ווי גאָט אין פראַנקרייך. דער באַלעבאָס, גערופן האָט מען אים באַריס דער שוואַרצער, האָט זיך געלעבט דאָרטן גאַנץ באַלעבאַטיש. געלט האָט פאַרשלונגען די דרוקעריי זייער פיל, אָבער דעמאָלט האָט שוין „טשעד" געגעבן נאָר אַ טייל פון דעם געלט. די דרוקעריי האָט אויסגעהאַלטן דער אָ. ק. (אָרטיקער קאָמיטעט) און דער „יוזשני ראַבאָטשי". איך האָב זיי געבראַכט אַ ביסל ליטעראַטור און געקראָגן פון זיי צוויי גרויסע קערב מיט ליטעראַטור פאַר אָדעס, בערדיטשעוו און אַ ביסל פאַר וואַרשע.

איך האָב ווידער געשטעלט די פראַגע „טשעד"־ן, וואָס עס וועט זיין מיט אים. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער איז גרייט יעדער מינוט צו פאָרן קיין וואַרשע און אין גאַנצן אָוועקצוגיין פון דער ניקאָלאַיעווער דרוקעריי. זיין פרוי האָט אויך געאַרבעט אין „דפוס". האָט זי געזאָגט, אַזוי ווי אין פסוק שטייט: וואו ער וועט גיין, וועל איך אויך גיין. זיינען מיר אַלע דריי צוזאַמען אָפּגעפאָרן. ער איז געפאָרן קיין קישינעוו, זי איז מיט מיר געפאָרן קיין בערדיטשעוו, וואו זי האָט געדאַרפט קריגן אַ פּאַס. איך בין צוריקגעפאָרן קיין

וואַרשע. דערווייל האָט דער צ. ק. געהאַט אָנגענומען אַן ענדגיל־טיקן באַשלוס, אַז דער פינפטער צוזאַמענפאָר זאָל זיין אין ציריך. מיטן אויפטראַג בין איך ווידער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין בערדיטשעוו. יונה האָט מיט דער בשורה מיך געשיקט קיין אָדעס.

צוריקפאָרנדיק פון אָדעס, בין איך אויף אַ פּאָר שעה אַריינגע־פאָרן קיין קישינעוו און מיטגענומען מיט זיך „טשעך"־ן קיין בער־דיטשעוו צו זיין פּרוי.

דערווייל זיינען אַלע אונזערע דעלעגאַטן פון דאָרטן שוין געווען אָפּגעפאָרן: יונה, מאַקס ווינאָקור, באַנעוואַור, טאַראַס, מאַריאַ און פרידע. זאָגט מיר „טשעך" אַזוי: פאָרן איצט קיין וואַרשע האָט דאָך קיין זינען ניט, זיצן אין בערדיטשעוו האָט אויך קיין זינען ניט, זאָל זי בלייבן דערווייל אין בערדיטשעוו און איך וועל פאָרן מיט אייך קיין ציריך. אין פלוג האָט עס אויסגעזען מאָדנע. אַזאַ גרוי־סע יאַזדע, וואָס איז דערצו נאָך פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות! אָבער די זאַך איז געווען אַ ביסל ערנסטער. זיין שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב שטאַרק מורא געהאַט שוין דעמאָלט פאַר דעם טראַגישן סוף, וואָס איז טאַקע שפּעטער געקומען. ער האָט זיך געפילט גוט נאָר מיט גאַנץ נאָענטע אייגענע מענטשן. ווי נאָר עס פלעגט זיך אים דוכטן, אַז מען באַציט זיך צו אים ניט אין גאַנצן גוט, פלעגט ער ווערן פאַרביטערט און פאַרצווייפלט. זיינען מיר, אַלזאָ,ביידע געפאָרן קיין ציריך, — ער לעגאַל, גענומען אַ פּאַס אין קישינעוו, איך אומלעגאַל, איבער פּאָלאָניע, סטאַראָקאָנסטאַנטינאָוו, טעאָפּיפּאָל. פון טעאָפּיפּאָל, אַ קליינע שטאָט אָנטקעגן באַגדאַנאָווקאַ, אַ סטאַנציע פון דער גאַליציאַנישער זייט, האָבן מיר געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַ קאָנטראַבאַנדיסט, אַ סטאָליער, זיין נאָמען איז געווען אָוזער. אַלע אונזערע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געגאַנגען דורך יענעם פּונקט, זיינען שוין געווען בשלום אַריבער. ער האָט זיי אַלעמען אָנגערופן ביי די נעמען. באַזונדערס איז אים געפעלן געווען פרידע, ווייל זי האָט אויסגעצייכנט געזונגען, און ער האָט געפּרוּווט איר נאָכזינגען דעם ניגון פון דער „קאַרמאַניאָלע". איך שטעל זיך אָפּ אויף אים, ווייל שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טראַנספּאָרטן, וואָס פלעגן גיין דורך זיינע הענט, פלעגט ער אַרויסגעבן די קיעווער זשאַנדאַרן; דורכפאָרער. ווי עס ווייזט אויס, — נישט. צו דער זעלבער צייט, ווען איך בין געווען אין טעאָפּיפּאָל, האָט מען אַרעסטירט אין קאַמע־נעץ איגאָר'ן (ליבער'ס ברודער). געפונען האָט מען ביי אים אַ „פּע־רעפּליאָט" מיט „כל טוב". איך בין בשלום אַריבער, זיך געטראָפן מיט

„טשעך"־ן אין צירידּ, זיך באַזעצט מיט אים אין אַ האָטעל און, ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען, אין די אָוונטן, געזוכט אים אַרויס־צוציען פון זיינע שווערע מחשבות. ער פלעגט זיצן גאַנצע טעג און שווייגן און פאַרשלינגען איין בוך נאָכן אַנדערן.

נאָכן צוזאַמענפאָר איז ער ווידער צוריקגעפאָרן לעגאַל, איך — אומלעגאַל. מיר האָבן זיך באַלד געטראָפן אין וואַרשע, וואוהין ער איז שוין געקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי. ביז דאַן איז די פּאַרמיטלערין צווישן זיין דרוקעריי און דער אויסגעוועלט געווען מאַניע, די פרוי פון באָריס'ן. דעמאָלט איז זי אָפּגעפאָרן קיין קיעוו, וואו באָריס איז נאָך געזעסן (אונטער נאָמען אַלפערן), און סאָניע מיצשניק איז גע־וואָרן די פאַרמיטלערין. „טשעך" איז געגאַנגען אין קדשי קדשים. מיר דוכט, אַז דאָס אַלץ האָט דורכגעפירט רחמיאל אַליין, לויט אַ באַ־שלוס, וואָס איז שוין פריער געווען אין צ. ק. אָנגענומען. וואָ־רעם אין וואַרשע איז רחמיאל געווען איינער אַליין. צווישן אויגוסט און דעצעמבער, 1903, בין איך געווען אַרום פיר מאָל אין וואַרשע און דאָס לעצטע מאָל — אין יאַנואַר, 1904. צוויי־דריי מאָל געבראַכט אַ ביסל ליטעראַטור פון ערגעץ און דאָס לעצטע מאָל, אין יאַנואַר, האָב איך געבראַכט דעם מאַנוסקריפּט פון נומער 1 „דער בונד" (גע־שריבן אין גאַנצן אין ווילנע פון וויטאַלי, טערמאַן און לנו). יעדער מאָל האָב איך זיך אין וואַרשע געזען מיט „טשעך"־ן. ער האָט זיך אויסגעלערנט זעצן אידיש און איז פון דער אַרבעט גופא זייער צופרידן געווען. אויך די מענטשן האָט ער שטאַרק ליב געקראָגן, באַזונדערס איינעם, וואָס איז אַרום דעצעמבער 1903 אָפּגעפאָרן פון דער וואַרשעווער דרוקעריי קיין דווינסק. איך געדענק ניט, ווי מען האָט יענעם גערופן. מאַנכעס מאָל דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען עלטשיק כייקין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען אויף קאַטאָרגע, איצט— אין קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער די הרי־חושך. ווייטער איז ער זייער צופרידן געווען מיט שלמה'ן, אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער איז ער אומצופרידן געווען מיט איסער'ן. ער פלעגט אַליין זאָגן, אַז ער זעט, ווי איסער אַרבעט אויסגעצייכנט, אָבער עס איז שווער צוזאַמען מיט אים צו לעבן. אָט דאָס איז שטענדיק געווען די צרה מיט אים. אַזאַ מין קרענקלעכע פּילבאַרקייט, אַז ווי נאָר עס איז אים עפּעס ניט געפעלן, פלעגט ער שוין אַרומגיין פאַרפינצטערט.

זיין פרוי האָט געוואָלט דורכאויס אַוועק פון וואַרשע און זיך גע־בעטן ביי אים, אַז „דערוויל", זאָל זיין אויף אַ קורצער צייט, זאָלן

זיי ביידע אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך איין מאָל דורכגערעדט גאַנץ אָפן מיט מיר וועגן דעם און איך האָב אים געראָטן צו פאָרן מיט איר קיין לאָזאַן צו זיין עלטערער שוועסטער, זי איבערלאָזן דאָרטן שטודירן און ער זאָל גלייך צוריקקומען און איר שפּעטער שיקן אַהין געלט צום לעבן. דערויף איז ער איינגעגאַנגען. אָבער גראָד אין יענע טעג און וואָכן האָט זיך זיין באַציאונג צו איסער׳ן אַזוי פאַרשאַרפט, אַז דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געווען אין וואַרשע און זיי האָבן זיך ביידע שוין געקליבן אָפּפאָרן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט ניט וואוהין צו פאָרן און ניט צו וועמען צוריקצוקומען. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וועל מיטן צ. ק. זיך דורכריידן, ער זאָל אַרבעטן אין דער ווילנער דרוקעריי, און האָב אים געגעבן מיין וואָרט, אַז ער וועט דאָרטן קיין פאַרדראָס ניט האָבן. דערמיט איז ער אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אין פעברואַר 1904 האָט מען מיך אַרעסטירט. איך האָב אים מער ניט געזען. אין אַ יאָר מיט עפּעס אַרום, אַרויסקומענדיק אויף דער פריי, האָב איך אָנגעפרעגט דזשאַנ׳ען, וואָס עס מאַכט „טשעך״. אַז ער געפינט זיך אין אויסלאַנד, האָב איך געוואוסט. ענטפערט מיר דזשאַן דעם גאַנצן אמת: אין דעם טאָג, ווען זיין פרוי האָט געבוירן דאָס קינד (אַ יינגל), האָט ער זיך דערשאָסן. דאָס איז געווען אין יאַנואַר אָדער אָנהויב פעברואַר, 1905, אין זשע־נעווע. ער האָט איבערגעלאָזן אַ בריוו צו טימאָפעי׳ען וועגן דער ירושה און צו זיין שוועסטער וויטיאַ, אַז זי זאָל באַשיצן, אויב עס וועט נויטיק זיין, אַנטקעגן די אַנדערע יורשים די אינטערעסן פון „בונד״. וויטיאַ האָט עס טאַקע שטענדיק ערלעך געטאָן. בכלל איז די גאַנצע משפּחה געווען אַ גוטע. אין האַרבסט 1916 האָב איך אין אויסלאַנד זיך געזען מיט „טשעך״־ס שוועסטער און שפּעטער אויך מיט זיין אלמנה אין לאָזאַן. די סיבה פון „טשעך״־ס זעלבסטמאָרד איז געלעגן אין זיין אייגענער שוואַכקייט און אין דעם אומגליקלעכן צו־פאַל, וואָס אין זשענעווע האָט דעמאָלט קיין מענטש ניט געקלערט וועגן אים, זיך ניט אינטערעסירט מיט אים. ער האָט זיך געפילט דאָרטן ווי אין אַ מדבר. די שוועסטער האָבן קיינעם ניט באַשול־דיקט, אָבער זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער קאַלטער באַציאונג, וואָס איז דאָרטן געווען צו אים. די שוועסטער האָבן אַליין פאַרשטאַנען, אַז אינטעלעקטועל האָט ער ניט געקענט האָבן קיין נאָענטן קאָנטאַקט אין ערנסטע פראַגעס מיט אונזערע דעמאָלטיקע רעדאַקטאָרן אָדער מיט אַנדערע פון אויסלענדישן קאָמיטעט; אָבער דער אויספיר איז פאָרט געווען, אַז מען האָט ניט אויפגעפּאַסט און מען איז געווען אין גאַנצן בלינד

צו אַ שווערן צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס איז זיכער ווערט געווען אַן אַנדער באַציאונג. אַט דער עלעמענט האָט זיך שפּעטער שטענדיק געפּילט ביי יעדער באַגעגעניש מיט די שוועסטער; שטענדיק האָט זיך געשפּירט אַ שטומער פאַרוואורף: וואָס האָט איר געטאָן מיט אונזער ברודער? איך וויל קיינעם ניט באַשולדיקן. אויסער זיך אַליין: אייניקע מאָל האָב איך זיך געקליבן אָנצושרייבן דזשאַנ׳ען וועגן אים פון ווילייקער טורמע, וואו איך בין דאָס גאַנצע יאָר 1904 געזעסן, און ניט געשריבן. די זאַך איז מיר פאָרגעקומען עפּעס מאָדנע: זיצט אַ מענטש בחדרי־חדרים אין אַ מקום־ מנוחה און גייט פון דאָרטן דערמאָנען, ווי מען זאָל זיך אויפפירן אויף דער פרייער וועלט. אויסער דעם איז טאַקע זייער שווער געווען וועגן דעם צו שרייבן. אָבער פאָרט מוז איך זאָגן, אַז די צוואה פון אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו וועגן זאָרגן פאַרן מאָראַלישן צושטאַנד פון אַ חבר אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען דעמאָלט ביי אונז אין זשענעווע, ווי ס׳ווייזט אויס, געהאַט פאַרגעסן. אַט דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער, וועלכע זיינע פריינט און זיין פרוי האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן. קאָנקרעט איז ער געווען זייער אומצופרידן, וואָס מען גיט אים קיין שום אינפאָרמאַציעס ניט; ווען ער פלעגט פרעגן, וואָס עס הערט זיך נייס, פלעגט מען אים ענטפערן: נייס וועט איר לייענען אין די „לעצטע נאַכ־ ריכטן״.

אגב, וויל איך באַמערקן, אַז איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער יינגל, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אַזעלכע טראַגישע אומ־ שטענדן, לעבט אין פּאַריז און האָט שוין אַליין אויך חתונה גע־ האַט. אַט אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל.

איך מוז נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די ברידער און די שוועסטער און וועגן דעם, ווי עס איז רעאַליזירט געוואָרן די ירושה. אַלע ברידער און שוועסטער לעבן אין קישינעוו, אָבער זייער רייכטום איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

רעאַליזירט האָט זיך די ירושה זייער לאַנגזאַם. לויט די אַלטע קאַסע־ביכער וואָלט איך געקענט צונויפשטעלן אַ גאַנץ גענויע רעכע־ נונג, וויפל עס איז אין גאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן פון יענער ירושה אין קאַסע פון דער פּאַרטיי. דאָס וואָלט, אָבער, געווען אַ שטיקל אַרבעט, וואָס וואָלט געפאָדערט אַ סך צייט. ווי ווייט איך געדענק, האָט וויטיאַ רעגלמעסיק איבערגעגעבן די פּראָצענטן, וואָס זיינען געפאַלן אויף איר חלק. דאָס זיינען געווען 192 פראַנק אַ מאָנאַט. פון אייניקע גע־ דרוקטע קוויטונגען, וואָס זיינען לייכט צוגענגלעך, זע איך, אַז אין

די לעצטע פיר חדשים פון 1906 האָט זי איינגעצאָלט 1,104 פראַנק; דאָס גאַנצע יאָר 1907 — 1,928 פראַנק; דאָס גאַנצע יאָר 1908 — 2,493 פראַנק; די ערשטע העלפט פון 1909 — 1,152 פראַנק. שפּעטער זיינען די צאָלונגען געוואָרן אומפּינקטלעכער. ווי ווייט איך געדענק, האָט וויטאַלי, וואָס פלעגט אין אויפטראג פון צ. ק. שטענדיק פאָרן קיין קישינעוו, איין מאָל געקראָגן, אויסער די פּראָצענטן, עטלעכע טויזנט רובל אַלס הלוואה אויפן קאַפּיטאַל און צום סוף, אַרום 1912, רעאַליזירט די גאַנצע געשיכטע און אַרויסגעקראָגן, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַרום 10,000 רובל, אפשר אַ ביסל מער, אפשר ווייניקער.

„טשעך" האָט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באַקאַנט מיט אַ גרעסערן בונדישן עולם אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1902, אין בערן, אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון די בונדישע גרופּעס. ער איז געקומען פון לייפּציג אויף זיינע אייגענע הוצאות אַלס דעלעגאַט. דאָס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט די גאַנצע צייט אַבסאָלוט געשוויגן, און דער עולם האָט אים געגעבן אַ נאָמען „דער שווייגער". דער נאָמען איז אים געפעלן געוואָרן. אַ סך, אַ סך דרשות, וואָס זיינען דעמאָלט געהאַלטן געוואָרן, ווי שטענדיק און אומעטום אין אַזעלכע פאַלן, זיינען געווען אין גאַנצן איבעריק. אָבער דעם עולם האָט ער ליב באַקומען. און אינטערעסאַנט איז, אַז זיין אָפּשאַצונג פון מענטשן איז געווען אַ גאַנץ ריכטיקע. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן חוש פאַר אויפריכטיקייט; אַ וואָרט, וואָס האָט געקענט זיין אַזוי שיין און אַזוי אינטערעסאַנט, ווי נאָר מעגלעך, האָט אויף אים אַבסאָלוט ניט גע־ווירקט, וויבאַלד עס פלעגט זיך אים דוכטן, אַז הינטער דעם וואָרט איז פּוסט.

אין וואַרשע האָט ער געהאַט געקראָגן אַ פעסטע אינערלעכע באַציאונג צום „בונד". די באַציאונג איז ביי אים אין זשענעווע פאַר־בליבן. אַזוי אַז ער, דער פּראָפעסיאָנעלער „שווייגער", פלעגט זיך, ווען דאָס פלעגט נויטיק זיין, אַריינלאָזן מיט איסקראָווצעס, אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך, אין גאַנץ שאַרפע און אויספירלעכע דיסקוסיעס. צ. ב. מיט זיין קוזין „וואָלאָנטיאַר", וואָס האָט דעמאָלט זיך זייער געסטאַרעט אים אַריבערצוציען צו דער „איסקראַ", מיט ריאַזאַנאָוו'ן און מיט אַנדערע. אַלס סך הכל מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ זעלטן טייערער מענטש. קיין ריינערן, געטרייערן און בעסערן מענטשן האָב איך ניט געזען.

(פון „צוקונפט", יאַנואַר, 1935).

זשעניע הורוויטש

מיטן טויט פון זשעניע הורוויטש איז אַוועק פון דער וועלט דער עלטסטער מיטגליד פון „בונד" — זי האָט דערגרייכט דעם עלטער פון קרוב 80 יאָר.

זשעניע איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער סוחר׳ישער משפחה אין ווילנע דעם 20טן סעפטעמבער, 1861. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע איז זי אַריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג שטודירן און איז אָנגענומען געוואָרן אויף די מעדיצינישע קורסן פאַר פרויען. נאָך אַלס יונגע שילערין האָט זי זיך באַטייליקט אין אַ געהיימען רעוואָלוציאָנערן קרייזל. אין פעטערבורג האָט געוואַרט אויף איר אַ ריי ווילנער חברים און חבר׳טעס, און נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך צו פאַרשרייבן אויף די קורסן, איז זי שוין אַריינגענומען געוואָרן אין אַ פראָפּאַגאַנדיסטישער גרופּע פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. דאָס איז געווען אין שטורעמדיקן יאָר 1879, ווען די סטודענטישע יוגנט איז מאַסנהאַפט צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט איז געלונגען זשעניע׳ן צו פאַרברענגען אין פעטערבורג אויף דער פריי. זי ווערט אַרעסטירט — צוזאַמען מיט איר שוועגערין יעלענאַ הורוויטש, דער פרוי פון איר שפעטער באַרימטן ברודער איסאַק (יצחק אייזיק הורוויטש), — און אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט צו אירע עלטערן, וואָס האָבן זיך נאָך פריער אַריבערגעקליבן קיין מינסק.

אין מינסק זיצט ניט זשעניע מיט פאַרלייגטע הענט. צוזאַמען מיט איר ברודער און איר שוועגערין, צו וועלכע עס איז שפעטער צוגעשטאַנען אַ ריי אַנדערע, באַשאַפט זי די אַרטיקע פּיאָנערן־גרופּע, וואָס איז שפעטער געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט פעטערבורג, קיעוו און ווילנע.

אין 1880 ווערט זשעניע צום צווייטן מאָל אַרעסטירט, דאָס מאָל אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָצעס קעגן מלאָדעצקי׳ן. נאָך דער באַפרייאונג בלייבט זי אונטער אַ שטרענגער פּאָליצייאישער אויפזיכט ווייטער אין מינסק. מען קען זאָגן, אַז פון דער פּאָליצייאישער „השגחה", אונטער וועלכער זשעניע איז געשטעלט געוואָרן אין עלטער פון 19־20

יאָר, האָט זי זיך שוין קיין מאָל ניט באַפרייט — 60 יאָר נאָכאַנאַנד, ביז צו איר טויט. די רעזשימען האָבן זיך געביטן, ניט געביטן האָט זיך, אָבער, דער שטאָלצער און אומאָפּהענגיקער כאַראַקטער פון זשעניע׳ן, און פאַר קיינעם פון די רעזשימען האָט זי זיך ניט געבויגן.

אין די יאָרן 1880־1881 איז מינסק געווען איינער פון די וויכטיקסטע שטיץ־פונקטן פון דער פּאַרטיי טשאָרני פּערעדיעל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. אין מינסק האָט דער טשאָרני פּערעדיעל געהאַט איינגעאָרדנט אַ געהיימע דרוקעריי, וואו עס האָבן זיך געדרוקט די ערשטע פּאָר נומערן פון זשורנאַל אונטערן נאָמען פון דער פּאַרטיי און שפּעטער אַ גאַנצע ריי פלוג־בלעטער און בראָשורן, וואָס האָבן זיך, לײדער, ניט אָפּגעהיט אין די אַרכיוון און זיינען אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין מינסק האָט זיך אין יענע יאָרן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ שטאַרקע באַוועגונג, וואָס האָט אין פאַרלויף פון יאָרן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע עוואָלוציעס און האָט זיך שפּעטער אַריינגעגאָסן אין „בונד״. אין דער אַרבעט פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער „בונד״, נעמט מינסק, אָנהויבנדיק פון 1892, אַ וויכטיקן אַנטייל. אין 1895 מאַכט די מינסקער גרופּע דעם ערשטן פּרוּוו צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אָרטיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד, — אַ פּרוּוו, וואָס האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן און האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער דערפירט צום אָפיציעלן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין ווילנע. די מינסקער גרופּע, הויפּטזעכלעך אַ דאַנק די גרויסע פעאיקייטן פון זשעניע׳ן, ב. פרומקין און פּאַוועל בערמאַן, איז די ערשטע אין דער בונדישער באַוועגונג צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישן אידישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן („אַרבעטער־בלעטל״, פון מערץ ביז אָווגוסט, 1897, העקטאָגראַפירט) — אַ פּרוּוו, וואָס האָט דערמוטיקט די ווילנער איניציאַטיוו־גרופּע צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן די געדרוקטע „אַרבעטער־שטימע״, וואָס האָט, לויט דער רייכקייט פון איר אינהאַלט, איר גלייכן ניט געהאַט אין דער גאַנצער שפּעטערדיקער אומלעגאַלער פּרעסע אין צאַרישן רוסלאַנד.

ווען דער צ.ק. פון „בונד״ פאָרט אַריבער (סוף 1897), צוליב פּאָליצייאישע באַדינגונגען, פון ווילנע קיין מינסק און טרעט צו, אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די וויכטיקסטע רוסישע ס.ד. קאָמיטעטן

פון פעטערבורג און דרום־רוסלאַנד, צונויפצורופן אין מינסק דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי (1טן מערץ, 1898), נעמט זשעניע אין דער צוגרייטונגס־אַרבעט פון צוזאַמענפאָר אַ טיכטיקן אַנטייל.

אויפן „בונד", וואָס האָט צו יענער צייט זיך געהאַט שוין טיף פאַרוואָרצלט אויף די ערטער — אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד און פוילן, טיילווייז אויך שוין אין דרום און אין באַלטישן ראַיאָן, האָט זיך באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם מינסקער צוזאַמענפאָר אָנגערוקט אַ מוראדיקע סכנה. די גרעסערע שטעט פון בונדישן ראַיאָן זיינען פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַגענטן פון דער אָכראַנע, און עס האָט זיך געפילט, אַז מען וועט זיך פון זיי ניט קענען אַרויסדרייען. אַזוי איז, ליידער, טאַקע געווען. די „ליקווידאַציע" האָט די אָכראַנע דורכגעפירט אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד" מיט איין קלאַפּ: דעם 26טן יולי, 1898, איז אַרעסטירט געוואָרן דער צ. ק. (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק) און אַ גרויסער טייל פון די וויכטיקסטע אַרטיקע טוער פון „בונד"; ס'איז אויך פאַרנומען געוואָרן די צענטראַלע דרוקעריי (אין באָברויסק). אין מינסק איז צווישן די אַרעסטירטע געווען, פאַרשטייט זיך, זשעניע, אויך דאָס מאָל, ווי מיט 19 יאָר פריער אין פעטערבורג, צוזאַמען מיט איר שוועגערין יעלענאַ הורוויטש.

נאָך אָנדערהאַלבן יאָר אָפּזיצן אין מאָסקווער טורמע ווערט זשעניע פאַרשיקט קיין סיביר. פון דאָרטן אַנטלויפט זי אָנהויב 1902 קיין אויסלאַנד און טרעפט זיך אין בערלין מיטן פאַרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", דזשאָן מילל. זי שטעלט זיך אין רשות פון „בונד" צו דער אויסלענדישער אַרבעט און פאָרט אין דער שווייץ, וואו זי ווערט מיט אומגעדולד דערוואַרט פון אירע מינסקער פריינט און תלמידים, דערונטער פון איר יינגסטן און פעאיקסטן תלמיד וולאַדימיר מעדעם. זי באַזעצט זיך אין זשענעווע און אַרבעט אין צענטראַל־ביוראָ פון די בונדישע אויסלענדישע גרופּעס. שפּעטער פאָרט זי אַריבער קיין לאָנדאָן, וואו עס האָט זיין זיץ־אָרט צו יענער צייט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד". דאָס לעבן אין לאָנדאָן באַפרידיקט זי ניט. זי פאַרבענקט זיך נאָך דער פרייער אַמעריקע און האָפט צו געפינען דאָרטן אַ גינסטיקן באָדן פאַר אַ נייעם לעבן. עס רופט זי אַהין איר ברודער, וואָס האָט דאָרטן אַזוי דערפאָלגרייך געאַרבעט, אויך ליעסין לאָדט זי איין, דער יונגער וואָלט, וועמעס ערשטע רעוואָלוציאָנערע לידער זי האָט אין מינסק מיט־

געזונגען און וועמעס טאַלאַנט עס האָט זיך אין אַמעריקע אַזוי שטאַרק צעבליט. מיט נייע האָפענונגען זעצט זי זיך אויף דער שיף קיין אַמעריקע סוף 1903 — און אַ פאַרביטערטע און אַנטוישטע קומט זי אין 1906 צוריק קיין רוסלאַנד.

זי באַזעצט זיך אין מינסק און קאָן זיך אַ לאַנגע צייט ניט צו־פּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון דער אַרבעט. עס איז ניט מער דאָס אַלטע רוסלאַנד, די באַוועגונג האָט זיך דערלאַבערט אַ פּרעסע־פרייהייט, פון וועלכער עס איז פריער שווער געווען צו חלומ׳ען. ווייטער איז, אָבער, אַלץ געבליבן ביים אַלטן; עס איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַפילו נאָך ערגער געוואָרן. די אַרבעטער־באַוועגונג ווערט גע׳רודפ׳ט אויף שריט און טריט, און דאָס ערגסטע: די אינטעליגענץ גייט אַוועק פון דער באַוועגונג און פאַרבירגערלעכט זיך, די יוגנט האָט זיך אַנטוישט אין דער רעוואָלוציע און גייט אויף גאָר אַנדערע וועגן.

מיט דעם שרייבער פון אָט די שורות האָט זיך זשעניע פון צייט צו צייט דורכגעשריבן און זיך אַלע מאָל באַקלאָגט אויף איר גורל אָפּ־צולעבן אירע יאָרן אין אַ נודנער פּראָווינציעלער שטאָט, וואו זי קען יעדער איינצלנעם, מיט וועמען עס קומט איר אויס זיך צו טרעפן, צו גוט, וואו שוין די טאַטעס פון די איצטיקע זשאַנדאַרמען האָבן געמאַכט ביי איר רעוויזיעס און זי אַרעסטירט.

אויב עס איז מיר באַשערט צו לעבן נאָך 20 יאָר, האָט זי אַמאָל געשריבן (עס איז איר באַשערט געווען צו לעבן נאָך לענגער), וועל איך מסתמא נאָך זיין אַ סטאַבילע קליענטקע ביי די קינדער פון די איצטיקע אָכראַניקעס. זיי וועלן אויסוואַקסן („קראַפּיווע וואַקסט גיך") און פאַר יעדער ערשטן מאַי וועלן זיי, ווי אַמאָל זייערע זיידעס און איצט זייערע טאַטעס, קומען מאַכן רעוויזיעס ביי מיר. אָבער ניט געקוקט אויף צייטווייליקע דעפּרעסיווע שטימונגען, האָט זי קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג און קיין מאָל ניט איבערגעריסן איר פאַרבינדונג מיט אונזער פּאַרטיי, אויך ניט אין דער קורצער צייט, ווען זי האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון מינסקער רוסלענדער ס. ד. קאָמיטעט.

נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, 1917, ווערט זי אויסגעקליבן דורך אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן אין מינסקער שטאָט־ראַט, וואו זי פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּאָסטן. ביי דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין 1920 בלייבט זי געטריי דער אַלטער פאָן פון „בונד" און זאָגט זיך אָפּ אַריינצוטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַן ערך צוויי

יאָר שפּעטער באַצאָלט זי דערפאַר מיט איר פרייהייט. זי ווערט אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער אַלטער מינסקער תפיסה, וואו יעדער ווינקעלע איז איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון די אַמאָליקע יאָרן. און אויך די באַשולדיקונג, צוליב וועלכער זי איז אַרעסטירט געוואָרן, איז געווען גענוי די זעלבע ווי אַמאָל —צוגעהעריקייט צום „בונד״. עס איז בלויז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ סטיליסטישע ענדערונג אין דער פאָרמולירונג פון דער באַשולדיקונג. אָנשטאָט „צוגעהעריקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי ,בונד׳״ האָט עס איצט געהייסן: „צו דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי ,בונד׳״.

ווי לאַנג זשעניע איז דאַמאָלסט אָפּגעזעסן אין דער מינסקער טורמע, ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן בלויז, אַז אין אַ „שיינעם״ טאָג האָט מען איר געמאָלדן, אַז לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע ווערט זי פאַרשיקט קיין סיביר. דער וועג אַהין איז איר זייער גוט באַקאַנט געווען. דער ערשטער עטאַפּ איז געווען מאָסקווע, וואו די פאַרטיעס פאַרשיקטע פלעגן צונויפגעזאַמלט ווערן אין דער ריזיק־גרויסער „פּערעסילנער״ טורמע.

צו יענער צייט איז ד. ב. ריאַזאַנאָוו (גאָלדענדאַך) געווען דער דירעקטאָר פון מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט, און די הויפּט־אַרבעט פון אינסטיטוט איז דאַן באַשטאַנען אין צוגרייטן נייע, שטרענג־קאָנטראָלירטע, איבערזעצונגען פון די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס. אויף דעם געביט האָט זשעניע געהאַט גאָר גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן: זי איז געווען די איבערזעצערין פון ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל״ אויף רוסיש. איצט איז די אָפיציעלע אידעאָלאָגיע פון דער מלוכה־מאַכט געווען מאַרקסיזם און מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״, — אַזוי צו זאָגן, דאָס פּאָליטישע טעקסט־בוך פון נייעם שולוועזן. אין אַ בריוו, פול מיט שפּאָט און בייסנדיקער איראָניע, האָט זיך זשעניע פון דער פּערעסילנער טורמע געווענדט צו ריאַזאַנאָוו׳ן און אים אָנגעוויזן אויף דעם גראָטעסקן חוזק, וואָס באַקומט זיך, ווען מען נעמט די איבערזעצערין פון מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״ און מען פאַרשיקט זי קיין סיביר, בשעת דער מאַרקסיזם ווערט דער אַני־מאמין פון דער מלוכה־מאַכט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז נאָך פאַרשיידענע אינטערווענצן פון ריאַזאַנאָוו׳ן איז זשעניע באַפרייט געוואָרן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען, אַז מען האָט זי נויטיק צו דרינגענדיקע אַרבעטן אין מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט. זי איז טאַקע אַריינגענומען געוואָרן אין אינסטיטוט און אַ ריי יאָרן האָט זי דאָרטן געאַרבעט.

דעם „בונד״ אַלס אָרגאַניזאַציע האָבן צו יענער צייט די יעוו־

סעקעס, מיט דער הילף פון דער טשעקאַ, שוין געהאַט דערוואָרגן. אָבער איינצלנע בונדיסטן האָט מען נאָך געקענט אָנטרעפן ניט נאָר אין די טורמעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער, נאָר אויך אויף דער פריי, אויף סאָוועטישער אַרבעט. עס האָט אויך דאַן נאָך עקזיסטירט דער פאַרבאַנד פון די אַמאָליקע קאַטאָרזשאַנעס, און אין אַ ספּעציעלער היסטאָרישער סעקציע פון פאַרבאַנד פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן וועגן דער געשיכטע פון „בונד". אַ ריי אינ־טערעסאַנטע רעפעראַטן וועגן „בונד" איז דאָרטן געלייענט געוואָרן סוף 1928, צום 30יאָריקן יובל פון „בונד". אייניקע פון יענע רעפע־ראַטן, שטאַרק צענזורירט און געקירצט, זיינען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישן זאַמלבוך („די אידן אין דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג", מאָסקווע, 1930), וואָס עס איז באַלד נאָך דעם פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן. די סיבה פון דעם פאַרבאָט איז געווען, וואָס ניט געקוקט אויף אַלע קונצן און פעלשונגען, וואָס דער רעדאַקטאָר פון זאַמלבוך (דימענטשטיין) האָט אָפּגעטאָן מיט די מאַ־טעריאַלן ביים צוגרייטן זיי צום דרוק, איז דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס דער זאַמלבוך האָט געמאַכט אויפן לייענער, געווען שטאַרק פּראָ־בונדיש. באַזונדערס אינטערעסאַנט און מוטיק זיינען געווען די אַרויסטרעטונגען פון זשעניע'ן.

ווען ריאַזאַנאָוו איז באַזייטיקט געוואָרן פון מאַרקס־ענגעלס־אינ־סטיטוט (אין צוזאַמענהאַנג מיטן חוזק־פּראָצעס קעגן די מענשעווי־קעס, 1931), זיינען צוזאַמען מיט אים באַזייטיקט געוואָרן זיינע מיט־אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער קאָמ. פּאַרטיי. מעגלעך, אַז זשעניע איז נאָך פריער באַזייטיקט געוואָרן. קלאַנגען זיינען צו אונז דערגאַנגען, אַז מען האָט זי אַרעסטירט, פאַרשיקט און אַזוי ווייטער. מיר קאָנען עס אויף זיכער ניט באַהויפּטן. געשטאָרבן איז זי אין מאָסקווע אין דעצעמבער, 1940. קיין שטאַנדאַרטן און קיין רויטע פענער האָבן ניט באַגלייט די אַלטע קעמפערין צו איר אייביקער רו, וואָרעם צו סטאַלינ'ס מלוכה־„מאַרקסיזם" האָט זי קיין שייכות ניט געהאַט. זי איז בלויז געווען אַן אמת'ע מאַרקסיסטקע, און אַן אויפ־ריכטיקע שטאַלצע סאָציאַליסטקע, וואָס איז טריי געבליבן די אידעאַלן פון „בונד", וועמען זי האָט אָפּגעגעבן די בעסטע יאָרן פון איר אַרבעטרייכן לעבן. כבוד איר אָנדענק!

(פון „אונזער צייט", נומ. 6, 1941, ניו יאָרק)

ב. ווירגילי־כהן

ווען די באַוועגונג, פון וועלכער עס האָט זיך אין 1897 אויסגעפורעמט דער „בונד״, האָט געשטעלט אירע ערשטע שריט — דאָס איז געווען פונקט מיט 50 יאָר צוריק, אין 1886, אין ווילנע — און די אָנטייל־נעמער פון דער באַוועגונג, די מיטגלידער פון די שפּעטערדיקע קאַמפּס־קאַסעס, האָבן געזוכט אַן אויסדרוק, וואָס זאָל באַצייכענען די באַציאונג פון איינעם צום אַנדערן אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער טיף רירנדיקער באַצייכענונג „ברידער און שוועס־טער״. און אַזאַ איז געווען דער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער אָרגאַניזאַציע.

שפּעטער האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו אונז פון אַמעריקע דער אויסדרוק „גענאָסע״, אָבער ער האָט זיך נישט אָנגענומען. נאָך אין יוני 1902, אין דער „אַרבעטער־שטימע״, אין אַ מעלדונג וועגן לע־קערט׳ס מאַרטירערישן טויט, האָט אים דער צ. ק. אָנגערופן „גענאָסע לע־קערט״. אָבער דאָס איז גראָד געווען דער מאָמענט, ווען עס איז אַריין אין געברויך אין אונזער באַוועגונג אומעטום און ענדגילטיק די ווענדונג — „חבר״, און נאָר אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען פלעגט נאָך געברויכט ווערן די ווענדונג „ברידער און שוועסטער״.

ס׳איז געווען אין אָט דער ווענדונג אַ פייערלעכקייט, אַ רירנדיקע פאַרבונדנקייט, אַ רוף צו געטרייקייט פון איינעם צום אַנדערן, דער איינ־צלנער — פאַר אַלעמען, און אַלע — פאַר דעם איינצלנעם; אַ געטריי־קייט, וואָס מיר באַגעגענען אין לעבן נאָר אין דער נאַטירלעכער קעגנ־זייטיקער צוגעבונדנקייט צווישן קינדער פון איין טאַטן־מאַמען.

די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער געטרייקייט, אַ נאַטירלעכע גרייטקייט צו העלפן איינער דעם אַנדערן, — אָט דער גייסט האָט געזאָלט אַרומנעמען דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

געווען אין „בונד״ איינער, פון אַלטן דור — דער ייִנגסטער, וואָס האָט געטראָגן אין זיין פייערדיקער נשמה די אַלע יאָרן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג יענעם געפיל פון פייערלעכער ברידערלעכקייט, יענע צוגעבונדנקייט צום חבר, יענע פּראָסט־פּשוט׳ע מענטשלעכע גוטסקייט, וואָס מיר באַגעגענען נאָר ביי אויסדערוויילטע, יענעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט די אויסדערוויילטע פון אידישן אַרבעטער־קלאַס

אין די פרילינגס־טעג פון זיין דערוואַכונג. אַט אַזוי וועט ער בלייבן אין אונזער זכרון, און לעגענדעס וועלן זיך וועבן אַרום זיין נאָמען, און לידער וועלן געווידמעט ווערן זיין ליכטיקן אָנדענק.

* * *

אַט שטייט ער פאַר מיינע אויגן נאָך אַ גאַנץ יונג בחור׳ל. ער פאָרט פון האָמעל קיין בריאַנסק און סמאָלענסק מיט צוויי קערב רוסישע אומלעגאַלע ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז געדרוקט אין אַ געהיימער דרוקעריי אין נאָוואָזיבקאָוו אָדער ערגעץ אַנדערש וואו ביי האָמעל. די דרוקעריי ווערט אויסגעהאַלטן פון זיין עלטערן ברו־דער יעקב — אַ געטרייען פריינט פון „בונד", צו יענער צייט אַ פאַר־מעגלעכען וואַלד־סוחר*).

דער געדאַנק, אַז ער וועט ברענגען די ליטעראַטור אין אַזאַ ריזיקן אַרבעטער־צענטער ווי בריאַנסק, רופט אַרויס ביי אים אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד.

אין אייניקע יאָר שפּעטער — יוני 1905 — באַקומט זיך אַ ידיעה, אַז ער איז געפאַלן אין לאָדזשער באַריקאַדן־קאַמף. די ידיעה האָט באַקומען מאַקס גאַרבער („שלמה"). מאַקס, אַ טרוקענער האַרטער מענטש, האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. דערציילט איך אים: נאָכן ערשטן האָמלער פּאָגראָם (סעפּטעמבער 1903) האָב איך אין ביאַליסטאָק באַקומען אַ בריוו פון קיעוו, פון אַן אַנטלאָפענעם פון האָמעל, אַז כמעט אַלע אָנפירער פון האָמלער זעלבסטשוץ זיינען געפאַלן: מאַקס ראַבינאָוויטש, שמערקע, סאָניע גורעוויטש א. אַנד., און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך די ערשטע צוויי באַוויזן טאַקע אין ביאַליסטאָק גופא מיט גאַנצע ביינער, נאָר מורא׳דיק מידע און הונ־געריקע... פּונקט אַזוי, זאָג איך אים, וועט מסתמא אַריינשפּאַצירן מאָטקע אין אַ פּאָר טעג אַרום צו קיסינ׳ען אין סירקינ׳ס בוכהאַנדלונג (די דעמאָלטיקע ווילנער „יאַווקע").

מאַקס האָט מיר ניט געגלויבט, און ער איז דאָס טאַקע דער מחבר פונם נעקראָלאָג, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אָפּגעדרוקט אין די רוסישע „לעצטע נאַכריכטן" און אין די אידישע „לעצטע פּאַסירונגען".

* * *

די צייט איז געפלויגן — אַ גוואַלדיקער באַרג־אַרויף. און ס׳האָט זיך געדאַכט: דער ציל איז נאָענט. אַט זיינען אַלע צוריק פון סיביר,

*) געשטאָרבן אין 1937 אין תל־אביב. — רעד.

אַרויס פון די טורמעס, די פּרעסע איז לעגאַל, די געהיימע דרוקע־רייען — פאַרמאַכט. נישט לאַנג האָט עס געדויערט, און די טורמעס זייגען ווידער פול געוועז. אַ חלום אין אַ זומער־נאַכט, אַ פּאַטאַמאַר־גאַנאַ.

אין פינצטערן יאָר פון רעאַקציע, זומער 1908, צעפלאַקערט זיך אין ראַיאָן פון ווילנע און וויטעבסק דער גרויסער זאַקן־מאַכער־סטרייק — אַן אָפּקלאַנג פון די מעכטיקע קאַמפן פון די שטורעם־יאָרן, אַן אָנזאָג אויף קומענדיקע שטורעמס, וואָס גרייטן זיך אין דער שטיל.

די נשמה פון סטרייק־קאָמיטעט איז ער.

דער סטרייק פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסן נצחון, און אין זיין באַריכט שרייבט דער סטרייק־קאָמיטעט, אַז אין אַ גרויסער מאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם נצחון „דער מוראדיקער ענערגיע פון אויס־לענדישן קאָמיטעט”. אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער אויסלענדי־שער קאָמיטעט האָט זייער פיל געטאָן צו העלפן דעם סטרייק־קאָמי־טעט. ער האָט אויפגערודערט די אַרבעטער־פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט און האָט געזאַמלט אין אויסלאַנד פאַר די זאָקן־מאַכער אַ היפּשע סומע געלט — אַן ערך 500 דאָלער. אָבער דאָס אַלץ איז מעגלעך גע־ווען נאָר אַ דאַנק דער באמת מורא׳דיקער ענערגיע פון דעם, וואָס האָט אין דער אַרבעט פון סטרייק־קאָמיטעט אַריינגעלייגט זיין גאַנצן כוח, זיין גאַנצע פייערדיקע נשמה, און איז דערביי אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט געשטאַנען אין מוסטערהאַפטן קאָנטאַקט סיי מיטן צ. ק. (צו יענער צייט — אין מינסק), סיי מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט אין זשענעווע.

געלעבט האָט ער, פאַרשטייט זיך, אומלעגאַל, אויף אַ פאַלשן פּאַס, ווי וויט איך געדענק — אויפן נאָמען בן־ציון גאַלאַד, און איז געווען איינגעמאָלדן אין דער וואוינונג פון קאַפּלינסקי׳ן — זאַוואַל־נע 33. ווער ווייס, אפשר האָט אים קאַפּלינסקי נישט אַרויסגעגעבן אַ דאַנק דעם צופעליקן אומשטאַנד, וואָס ער איז געווען געמאָלדן אין זיין וואוינונג?

(פון „נייע פאָלקסצייטונג”, וואַרשע, 18טן פעברואַר, 1936).

מאָסיי גורעוויטש

(„מאָסיי סאַאולאָוויטש", „מישאַ", „מאַטוויי")

דער באַגינען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער פשטות, מיט אַ טיפן ערנסט און מיט אַ פאַרבאַהאַלטן־נאָמענלאָזער מסירת נפש. דאָס זיינען געווען די יאָרן ווען טיף „אונטער דער ערד" איז אויסגעבויט געוואָרן דער פונדאַמענט צום גרויסן בנין „בונד", צו דער פעסטונג פון אידישן אַרבעטער־קלאַס אין אַלטן רוסלאַנד און פוילן. דאָס איז דער פעריאָד פון 1883 ביז 1897. ווי די „קלאַסיקער" פון יענער פיאָנערן־גרופע לעבן אין אונזער זכרון די געשטאַלטן פון: אַרקאַדי קרעמער, פּאַטי סרעדניצקי־קרעמער, ליובאַ לעווינסאָן, איסאַי אייזנשטאַט, נח, שמואל גאָזאַשנסקי, צמח קאַפּלאַן, אברהם ליעסין, אברהם מוטניק, זשעניע הורוויטש און וולאַדימיר קאָסאָווסקי. און פון יענער עליטע־גרופע לעבט, און איז מיט זיין גאַנצער נשמה עד־היום פאַרבונדן מיט אונזער אַרבעט, אונזער געטרייער חבר און פריינט דזשאָן מילל. דאָס זיינען די וויכטיקסטע גרינדער און בויער פון „בונד".

דער „בונד" וואָלט זיך, אָבער, קיין מאָל ניט צעבליט מיט דער טיפער קראַפט, וואָס לעבט אין אים, ווען זיינע בויער וואָלטן ניט געהאַט קיין ווירדיקע מיטבויער. „מאַטוויי", וועמען דער טויט האָט אַוועקגעריסן פון אונז אין ניו־יאָרק דעם 9טן נאָוועמבער, 1943, אין עלטער פון 70 יאָר, איז געווען איינער פון די עלטסטע און באַדייטנדיקסטע פון דער ערשטער גרופע מיטבויער פון „בונד".

איך גלויב, אַז עס וועט זיין אין זיין גייסט, ווען אין די שורות, וואָס זיינען געווידמעט זיין ליכטיקן אָנדענק, וועל איך שרייבן קודם־כל און הויפּטזעכלעך וועגן זיין אַרבעט אין „בונד".

מאַטוויי און הירש לעקערט

פון די ערשטע פינף יאָר אין לעבן פון „בונד", ווען די באַוועגונג פאַרשטאַרקט זיך און פאַרשפּרייט זיך אומעטום, אין צאַרישן רוסלאַנד, וואו אַ אידישער פאָלקסמענטש רייסט זיך צו פרייהייט און

ליכט, דערהויבט זיך ווי אַ פּייערזייל, העכער פון יעדער מענטשלעכער השגה, ניט אויסצולעשן דורך דורות. אין מאַי 1902, דער העראָאישער קאַפּיטל הירש לעקערט. מיר פון אַלטן דור, וואָס האָבן איבערגעלעבט מיט שוידער און שרעק יעדער רגע פון יענעם דערשיטערנדיקן חודש מאַי 1902, ווען דער ווילנער סאַטראַפּ פאָן־וואַל האָט געלאָזט שמייסן פּאָליטישע דעמאָנסטראַנטן, כדי צו דערנידעריקן די, וואָס האָבן זיך דערהויבן צום קאַמף פאַר מענטשלעכער ווירדע, — מיר האָבן דע־מאָלט, פון דער נאָענט, געזען בלויז די טראַגישע זייט פון דער גע־שעעניש. ביז עס האָט זיך אויף דער אַרענע באַוויזן דער אידישער שוסטער לעקערט און דורך זיין טאַט און זיין שטאָלצן גאַנג צו דער תליה אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם העראָאיזם פון סאָציאַליסטישן אַוואַנגאַרד פון אונזערע פאָלקסמאַסן. און אין אַט דעם ליכט שטראַלט אַרויס פון דער געשיכטע די אומשטערבלעכע געשטאַלט פון לעקערט׳ן.

און איצט, 42 יאָר מיט 5 חדשים נאָך לעקערט׳ס טויט, האָבן מיר, אַ הייפל חברים און פריינט, דעם 10טן נאָוועמבער, אויפן שטילן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג געבראַכט צו אייביקער רו איינעם פון די, וואָס האָבן דערצויגן לעקערט׳ן און זיין דור, איינעם וואָס האָט צו יענער צייט אין ווילנע מער ווי יעדער אַנדערער מיט זיין וואָרט און שריפט דירעקט און אוממיטלבאַר געווירקט אויף לעקערט׳ן, אין דעם קליינשטעטלדיקן שוסטער־ייִנגל אַריינגעבלאָזן די נשמה, וואָס האָט אים דערהויבן צו זיין היסטאָרישער טאַט.

כדי דאָס פאַרשטענדלעך צו מאַכן, מוזן מיר זיך עטוואָס אָפּשטעלן אויף דער ראָלע פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר צו יענער צייט אין ווילנע.

אין מאַי 1901 האָט דער צ. ק. פון „בונד" אים דעלעגירט קיין ווילנע און אים באַשטימט אַלס פאַרשטייער פון ווילנער קאָמיטעט. די אַרבעט אין ווילנע איז געגאַנגען מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן דער־פאָלג ביז זומער 1898. דאָס האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען הויפּט־זעכלעך דעם אומשטאַנד, וואָס ביז 1898 זיינען אין ווילנע זייער זעלטן פאָרגעקומען אַרעסטן. פון די אָנפירער פון דער דאָרטיקער באַ־וועגונג האָבן מאַנכע כמעט 10 יאָר נאָכאַנאַנד געאַרבעט אָן איבער־רייס און אַזוי־אַרום אָן ערנסטע שטערונגען געקאָנט אויסנוצן זייערע גרויסע דערפאַרונגען. צווישן 1898 און 1901 זיינען פאָרגעקומען אָפטע אַרעסטן, וואָס האָבן זייער אָפּגעשוואַכט די אָרגאַניזאַציע. זומער 1901 האָט דער ווילנער קאָמיטעט געפאָדערט פון צ.ק. אַ מענטשן מיט אַ טעאָרע־טישער בילדונג און מיט שרייבערישן טאַלאַנט. דער צ. ק. האָט דאַן

געשיקט קיין ווילנע דעם ח׳ מאַטוויי, איינעם פון די בעסטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין רשות. דאָס איז געווען אַ גליקלעכער גע־דאַנק: פון ערשטן טאָג אָן, ווען מאַטוויי באַזעצט זיך אין ווילנע, פאַרשטאַרקט זיך דער אַנזעץ פון קאָמיטעט אַלץ מער און מער. די יונגע אינטעליגענטערע כוחות, וואָס גרופּירן זיך אַרום קאָמיטעט, ווערן פון אים ממש באַצויבערט.

שטענדיק שטיל און באַשיידן, געדולדיק אויסהערנדיק אַ פרעמדע מיינונג, אַנטוויקלט מאַטוויי אַ גוואַלדיקע אַרבעטזאַמקייט. 2 ביז 3 שעה אַ טאָג גיט ער אָפּ אויף „אוראַקן״ (לעקציעס אויף צו האָבן צום לעבן), די איבעריקע צייט, פון וועלכער עס גייט ביי אים אַ מינוט ניט פאַרלאָרן, איז פאַרנומען מיט קרייזלעך, רעפעראַטן, באַראַטונ־גען א. אַז. וו. — און צו דעם אַלעמען קומט ער יעדער מאָל גרינדלעך צוגעגרייט.

אין 1902 איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען ביי אים אין ווילנע אייניקע מאָל אַ טאָג אָדער אַ פּאָר שעה (דורכפאָרנדיק איין מאָל פון ביאַליסטאָק קיין פּעטערבורג און צוריק, איין מאָל פון וואַרשע קיין ריגע און צוריק), און יעדער מאָל איז מיר אויסגעקומען אים צו פרעגן: „ווען, אייגנטלעך, שלאָפסטו?״ איך גלויב, אַז ער האָט געאַרבעט 20 שעה אין מעת־לעת.

די ערשטע פלוגבלאַט, וואָס ער האָט אין ווילנע אָנגעשריבן, איז געווען: „אַן ענטפער דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל״ (אַרום האַרבסט 1901). דער צאַרישער סאַטראַפּ האָט געהאַט געהאַלטן אַ רעדע צו די פאָרשטייער פון דער אידישער קהילה, פול מיט שענד־לעכע דראָאונגען: אויב די אידישע יוגנט וועט זיך ווייטער פאַר־נעמען מיט רעוואָלוציע, וועט ער... וועט ער... א. אַז. וו. דער „ענטפער״ פון ווילנער קאָמיטעט (רוסיש און אידיש — געדרוקט, פּויליש — העקטאָגראַפירט) האָט געאָטעמט מיט רעוואָלוציאָנערן שוואונג און איז ליטעראַריש געווען אַ מייסטערווערק. ניט געווען אין יענע טעג און וואָכן אין ווילנע אַ שטוב, וואו מען האָט ניט געלייענט און איבער־געלייענט דעם „ענטפער״ מיט באַגייסטערונג. די שילער פון לערער־אינסטיטוט האָבן געקענט דעם „ענטפער״ אויף אויסעווייניק. נאָך דעם „ענטפער״ איז געקומען אַ גאַנצע ריי אַנדערע אויסגאַבעס. די שטאָט, זשעדנע נאָך אַ פרייען וואָרט, האָט ביי יעדער געשעעניש מיט אומגע־דולד געוואַרט אויף אַ בלעטל פון ווילנער קאָמיטעט, און וועלכן עס האָט זיך יעדער מאָל געפילט אַ שטאַרקע און טאַלאַנטפולע פעדער.



צביון

דוד מיצשניק („טשעך")

מאָיסיי גורעוויטש



ב. כהן־ווירגילי

געווען אין ווילנע אַ מנהג ניט נאָר ברייט צו פאַרשפּרייטן די בלעטלעך איבער דער גאַנצער שטאָט, און הויפּטזעכלעך אין די וואַרשטאַטן, וואו עס האָבן געאַרבעט אידישע אַרבעטער, נאָר צונויפ־זאַמלען אין די וואַרשטאַטן די אַרבעטער און פאַר זיי פאַרלייענען די בלעטלעך. געווען איינער, וואָס האָט יעדער מאָל מיט באַגייסטערונג אויפגענומען אין זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע וואָרט און ביי יעדער גע־לעגנהייט געבעטן, מען זאָל אים נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פאַרלייענען דאָס בלעטל, וואָרעם אַליין איז ער געווען אַ שוואַכער לייענער... דאָס איז געווען הירשקע לעקערט. איך ווייס עס פון ווילנער אַרבעטער, וואָס האָבן אים גוט געקענט, צוזאַמען מיט אים „געקנייטשט" שויבן אין וואַרשטאַטן, וואו מען האָט געשטרייקט. אים טאַקע אַליין אָפט־מאָל פאַרגעלייענט די בלעטלעך.

אין לאַנגע און שטילע ווינטערנעכט אין דער „אַנטאָקאָלער" טור־מע, אָנדערהאַלבן יאָר נאָך לעקערט'ס טויט, האָבן מיינע אומפּרייוויליקע שכנים מיר דערציילט מיט אַ סך איינצלהייטן, ווי לעקערט פלעגט זיך אָנצינדן פון יעדער „ריכטיקן" וואָרט (זיינער אַן אויסדרוק). פאַר מיינע נאַכטלעכע מיטשמועסער איז קיין סוד ניט געווען, ווער עס איז געווען דער מחבר פון „ריכטיקן" וואָרט אין ווילנע צו יענער צייט, און אויך זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז הויפּטזעכלעך דאָס „ריכ־טיקע" וואָרט, וואָס לעקערט האָט אַרויסגעהערט פון יענע בלעטלעך, האָט אָנגעצונדן אין אים דעם פייער, וואָס האָט אים רייף געמאַכט צו זיין טאַט. אין דעם זין האָב איך געשריבן וועגן מאַטוויי'ס אומ־מיטלבאַרער ווירקונג אויף לעקערט'ן. מאַטוויי אַליין איז אין יענע „אַנטאָקאָלער" ווינטערנעכט שוין אויך געווען אַרעסטירט. ער האָט פאַרבראַכט 2 יאָר אין אַן „אָדינאָטשקע" אין דער מיליטערישער טורמע „14טער נומער", פון פעברואַר 1903 ביז צו זיין דראַמאַטישן פּראָ־צעס אין פעברואַר 1905.

* * *

די יאָרן, וואָס מאַטוויי האָט פאַרלעבט אין ווילנע (אויף דער פריי פון זומער 1901 ביז סוף פעברואַר 1903, נאָך דעם אין טורמע ביז פעברואַר 1905), זיינען געווען די פּרוכטבאַרסטע אין זיין פּאָלי־טישער אַרבעט. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, זיינען דאָרטן נאָך גאַנץ פריש געווען אין זכרון די געשטאַלטן פון די פּיאָנערן און גרינדער פון „בונד". דער עולם האָט אים פאַרגליכן מיט יענע לע־גענדאַרע פיגורן, און ער האָט דעם פאַרגלייך אויסגעצייכנט אויס־

געהאַלטן. גרויס איז געווען זיין אַלגעמיינע בילדונג און זיין באַהאַוונטקייט אין דער אידייען־וועלט פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם. די זעלטענע זויבערקייט פון זיין כאַראַקטער און זיין גאַנצע פירונג האָבן באַשאַפן אַרום אים אַן אַטמאָספערע פון דערהויבנקייט און פאַרערונג.

נאָך דעם טראַגישן קאַפּיטל לעקערט איז פאַר ווילנע מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַקטועל געוואָרן דער קאַמף קעגן דער „זובאַטאָוושטשינע", קעגן דער אידישער „אומאָפּהענגיקער" אַרבעטער־פּאַרטיי, באַשאַפן פון אויבער־שפּיאָן זובאַטאָוו. ביז מאַי 1902 האָבן די אידישע זובאַטאָווצעס ניט געהאַט די חוצפה זיך צו באַווייזן אין ווילנע, אין דער אויסגעפּרוּווטער פעסטונג פון „בונד". זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ווילנער אידישע אַרבעטער וועלן זיי ווייזן, וואו פעפער וואַקסט. נאָך די טראַגישע ווילנער מאַי־טעג און נאָך לעקערט'ס מאַרטירערישן טויט האָט זובאַטאָוו, משמעות, גערעכנט, אַז די ווילנער אידישע אַרבעטער מוזן זיין אַנטוישט אינם כוח פון זייער אָרגאַניזאַציע און אַזוי פאַרצווייפלט, אַז זיינע אַגענטן וועלן קאָנען געפינען צווישן זיי אָנהענגער פון זיינע „אידייען". דאָס איז צו זען פון דעם, וואָס ער האָט געהייסן דעם מינסקער שטאַב פון די „אומאָפּהענגיקע" מאַכן אַ פּרוּוו איינצונעמען ווילנע. פון מינסק איז אַראָפּגעקומען קיין ווילנע דער דעמאָלט נאָך גאַנץ יונגער סאַשאַ טשעמערינסקי; ער האָט געדונגען אַ לאָקאַל, אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל צו די אידישע אַרבעטער און צונויפגערופן דורך געדרוקטע איינלאַדונגען אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען — און דערמיט האָט זיך זיין אַרבעט אין ווילנע פּאַקטיש פאַרענדיקט. די אַרבעטער האָבן אים און זיינע טונקעלע מיטהעלפער אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט. דאָס האָט אונז געוויזן, אויף וואָס פאַר אַ ניוואָ פון פּאָליטישער אַנטוויקלונג די ווילנער אידישע אַרבעטער זיינען געשטאַנען.

עס זיינען געווען פּלענער ניט צו דערלאָזן די פאַרזאַמלונגען, זיך אַריינרייסן אין זאַל און פונאַנדערטרייבן דעם עולם, וואָס וועט קומען הערן זובאַטאָוו'ס נייע תורה. באַשלאָסן איז געוואָרן אַן אַנדער טאַקטיק לויט אַ פּלאַן פון מאַטוויי'ען, אונטערגעשטיצט, ווי ווייט איך געדענק, פון ראובן מיצקון: באָיקאָטירן די פאַרזאַמלונגען, ניט גיין אַהין. אָבער אַזוי ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז עס וועט גיין אַ זייטיקער עולם, ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַ ביסל אונטערוועלט, גנבים א. ד. גל., זיינען געגאַנגען צו די פאַרזאַמלונגען אַ פּאָר אייגענע מענטשן, וואָס זיינען ניט באַקאַנט געווען אין דער מאַסע, און אַזוי־אַרום האָט דער קאָמיטעט געוואוסט, וואָס דאָרטן איז גערעדט געוואָרן.

אויפקלערן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס עס באַצוועקט דער צאַרישער פּאָליציייאישער „סאָציאַליזם", איז ניט נויטיק געווען — זיי האָבן עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. נויטיק איז געווען צו באַקענען די ברייטע מאַסע ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט דער נייער טאַקטיק פון דער צאַרישער אָכראַנע. צו דעם צוועק האָט מאַטוויי אַנגעשריבן אַ פלוגבלאַט, וואָס דער ווילנער קאָמיטעט האָט אָפּגעדרוקט און גוט פאַרשפּרייט, און באַלד נאָך דעם אַ בראָשור „די כשר'ע אַרבעטער־באַוועגונג", וואָס דער צ. ק. האָט אָפּגעדרוקט אין דער „אַרבעטער־שטימע" און דאַן אַרויסגעלאָזט ווי אַ באַזונדערע אויסגאַבע און פאַרשפּרייט אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

דער דורכפאַל פון זובאַטאָוו'ס ווילנער עקספּערימענט איז פּאַקטיש געווען די ליקווידאַציע פון שטאָב פון די אידישע זובאַטאָווצעס. און די טאַקטיק, וואָס דער ווילנער קאָמיטעט האָט דורכגעפירט, האָט אומגעריכט געהאַט זייער אַ טשיקאַוון רעזולטאַט. טשעמערינסקי אַליין, וואָס איז געקומען מיט ברען איינגעמען ווילנע פאַר זובאַטאָוו'ן, האָט זיך דאָרטן איבערצייגט אין דעם ווילדן אומזין און אין דער גאַנצער פאַרברעכערישקייט פון זיין אַרבעט. ער איז ניט געווען קיין פּשוט'ער שפּיאָן, ווי די אַנדערע זובאַטאָווצעס. ער האָט טאַקע באמונה שלמה געגלויבט, אַז די צאַרישע רעגירונג איז באמת גרייט צו לעגאַליזירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער בתנאי, אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, און האָט עס געהאַלטן פאַר גוט און נוצלעך פאַר די אַרבעטער. זיינע איבערלעבונגען אין ווילנע האָבן אים מיט צוויי יאָר שפּעטער דיקטירט זיין ווידוי און זיין ווענדונג צום „בונד", מען זאָל אים משפּט'ן. זיין ווענדונג צום „בונד" דערמאָנט אין אַ ריי שטעלן דעם אינהאַלט פון מאַטוויי'ס בראָשור „די כשר'ע אַרבעטער־באַוועגונג".

זיין אַרעסט און זיין משפּט

סוף 1902 האָט זיך אין רוסלאַנד געגרינדעט אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט („אָ. קאָ.") אויף צונויפצורופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז געווען פאָרמעל אַן אויטאָנאָמער באַשטאַנדטייל. צווישן דער הערשנדיקער רוסישער גרופּע „איסקראַ" און דעם „בונד" האָבן זיך געהאַט איינגעשטעלט כמעט פיינטלעכע באַציאונגען, הויפּטזעכלעך אין דער פּאַרטיי־פּרעסע, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאַנד.

אין רוסלאַנד גופא זיינען די באַציאונגען צווישן ביידע צדדים געווען אָפּטמאַל גאַנץ אַנדערע. אין דער שווערער סכנות׳פולער אַרבעט, ווען מען האָט געהאַט פאַר די אויגן דעם געמיינזאַמען שונא, די צאַרישע רעגירונג, האָבן איסקראַווצעס אָפּט אַליין חוזק געמאַכט פון די מורא׳דיקע באַשולדיקונגען, וואָס די „איסקראַ״ האָט אַרויסגערוקט קעגן „בונד״ („נאַציאָנאַליזם״ און „סעפּאַראַטיזם״).

אין די ערשטע חדשים פון דער „איסקראַ״, איידער עס האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן „בונד״, איז מאַטוויי אַפילו געווען אירער אַ מיטאַרבעטער.

מען האָט זיך געמוזט גרייטן צום צוזאַמענפאָר, און די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע, וואָרעם, ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט דער „בונד״ געהאַט קנאַפּע שאַנסן אויסצוקעמפן אויפן צוזאַמענפאָר אנער־קענונג פאַר זיין פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע — נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר דער אידישער באַפעלקערונג; די ווירקלעכקייט האָט טאַקע שפּעטער דעם פּראָגנאָז באַשטעטיקט.

דער באַשטאַנד פון צ.ק. איז אָנהויב 1903 געווען אַ קלענער. די וויכטיקערע טוער (נח, יודין, רחמיאל א. אַנד.) האָבן געאַרבעט איבער די כוחות און די אַרבעט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס איז נויטיק געווען אַ מענטש, וואָס זאָל זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט דער „אַר־בעטער־שטימע״ און זאָל, אָבער, אויך האָבן אַ גוטע רוסישע פעדער. דער פּאַסיקסטער, ווי געבוירן דערצו, וואָלט געווען קאָסאָווסקי. אים האָט, אָבער, דער אויסלענדישער קאָמיטעט ניט געקאָנט אָפּלאָזן. האָט זיך דער צ. ק. אָפּגעשטעלט אויף דער קאַנדידאַטור פון מאַטוויי׳ען, וועלכער האָט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס דערצו. אַרום 15טן פעברואַר 1903 האָט דער צ. ק. באַשלאָסן אַריבערצונעמען מאַטוויי׳ען צו זיך קיין וואַרשע, און מיר האָט נח געגעבן דעם אויפטראַג צוצופאָרן קיין ווילנע, איבערגעבן מאַטוויי׳ען דעם באַשלוס פון צ.ק., זען, אַז ער זאָל זיך גלייך באַפרייען פון זיין ווילנער אַרבעט און זאָל קו־מען מיט מיר זיינע ביכער און זיינע זאַכן ענדגילטיק קיין וואַרשע. צום אומגליק האָט, אָבער, נח מיר איבערגעגעבן צו באַזאָרגן פריער אייניקע אַנדערע זאַכן, אויף וואָס איך האָב נויטיק געהאַט 3־4 טעג צייט. ווען איך בין שוין פריי געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נח גופא איז נישטאָ אין וואַרשע, און פאַר מיין אָפּפאָרן האָב איך זיך נאָך, צוליב אַנדערע ענינים, געמוזט זען מיט אים. ענדלעך איז נח גע־קומען. געוואוינט האָט ער דעמאָלט אויף מאַריאַנסקאַ 10. פאַר די אויגן שטייט מיר אַ שילד פון דער רעדאַקציע „הצפירה״, וואָס האָט

זיך געפונען אויף דעם זעלבן געסל. איך זיץ ביי נח׳ן און וויל זיך דורכריידן וועגן אַ וויטערדיקער נסיעה, נאָך דעם ווי איך וועל שוין האָבן דאָס בויטיקע דורכגעפירט אין ווילנע. ער איז, אָבער, טויט־מיד, הונגעריק, נישט־אויסגעשלאָפן, אקערשט געקומען פון דער באַן. דער שמועס קלעפּט זיך ניט. מיט אַ מאָל קלאַפּט מען אויף אַן אָפּ־גערעדטן אופן. נח עפנט די טיר און עס קומט אַריין אַדעלע זאַקס מיט אייניקע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פאַרן צ. ק.

...וואָרט נאָר, זאָגט נח, אַ בריוו פון ווילנע, אַ פרעמדע האַנט־שריפט... ער לייענט און מיט אַ מאָל ווערט ער אַ דערציטערטער. אַרעסטן! מאַטוויי — דעם 22טן פעברואר אַרעסטירט... איר וועט שוין קיין ווילנע ניט פאָרן.

די סצענע און אויך די דאַטע פון אַרעסט האָבן זיך מיר איינ־געקריצט אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן. וואָרעם אויב איך וואָלט גע־האַט די מעגלעכקייט צוצופאָרן קיין ווילנע מיט אַ 10 טעג פריער, וואָלט מאַטוויי אפשר אויסגעמיטן דעם אַרעסט. מעגלעך אויך, אַז מען וואָלט אונז ביידן צוזאַמען אַרעסטירט. אַדעלע איז גלייך אַוועק. מיר האָבן אייניקע מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און צום סוף באַשלאָסן, אַז איך זאָל יאָ פאָרן, און טאַקע די זעלבע נאַכט. דאָס האָט געמוזט זיין דעם 25טן פעברואַר.

אַרעסטירט געוואָרן איז מאַטוויי שפּעט ביינאַכט דעם 22טן פעב־רואַר. אַ צימער האָט ער געהאַט ביי אַ חשוב׳ער אידישער פאַמיליע, זאַקהיים, אין „זווערינעץ״. די קינדער פון די זאַקהיימ׳ס האָבן אַלע (מיט דעם אויסנאַם פון עלטערן זון, אַ רוסישן בירגערלעכן זשור־נאַליסט) געאַרבעט אין „בונד״. אויף דער רעוויזיע האָט מען זיך ניט געריכט. די רעוויזיע איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער גאַנ־צער קוואַרטיר. אין צימער, וואָס מאַטוויי האָט געהאַט פאַרנומען, האָבן די זשאַנדאַרמען געפונען אייניקע אומלעגאַלע שריפטן און פאַר־דעכטיקטע שיפרירטע צעטעלעך. אויך ביי די זאַקהיימ׳ס זיינען גע־פונען געוואָרן אומלעגאַלע אויסגאַבעס, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט מאַטוויי׳ען וועלן אויך אַרעסטירט ווערן די זאַקהיימ׳ס, יעדנ־פאַלס די טעכטער און די זין. ביים צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל האָט מאַטוויי געמאָלדן, אַז אַלע אַן אויסנאַם אומלעגאַלע אויסגאַבעס, וואָס זיינען געפונען געוואָרן ביי אים און אין די אַנדערע צימערן, ד. ה. ביי די זאַקהיימ׳ס, געהערן אים; אַן דעם וויסן פון די זאַקהיימ׳ס האָט ער די שריפטן דאָרטן פאַרבאַהאַלטן. דערמיט האָט ער די זאַק־היימ׳ס געראַטעוועט פון אַרעסט און פון פאַראַנטוואָרטונג.

געזעסן איז מאַטוויי אין דער אָפּטיילונג „14ער נומער" פון דער באַקאַנטער מיליטערישער טורמע צוויי יאָר אין אַן „אָדינאָטשקע" (איינצל־קאַמער). דאָס איז געווען אַ גוטע טורמע. די באַהאַנדלונג איז געווען גוט, דאָס עסן — גוט, ביכער — וויפל מען האָט געוואָלט. דער שעף („סמאָטריטעל") — זייער אַן אָנשטענדיקער פּאָלקאָווניק.

(איך אַליין האָב ניט געהאַט דעם פאַרגעניגן דאָרטן צו זיצן, געזעסן איז דאָרטן אַ געוויסע צייט מיין פרוי, און זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן, ווי גוט מען האָט דאָרטן באַהאַנדלט די אַרעסטירטע. אויך דער באָלשעוויק קרעסטינסקי, וועלכער איז אין 1903 דאָרטן געזעסן, איז געווען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַ „לעבעדיקע רעקלאַמע" פאַרן „14טן נומער").

דער פּראָצעס פון „מאַיסיי גורעוויטש און חברים", ווי די „דיעלע" האָט אָפיציעל געהייסן, איז פאָרגעקומען ביי דער ווילנער פּאַלאַטע דורך אַ געריכט פון פאָרשטייער פון „שטאַנדן" (סוד סאָסלאָוויניך פּרעדסטאַוויטעלעי) און האָט געדויערט צוויי טעג, דעם 8טן און דעם 9טן פעברואַר 1905. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער בונדישער פּראָצעס; אַלע פריערדיקע אַרעסטירטע בונדיסטן זיינען באַשטראָפט געוואָרן „אַדמיניסטראַטיוו", ד. ה. דורכן אינערן־מיניסטעריום אָן אַ געריכטס־פאַרהאַנדלונג. צום פּראָצעס איז צוגעצויגן געוואָרן אַ ריי אַנדערע אַרעסטירטע, וועגן וועלכע די אָכראַנע האָט צוגעשטעלט באַווייזן, אַז זיי זיינען געשטאַנען אין אַ פּאָליטישער פאַרבינדונג מיט גורעוויטש׳ן. פון זיי געדענק איך: חנן רובאַנענקאָ פון דווינסק, דעבאָראַ פישער פון גראָדנע, אריה ברומבערג, אַרעסטירט אין וואַרשע, געאַרבעט פריער אין ווילנע, משה ראַפּעס, אַ חבר׳טע פון לידע א. אנד. זיי אַלע זיינען געזעסן אין טורמע אַ קורצע צייט און געקומען צום פּראָצעס פון דער פריי. אויך בנוגע זיי האָט גורעוויטש דערקלערט, אַז די אומלעגאַלע אויסגאַבעס, וואָס מען האָט ביי זיי געפונען, האָט ער זיי געשיקט אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און איז אַליין פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך.

אַזוי ווי גורעוויטש׳ן האָט געדראָט קאַטאָרגע און ביי אַ שלעכטן אויסגאַנג פון פּראָצעס — שווערע שטראָפן אויך פאַר די אַנדערע, האָט דער צ. ק. איבערגעגעבן די פאַרטיידיקונג צו די גרעסטע פּאָליטישע אַדוואָקאַטן פון יענער צייט (מוראַוויאָוו). ווען די אַדוואָקאַטן זיינען געקומען קיין ווילנע און צוגעלאָזט געוואָרן צו גורעוויטש׳ן, האָט ער זיי געמאָלדן, אַז ער וועט זיך אַנערקענען אַלס מיטגליד פון

„בונד", אַז ער האָט צוגעגרייט אַ רעדע וועגן דער פּראָגראַם און אַרבעט פון „בונד" וועט שילדערן, ווי ער איז געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז עס איז זיין מאָראַלישער חוב צו אַרבעטן אין „בונד", וועט זיך געגנוי אָפּשטעלן אויף די רדיפות פון צאַריזם קעגן די אידן, אויף דעם עלנט אין דער טשערטאַ, און וועט ענדיקן די רעדע מיט דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט צו באַפרייען רוס־לאַנד פון צאַריזם.

די אַדוואָקאַטן האָבן געפּרואווט אויף אים ווירקן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין גאַנצן פּלאַן. „ווען דו אַנערקענסט זיך אַלס מיט־גליד פון „בונד", נעמסטו באַוואוסטזיניק אויף זיך קאַטאָרגע. אויב אָבער דו וועסט שוויגן, וועלן מיר דיך אפשר אין גאַנצן אַרויסדרייען פון אַ שטראָף. דאָס געריכט וועט מוזן איינזען, אַז פאַר די אומ־לעגאַלע ביכלעך, וואָס מען האָט ביי דיר געפונען, זיינען אַ גענוגנדיקע שטראָף די צוויי יאָר, וואָס דו ביסט שוין אָפּגעזעסן, און דו וועסט אַרויס אַ פרייער מענטש."

גורעוויטש איז געבליבן פעסט ביי זיין באַשלוס. „איך געדענק, — האָט ער זיי געזאָגט, — וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָבן געהאַט אויף מיר און מיינע חברים אין פּעטערבורג די רעדעס פון די נאַראָדאָ־וואָלצעס אויף זייערע פּראָצעסן. יענע רעדנער האָבן אָנגעצונדן די הערצער פון דער יוגנט אין גאַנץ רוסלאַנד. מיר לעבן איצט אין רעוואָלוציאָנערע טעג. איך גלויב, אַז די רעדע, וואָס איך וועל האַלטן, וועט דער צ.ק. פון „בונד" אָפּדרוקן און פאַרשפּרייטן. זי קאָן האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג. איז ווערט צו נעמען אויף זיך די שטראָף". די אַדוואָקאַטן האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן.

די פאַרשטייער פון די „שטאַנדן", וואָס די פּאַלאַטע האָט באַ־שטימט צום פּראָצעס, זיינען באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון פּוילישע לאַנד־מאַגנאַטן פון ווילנער קאַנט. אייניקע פון זיי — פון העכסטן אַדל, קאַמעריונקערס פון „אַלערהעכסטן הויף" אין פּאַראַדנע מונדירן, געניייט מיט גאָלד, א. ד. גל. מסתמא אַלע רעאַקציאָנערע און אַנטי־סעמיטישע עלעמענטן. אַלס פּאַליאַקן האָבן זיי, אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, קיין באַזונדערע סימפּאַטיעס צום צאַריזם ניט געהאַט. דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ חודש נאָך גאַפּאָנ'ס „רויטן זונטיק", ווען אויף די גאַסן פון ווילנע זיינען יעדער טאָג ספּאָנטאַנע פאַרגעקומען צוזאַמענשטויסן און דעמאָנסטראַציעס און אין דער לופט און אין יעדער צייטונג־שורה האָט זיך געפילט דער שטו־רעם פון דער רעוואָלוציע, וואָס קומט אָן.

גורעוויטש האָט דערציילט מיט פּשוט'ע ווערטער, ווי אַזוי ער איז געקומען צום „בונד", געשילדערט דאָס חושכ'דיקע לעבן איז דער טשערטאַ, דעם עלנט פון דער אידישער יוגנט, פאַר וועלכער אַפילו בילדונג איז אַ „פאַרבאָטענע פּרוכט", דעם צאַרישן רעזשים פון אַלגעמיינער אונטערדריקונג און פון ווילדע רדיפות קעגן אידן.

וואָס האָבן דערביי געטראַכט די קאָמעריונקערס אין די פּאַראַדנע מונדירן? זיי האָבן דאָך צום סוף געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע: שולדיק — אָדער ניט? וועגן דעם האָב איך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ריידן מיט מוראַוויאָוו'ן (בשעת זיינעם אַ רעפעראַט אין זשענעווע). — „אַט דאָס טאַקע, — האָט ער מיר געענטפערט, — איז וויכטיק געווען זיך צו דערוויסן, ווען גורע־וויטש האָט געהאַלטן זיין רעדע. אַ קאָנטאַקט צווישן אונז און די הערן פון דער שליאַכטע איז דאָך געווען פאַרוועלט. אָבער צו־פעליק האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט אייניקע פון זיי אין איינעם פון די קאָרידאָרן פון דער פּאַלאַטע און האָב זיי צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער. זייער ענטפער איז געווען: „גורעוויטש איז זייער אַ סימפּאַטישער מענטש"... דאָס איז געווען אַ גוטער סימן, און דאָס האַרץ האָט זיך מיר צעציטערט פאַר פרייד"...

וועגן די רעדעס, וואָס די אַדוואָקאַטן האָבן געהאַלטן אויפן פּראָצעס, קאָן איך גאָרניט זאָגן. מען קאָן זיך אומגעפער פאָרשטעלן, וואָס זיי האָבן גערעדט. וואָס מען האָט מיר, ביי מיין אָנקומען קיין ווילנע אַ וואָך נאָכן פּראָצעס, וועגן דעם דערציילט, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן. צו דער גרופּע פּאַרטיידיקער האָט אויך געהערט דער ווילנער אַדוואָקאַט מיעטשיסלאַוו קאָזלאָווסקי, מיינער אַן אַלטער פריינט, אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. ער האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט אָנצושרייבן פאַר דער „ארבעטער־שטימע" אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן פּראָצעס, ס'איז, אָבער, דערפון גאָרניט געוואָרן.

דער אורטייל איז געווען: גורעוויטש — 5 יאָר פעסטונג, אַלע אַנדערע באַפרייט. די אַדוואָקאַטן האָבן געמאָלדן, אַז זיי גיבן אָן אַ קאַסאַציע און זיי פאָדערן, אַז ביז צו דער קאַסאַציע זאָל גורעוויטש אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט באַפרייט ווערן. נאָך אַ קורצער באַ־ראַטונג האָט דאָס געריכט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער מאָראַלישער טריאומף!

קינדהייט און יוגנט

ביז איצט — וועגן גורעוויטש׳עס אַרבעט אין „בונד״. ס׳מוזן, אָבער, געגעבן ווערן וועגן אים אייניקע ביאָגראַפישע ידיעות.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1874 אין פּעטערבורג ביי רייכע און זייער פרומע עלטערן. פון פאָטערס צד — אַ דינאַסטיע רבנים און לומדים אין אַמטשיסלאַוו (מסטיסלאַוו), פון וועלכער עס האָט אויך געשטאַמט שמעון דובנאָוו. פון דער מוטערס צד אַ דינאַסטיע סאַלאַנטער לומדים און רבנים: ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ שמואל סאַלאַנטער, ר׳ חנן סאַלאַנטער (קאַהאַן). ביי די עלטערן — אַ פרום אידיש לעבן. ס׳איז, אָבער, פאַרט געווען פּעטערבורג, לויטן מנהג פון רייכע רוסישע הייזער איז צו די קינדער גענומען געוואָרן אַ רוסישע ניאַניע (דער אידעאַלסטער טיפּ פון געטרייקייט). פינף קינדער זיינען עס געווען. אַלע פינף האָט אַ ניאַניע אויפגעהאָדעוועט. זי איז מיט דער צייט געוואָרן די גאַנצע דעה־זאָגערין אין הויז און אַפילו שטרענג אויפגעפּאַסט, די דינסטן זאָלן אָפּהיטן כשרות לויט אַלע כללים... אָפּגעלעבט ביי די גורעוויטש׳עס דאָס גאַנצע לעבן.

דאָס עלטסטע קינד איז געווען מאַיסיי (מישאַ). ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן אין גימנאַזיע. דאָס־זעלבע שפּעטער זיין יינגערער ברודער סאַניאַ (שפּעטער אַ העראָ־אישער קעמפער אין בונדישן זעלבסטשוץ אין די יאָרן 1903־1906, אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן אין סיביר). נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע האָט מישאַ שטודירט אין פּעטערבורג און געענדיקט דעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט.

אין 1892 זיינען די גורעוויטש׳עס אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג. עס האָט געהייסן, אַז זייער וואוינרעכט איז ניט אין אָרדענונג. די סיבה איז געווען אַן אַנדערע: געוועזן קינדער פון קרובים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס זיינען געווען סטודענטן פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, צו יענער צייט אַ וויכטיקן צענטער פון געמישטע גרופּעס נאַראָדאָוואָל־צעס און מאַרקסיסטן. ס׳פלעגן קומען בריוו פון טורמעס — אויף אַזעלכע משפחות האָט מען, פאַרשטייט זיך, געקוקט קרום. די עלטערן מיט די יינגערע קינדער און מיט דער ניאַניע זיינען אַריבערגעפאָרן קיין האָמעל. מישאַ׳ן און סאַניאַ׳ן האָט מען דערלויבט צו בלייבן אין פּעטערבורג און ווייטער באַזוכן די גימנאַזיע. ביידע פלעגן פון צייט צו צייט פאָרן קיין האָמעל צו די עלטערן און האָבן מיט יאָרן שפּעטער

זיך דאָרטן פאַרבונדן מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן „בונד".

זיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע שול האָט מישאַ דורכגעמאַכט אין זיינע סטודענטישע יאָרן אין פּעטערבורג, וואו ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן אַרטיקן סאָצ. דעמ. קאָמיטעט און דורך זיין ערנסטקייט און זיינע פעאיקייטן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די וויכטיקסטע טוער פון יענער צייט — מאַרטאָוו, לענין, דאַן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט איז ער אויף אַ לענגערער צייט געקומען קיין האָמעל צו די עלטערן. אין האָמעל האָט זיך געפירט אַ לעבעדיקע אַרבעט — געווען דאָרטן צו יענער צייט אַרום 800 רוסישע אַרבעטער אין אייזנבאַן־דעפּאָ און אַ היפּשע צאָל שטאָטישע אידישע אַרבעטער. האָמעל איז ניט געווען פאַרבונדן מיט דער ווילנער בונדישער פּיאָנערן־גרופּע און איז ניט צוגעשטאַנען צום „בונד" גלייך נאָך זיין גרינדונג אין 1897. געווען דאָרטן וויכטיקע טוער (סאָלאָמאָן צייטלין, געשפּילט שפּעטער אַ גרויסע ראָלע אין דער רוסישער סאָצ. באַוועגונג, א. אַנד.), וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ווערטפול זיינען אין האָמעל נאָר די 800 רוסישע אייזנבאַן־אַרבעטער, די האָמלער אידישע אַרבעטער, דאַקעגן, וועלן דאָך „די רעוואָלוציע ניט מאַכן", קאָן דעריבער האָמעל ניט געהערן צום „בונד". פאַקטיש איז, אָבער, די לאַגע געווען אַזאַ, אַז די רוסישע אַרבעטער האָבן קיין שום איניציאַטיוו ניט אַרויסגעוויזן; אייניקע פון זיי האָבן בלויז געהאָלפן פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דער קאָמיטעט פלעגט אַרויסגעבן פון צייט צו צייט. די אידישע „האַלב־אינטעליגענטן" און אַנטוויקלטע אַרבעטער זיינען, אָבער, געווען זייער אַ רירעוודיקער, ענערגישער און לעבעדיקער עלעמנט. צום סוף איז האָמעל, אונטער דעם איינפלוס פון גורעוויטש'ן, צוגעשטאַנען צום „בונד", און עס האָט זיך אַזוי געפירט (ווי ווייט איך געדענק, ביז 1904), אַז די אידישע בלעטלעך פון קאָמיטעט פלעגן אונטערגעשריבן ווערן: „האָמלער קאָמיטעט פון „בונד" און די רוסישע, באַשטימט צו פאַרשפּרייטן אין אייזנבאַן־דעפּאָ: „האָמלער אַרבעטער־קאָמיטעט".

אָנהויב 1899 איז מישאַ אַוועק קיין בערלין און דאָרטן צוויי און אַ האַלב יאָר שטודירט אויף דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט. ער האָט זייער אינטענסיוו געאַרבעט. זיין באַליבטער פּראָפעסאָר איז געווען געאָרג זיממעל, צו יענער צייט דער אָפּגאָט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. זיממעל איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט, האָט, אָבער, געהאַט

גרויסע סימפּאַטיעס צו דער באַוועגונג און באַזונדערס צו דער רו־סישער אידעאַליסטישער יוגנט. אין בערלין האָבן מיר צוזאַמען שטודירט און אָפטמאָל געוואוינט אויף איין קוואַרטיר.

ווי שוין אָנגעוויזן, איז מישאַ אין מאַי 1901 אָפּגעפאָרן קיין רוס־לאַנד צו דער דיספּאָזיציע פון צ. ק. פון „בונד". נאָך זיין באַפרייאונג אין פעברואַר 1905 האָט ער אייניקע חדשים פאַרבראַכט אין האָמעל איז שפּעטער אַוועק קיין אויסלאַנד און האָט אַ קורצע צייט געאַרבעט ביים אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע. אין דעצעמבער 1905 האָט אים דער צ. ק. דעלעגירט קיין אַמעריקע. מיט אים איז מיטגעפאָרן זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין, די חבר'טע פּאַשע, וואָס האָט פאַרשענערט און פאַראיידלט זיין לעבן ביז צו זיין לעצטן אָטעמצוג.

(פון „אונזער צייט", דעצעמבער 1944 — פעברואַר 1945, ניו־יאָרק)

אלחנן סאַלאַנטער

אַן אומבאַקאַנטער קאַפּיטל פון אַמאָליקן רוסלאַנד

אין די לעצטע יאָרן איז מיר, לייִדער, אויסגעקומען מערערע מאָל צו שרייבן וועגן פאַרשטייער פון דער פּיאָנערן־גרופּע פון דער אידי־שער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד (זשעניע הור־וויטש, נח. וו. קאָסאָווסקי, ליטוואַק א. אַנד.), וואָס זיינען פון אונז אַוועק אויף אייביק. און יעדער מאָל, ווען איך האָב געפּרוואווט פאַרציי־כענען זייער לעבנסגעשיכטע, איז די האַרבסטע פראַגע געווען: ווי האָט ער אָנגעהויבן? ווי האָט זיך אַריינבאַקומען אין אים דער רעוואָלו־ציאָנערער „באַציל״?

וועגן די, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין „בונד״ אין די שטורעם־יאָרן 1904־1906, איז אַזאַ פראַגע געווען איבעריק. די לופט איז דעמאָלט אָנגעלאָדן געווען מיט קעמפערישער ענערגיע. פון יעדער שורה אין אַ פּראָגרעסיווער צייטונג האָט אַרויסגעפלאַמט דער סיגנאַל צום קאַמף. ניט נאָר די אומלעגאַלע פּרעסע, וועלכע האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג, נאָר אפילו די טעגלעכע לעגאַלע צייטונגען זיינען געווען אַ מעכטיק געווער אין קאַמף פאַר אַ נייער וועלט.

גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך די פראַגע וועגן די פּיאָנערן פון דער באַוועגונג, וועגן די, וואָס זיינען אַרויס אויף דער אַרענע פון פריי־הייטס־קאַמף אין באַגינען — איינזאַמע בויער, קליין אין צאָל, פאַר־האַרטעוועט אין גייסט. וועגן יעדער איינצלנעם פון זיי איז אָפטמאָל זייער אינטערעסאַנט זיך צו דערגרונטעווען, ווי אַזוי ס׳האָט, אין אַ וועלט פון ברוטאַלן עגאָאיזם, וואו „דער מענטש איז דעם מענטשן אַ וואָלף״ (ווי די אַלטע רוימער האָבן געזאָגט), זיך אַריינבאַקומען אין זייער נשמה דער באַציל, וואָס נעמט זיך צו צעשטערן די אַלטע וועלט־אָרדע־נונג, כדי אויפצובויען אַ נייע, וואו דער מענטש זאָל דעם מענטשן זיין אַ ברודער. אַרויסברענגען די לעבנסגעשיכטע פון די פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד און אין פּוילן וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע.

פון די פּיאָנערן פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן פאַרן אידישן לייענער אַ באַזונדערן אינטערעס די מעמואַרן פון

אַקסעלראַד און מאַרטאָוו. די פּיאָנערן פון „בונד" האָבן, מיט דעם אויסנאַם פון מיכאַלעוויטש'ן,*) קיין מעמואַרן ניט געשריבן. די מאַ־טעריעלע לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט אויף דער עלטער, האָט זיי קיין פרייע צייט דערצו ניט געגעבן; און אפשר האָט די ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון דער ליכטיקער וויזיע פון זייער יוגנט, צוגענומען ביי זיי דעם חשק איבערצולעבן אין גע־דאַנק זייער לעבנסוועג פון דאָס ניי.

* * *

דעם 9טן נאָוועמבער 1944 האָבן מיר דאָ אין ניו־יאָרק געבראַכט צו קבורה אין עלטער פון 70 יאָר מאַיסיי גורעוויטש'ן. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געהערט צו אַ פּיאָנערן־גרופּע פון דער רוסי־שער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין צאַרישן פּעטערבורג און איז שפּעטער געווען איינער פון די וויכטיקסטע בויער פון „בונד" אין רוסלאַנד. יענער „באַציל" האָט זיך פאַרטראָגן אין זיין נשמה אין 1889־1890, ווען ער איז אַלט געווען 15־16 יאָר. צו יענער צייט האָבן די פּיאָנערן פון „בונד" שוין געהאַט הינטער זיך יאָרן פון סיסטעמאַ־טישער אַרבעט. נאָך אין 1879 איז די עלטסטע פרוי פון דער שפּעטער־דיקער בונדישער פּיאָנערן־גרופּע, זשעניע הורוויטש, אַרעסטירט גע־ווען אין פּעטערבורג; אין 1890 איז אין אַ פּעטערבורגער טורמע געזעסן פּאַטי סרעדניצקי, די שפּעטערדיקע פרוי פון אַרקאַדי קרע־מער; אין יאַראָסלאַוול איז דאַן געזעסן איסאַי אייזנשטאַט־יודין; זיין שפּעטערדיקע פרוי, ליובאַ לעווינסאָן, איז צו דער זעלבער צייט באַפרייט געוואָרן פון אַ פּראָווינציעלער טורמע, וואו זי איז אָפּגעזעסן דריי יאָר; אַרקאַדי קרעמער איז שוין צוויי מאָל געווען אַרעסטירט; אונזער ליבער דזשאָן מילל האָט שוין אויך געהאַט געמאַכט אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט איינער פון די ווילנער טורמעס.

אין זיינע גאַנץ יונגע יאָרן אין פּעטערבורג האָט גורעוויטש וועגן דער אַרבעט פון די ווילנער און מינסקער פּיאָנערן פון „בונד" גאָר־ניט געוואוסט. ער האָט ניט געהערט צו די גרינדער פון „בונד". אָבער די פּיאָנערן און גרינדער פון „בונד" וואָלטן זיכער ניט גע־קאָנט מיט די אייגענע כוחות אויפבויען אַזאַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, ווי דער „בונד" איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד, ווען צו זיי וואָלטן ניט צוגעשטאַנען ייִנגערע כוחות, וואָס זיינען אינטעלעקטועל און

---

*) מעדעם און אַבראַמאָוויטש געהערן ניט צו דעם פּיאָנערן־דור פון „בונד". זיי ביידע געהערן צו אַ ייִנגערן דור.

מאָראַליש געשטאַנען אויף אַ גלייכן ניוואָ מיט זיי. אין דעם ערשטן דור מיטבויער פון „בונד" איז גורעוויטש געווען איינער פון די וויכטיקסטע.

אַלע עלטערע טוער פון „בונד" זיינען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואקסן אין תחום, אין דער „טשערטאַ". מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען האָבן זיי אַלע געלעבט אין מאַטעריעלער נויט. אַלע האָבן זיי אין זייער פריער יוגנט איבערגעלעבט דעם גרויל פון די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד אין 1881 און די אימה, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע וועט דער־גיין ביז ליטע און ווייסרוסלאַנד. די שווערסטע איבערלעבונג פון דער אידישער אינטעליגענץ טראָגט די דאַטע 1887, ווען עס איז פּובליקירט געוואָרן דער צאַרישער באַפעל איינצופירן אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידישע קינדער אין לערנאַנשטאַלטן. אַ פאַרצווייפלונג האָט אַרומ־געכאַפּט די יוגנט, אַ שטימונג פון זעלבסטמאָרד האָט זיך געגומען פאַרשפּרייטן. 1887 איז דאָס יאָר, ווען די ראַדיקאַליזירונג פון דער אידישער יוגנט האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. פון יענער יוגנט, וואָס האָט אויף איר אייגענער פּלייצע דערפילט די רציחה'שע לאַפּע פון צאַריזם, האָט זיך שפּעטער רעקרוטירט די גרויסע צאָל אידישע טוער, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם פון 1905.

דער וועג פון גורעוויטש'ן איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער. געבוירן און אויפגעוואקסן אין פּעטערבורג ביי רייכע עלטערן, האָט ער אויף דער אייגענער פּלייצע קיין מאָל ניט געפילט די ספּעציעלע צאַרישע רדיפות קעגן אידן און ניט געוואוסט פון קיין נויט. ער האָט זיך געלערנט אין אַ דייטשער גימנאַזיע (געווען אין פּעטערבורג צוויי דייטשע גימנאַזיעס: „סאַנקט־אַננען־שולע" און „פּעטער־פּאול'ס־שולע", וואו דער דירעקטאָר האָט אין גאַנצן איגנאָרירט די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידישע קינדער און האָט אַפילו געהאַלטן פאַר זיי אַ רעליגיע־לערער, אַ דייטשן איד, אַ דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, וואָס האָט, אגב, געלערנט מיט די קינדער אַ שיינעם העברעאיש).

דער רעוואָלוציאָנערער באַציל איז צו אים געקומען ניט פון אייגענע איבערלעבונגען אין דער „טשערטאַ". ער איז געקומען — אַ זעלטענער פאַל — פון אַ לעגענדע וועגן אַ זיידן (פון דער מוטערס צד), אַ מערקווירדיקן מענטשן, אַ למדן מיט אַ גרויסער אַלגעמיינער בילדונג, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג אַרום 1840, כדי דאָרטן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימען קרייז מענטשן, וואָס זאָלן זיך שטעלן אַלס אויפגאַבע אָפּ־צושאַפן גזירות קעגן אידן און אויסצוקעמפן פאַר זיי „פּראַוועס". ווען גורעוויטש איז געווען אַ קינד, האָט ער זיך אָנגעהערט אַן אַ שיעור געשיכטעס וועגן דעם זיידן, וועלכער איז פון די עלטערן און קרובים

באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הייליקער, וועגן זיין סכנות׳פולער אַרבעט פאַרן אידישן פאָלק, וועגן זיינע פאַרבינדונגען אין די העכסטע פּעטערבורגער רעגירונגס־קרייזן, וואו ער האָט געהאַט מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן, ווער פאַר געלט, ווער דורך פּראָטעקציע פון ליבעראַלע עלעמענטן.

און אַזוי ווי יענע לעגענדעס האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג ניט נאָר אויף גורעוויטש׳ן און זיין יינגערן ברודער (אַ הערואַישע פיגור אין בונדישן זעלבסטשוץ אין די יאָרן 1903 ביז 1906, טראַגיש אומגעקומען אין סיביר), נאָר אויך אויף די קינדער און יוגנטלעכע פון אַ קרייז פון אַ צענדליק קרובה׳שע פאַמיליעס, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסע צאָל טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציע און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ניט איבעריק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן. פון יענעם פאַמיליענקרייז שטאַמען אָפּ און זיינען אין די יונגע יאָרן באַווירקט געוואָרן פון די דערמאָנטע לעגענדעס אייניקע פּערזענלעכקייטן, וואָס געהערן שוין צו דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פון זיי קאָן איך אָנרופן: מאָריס הילקוויט (הילקאָוויץ פון ריגע), די ווילנער סאָלצ׳ס, די האָמלער לעווינסאָנ׳ס א. אַנד., באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע.

* * *

גורעוויטש׳עס זיידע האָט געהייסן אלחנן סאַלאַנטער (געשטאָרבן אַרום 1878 אין ווילנע), אַן אינטימער פריינט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער (געשטאָרבן 1883 אין קעניגסבערג).

אלחנן סאַלאַנטער׳ס ערשטע נסיעה קיין פּעטערבורג איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּראָצעס, וואָס סאַלאַנטער אידן האָבן געפירט קעגן אַ פּוילישן מאַגנאַט, אויף וועמעס באָדן דאָס שטעטל איז געשטאַנען. דער באָדן פון אַזעלכע שטעטלעך האָט אָפטמאָל געהערט צו פּוילישע מאַגנאַטן, און פאַר באַנוצן דעם באָדן (אויף אויפצושטעלן אַ הייזקע מיט שטאַלן א. ד. גל.) האָט מען געצאָלט צינז. דערביי פלעגן אַרויסקומען אַלערהאַנט סכסוכים. געווען גוטע פּריצים, וואָס פלעגן אַפילו געבן געלט, ציגל און געהילץ אויף אויפצובויען אַ שול, אַ הקדש, אַ מרחץ. געווען אויך אַנדערע, און די אידן זיינען אויך ניט אַלע מאָל געווען קדושים. יענעם פּראָצעס האָט אלחנן סאַלאַנטער, אַ דאַנק זיין אייזערנער ענערגיע און זיינע גרויסע קענטעניש, דורכגעפירט אין פּעטערבורג מיט דעם גרעסטן דערפאָלג און האָט אויך דערביי באַשאַפן אַ יורידישן פּרעצעדענט, וואָס האָט געקאָנט זייער נוצלעך זיין פאַר די אידן ביי ענלעכע סכסוכים אין אַנדערע שטעטלעך, און אַזעלכע

סכסוכים זיינען ניט געווען קיין זעלטנקייט. וועגן יענע פּראָצעסן דערציילט זיך לייכט, געצויגן האָבן זיי זיך, אָבער, לאַנגע יאָרן. אלחנן סאָלאָנטער איז געוואָרן אַ פּעטערבורגער תושב. ער איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש. פֿון זיין פֿאָטער, יקותיאל יאָפּע, אַ פּאָסעסאָר, אַרענדאַטאָר פֿון פּריצישע הויפֿן, אין קאָוונער קאַנט, האָט ער באַקומען אַ היפּשע ירושה, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין פּעטערבורג. דער פּאָסעסאָר יקותיאל האָט געהאַט מערערע זין. ווי דאָס איז ניט געווען קיין זעלטנהייט אין יענע יאָרן, זיינען זיי פֿאַרשריבן געווען אויף פֿאַרשיידענע נעמען (צוליב דער „רעקרוטשינע" — רעקרוטן־כאַפּעריי — אין די צייטן פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן). צוויי זין האָבן געהייסן הילקאָוויץ; פֿון יענער פֿאַמיליע האָט, אויסער מאָריס הילקוויט, געשטאַמט אַ רב הילקאָוויץ, אין סינ־סינעטי, מיט אַ זון אַ דאָקטאָר; איינער האָט געהייסן, ווי דער פֿאָטער, יאָפּע; אלחנן האָט געהייסן — קאַהאַן.

ווי באַוואוסט, האָט די רוסישע רעגירונג גלייך נאָך רוסלאַנדס מפּלה אין קרימער קריג (1855) אָנגעהויבן אויסצובויען אין לאַנד אַ נעץ פֿון אייזנבאַנען. דאָס איז געווען אַ ריזיקע אַרבעט, וואָס האָט געגעבן אַ גוואַלדיקן שטויס דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד. עס אַנטשטייען גרויסע מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען, עס פֿליסט אַריין אין לאַנד אַ שטראָם פֿון אויסלענדישן קאַפּיטאַל, עס אַנטוויקלט זיך דאָס מאָדערנע באַנקוועזן — און עס באַווייזן זיך גאָר אין גיכן אויך אידישע מיליאָנערן. דאָס זיינען געווען פּאָדריאַדטשי־קעס ביים אייזנבאַן־בוי און באַנקירן, מייסטנס אין פּעטערבורג. אלחנן סאָלאָנטער, צו יענער צייט שוין אַן אַלטער תושב אין פּעטערבורג, ווערט אַ שותף פֿון די קאָנגיסער׳ס, אוטינ׳ס און אַנדערע ביים אייזנ־באַן־בוי *). ער ווערט רייך. ער איז דאַן שוין אַ בקי אין אַלע אויס־נאַם־געזעצן קעגן אידן און ווייסט ווי זיי אָפּצושטעלן. אָפּשאַפֿן זיי איז ניט מעגלעך געווען. אָבער אָפּשטעלן, פֿאַרשלעפֿן זייער דורכ־

---

*) אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער ראָלע פֿון די אידישע באַנקירן אין דער אייזנבאַן־וואַקכאַנאַליע געפֿינט זיך אין נעקראַסאָוו׳ס סאַטירישער פּאָעמע „יובי־לאַרן און טריאומפֿאַטאָרן". דער אידישער באַנקיר אוטין ווערט דאָרטן אָנגערופֿן „גוסיעוו" („גוס" הייסט אַ גאַנז, אַ רמז אויף אוטין — אַן ענטל); עס ווערט נאָכגעקרימט די רוסישע שפּראַך פֿון אַלטן באַראָן גינצבורג... „איך וויל פֿאַר־דינען מיליאָנען, וועל איך אַוועק קיין אויסלאַנד און וועל דאָרטן לעבן ווי אַ צאַרר"... (מיט צוויי „ר" אָנשטאָט דעם רוסישן ווייכן „ר"); דער באַנקיר ראָזענטאַל ווערט אָנגערופֿן „שטאָס" פֿון קאָרטנשפּיל).

פּירונג, פּועל'ן ביי אַ ווילכטיקן טשינאָווניק אין באַטרעפנדיקן מיני־סטעריום, אַז די גזירה זאָל געמילדערט ווערן, — דאָס האָט מען גע־קאָנט, געוויינטלעך דורך כאַבאַר. און דערמיט האָט זיך אלחנן סאַ־לאַנטער פאַרנומען ביז צו זיין טויט. קלענערע סומעס האָט ער געגעבן פון זיין אייגענער קעשענע, גרעסערע סומעס (75 ביז 100 טויזנט רובל) פלעגן געבן ראָזענטאַל (דער פּרעזידענט פון דער חברה מפיצי השכלה אגב — אַ פעטער פון טעאָדאָר דאַן), קאָנעגיסער, גינצבורג א. אַנד.

דאָס ווילכטיקסטע איז געווען אַרויסצובאַקומען געגויע ידיעות וועגן פּלענער, וואָס ווערן שטילערהייט אויסגעאַרבעט אין די רעגי־רונגס־קאַנצעלאַריעס, פאַרהאַלטן דאָרטן די פּאַפּירן, איידער זיי דער־גייען צו די מיניסטאָרן, איידער עס ווערן וועגן די פּלענער אָנגע־נומען די ערשטע באַשלוסן. דאָס איז אָפטמאָל געווען אַ סכנות'פולע אַרבעט, וואָס האָט געשמעקט מיט קאַטאָרגע. אַ באַאַמטער פון אינערן־מיניסטעריום פלעגט ברענגען אין אַ זונטיק אָדער אין אַן אַנדער טאָג, ווען די קאַנצעלאַריעס זיינען געשלאָסן, אָפיציעלע דאָקומענטן, אַקטן, פּראָטאָקאָלן וועגן אידישע ענינים צו אלחנן סאַלאַנטער אין הויז אַריין. ער פלעגט זיך מיט זיי גרינדלעך באַקאַנען און מאַכן אויסצוגן פון זיי. דערביי האָט מען מיט אַזאַ באַאַמטן קיין מאָל ניט גע־קאָנט זיכער זיין, צי ער וועט זיך באַנוגענען מיט דעם כאַבאַר, וואָס ער באַקומט, אָדער ער וועט דעם מאָדנעם אידן, וואָס אינטערעסירט זיך אַזוי מיט די פּאַפּירן, וואָס ער ברענגט אים, — סוף כל סוף גאָר אַרויסגעבן דער פּאָליציי. און דאַן וואָלט דאָס לעבן געווען פאַרשפּילט.

אויך ווען דער מיניסטער אַליין האָט גענומען כאַבאַר, איז עס דורכאויס ניט געווען קיין איינפאַכע זאַך. אין דער סביבה פון די צענדליקער משפּחות, וואו די לעגענדע וועגן „זיידן" האָט געלעבט מיט אַלע איינצלהייטן אין זכרון פון צוויי־דריי דורות, האָט מען איבער־געגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס האָט, אגב, געהאַט אַ גוואַל־דיקע ווירקונג אויף דיביידע גורעוויטש'עס.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ נייעם אויסנאַם־געזעץ קעגן אידן, וואָס איז שוין געלעגן אויפן טיש פון מיניסטער, פאַרטיק צום אונטער־שרייבן. נאָך דעם וואָלט מען שוין גאָרניט געקאָנט ענדערן. איז נויטיק געווען צו מאַכן דעם לעצטן, זייער ריזיקאַלישן, פּרוואוו — זיך צו ווענדן דירעקט צום מיניסטער און אים אָנצובאָטן כאַבאַר. דאָס איז שוין געווען סוף זעכציקער אָדער אָנהויב די זיבעציקער יאָרן, ווען די אידישע פּני האָבן שוין געהאַט געוויסע פאַרבינדונגען

מיט ליבעראַלע קרייזן,*) וואו מען האָט זיך אַמאָל געקאַנט דערוויסן וועגן דעם כאַראַקטער פון אַ מיניסטער, וועגן זיין פּריוואַטן לעבן און — די הויפּטזאַך: צי ער „נעמט“. די ידיעות וועגן יענעם מי־ניסטער זיינען געווען, אַז ער „נעמט“ ניט, אָבער אויך אַז ער איז ניט קיין שאַרפער אַנטיסעמיט. ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד, אויף אַלע וויכטיקע אַמטן אין זיין מיניסטעריום האָלט ער באַלטישע באַ־ראָנען, וואָס אַרבעטן מיט פּרייסישער פּינקטלעכקייט און נעמען זי־כער קיין כאַבאַר ניט.

עס איז, אָבער, ניט געווען קיין צייט איבערצוטראַכטן, מען האָט גלייך געמוזט מאַכן אַ פּרואוו... די איינצלהייטן פון יענעם עפּיזאָד האָב איך געהערט פון אַ זון פון אלחנן סאַלאַנטער, וועלכער האָט צו יענער צייט געלעבט אין פּעטערבורג. אָט וואָס עס האָט זיך מיר דערפון איינגעקריצט אין זכרון: אין אַ מינוט צייט האָט דער אַלטער באַראָן גינצבורג אַרויסגענומען פון זיין קאַסע 100 טויזנט רובל אין פרישע בלאַנקע אַסיגנאַציעס (אַ טייל דערפון האָט ער שפּעטער צו־ריק באַקומען פון קאַנעגיסער׳ן, ראַזענטאַל׳ן א. אַנד.). מיט דעם פּאַקעט אַסיגנאַציעס איז אלחנן אַוועק צום מיניסטער אין זיין פּריוואַטער קוואַר־טיר. אַ דינער האָט אים אַריינגעלאָזן און אים געפרעגט, וואָס ער וויל. לויט דעם מנהג פון יענער צייט האָט ער קודם כל געגעבן דעם דינער אין יד אַריין אַ גאָלדענעם אימפּעריאַל און דאַן געבעטן אי־בערגעבן דעם מיניסטער אַ קליין בריוול — אַ פּאָר שורות אין דייטש (אלחנן האָט געשריבן אַ גוטן דייטש): ער בעט אַ פּריוואַטע אוידיענץ אין אַ וויכטיקן ענין.

דער דינער איז אַוועק צום מיניסטער און איז גלייך צוריקגע־קומען. דער מיניסטער פרעגט: וואָס פאַר אַן ענין?

— דאָס קען איך זאָגן נאָר דעם מיניסטער אַליין, ניט דיר.

דער דינער איז ווידער אַוועק. באַלד נאָך דעם איז דער מיניסטער אַרויסגעקומען אַ קוק טאָן אויף דעם גאַסט. זיין פּאַרנעמע האַלטונג, זיין הדרת פנים האָבן מסתמא געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, און דער

---

*) פון יענע קרייזן וויל איך דאָ פאַרצייכענען דעם ליטעראַריש־קינסטלע־רישן סאַלאָן, וואָס עס האָט אָנגעפירט די פרוי פון שריפטשטעלער סטאַסאָוו, אַ טאָכטער פון אידישן באַנקיר אוטין. אַ זון פון אוטינ׳ען איז געווען אַ באַקוניסט און אַ דעלעגאַט צום ערשטן אינטערנאַציאָנאַל (סוף 60ער יאָרן). געענדיקט האָט ער ווי אַ רענעגאַט און איז אַמנעסטירט געוואָרן. אין טערקישן קריג (1877־1878) האָט ער געמאַכט מיט דער רעגירונג גרויסע געשעפטן און אָנגעזאַמלט מיליאָנען.

מיניסטער האָט דעם אידן אַריינגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט. און דאַן איז אַוועק אומגעפּער אַזאַ שמועס:

דער מיניסטער: איר קומט פון דייטשלאַנד?

אלחנן: ניין, איך בין אַ היגער, אָבער מיר איז לייכטער צו ריידן דייטש. דערלויבט מיר.

דער מיניסטער: ביטע זייער.

אלחנן: איר האָט שטודירט אין דייטשלאַנד. איר זייט אַן אייראָפּעאיש־געבילדעטער מענטש. ווייסט איר, אַלזאָ, אַז אין אייראָפּע זיינען ניטאָ קיין אויסנאַם־געזעצן קעגן אידן. ברענגט עס שאָדן דער באַפעלקערונג? ניין. אונז דאָ אין רוסלאַנד באַשולדיקט מען אין אַלערליי פאַרברעכנס, און אין דער אמת׳ן לעבן מיליאָנען אידן אין דער גרעסטער נויט, אין דער טשערטאַ... איר ווייסט פון דער זעלטענער פריינטשאַפט צווישן לעסינג און מאָזעס מענדעלסאָן... איר קענט די דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע"....

דער מיניסטער: איז וואָס ווילט איר פון מיר?

אלחנן: איר גרייט צו אַ נייעם אויסנאַם־געזעץ פאַר אידן...

דער מיניסטער: פון וואַנען ווייסט איר עס?

אלחנן: פון דער דייטשער פּרעסע. — גיט אַ טראַכט: איר זייט איצט אַ רוסישער מיניסטער. איר האָט פּונקט אַזוי געקאָנט זיין אַ פּרייסישער מיניסטער. קאָנט איר זיך פאַרשטעלן, אַז איר וואָלט איצט אין פּרייסן אונטערגעשריבן אַזאַ געזעץ? ס׳איז דאָך די זעלבע נשמה אייערע! אייער נשמה האָט זיך דאָך ניט געענדערט דורך דעם, וואָס איר זיצט איצט ביים שרייבטיש דאָ אין פּעטערבורג און ניט אין בערלין אָדער פּאָטסדאַם. איך אַפּעליר צו אייער מענטשלעכקייט: שרייבט דעם געזעץ ניט אונטער! איר וואָלט דערמיט פאַרשאַפט פּיין מיליאָנען מענטשן...

דער מיניסטער: מיינט איר, איך בין אַזוי אַלמעכטיק?

אלחנן: אין דעם פאַל — יאָ! איצט הענגט אַלץ אָפּ פון אייך. פון אייך אַליין! קאָנט איר נעמען אויף אייער געוויסן דעם פּיין פון מיליאָנען מענטשן? באַרעכטיקט אייער גלויבן אין גאָט פאַרשאַפן פּיין מיליאָנען מענטשן? ווער וועט האָבן נוצן דערפון? איר? קיינער ניט!

דער מיניסטער: נוצן... וואָס מיינט איר דערמיט? איר ווילט מיר אָנבאָטן... געלט?

אלחנן: ניין, אויף קיין פאַל ניט! איך אַפּעליר צו אייער מענטשלעכקייט. איר קאָנט מיליאָנען מענטשן אומגליקלעך מאַכן;

איר קאָנט דעם אומגליק אָפּווענדן פון זיי. מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן לעבן אין שרעק; עס רוקט זיך אָן אַן אומגליק אויף זיי. מען פאַסט תעניתים, מען בעט אין די שולן צו גאָט. זאָל גאָט דורך אייך אָפּווענדן דעם אומגליק פון זיי! און פאַר דער פרייד, וואָס איר וועט אונז דאָן פאַרשאַפן, בעט איך אייך, איר זאָלט מיר דערלויבן, אַלס צייכן פון טיפסטער דאַנקבאַרקייט — ריין מענטשלעך — אויך אייך צו פאַרשאַפן פרייד...

דער מיניסטער: ווי מיינט איר דאָס?

אלחנן: איר זייט אַ פאָטער פון קינדער. איך בין שוין אַ זיידע. איך ווייס, וואָס דאָס הייסט זאָרג פאַר קינדער. פון דער זאָרג וויל איך אייך באַפרייען. איך וויל פאַרזאָרגן אייערע קינדער.

דער מיניסטער: דאָס הייסט?...

אלחנן: פאַר זיי, ניט פאַר אייך, וויל איך קויפן אַן אימעניע...

דער מיניסטער: אָבער דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, כאַבאַר!

אלחנן: ניין! בשום אופן ניט! איר טאָרט דאָס אַזוי ניט אָנרופן! דאָס איז אַן אַקט פון דאַנקבאַרקייט, ריין מענטשלעך...

דער מיניסטער: איר האָט אין אויג אַ באַשטימטע אימעניע? וויפל דאַרף זי קאָסטן?

אלחנן: איצט 100 טויזנט רובל. זי ליגט ביי דער באַן־ליניע... וועלכע איך בוי. זי וועט אַ פאָר יאָר שפּעטער ווערט זיין פינף מאָל אַזוי פיל.

דער מיניסטער: ווי ווילט איר דורכפירן די פאָרמאַליטעטן?

אלחנן: ווי איר וועט וועלן. דאָס בעסטע, ווען איר פירט אַלץ אַליין דורך. דאָס געלט, אויב איר דערלויבט, קאָן איך אייך דערצו גלייך איבערגעבן.

דער מיניסטער שווייגט. דער איד ציט אַרויס פון זיין קעשענע דעם פּאַקעט אַסיגנאַציעס און לייגט עס אַרויף אויפן טיש. דער מיניסטער ווערט אומרואיק. ער קוקט אויפן פּאַקעט און שווייגט. דעם פּאַקעט רירט ער ניט אָן. ער וויל וואָס זאָגן און פאַרהאַקט זיך. ער ברענגט בלויז אַרויס „אַבער... אַבער"...

מיט אַ מאָל גיט ער זיך אַ הויב אויף, אויפגערעגט און פאַרצאָרנט. ער עפנט די טיר פון קאַבינעט און שרייט אַריין אין קאָרידאָר: „עי, איוואַן!" דעם אידן באַפאַלט אַ שרעק: איצט קומט זיין סוף... אַ סך מאָל האָט ער שוין געהאַט איינגעשטעלט זיין לעבן, און ס'האָט זיך

אַלע מאָל גוט געענדיקט. איצט וועט מען אים אַרעסטירן. ער קאָר־טשעט זיך איין אין זיין ווייכן שטול ביים טיש און זיינע ליפּן באַוועגן זיך שטיל...

דער דינער קומט אַריין און שטעלט זיך „סמירנאָ“.

דער מיניסטער שווייגט. ער קאָן זיך ניט אַנטשליסן. אויף אים ווירקט, ווי עס ווייזט אויס, די פאַרלוירנקייט פון אידן. דער דינער קוקט אויך אויפן אידן און שווייגט.

מיט אַ מאָל אַנטשליסט זיך דער מיניסטער. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און שרייט אויס צום דינער: „ברענג אַריין טיי!“ און צום אידן: „בערואיגען זי זיך“... דער מיניסטער נעמט דעם פּאַקעט און וואַרפט אים נערוועז אַריין אין שופלאָד פון שרייבטיש. „טיי ווערדען זי דאָך ביי מיר טרינקען?“ — „דאַנקע, גערנע“.

אלחנן: ווען איר האָט גערופן אייער דינער, האָב איך געמיינט, אַז עס קומט מיין סוף און האָב שטילערהייט אָנגעהויבן צו זאָגן ווידוי. אייער מענטשלעכקייט האָט מיר געשאָנקען דאָס לעבן. איך דאַנק אייך.

דער מיניסטער: לאָמיר וועגן דעם ניט ריידן. איך וועל טאָן, וואָס עס וועט מעגלעך זיין. איך בין אַן איירעפּעער...

דער דינער טראָגט אַריין פיר גלעזער טיי, צוויי פּאָר יעדערן. און דאַן גייט אַוועק צווישן די צוויי „איראַפּעער“ אַ לאַנגער שמועס וועגן לעסינג׳ס „נאַטאַן דער ווייזע“...

* * *

ענלעכע עפּיזאָדן, אין וועלכע דער לעגענדאַרער זיידע האָט אַרויס־געוויזן דעם גרעסטן מוט און איינגעשטעלט זיין לעבן, האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דעם יונגן דור פון דעם פאַמיליען־קרייז. ביי דעם עלטערן דור האָט דאָס אַליין אומגעהויער פאַרשטאַרקט די צו־געבונדנקייט צום אידישן פאָלק. ביים יינגערן דור האָט דאָס געוועקט רעוואָלוציאָנערע געפילן און די גרייטקייט צו גיין צו אַ צאַרישן מי־ניסטער — ניט מיט כאַבאַר, נאָר מיט דינאַמיט. מאַנכע פון זיי האָבן צו אַזעלכע צוגרייטונגען געהאַט אַ געוויסע שייכות. איינער פון די בעסטע פון זיי איז געווען מאַאיסיי גורעוויטש. איך האָב דאָ פאַרצייכנט בלויז זיין אָפּשטאַם. געענטפערט בלויז אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב אין די ערשטע שורות געשטעלט: ווי עס האָט זיך אַריינבאַקומען אין אים דער רעוואָלוציאָנערער באַציל? — זיין פּאָליטישע ביאָגראַפיע, זיין אַרבעט אין „בונד“, זיין פּראָצעס אין ווילנע אין 1905, אין וועלכן ער

האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכן מוט, האָב איך פאַרצייכנט אין אַן אַנדער אָרט.

איך האָב, אָבער, אויך געהאַלטן פאַר נויטיק צו „ראַטעווען פון פאַרגעסנקייט" די געשטאַלט פון זיין זיידן, וואָס האָט געגעבן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ גרויסע צאָל חשוב׳ע טוער. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב דאָס צו טאָן, ווייל פון אַלע די, אין וועמעס זכרון עס האָט זיך אָפּגעהיט יענער געהיימניספולער קאַפּיטל פון אַמאָליקן פעטערבורג, בין איך איצט, נאָך גורעוויטש׳עס טויט, ווי ווייט איך ווייס, געבליבן שוין דער לעצטער.

(פון „אונזער צייט", נומ. 6, 1945, ניו־יאָרק).

יעקב ישורין:

ביבליאָגראַפיע

אימפּאָזאַנטע יובל - פייערונג פון „בונד" אין תל־אביב. דערעפענונג פון דער פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק. אונזער שטימע, נאָוועמבער 20, 1951.

אַ ביבליאָטעקאַר: חבר פראַנץ קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 28־29טן יאַנואַר, 1950.

אַ ביבליאָטעקאַר: צום טויט פון וויקטאָר שולמאַן. אונזער שטימע, פּאַריז 1־2 סעפּטעמבער, 1951.

כ. א.: צום אָנדענק פון חבר פראַנץ קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 27טן יאַנואַר, 1950.

אַ פריינט: פאַניע בלומין־קורסקי. נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 9טן דעצעמבער, 1938.

אבראַמאָוויטש, הירש: פראַנץ קורסקי (צו זיין ערשטן יאָרצייט). אונזער שטימע, פּאַריז, 29טן יאַנואַר, 1951.

אבראַמאָוויטש, הירש: פאַרשוואונדענע געשטאַלטן, אינזשעניער מאַרק אידעלסאָן. אונזער שטימע, פּאַריז, 23טן מאַי, 1951.

אבראַמאָוויטש, הירש: פאַרשוואונדענע געשטאַלטן, א. ליטוואַק, 1874־1932. אונזער שטימע, פּאַריז, 2־3טן יוני, 1951.

אבראַמאָוויטש, ר.: דער „בונד" אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. „אין צוויי רעוואָלוציעס", ניו־יאָרק, 1944, 2טער באַנד, ז. 43.

אבראַמאָוויטש, ר.: די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" — די ציריכער גרופּע. „אין צוויי רעוואָלוציעס", 1טער באַנד, ניו־יאָרק 1944, ז. 90.

אבראַמאָוויטש, ר.: אויפן פרישן קבר פון פראַנץ קורסקי. עטלעכע ווערטער פון אַ פריינט. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 20טן יאַנואַר, 1950.

איינהאָרן, דוד: דער לעצטער פון די גרויסע קעמפער. „פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 4טן פעברואַר, 1950. דערינערונגען וועגן דעם ערשט פאַרשטאָרבענעם רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט פראַנץ קורסקי.

איינהאָרן, דוד: איין מענטש קעגן אַ מלוכה. פראַנץ קורסקי׳ס קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס איבער דעם בונדישן אַרכיוו. — בערלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערינערונגען. פאָרווערטס. ניו־יאָרק, 11טן פעברואַר, 1950.

איינהאָרן, דוד: פראַנץ קורסקי, דער היטער פון בונדישן אַרכיוו. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 18טן פעברואַר, 1950.

אַנ—מאַן, פּ.: דער ביאַליסטאָקער פּעריאָד אין לעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" (1900־1902). רויטער פּנקס, ערשטער זאַמלבוך, וואַרשע, 1921, ז. 61.

אן—מאן, פּ.: די ערשטע בונדישע לעגאַלע צייטונגען. „25 יאָר־זאַמל־בוך", פאַרלאַג די וועלט, וואַרשע, 1922, ז. 72.

אראַנסאָן, גריגאָרי: געדענק־ און יובילײ־ביכער. צוקונפט, ניו־יאָרק, מאַי־יוני, 1951, ז. 226.

באַסקין, י.: פראַנץ קורסקי. דער פריינד, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז"ז 9־10.

באַסקין, י.: פראַנץ קורסקי. י. באַסקין — צו זיין 70־יאָריקן יובילײ, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1951, ז"ז 232־235.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס: וועלט און וואָרט. טאָג, ניו־יאָרק, 2טן יאַנואַר, 1950.

משה, ה.: אידישע רעוואָלוציאָנערן אָדער רעוואָלוציאָנערן־אידן. אויפן שיידוועג, 2טער זאַמלבוך, פּאַריז, אַווגוסט, 1939, ז"ז 220־224.

האָדעס, ל.: דער מענטש און בונדיסט. [פראַנץ קורסקי]. אונ־זער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז"ז 13־15.

הערש, פּראָפ. ל.: צום טויט פון חבר פ. קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 24טן יאַנואַר, 1950.

הערש, פּראָפ. ל: צום טויט פון חבר פראַנץ קורסקי. אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז"ז 12־13.

הערש, פּראָפ. ל.: צום טויט פון חבר פראַנץ קורסקי. פּאָראויס, מעקסיקע, 15טן פעברואַר, 1950, ז"ז 6־7.

וואַלד, פּ.: וויקטאָר שולמאַן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּטעמ־בער, 4, 1951.

וואַלד, ב.: די פייערונג פון 70־יאָריקן יובילײ פון ח' יודין. נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 21טן פעב־רואַר, 1937.

וואַלד, ב.: אויף דער לויה פון ח' יודין־אייזנשטאַט. נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, 30טן יולי, 1937.

וואַלד, ב.: פראַנץ קורסקי. די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 11טן פעב־רואַר, 1950.

וואַסער, ח.: פראַנץ קורסקי (צום ערשטן יאָרצייט). דער „וועקער", ניו־יאָרק, 1ער פעב., 1951, ז"ז 8־9.

ווייכערט, מ.: בייניש מיכאַלע־וויטש. די יידישע וועלט, ווילנע, אָקטאָבער, 1928, ז"ז 156־158.

יעווזעראָוו, מ.: ביאָ־ביבליאָגראַ־פישע ידיעות. „ארקאַדי", זאַמלבוך צום אָנדענק פון גרינדער פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער (1865־1935), ווילנע, 1939, ז"ז 288־289.

ישורין, יעפים: הקדמה. ווילנע, רעד. פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1935, ז. 5.

ישורין, יעפים: ווילנער פריי־הייט־קעמפּער. ווילנע, רעד. פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1935, ז. 724.

ישורין, יעפים: „50 יאָר 'צו־קונפט'" (1892־1942). צוקונפט, ניו־יאָרק, מאַי־יוני, 1942, ז. 350.

מ. ז.: נייע ביכער. פון נאָענטן עבר, וואַרשע, יולי־דעצעמבער, 1938, ז. 285.

כאַצקלסאָן, י., דר.: פראַנץ קור־סקי. לעצטע נייס, תל־אביב, 10טן פעברואַר, 1950.

כץ בלום, הלל: פון מחבר. זכרונות פון א בונדיסט, ניו־יאָרק, 1940, ז. 12.

ל—ע: טרויער־אַקאַדעמיע צו די שלושים פון ח. פראַנץ קורסקי אין בריסל. אונעזר שטימע, פּאַריז, 9טן מערץ, 1950.

לעווין, שלום: דער פינפטער צו־זאַמענפאָר פון „בונד" אין ציריך. אונטערערדישע קעמפער, ניו־יאָרק, 1946, ז. 225.

לעווין, שלום: דער זיבעטער צו־זאַמענפאָר פון „בונד". אונטער־ערדישע קעמפער, ניו־יאָרק, 1946, ז. 307.

לעווין, שלום: קאַפּלינסקי'ס ראָל אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. אונטער־ערדישע קעמפער, ניו־יאָרק, 1946, ז. 337.

לעווין־שאַצקעס, י.: אַ דור, וואָס איז אַוועק (צום ליכטיקן אָנדענק פון פראַנץ קורסקי). זע: וועקער, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950. ז"ז 3־5.

מילל, דזשאָן: פון דער פּיאָ־נערן־צייט. ווילנע, רעד. פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1935, ז. 94.

מילל, דזשאָן: צעלינאַ דאַווגיערד. איך פּאַרלאָז די שטאָט. פּיאָנערן און בויער, 1טער באַנד, ניו־יאָרק, 1946, ז. 140.

מילל, דזשאָן: גליעב מיטניקאָ־וויטש (אברהם מוטניק). פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, 1946, ז. 149.

מילל, דזשאָן: אַ פאַרגעסענער דענקמאָל. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1946, ז. 209.

מילל, דזשאָן: קאַרל קאַוטסקי און די אידן־פראַגע. — זיין פריינטשאַפט צום „בונד". פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 142.

מילל, דזשאָן: ביי דער אַרבעט אין אויסלענדישן קאָמיטעט. פּיאָ־נערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז"ז 182, 186.

מילל, דזשאָן: די באַזוכער: הענ־ריק ערליך, אסתר ריסקינד, ליע־סין. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 195.

מילל, דזשאָן: די לעגאַליזירונג פון דער אַרבעט. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז"ז 221, 222.

מילל, דזשאָן: דער „בונד" בלייבט גאַנץ. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 237.

מילל, דזשאָן: זשענעווע אין דער צייט פון מלחמה. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 263.

מילל, דזשאָן: דער קריזיס אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. — צי־מערוואַלד. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 268.

מילל, דזשאָן: „דער גורל דרייט זיך ווי אַ ראָד"... איך פאָר קיין אַמעריקע. — אַ ירושה. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 276.

מילל, דזשאָן: עפּילאָג. פּיאָנערן און בויער, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949, ז. 286.

מילל, דזשאָן: פראַנץ קורסקי. אונעזר צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז"ז 4־6.

מילל, דזשאָן: פראַנץ קורסקי אַלס מענטש און בונדישער טוער. דער וועקער, ניו־יאָרק, פעברואַר 15, 1950, ז"ז 7־8.

מייזיל, נחמן: עס ווערט באַשאַפן דער ייוואָ (דער אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט). געווען אַמאָל אַ לעבן, בוענאָס איירעס, 1951, ז' 241.

מענעס, אַ.: צום אָנדענק פון פראַנץ קורסקי. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 28טן יאַנואַר, 1950.

מענעס, א: צום אָנדענק פון פראַנץ קורסקי. צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ, 1950, ז"ז 136־137.

מענעס, א: פינף און זיבעציק יאָר אידישער סאָציאַליזם. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 21טן אָקטאָבער, 1950.

מענעס, א.: פראַנץ קורסקי (צו זיין צווייטן יאָרצייט). דער וועקער, נ. י., מערץ 1, 1952, זז. 5־7.

נאָוואָגרודסקי, עמנואל: צום ערשטן יאָרצייט נאָך פראַנץ קורסקי. פאָראויס, מעקסיקע, 31טן יאַנואַר, 1951, ז"ז 2־3.

נאָוואָגרודסקי, עמנואל: פראַנץ קורסקי, צום ערשטן יאָרצייט. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 26טן יאַנואַר, 1951.

נאָוואָגרודסקי, עמנואל: דער ערשטער יאָרצייט. אונזער שטימע, פּאַריז, 26טן יאַנואַר, 1951.

נח: דער גרינדער [אַרקאַדי] פון „בונד". „אַרקאַדי", זאַמלבוך צום אָנדענק פון גרינדער פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער (1865־1935), ווילנע, 1939, ז"ז XII, XIII.

נחום [כאַנין, נ.]: אַ בריוועלע צו אַ קינד. קינדער־צייטונג, ניו־יאָרק, מערץ, 1950, ז"ז 2־3.

ניגער, ש.: געלייענט און געשריבן. טאָג, ניו־יאָרק, 1טן יולי, 1945. אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, 8טן אָקטאָבער, 1945.

פּאַט, יעקב: פראַנץ קורסקי. אייגנע פון די שענסטע און אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייטן אין דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד און פּוילן. — זיין ראָלע אין „בונד". זיינע לעצטע יאָרן אין אַמעריקע. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 19טן יאַנואַר, 1950.

פּאַט, יעקב: פראַנץ קורסקי און דער אַרכיוו פון „בונד". דער וועקער, ניו־יאָרק, 1טן פעברואַר, 1950, ז"ז 5־6.

פּאַט, יעקב: די וואָרצלען פון בוים (וועגן בוך „י. באַסקין") [דערמאָנט פראַנץ קורסקי]. דער פריינד, נ. י., יאַנ.־פעב. 1952, ז. 8.

פּאַטי [קרעמער]: זכרונות וועגן אַרקאַדי׳ן. „אַרקאַדי", זאַמלבוך צום אָנדענק פון גרינדער פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער (1865־1935), ווילנע, 1939, ז. 64.

פּאַגעל, י.: אַרבעטער־רינג־היים ערט אָנדענק פון ערליך און אַלטער ביי צערעמאָניע [דערמאָנט פראַנץ קורסקי]. פאָרווערטס, נ. י., מערץ 4, 1952.

אַ. פּ.: די לוויה פון ח׳טע פּאַני בלומין־קורסקי. נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 10טן דעצעמבער, 1938.

א. פּ.: ח׳טע פּאַני בלומין־קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 17טן דעצעמבער, 1938.

פּערעל, ש.: אַ טרויער־אָוונט אין שטאָקהאָלם צום אָנדענק פון חבר פראַנץ קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 2טן פעברואַר, 1950.

צביון: אידישע אינטערעסן. אויף פראַנץ קורסקי׳ס פרישן קבר. — אַ פּערזענלעכער טרויער־אויסדרוק אויף אַ פּאַרלאָרענעם פריינט. —

אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. — ווען פראַנץ קורסקי איז נאָך געווען שמואל קאהן. — קורסקי דער בונדיסט און דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט. — אַ פּאָר עפּיזאָדן פון קורסקי׳ס לעבן. — גליקלעכע מאָמענטן און אומגליקלעכע אין קורסקי׳ס רעוואָלוציאָנערן לעבן. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 21טן יאַנואַר, 1950.

צביון : אין דעם אידישן פּאַריז און אין דעם ענגלישן לאָנדאָן. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 7טן יאַנואַר, 1951.

צביון : אידישע אינטערעסן. דער צען־יאָריקער יובילײ פון דעם בונדיסטישן זשורנאַל „אונזער צייט“. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 5טן מאַי, 1951.

צביון : אידישע אינטערעסן. אַ בריוו פון תל־אביב וועגן דער אידישער פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק. פאָרווערטס, נ. י., מערץ 8, 1952.

קרעמער, אַרקאַדי : די גרינדונג פון „בונד“. „אַרקאַדי“, זאַמלבוך צום אָנדענק פון גרינדער פון „בונד“ אַרקאַדי קרעמער (1865־1935), ווילנע, 1949, ז״ז 360, 365.

שא : טרויער־אַקאַדעמיע צו די שלושים פון חבר פראַנץ קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 24טן פעברואַר, 1950.

שאַצקי, דר. יעקב : פראַנץ קורסקי. פרייע אַרבעטער־שטימע, ניו־יאָרק, 3טן מערץ, 1950, ז. 3.

שולמאַן, וויקטאָר : פראַנץ קורסקי — איינער פון די לעצטע. 43 יאָר בונד פון דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, 1950, ז״ז 6־12.

שולמאַן, וויקטאָר : דער לעבנסוועג פון פראַנץ קורסקי. אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז״ז 7־11.

שולמאַן, וויקטאָר : דער לעבנסוועג פון פראַנץ קורסקי. אונזער צייט, ניו־יאָרק, מערץ, 1950, ז״ז 13־16.

שוואַרץ, פּ. : פאָרוואָרט. יוזעף פּילסודסקי, זיין באַציאונג צו דער אידן־פראַגע און זיין קאַמף קעגן „בונד“. וואַרשע, 1935, ז. 8.

שוואַרץ, פּ. : אויף דער שוועל. יוזעף פּילסודסקי, זיין באַציאונג צו דער אידן־פראַגע און זיין קאַמף קעגן „בונד“. וואַרשע, 1935, ז. 88.

שניאור, ז. : אַ בלעטל זכרונות וועגן פראַנץ קורסקי. אונזער שטימע, פּאַריז, 17טן פעברואַר, 1950.

שווייד, מאַרק : יוסף באַסקין — צו זיין 70־יאָריקן יובילײ. [דערמאָנט פראַנץ קורסקי]. פאָרווערטס, נ. י., מערץ 2, 1952.

שניאור, ז. : פראַנץ קורסקי. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 12טן מערץ, 1950.

שערער, עמנואל, דר. : צען יאָר פון „אונזער צייט“. אונזער צייט, ניו־יאָרק, מאַי, 1951, ז. 25.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז״ז 16־17 : צער און טרויער. די לוויה פון פראַנץ קורסקי.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, מערץ, 1950, ז. 40 : שלושים נאָכן טויט פון פראַנץ קורסקי.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1951, ז. 11 : דער ערשטער יאָרצייט פון פראַנץ קורסקי.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1951, ז. 15 : פ. קורסקי־טרויעראָוונט.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1951, ז. 47 : צום יאָרצייט פון פראַנץ קורסקי.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, מאַי, 1951 : מצבה אויפן קבר פון פראַנץ קורסקי.

אונזער שטימע, פּאַריז, 19טן יאַנואַר, 1950 : געשטאָרבן ח' פראַנץ קורסקי (מ. בלומין).

אונזער שטימע, פּאַריז, 23טן יאַנואַר, 1950 : צום טויט פון ח' פראַנץ קורסקי. באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד „בונד" אין פראַנקרייך.

אונזער שטימע, פּאַריז, 25טן יאַנואַר, 1950 : טרויער־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון חבר פ. קורסקי.

אונזער שטימע, פּאַריז, 15טן פעברואַר, 1950. די לוויה פון ח' פראַנץ קורסקי.

אונזער שטימע, פּאַריז, 3טן אַפּריל, 1951 : איינדרוקספולער יזכור־אָוונט נאָך פראַנץ קורסקי.

גערעכטיגקייט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז. 8 : פראַנץ קורסקי געשטאָרבן.

ווילנע, רעדאַגירט פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, 1935, ז"ז 253, 256 : כראָנאָלאָגיע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן 1876־1922.

טאָג, ניו־יאָרק, 18טן יאַנואַר, 1950 : פראַנץ קורסקי, „בונד"־פּיאָנער און שרייבער, געשטאָרבן, לוויה מאָרגן.

דער וועקער, ניו־יאָרק, 15טן מערץ, 1951, ז. 13 : איינדרוקספולער מעמאָריאַל־מיטינג נאָך פראַנץ קורסקי.

ידיעות פון ייווא, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז. 7 : פראַנץ קורסקי, ע"ה.

יוגנט־וועקער, וואַרשע, 1טן אַווגוסט, 1937 : איסאַי אייזנשטאַט־יודין.

נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 22טן יולי, 1937 : ח' איסאַי אייזנשטאַט־יודין.

נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, דעצעמבער, 3טן 1938 : געשטאָרבן ח'טע פ. קורסקי.

נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 14טן דעצעמבער, 1938: געשטאָרבן ח'טע פאַני קורסקי.

פאַקטן און מיינונגען, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1950, ז. 3 : פראַנץ קורסקי.

פאַר אונזערע קינדער, פּאַריז, דעצעמבער, 1950־יאַנואַר, 1951, ז. 20 : פראַנץ קורסקי.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 18טן יאַנואַר, 1950 : פראַנץ קורסקי, פּיאָנער פון „בונד", געשטאָרבן ; מאָרגן בייטאָג לוויה. טויט פון באַליבטן סאָציאַליסטישן פירער און שרייבער רופט אַרויס טרויער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. — לוויה פון „פאָרווערטס" ־ האַל (געשטאָרבן 17טן יאַנואַר, 1950).

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 19טן יאַנואַר, 1950 : פראַנץ קורסקי'ס לוויה היינט בייטאָג פון „פאָרווערטס"־האַל.

„פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 20טן יאַנואַר, 1950 : גרויסער עולם ביי דער לוויה פון „בונד"־פירער פראַנץ קורסקי.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 26טן יאַנואַר, 1951 : מצבה־אויפדעקונג נאָך פראַנץ קורסקי דעם זונטיק.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 27טן יאַנואַר, 1951 : מצבה־אויפדעקונג נאָך פראַנץ קורסקי מאָרגן.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 9טן פעברואַר, 1951 : פראַנץ קורסקי־מעמאָריעל — שבת, דעם 3טן מערץ.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 27טן פעברואַר, 1951 : פראַנץ קורסקי־מעמאָריאַל — דעם שבת אין פרידאָם האוז.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 2טן מערץ, 1951 : סאָציאַליסטישע און אַר־בעטער־באַוועגונג ערט דעם אָנדענק פון פראַנץ קורסקי.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 3טן מערץ, 1951 : סאָציאַליסטישע און אַר־בעטער־באַוועגונג ערט היינט דעם אָנדענק פון פראַנץ קורסקי.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 13טן מערץ, 1951 : איינדרוקספולער מעמאָ־ריאַל־מיטינג נאָך פראַנץ קורסקי.

פאָרווערטס, ניו־יאָרק 23טן אַפּריל, 1951 : אָפּשאַצונגען פון פאַר־שטאָרבענעם „בונד"־פירער פראַנץ קורסקי, געגעבן ביי דער מצבה־אויפדעקונג.

פון נאָענטן עבר, וואַרשע, VIII-VII, 1938, ז' 295, נייע ביכער.

קולטור־ידיעות, פאַריז, יאַנואַר־פעב־רואַר, 1950, ז. 6 : פראַנץ קורסקי.

Аронсон, Г.: Памяти Ф. Курского. **Новое Русское Слово,** 19 января 1950 года.

Аронсон, Г.: Памяти Ф. Курского. **Социалистич. Вестник,** Нью-Иорк, 27 апреля 1950 г., стр. 76.

Новое Русское Слово, 20 января 1950 года, Нью-Иорк. Похороны Курского.

Социалистический Вестник, Нью-Иорк, 8 ноября 1943 года, стр. 262. У гроба М. С. Кефали.

Knox, Israel: **In The Jewish World.** The Workmen's Circle Call. New York, March 1950, Page 7.

Patkin, A. L.: **The Origins of the Russian-Jewish Labor Movement.** Melbourne and London, 1947. Pages 120, 130, 147.

The Jewish Labor Bund Bulletin, New York, January-February 1950, Page 8. Franz Kursky dead.

The Jewish Labor Bund, New York, March-April 1950, Pages 3 - 4. Franz Kursky.

News of The Yivo, New York, February 1950, Page 4. Franz Kursky.

New York World-Telegram and Sun, New York, January 18, 1950. M. Blumin-Kursky.

זוכצעטל פֿון נעמען

אַאוער — ז. 294.

אָאוזער — ז. 368.

אַבראַם (דער בערשטער) — ז. 137.

אַבראַם (דער טאַטע) — ז״ז: 129, 137, 355.

אַבראַמאָוו, נח — ז״ז: 129, 130, 132.

אַבראַמאָוויטש, יוליא — ז. 355.

אַבראַמאָוויטש (ריין), רפאל („די־מענט״) — ז״ז: 93, 209, 355, 397.

אַגוז, מאַקס („מאַקסימאָוו״) — ז״ז: 216, 355.

אַדלער, וויקטאָר — ז. 346.

אוטשיטעל, מאַריאַ — ז״ז: 365, 367, 368.

אוטין (באַנקיר) — ז״ז: 400, 402.

אומברייט — ז. 308.

אורטשיק — ז. 137.

אַזעף, יעוונא — ז״ז: 83, 201.

אַטראַן, מוציק — ז. 355.

אידעלסאָן, יוסף — ז. 164.

איווינסקאַ, עסטעראַ — ז. 356.

איזאַקסאָן — ז. 155.

איזביצקי, יוסף — זען: מיכאַלע־וויטש, ביינוש.

איזראַעל — ז. 355.

אייברעמס — זען: גאָלאָוויטשינער, איסאַי.

איידלמאַן — ז. 90.

אייזנער, קורט — ז״ז: 300, 301, 302, 334, 335.

אייזענבערג, מאַריאַנע — ז. 355.

אייזענשטאַט, איסאַי — זען: יודיך־אייזענשטאַט.

אייכנער — ז. 355.

איכאַק־רובינער, פרידאַ — ז. 205.

אינאָקענטי, איגנאַץ (יאָסיף דובראָ־ווינסקי) — ז״ז: 184, 185, 186, 187.

אינגערמאַן (דר. און פרוי) — ז. 264.

איסער — זען: ראַבקין, איסער.

אַלבזשים — ז״ז: 171, 343.

אָלבערג, פּאַול — ז. 308.

אָלגין, משה (נאָוואָמייסקי) — ז״ז: 156, 157, 261, 341, 343, 355.

אַלטער, וויקטאָר — ז. 156.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער — ז״ז: 28, 281.

אַלעקסאַנדער דער דריטער — ז״ז: 120, 203, 325.

אַלעקסינסקי — ז. 187.

אַמסטערדאַם, ליזע — ז. 355.

אַמעריקאַניעץ — זען: קראַשינסקי.

אַנמאַן — זען: ראָזענטאַל, פּאַוועל.

אַנ—סקי, ש. — ז״ז: 141, 230, 352.

אסתר (פרומקין, מאַריאַ יאַקאָוולעוו־נאַ) — ז״ז: 157, 181, 194, 242, 243, 355.

אַפּטעקמאַן, אָ. ב. — ז. 120.

אָקון, ישראל — ז״ז: 24, 355.

אַקסעלראָד, פּאַוועל — ז״ז: 57, 77, 82, 83, 252, 264, 265, 319, 397.

אַראָנסאָן — ז. 203.

אַראָנסאָן, מאָזעס — ז. 311.

אָרנשטיין — ז. 355.

אַרקאַדי (קרעמער, אַלעקסאַנדער) —
ז״ז: 2, 9, 71, 72, 73, 74, 75, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 96, 97, 98, 99, 111, 112, 114, 116, 123, 124, 128, 129, 132, 143, 182, 192, 204, 206, 210, 263, 265, 355, 375, 382, 397.

באַגאַליובאָוו — ז. 279.
באַגאַליעפּאָוו — ז״ז: 155, 174.
באַגדאַן — ז. 216.
באַגדאַטיאַן — ז. 238.
באַגראַד — ז״ז: 217, 352.
באַגראָוו, בערל — ז. 137.
באַיאַרסקי — ז. 245.
באַלצעוויטש, וואַצלאַוו — ז. 136.
באַנעוואור — ז״ז: 355, 368.
באַסקין, יוסף — ז״ז: 216, 355.
באַראַווסקי — ז. 181.
באַראַנאָוו — ז״ז: 44, 250.
באַרטאַשקין — ז. 329.
באַרטעלס — ז. 308.
באַריס דער שוואַרצער — ז. 367.
באַרעל — ז. 203.
בוכהאָלץ — ז. 83.
ביסמאַרק — ז״ז: 285, 286, 295.
בלום, הערמאַן („דער דייטש״) —
ז״ז: 34, 176, 177, 197, 216, 227, 228, 363.
בלום, לעאָן — ז. 24.
בלומין־קורסקי, פּאַניע (סוראַוויטש) — ז. 25.
בלומשטיין — ז״ז: 206, 207, 215.
בעבעל, אויגוסט — ז״ז: 190, 283, 301, 315, 316, 317.
בעלאַצערקאָווסקי, פּאַניע — ז. 199.
בענסקי, ב. — ז״ז: 157, 355.
בן־עמי — ז. 58.
בערמאַן, לייבעטשקע — ז. 355.
בערמאַן, פּאַוועל — ז״ז: 129, 130, 132, 180, 204, 209, 216, 231, 236, 333, 353, 356, 374.

בערנשטיין, אהרן — ז. 312.
בערנשטיין, וואַלטער — ז. 312.
בערנשטיין, לעאָן — ז״ז: 86, 216.
בערנשטיין, סאַמואיל — ז. 355.
בערנשטיין, עדואַרד — ז״ז: 282, 283, 284, 285, 286, 287, 288, 289, 290, 291, 292, 293, 294, 295, 296, 297, 298, 299, 300, 301, 302, 303, 304, 305, 306, 307, 308, 309, 310, 311, 312, 313, 314, 315, 316, 317, 318, 319, 320, 321, 322.
בערנשטיין־צאַדעק, רעגינאַ — ז״ז: 307, 310, 311, 318.
בערנשטיין, עספיר — ז. 355.
בערנשטיין, עריק — ז. 312.
בערנשטיין, פּנחס — ז. 355.
בערקאָוויטש, אַבע — ז. 336.
בראַון, אָטטאָ — ז. 310.
בראַון־סערגעי — ז. 355.
בראַנשטיין, אָלגאַ — ז. 199.
ברומבערג, אריה — ז״ז: 355, 390.
ברענטאַנאָ — ז. 317.
ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ — ז. 330.

גאַבעט, יעקב ישראל („טעמריוק״) — ז״ז: 280, 281.
גאַדלעווסקי — ז. 115.
גאָזשאַנסקי, שמואל („לנר״) — ז״ז: 129, 142, 155, 164, 244, 263, 355, 369, 382, 383.
גאלאווטשינער, איסאַי („אייבערעמס״) — ז״ז: 266, 267, 268, 356.
גאָלדמאַן, לעאָן („איגאָר״) — ז״ז: 115, 129, 130, 132, 151, 164, 165, 368.
גאָלדע, אַלעס — ז״ז: 216, 231, 353, 355.
גאָלדפאַרב, מאַקס („ליפּעץ״) — ז. 356.
גאָלדשטיין — ז. 355.
גאָלדשטערן, נפתלי הערץ — ז. 180.
גאָליי — ז. 355.

גאַלעצקי — ז. 16.
גאַפּאָן — ז. 391.
גאַרבער, אריה — ז"ז: 137, 355.
גאַרבער, מאַקס („שלמה") — ז"ז: 355, 369, 380.
גאַרווי, פּיאָטאָר — ז"ז: 123, 124.
גוראָוויטש — ז"ז: 87, 196.
גורסקי — ז. 254.
גורעוויטש, מאַיסיי („מאַטוויי") — ז"ז: 5, 8, 12, 13, 154, 167, 179, 193, 203, 204, 265, 267, 275, 279, 382, 384, 385, 386, 387, 388, 389, 390, 391, 392, 393, 394, 395, 397, 398, 399, 401, 405, 406.
גורעוויטש, סאַניאַ (איסאַי סאַאולאָוויטש) — ז"ז: 6, 393, 401.
גורעוויטש, פּאַשע — ז. 395.
גורעוויטש, סאָניע — ז"ז: 355, 380.
גינזבורג, א. מ. — ז. 95.
גינצבורג (באַראָן) — ז"ז: 400, 401.
גינזבורג־גאָלדמאַן, מערעלע — ז. 151.
גינזבורג, ליבע (ליעסינ׳ס פרוי) — ז. 137.
גיסער־גינזבורג, יעווגעני — ז. 355.
גליעב — זען: מוטניק, אברהם.
געזענצווײ, נאַטאַן — ז. 225.
גערשוני — ז. 329.
גראָסמאַן (ברידער) — ז. 225.
גראָסער, בראָניסלאַוו — ז"ז: 157, 344, 355.
גרינבלאַט, ראָזע — ז"ז: 129, 131, 132.
גרינבערג, דזשאָזעף — ז. 143.
גריניעוויטש — זען: קאַגאַן מיכאַאיל.
גרינפעלד — ז. 355.

דאָבין — ז. 356.
דאַוויד, עדוארד — ז. 294.
דאַווידזאָן (ליפשיץ) — ז. 241.
דאַווידזאָן (ק. ק.) — ז"ז: 115, 156, 204.
דאַן (הורוויטש), פּיאָדאָר — ז"ז: 304, 308, 394.
דאַן, לידיאַ — ז. 352.
דובנאָוו, שמעון — ז"ז: 320, 393.
דובנאָוו־ערליך, סאָפיע — ז"ז: 137, 138, 355.
דושקאַן — ז"ז: 112, 355.
דזשאַן־מילל, יוסף — ז"ז: 2, 8, 9, 18, 31, 72, 73, 83, 87, 100, 102, 105, 106, 107, 114, 126, 129, 131, 132, 137, 142, 149, 156, 172, 190, 206, 209, 220, 221, 232, 239, 242, 244, 265, 328, 335, 356, 360, 365, 370, 371, 375, 382, 397.
דזשאַפּאַרידזע — ז. 124.
דזשיבלאַדזע, סילוועסטער — ז. 124.
דזשעמס־לעווי — ז. 324.
דייטש, לעוו — ז. 57.
דימענטשטיין, נחמן — ז. 378.
דיקשטיין — ז. 252.
דעמיאַנענקאָ, קאַטיאַ — ז"ז: 196, 352.
דראַבקין, שמייע — ז"ז: 215, 355.
דראַגאָמאַנאָוו, מ. — ז"ז: 54, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 62.
דריבין — ז. 355.

האַאַזע — ז. 335.
האַנעצקי־פירסטענבערג, יאַקאָוו — ז"ז: 196, 205, 232.
האַפּשאַוויטש, מאַקס — ז. 337.
הורוויטש, זשעניע — ז"ז: 72, 355, 373, 374, 375, 376, 377, 378, 382, 396.
הורוויטש, יעלענאַ — ז"ז: 373, 375.
הורוויטש, יצחק אייזיק — ז. 373.
הורוויץ, צביה — ז"ז: 128, 147, 151, 355.
הייליקמאַן, ט. — ז. 355.
הילקאָוויץ (רב אין סינסינעטי) — ז. 400.

הילקוויט (הילקאָוויץ), מאָריס — ז"ז: 399, 400.
הירשאָוויץ — ז. 317.
העכבערג־ריכטער — ז. 285.
העלער, העלענע — ז"ז: 216, 217.

װאַגנער — ז. 317.
װאַלט, אברהם — זען: ליעסין, א.
װאָלפסאָן, ראָזע — ז. 200.
װאַסער, חיים — ז. 356.
װיגדאָרטשיק — ז"ז: 60, 62.
װיטאַלי — זען: יודין־אייזענשטאַט, איסאַי.
װיטע (גראַף) — ז"ז: 300, 301, 302.
װייטער, אַ. (אהרן דעװעניששקי) — ז"ז: 157, 355.
װיינבערג — ז. 216.
װיינשטיין־רחמיאל — ז"ז: 8, 154, 155, 164, 175, 176, 177, 182, 194, 205, 355, 369, 388.
װילבושעװיטש, מאַניע — ז. 154.
װילענקין — ז. 355.
װינאָקור, משה (מאַקס) — ז"ז: 22, 92, 239, 241, 244, 252, 263, 335, 355, 368.
װינטשעװסקי, מאָריס — ז"ז: 44, 46, 230, 250, 251, 258, 260.
װירגילי־כהן, ברוך („מאַטקע") — ז"ז: 356, 379, 380, 381.
װישטינעצקאַיאַ־צוקערמאַן, ז. 364.
װלאַדעק, ב. (ברוך טשאַרני, „דער יונגער לאַסאַל", „באַניע ברכות") — ז"ז: 92, 157, 164, 260, 262, 267, 335, 342, 343, 344, 345, 346, 347, 348, 356.
װעלער, משה (מיכאַאיל) ז. 56.
װעסמאַן, פריץ — ז. 168.

זאַלאַטאַראָװ, ב. — ז"ז: 157, 355.
זאַסוליטש, װיעראַ — ז"ז: 77, 82, 83, 264, 279.
זאַסלאַװסקי, דוד — ז"ז: 157, 355.
זאַקאַן — ז. 355.
זאַקהיים, דמ. — ז"ז: 355, 389.
זאַקס, א. ש. — ז"ז: 334, 356.
זובאַטאָװ — ז"ז: 81, 84, 154, 206, 296, 318, 386, 387.
זונדעלעװיטש, אהרן — ז. 55.
זיידלער — ז. 180.
זייצעװ — ז. 199.
זיממעל, געאָרג — ז. 394.
זינאָװיעװ, גריגאָרי — ז"ז: 184, 352.
זינגער, זלמן (זלמן דער בערשטער) — ז"ז: 137, 355.
זינגער, פּאַול — ז"ז: 171, 301.
זעלדאָװ־ניעמאַנסקי, סערגעי — ז"ז: 89, 112, 147, 155, 237, 238, 355.
זעלדאָװיטש, ראָזאַ נאַאומאָװנאַ — ז. 193.
זעלמאַנאָװיטש, אפרים — ז. 356.
זשאַלודסקי, מערע — ז"ז: 129, 131, 132.
זשאָרדאַניאַ, נאָע — ז. 315.
זשאָרעס — ז. 283.
זשוקאָװסקי, ניקאָלאַי — ז"ז: 56, 57, 59.
זשיטלאָװסקי, חיים — ז"ז: 48, 208.
זשעליאַבאָװ — ז"ז: 58, 271.

טאַביאַש, מאַקס — ז"ז: 129, 130.
טאָלסטאָי, ליעװ — ז. 120.
טאַראַטוטאַ, אַליאַ — ז. 225.
טאַראַס — זען: קאַץ, דוד.
טיאַמקין — ז. 355.
טיוטשעװ — ז. 122.
טיומין — ז"ז: 206, 215, 355.
טימאָפעי — זען: קאַפּעלזאָן, צמח.
טיעפּלאָװ — ז"ז: 87, 182.
טישקאַ־יאָגיכעס (גראָזאָװסקי), לעאָ („ליאָװקאַ") — ז"ז: 94, 116, 171, 172, 182, 183.
טעפּליצקי — ז"ז: 324, 356.
טעפער, קאַליאַ — ז. 229.
טערמאַן, משה — ז"ז: 129, 157, 355, 369.

טראָיאַן, יאָהאַנעס — ז. 71.
טראַכטענבערג, סאָניאַ — ז. 216.
טרוסעוויטש, סטאַניסלאַוו („זאַלעוו־סקי") — ז"ז: 169, 178.
טרעפּאַוו — ז. 279.
טשאַפּינסקי, קאַזימיעזש — ז. 155.
טשכעאידזע — ז. 124.
„טשעך" — זען: מיצשניק, דוד.
טשעמערינסקי, סאַשאַ — ז"ז: 386, 387.

יאַלאָס — ז. 303.
יאַפּע, יקותיאל — ז. 400.
יאַפּע, רודאָלף — ז. 355.
יאַצקאַן — ז. 362.
„יואל סליאַסער" — ז. 356.
יודין־אייזענשטאַט, איסאַי („וויטאַלי") — ז"ז: 2, 73, 82, 92, 123, 129, 142, 143, 155, 164, 165, 166, 181, 263, 308, 334, 355, 369, 372, 382, 388, 397.
יודינאַ — ז. 215.
יוזעפּאָוויטש, ליובאַ — ז"ז: 167, 194, 205.
יונה — זען: קאַיגען, יונה („יאַ־נאַוו").
ירחמיאל — זען: וויינשטיין־רחמיאל.

כאַזאַנאָוויטש — ז. 356.
כאַנדזשי, מאַיסיי — ז"ז: 205, 225, 226.
כאַנין, נחום („נחום דער קירזשנער") — ז"ז: 260, 262, 267, 268, 356.
כהן, ברוך — זען: ווירגילי־כהן, ברוך.
כהן, יעקב — ז. 380.
כייקין, עלטשיק — ז"ז: 356, 369.

לאַוראַוו — ז. 77.
„לאַזאַר" — זען: שולמאַן, וויקטאָר.
לאַזאַריעוו — ז. 271.
לאַזאַרסאַן — ז. 356.
לאַנדוי — ז. 356.
לאַסאַל, פערדינאַנד — ז"ז: 283, 345.
לאַפּינאַ, טאַטיאַנאַ — ז. 197.
לונאַטשאַרסקי — ז. 352.
לוריע, בערטאַ — ז. 324.
לוריע, ראַשעל — ז. 200.
לוקסענבורג, ראָזאַ — ז"ז: 7, 169, 172, 182, 304, 323, 334, 335.
ליאַכאָצקי („קוזמאַ") — ז"ז: 55, 56, 60, 62.
ליבין — ז. 356.
ליבמאַן־הערש — ז"ז: 32, 245, 337, 356.
ליבער־גאָלדמאַן, מאַרק — ז"ז: 92, 93, 156, 175, 176, 177, 196, 209, 355.
ליבערמאַן, אהרן — ז"ז: 20, 44, 46, 51, 55, 250, 251, 252.
ליבקנעכט, קאַרל — ז. 335.
ליטוואַק, אַ. (העלפאַנד, ח. י.) — ז"ז: 98, 118, 137, 156, 157, 261, 262, 278, 279, 342, 343, 344, 345, 346, 355, 357, 396.
לייוויק, ה. — ז. 277.
לייטעס, קאָנסטאַנטין — ז. 216.
לייפונער — ז. 364.
ליכטענשטיין, ישראל — ז. 356.
„לילפוט" — ז. 356.
ליעסין, אַ. (וואַלט, אברם) — ז"ז: 28, 74, 230, 241, 251, 259, 260, 263, 278, 320, 323, 328, 333, 335, 336, 337, 338, 339, 340, 341, 375, 382.
ליפּניק, וואָלף — ז. 245.
ליפּעץ — זען: גאָלדפאַרב, מאַקס.
ליפּשיץ, עזא — ז. 216.
ליפּשיץ, אַננאַ — ז"ז: 344, 356.
ליפּשיץ, גיטע — ז"ז: 193, 194.
ליקנאַיצקי, ברונאַ — ז. 195.
לעבע — ז. 308.
לעוויט, חיים („לעווידי") — ז. 201.

לעוויט, ראָזע („פרידע") — ז״ז: 92, 176, 200, 216, 217, 227, 355, 368.
לעווין, מענדל — ז. 187.
לעווין, שלום — ז. 356.
לעווינאַ, זינאַ („לילינאַ") — ז. 352.
לעווינסאָן־אייזענשטאַט, ליובאַ — ז״ז: 73, 129, 143, 263, 382, 397.
לעווינסאָן, אַלעקסאַנדער — ז. 216.
לעווינסאָן־סטאַאון, בערטאַ — ז״ז: 262, 263.
לעווינסאָן — ז. 262.
לענין, ניקאָלאַי — ז״ז: 185, 212, 336, 394.
לענין־קרופסקאַיאַ, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ — ז״ז: 185, 186, 187.
לענסקי, יוסף („יולי") — ז״ז: 164, 239, 356.
לעסינג — ז״ז: 403, 405.
לעקערט, הירש — ז״ז: 271, 273, 274, 275, 276, 277, 278, 279, 280, 281, 382, 383, 385, 386.
לערך — ז. 334.
לעשטשינסקי, יוסף — ז. 122.

מאַזאָווער, מאַקס — ז״ז: 148, 356.
מאַטאַלסקי — ז״ז: 194, 196, 356.
„מאַטווײ" — זען: גורעוויטש, מאַר־סיי.
מאַטעאָטי, דזשיאַקאָמאָ — ז. 286.
מאַכלין, דוד — ז״ז: 200, 237, 238, 239, 356.
מאַנדעלשטאַם — ז. 196.
מאַצקין, לעאָן — ז. 208.
„מאַקסים" — זען: קליוואַנסקי, סעמיאָן.
מאַראַזאָוו, ניקאָלאַי — ז. 55.
מאַרגאָלין, סעמיאָן — ז. 353.
מאַרטאָוו (צעדערבאַום), יולי אָסיפּאָוויטש — ז״ז: 75, 212, 304, 394, 397.
מאַרקס, קאַרל — ז. 287.
מאַשיצקי — ז. 84.
מוטניק, אברהם („גליעב") — ז״ז: 19, 77, 87, 89, 96, 111, 114, 128, 129, 131, 132, 142, 192, 204, 206, 210, 215, 238, 244, 356, 375, 382.
מוסאָליני — ז. 286.
מוראַוויאָוו — ז״ז: 390, 392.
מושקאַט — ז. 356.
מייעראָוויטש, אברהם — ז״ז: 175, 176.
מיכאַילאָוו, אַלעקסאַנדער — ז. 371.
מיכאַלעוויטש, ביינוש (איזביצקי, יוסף) — ז״ז: 278, 343, 355, 397.
מילך, יעקב — ז. 44.
מילל, יוסף — זען: דזשאָן מילל.
מיללער, הערמאַן, ז. 308.
מיניקוס, ב. — ז. 356.
מיצקון, אברהם — ז״ז: 356, 386.
מיצשניק, דוד („טשעך") — ז״ז: 200, 216, 227, 228, 362, 363, 364, 365, 366, 367, 368, 369, 370, 371, 372.
מיצשניק, וויקטאָריאַ (וויטיאַ) — ז״ז: 363, 370, 371.
מיצשניק, דאָראַ — ז. 363.
מיצשניק, סאָניע — ז. 369.
מלאָדעצקי — ז. 373.
מעדעם, וולאַדימיר — ז״ז: 92, 98, 106, 116, 117, 148, 156, 157, 184, 209, 215, 218, 219, 223, 224, 235, 240, 242, 258, 304, 344, 355, 375, 397.
מענדעלסאָן, מאָזעס — ז. 403.
מענדעלסאָן, שלמה — ז. 321.
מענשטשיקאָוו, לעאָניד — ז״ז: 85, 278.
מערלינסקי — ז. 324.
מערינג, פראַנץ — ז״ז: 305, 306.

נאַדעל, מאַקס — ז״ז: 179, 356.
נאַטאַן, פּאַול — ז״ז: 300, 301.

נאַטאַנזאָן — ז. 122.
נאַכימזאָן — ז. 356.
נח (י. פּאָרטנאָי) — ז״ז: 72, 89, 92, 110, 112, 130, 141, 142, 143, 144, 145, 146, 147, 148, 149, 150, 151, 154, 155, 156, 157, 158, 159, 163, 164, 182, 183, 213, 232, 355, 364, 382, 388, 389, 396.
ניעוויאַזענסקי — ז. 180.
ניעמיראָווסקאַיאַ — ז. 215.
ניעקראַסאָוו — ז. 400.
ניקאָלאַי דער ערשטער — ז. 400.
ניקאָלאַי דער צווייטער — ז״ז: 144, 349, 361.
נתן דער שלאָסער — ז. 356.

סאָווינקאָוו, באָריס — ז. 201.
סאָלאָמאָן, ד. („טעווקע דער סטאָליער״) — ז. 130.
סאָלאָנטער, אלחנן (חנן) — ז״ז: 5, 6, 8, 21, 393, 396, 399, 400, 401, 402, 403, 404.
סאָלאָנטער, ישראל — ז״ז: 6, 21, 393.
סאָלאָנטער, שמואל — ז. 393.
סאָלוצקי־האָרדמאַן — ז״ז: 261, 356.
סאָלץ, אַראָן — ז״ז: 115, 399.
סאָנדאָמירסקי („רוסישער בעבעל״) — ז. 335.
סאָראָקאָ, הירש — ז״ז: 129, 131, 132.
סולקעוויטש („דער טאַטער״) — ז. 256.
סוראָוויטש, מאַניאַ — ז. 215.
סטאַסאָוו — ז. 402.
סטאָון — ז. 263.
סטאָלפּנער, ברוך — ז. 115.
סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי — ז. 314.
סטעקלאָוו — ז. 304.
סינטאָווסקי, דר. („עליע״) — ז״ז: 137, 167, 356.
סירקין, נחום — ז״ז: 48, 208.
סירקין — ז. 380.
סלאָנימסקי, מעטעק — ז. 356.
סרעדניצי־קרעמער — זען: פּאַטי.

עבערט, פרידריך — ז. 38.
עוואַלענקאָ — ז. 266.
עזרא־ראַזין („מאַקאַבי״) — ז״ז: 92, 184, 185, 207, 215, 356.
עטינגער, סאַמואיל („אַלסקי״) — ז. 232.
ענגעלס, פרידריך — ז״ז: 287, 288, 289.
עסטעראַ — זען: איווינסקאַ־עסטעראַ.
עפּשטיין, אַלטער — ז״ז: 112, 356.
עפּשטיין, לאַזאַר — ז. 356.
עפּשטיין, עטקע — ז. 356.
עפּשטיין, שכנא — ז. 243.
עפּראַימזאָן, יאַנקל — ז. 35.
עפּראָס („ירושלמי״) — ז״ז: 206, 215, 237.
ערליך, הענריק — ז״ז: 156, 356.
ערליך, אַליאַ — ז. 320.

פּאַווליק — ז. 54.
פּאָזנאַנסקי („מיראָן״) — ז״ז: 241, 242, 243, 356.
פּאַט, יעקב — ז״ז: 277, 279.
פּאַטי (סרעדניצקי־קרעמער) — ז״ז: 71, 72, 129, 130, 143, 263, 355, 382, 397.
פּאַטרעסאָוו — ז. 212.
פּאַרוואוס — ז. 310.
פּאָרטנאָי, י. — זען: נח.
פּואַנקאַרע — ז. 261.
פּיימערין, סאָניע — ז. 324.
פּייסאַכזאָן, יצחק — ז״ז: 128, 356.
פּילסודסקי, יוזעף — ז״ז: 143, 253, 254, 255, 256.
פּינסקי, דוד — ז. 204.
פּיקער, מאַרוסיאַ — ז. 216.
פּלודערמאַכער, גרשון — ז. 356.

פלעכאַנאָוו, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש — ז״ז: 77, 82, 83, 114, 208, 264, 280, 296, 319.
פלעכאַנאָוו, ראָזאַליאַ — ז. 77.
פעסקין, שמואל — ז. 262.
פערלשטיין — ז״ז: 215, 333.
פערעפּליאָטשיק, באָריס — ז״ז: 365, 366.
פערעפּליאָטשיק, מאָניע — ז. 369.
פּרץ, י. ל. — ז״ז: 4, 325, 344.

פאָן בערג — ז. 273.
פאָן וואַל — ז״ז: 273, 274, 276, 278, 383, 384.
פונדילער — ז״ז: 324, 329.
פייגנבוים, בנימין — ז״ז: 44, 250.
פיין — ז. 324.
פירסטענבערג־ליאַנדוי, פרידע — ז״ז: 205, 232.
פישער, דעבאָראַ — ז״ז: 356, 390.
פראַנק, לודוויג — ז. 335.
פראַנקפורט — ז. 356.
פרומין, יעקב — ז. 356.
פרומקין, באָריס — ז״ז: 22, 116, 129, 153, 157, 193, 239, 241, 242, 251, 252, 335, 356, 374.
פרומקין, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ — זען: אסתר.
פרידמאַן, שמואל — ז״ז: 336, 337, 338.
פרידע — זען: לעוויט, ראָזע.
פריימאַן־העלער — ז. 216.
פרייער — ז. 217.
פרענגעל — ז. 169.
פרענק — ז. 324.
פרענקעל, יוסף — ז״ז: 14, 15, 17, 245, 356.
פרענקעל־נוראַק — ז. 135.

צאַלעוויטש, בענצל — ז. 356.
צביה — זען: הורוויץ, צביה.
צביון (בנציון האָפמאַן) — ז״ז: 33, 157, 180, 192, 193, 216, 229, 241, 349, 350, 351, 352, 353, 354, 355, 357, 358, 359, 360, 361.
צוקערמאַן, לייזער — ז״ז: 44, 55, 60, 250.
ציגע — ז. 356.
צייטלין, סאָלאָמאָן — ז. 394.
ציפּקין — ז. 356.
צעדערבוים, סערגעי — ז. 115.
צעטקין, קלאַראַ — ז. 311.
צערעטעלי, איראַקלי — ז״ז: 24, 124.

קאַגאַן, אַ. — ז. 112.
קאַגאַן־גריניעוויטש, מיכאַאיל — (מישעל קרוגלאָוו) — ז״ז: 112, 216, 217.
קאַהאַן, אַב. — ז״ז: 44, 250.
קאַהאַן, שמואל — זען: קורסקי, פראַנץ.
קאָוטסקי, קאַרל — ז״ז: 190, 282, 284, 285, 296, 298, 304, 305, 306, 313, 314, 317, 334.
קאָוואַלסקי („פעליכאָוויטש") — ז״ז: 216, 220, 221, 229, 232.
קאָזלאָווסקי, מיעטשיסלאַוו — ז״ז: 94, 392.
קאַיגען, דאַוויד — ז. 308.
קאַיגען, פישל (יונה, יאַנאָוו) — ז״ז: 38, 39, 91, 109, 110, 242, 263, 356, 366, 368.
קאַלצאָוו, ר. (גינזבורג) — ז. 77.
קאַן, קאַרל — ז. 196.
קאַן, פעליקס — ז. 186.
קאַנטאָר — ז. 356.
קאַנעגיסער — ז״ז: 400, 401, 402.
קאָסאָווסקי, וולאַדימיר — ז״ז: 2, 9, 23, 31, 72, 83, 84, 85, 87, 90, 92, 96, 105, 106, 111, 114, 128, 129, 131, 132, 142, 156, 157, 192, 206, 210, 215, 217, 218, 226, 242, 244, 265, 275, 304, 355, 375, 382, 388, 396.

קאַסטעלאַנסקי — ז. 356.
קאַספּשאַק, מאַרצין — ז. 171.
קאַפּלאַן, יאַשאַ — ז״ז: 237, 356.
קאַפּלאַן, צמח — ז. 356.
קאַפּלינסקי, ישׂראל מיכל — ז״ז: 81, 84, 85, 129, 131, 132, 150, 164, 165, 278, 381.
קאַפּעלזאָן, צמח („טימאַפּעי״) — ז״ז: 87, 89, 114, 116, 117, 129, 130, 137, 142, 190, 194, 196, 206, 209, 210, 211, 265, 356, 370, 382.
קאַץ, דוד („טאַראַס״) — ז״ז: 129, 131, 132, 147, 163, 243, 355, 367, 368.
קאַץ, הלל (בלום) — ז״ז: 129, 131, 132, 137, 215, 230, 355.
קאַץ („שמואל דער שוואַרצער״) — ז. 90.
קאַצענעלענבויגן, מאַריאַ — ז. 363.
קאַקאַטשינסקי, פּאַוועל („פּאַוועל פּאַל־סקי״) — ז״ז: 239, 240, 241.
קאַרטשמער, ציליע — ז. 262.
קאַראַבאַטשקין, לעאָניד — ז״ז: 216, 353, 356.
קאַרפּאָוויטש — ז״ז: 155, 174, 329.
קוזמאַ — זען: ליאַכאַצקי.
קולטשיצקי — ז. 143.
קולקעס — ז״ז: 197, 363.
קוראַקי, י. („ראַוורעבע״) — ז״ז: 164, 356.
קורסקי, פראַנץ (שמואל קאַהאַן, פ. שמידט, בלומין) — ז״ז: 1, 4, 5, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14, 18, 19, 20, 21, 22, 23, 24, 25, 26, 27, 28, 30, 31, 32, 33, 34, 35, 36, 37, 38, 39, 89, 164, 165, 205, 216, 239, 242, 244, 252, 265, 308, 341.
קושנירזאָן — ז. 277.
קיסין, אברהם — ז״ז: 8, 205, 265, 266, 267, 268, 380.
קירזשניץ — ז. 356.

קליוואַנסקי, סעמיאָן („מאַקסים״) — ז״ז: 241, 336, 354, 356.
קליטשקאָ — ז. 330.
קלעבאַנאָוו — ז. 217.
קענאַן, דזשאָרדזש — ז. 263.
קראַמינסקי, סאַראַ — ז. 199.
קראַנץ, פיליפּ — ז״ז: 44, 250.
קראַשינסקי („אַמעריקאַניעץ״) — ז״ז: 245, 335.
קריוודע — ז. 317.
קרעמער, אַלעקסאַנדער — זען: אַר־קאַדי.
קרעמער־סרעדניצקי — זען: פּאַטי.
קרעסטינסקי — ז. 390.

ראַבינאָוויטש, יולטשיק („יולין״) — ז״ז: 243, 244, 356.
ראַבינאָוויטש, מאַקס — ז. 380.
ראַבינאָוויטש, סאָניאַ — ז. 334.
ראַבקין, איסער — ז״ז: 356, 369, 370.
ראַדטשענקאָ — ז״ז: 90, 112.
ראַדיאָנאָוואַ — ז. 329.
ראַדין — ז״ז: 54, 55, 56, 67.
ראַדעק, קאַרל — ז. 305.
„ראַוורעבע״ — זען: קוראַקי, י.
ראַזענבאַום, מענדל — ז. 188.
ראַזענטאַל, אַננע — ז״ז: 89, 112, 128, 355.
ראַזענטאַל (אַנמאַן), פּאַוועל — ז״ז: 89, 112, 128, 151, 155, 157, 213, 232, 355.
ראַזענטאַל (באַראָן) — ז״ז: 400, 401, 402.
ראַזענפעלד, זאָיאַ — ז. 195.
ראַטשטיין, ט. — ז. 305.
ראַם, יוליאַ — ז. 311.
ראַם, מאַקסים — ז. 311.
ראַמישווילי — ז. 124.
ראַפּאַפּאָרט, חיים — ז. 304.
ראַפּאַפּאָרט, נח — ז״ז: 137, 356.
ראַפּאַפּאָרט, שאַרל — ז. 334.

ראַפּעס, משה — ז״ז : 261, 279, 356, 390.
רובאַנענקאָ, חנן — ז. 390.
רובינטשיק — ז. 196.
רחמיאל — זען : ווײַנשטײַן־רחמיאל.
ריאַזאַנאָוו (גאָלדענדאַך) — ז״ז : 304, 363, 372, 377, 378.
רײַכמאַן, רעגינאַ — ז. 232.
רײַכנשטײַן, ראָזע — ז. 356.
רײַנגאָלד, לואיס — ז. 277.
רײַנוס, מאַרוסיאַ — ז״ז : 207, 216.
ריעפּין — ז. 271.
רעזניק — ז. 263.
רענער, קאַרל — ז. 105.

שאַדאָווסקי — ז. 356.
שאַליט, וואָלף — ז״ז : 167, 205.
שאמאי (ווײַסענבלום) — ז. 356.
שאַץ, ח. — ז. 279.
שולמאַן, וויקטאָר („לאַזאַר״) — ז. 243.
שולמאַן, קלמן — ז. 7.
שוויראַנסקי — ז. 356.
שוועבער, סאַראַ — ז. 356.
שטײַן, לודוויג — ז״ז : 300, 301, 302.
שטערן, מאַקס — ז. 356.
שטשופּאַק, וולאַדימיר — ז״ז : 237, 356.
שטשופּאַק, יאַשאַ — ז. 237.
שילער, פרידריך — ז. 306.
שימאַנסקי („יעזשי״) — ז. 171.
שלאָסבערג — ז. 356.
שליפּער, רובים — ז״ז : 163, 356.
„שלמה״ — זען : גאַרבער, מאַקס.
שמאַללער — ז. 317.
שמידט, פּ. — זען : קורסקי, פראַנץ.
שמערקע — ז. 380.
שניאורסאָן — ז. 116.
שענבערג, אַדעלע — ז״ז : 305, 356.
שענדאַראָוו — ז. 324.
שערעשעווסקי, העניע — ז. 194.
שקלאָווסקי, גריגאָרי — ז. 194.